STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05756

ALMANAKH FUN DI YIDISHE SHRAYBER IN YISROEL

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלמאַנאַך
פון די יידישע שרייבער אין ישראל

אַלמאַנאַך

פון די יידישע שרייבער אין ישׂראל

רעדאַקציע:

מ. גראָס־צימערמאַן

א. קאַרפּינאָוויטש

א. שפּיגלבלאַט (רעד.־סעקר.)

אַרויסגעגעבן פון

יידישן שרייבער־און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל

תל־אביב, 1967

ALMANACH
OF THE YIDDISH WRITERS IN ISRAEL

ISSUED BY THE ORGANISATION OF THE YIDDISH
WRITERS AND JOURNALISTS IN ISRAEL

אַלמאַנאַך
פון די ייִדישע שרייבער אין ישראל,
תל־אביב, 1967

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
„אַנדענק־פונדאַציע פאַר ייִדישער קולטור" (ניו־יאָרק)
און „המרכז לתפוצות" (ירושלים).

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1967

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, תל־אביב ונדפס בדפוס מגן, רח׳ בני־ברק 20, תל־אביב

אינהאַלט

מ. גראַס־צימערמאַן	דאָס וואָרט, וואָס מיר שרייבן	9
א. שטיינמאַן	ווי גאָט איז אַדעס	17
י. פרידמאַן	פון עוזיס טאָגבוך	34
מ. קאַפעליוק	מחותנים אויף אַ חתונה	40
א. שמרי	לידער וועגן אותיות	58
א. מגד	באַטראַכטונגען איבער צוויי שפּראַכן	65
ב. העלער	לידער	80
מ. ווייסגאַל	ווייצמאַן — דער שעפער פון מדינת ישראל	85
א. סוצקעווער	די שערבל־יעגערס	89
א. קאַרפּינאָוויטש	נאָטקע דער קאַטער	93
ד. סדן	צווישן ייחוס און קברות	104
מ. יונגמאַן	לידער	113
צ. אייזנמאַן	דער אַנאַנס	117
מ. לאַקער	די הרי יהודה זאָגן עדות	120
י. האָפער	אַ פענצטער	122
ר. פישמאַן	איילבירטן	147
ב. קרוא	יידיש אַ מקור פאַר העברעיש	148
א. אַפלפעלד	אין קלויסטער	161
א. שפיגלבלאַט	אַ שאָד	172
נ. ביסטריצקי	זוכנדיק דעם זיידן	173
ש. ווערבער	ביים בערגל זאַמד	187
י. טורקאָוו־גרודבערג	דער זיבעטער נאָוועמבער	189
ר. באַסמאַן	אַלטע בריוו	201
ח. שמערוק	אַן אָפּגעפונענער פראַגמענט פונעם אַלטיידישן עקידה־ליד	202
ש. טאָפּ	האַרבסט אין ישראל	210
י. שפיגל	י. י. טרונק — דער מענטש און שרייבער	211
א. לעוו	לידער	225
ד״ר ח. גמזו	ראובן — דער מאָלער פון ארץ־ישראל	227
ל. ראַכמאַן	פרילינג אין דער קראַנקנשטאָט	236
ד. גלילי־גלאַצער	לידער	246
מ. חלמיש	אונדזער ליטעראַטור און די צוויי וועלט־מלחמות	248
ח. עלבוים־דאָרעמבוס	הייכער אַספאַלט	254
מ. גורין	תפילה	257
מ. וויכערט	שיילאַק	258
י. מאַניק	ווי אַלט איז דער פעלדז	270
א. ליס	די דאָקומענטאַציע פון דער חורבן־תקופה	271
ע. ווערבלון	שורות פון לעבן	279
ש. אבני	אַ חשבון	281
י. פילאָווסקי	אויף פרעמדער ערד	287

ל. מאָרגענטוי — פּאַלעסיער וועגן 291
ר. רוס — חייסער בעז 292
ד. זאַקאַליק — „לאַפּ־לאַפּ“ 295
ל. אָליצקי — אין שאָטן פון פּרץ מאַרקיש 298
י. בראַט — פּאַרברענט מיין היים 300
נ. שרון — די קולטור־טעטיקייט פון דער הסתדרות . . . 306
י. פּאַנער — הינטער שטעכיקע דראָטן 310
א. שרפי — דער בלינדער חכם סעדיה 319
ב. פעדער — „יהי שלום על המקום הזה...“ 324
ל. קופּערשמיד — אַ לידל אויף דער גיך 328
א. מ. כוכב — דער וועג צו דער וועלט 329
א. באַראַבאַן — אויף אַ רושטאָחאַניע 335
נ. מאַרק — די רביצן דערציילט 342
א. מ. פוקס — דער היטער 345
— ריקודה פּאָטאַש ז״ל 353
ר. פּאָטאַש — לידער 355

בילדער

י. לאַפּקאָווסקי — איציק מאַנגער אין ישראל
שמואל בן־חיים — אַ געשטאַלט
יאָסל בערגנער — דער קונדס
ע. רעוועו — דאָרפיש
י. לאַפּקאָווסקי — אַ ווילנער גאַסל

אַלמאַנאַך

פון די יידישע שרייבער אין ישראל

דוד לאַפּקאָווסקי — איציק מאַנגער אין ישראל

משה גראָס־צימערמאַן

דאָס וואָרט, וואָס מיר שרייבן

געבליבן אין אונדזער וועלט אַ ל״ו שרייבערס, וואָס היטן דאָס איינזאַמע יידישע וואָרט — פאַרהוילענע צאָל ל״ו, וואָס די קלוגע לעגענדע טוט אויף איר אַכטונג, זי זאָל נישט געמינערט ווערן אין איר צמצום. דאָס איז גורל און טרייסט פון עקשנים. דער ברייטער טראַקט האָט זיך אָפּגעריסן פון די שרייבערס אויף יידיש — זענען זיי געבליבן מיט זיך אַליין: שרייבן איז אַן אינטימע וועלטגעשעעניש. טוליען זיך די איבערגעבליבענע צו זייער וואָרט, רעדן זיך צונויף און פונאַנדער איבער די דעכער פון דער וועלט, אין דער צעוואָרפנקייט פון די מדינות יידיש: יידיש השם — וואָלט איך געפּרוווט אַ זאָג טאָן, ווען עס ציטערט נישט אַריין קיין פּאַטאָס אין אַזאַ וויל־יונגערישער קדושה־פאָרמול.

איך זע דעם היימישלעכן בבל־טורעם, וואָס דאָמינירט יידישלעך איבער די וויכע, פאַרביקע חנען און האַרבע קלוגשאַפטן פון דער שפּראַך — איך זע דאָס יידישע וואָרט, ווי עס ציט אין זיין וועלט־באַלאָדנקייט אויף איינגעשטילטע שליאַכן, קוקט זיך אַרום אונטערוועגס אין אַלע זייטן, צי גייט נישט ערגעץ מיט דאָס לעבן, און האָרכט זיך איין אין סוד פון זיין וויברירנדיקער שטילקייט. „די איינציקע פאָרם פון איינזאַמקייט — זאָגט רילקע — וואָס אַ מענטש קאָן אַריבערטראָגן, איז די שיינקייט״. דאָס איז דאָס יחידישע שאַפערישע וואָרט, אַלע מאָל ערשטמאָליק אין געדאַנק און בילד — איינאַליין: די סומע פון אַ סך לעבנס. אוודאי איז יצירה דאָס גליק — די ווייען הייבן זיך אָן נאָכן געבוירן, ווען דאָס ווערק איז פאַרענדיקט און עס אַנטפלעקט זיך זיין נישט־פאַרטיקייט. בלייבט דאָס וואָרט מיט דיר אויג אויף אויג: דאָס איז עס? ס׳איז דער אומעט, וואָס קומט נאָך דעם טיפן געבוס — ער איז חל אפילו אויף דעם שרייבער, וואָס מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיין דענקשפּיל פון אינטעלעקט מיט געפיל איז כולו אַוואַנטורע. דאָס זוכט ער זיכערקייט הינטער דער מאַסקע: ווילערישער צער פון באַשטענדיקן נישט דערגיין צום וואָרט, וואָס בעט זיך און באַהאַלט זיך.

אין דער אויסגעליידיקטער שבתדיקער קלויז, נאָך „עלֵינו״ און נאָך שיר הייחוד, אָנגעזאַפּט מיט דבקות, מיט בטחון און פחד, בלייבן אַ מאָל געציילטע

מתפללים, וואָס קאָנען זיך נישט אָפּרייסן, מחמת זיי האָבן נאָך עפּעס צו דערזאָגן כביכולן פּערזענלעך — מחוץ די תפילות פון עולם, וואָס האָט אָפּגעדעכעט און צעגייט זיך. דער רוב האָט דעם טלית שוין אַראָפּגענומען פון אַקסל, אַ קוש געטאָן די עטרה מיט זשעדנע ליפּן, וואָס גאָרן נאָך קידוש און „על המחייה״, צונויפּ־געלייגט אין סאַמעטענעם זעקל. איינציקע זענען צוגעוואָקסן צו אַ ווינקל וואַנט, צום שטענדער, וואָס גלאַנצט אַזש פון אָפּגעריבנקייט, צו אַ וואָרט, וואָס ווייטיקט אין דער תפילה, און קאָנען זיך אַלץ נישט שיידן מיט דעם הייסן זאָגעכץ, וואָס פאַרקנוילט זיי פון אינעווייניק אַרום און אַרום — כאָטש אין דער קלויז לעשט זיך פאַמעלעך דער ווייסער פלאַם פון גאָט־נאָענטקייט און — דער ארון־קודש איז פאַרמאַכט.

אוודאי, נישט מער ווי אַ משל. געבליבן, הייסט עס, אַ ל״ו יידיש־שרייבער אויף דער וועלט, דערציילונגען, לידער, ראָמאַנען, עסייען, זכרונות, טאָגביכער פון אַ לאַנגער יידישער יסורים־נאַכט — אָפּגעקייטלטע גאָלדענע ריגגען צווישן גראָ־טענע בלעכלעך, פּערל צווישן גלעזערנע פאַטשערקעס, וואָס זענען עכטער ווי עכט, טאַנדייטנע רייד, וואָס גייען אַליין, און הימלשרייענדיקע שטומקייט, וואָס ברעכט זיך פון שווערע שטראַלנדיקע שורות. און אַ קיימא לן האָבן מיר, אַז אונדזערע ביכער רייסט היינט קיינער נישט פון די הענט — בעת עס הוליען אין דער וועלט אינטערנאַציאָנאַלע בעסטסעלער־יאַרידים — וואָלט די ליטעראַטור אויף יידיש געקאָנט אויסנוצן די קאָניונקטור פון חיי צער און איבערוואַרטן, איידער זי לאָזט זיך אַרויס אויפן מאַרק, וואָס איז נישטאָ. וואָלט דאָס וואָרט געקאָנט לענגער בלייבן מיט זיך, זיך צייטיקן אין דער שרייבערישער עבודה, זיך אויסגליען אין דאָרשט נאָך שלמות, איידער די ליטעראַרישע שאַפונג איז אַ מאָל זוכה צו ווערן ביי אונדז אַ בעסט־קעלער, ווו דאָס ווערק בלייבט ליגן, אַפילו עס „גייט״. וואָלט דער יידישער שרייבער געקאָנט אָנשרייבן זיין זאַך פולע צען מאָל — און אים דערנאָך אפשר ליבעפול אויסשטרייכן — אָנשטאָט אים אַרויסצוזאָגן צען מאָל צעצויגן, אין גיכער ביכערדיקייט, און צוצונעמען ביי אים די קראַפט פון עלאַסטישקייט.

מיר ווייסן, נאָך דעם אומקום, אין דער בהלה פון דער הייסער רגע, זענען געשריבן געוואָרן אַ סך אייליקע ביכער. זיי האָבן זיך אַראָפּגעשריבן פונעם צע־בראָכענעם האַרץ. מען האָט גיך אַ כאַפּ געטאָן פון פריסיק די איבערגעבליבענע לעצטע גלאָוניעס, געוואָלט אָפּראַטעווען דעם בראַנד־געריך אין אָריגינאַל, האַלטן וואַרעם אַלץ, וואָס געדענקט זיך: דעם אַפּאָקאַליפּטישן בראַך און די אידיליע פון שבת־יום־טוב, די פאַראומערטע מאַמע און דעם זויערלעכן ריח פון די ברויטן, אין וועלכע זי האָט אַריינגעקנעטן אין די נאַכט־בלויע ווינטערדיקע פאַרטאָגן גריי־זיקע פסוקים תהלים — טרייסט אויף יידיש. מען האָט געוואָלט זען נאָך אַ מאָל,

אַלץ אין געיעג, דעם מאַרק מיטן פּלומפּ און דעם זיידנס קלויז, דעם לצעוואַטע שלעפּער און דעם מקובל, דאָס בריקל איבערן טייך, וואָס פירט צו דער גוישער גאַס, און דעם איבערגעלאָזענעם שמאַלן שליאַך הימל, וואָס שטראַלט אַזוי אומ־שולדיק, גלייך ער ווייסט נישט, אַז מען פירט אים אויפן לעצטן וועג: אים אויך! ס׳אַן עברה געווען יעדער מינדסטער פּרט פון אַ לעבן, וואָס גייט צו אַזאַ טויט. זענען אַנגעיוירן שווערע ביכער צער און קלאַג, וואָס טייל פון זייערע איבער־לעבונגען זענען געבליבן ווי די „פלאַם־פלעץ״ אין הוילן אויוון, רוי און צוגע־סמאַליעט: ביידע זאַכן אין איינעם.

וואָרום איבערלעבונגען, זאָגט מען, מוז מען נישט בלויז געדענקען — מען מוז זיי אפשר קודם „פאַרגעסן״, מיט היסח הדעת, איידער זיי קומען צוריק צום דיכטערס האַרץ־שוועל. דאָרט וואַרטן זיי, ביז זיי גייען אַריין אין דער וואַרעמקייט פון בלוט, ביז עס ווערט פון זיי אַ געדאַנק, אַ בילד, ביז עס ווערט פון דער דאָזיקער ווירקלעכקייט אַ חלום און עס דערהייבט זיך אַ שרייבערישע שורה, וואָס האָט דעם כוח צו תמצית. דאָס איז דער סוד פון קינסטלערישער דיסטאַנץ — אַ יום־טובדיקע זאַך — צוריקקומען צו זיך אין געבלאָנדזשעט פון זיגזאַג, וואָס זוכט זיך אַליין. „ווילסטו ווערן אַ בליק, מוזסטו דיך קודם לאַנג פאַרען אין די כמאַרעס״. אַזוי זאָגט ניטשע, איינער אַ שעף־כעמיקער פון די אינטעלעקטועלע נעפּלען פון יאָרהונדערט. ווער ווייסט, צי איז נישט דער שרייבער בכלל דער נאַטורס אַ קאַפּריז, וואָס מאַכט אַ תל פון דעם סיסטעם פון אירע נאַרמעס. בכלל האָב איך מורא, זי האָט זיך איינגעקויפט מפטיר מיט דעם דאָזיקן „תכשיט״.

אַ סך ביכער, ביי אונדז און ביי אַנדערע, שרייבן זיך פון זיך — אָן זיך — זאָל זיך דער שרייבער נאָר נישט אַריינמישן: זאָל ער נישט זאַוואַדזען. די מיסטעריע ליפערט די פירמע אין איינעם מיט דער שרייבמאַשין — און „דאָס קנעפּל״ דיכטעט, מיט דעם שם המפורש פון דער מעכאַניק: זאָל דער מחבר שאַנעווען זיינע כוחות! דאָס איז די רוטינע פון גרינגן וואָרט, וואָס האָט נישט צו ליידן פון רוח הקודש: מען „נעמט״ דאָס וואָרט און מען „האָט״ דאָס, איידער ס׳איז באַשאַפן. זיינע פלינקע „אָריגינאַלן״ זענען די באַנאַליטעט פון מאָרגן. דעם לעזער אַרט דאָס נישט: שרייבסט — שרייב! סיי ווי האָט ער זיך אָפּגעוווינט פון לייענען, וועט שוין דער שרייבער טאָן דאָס שטיקל אַרבעט אויך: געשריבן און געלייענט. די מלאכה פון שרייבן איז קיין עבודה נישט: פּגע פון דער טעכנאָלאָגיע. אַ מאָל פינקלען קאַלטע בלענד־פּייערלעך אין אַ פּאָעטישער שורה, אין אַ בעלעטריסטיש בילד — אָבער זיי פירן אין ערגעץ נישט. קיין אַכסניא אויף די וועגן איז נישטאָ — און די רעלסן, וואָס לויפן פון איין עק נאָכט צו דער אַנדערער, טוען זיך אַ האַק אָפּ אין מיטן און ענדיקן זיך, זשאַווערדיק, אין ווילדגראָז הינטער דער שטאָט.

איך קען רוטינירטע שרײַבערס, וואָס שרײַבן ייִדיש, צי ענגליש, העברעיש, צי פראַנצויזיש — איז זייער וואָרט: אַלעמענס. זיי נוצן אַ מין צווישנשפּראַכלעכן ליטעראַטור־זשאַרגאָן, וואָס זײַנע גרונטעלעמענטן זענען אומעטום דאָ און מען דאַרף זיי נישט ערשט „אַריבערטראָגן" פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער: זיי זענען שוין דאָרט אויך — ווערטער־ווירוס, וואָס פאַרשלעפּט די צײַט־שלאָפקייט. אַלע אימאַזשן פיבערן קאַלט און זינגען פון היץ. אומפאַרשטענדלעך? מסתמא קאָן מען זיך אָנשטויסן, אַז זיי טויגן נישט — אָבער איך בין נישט זיכער, צי ס'איז כדאי. אַז סײַ ווי האָט דאָס וואָרט אין אונדזער תקופה אויפגעהערט צו זײַן „די גאַנצע וועלט" און האָט אויפגעהערט גליבן אין זײַן אייגענער חשיבות. איינער שרײַבט קלעצערדיקן „אָץ קוצץ", אין אָריגינאַל, צי אין אַן אַנטליגענער שפּראַך — געפינט ער דאַרויף אַדעקוואַטע פאָרמולעס אין דעם געהילץ פון אַנדערע לשונות: די וועלט איז אָפן. צו אַזאַ מין קאַצניאַמערלעכן שטום־לשון, וואָס איז היימיש אין אַלע ליטעראַרישע מאָדע־סטילן, איז גוט צוצומישן פון צײַט צו צײַט אַ שפּריץ פערלמוטערנע ווייכקייט פון דער מאַמעס „גאָט פון אברהם" — אַלץ גייט אין איינעם. די מילן מאָלן — אָבער קיין מעל איז נישטאָ. ס'א רעש פון שווערע רעדער אין שוימיקן טײַך — און ביז צום דאַך ציען זיך זיילן שטויב, וואָס פאַרפינצטערן דעם בליק. נישט איינעם אַזאַ ווירטואָזן שטאַמלער האָב איך געקענט, אין דער ליטעראַטור, צי אין יענער. די פּאָליציי האָט צו אים גאָרנישט — כאָטש די שפּראַך האָט ער פאַרפּייניקט. ער האָט איר געטאָן די זאַך — אָבער ס'איז נישטאָ קיין פּאַראַגראַף קעגן עקסצעסן אין לירישן דעליריום.

דערווײַל פּראָווען מיר אין ווינציקע „מנינים" אומעטיקע ימים־טובים מיט ליטעראַטור אויף ייִדיש — נישט אָן פּרעמיעס, וואָס האָבן גוטע כוונות, צו בלײַבן סימבאָלן — נישט, חלילה, זינדיקן מיט קיין גשמיות, נאָר קיין פּרעמיעס פאַר פּראָדוקטיוון שוויגן זענען נישטאָ. סימפּאָזיומס זענען יאָ דאָ. זיי זענען פאַר זיך אַליין געוואָרן אַ מין אונטערגאַטונג פון דער ליטעראַטור. זיי טומלען אויטאָנאָם און באַשײַנען דעם יאַריד מיט השתפכות פון פּראָבלעמען, מיט דיאַלעקטישן נעאָ־פּלפּול און מיט מוח־גרימעניש פון צעקריגטע פּרינציפּן, וואָס האָבן ליב צו ווערן „סינטעזן". ס'איז אַן אַטמאָספערע פון הלל מיט קינות אין איינעם — און אַ מאָל ווערט פון איוב דעם קלאָגער אַ קלוגער קוהלת, וואָס שמייכלט בלײַך, מעלאַנכאָליש — אַז צו שילטן האָט ער קיין כוח נישט און דערצו האָט ער אָנגעווױרן דעם אַדרעס פון די קללות, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ סטאַבילער.

אפשר קומט אויס, אַז דער עסיי איז דער שרײַבערישער דיאַלאָג מיט דעם אומרו פון דער צײַט, אין אַ געוויסן זין: איר פּאָרטרעט. דער עסיי איז כלומרשט נישט צוגעבונדן צו קיין פעסטער טראַדיציע פון פאָרם, און זייט מיר קענען אים,

פּרוּווט ער זיך, אויף אַלע וועגן, ווו מ׳לאָזט אים נאָר בלאָנדזשען, מיט קריטיק און פּאָלעמיק, מיט טראַכטעניש און בילדער און מיט ווידעראַנאַנדן, וואָס כאַפּן זיך ביים וואָרט: מיטן נמשל אַליין. אפשר איז דער עסיי די לעגיטימע ליטעראַרישע פאָרם פון אונדזער געפּרוּווטער תקופה, פאַרמשפּט צו זיגזאַגן אויף דעם ענגן, שאַרפן פּאַס צווישן גלויבעניש, וואָס פאַרגינען זיך אַליין נישט די וועלט־לוסט פון יאוש. אַוודאי האָט זיך אַ מאָל איינער צעזאָגט חכמעוואַטע, אַז אין צווייפל־פאַלן קלויבט ער אויס דאָס ריכטיקע — פּונקט דאָס — אָבער ווער נאָך ווי אונדזער דור ווייסט, אַז ס׳איז שווער צו זיין אַ חכם אין דער וועלט־עלנטקייט, צווישן יתומים, וואָס זענען מיט איין מאָל געוואָרן „גרויסע״, און טראָגן דעם טאַטנס ברמינגנישן קאַפּעליוּש איבער די אויגן: סטראַי פון אַבלות. רעדט מען זיך אַראָפּ פון דעם קונדייסישן קאָפּס צערודערטקייט — און דער טרויער נעמט און הוליעט.

אַלע האָבן אַנגעוואָרפן אויף זיך דעם פּחד, אַז די ליטעראַטור איז געבליבן אַליין אין אַזאַ בין־השמשות, וואָס מעסט זיך אויף גאַנצע מעת־לעתן — „אַליין, אָן אַ רבין״. מיר געדענקען דעם קונדייסישן אומעט פון די בלויע ווינטערדיקע פאַר־נאַכטן אין חדר. דורך די פאַרקאָוועטע פענצטער קוקט אַריין אַ ים מיט פראָסטיקע נעפּלען, אין וועלכן עס שווימען היימישע דעכער און, להבדיל, צלמים, וואָס צע־שטעכן דעם הימל. פּלוצעם שטייט אויף רפאל מלמד, הייסט פאַרמאַכן די „סוואָר־בעלעך״ מיט די נביאים ראשונים, טוט אָן דאָס טוליפּל, וואָס אויף זיין אויסגע־קראָכענעם קאָלנער וויינען ווידעלעך פון קעץ, און גייט דאַוונען מנחה־מעריב. בלייבן מיר אַליין אין טוכלער פייכטקייט פון קאַרטאָפל־שיילעכץ און אויסשטייער פאַר כלה־מיידלעך, אַליין מיט דער פאַראומערטער רביצין, אַ קאַרגע יידענע, אַ פראָסט, וואָס זשאַלעוועט אָנצוצינדן דאָס פאַרקאָפּטשעטע דרייער־לעמפּל. וואָיוועט מען אין חשכות און די פאַרשייטקייט איז טרויעריק.

געבליבן די ליטעראַטור אַליין, פּרי באַגליקט מיט צייטיקייט, איידער זי האָט זיך געריכט, אַליין, אָן אַ „מורה מורנו״, וואָס מען רופט אים אויף ביי יידן מיט אַן אַטלעסענעם ניגון און פאַר וועלכן עס פּירט זיך, צו האָבן דרך־ארץ מיט אַ שמיץ איראָניע פון „מי שמך?״ וואָרעם אָט באַלד כאַפּט זיך דער דרך־ארץ אַליין צוריק. נישטאָ קיינער אין דער ליטעראַטור, וואָס אין זיינע וועגן ווילט זיך גיין — נישטאָ קיין וועגן. אַלע זענען פאַרבענקט נאָך דעם גרויסן רבין פון דעם מעטאַפאַר, וואָס אַרום אים איז יום־טוב — זאָל מען כאַטש אָנטאָן אַ ספּאָדעק דעם קריטיקער, דעם „לערער״, דעם „וועגווייזער״, דעם מיטן „לאַמטערן״. אָבער ווער ווייסט, צי איז די קריטיק אין גאַנצן זיכער מיט איר אָרט אין דער ליטעראַטור? צו מאָל האַלט זי עפּעס אין איין דערווייזן באַשיימפּערלעך, אַז מען „דאַרף״ זי פּאָרט: איינע מיט אַ כתב.

נאָך אַלץ איז מען נישט דורכגעקומען, צי איז דער קריטיקער אַ שרייבער, וואָס זיין וואָרט איז אַ ווערט פאַר זיך — אָדער צי איז ער אַ „מענטש" ביי דער ליטעראַטור : אַ „וועכטער", אַ וועקער" וכדומה. אין אַזאַ מין געהויבנקייט פון דער מליצהדיקער פּאָזיציע איז מסתמא גלייכער, דער קריטיקער זאָל זיך נישט נאַריש מאַכן מיט קיין שרייבערישע שטיק — וואָס איז מען, אַ יינגל, צו האָבן טאַלאַנט ? אַזוי אָבער איז מען מער באַגלייבט — שיקט מען אַזאַ איינעם מיט אַן ערנסטער „שליחות". דער עיקר, ס'זאָל זיין שווער אים צו לייענען און מען זאָל נישט קיין הנאה האָבן : שווער, ווייל אַן וואָג. איז איינער אַ בקי כמעט אין אַלע שבע חכמות — אָבער זעלטן טרעפט, ער זאָל האָבן געלערנט באַוווּנדערן דאָס קונסטווערק, וואָס ער באַטראַכט. דאָס וואָלט אים באַגליקט, וואָלט אים צוגעגעבן חן און אייגענעם קאָלאָריט, — אפשר אינטעלעקטועלן עזות — אין דער אייגענער צייט, אמת, וואָלט ער געוואָרן אַ קליין ביסל פּאַרדעכטיק. וואָרעם די נודאָטע איז פלינקער און זי האָט באַצייטנס אַרויסגעלאָזט אויף זיך אַ שם, אַז „סאָליד" איז זי און זי אַליין כאַפּט דעם אָנבליק פון אמת.

איינער טיילט אויס אַטריבוטן — „ראָמאַנטיקער, סימבאָליסט, עקספּרעסיאָניסט, סורעאַליסט" אאז"וו — זיין חבר האָט אַ חוש פאַר עסטעטישער סטאַטיסטיק. קיינער ווייסט נישט, אַזוי ווי ער, וויפל מאָל עפּעס ווערט געברענגט ערגעץ — און ער האָט אין דער ליטעראַטור־קריטיק אַ שאַרפן קוק, נישט צו דערזען דעם עיקר. יענעם פאַרפעלט ער מיט מאַקסימאַלער זיכערקייט. אַבי ער האָט אַ קאָמפּלעטע זאַמלונג פון יום־טובדיקע טריוויאַלן, איז ער שוין יוצא מיט דער בקיאות חריפות אויך. טייל רופן דאָס : „וויסן" — און וויסן אַליין נישט, ווי נתפּעל צו ווערן. אָבער וויסן, שמועסט מען, דאַרף זיך דיסקרעט איינזאַפּן אין די דינסטע דינקייטן פון דעם שרייבערס שפּראַך, אין זיין אמונה און אין זיין סקעפּטיק, און נישט שטופּן זיך עפּנטלעך מיט איינגעשלונגענע אַרכיוון. דער בקי איז געניט אין אַלע טעותים פון פּרוידס ליטעראַטור־באַנעם און ער געדענקט אַקוראַט, ווו סאַרטר, צווישן טעאָריע און שרייבערישער פּראַקטיק, איז סותר זיך אַליין — כאָטש אַזעלכע סתירות נעמען זיך דווקא אויס דעקאָראַטיוו אין דער דיאַלעקטיק, אַז מען שטעלט זיי אויס סימעטריש אויף אַ ברייטן שטח, זיי זאָלן זיך נאָר נישט שטויסן צו נאָענט איינס מיטן אַנדערן. דערנענטערן מיר זיך שוין צום ראַיאָן פון ליטעראַטור־וויסנשאַפט, וואָס פאַרמאָגט טיף איינגעקאַרבטע לומדישע קנייטשן — אָבער יענע, הער איך, ווערן היינט צוגעשטעלט מצד דער אינטעלעקטועלער קאָסמעטיק, פאַרטיקערהייט, גלייך ביז צום שטערן.

מיר דאַכט זיך, אַז די שווערע רושטעוואַניעס אַרום דעם בנין פאַרשטעלן אָפּט דעם פרייעם אויסבליק אויף דעם דיכטערס געשטאַלט און אויף זיין וועלט און אַז

דער יסוד פון דעם קריטיקערס שרייבערישע באַמיונגען איז: נאָכשפּירן מיט אַלע חושים דער דיכטערישער געשטאַלט, באַשטימען איר אָרט, דערפֿירן זיך אַליין צו פֿרייד פון התגלות פון די פֿאַרהוילענע שיינקייטן, התגלות פון די באַציונגען און כוונות, וואָס ווילן געוועקט ווערן — נישט אַזוי אַנאַליזירן און „טייטשן", ווי ליב האָבן. דאָס איז דעם קריטיקערס שרייבערישע קונסט — מעג זיין סטיל זיין ביזאַר — אַבי ער איז עכט און מאַניפעסטירט אייגנס. און כאָטש דער דרך פון ליב האָבן איז אַלט, האָט אין משך פון דורות, אייגנטלעך, נישט געענדערט דעם ספּאָסיב און מיינט נאָך אַלץ שרייבערישן כוח גברא — איז דער דאָזיקער פּערזענלעכער אַקט פֿאָרט אַלע מאָל אַנדערש. „באַרימטע שרייבערס פֿאַר מיר און אָרום מיר — זאָגט באַדלער — האָבן זיך צעטיילט מיט דעם מלכות דיכטונג, בלייבט פֿאַר מיר בלויז צו טאָן עפּעס אַנדערש": דאָס אייגענע, אָבער אַנדערש. דער מין אַנדערשקייט, וואָס האָט באַגליקט די ליטעראַטור און איר צוגעגעבן אַטריבוטן פון יצירה, איז גילטיק פֿאַר אַלע געביטן פון דער וואָרט־שאַפונג, אויך פֿאַר דער קריטיק, וואָס דערגייט קיין מאָל נישט צו איר חשיבות און צו איר רעכט אויף שליחות אָן דער גייסטיקער שיינקייט פון איר סוביעקטיוון שרייבערישן אויסדרוק. „פון דעם געזאָגטן אַליין — פֿאַרצייכנט געטהע — בלייבט ווינציק, אַז ס'זעט זיך נישט אין אים דער זאָגער, אַז עס בלייבן פֿאַרהוילן טאָן און בליק און זשעסט פון פּערזענלעכן".

מסתמא גרענעצן זיך די פּראָבלעמען פון קריטיק מיט דער מיסטעריע פון שרייבן בכלל. דאָס איז דעם שרייבערס פּראָבלעמאַטיק און זיין גליק: שרייבן שווער — „גלייך ס'איז דאָס ערשטע און דאָס סאַמע לעצטע מאָל, — זאָגט קאַרל קראַוס — אַז אין יעדער שורה זאָלן זיך זמיעשטשען בצמצום, אין איינעם מיט דיר אַליין, מיט דיינע פּחדים און דיינע ספקות, אַלע שטראַלונגען און פינצטערקייטן פון דער צייט, אַלע שטימונגען און גייסטיקע ציטערנישן, און זאָלן לויכטנדיק דורכדרינגען איינס ס'אַנדערע, דעם גורל און דעם חלום, די מאַטערניש און די פרייד". מיר בויען וואָרט־בנינים, ס'זאָל זיין, ווו די שרעק איבערצוקומען, אַז דער דרויסן איז כולו שטורעם און כאָאָס — סיי עס רעדט זיך וועגן רעאַלע בעלעטריסטישע הוריות, וואָס האָבן אין דער בהלה פון פּרייטיק־פּאַרנאַכטיקן „ויכולו" נישט באַוויזן זיך אַריינצובאַקומען אין דער פֿאַרפונדעוועטער פּיקציע פון די מעשׂי בראשית גופא, און זענען געבליבן אין די ביכלעך — סיי עס גייט וועגן דענק־שטימונגען און פּרוווענישן פון עסיי און וועגן קריטישע פֿאָרמולירונגען אין דער ליטעראַטור, וואָס ווילן געפינען דעם אָרט פון מענטשן און זאַכן און מאַכן לופט אין דער קלע־מעניש. די גאַנצע אַרכיטעקטאָניק פון געבויטע זאַצן אין אַלע שפּראַכן און אויף יידיש האָט איין איינציקע כוונה: דאָן־קישאָטס ראָמאַנטיש־פֿאַנטאַסטישן פֿאַרמעסט,

צו פֿאַרענדיקן די בריאה אין מלכות פֿון וואָרט. דער בראשית האָט זיך אַזוי האָפּער־דיק פּלאַנירט אין דער קאָסמישער וויזיע פֿון חומש און זייט דעמאָלט יאָמערט דער „יהי אור״ אין וווּנדיקער נישט־פֿאַרטיקייט.

אַוודאי, אין „גאָט־שטאַרקע צייטן״ איז דאָס שרייבערישע וואָרט געווען געלאָדן מיט שפּאַנונג, האָט פֿאַרמאָגט גוזמות צוטרוי צו זיך און צו זיין שליחות, געהאַט ווי זיך אָנצושפּאַרן. געווען אַ רייכע וועלט פֿון אמונה און כפֿירה און העזה כלפּי שמַיא און אַ סך שפּילרוּמים צווישן די ספֿערעס. צו מאָל האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, כביכול האָט זיך צוריקגעצויגן, אפֿשר נעלם געוואָרן, און האָט איבערגעלאָזט דעם באַשאַף דעם דיכטער: זאָל ער פֿאַרענדיקן — אַדרבא. שאַפֿן האָט כמעט פֿאַרלוירן זיין מיטאָלאָגישן טייטש פֿון בראשית, יש מאין — און מיט גאָט אין הימל האָט דאָס שוין אַ קנאַפּע שייכות. שאַפֿן איז געוואָרן אַ סינאָנים פֿון שרייבן. „שאַפֿן״ לידער און דערציילונגען. נאָר דער אמתער דיכטער איז דערביי נאָך געווען גענוג קלוג, כדי כאָטש צו זיין אַן עניו. האָט זיך דאָס וואָרט אַוועקגעשטעלט, אָנפּילן מיט זיין כוח דער וועלטס ליידיקייט: זאָל זי אויפֿהערן שרעקן! הייַנט, הייסט עס, איז דאָס וואָרט געפֿאַלן, אויף אַ הויכער מדרגה פֿון געפֿאַלנקייט, — ווי עס לעשט זיך אויפֿן הימל אַ שטערן אין מיטן העלן געפֿלימער און לאָזט דאָרט, אין דעם פֿאַרטאַמעלטן אויבן, וואָס האַלט אַן מאַיעסטעט, אַ שאַרפֿן פּאַס קרישטאָלענעם גלאַנץ, וואָס ענדיקט זיך הי׳עראָגליפֿיש אין אַש.

אליעזר שטיינמאַן

ווי גאָט אין אדעס

א.

אמאָליקע יאָרן פלעגט מען אין אונדזערע מקומות זאָגן אויף איינעם, וואָס האָט נישקשהדיק פּרנסה אָדער לאָזט זיך אין איינער אַ שעה ווילגיין, אַז ער לעבט ווי גאָט אין אָדעס. האָבן אַ שטיקל פאַרגעניגן, אַ ביסעלע נחת, אַ כזית עולם הזה, האָט שוין אין דעם קליינעם שטעטל, ווי ווייט ס׳זאָל ניט זיין דער מהלך צווישן אים און אָדעס, געשמעקט מיט דער גרויסער, ריזיקער, קאָכיקער שטאָט, וווּ חי איז געלעבט. אין אָדעס, האָט דאָס געהייסן, הייבט זיך ערשט אָן די אמתדיקע וועלט. ניט נאָר מען לעבט דאָרט, מען הוליעט, אַלע זענען שיין געקליידעט, אויסגעפּוצט, מען האַלט זיך אין איין יאָגן און מען איז פאַררעשט. וואָס זאָרג? ווער זאָרגט? ס׳איז גאָר ניטאָ קיין צייט צו זאָרגן. איילט מען זיך שטאַרק, כאַפּט מען אַ דראָזשקע און מע לויפט. טעאַטערס שפּילן. זומער באָדט מען זיך אין ים און מע וווינט אויף דאַטשע. שטענדיק איז לוסטיק און לעבעדיק. אַפילו ביינאַכט ברענען דאָרטן לאָמפּן אין די גאַסן.

אוי, ווי ס׳האָט זיך געבענקט נאָך דער קיין מאָל נאָך ניט געזעענער אָדעס אין די אָרעמע, פאַרוואָרפענע און אָפּגעלאָזענע שטעטלעך פון דער גאַנצער אומגעגנט, וועלכע האָבן סיי ווי געצויגן זייער גאַנצע וועלטישע חיונה פון איר. מען האָט געלעכצט נאָך איר און זיך געריסן צו איר. זי האָט פון גאָרער ווייט דורך אַלערליי שפּעלטיקלעך זיך אַריינגעריסן אין דער קליינשטעטלדיקער פאַר־חושכטער אָרעמקייט, גיך־גאָלדענע און פּורפּורנע פלעמעלעך־שטאַפּעטן געשיקט צו איר. האָט זי זיך אויך אין די קינדערשע הערצער אַריינגעריסן און געוואָרן אין זיי איינגעבאַקן. ס׳האָט געהייסן: מען איז אין דעם קליינעם, פאַרוואָרפענעם שטעטל, וואָס איז אַפילו ווייט פון אַ באַן־סטאַציע. אָבער דאָ איז דאָך אָדעס. דער קוק איז געווען צו אָדעס.

דערווייל קומט אַראָפּ צו אונדז אַ נייער שניידער, קלאַפּט ער צו צו זיין טיר אַ רויט שילדל: דאָ וווינט אַן אָדעסער שניידער. גייט מען קוקן אויף חידושים. דעסט גלייכן אַ פּריש־אַראָפּגעקומענער שוסטער. קומט אַ נייער אַפּטייקער, פאַלט

אַראָפּ צו אונדז אַ סטודענט, וואָס גיט רוסישע לעקציעס, צי אַ בוכהאַלטער ביי דעם גביר, שמעקט דאָך פון זיי אוודאי מיט אָדעס. אַלץ וואָס ניי און בלישטשעט און נאָגט ביים האַרצן ייחוסט זיך מיט אָדעס. לערנט מען אונדז, קליינוואַרג, אין חדר שרייבן אלף־בית און אַ זאַץ מיט כשרן אויסלייג, על־פּי שורה־געַרוס, צייכנט דער רבי אָן מיט אַ בליישטיפט אויף פּאַפּיר, כדי די תלמידים זאָלן אויף דעם איבערגיין מיט טינט און פעדער: מיין טאַטע איז געפאָרן קיין אָדעס קויפן סחורה. האָט מען דאָס איבערגעשריבן מאָל אָן אַ צאָל. די אותיות פון אָדעס קלעפּן זיך צו די אויגן, רינען אַריין, ווי אַ רעגן פון אַ סך רינוועס, אין דער נשמה, צעגיסן זיך אין אַלע ביינער. אונטער מיין קינדס וויגעלע שלאָפט אַ שטיל ציגעלע — האָט די מאַמע געזונגען וויגנדיק. איבער דעם קינדס קעפּעלע, וועלכער האָט שוין געטאָן אַ וואַקס צו, האָט ווי געוואַקסט די רוזשיקע, קאַכיקע און פריילעכע אָדעס, ווו אַפילו ביינאַכט ברענען לאָמפּן אין די גאַסן.

טוט מען נאָך אַ וואַקס צו, ווייסט מען שוין, אַז קיין אָדעס פאָרט מען, ניט נאָר איינצוקויפן סחורה. מען פאָרט אויך איינצוקויפן און איינצוהאַנדלען אַלץ, וואָס איז שיין און חנעוודיק: בילדונג, קליידונג און צירונג פאַר חתן־כלה. איז מען שטאַרק קראַנק, קומט מען קיין אָדעס זיך קורירן ביי אַ גרויסן דאָקטאָר. קיין אָדעס פאָרט מען הערן זען און ווערן אַ מענטש. און שטיל איינגערוימט אין אויער אַריין: אַ לעב טאָן. גאַנץ אָפן געזאָגט: זיך באָדן אין ים. צווישן אונדז גערעדט: זיך צושלאָגן צו עפּעס, קומען צו אַ תכלית. און טאָקע גיין אין טעאַטער. האָט מען נאָך אונטערגעוואַקסן און אַ לעק געטאָן פון השכלה, רייסט מען זיך קיין אָדעס, גאַנץ איינפאַך, דערפאַר, ווייל ס'איז אָדעס. אַ כרך. אַ ים מיט אַזוי פיל פיש און אויך קאַרפּן־קעפּ. מענטשן אַלערליי: סטודענטן, פּראָפעסאָרן, באַרימטע רעדנערס, שרייבערס, מיט וועלכע סע קלינגט אַ וועלט. כאַפּן אַ קוק אויף אַ גרויסן שרייבער איז דאָך עטוואָס. „אָדעס, אָדעס, כ'וועך נאָך דיר אַ מת", זינגט דאָס לידל.

וואָס זשע איז דער חידוש, וואָס אַלץ וואָס איז יונג און צאַפּלדיק רייסט זיך קיין אָדעס, אַז דאָס חיות גייט ממש אויס. מע קאָן שוין מער ניט שמאַכטן דאָ, אין דער הינטערשטעליקייט. יאָ, מען רייסט זיך. זייער אָפט, אַפילו ניט ווייסנדיק פאַר וואָס און נאָך וואָס. רייסן זיך מוז ניט אַלע מאָל האָבן אַ צו־וואָס, פּונקט ווי אַ ריס מוז ניט האָבן דווקא אַ פאַרוואָס.

יונג איז מען געווען און מן־הסתם אויך נאַריש, יעדנפאַלס, היציק. ביי אונדז האָט מען געפלעגט צו זאָגן, אַז דאָס קעפּל פליט. ביי אַ פלי־קעפּעלע איז דער שכל, אויב ניט היציק, דאָך שפּיציק און סע לאָזט זיך אַלע מאָל אויף אַ וועג, וואָס איז גליטשיק.

גליטשט מען זיך און מען איז פאַרמוחט. מען קאָן אויך ווערן אַ שטיק

גענאַרניק — פֿלעגן עלטערע יוסטע בעלי־בתּים גאַנץ אָפֿט זאָגן. דאָס זאָגן מיינט: וואָרטשען.

ווו נעם איך כּוח אויסצומאָלן און פֿאַרטייטשן, וואָס איז אַזוינס וואָרטשען. דו איינער גייסט אַרום ווי צו חלום, און אַן עדה מיט יידן אין שטעטל אַרום דיר וואָרטשען מכּוח דיר. וואָרטשען איז ניט ריידן. אויף ריידן זענען דאָ אויערן. מען רעדט צו דיר, און אַפֿילו מען זאָגט דיר טיף אַריין, הערסטו. ווילסטו ענטפֿערסטו וואָס, ווילסטו ניט — שווייגסטו. ווען מען רעדט, רעדט מען צו דיר, דיך מיינט מען. ביסטו דאָך עפּעס, אויף וועמען סע לוינט זיך אויסברענגען ווערטער. דאָקעגן וואָרטשען, ווערן די רייד געוואָרפֿן סתּם אין דער וועלט אַריין, ווי ניט דיך מיינט מען. דאָס זיינען אַמיינסטנס ניט קיין ווערטער, נייערט בליקן, בייזע, שפּיציקע, שפּיזיקע, אַן אַ שיעור שטומע פֿראַגע־צייכנס שיסט מען אין דיר אַריין, ווייל, ווי עס שיינט, איז גאָר ניטאָ צו וועמען צו ריידן. אָט דאָס הייסט וואָרטשען אַרום איינעם און יעדער וואָרטשעלע גיסט זיך אַריין ווי אַ שטיק סם אין דער נשמה. דער סך־הכּל פֿון דעם בייזן וואָרטשען איז אָט וואָס: די זקני העדה האַלטן, אַז אָדעס האָט זיך אים אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ אַריין, ווי אַ מאַנקאָליע.

מעג מען דען פֿאַרכאַפּן די פֿיש פֿאַר דער נעץ? איז דער תּירוץ, אַז דאָס איז נאָר אַ קליין ביסעלע זיך אַ רוק געטאָן אין אַ זייט. אין דעם וואָרטשען האָט זיך אויך אַ מאָל אַריינגעכאַפּט אַ בפּירושער זאָג, אַז אַזאַ אָרעמער פֿאַרשוין, ווי איך, וועט דאָרט אין דעם גרויסן אָדעס אַרומגיין אַ באָרוועסער און פּעכנען אויפֿן פּיסק.

מיר יונגוואַרג, בינו לבינו, וואַקסן צו און וואַקסן אונטער. קינד איז מען ניט לאַנג. אין אונדזערע מקומות אין יענע יאָרן אַוודאי ניט. אָט ביסטו קינד און אָט יינגעלע און יינגל. איידער וואָס־ווען, ביסטו שוין אַ בחורל און אַ בחורעץ, און פּשוט אַ בחור, אַן אויסגעוואַקסענער בחור און אַ „שוין צייט צו זיין אַ מענטש". ערשט נעכטן אַנומלטן ביסטו געווען אַ ווויל קינד, אַ מחיהדיק יינגעלע, אַ געשמאַק בחורל — און גאָר פּלוצלונג אַ בחור אויסגעוואַקסן, ווי אין סלופּ אַריין. אין יענע צייטן און אין אונדזערע מקומות קומט אויף די יונגע יאָרן ווי אַן אויסכאַפּעניש. אויס יינגעלע מיינט, אַז מען באַדאַרף זיך איינשפּאַנען אין יאָך און זיך גוט אונטער־טונקען אין דער גראָער און אומעטיקער טאָג־טעגלעכקייט. איז עפּעס אַ וווּנדער, וואָס אָדעס צופּט אַזוי שטאַרק אין האַרצן ביים לעפּעלע. גאָר פּלוצלונג באַקומט אָדעס אַ נייעם און טיפֿערן זין. ניט נאָר איז זי אַ מעכטיקער לעבנס־שטראָם צו פֿאַרזוכן אין אים אַלע טעמים. זי איז אויך אַן עיר מקלט און אויסבאַהעלטעניש פֿון דעם וואָרטשען און פֿון די מאָגענדיקע שפּיזיקע בליקן. מאַמע־אָדעס — דאָס איז אויך איינער פֿון אירע געצערטלטע צונעמען — לאָזט לעבן וויפֿל דאָס האַרץ גלוסט, אָבער זי דערלאָזט אויך אַרומגיין צו חלום און קיינער האָט ניט קיין טענות.

וואָס איז אַזוינס אַ דערוואַקסענער בחור אין אונדזער קליינשטעטלדיקן געזינדל? ממש אַ טריף־פּסול. אַט אַזוי ווי אַן עלטער מיידל, דאָס מיינט, אַן אַכצןיעריק מיידל, וועלכע איז נאָך ניט געוואָרן קיין כלה. איז מען אַ בחור — טענהן לייט: וואָס איז דער תכלית צו זיין אַ בחור און ווי לאַנג איז מען אַ בחור? סתם אַ בחור איז דאָך אַ פּוסט־און־פּאַסניק, אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. איז מען אַן אַכצןיעריק מיידל, ווערט שוין אַ געמורמל: ס׳איז דאָך שוין אַ מויד. סטייטש, אַ יידישע טאָכטער. שוין צייט אַ טראַכט צו טאָן. ווי טרויעריק ס׳איז געוועזן אַ בחור צו זיין, וואָס דרייט זיך אַרום גלאַט אַזוי, און סאַראַ בושה צו זיין אַ ניט קיין כלה־געוואָרענע מיידל. סיי ווי איז קיין אַנדער ברירה ניט, ווי זיך אַוועקלאָזן קיין אַדעס.

מיר, דער נייער דור, האָבן זיך געלאָזט לויפן קיין אַדעס. ניט געפאָרן, בייערט געלאָפן, און ניט אָפן, פאַר אַלעמען אין די אויגן, נאָר שטילינקערהייט, ווי אויסבאַהאַלטן, ציטעריק און מיט אימפּעט, מיט אַ פאַרשפּעטער, כאָטש אַ ביסל צוגעסמאַלעטער תשוקה, זיך אַריינוואַרפן דאָרטן אין דעם זודיקן, קאָכיקן קעסל, לעבן, לעבן אויף וואָס די וועלט שטייט און... ווי גאָט אין אַדעס.

די זקני העדה האָבן זיך געקרימט, געוואָרטשעט. אַנדערע, ווידער, האָבן בפירוש מקנא געווען די מוטיקע און דרייסטע, וואָס לאָזן זיך אַוועק. „אַזוי, אַזוי, דו פאָרסט קיין אַדעס״. דערביי האָט מען אַ ביסל שפּאַסיק צוגעגעבן: ווייסטו דאָך, אַז זיבן מיילן אַרום און אַרום אַדעס ברענט דער גיהנום. גיהנום מיינט זינד. זינד איז דער פּשט ווילטאָג, פאַרגעניגנס. חי געלעבט.

ב.

אַרויס פון וואָקזאַל און זיך געלאָזט שפּאַנען איבער די גאַסן. ניט אַזוי טוט זיך, ווי סע שרייבט זיך. איז מען אַ פּאַסאַזשיר, פאַרמאָגט מען אַ רענצל, אָדער אַ קלימעקל. ווי באַלד אַזוי, ביסטו שוין ניט קיין פרייער פויגל. מוזסטו קודם באַזאָרגן אַ פּלאַץ פאַר דיין ביסל מטלטלים. דאָס איז געווען דער ערשטער שטאָפּעט, וואָס האָט מיך געלאָזט וויסן, אַז גאָרניט גייט ניט אָפּ גלאַטיק. ווי ווינציק דו פאַרמאָגסט, האָסטו דאָך דאַמיט צו זינגען און צו זאָגן. נעמט מען דאָס אַלטמאָדיש, אומגעלומפּערט סאַקוואָיאַזשל, אַרומגעבונדן מיט שטריק, ווייל שוין אָפּגעריבן דער שלאָס, מען טוט דאָס אַ פאַרוואָרף אויף די פּלייצעס און מען גייט. אָבער וווהין? איז טאַקע אַ קשיה.

די גרויסע וועלט איז פול מיט גוטע מענטשן. זעט מען אַ בחורל, ניט קיין היגס, קענטיק, שלעפּט אַ משא אויף זיך, אָפּהענטיק, מיט בלאָנדזשענדיקע בליקן, פרעגט מען אים אויס, איינער און אַ צווייטער פון די פאַרבייגייער, ווער־וואָס־ווען. זאָגט ער האַלבע דיבורים און שעמעוודיק, אַז ער זוכט אַן אכסניה פאַר זיך. גיט מען

אים עצות, דאָ און דאָרט. פֿאַראַן טייערער און ביליקער. אָבער דאָס רענצל נאָך וואָס שלעפּן מיט זיך? דאָס גיט מען אָפּ אויפֿן וואָקזאַל אין אַן אָפּהיטונג־קאַמער. סע קאָסט אַ שיבוש. דערנאָך לאָזט מען זיך זוכן אַ פּאַסיקע אכסניה. טוט ער אַזוי.

אָבער וואָס ווייסן פֿרעמדע מענטשן, ווי שיטער אין קעשענע ס׳איז ביי דעם אָנקומענדיקן פּאַסאַזשיר? נאָך דעם בילעט אויף דער באַן און נאָך די שמירה־קאָסטן איז ביי אים געבליבן גאַנצע דריי רובל, וועלכע קלעקן אפשר צו דינגען אַן אָרט צום שלאָפֿן ערגעץ ווו אין אַ הינטער־געסל און אָפּצאָלן פֿאַר אַ חודש פֿאָרויס. נאָך אַ קליין ביסל מינץ האָט ער אויך — וועט ער דערמיט די ערשטע פּאָר טעג דערהאַלטן די נשמה. דערווייל ניט געזאָרגט. גיי, שפּאַן, אויגן האָסטו, כאַפּ אַ קוק אויף אָדעס. דאָס איז דאָך זי, זי, די אויסגעחלומטע און אויסגעלעכצטע אָדעס. אַ ריזן־שטאָט. אַ כרך. דו האָסט מיט איר אַ ליבע געשפּילט פֿון דער ווייטנס, און אָט האָסטו זי.

ווי אַנדערש קוקט אויס די ממשותדיקע, די באַשיימפּערלעכע אָדעס פֿון דער געדאַכטער. ניט אַ זודיקער קעסל, ניט אַ שטורמישער ים, ניט אַ קאַלכאַויוון, ניט אַ גיהנום, נייערט, פּשוט, אַ שטאָט מיט גאַסן, מיט הייזער, מיט מענטשן, מענטשן, מענטשן. ביימער. דאָ אַ קליין גערטנדל, דאָרט, ווידער, אַן אָפּגעצוימט פּירעקעדיק גערטנדל מיט בענק. גייסט, גייסט. ווילסטו, זעץ זיך אַוועק און רו זיך אויס. טראַכט פֿון וואָס דו ווילסט. האַלט מיט זיך אַן עצה, וואָס צו מאַכן, וווהין צו גיין און וואָס בכלל... ביסטו אין אָדעס, ביסטו דאָך סאַמע אין מיטן וועלט. כאַפּ זשע אויף דער וועלט אַ וועלטישן קוק. דאָס לעבן רופֿט. דו מוזסט עטוואָס מאַכן: לערנען, זען, הערן, מיט מענטשן זיך טרעפֿן. טראַכט זיך אַריין, באַקלער וואָס. כאַפּ אַ קוק אַרום און אַרום און זע, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין אָדעס.

זיצסט אַ ביסל דאָ און אַ ביסל דאָרט, טוסט אַ שפּאַציר צו צום ים. ים, ים, כ׳קאָן דיך. דו ביסט אומגעהייער גרויס, פּריש, ניי, און דאָך ביסטו מיר אַזוי אַלט און באַקאַנט. ביי דיר קאָן איך אָפּזיצן שעהען, אויסמעלקן פֿון דיר אַן עס, אַ טרונק. פֿלוצלונג טוסטו מיר אַ זינג. אַוודאי פֿאַרשטיי איך דיך אויפֿן ווונק. בין איך געקומען לעת עתה נאָר כאַפּן אויף דיר אַ קוק. אַ קלעטער אַרויף אויף אַ הויכן פֿעלדז און פֿון דאָרט קוק איך דיך אָן. און באַלד אַראָפּ. מיין ערשטן וויזיט דעם ים אָפּגעשטעקט און ווידער איך גיי, גיי. גיי איבער אָדעס. זיך אָנקוקן מיט אָדעס.

איך גיי און גיי. אויך דער טאָג גייט, שפּאַנט שנעל. לויפֿט. סע שטאָקט שוין. ווו צו שלאָפֿן ניטאָ. איין טאָג אין אָדעס און וויפֿל אויסגעגאַנגען, איבערגעטראַכט, מיט זיך גופֿא דורכגעמאַכט, אויסגעקוקט, באַהעלטענישן אויסגעפֿונען, ווו אין דער נאַכט דעם קאָפּ צוצושפּאַרן. מען קאָן אין אַ גערטנדל כאַפּן אַ דרימל ביזן העלן

טאָג אַריין. מען קאָן אויפן וואָקזאַל אָפּשלאָפן עטלעכע שעהען, אָפּצוואַרטן אויף אַ באַן. מען קאָן אויף הויכן פעלדז ביים ים אַרויסקלעטערן און דאָרטן אַ נאַכט אָפּריכטן אין זיסע מחשבותן. וואָס מען קאָן, אָדעס ליבע, טייערע, פרעמדע, נאָענטע, אין דיר אויפטאָן איינער אַליין אַ טאָג אַ גאַנצן, נאָך אים אַ נאַכט אַ פולע, און נאָך איר ווידער אַ טאָג און ווידער אַ נאַכט. ניט עמעץ פרעגט דיך, ניט עמעץ וואַרטשעט אויף דיר, ניט מען קוקט דיך נאָך. גראָד פאַרקערט, דאָ ביסטו דער קוקער און אויסקוקער. גאַסן, מענטשן פרעמדע און דאָך נאָענטע, איילנדיקע, יום־טובדיקע, פאַרטראַכטע, אַוועקלויפנדיקע, ניט קיין היימישע, אָבער וועלטישע. דערמאָנט זיך מיר, ווי מען האָט דאָרטן מיט בייזע בליקן אָנגעמאָזאַליעט מיר אויף דער נשמה. און דאָ פראַנק און פריי און הו־לאַ־לאַ.

אין אַ קליין גערטנדל אין סאַמע מיטן פון אָדעס דורכגעדרימלט די לעצטע שעהען פון אַ סוף־זומערדיקער נאַכט. האָט געבלאָזן אַ קיל ים־ווינטעלע — איז וואָס? בלאָז, בלאָז, ווינטל, בלאָז. כאַפּ איך אַ ציטער — ציטערט מיט מיר גאַנץ אָדעס.

מאָרגן פרי אַ נייער טאָג, אַ ניי אָדעס. אויך איך שפּאָגל־ניי. בין איך, הייסט דאָס, ווידער אין אָדעס. זייער פיין, מחיהדיק גוט. כ'בין גאָרניט מיד. זיך היפּש אויסגעשלאָפן. אַ נייער טאָג אין אָדעס ווערט געבוירן. פענצטער עפענען זיך, טירן צעפּראַלן, רעדער דרייען זיך. דראָזשקעס יאָגן זיך. גערודער, געפּילדער. געשעפטן עפענען זיך. אויסגעשרייען: פרישע פרימאָרגנדיקע ציטונג. קויף איך מיר אַ ציטונג. לייען זיך אין איר אַריין. ממש אַ היגער, אַן אָדעסער. געקויפט אַ הענגל טרויבן. ס'איז אַן עסן און אַ טרינקען. ס'וואָלט טאַקע זיין אַ יושר גיין זוכן פאַר מיינע דריי רובל אַ צימער, אַ קליין צימערל, אַ העלפט פון אַ צימערל, מיט אַ שכן זאָל זיין, אָבער אַן אייגן ווינקעלע האָבן. איז וואָס די איילעניש? דער טאָג איז נאָך גרויס. היינט־מאָרגן־איבערמאָרגן. כ'בין הונגעריק נאָך אָדעס, נאָך איר גופא, נאָך אָט אַ דעם כרך, נאָך אָט אָ די ביימער, נאָך דעם גערויש און געקלונג פון די לויפנדיקע טראַמוויען, נאָך די שילדן, אין זיי זיך אַריינקוקן, נאָך די גערטנדלעך און דעם גרויסן פּאַרק, וואָס כ'האָב ערשט איצט אַנטדעקט, נאָך דעם פאַרהוילענעם יש, וואָס יובלט און שאַלט און טרומייטערט אַרום און אַרום, נאָך די לייען־זאַלן, וועלכע זיינען צעוואָרפן אין פאַרשידענע עקן פון דער שטאָט. גיי איך פון עק צו עק און קוק אויס די זאַלן, ביז כ'בין אין איינעם פון זיי צוגעפאַלן צו אַ כאַפּטע ביכער, פלינק און גיך באַשטעלט. בין איך אַזוי אַ פּאָר טעג אָפּגעזעסן דאָרט און איילנק געבלעטערט, פון צייט צו צייט אַרויסגעקלערט צו אַ טאָלסטאָי און אין דאָסטאָיעווסקין געכאַפּט אַ קוק, זיך צוגעשאַרט צו טשעכאָוון, געוויר געוואָרן גאָר פלוצלונג, אַז ס'איז דאָ איינער אַ קלעטערער, אַן אויסטענהר, אַ קשיות־פרעגער, שעסטאָוו

הייסט ער, אַ שרייבער אַ ווילדער, טיף־צעריסענער און שטאַרק פאַרריסענער.
האָב איך אים ליב באַקומען, אָט אַזוי, ווי כ׳האָב ליב אָדעס.

אַ מחיהדיקע שטאָט אָדעס. ווי ריזיק זי האָט אויסגעזען ביי מיר אין די אויגן, אַזוי קליין־חנעוודיק האָט זי מיר אויסגעקוקט. גרויס־שטאָט, וואָס באַשטייט פון אַ היפּש ביסל קליינע שטעטלעך. כאָטש פרעמד, דאָך אַזוי היימיש. אָט אַ דאָ אין דער הויפּט־גאַס קאָכט דאָס און סע פילדערט. אַ ביסל אין אַ זייט אַ שטיל געסל, אָדער אַ פּאָר שטילע געסלעך, מיט איינשטאָקיקע הייזער, אין זיך פריציש איינגע־שלאָסן און צוריקגעצויגן: אַן איינגעשלאָפן גערטנדל דערנעבן. אַ באַנק. זעץ זיך און שווים אַוועק אויף דיינע רעיונות העט־העט ווייט אין דער וועלט. האָט טאַקע איין מאָל אַ פשוטע עלטערע פרוי, אַ ניט־יידישע לויטן אויסזען, וואָס איז פאַרביי־געגאַנגען נעבן מיין באַנק, צו מיר אַ זאָג געטאָן: וואָס האָסטו זיך, דו צוציק, אַזוי אַריינגעדראָפּעט מיטן טראַכטן אין דער וועלט אַריין? לאָז די וועלט לויפן, און דו, צוציק איינער, טו דאָס דייניקע.

אַזוי מאַמיש האָט צו מיר גערעדט אַ גאָר פרעמדע פרוי, זי זעלבסט אַ קליין טיילעכל פון מאַמע־אָדעס. מחיהדיק איז אָדעס מיט אירע אַזוי פיל זייטיקע געסלעך און שטילע ווינקעלעך, וועלכע רייסן זיך אַריין אין סאַמע געדיכטן מיטן פון איר הו־האַ־געלויף און גערויש. ווי כ׳לעב, ניטאָ קיין לייכטערעס, ווי זיך אַ ביסל אָפּוואַלגערן אין אָדעס אַ היפּשע פּאָר טעג אָדער וואָכן אָן פיר ווענט און אָן אַ קישן צוקאָפּנס, אָן אַ גראָשן אין קעשענע. הונגערט מען אַ ביסל צו און מע דרימלט איבער אַ נאַכט דאָ און אַ נאַכט דאָרטן; כאַפּט מען זיך אַריין אין אַ לייען־זאַל, אָדער, להבדיל, אין אַ טראַקטיר און ביי אַ הייסן טשייניק מיט טיי זיצט מען און מע זיצט און טאַקע ווידער, מען זיצט און גאָרניט. טרעפט, אַז אַזאַ גאָרניט איז שוין כלל ניט קיין גאָרניט, נייערט אַזוי זיצנדיק און טראַכטנדיק, אָדער גאָרניט טראַכטנדיק, ווערט עפּעס אַזוי געמיטלעך היימיש, ווערט יונג און פריש און טרויעריק און ליבלעך. ווילט זיך וויינען און לאַכן און טאַנצן און זינגען און אויסקושן די וועלט אין אַלע ביינער.

דאָס איז געווען אָדעס. ווי נאָר כ׳האָב זי דערזען, האָב איך דערפילט אין איר דעם אמתדיקן טעם פון דער וועלט. רו און פרידן אין איר שויס. יאָ הויז, ניט הויז, יאָ פיר ווענט מיט אַ סטעליע, אָדער ניט, וואָס מאַכט דאָס אויס? און טאַקע, ווייל סיי ווי סיי איז אַלץ איינס, האָב איך מיט מיינע דריי רובל אין קעשענע זיך אַ לאָז געטאָן זוכן לויט די צעטלעך אויף די טויערן אַ צימער, אָדער אַ האַלבס, און זאָל זיין אַ דריטל צימער.

ניט לאַנג געזוכט און געפונען דווקא אויף איינער אַ הויפּט־גאַס. אַ צי געטאָן ביים גלאָק, אַ טיאַכקע אין האַרצן, אַריין אין אַ שטוב, אַ פאַרהיקע געטאָן זיך און

רויט געוואָרן אין פּנים: דאָ איז אַ פריי צימער? עס הינקט צוריק פון מיר די עלטערע פרוי, הינקט אויס דעם לאַנגן קאָרידאָר, ביז צום פענצטער פון אַ גרויס ליכטיק צימער. זעצט זיך אַוועק, נעמט אַ גרויס בוך אין האַנט — כ׳זע, ס׳איז פּושקין — בעט מיך זיצן, טוט אָן די ברילן, ווי מיך בעסער אָנצוקוקן אָדער שאַרפער דערהערן, און פרעגט: וואָס וויל אַ יונגער־מאַן? „איז דאָ אַ צימער פריי?" „פריי איז דאָס, אָבער ניט גאַנץ ליכטיק". ניט ליכטיק? — חזר איך איבער און סע ווערט מיר וואַרעם אין האַרצן. זאָג איך: ווי באַלד ניט גאַנץ ליכטיק, קאָסט דאָס מן־הסתם ניט קיין סך. „ניין, ניט קיין סך. פינף רובל אַ חודש" — זאָגט זי און נעמט אַראָפּ די ברילן, ווי זי וואָלט מיך שוין האָבן גוט אָנגעקוקט און הערן האָט זי שוין אויך ניט וואָס פון מיר.

זאָג איך, ווייל סיי מיט די ברילן און סיי אָן זיי קוקט זי מיר אויס אי פרעמד אי האַרציק־היימיש: צום באַדויערן האָב איך מער ניט ווי דריי רובל און אַזוי פיל קאָן איך באַצאָלן, ניט מער. טוט זי ווידער אָן די ברילן און כאַפּט אַ קוק אויף מיר, גלייכצייטיק אויך אַ קוק אַריין אין איר פּושקין, טראַכט אַ ביסל און זאָגט אַזוי: אויב איר האָט נאָר דריי רובל, באַדאַרפט איר מיר צאָלן פאַרן ערשטן חודש נאָר צוויי רובל מיט אַ האַלב. וועט איר האָבן אייער אייגנס אַ צימער, כאָטש ניט גאַנץ ליכטיק. שלאָפט מען אָפּ די נאַכט אין צימער און מען שטייט אויף אין דער פרי, מוז מען דאָך האָבן אַ וואַרעם גלעזל טיי, זיסע טיי מיט אַ שטיקל ברויט. ניט אַזוי? וועט איר מיר צוצאָלן נאָך אַ האַלבן רובל אַ חודש, וועט איר יעדן אינדערפרי האָבן מיט וואָס זיך איבערכאַפּן דאָס האַרץ. מסכים? „אוודאי בין איך מסכים" — זאָג איך, נעם אַרויס דאָס דרייערל און באַצאָל.

לאָז איך מיך לויפן. פרעגט די בעל־הביתטע: וווּהין זשע לויפט איר אַזוי שנעל? זאָג איך: ברענגען מיינע זאַכן פון וואָקזאַל. די עלטערע פרוי דריקט איר פּושקינען נאָענט צום האַרצן און זאָגט: לויפט ניט אַזוי, יונגער־מאַן. ערשטנס, זאָגט מיר, למשל, ווער זענט איר? פון וואַנעט קומט איר? מן־הסתם זענט איר אַ טאַטנס אַ קינד. צווייטנס, און דאָס צימער ווילט איר גאָרניט אָנקוקן? ענטפער איך: ווער כ׳בין און וואָס כ׳בין, סאַראַ פראַגע? בין איך דען ווער און בין איך דען וואָס. כ׳בין נאָך לעת־עתה קיינער. און ווער ווייסט, צי וועל איך אַ מאָל וואָס זיין. און דאָס צימער... אָט גיי איך... איך קוק דאָס אָן.

כ׳איל. די בעל־הביתטע נאָך מיר, דאָס צימער איז טאַקע ניט גאַנץ ליכטיק. אָבער סע געפעלט מיר. זייער געפעלט דאָס מיר. דאָס צימער ניט גאַנץ ליכטיק, אָבער מיר איז אין די אויגן ליכטיק. אַ גרויס ליכט שלאָגט פון אָדעס. ס׳איז ווויל און גוט מיט אָדעס, מיט איר אַליין, מיט אירע גאַסן און גערטנדלעך, מיט איר רעש און געפילדער, מיט איר אַ גאַנצע וואָך יום־טוב, מיט די פאַרנומענע פנימער

פון אירע איילנדיקע מענטשן, מיט איר גרויסן פּאַרק, ים און שיפן, וואָס לאָזן זיך אַוועק אין דער ווייטער וועלט אַריין און קומען אָן פון דאָרט, מיט איר לאָזן אַזאַ איינעם ווי איך אַרומבלאָנקען זיך אין אירע גאַסן פוסט־און־פּאַס, וויפל דאָס האַרץ גלוסט. ס׳איז גוט מיט איר, ווען מען האָט בלויז זי און מער גאָרניט. אָבער נאָך ליבער און פריינטלעכער קוקט אויס אָדעס, ווען מען פאַרמאָגט דערצו אויך אָן אייגן צימער, אַ צוגעלאָזטע בעל־הביתטע, אַן עלטערע פרוי, אלמנה, קענטיק, וואָס זיצט אַזוי אָפטביים פענצטער און לעזט איר פּושקינען, דערצו כאָוועט זיך ביי איר אויף אַן אייניקל, זעכצניעריק, קענטיק, וואָס גייט אין דער שול, און קומט זי צוריק פון דער שול מאַכט זי לעקציעס. זי איז טאַקע שטענדיק פאַרטאָן מיט דאָס איריקע, מיט לערנען און מיט חברטעס, ניט זי זעט דיך און ניט דו האָסט נאָך אַרויסגערעדט אַ וואָרט מיט איר, אָבער דאָ איז זי דאָך.

ווען איך כאַפּ איצט ביים שרייבן אַ קוק צוריקצווועגס אויף יענעם אַמאָל אין דעם דאָרטיקן אָדעס, שפּיר איך אין מיר דעם טעם פון האָניק. דאָס איז געווען דער האָניק־חודש פון מיין לעבן. אַ חודש, וואָס האָט זיך געצויגן יאָרן. אָדעס איז געווען האָניק. זיס, זיס אָדעס. עס האָט געטריפט האָניק פון דיר, טייערע, פון דיינע ברייטע גאַסן מיט אויסגעשטעלטע בענק אין זיי, וואָס מאַכן זיי אַ פּנים פון לאַנגע קאָרידאָרן. און דו, אָדעס גופא, אַן איינזאַמל־הויז: אַרום און אַרום האָבן גערונען האָניק־רינוועס. פרויען־פּנימער האָבן געהאָניקט. טשעכאָוו, ניטשע, סטרינד־בערג, בייראָן און אַנדערע פּאָעטן און העלזעער, צו וועלכע כ׳בין צוגעזאָטן געוואָרן אין דיינע לייען־זאַלן, האָבן דאָס לעבן באַזיסט, כאָטש ווייטיקלעך גענאָגט. פרייע זיסע האָניק־ווינטן האָבן געבלאָזן פון איבעראַל. אַוודאי האָבן ניט אויסגעפעלט קיין קליינע זאָרגן. האָבן אויף חיונה איז אויך אַ זאָרג. זוכן און נישטערן אַלע מאָל נאָך אַ באַצאָלטע לעקציע קאָסט אויך מי און גאַנץ אָפט שפיכות־דמים. אָבער דאָס איז דאָך אַ קליינע אָפּקומעניש צוליב דעם אויסקומעניש. דאָס ביטערע, וואָס, אגב, שלינגט זיך גאָר גיך אַראָפּ, ווערט אויך האָניק־זיס. איך, דאָס מיינט מיר, איך און מיינס גלייכן אין יענע יאָרן זענען געווען אַ דור, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער קייט און געלעכצט זיך אַריינצורייסן אין דער ברייטער וועלט אַריין. מיר האָבן פאַרלאָזן איינגעזעסנקייט, זיך אָפּגעזעגנט מיט משפּחה, טראַדיציע און עדהדיקע זיטן, האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט, באָרוועסע און נאַקעטע, פונעם אַלטן שטייגער־לעבן, ווי פּאַקעלן פון אונדזערע נשמות־ברענענדיקע, הייסע און תמעוואַטע גלוסטונגען און פאַרלאַנגען, אין דער ווייטער פרעמד אַריין. די אַלטע וואַרעמע, צו־איבערגע־זעטיקטע היימישקייט איז געוואָרן שטיקנד, די פרעמדע ווייטקייט האָט געצויגן. אָבער דו, אָדעס, דו חנעוודיקע, אַליין אויך אַ באָרוועסע און נאַקעטע פון דורות־דיקער טראַדיציע, דו אָן ייחוס און גרויס־בלאָזעניש, אויפגעקומענע גבירהטע,

פלוצלונג־אויפגעוואַקסענע און צעוואַקסענע, האָסט אונדז לויפנדיקע, אַנטרונענע, אַפּטריניקע, אויפגענומען מיט אַ ליבער, כאַטש קילער, גאַסט־פרייגטלעכקייט. דו האָסט געזאָגט: כ'בין אַ גרויסער ים, פיש אין מיר גאָר אַ סך, אַלע וואַרפן זיך, שווימען, יאָגן זיך. דו, ניי־אָנגעקומענער, ביסטו דאָ — זיי. וואַרף זיך. טריפע, אויב דו קענסט. ווילסטו צוהונגערן — הונגער. יעדנפאַלס, ביסטו אַן אונדזעריקער.

האָב איך געטריפעט, זיך געוואָרפן און וואָס מער זיך אַריינגעאָדעסט, זיך באַמיט אַן אונדזעריקער צו ווערן. צוהונגערן באַדאַרף מען דאָך ממילא. האָט מען גאַנץ היפּשלעך צוגעהונגערט, אָבער געלעבט האָט מען, ווי גאָט אין אָדעס.

שרייבט זיך — באשרייבט זיך שוין, וואָס מיינט הונגערן אין אָדעס.

הונגער צו הונגער איז ניט גלייך. פאַראַן הונגער אַ וואָכעדיקער, אַ שוואַרצער, אַ קויטיקער און ווערעמדיקער, וועלכער באַשלאָגט מיט אַנגסטן, מאַכט דיך ביי זיך אַליין שפּלדיק, דו אין גאַנצן באַקומסט אַ מיתה־משונהדיקן קאָליר, דערביי הייבסטו ניט אָן צו פאַרשטיין, פאַר וואָס קומט דאָס דיר. לאָ די דו ביסט אויסגעהונגערט, ביסטו אויך ווי אויסגעפּאַטשט. גאָר אַנדערש איז אַ צווייטער הונגער, אַ ראָזעווער, אַ חנעוודיקער, אַ באַטעמטער, האָט רויטע בעקעלעך, קוקט אויס, ווי ער וואָלט האָבן אַרויסגעשפּרונגען פון אַ בשמים־פּושקעלע, אַזאַ מין הדסל, אַז וואָס מער מען רייבט דאָס, מער שמעקט דאָס. סע איז, אַזוי צו זאָגן, אַ הונגער, וואָס איז אַ לעקעכל מיט צימרינג און האָניק. איז גאָר קיין פראַגע ניט: למאי און פאַר וואָס הונגער איך? ס'איז אַ הונגער מיט אַ ייחוס־בריוו. ער געהערט צום עצם הענין פון נאָבעלקייט, פון דעם קאָפּ האַלטן אין דער הייך, פון פויגל־פריי זיין. ער איז אַ טייל פון דעם געשענקטן גליק פון גאָרניט האָבן. סאַראַ מחיה ס'איז גאָרניט האָבן, אָבער גאָר־גאָרניט, טאַקע ממש גאָרניט. גאָרניט האָבן איז דאָך די אמתדיקע עשירות. און מיט אַזאַ אוצר פון גאָרניט־האָבן האָט מען געקענט זיך אַרומטראָגן נאָר אין דער ליבער און האַרציקער אָדעס. מאַמע־אָדעס האָט אויך די פראַנק־און־פרייע גאָרניט־האָבערס מיט ליבע אַרונטערגענומען אונטער איר פאַרטעך און זיי געצערטלט, געלאַשטשעט זיך צו זיי, געהאַלדזט און געקושט זיי מיט אירע דרום־דיקע וואַרעמע שטראַלן, מיט אירע זיסע קוים־קוים שפּירנדיקע האָניק־טריפנדיקע ווינטעלעך, מיט אירע הפקרדיק־אַצילותדיקער באָרוועסקייט, מיט אירע שאָפּענע קעזן, זאַפטיקע באַרן, וויניקע עפּל, ווייפערלעך, טרויבן, כאַלוואַ, באַקלאַוואַר, קאַרשן, ווייַנשל און פרוכטן, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן צו איר מיט די באַנען און אויף שיפן פון ווייט און נאָענט און געקאָסט האָבן זיי שפּאָט־ביליק. אַפילו אַ גאַנץ קליינער פאַרדינער האָט געהאַט אַ גאַנץ יאָר מיט וואָס צו דערהאַלטן די נשמה און לעבן ווי גאָט אין אָדעס.

הונגער צו הונגער איז ניט גלייך. אָבער די דאָזיקע תורה האָב איך אויס־

געלערנט ערשט העט שפּעטער, נאָך דעם, ווי כ'האָב יאָרן אָפּגעריכט גלות ווייט פון אָדעס. עטוואָס לערנען קאָסט רבי־געלט. כדי צו פאַרשטיין ווי געהעריק אײן מענטש, מוז מען מען תחילת ווערן אויסגעפּאַטשט דורך אַ היפּש ביסל מענטשן, און וויל מען אַ שטאָט קענען לערנען, זאָל מען זיך גוט אויסוואַלגערן אויף אין אַ סך אַנדערע שטעט. דער אמתדיקער טעם פון אָדעס, אַלע אירע חן־פּינטעלעך, איר נשמה יתירה, אַזוי צו זאָגן, זיינען צו מיר נתגלה געוואָרן גאָר־גאָר שפּעטער, מיט יאָרן, נאָך אַ לאַנגן וואָגל אין דער ווייט. נאָר די ווייט מאַכט אונדז קלאָר די נאָענט.

אָדעס איז, פּשוט גערעדט, געוועזן אַ ליבע און האַרציקע שטאָט. ווי נאַיוו זיינען געוועזן די השגות דעמאָלט ביי אונדז אין די שטעטלעך, און ווי גרויס זיינען געוועזן אונדזערע גוזמאות. אָדעס — אַ כרך, אַ קאָכיקער קעסל, אַ גיהנום. און זי גאָר כמעט אַ צנועה, אַ צוריקגעהאַלטענע, אַן אָפּגעהיטענע, אַפילו איר גערויש איז געדעמפּט. סע לאָזט זיך זאָגן אויף איר, אַז זי איז אַ גרויסע קליינשטעטלדיקע שטאָט און כאָטש זי איז זייער יונג, אָן ייחוס און טראַדיציע, אַ שטענדיק וואַקסנדיקע, שפּרינגט זי ניט אין פּנים אַריין מיט איר שטאַרקן וואַקסן. זי וואַקסט ניט ווי אויף הייוון. זי איז ניט, ווי אַנדערע אויפגעקומענע גרויסע שטעט, וואָס אַלץ וואַקסט אין זיי גיך, ווי קראָפּעווע. וואָס זי איז, איז זי, אָבער סטאַטעטשנע איז זי. זי האָט אַ סך מעלות און אויך אייניקע פון אירע חסרונות האָבן מעלות. קודם־כל האָט זי אַ ים. אַנדערע שטעט האָט דער ים זיי. דער ים נעבן זיי איז דער כל ולך און זיי גופא זענען בלויז אַ צוגאָב, אַ פוס־בענקעלע צו אים, דעם אדון הגדול. דאַקעגן אָדעס, וואָס האָט אַ ים, איז אויך פאַר זיך אַ מיוחסת. זי איז יונג און שמייכלענדיק, ייחוסט זיך ניט מיטן ים, נייערט מיט זיך; מאַכט ניט קיין ימישע העוויות. זי פאַר זיך איז טאַקע בלויז שטאָט, גאַס, גאָרטן, פּאַרק, פרייע לופט, וואַרעמע, טרוקענע, האָניק־זיסע ווינטעלעך, יוגנט, יונגוואַרג, שטילער וווקס, מער פאַרווײלונגס־אָרט ווי האַנדלס־צענטער. יום־טוב אין איר און אַ לייכטער חול־המועדדיקייט שוועבט איבער איר. ווילט איר, איז זי אויך ים, אָבער איר ים איז ניט קיין וואָכעדיקער האַנדל־וואַנדלדיקער ים, נייערט אַ ים אַ צאַצקע, אַ תכשיט, מיט אַלע חן־פּינטעלעך פון דער יבשה, מיט הויכע פעלדזן אַרום און אַרום אויף זיי צו קלעטערן, אויסקוק־פּונקטן, צו וואַרפן בליקן־מחשבות אין דעם היכל הרעיונות. אָדעס איז אינזיכטיק, אָבער דורכזיכטיק, איכיק און דאָזיק באַגלייך. זי וואַקסט, אָבער מיט טאַלק, זייער פּאַמעלעך. שטעט וואָס וואַקסן צו שנעל, פאַרלירן זייער פּנים, אָדער קומען קיין מאָל ניט צו אַן אייגענעם פּנים. זיי שווימען און האַלטן אין איין מיניען זיך. קאָן מען אַזעלכע שטעט ליב האָבן? ליב האָט מען אַ פּנים. מען טייעט אויף פון אַ צורה, אַפילו זי איז ניט שיין, אָבער זי איז זי, אַלע מאָל זי, און טאַקע זי, סע קאָן גאָרניט געמאָלט זיין, אַז עס איז פאַראַן נאָך איינע אַזאַ ווי זי.

אָדעס איז אַלע מאָל געווען זי און נאָר זי, אויף אַ שפּרינקעלע ניט ניט־זי. אַנדערע שטעט האָט מען אויך געליבט, אָבער אין אָדעס איז מען געווען פאַרליבט. אַ געליבטע שעצט מען און מען אַכטעט אויך אַלע אירע קרובים, פריינט און גוטע פריינט, אַלץ וואָס איז געקניפּט מיט איר און וואָס טויכט אַרויף אין זכרון צוזאַמען מיט איר. אָדעס, אָדעס, מיר זיינען געווען איינגעליבט אין דיר. דעריבער האָבן מיר, אַלע דיינע איינוווינער, רייך־מענטשלעך געקלעפּט איינער צום צווייטן, ווי מיר וואָלטן זיין אין עפּעס אַ קרובהשאַפט, גליד־גליד־שוועסטערקינדער. אָדעס איז געווען אַ שטאָט פון סאַמע שוועסטערקינדער און פון גלאַט גוטע פריינט. פריינט און גוטע פריינט זיינען איינער דעם צווייטן מוחל שטיקלעך עוולות און שוואַכקייטן, כאָטש מען ווייסט איינער, וואָס ביים צווייטן טוט זיך, קומט מען ניט מיט קידער־ווידער און מען באַוואַרפט ניט מיט פאַרשנדיקע בליקן. גייט איינער אַרום גאַנצע טעג אָן אַ שטאָך אַרבעט — גייט ער. קיינער זאָגט אים ניט קיין דעות און האָט צו אים קיין טענות ניט. נעמט איינער אין מיטן העלן טאָג, ווען די אַרבעט זידט, און גייט זיך אַוועק באָדן — זאָל ער. וויל ער אָפּזיצן אויפן לאַנזשעראָן ביים ים שעהען אויף שעהען, קוקן אויף פייגל־פלי, אָדער כוואַליעס־לויף — איז דאָס ביי קיינעם אין די אויגן ניט משונהדיק. וויל עמעצער גאַנץ חנעוודיק, שבת־יום־טובדיק, צוהונגערן, ווייל אים גלוסט זיך אַזוי און ווייל דאָס גאַנצע וועלטישע האַוועו האָט ביי אים אַ פּנים פון חוזק, איז מען בפירוש אין אים נוהג כבוד. אָדעס איז גוטמוטיק און ברייטהאַרציק. זי לאָזט לויפן יעדן אויף זיין שטייגער. אין אָדעס מעג מען אויך אַרומגיין אַ פאַרחלומטער, זיין אַ ליידיקגייער און שלימזל און אַ טויגעניכץ און אַ הפקר־מענטש, און דאָך איז מען אַ מענטש מיט לייטן גלייך. ניט־זיין קיין פאַרדינער איז ניט קיין פלעק, נייערט אַ חן־פּינטל, אַ קלוגער אָנשטעל, אַ מין פירן באַלע־באַטישקייט אויף אַן אייגענעם שטייגער. איינער איז אַ שניידער, דער צווייטער אַ שוסטער, אַ בעקער, אַ דאָקטאָר, אַ סוחר, אַ סטודענט, אַ פּאָרט־אַרבעטער, אַ טרעגער, אַ וועגעלע־שלעפּער, אַ קאָנדוקטאָר אויפן טראַמוויי, האָט אַ רעסטאָראַן, שרייט אויס צייטונגען צום פאַרקויפן, און איינער איז אַ גאָרניט־טוער, גייט אַרום אַ פאַרטראַכ־טער, באָדט זיך אין ים, זיצט גלאַט אַזוי אויף אַ באַנק אין מיטן דערינען אויף דער גאַס און וואַרט אויף אַ צופעליק פאַרבייגייענדיקן באַקאַנטן, צו כאַפּן מיט אים אַ שמועס — אַלץ איז אַן עסק, אַן אויפטו. יעדנפאַלס, אַן אָדעסער איז ער, אַן אונ־דזעריקער.

ווען אַ דאָרטיקער דערקלערט, אַז ער איז אַן אָדעסער־געבוירענער, קלינגט דאָס שטאָלץ און אויך פויגל־פריי. רעדט זיך דען בלויז וועגן אָדעס? ניט ווי עס שרייבט זיך לעבט זיך. ווען כ׳זאָג אָדעס, מיין איך איינע אַ שטאָט אין יענע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַ תמימותדיקער שלייער פון כי־טוב, אַי

גוט, מחיה־גוט, איז געווען אויסגעשפּרייט איבעראַל, אויף שטעט און אויף מענטשן. פאַר מיר און מיינס גלייכן איז דער יאָרן־לאַנגער האַניק־חודש אויסגעפאַלן גראָד אין אָדעס, די שטאָט פון יוגנט, פון פרילינג, פון טאַנצן און שפּרינגען אין דער לופטן; פון מחדש זיין אַלע טאָג אין די גאַסן, אין די פּאַרקן, ביים ברעג ים, די זון און די לבנה און די שטערן, דיביימער און אַלע מענטשן; די שטאָט פון חלומען, פון שפּאַצירן־גיין און פון שיינע שמועסן.

איז טאַקע דער עיקר־מיין פון מיין אויפשרייבן אָט אָ די קורצע און שיטערע קאַפּיטלעך, וועלכע זיינען בלויז אַ בלאַסער אָפּשיין און האָבן אַפילו ניט די מינדסטע העזה אָפּצושפּיגלען דאָס ווינציקסטע פון דעם באַזוניקטן און אויסגעשטערנטן אַמאָל — נאָר אין חלום האָבן פּרעהס מאָגערע קי איינגעשלונגען די פעטע — איז טאַקע דער עיקר־מיין, צו דערמאָנען, אַז אַ מאָל איז געווען... אַ מאָל איז געווען דאָס, וואָס היינט איז ניטאָ. דאָס שיינע מענטעלע, וואָס איך און מיינס גלייכן האָבן אָנגעטאָן אָדעס, פּאַסט זיך אויך צו יעדער אַנדערער שטאָט פון דעם כדור הארץ, וואָס האָט געבליט און אירע הימלען האָבן געבלויט אין יענע אַמאָליקע, פאַר־מלחמהדיקע יאָרן.

אָדעס איז געווען אַזוי, וויל די גאַנצע וועלט איז דעמאָלט געווען אַזוי. אָדעס איז געווען קליין־גרויסשטאָט, היימיש, אינטים, יום־טובדיק, און אַזוי איז געווען די גאַנצע וועלט. מענטשן האָבן צווישן זיך אינטימע באַציונגען, ווען שטעט זענען אינטים, און שטעט זענען אינטים, ווען די וועלט איז אינטים.

גוט אָדער שלעכט, ווער־מען גוט און וועמען שלעכט, אָבער די וועלט איז ניט שלעכט, ניט פאַרביסן. איז אינטים. חלומות און קושן און גוטע ווונטשן האָבן איבעראַל געבליט. וואָס געזנוי מיינט אַן אינטימע וועלט, לאָזט זיך ניט קורץ פאַר־טייטשן. סימנים זיינען פאַראַן פאַרשיידענע. דערמאָנען ווילט זיך בלויז אייניקע. אין אַן אינטימער וועלט, ווער עס קומט און וווהין מען קומט, איז מען דאָ. מע דאַרף ניט זיין קיין שטענדיקער נכתב. מע באַדאַרף זיך ניט אַלע מאָל פון ערגעץ אויסשרייבן און אין ערגעץ זיך אַריינשרייבן. מען איז מער מענטש ווי בירגער. זיין בלויז אַ מענטש איז שוין אויך אַ פיינע עובדה. גייט מען יאָ אין שפּאַן, גייט מען ניט, אָבער גיין גייט מען. ניט מען שטופּט איינער דעם צווייטן און ניט מען מאַכט אַ וואָרע איינער פאַרן צווייטן און מען דערלאַנגט עליות איך דיר און דו מיר, נייערט מען איז צוזאַמען. מען איז ממילא אַלע אין איינעם, ווי אויך יעדער אייינציקער איז פאַר זיך ממילא באַזונדער. יחיד און כלל זיינען זיך ניט קיין דם שונאים. דאָס לעבן איז ניט קיין לייטער צום דראַפּען זיך. ס'איז אַ וויג, אַ וויגליד, ס'איז אויך אַ מאַמע, וואָס פאַרוויגט. ס'איז אַ פּלאַץ פאַר טרעפעניש, ניט פאַר צוזאַמענשטויסן, פאַר באַגעגעניש, ניט פאַר זיך צו אַנטקעגנען. אַ גרויסער שמייכל־בוים איז פאַר־

פלאַנצט איבעראַל. אויגן קוקן, בלישטשען, פאַרקוקן זיך, דערקוקן ניט, און ניט זיי לאָקערן, פנימער ליכטיקן זיך, זעען אויס אַ מאָל פאַרוואָלקנט, אָבער ניט זויער און שטאַרק פינצטער. זיצט אַ מענטש, ווו ער זיצט, קומט אַ צווייטער און זעצט זיך צו צו אים, איז דאָס גאָרניט פריקרע. גראָד פאַרקערט, ס׳איז אַזוי, ווייל אַזוי איז דאָס דאָך. פון קדמוניות־אָן איז דאָס אַזוי. פון איין טייג געקנאָטן, די זעלבע נשמה חיה. אַפילו אָט אָ דער פאַרטייטש איז איבעריק, משונה פריקרע. אָן אינטימע וועלט איז זי, ווייל אַזוי איז זי. פון זיך איז זי אַזוי. פון יעדן מענטש, וואָס אָטעמט איר לופט, איז זי אַזוי. אינטימע וועלט מיינט, אַז די לופט איז אינטים.

נאָך איין הויפּט־סימן, וועלכער איז געווען פאַר מיר און מיינס גלייכן אין יענע יאָרן — און אפשר איז דאָס טאַקע אַזוי איבעראַל און שטענדיק — דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל, די שיינע געוווינהייט זיך אויסצושמועסן. ווייל איך ניט מיין אמת פאַרשווייגן: ביז איצט איז פאַר מיר דער שמועס אַ צייכן פון חנעוודיק לעבן און פיינער מענטשלעכקייט. אין אַ גוטער און אידעלער, אינטימער וועלט זיינען פאַראַן גוטע, אידעלע און פיינע שמועסערס.

שמועס צו שמועס איז ניט גלייך. שמועסן אין דעם גוטן זינען מיינט ניט זיך דורכשמועסן מכוח אַן ענין, נייערט גראָד פאַרקערט, זיך אויסשמועסן אָן אַ שום ענין. על־פּי טעות טראָגט יעדע געריידעריי דעם נאָמען פון אַ שמועס. מען אונטער־האַנדלט, מען פאָרשט אויס איינער דעם צווייטן, מען הרגעט צוזאַמען אַוועק די צייט מיט פוסטע, שיינע אָדער נישט־שיינע דיבורים, מען פירט הייסע וויכוחים, מען אַמפּערט זיך, מען רייסט זיך, מען וויל איינער דעם צווייטן אַריינקלאַפּן אין קאָפּ אַריין זיין מיינונג, מען וויל איבערצייגן, מיט קלוגערישע ווערטלעך איינער דעם צווייטן איבערשטייגן, איבעראַשן מיט אַ שפּאָגל־ניי, כאָטש זייער אַלט, אור־אַלט גלייכווערטל, מען שרייט זיך איבער, מען פאַרווילט זיך און מען לאַנגווײלט זיך — און דאָס אַלץ טראָגט דעם נאָמען שמועס. אָבער הייסט דאָס שמועסן? אַרויסנעמען איינער ביים צווייטן די נשמה איז אַ שמועס אַזאַ? ריידן, ריידן און צו גאָרניט זיך דערריידן הייסט זיך אויסריידן, אָדער אַפילו פון זיך אַראָפּריידן? האָבן מיר זיך שוין אַזוי ווייט פאַרלערנט און אַנטוווינט געוואָרן פון דעם עכטן, זויבערן, האַרציקן און אינטימען שמועסן, אַז מיר וויסן שוין ניט זיין באַדייט? ווייל איך פּרובירן זיך דערמאָנען אין דעם מענטשלעכן דורכשמועסן און זיך אויסשמועסן, ווי אין אַן אויסגעגאַנגענעם שיינעם חלום.

ריין־מענטשלעך שמועסן איז אַן ענין, וואָס איז כולו אַצילותדיק, גאָר כשר, אָן אַ צוליב־וואָס. מען באַמיט זיך ניט עטוואָס אַרויסצובאַקומען, קיינער פון די צדדים וויל דעם צווייטן ניט בייקומען. ניט עס ווערט וואָס געמאָנט און געפאָדערט, כל שכן ניט אויסגעפאָרשט. אויך איז ניטאָ די מינדסטע כוונה אַראָפּריידן פון

האַרצן, כדי פון זיך אַראָפּוואַרפן אַ משׂא פון פּאַראַיבל אָדער זאָרגן אויף יענעמס פּלייצעס. מען שמועסט, ווייל סע שמועסט זיך.

ס'איז אַ פרייד אַזאַ, וואָס באַפאַלט אונדז אין איינער אַ זעלטענער געלייטערטער שעה, צו עפענען טירן און טויערן פון דער נשמה פאַר איינעם אַן אויסדערוויילטן. אַ מאָל גאָר אַ ווילד־פרעמדן. איז דען נאָך פאַראַן אַ גרעסער פאַרגעניגן, ווי מקיים זיין הכנסת אורחים מיטן גייסט, מיט דער אינערלעכער וועלט, מיט דעם אָנגעלויף פון מחשבות, מיט דעם ווירוואַר פון לעבנס־זאַפטן, מיט די אויפבליצנדיקע זכרונות, מיט די שוימענדיקע בילדער און זעענישן, אויפרייסנדיקע שמחות און שטילע ציטערנישן? שמועסן איז ניט נעמען, נייערט געבן, שענקען, שטיקער אייך אַוועקשענקען. חלילה ניט וועלן משפּיע זיין. השפּעה איז שעדלעך, צודרינגלעך. זי איז צוואַנג און דראַנג. זי איז אויך שוים, פאַרפּלייץ, אין יענעמס זיך אַריינרייסן. גאַנץ אָפט איז זי פּשוטע גאווה, אַ מין זיך אויסשטעלן און מאַכן אָנשטעלן, צודריקן וועמען צו דער וואַנט. קומט מען צו דעם לויטערן שמועס, איז אויס ווענט, אויס איך און דו. ניטאָ מער צוויי. ניט מען שמועסט אַריין אין יענעם, נייערט מען שמועסט פון זיך אַרויס. טאַקע ווי דער פויגל זינגט, און ווי דער בוים גרינט, און ווי דער קוואַל ריזלט, און ווי די זון שיינט, און די לבנה לייכט, און דער הימל איז בלאָ, און ווי יעדע באַשעפעניש קוקט אונדז אין די אויגן אַריין, ווי זי וואָלט מכריז ומודיע זיין: איך בין דאָ. ווילן דען בוים, קוואַל, גרין־גראָז און כוואַליע וואָס? זיי ווילן זיין. זיי זיינען. מן־הסתם פרייען זיי זיך, ווייל זיי דערפרייען אונדז. אָט אַזוי איז אַ שמועס. אַ צעגאָסענע פרייד, אַ פאַרקנסונג פון צוויי נשמות, אַ צוזאַמענגיין פון צוויי גייסטער צו דער חופּה. אין אַ גליקלעכן צוזאַמענטרעף פון צוויי, וועלכע גיבן זיך איבער גרוסן פון באַהאַלטענע ווינקעלעך אין זייערע נשמות, ווערט געבוירן אַ שמועס, וואָס איז אַ געשעעניש, אַ שטיק נס.

האָט שמועס אַ תוך? ער גופא איז תוך. זיין עצם איז התגלות. זיין מהות — וועלט־שאלות. גייסט איז זיין בלוט. מענטש זיין טיפער זין. גאָט זיין איינגעהילטע קרוין. ליבע זיין לוין. אמת זיין טרוים. שיין איז זיין מיין, וויט־ווייטער אָפּשיין — זיין זיין. דורך לויטערער באַהעפטונג ווערט ער מלא־חן. אַ טאָגבוך שרייבט אַ מענטש איינער אַליין. אין אַ שמועס שרייבן אים צוויי זאַלבענאַנד, ווי מיט איין האַנט. שמועסן הייסט לעבן. נשמה־פעדעם וועבן. כשרע סודות זיך אויסזאָגן איינער דעם צווייטן. הער דו — דו מיינט איך — וואָס איך דענק — דענקען מיינט שטרעבן, לעכצן, בענקען — וועגן גאָט, וועלט און מענטש, פרוי און קינד, ליבע און פריינטשאַפט, משה רבינו, בודא און קאָנפוציוס, פּלאַטאָ און ווער נאָך... ווער נאָך ניט? פּיל, פּיל פון זיך אַרויסזאָגן. אַ האַרציקער שמועס איז גייסטיקער כיבוד מיט דער ברייטער האַנט פון דער סאַמע טיף. אַ האַרציקער שמועס איז אַן אויסזאָג און אויס־

דערצייל פון אַ סוד פונעם מענטשלעכן חדר, וואָס, ווייל אַרויסגעזאָגט, ווערט ער נאָך סודותדיקער און פאַרשטעלטער.

אַ שמועס איז אַ זעלטנהייט. ער איז אַלע מאָל איינמאַליק. עס שלאָגט פון אים אַ פרייד, וואָס איז איבערראַשנד. ניט צום גלייבן. האָט דאָס באמת פאַסירט? עס בענקט זיך נאָך אים לאַנגע טעג און אַ מאָל טאַקע יאָרן. אָבער ניט מיט בענקען קאָן מען אים אויסבענקען. ער איז אַ ברכה, וואָס פאַלט אויס נאָר אין יענע געראָטענע, אפשר מעג מען זאָגן גליקלעכע תקופות, וואָס זיינען אַזוי זעלטן אינעם דורות־וואַנדל, איבער וועלכע סע רוט די שכינה פון חנעוודיקער מענטשלעכקייט, און דאָס וואָרט איז איינגעהילט אין אַ שלייער פון קדושה.

ווען וואָרט איז קיי און שפיי, זאַץ איז ערזאַץ, געזאָגט איז ממזר, גערעדט איז ווינטן־בלאָז, איז מענטש אויך אַ גאָרניט מיט אַ נישט און עולם־הדיבור טאַקע ממש הפקר. גערייד איז אַפילו ווייניקער פון בלעטער־פאַל אין האַרבסט; שמועסן הייסט פּלאַפּלעריי, אָפּנהאַרציקייט, ווי אויך אָפּנשכלדיקייט — עכטע נאַרישקייט. אַלע מילכן ווערן געריננען, האָניק ווערט ביטער, ווייַנען עסיקן זיך, פאַרשוועכט ווערט אַלץ, וואָס ס׳איז הייליק, סע פאַרקויטיקט זיך דער נשמה־תמצית. מיאוס און נמאס ווערט איינער דעם צווייטן און יעדער איינער זיך אַליין. עס ווידערהאַלט זיך אָן אַ שיעור אַ משוגענער בת־קול: אויס מיטן וואָרט. אַ כפרה אַלע דיבורים. מיט זאָגן און ריידן שאַפט מען ניט קיין גן־עדן. לעבן זאָל דער טאַט. געבענטשט זיינען נאָר די מעשים. אַלע ווערטער זיינען ווינטיאַגעניש, נישטיקייט פון נישטי־קייטן. און ווייל מען זאָגט אַזוי, ווערן די ווערטער אַליין טאַקע, ווי אין קהלת שטייט, מיד, אָפּגעלאָזן, פאַרחלשטע, טויטע פישלעך אויף דער טרוקעניש. נאָך ביטערער: זיי ווערן אויסגעלאַכט, שפּלדיק און דערנידעריקט. אַ בזיון אַ וואָרט צו זיין, כ׳לעבן. צו שפּאָט איז אַ שמועסער.

אַנדערש זיינען געווען יענע צייטן, ווען גאָט האָט געלעבט אין אָדעס און מענטשן האָבן געלעבט ווי גאָט אין אָדעס. אַנדערש זיינען דעמאָלט געווען די השגות וועגן וועלט, מענטש און וואָרט. וועלט איז ניט געווען בלויז אַ יאַטקע פון מעשים עובדות, פאַקטן, און מענטש איז ניט געווען פאַראורטיילט בלויז צו טאָן און טאָן. וואָרט איז אויך געווען אַן עובדה. וואָרט איז געווען אַ פלאַם אין האַרצן און אַ ברענענדיקע קויל אויף דער צונג. הערצער האָבן געלעכצט נאָך אַן ערלעכן זאָג און אַן אמתדיק וואָרט. מען האָט געגלייבט, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך אַ זאָג און ווערטער בויען וועלטן. מיט אַזאַ אמונה אין האַרצן האָט געקענט געשען, כאָטש גאַנץ זעלטן, דער נס פון פאַרקניפּן אַ שמועס, וואָס פאַר־בינדט און פאַרשוועסטערט צוויי נשמות, אַזוי, אַז גאָר פּלוצלונג ווערט דער איינצלנער געוווירר, אַז ער איז גאָרנישט אַזוי איינצלדיק און איינזאַם, זיין געברויז

ברויזט אויך ביי נאָך איינעם. וואָס אין אים ברענט און בראָט, איז אַ געברענעריי און געבראָטעריי אויך אין אַ שוועסטער־נשמה.

זאָגט מען ברענען און בראָטן — קומט באַלד אויפן זינען דער גיהנום. ווי אַלט־מאָדיש דאָס איז, געברענט און געבראָטן ווערט ערשט מיט אַן אמתן אין גן־עדן. ווי שווער ס'איז צו טראָגן אין זיך אַ גן־עדן פון אַ ברויזנדן שכל, אַ צעהיצטן גייסט און פאַרשיכורטע נשמה. אויסצושטיין אַזאַ גן־עדן קאָן מען נאָר, ווי עס איז, אין אַ צייט, ווען דער שמועס־גן־עדן איז חי־וקים. אַפילו אין אַזאַ צייט איז דער שמועס־גן־עדן זייער זעלטן אָפּן. גן־עדן שטייט קיין מאָל ניט אַן אָפענער און צעפראַלטער. גן־עדן איז ניט אָפּן. אים מוז מען אַלע מאָל פון דאָס ניי עפענען. אויף גן־עדן דאַרף מען שטאַרק האָרעווען. צו אים מוז מען זיך רייסן. אים דאַרף מען אויסבענקען. אים מוז מען שטענדיק כאָליען, גלעטן, פּיעשטשען, האַלדזן און אויסקושן זיינע ביינער. יאָ, זיינע ביימער, אין אַלע פלאַטערן און ציטערן. געוויס צעעפנט ער זיך ניט בלויז מיט וואָרט. וואָרט האָט כוח, ווען ס'איז דאָ דערביי אַ ניגון. אַ שמועס אויפן קול פאַרמאָגט ממשות, ווען צום קול און פונעם קול הערט זיך אַ שטיל פליסטערן.

שמועסן הייסט אויך שושקען זיך, איינרוימען אַ סוד אויף די נשמה־אויערן. וואָס, מישטיינס געזאָגט, האָט אַ באַדייט קול אָן דממה דקה? אַ גן־עדן אָן שטילקייט און אויפגעעפנטע פאַרהוילנקייטן, וועלכע ווערן דורך דעם נאָך מער איינגעהילט אין פאַרשוויגעניש, איז ניט מער ווי אַ גאָרטן פון שפּילרייען, אַ פאַרוויילונגס־פּלאַץ. ווי אומאַנגענעם ס'איז דאָס וואָרט שפּיל! ווי קרעציק ס'איז דאָס וואָרט פאַרוויילונג. מיט יעדן פאַרוויילן ווערט טיפער און געזינקענער אונדזער פאַלן. פאַרוויל איז געאייל, אַנטלויפן, דער סוף פון אַלע סופן. אין דעם שמועס־גן־עדן, ווער ס'איז זוכה, עפנט זיך פאַר אים אַ פענצטער, אַ פאָרטקע, אַ שפּאַרינקעלע אין דער האָניק־טריפנדיקער אומענדלעכקייט.

איין מאָל, זיצנדיק אַזוי אָן וואָס און אָן אַ פאַרוואָס, אפשר פאַרטראַכט, אפשר פאַרטומלט אָדער פאַרטייעט, האָט מיך ווי אַ ברי געטאָן אַ שטראַל פון יענער אויסגעלאָשענער זון, וואָס האָט באַלויכטן דעם פאַרלוירן־געגאַנגענעם שמועס־גן־עדן, אין וועלכן אויך איך האָב געהאַט גליק. אַ וואָרף טאָן אַהין מיין בליק, דעמאָלט, ווען איך אין אָדעס האָב געלעבט, ווי גאָט אין אָדעס, האָבן מיך מחשבות אַזוי פאַרכלינעט, אַז כ'האָב מיט אַ מידער האַנט אַ שרייב געטאָן אָ די פאָר קורצע און שיטערע קאַפּיטלעך, צוויי, דריי בלעטער פון דעם וויי־בוים.

יעקב פרידמאַן

פון עוזיס טאגבוך

א

צי חלומט דער זאָמען, אין ערדענע טיפן פאַרבאָרגן,
פון בוים שוין?
צי זעט ער אין טרוים שוין
זײַן צײַטיקע מראה פון מאָרגן?

מיר דוכט: שוין אין טראַכט פון מײַן מוטער
האָב איך געזען זיך — אַ קריגער, אין פאַנצער פון קופּער,
אויף אַ בופל־אָקס, פון פײַער געשמידטן.
איך בין דורכן שטורעם צום שלאַכטפעלד געריטן.

איך געדענק אַזאַ נאַכט אין מיין קינדישן חדר:
איך ליג אין מיין בעט, אַ קנויל פון דערוואַרטונג־געציטער.
איבערן ים, פאַר מיין פענצטער, רײַט דער גאָט פון געוויטער
און עס הודזשען, ווי גלאָקן, די בראָנדזענע רעדער
פון זײַן פײַער־קאָטש, געפלאָכטן פון בליץ און פון דונער.
אַזאַ קריגס־געיובל כוואַליעט דורך די וואַסער־חילות.
פון פאָרוים רײַט דער האַר פון געוועסער.
ס׳איז קריגס־נאַכט! און איך? וואָס וואַרט איך אין הויז
אונטער פאַרריגלטע שלעסער?
צי בין איך קיין קריגסמאַן? ווער וועט חילות צום נצחון דאָ פירן?
איך ציטער פון קאַמפּלוסט און פראַל אויפעט די טירן.

ב

איך געדענק יענע נאַכט צווישן כוואַליקן
קריגספאָלק אויפן ווילדן כנרת:

איך זיץ אויף מײַן לאָטקע. און אַנטקעגן —
דער גאָט פון סכנה און תפארת.
שוין אין יענער נאַכט,
צווישן שטורעמדיקע שלאַקסן,
האָט מיין קינדער־האַרץ דעראַנט,
אַז סכנה און שיינקייט
זענען ווי אַ צווילינג צוזאַמען געוואַקסן.
איך זיץ אין מײַן שיפל און אַרום מיר די כוואַליעס,
ווי קנעכט, וואָס פאָלגן דעם גזר פון אַ קעניג.
כוואַליעס זענען אַ פאָלק אַזאַ,
און ס׳איז דאָס פאָלק מיר אונטערטעניק.
איך שווים מיט נצחון צום ברעג און מיר אַנטקעגן
שפּאַנען שרײַענדיקע מענטשן מיט לאַמטערנס אין מאָכיקן רעגן.
זיי שפּאַנען און רופן מיין נאָמען אין טויבקייט פון נאַכט.
— עוזי — רופן זיי — עוזי, און עוזי, דער דרײַצן־יאָריקער,
שפּרינגט פון זיין קריגס־שיף און לאַכט.
איצט שטייען די מענטשן אַרום מיר, מיט לאַמטערנס און ווינט.
און צווישן זיי — מיין פאָטער, נעבעכדיק, דערשראָקן און קליין.
— עוזי — רופט ער — עוזי, מיין קינד!
און ער ברעכט אוים אין געוויין.
סאַראַ שאַנד, מײַן פאָטער וויינט!
ווי אַ ייִנגל שטייט ער אין פעלדז אַנגעלענט
און זײַן קליינער מאָגערער גוף טרעסעט פון שרעק:
— עוזילע, אין אַ נאַכט אַזאַ, אַליין, אין מיטן ים, ווײַט פון ברעג?
וואָס זאָל איך ענטפערן מיין פאָטער? וועט ער באַנעמען די פּראַכט פון סכנה?

מיר דוכט: איך בין אַ ווילדע לאַכנדיקע לבנה,
וואָס האָט אַרויסגעריסן זיך פון צווישן כמאַרע־לייבן...
וואָס זאָל איך רעדן צו מיין פאָטער, וועט ער דען גלייבן,
אַז עוזי לערנט זיך איינגעמען די וועלט, ווי אַלעקסאַנדער פון מאַקעדאָניע?

ג

ווי אַזוי איז מײַן מוטער, די ים־מלכה,
אַ ווײַב צו מײַן קליינעם פאָטער געוואָרן?

מײַן מוטער איז אין מיטן ים
אין אַ שטורעם־נאַכט געבאָרן.
ס׳האָט מײַן באָבע אויפֿן זיידנס פֿישער־שיף,
אין מיטן געוויטער, ביינאַכט,
אויף אַ באַרג מיט פֿישער־נעצן,
אַ בראָנדז־האָריק מיידעלע דער וועלט געבראַכט...
האָלט האָב איך, פֿאַרנאַכט־צײַט,
ביים ים זיצן און לוישן
צו די מעשׂות, וואָס פֿישערס דערציילן.
די כוואַליעס קלינגען און רוישן.
נאָר די פֿישער־מעשׂות שרײַען איבער דעם ים.
זיי רייכערן פֿון הילצערנע ליולקעס
און דער רויך, ווי אַ פּאַנצער,
שמידט צונויף זיך מיטן טומאַן.
מיט אַ מאָל באַווײַזט זיך מײַן זיידע,
ער שפּאַנט דורכן דעמער, ווי אַ באַלאָדענער קעמל,
פּאַמעלעך און זיכער: גוט אָוונט, זאָגט ער,
און זעצט זיך אין מיטן געזעמל.
אויך ער פֿאַררייכערט זײַן הילצערנע ליולקע,
צעבלאָזט דעם רויך אין דער זילבערנער נאַכט:
— עווי — זאָגט ער — זײַ ווייסן, עווי, דאָס לעבן איז אַ שטענדיקע שלאַכט
און פֿאַר דיר איין ברירה: געווינסט אָדער פֿאַרשפּילסט דעם קאָן!
דעם דאָזיקן אַביי ורבא האָט מיך געלערנט אַ קאָזאַק, אין ראָסיי, ביים דאָן.
ערשט שפּעטער, נאָכן קישענעווער פּאָגראָם
האָב איך פֿון קאָזאַקס אַביי ורבא באַנומען דעם קל וחומר:
נישט נאָר דער אָדלער צווישן פֿעלדזן־בערג,
נאָר אויך דאָס פֿייגעלע צווישן דראָבנע ביימער
מוז דאָס פּיצל שנעבעלע זיך שאַרפֿן:
ער וועט עס אַנטקעגן אַן אַנדערן פּיפּסערל באַדאַרפֿן...
יאָ, אַ שלאַכט אַזאַ פֿון אייביק ביז אייביק מסתמא...
ניין, ס׳איז די וועלט קיין וויג, מײַן קינד,
סע וויגט זי ניט קיין מאַמע...
און ווידער פֿאַרציט דער זיידע די ליולקע,
זײַנע אַפּלען ווערן שטאָליק־בלוי:

— אַוודאי — זאָגט ער — אַוודאי
וואָלטן מיר ניט וועלן ס׳זאָל זײַן אַזוי...
פאַרשטייסט? אָבער ס׳איז דאָך פּאָרט, פּאָרט אַזוי...
ניט פאַראַן קיין ברירה, מען מוז אַ קאָזאַק ווערן,
און מיר זענען, ב״ה, געוואָרן קאָזאַקן!
נאָר דײַן פאָטער געבליבן איז דער זעלבער גלות־ייד,
אַ למד־וואָווניק מיט זײַדענע זאָקן.

ד

איך בין אַוועק מיט זיך אַליין אין געוועט:
איך האָב די פאַרהוילענע שרעק,
וואָס געירשנט איך האָב פון מײַן פאָטערס גלות־פאָלק,
געוואָלט אויסברענען אין אַלע פײַערן
און אַרויסציען דאָס געלײַטערטע גאָלד
פון אַ שלאַכט־מאַן... בעת איך פלעג רײַטן
אויף מײַן אייזל, דורכן איילבירט־וואַלד,
האָב איך געפילט: נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטעס רײַט,
איך פלעג בײַטן, אין דמיון, מײַן געשטאַלט:
באַלד אַלעקסאַנדער פון מאַקעדאָניע און באַלד אָדיסעוס.
איך שפּרינג פון רוימישע צעזאָרן צום גאָט פּראָמעטעוס.
איך פלעג אויפן אָלימפּ זיך ראַנגלען
מיט שטראַלנדיקע געטער...
מײַן לעבן איז געוואָרן אַ ברענענדיקע לייטער,
און דורך די פלאַמען איך קלעטער
צו מײַן שלימותדיקייט! איך האָב אַליין,
ווי איך וואָלט פאַר זיך ליים געווען,
געגומען קנעטן זיך. ביי זעכצן יאָר האָב איך פאַרלאָזט מײַן היים
און אַוועק אין מחתרת.

איך געדענק יענעם באַגין
בײַ די ברעגן פון כנרת:
סוף־נאַכט האָט ווי אַ ריזן־רויז
זיך אויפגעבלעטערט,
און פון איר פּורפּור־שוים האָט דער טאָג,

ווי אַ קריגס־גאָט אַרויסגעקלעטערט.
אַלץ אַרום יובלט, ווי ערב־שלאַכט:
איבערן ים פליִיצט די פײַער־קאַוואַלקאַדע
און אויבן פלאַטערן פייגל, די שנאָבלען געשאַרפט.
זיי יאָגן נאָכן היישעריק־פאָלק, וואָס פליִיצט ווי אַ קאַסקאַדע
פון אַ ריזן־פעלדז... סאַראַ יום־טובדיקע קריגס־פראַכט!
און צווישן רויב־פייגל און היישעריק־פאָלק
שטיי איך — אַ קריגס־גאָט אין פאַנצער פון זונגאָלד.
און מײַן האַרץ, ווי אַ פײַער־פויגל,
האָט די פליגל מיט תאווה צונויפגעפרעסט,
גרייט צום וווּנדער־פלי,
צו זײַן ערשטן פאַרמעסט!

ה

איך פאָר, צווישן חברה, אויפן דזשיפּ און טראַכט:
מײַן פאָטער האָט געווים, פון בענקשאַפט צו מיר,
אַ הונדערט־פערזיקן שיר געמאַכט...
מײַן פאָטער, אַ משורר איז ער, און דורך די שירים זײַנע
שפּאַנען למד־וואָוניקעס דורך ווינטן און שניי.
מיט חסד־לאָגלען שפּאַנען זיי
און אין זייערע לאַנגע ווײַסע בערד
שטראַלן רחמים־טרערן
צו אַלע ברואים אויף גאָטס ערד...
— זון מײַנער, — שמייכלט מײַן פאָטער אין דער בלויער נאַכט —
עוזילע, פאַראַן אַ גבורה, מאַכטיקער פון מאַכט,
די גבורה פון „ניט־באַדאַרפן", גאָרנישט ניט באַדאַרפן חוץ הימל...
און הימל האָבן זיי געהאַט און במילא גאָרנישט ניט געדאַרפט.
פאַרשטייסט, עוזי? מאָל דיר אוים אַ יידן, וואָס טאַנצט אין בערן־פעל בײַנאַכט,
דעם שאַנד־טאַנץ פון הכנעה טאַנצט ער פאַר זײַן פריץ און דער פריץ לאַכט
פון תענוג און ווייסט ניט, אַז דער ייד אין בערן־פעל איז דער האַר דאָ,
דער וואַרהאַפטיקער געוועלטיקער, דער ניט־געקרוינטער מלך,
וואָס קיניגט איבער אַלע תאוות אין דער וועלט,
חוץ איבער דער „תאווה צו גאָט"...
פאַרשטייסט, עוזי? באַנעמסט עס, מײַן זון?

אונדזער דזשיפּ בלײַבט שטיין צווישן געשטיין אין אָוונטיקן בראַנדז.
רונד אַרום די בערג, ווי ריזן מיטאָלאָגישע, געהאַמערטע פון פעלדז.
און איבער זיי רעגנט שטילקייט פון אויסגעשטערנטקייט,
אַ שטילעניש, וואָס דערמאָנט מיר מײַן פאָטערס לידער, זייער
פאַרטערנטקייט...

צו אַלדי רוחות, גראָד איצט? ערב־שלאָכט?
כעוורע, שרײַ איך — כעוורע!
און מײַן אייגענער רוף
צעטרעסעט ווי אַ געוויטער
מײַן שלאַבעריקן גוף,
איך דערפיל: מײַנע גלידער,
ווי בויגנס אין די הענט פון אַ קריגער,
שפּאַנען זיך ווידער, איך בין ווידער
איך... נאָר דער אָטעם פון מײַן פאָטערס לידער
דעכעט, דעכעט אין די טיפן,
אַזוי מיניעט, מיניעט זיך אַ כוואַליע,
אין וועלכער מ׳האָט אַ שטערן אַרײַנגעשליפן...

מנחם קאַפּעליוק

מחותנים אויף א חתונה

(דערציילונג)

אין דער צייט פון דער גרויסער וועלט־מלחמה, ווען צווישן די בני־ישראל און בני־ישמעאל אין לאַנד האָט זיך געמאַכט אַ מין נישט־אָפיציעלער וואָפנשטיל־שטאַנד, פלעג איך נישט איין מאָל שפּאַצירן אין דער באַגלייטונג פון מוכטאַר בנימין, אַ מוכטאַר פון נייעם קיבוץ ח. אין דער אַראַבישער סביבה פון עמק החולה, וואָס בנימין האָט זי גוט געקאַנט. אין דער מלחמה־צייט האָבן זיך דאָ געשאַפן עטלעכע נייע ייִדישע יישובים, און איך בין אין דעם נייעם קיבוץ אַן אָפטער גאַסט ביים מוכטאַר. מוכטאַר — אַן אַראַביש וואָרט, וואָס באַטייט אַן „אויסגעקליבענער", אַן אָפיציעלע פּערזאָן מצד דעם יישוב, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער רעגירונג, און באַציונגען מיט די נאָענטע אַראַבישע דערפער זענען אין זיין האַנט. אַ מוכטאַר דאַרף קודם כל זיין גוט באַהאַוונט אין די פאַרהעלטענישן צווישן די בני־ישמעאל אין דער סביבה, און אויב נישט האָט דאָס געהייסן אַ פאַרשוועכונג פון דעם בכבודיקן טיטל מוכטאַר.

אין איינעם אַ סוף־זומערדיקן טאָג האָבן מיר, דער מוכטאַר בנימין און איך, געמאַכט אַ לענגערן אויספלוג אין די אַראַבישע און בעדויִנישע יישובים. ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין קיבוץ האָט דער מוכטאַר געפונען אויף זיין טיש אַ בריוו, געשריבן אין אַראַביש. האָט ער געשיקט רופן דעם אָרטיקן לערער עובדיה, אַ געבוירענער אין איינער פון די שכנותדיקע לענדער, וואָס איז אַ חריף ובקי אין די דריבניטשקע אַראַבישע אותיותלעך און לייענט זיי ווי אַ וואַסער. אָפט מאָל פלעגט ער זיין אַ בעל־יועץ פון מוכטאַר אין די ענינים פון ישמעאלס קינדער און האָט אים פאַרטרעטן, ווען מוכטאַר בנימין איז נישט געווען אין דער היים.

עובדיה האָט גענומען דעם בריוו, וואָס איז געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט די ווי פאַרבאָרגענע און סודותפולע פאַסיקלעך און פינטעלעך און איבערגעזעצט בזה הלשון:

„לכבוד אונדזער טייערסטן און ליבסטן פריינט אַבו יאַמין (בנימין), וואָס ער איז ביי מיר ווי מיינער אַן אייגענער ברודער, דער מוכטאַר פון קאַלאַניע ח., זאָל אַללאַ זי אָפּהיטן אויף אייביק און אייביק, אמן כן יהי רצון!

נאָך אונדזערע פֿיל ברכות און ווינטשעווישן פֿאַר אייך און אייערע בני־בית, האָבן מיר די גרויסע ערע אייך מיטצוטיילן, אַז בסימן טוב ובמזל טוב מאַכן מיר חתונה אונדזער זון, דעם בכור שאַאבאַן — זאָל ער מאַריך ימים ושנים זיין מיט עושר און מיט כבוד! — מיט אַ כלה אַ צנועה, אַן אָרנטלעכע און אַ פֿלייסיקע, די טאָכטער פֿון אונדזער גוטן און געטרייען שכן אַכמעד מוסטאַפֿאַ, — זאָל ער לעבן און זיך עלטערן מיט אַלדאָס גוטס! דעריבער קום איך אייך טאָן בעטן, זייער געערטער מוכטאַר, אַז איר און אַלע איינוווינער פֿון אייער קאַלאַניע — זאָל זי אַללאַ אָפּהיטן פֿון יעדער שלעכטס און פֿון פּגעים רעים! — אַז איר זאָלט זיין אַזוי גוט און פֿאַרשאַפֿן אונדז כבוד מיט אייער קומען אין דעם טאָג פֿון אונדזער זונס חתונה, וואָס וועט פֿאַרקומען „אינשאַללאַ" (אם־ירצה־השם) ביי אונדז אין הויז קומענדיקן דינסטיק. מיר דאַנקען אייך פֿאָרויס, מענטשן גוטע און ברייטהאַרציקע, פֿאַר דעם פֿאַרגעניגן, וואָס איר, טייערע און ליבע, וועט אונדז פֿאַרשאַפֿן, און טוען תפילה צו דעם אַלמעכטיקן גאָט — זיין נאָמען זאָל געלויבט און באַרימט זיין! — אַז ס'זאָלן זיך מערן שמחות און פֿריידן אין אייערע און אונדזערע ווינערטער און געצעלטן אויף אימער, און דער עמוד־ענן פֿון שלום און גוטס זאָל זיך פֿאַרשפּרייטן און אונדז באַגלייטן און באַשיצן, ווו מיר גייען און שטייען, ווען מיר זיצן און ליגן, ווען מיר וואָגלען אָדער רוען מיט דער הילף פֿון אַללאַ דעם כל־יכול. אייער ניש־טיקער קנעכט, זיידאַן אַבדול קאָדר אַכמאַד מוכאַמעד כאַמדאַן".

ווען עובדיה האָט געענדיקט לייענען דאָס ידידות־בריוול, האָט זיך דאָס פּנים פֿונעם מוכטאַר ווי פֿאַרכמאַרעט און ער האָט זיך אַ קראַץ געגעבן אין שטערן, ווי איינער, וואָס זוכט אַן עצה, ווי פּטור צו ווערן פֿון אַ זאַך, וואָס האָט זיך אים שוין צוגעגעסן, און האָט מיר געזאָגט:

„איך בין שוין פּשוט מיד פֿון די חתונות. איצט, האַרבסט־צייט, איז דער סעזאָן פֿון חתונה האָבן ביי אונדזערע שכנים; נאָר דאָס יאָר, לאו די וואָס דער אָסיען איז אַזוי פּרי צוגעשטאַנען, איז אויך אַ געררעטעניש אין חתונות. היות וואָס מיר לעבן זיך גוט און וויל מיט אונדזערע שכנים, איז נישטאָ די וואָך, אַז מ'זאָל מיך נישט פֿאַרבעטן אויף איינע אָדער צוויי חתונות. איך וועל דיר זאָגן דעם ריינעם אמת: ס'איז מיר שוין נמאס געוואָרן די גרויסע שיסל מיט פֿלייש און בורגול אָדער רייז, ווי צענדליקער עסן פֿון איר מיט דער בלויזער האַנט, אָן אַ לעפֿל, אָן אַ גאָפּל און מעסער. ס'האָט זיך מיר שוין צוגעגעסן די שוואַרצע און ביטערע קאַווע, און ס'האָבן מיר שוין דערעסן די „פֿאַנטאַזיעס", איך מיין די געוועטן פֿון רייטערס מיט דעם גאַנצן גערודער און טאַראַראַם. נאָר וואָס קען איך מאַכן? ביסטו אַ מוכטאַר, מוזסטו טאַנצן אויף אַלע חתונות פֿון ידידים, אויב ווילסט, אַז זיי זאָלן זיין ידידים. דער פֿאָטער פֿון חתן איז אַ מוכטאַר, אַ קאָלעגע מיינער, און אַן אַלטער

ידיד, און ער איז איינער פון די וויכטיקע נכבדים אין דער סביבה. נישט קומען אויף זייערער אַ חתונה, וואָלט געמיינט קאַליע מאַכן אונדזערע גוטע באַציונגען, וואָרעם דאָס שמעקט מיט אַ שטאַרקן ברוגז, וואָס אין דעם זענען מיר לחלוטין נישט פאַראינטערעסירט״.

ווענדנדיק זיך צו מיר, האָט ער געזאָגט: „דו וועסט אַוודאי מיטפאָרן, איך מיין, אַז דאָס וועט זיין אַ חתונה כיד המלך, לויט דעם אַראַבישן שטייגער, מיט אַלע פּיטשעווקעס״.

דער מוכטאַר — אין די ערשטע דרייסיקער יאָרן, אַ העל־בלאָנדער, מיט גרויסע וואָנסן, מיט אַ רויקן אויסזען. זיינע אַש־קאָלירקע אויגן דריקן אויס ענערגיע און פּיקחות, און די ליולקע איז ביי אים שטענדיק אין מויל. ער האָט זיך געווענדעט צום לערער עובדיה, אַ שוואַרצלעך־בלאַסער בחורל, און אים געזאָגט:

„מען דאַרף קויפן ערגעץ־ווו אַ שעפעלע און עס שיקן צו זיידאַן אַבדול קאַדר ווי אַ „דרשה־געשאַנק״. זע נאָר, עובדיה, אַז דאָס שעפעלע זאָל זיין משופרא דשופרא. האָסט דאָך מיר דערציילט אַ מאָל, אַז דיין פאָטער פלעגט האַנדלען מיט שעפעלעך, און דו טויגסט זיך אויס אין ענין שעפעלעך. ווען אין אונדזער קיבוץ וועט שוין זיין אַ סטאַדע מיט שאָף, וועל איך פאָרליייגן, אַז מ׳זאָל דיך מאַכן פאַרן עלטסטן פאַסטעך. דערווייל בעט איך דיך, אַז מאָרגן אין דער פרי זאָלסטו צוגיין צו חאַסאַן אליוסוף און אויסקלייבן אַ גרויסן און פעטן שעפּס מיט אַן אַנגעזעענער אליה (ווידל), אַזוי אַז מ׳זאָל רעדן וועגן איר און דער זינגער אויף דער חתונה זאָל ווידמען אַ פּאָר שיינע פערזן לכבוד דער פיינער אליה.

— אויף מיין קאָפּ און אויף מיין אויג! — האָט עובדיה אָפּגעענטפערט מיט אַן אַראַבישן „נעשה ונשמע״.

צו מאָרגנס פרי זענען עובדיה און איך אַוועק, רייטנדיק אויף שקאַפּעס, צו דעם אַראַבישן דאָרף, וואָס איז ווייט פון קיבוץ אַן ערך דריי פערטל שעה מיט אַ פערד. צוקומענדיק צו חאַסאַן אליוסופס וווינונג, האָבן מיר געטראָפן דעם פערציק־יעריקן פעלאַך ביים פאַרריכטן דעם דאַך פון זיין ליימענער הייזקע, וואָס דינט אים ווי אַ ווינטער־דירה, וואָרעם זומער וווינט ער אין אַ געצעלט. איצט, ווען קאַלטע ווינטלעך הייבן שוין אָן בלאָזן פאַרנאַכט און גאַנץ פרי, און דער הימל איז אָפּט שוין וואָלקנדיק, מוז מען זיך שוין געזעגענען מיט דער זומער־דירה, וואָס איז געמאַכט פון ראָגאָזשעס, ווי אַלע אַראַבישע זומער־וווינונגען אין עמק החולה.

חאַסאַן האָט אונדז שיין אויפגענומען און פאַרבעטן אויף קאַווע, נאָר מיר האָבן זיך אַנטשולדיקט פאַר ניט קענען זיך גאַסטירן ביי אים, וואָרעם צום גרויסן באַדויערן זענען מיר זייער פאַרנומען. עובדיה האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט נישט

פאַרגעסן די איינלאַדונג און וועט ביי דער ערשטער געלעגנהייט אָפּשטאַטן ביי אים אַ לענגערן וויזיט. דערוויל ווילן מיר קויפן אַ שעפּסל. נאָר אַזעלכעס, וואָס זאָל שמעקן, און דאָס שיקן דורך אַ שליח צו זיידאַן אַבדול קאָדר צו זיין זונס חתונה... „נאָר פאַרגעס נישט, מיין טייערינקער חאַסאַן, אַז די קאָדע, די אליה, מיין איך, זאָל זיין היפּש לאַנג, גראָב און פעט".

חאַסאַן האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו דער סטאַדע שאָף זיינער, און איך מיט עובדיהן זענען געבליבן זיצן אין דעם גערוימען ראַגאָזשענעם געצעלט. אין עק פון געצעלט האָב איך געזען צוויי פרויען, איינע אַ יונגעטשקע, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן מיט אַ גראַציעזער שעמעוודיקייט, אָבער פון צייט צו צייט האָט זי געשיקט בליקן פון נייגעריקייט צו אונדז. די צווייטע אַן עלטערע, וואָס האָט געקאָנט זיין אַ באָבע פון דער יונגעטשקער.

די יונגע איז דאָס צווייטע ווייב ביי חאַסאַנען. ער האָט מיט איר חתונה געהאַט צוריק מיט עטלעכע חדשים — האָט מיר עובדיה דערקלערט — די עלטערע האָט אויפגעהערט צו געבוירן. יאָ, זי האָט געבוירן זיבן קינדער. ס'איז געבליבן פון זיי נאָר צוויי, און אויף צו להכעיס זענען זיי גאָר טעכטער. חאַסאַן, וואָס האָט אַ גרויסע ווירטשאַפט און איז זייער אַ פלייסיקער מאַן, האָט באַשלאָסן נעמען אַ צווייט ווייב. נאָר אַזוי ווי חתונה האָבן שמעקט מיט אַ פיינער סומע געלט, האָט ער דאָס אָפּגעלייגט ביז ער וועט האָבן צונויפגעקליבן די עטלעכע הונדערט פאַלעסטינער שטערלינג, וואָס מ'באַדאַרף באַצאָלן מוהר דעם פאָטער פון מיידל. דאַכט זיך, אַז חאַסאַן איז אַ גוטער מבין אויף פרויען, והראיה: די יונגע 17—18־יעריקע, וואָס ער האָט אויסגעקליבן, איז אַ גאָר שיין און סימפּאַטיש ווייבעלע.

ביידע פרויען האָבן זיך צוגעזעצט ביי שפּינדלעך און געשפּונען פון שאָפענע וואָל. די עלטערע האָט אויסגעזען זייער ערנסט און פון אירע טונקעלע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַן אומעט, אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל די יונגע איז מער באַליבט ביי חאַסאַנען ווי זי, די פאַרעלטערטע. דאָס נייע יונגע ווייב האָט זי פון הויז נישט אַרויסגעטריבן, אָבער פונעם האַרצן פון דעם, וואָס איז געווען איר מאַן אין משך פון צוועלף יאָר, האָט זי, די נייע, איר שוין יאָ אַרויסגעיאָגט...

דערוויל האָט חאַסאַן אַליוסוף זיך אומגעקערט און אויף זיין אַקסל איז געלעגן אַ גרויסער און פעטער שעפּס, וואָס זיין קאָדע איז אַראָפּגעהאָנגען לאַנג און שווער, מחמת פעטקייט. דער שעפּס האָט געמעקעט אַ טרויעריקן מע־מע־מע. עובדיה האָט בודק געווען דעם שעפּס לכל פרטיו ודקדוקיו, גלייך ווי אַ כהן צוריק מיט טויזנטער יאָרן איז בודק געווען זיין בהמה דקה, איידער ער האָט זי מקריב געווען. מער פון אַלץ איז עובדיה געווען צופרידן מיט דער קאָדע. ס'איז געווען דאָס, וואָס בנימין דער מוכטאַר האָט טאַקע געמיינט.

עובדיה האָט געגעבן חאַסאַנען אַ געלט־פּאַפּירל ווי אַן אַדערויף. דאָס איבע־ריקע, האָט ער געזאָגט, וועט מען אים באַצאָלן נאָך דעם ווי חאַסאַן וועט דאָס שיקן צוזאַמען מיט אַ בריוול צו זיידאַן אַבדול קאָדר אויף זיין זונס חתונה.

חאַסאַן האָט צונויפגעוויקלט דאָס געלט־פּאַפּירל, ווי מ׳פאַרדרייט אַ סיגאַרעט און עס אַ וואָרף געטאָן צו זיין יונגן ווייב. זי האָט דאָס געכאַפּט מיט ביידע הענט און עס אַוועקגעגעבן צו דער עלטערער פרוי, וואָס האָט דאָס אַריינגעלייגט אין איר בוזעם. אַזוי איז איינגעפירט אין די משפחות, ווו דער מאַן האָט מער ווי איין ווייב, אַז דאָס עלטערע ערשטע ווייב פירט די באַלעבאַטישקייט און די שליסלען פון שפייכלער און קאַסע (אויב אַזעלכע איז פאַראַן אין שטוב) פאַרבלייבן, ווי פריער, ביי איר. חאַסאַן האָט דאָס געלט צוגעוואָרפן דער יינגערער, ווייל ער האָט זי שטאַרק ליב, אָבער זי, די נייע, דאַרף זיך פירן אַזוי ווי איר מוטער און מוטערס מוטער האָבן זיך נוהג געווען.

חאַסאַן האָט געזאָגט, אַז ער איז שטאַרק פאַרצערט, פאַר וואָס מיר טרינקען אַפילו נישט אַ גלעזל קאַווע. זאָגנדיק דאָס האָט ער געטראַכט דערביי, אַז ער קען שוין די נייע שכנים: ווען זיי איילן זיך, זענען זיי מזלזל אַפילו די סאַמע פאַרהיי־ליקסטע מנהגים, ווי הכנסת אורחים, למשל. אַזוי איז זייער שטייגער, יעדער שבט האָט זיך זיינע מנהגים. ווייזט אויס, אַז ביי זיי, די נייע שכנים, איז די צייט די טייערסטע סחורה.

כאָטש ער האָט געוווסט, אַז ס׳וועט אים גאָרנישט העלפן, האָט ער פאַר אונדזער אַוועקגיין אונדז נאָך אַ מאָל פאַרבעטן בלייבן ביי אים און עסן אַ מאָלצייט ביי זיין טיש. אָבער טיף אין האַרצן איז ער געווען צופרידן, וואָס ער באַדאַרף זיך נישט אָפּגעבן מיט אורחים. איצט וועט ער קענען פאַרריכטן יעדער שפּאַלט און יעדע שפּאַרונע פון דער ווינטערדיקער ליימענער הייזקע. אָט דאָס ווינטל, וואָס בלאָזט איצט, איז שוין אַ קלאָרער אָנזאָג אויף אַ נאָענטן רעגן. אַ וואַרעמע און זיסע הנאה פילט ער אין אַלע זיינע אברים, ווען ער טראַכט ווי וואַרעם און גוט וועט אים זיין אין דער פאַרראָכטענער הייזקע, ווען אין דרויסן וועט ליאַפּען אַ רעגן און קאַלטע ווינטן וועלן הוליען, און ער וועט ליגן אויסגעצויגן אויף טעפּעכער, איבערגעבעטע מיט אויסגענייטע קישעלעך, און די צוויי פרויען זיינע וועלן פלינק זיך פלייסן, וואָס בעסער און שנעלער אים צו באַדינען און אים באַפרידיקן... דאָס איז דאָך דער ערשטער ווינטער, וואָס ער האָט צוויי ווייבער...

✶

דינסטיק אין דער פרי האָט מיך בנימין דער מוכטאַר דערמאָנט, אַז נאָך מיטאָג פאָרן מיר אַרויס אויף דער חתונה פון זיידאַנס עלטערן זון. ער האָט מיר גראָד נישט געדאַרפט דערמאָנען, וואָרעם איך האָב שוין אַרויסגעקוקט אויף דעם.

פיר זענען מיר געווען: בנימין דער מוכטאַר, איציק דער שומר, עובדיה דער לערער ואני הקטן. מיר האָבן אָנגעזאָטלט אונדזערע פערד. עובדיה האָט געריטן אויף דער גרויסער שקאַפּע, זיין ליבלינג.

אַרויספאָרנדיק פון קיבוץ אויפן פרייען פעלד האָבן מיר גאַלאָפּירט, אָבער נאָך אַ האַלבן קילאָמעטער, בערך, האָבן מיר געמוזט ווידער רייטן פּאַמעלעך, וואָרעם עובדיהס גיכפיסיקע שקאַפּע איז געבליבן הינטערשטעליק: נישט לאַנג האָט זי געבוירן אַ לאָשיקל, בענקט זי נאָך אים און עס ציט זי צוריק. אַלע מאָל הירזשעט זי מחמת בענקשאַפט נאָך איר קינד, קוקט אויף אַלע זייטן, אפשר איז עס דאָ און זי וועט אים אָנזייגן. מיר האָבן געריטן כמעט טריט ביי טריט.

און רייטנדיק אַזוי, האָט דער שומר זיך געווענדעט צום מוכטאַר:

— און ווי מיינסטו, בנימין, אפשר קערן מיר זיך אום און פאָרן נישט אויף דער חתונה?

— איך מיין, אַז מ׳דאַרף יאָ זיין אויף דער חתונה און ס׳איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. איך פאַרלאָז זיך אויף זיידאַנען. אויב ער האָט אונדז פאַרבעטן, ווייסט ער מסתם וואָס ער טוט. ווען ער זאָל האָבן עטוואָס געצווייפלט, וואָלט ער שוין מיר אויף דעם מרמז געווען. ער האָט מיר אַפילו געגעבן אָנצוהערן, אַז קיינער פון זיי וועט נישט קומען. זיי ווייסן — האָט ער מיר געזאָגט — אַז מיר זענען איינגעלאַדן געוואָרן און וועלן קומען, אַזוי אַז די ביידע צעקריגטע צדדים וועלן זיך נישט געפינען אונטער איין דאַך.

צווישן די ביידע, דעם מוכטאַר און שומר, האָט זיך גערעדט וועגן אַ טרויעריקן צופאַל, וואָס איז געשען מיט אַ פּאָר חדשים צוריק: אין איינע פון די פינצטערע נעכט פון סוף חודש איז אַ באַנדע גנבים אַרויף מיט זעק אויף די קוקורודזע־פעלדער פון קיבוץ. און ווען די גנבים־רויבער האָבן געבראָכן שטענגלעך און גע־לייגט אין די זעק, האָבן חברה שומרים אָנגעהויבן שיסן און איינע אַ קויל האָט געטראָפן איינעם פון זיי און אים דערהרגעט. די קויל האָט דווקא געטראָפן נישט דעם ראש הכנופיה, נאָר גאָר אַ בעדווינער פון הבשן־לאַנד, וואָס איז אויף דער גרענעץ פון ארץ־ישראל און סיריע. צו אַלע צרות געהערט דער שלימזלדיקער גנב צו אַ גרויסן שבט, וואָס וואַנדערט מיט זיינע שאָף און רינדער אויף ביידע זייטן גרענעץ. דאָס הייסט, אַז כל־זמן זיי האָבן נישט „אויסגעלייזט דאָס בלוט״ דורך בלוטפאַרגיסן אָדער דורך פאַרגלייכן זיך אויפן יסוד פון אָפּצאָלן „כופר־נפש־געלט״ דעם סאַמע נאָענטסטן קרוב פון דעם הרוג, זענען דער קיבוץ און דער שבט אין קריגס־צושטאַנד, און לויט די טראַדיציאָנעלע מנהגים פון קדמונים, טאָרן זיך די ביידע נישט צונויפקומען אויף איין פּלאַץ. פרעגט דער שומר אַ קשיא: וואָס וועט זיין, אַז ס׳וועלן קומען עטלעכע פון שבט, קרובים פונעם הרוג, אויף דער

חתונה און מחמת דעם נישט אַרויסגעקוקטן צוזאַמענטרעף קען עפּעס געשען?..

דער מוכטאַר האָט געטענהט, אַז ער האָט אַלץ גענומען אין חשבון, אויף וויפל מ׳קען פאָרויסזען זאַכן. אויב מיר ווילן, אַז זיידאַן זאָל זיין אונדזערער אַ מענטש, מוזן מיר זיין מחותנים אויף זיין בכורס חתונה.

✶

נאָך פון וויטנס האָט מען שוין געקאָנט זען אַ גרויסע באַוועגונג פון נישט קיין קליינעם עולם און הערן דורכן ווידערקול, וואָס דער ווינט האָט עס דערטראָגן צו אונדזערע אויערן, ווי סע רעשט זיך דאָרט. דאָס דאָרף שטייט אויף אַ שיפּוע פון אַ הויכן באַרג, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו די ענגלענדער און פראַנצויזן, וועלכע האָבן אין יענער צייט געוועלטיקט אין ארץ־ישראל און אין סיריע. די הייזער פון דאָרף האָבן אויסגעזען פון דער וויטנס ווי באַהעפט האַרט צום באַרג, גלייך ווי אַ טייל פון אים.

וואָס נענטער צום דאָרף, איז דער רעש און געפילדער געוואָרן שטאַרקער. פון דעם געפילדער האָט זיך קלאָר אויסגעטיילט דאָס אַראַבישע „יאַדעלן" פון די פרויען, יאַדעלן, וואָס שאַלן אַרויס פון דרייען גיך מיט דער צונג און כאָרכלען מיטן האַלדז. אַט דאָס יאַדעלן פון פרויען הערט מען סיי אויף אַ שמחה, כדי אויפצו־מונטערן, אַז מ׳זאָל מער פריילעך זיין, און סיי אין טרויער, כדי וועקן צו יאָמער און קלאָג.

אויף די אויסגעטרעטענע וועגן און סטעזשקעס, וואָס שלענגלען זיך פון די הויכקייטן פון באַרג, ביז צו דעם שיפּוע אונטן, זעט מען אַ באַוועגונג פון אַ סך מענטשן, וואָס ציען זיך לאַנגזאַם אַראָפּ צום דאָרף, וואָס היינט קומט פאָר דאָרט די גרויסע שמחה. אַלע וועגן און סטעזשקעס זענען אַזוי פול, ווי אויף אַ יאָר־יריד. צווישן די געקומענע אויף דער חתונה געפינען זיך אַ סך סיריער, שכנים פונעם פּאַלעסטינער דאָרף, וואָס זענען געקומען נעמען אָנטייל אין דער גרויסער שמחה פון מוכטאַרס זונס חתונה.

זיידאַן אבדול קאַדר, זיינע ברידער, פעטערס און קוזינען האָבן אונדז געמאַכט אַ שיינעם קבלת־פּנים און האָבן זיך אַרום אונדז געדרייט, ווי מ׳דרייט זיך אַרום חשובע געסט, וואָס מ׳האָט אויף זיי אַרויסגעקוקט און געוואַרט אויף זיי מיט אומגעדולדיקייט.

ווי נאָר מיר זענען אַראָפּ פון די פערד האָבן זיידאַנס צוויי ייִנגערע ברידער אַריינגענומען די פערד אין דער סטאַניע, אָנגעלייגט זיי היי און גערשטן — אַ סימן, אַז די געסט זענען זייער באַוויליקטע.

דער בעל־שמחה און זיינע אייגענע האָבן אונדז פאַרבעטן אין זאַל אַריין, ווו די פּאָדלאָגע איז געווען אויסגעבעט מיט טעפּעכער און מיט קישעלעך, מעשה היסב־

בעט אין דער סדר־נאַכט. געזעסן זענען מיר אַלע מיט צוזאַמענגעלייגטע פיס אונטער זיך און מ׳האָט געזופּט פון די קליינינקע טאַסן די ביטערע קאַווע. די אַראַבער האָבן מערסטנטייל גערייכערט נאַרגילעס, וואָס ביי יעדן צי האָט דאָס וואַסער, וואָס אין דער נאַרגילע־פלאַש, זיך צעבולבעט.

כדי צו באַווייזן אַז מיר זענען חשובע געסט, האָט מען אונדז צוגעטראָגן נייע איבערבעטנס, כאָטש דאָס וואָס איז געווען אין זאַל איז געווען איבערגענוג. דער בעל־שמחה האָט אָבער געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיצן וואָס העכער און עס זאָל אונדז זיין וואָס ווייכער. זיידאַן מיט זיינע זין האָבן אַלע מאָל אַריינגעקוקט אין זאַל, צו זען ווי פילן מיר זיך און דערלאַנגט נייעם כיבוד.

אויף דער חתונה האָט געשפּילט אַ „קאַפּעליע", וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי קלעזמער בסך־הכל. איינער האָט געשפּילט אויף אַן „אוד", אַ פּאַרצייטיקער סטרונע־אינסטרומענט, וואָס רומפּלט איינטאָניק. דער צווייטער האָט געפּויקט אויף אַ „דאַרבוקע", אַ קריגל, וואָס דער דנאָ איז געמאַכט פון איבערגעאַרבעטע דינע פעל. דער רימפּלער אויף דער „אוד" איז באַשטאַנען פאַר צוויי, ווארעם ער האָט די גאַנצע צייט געזונגען און זיך אַליין באַגלייט מיטן „אוד". ער האָט געזונגען וועגן די ווונדערבאַרע גבורות פון אַבו זייד פון שבט הילאל (אַ מוסלמענישער גיבור פון עלפטן יאָרהונדערט), וועגן זיינע מיליטערישע מאַרשירונגען אין צפון־אַפריקע און לויבגעזאַנגען צו זיינע זעלנער, וואָס זענען געווען שטאָל און אייזן, און זיינע אַדליקע שקאַפעס, ווי די אָדלערס. ער האָט געזונגען וועגן אַבו זיידס מפורסמדיקע שלאַכטן. אין קריג איז ער געווען שטאַרק ווי אַ לייב און אַכזריותדיק ווי אַ טיגער, אָבער ווען ער האָט נישט געקעמפט, איז ער געווען ברייטהאַרציק, אַזוי גרויס ווי די סטעפּעס זאַמד אין דער גרויסער מדבר. די אָנוועזנדיקע זענען אַריין אין אַן אמתן התלהבותדיקן „קייף" און האָבן אים אַפּלאָדירט נאָך יעדער שטאַרקער סטראָפע. די יונגע האָבן אים אַפּלאָדירט, אָבער די עלטערע האָבן אויסגעדריקט זייער התפעלות מיט אויסרופן: „אַללאַ, אַללאַ! זאָל דיין מויל זיין געזונט און שטאַרק" און כדומה אַזעלכע ווונטשן.

און ווי קען זיין אַ חתונה אָן שיסעריי אין דער לופטן פון ביקסן און רעוואָל־ווערן? אָן שיסן מיט הייסן געווער איז די שמחה נישט קיין שמחה אָדער גאָר אַ קאַלטע שמחה. דאָס הייסט נישט — געבן איין שאָס אָדער צוויי, יוצא צו זיין. מען דאַרף דאָס מאַכן אַזוי, אַז די ערד זאָל ציטערן. דאָס איז דער בעסטער און אמתער אָרקעסטער אויף די חתונות פון די בני־ישמעאל.

✶

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אַ ביסל אָפּגערוט פון וועג און פון דער ביטערער קאַווע, וואָס מיט איר הייבט מען אָן און מיט איר ענדיקט מען יעדע שמחה און

אויפנעם, האָט מען אונדז פֿאַרבעטן אויפֿן מאָלצייט אין אַ צווייטן גערוימיקן צימער. דאָרטן זענען געזעסן די איינגעלאַדענע אויף דער פּאָדלאָגע, וואָס איז געווען פֿאַר־שפּרייט מיט אַ ביליקן טעפּעך. די געסט זענען געזעסן אַרום דער גרויסער און טיפֿער שיסל, וואָס איז געווען מלא וגדוש מיט שעפּסן־פֿלייש און רייז. די הענט האָבן דאָ געדינט ווי לעפֿלען און די פֿינגער ווי גאָפּלען. ווער עס האָט געענדיקט עסן, איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם עסצימער און אַנדערע פֿאַרבעטענע זענען אַריינ־געקומען און האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף די ליידיקע פּלעצער און אַריינגעשטופּט די הענט און אַרויסגענומען אַ שטיקל פֿלייש אָדער רייז.

כּדי נישט צו פֿאַרשעמען דעם בעל־שמחה, האָבן מיר געגעסן כּדבעי, בעיקר ווען ער איז אַריינגעקומען, כּדי צו זען, צי אַלץ גייט כּשורה, צי אפֿשר דאַרף מען מוסיף זיין אין דער שיסל פֿלייש און רייז אָדער די דינינקע פּעלאַכישע פּיתות, וואָס זענען דין ווי סיגאַרעטן־פּאַפּיר.

די צייַן פֿון די פֿאַרבעטענע האָבן גאַנץ גוט געמאָלן און זיידאַן מיט זיינע זין און ברידער מיט זייערע זין האָבן גאַנץ געטריי צוגעשטעלט וואָס מ׳דאַרף. ווען מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש איז זיידאַן אַריינגעקומען אָפּטער, צו זען אויב דער קאָלעגע זיינער, בנימין דער מוכטאַר, פֿאַרשאַפֿט אים כּבוד און עסט ווי מען באַדאַרף, שטייענדיק אַזוי איבער אונדז ווי אַן אמתער מכניס אורחים, ווי אברהם אבינו בשעתו, ווי אין חומש ווערט דערציילט: „והוא עומד עליהם״. אַט האָט ער זיך אַנידערגעזעצט, נישט צו עסן מיט אונדז (וואָרעם דער מכניס אורח עסט, לויטן מנהג, נאָך דעם ווי אַלע האָבן שוין אָפּגעגעסן), נאָר העלפֿן אונדז צו עסן ווי מענטשן. אַט האָט ער אַריינגעשטעקט די פֿינגער פֿון זיין רעכטער האַנט אין שיסל און האָט אַרויסגענומען אַ שטיק פֿעט פֿלייש. ווען ער האָט געזען, אַז דאָס איז צו גרויס, ס׳זאָל גרינג אַריין אין מויל, האָט ער עס צעריסן מיטביידע הענט און דערלאַנגט בנימינען, זאָגנדיק: כּול, כּול, יאַ מוכטאַר — עס, עס, מוכטאַר!״

און בנימין דער מוכטאַר האָט געמוזט עסן, כּדי זיידאַן דער מוכטאַר זאָל זיך ניט פֿילן באַליידיקט. ווען זיידאַן איז אַרויסגעגאַנגען פֿון עסצימער, האָב איך געמאַכט אַ ברכה: „ברוך שלא עשני מוכטאַר״!...

פֿאַרן עסן וואַשט מען זיך נישט די הענט און ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין מוז צו וואַשן זיך די הענט און פּנים נאָר פֿאַר אַ תּפֿילה. אָבער אויף מים אחרונים זענען די מוסלמענער־אַראַבער זייער מקפּיד. פֿאַר חשובֿע געסט האָט דאָס קליינוואַרג פֿון זיידאַנס גרויסער משפּחה געבראַכט זייף מיט אַ קרוג וואַסער און אויפֿגעגאָסן אויף די הענט, וואָס זענען שמוציק־פֿעט געוואָרן נאָך דער אכילה.

נאָך „מים אחרונים״ זענען מיר צוגעגאַנגען צום גרויסן פּלאַץ הינטער זיידאַנס שטוב, וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעשפּילט די גאַנצע שמחה. אַט זענען געקומען

ציגיינערקעס משמח זיין דעם עולם מיט טענץ און מיט זינגען. זיי זענען פּאַרפּוצט מיט פאַרשידענע שנירלעך, וואָס אויף זיי זענען אויפגעצילעוועט קליינע גלעקעלעך און טעצעלעך. ווי זיי האָבן אָפּגעטאַנצט די ערשטע פּאָר טענץ, האָט איינע פון זיי, אַ יונגע און זייער אַ שיינע, אַרומגעטראָגן זיך צווישן עולם מיט אַ טיכל אין אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. מ'האָט אין דעם טיכל אַריינגעוואָרפן מטבעות. איינער גיט מער, דער אַנדערער ווייניקער, יעדער לויט זיין יכולת און ברייטהאַרציקייט. און ס'זענען פאַראַן כבוד־זוכערס, וואָס שטרעבן זיך מפרסם מאַכן ווי אַ גרויסער גביר דורך געבן אַ גראָבע מטבע.

און אַן אמתע חתונה כדת מוכאַמעד וישמעאל קען נישט זיין אָן אַ קאָמעדיאַנט, וואָס מ'רופט אים מיטן טיטל אַבו נאַכס — „דער פאָטער פון שלימזל", וואָס מאַכט פריילעך דעם עולם מיט זיינע קאָמעדיאַנטסקע שטיק. זיין אויסזען אַליין רופט אַרויס אַ געלעכטער: קליין, דאַר ווי אַ פעניצל, דאָס פּנים זיינס משונהדיק פאַרקרימט, ווייזט אויס פון שטענדיק מאַכן העוויות, און אַ געלעכטערל, האַלב נאַיוו און האַלב נאַרישעוואַטע, רוט אין די לאַנגע און טיפע קנייטשן פון די אויסגעדאַרטע באַקן און שמאָלן שטערן. ער האָט מיר דערמאָנט דעם אַלטן סריס אין דער אַלטער שטאָט ירושלים, אַן איבערבלייבעניש פונעם מלכות־הויף פון דעם טערקישן סולטאַן אַבדול כאַמיד.

„אַבו נאַכס" טוט זיך אָן אַלט אָפּגעריבענעם און משונהדיקן קליינעם קאַפּעליוש פון אַ „פראַנדזשי" (אייראָפּעער), וואָס שטייט אים אויפן שפּיץ קאָפּ, גיט אַ לויף צו דעם און צו יענעם, שפּרינגט אַנטקעגן אים ווי אַ דולער און לאָזט אַרויס משונה־ווילדע קולות פון חיות און עופות. דער עולם קאַטשעט זיך פון געלעכטער און מונטערט אים מיט פּלעסקעריי און אויסרופן: „בראַוואָ אַבו נאַכס! זאָל לעבן אַבו נאַכס!"

✶

בשעת אַבו נאַכס האָט פאַרגעשטעלט זיינע שטותערייען און פּרימיטיווע קאָמעדיאַנטסקע שטיק און דער גרויסער עולם איז געפאַלן פשוט פון געלעכטער, האָבן מיר, די געקומענע געסט פון קיבוץ, דערפילט עפּעס אַ נישט־געוויינלעכע באַוועגונג צווישן אַ טייל פון עולם, וואָס איז געווען באַגלייט מיט אַ שושקעריי. מיר האָבן געזען ווי עמעצער גייט־צו צו איינעם, רוימט אים איין אַ סוד אין אויער, און דער וואָס האָט דאָס אויסגעהערט האָט איינגערוימט אַ צווייטן און דער צווייטער צום דריטן און אַזוי ווייטער, — ביז ס'איז דערגאַנגען צום לערער עובדיה. און אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן פאַרכמאַרעט.

— וואָס איז געשען? — האָט בנימין דער מוכטאַר געפרעגט עובדיהן.

— דער ברודער פון יענעם בעדווינער, וואָס איז געהרגעט געוואָרן גנבענענדיק

קוקורודזע פון אונדזערע פעלדער, איז געקומען אַהער אומגעבעטענערהייט, און ס׳קען טאַקע זיין, אַז די משפחה זיינע לאָקערט אונדז ערגעץ ווו אויפן וועג, אויסער דעם תחום פון דאָרף און וועט פּרווון אָפּצורעכענען זיך מיט אונדז און „אויסלייזן" דאָס בלוט פון געהרגעטן.

טאַקע אַ זייער ניט אָנגענעמע זאַך. דאָס לייגט זיך אויפן שכל. ס׳ווילט זיך אָבער ניט, אַז דאָס זאָל זיך לייגן אויפן שכל... די טענץ און דאָס זינגען פון די ציגיינערקעס, די קאָמעדיאַנטסקע שטיק פון אַבו נאַכסן און די געשמאַקע געלעכ־טערס, וואָס דאָס פּובליקום שיסט אויס אַלע מאָל, — דאָס אַלץ איז שוין מער ניט געקראָכן אין קאָפּ. אַלץ האָט פּלוצלונג באַקומען אַן אַנדער קאָליר און די גאַנצע שמחה האָט אויסגעזען משונהדיק און איבעריק. נאָר דאָס אָפּטע שיסן פון ביקסן און רעוואָלווערן, ממש הינטער דער פּלייצע, האָט לגבי אונדז, די פיר יידישע „מחותנים", באַקומען גאָר אַן אַנדערן און אַ מער ערנסטערן באַדייט...

יעדער איינער פון אונדז האָט געפילט, ווי ערנסט און סכנהדיק זענען די אומשטענדן און יעדער האָט אַוודאי געטראַכט עפּעס אַנדערש וועגן זיין קומען אַהער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יעדן איינעם האָט געמוטשעט דער געדאַנק, אַז דאָס איצטיקע גיין אויף דער חתונה איז געווען איבעריק.

מער פון אַלע איז עובדיה געווען פאַרזאָרגט און פאַרצרהט. קוקנדיק אויף זיין בלאַסלעך פּנים, אויף די אויגן זיינע, וואָס האָבן שטומערהייט דערציילט וועגן שטאַרקן אומעט מחמת פּחד, נאָר קוקנדיק אויף אים, האָט מען געקאָנט אַריינפאַלן אין שרעק.

דער מוכטאַר בנימין און איציק דער שומר זענען געזעסן גאַנץ רויִק, אָבער, יעדנפאַלס, האָט מען געקענט מערקן, אַז זיי זענען ערנסטער ווי פריער. בנימין האָט געררייכערט די גאַנצע צייט די ליולקע און ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט פירן מיט איר אַ זייער וויכטיקן וויכוח.

עובדיה האָט ניט געקענט איינזיצן רויִק אויף אַן אָרט. אַט לויפט ער פון איין ידיד צום צווייטן, פון זיינע פיל באַקאַנטע אַראַבער, שושקעט זיך מיט זיי און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז פון אים געוואָרן בלויז אַ קנויל פון אויפגערעגטע נערוון. — „אַ מזרח־טיפּ מיט אַלע פּיטשעווקעס" — האָט דער מוכטאַר אַ זאָג געטאָן מיט אַ ביטול און ברוגזן שמייכל. נאָר ווען עובדיה האָט אָנגעהויבן אַרומ־שמייען אַן אויפהער, האָט אים בנימין געזאָגט גאַנץ שאַרף: „הער נאָר, מענטש איינער, וואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט, אַז דו קענסט דיר ניט געפינען קיין מקום מנוחה? בעסער וועט זיין, אַז דו זאָלסט זיך באַרויִקן און איינזיצן אויפן אָרט, און אויסזופּן נאָך אַ גלעזל קאַווע און אויפהערן צו פּראַווען „סיאַסע" (פּאָליטיק).

נאָר עובדיה וויל זיך נישט אונטערגעבן: די סכנה, זאָגט ער, איז גרויס און מען

דאַרף אויסזוכן אַן עצה, ווי זי אויסצומיידן. „יאָ, יאָ, איך ווייס שוין וואָס צו טאָן" — האָט ער געשטאַמלט פאַר שרעק.

דער מוכטאַר בנימין און דער שומר איציק זענען צוגעשטאַנען צו עובדיהן און געפאָדערט ער זאָל מאַכן אַן עק צו זיין שרעק און בהלה־לויפעריי.

עובדיה איז געבליבן זיצן און געפּרוווט זיך באַרויִקן, נאָר עס איז אים נישט געגאַנגען. אַז מיר שטעקן דערוויל אין אַ בלאָטע, האָט קיינער פון אונדז נישט אָפּגעלייקנט. דאָס וואָס זאָל ניט קומען, קען טרעפן אויף אַ גאָר פשוטן אופן: כל־זמן מיר געפינען זיך אין דאָרף איז דער מכניס־אורח זיידאַן פאַראַנטוואָרטלעך, אויב מ'רירט אָן זיינע געסט, אָבער אויסער די גרענעצן פון דאָרף ליגט שוין אויף אים נישט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַזוי אַז די קרובים פון יענעם הרוג וועלן אונדז לויערן און באַשיסן, נישט אַזוי ווי מ'שיסט דאָ אויף דער חתונה, אין דער לופט, גלאַט פון שמחה וועגן... וואָס ס'קען אַרויסקומען פון אַזאַ מעשה, ווילט זיך גאָרנישט טראַכטן, אָבער שלעכטע מחשבות האָבן זייער ניט קיין גוטע טבע: ווייל דו ווילסט זיי ניט אַריינלאָזן, קריכן זיי צו דיר אויף צו להכעיס און אויפן ברוטאַלסטן אופן דורך יעדער שפּעלטעלע און שפּאַרונע פון האַרץ און קאָפּ. נאָך וואָס האָסטו, נאָר איינער, אַריינגעלייגט דיין געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט ?..

בנימין האָט אויסגעטרייסלט דאָס אַש פון ליולקע און בשעת מעשה געזאָגט שטיל און רויִק: „חברה: אונדזערע פערד זענען גוטע און לייכטפיסיקע סוסים. ווען נישט עובדיה מיט זיין שקאָפּע, וואָס בלייבט הינטערשטעליק מחמת בענקשאַפט צום לאָשיקל אָדער דער רוח ווייסט פאַר וואָס, וואָלטן מיר איצט גאַלאָפּירט צו אונדזערן אַ נאָענטן יישוב און גענומען עטלעכע גוטע „כלים" — און "ויסעו", גלייך אַהיים. אגב, איך גלייב גאָרניט, אַז ער האָט אונטער זיך צוואַנציק־דרייסיק פאַרשוינען, ווי מ'האָט עובדיהן דערציילט. דער בעדויִנער, דער ברודער פון געהרגעטן, האָט ניט אין זיך אַזוי פיל דרייסטקייט, ער זאָל קענען שטיין בראש פון אַזאַ גרויסער באַנדע. אפשר האָט ער אונטער זיך עטלעכע נישטיקע קרובים".

עובדיה האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן בעטן ביי דעם בעל־שמחה זיידאַן אַבדול קאָדר, אַז ער זאָל אונדז געבן אַ באַגלייטונג ביז צום קיבוץ. בנימין און איציק האָבן דעם פאָרשלאַג שאַרף אָפּגעוואָרפן.

— יאָ — האָט איציק דער שומר געזאָגט — לויט די טראַדיציאָנעלע מנהגים פון הכנסת אורחים איז מעגלעך אין געוויסע אומשטענדן, ווי למשל אַ צופעליקער צוזאַמענטרעף פון דם־שונאים אין עמעצנס הויז, בעטן פון דעם באַלעבאָס אַ זיכערקייטס־באַגלייטונג. אַזאַ מין פאַרלאַנג איז געזעצלעך און נישט קיין בושה. אָבער מיר זענען אין דער נייער געגנט אין גאַנצן אַכט־ניין חדשים בסך־הכל. דעריבער רעכן איך פאַר נישט גינסטיק צו בעטן אַ באַגלייטונג. וואָס וועט מען

זאָגן אויף אונדז אין דער סביבה? זיי זענען גאָרניט קיין „רידזשאַל״ (מאַנצבילן, מוטיקע מענטשן), נאָר „ביסואָן״ — פּרויען, דאָס הייסט פּחדנים. אַזאַ זאַך קען שאַדן ברענגען ניט נאָר אונדז, נאָר אויך אַנדערע קיבוצים און מושבים, וואָס מ׳האַלט ביים אויפשטעלן זיי בקרוב אין דער סביבה. לאָמיר בעסער אַ ביסל וואַרטן און זען...

און צו עובדיהן, וואָס האָט געהאַלטן אַז מ׳דאַרף בעטן פון זיידאַנען אַ באַגלייטונג, האָט בנימין אַזוי געזאָגט: „דו, עובדיה, ווי כמעט אַ היגער געבוירענער, ביסט אַן צווייפל אַ בקי אין אַזעלכע ענינים. נאָר זאָל דיך נישט פאַרדריסן, אויב איך וועל דיר זאָגן, אַז דיר פעלט אַ סך, כדי דו זאָלסט קאָנען אָפּשאַצן אַזעלכע זאַכן כהווייתם, ווי זיי זענען אין דער אמתן. דו גלייבסט צו פיל — אָבער לאָמיר זאָגן: גלייבסט מער ווי מען דאַרף — וואָס אונדזערע שכנים זאָגן דיר, און זאָלסט אויף מיר נישט קיין פאַראיבל האָבן, אויב איך וועל דיר זאָגן, אַז דו לייגסט צו עפּעס צו דעם דערציילטן, נישט חלילה דערפאַר, וואָס דו ביסט אַ ליגנער, נאָר דאָס צוליגן און איבערטרייבן איז אַ פועל־יוצא פון דיין כוח־הדמיון. איך, למשל, מיין, לאָמיר בעסער צוגיין צום „מיידאַן״ (ברייטער פּלאַץ) און זען ווי האַלט עס מיט דעם רייטערס־געוועט״.

אויף דעם „מיידאַן״ האָבן זיך געיאָגט רייטערס אויף „אייזערנע״ פערד און אויף איידעלע מיוחסדיקע שקאַפּעס. בעת דעם גאַלאָפּירן האָבן אַ טייל פון די רייטערס ווילינוגעריש געוואָרפן אין דער לופטן אַ שטעקן אָדער אַ פאַטשיילע און פלינק געכאַפּט עס מיט איין האַנט אין געשווינדטן געיעג. דער עולם האָט געמונטערט דעם אָדער יענעם רייטער: „הו־וואַ־נו־וואַ״, דאָס הייסט אַ „פאַרעס״! (פּרש) אַ קאַוואַלאַריסט, ווי „אַנטאַר דער צווייטער!״ (אַנטאַר איז אַן איסלאַמישער האַלבּ־לעגענדאַרער העלד). יאָג דיך, יאָג דיך נאָך אַ ביסל, וועסטו דערגרייכן דעם ציל און זיי מנצח זיין!״

און „אַנטאַר דער צווייטער״, אַ געדיכט־באַוואַקסענער בעדוי:נער, איז אַזוי געפלויגן אויף זיין מיוחסדיקער שקאַפּע, אַז די „קופיע״ זיינע איז אים אַראָפּגעפאַלן און ער איז געבליבן מיטן בלויזן קאָפּ, און זיינע לאַנגע לאָקן, ווי צעפּ, האָבן זיך צעשויבערט איבער זיין פאַרשוויצטן שטערן. ער איז פאַרטומלט געוואָרן, וואָרעם זיין מיטן בלויזן קאָפּ איז אַ גרויסע חרפה ביי די זין פון ישמעאל, און על אחת כמה וכמה, אַ בעדוי:נער, איז פאַררעכנט ווי זיינס אַן אמת קינד. דאַכט זיך אַז ער וויל אין מיטן געוועט אַראָפּשפּרינגען און אויפהייבן זיין קאַפּטיכל. ער האָט זיך אָבער אַנגעשטרענגט, געקומען צו זיך, און האָט געשמיסן די בהמה, וואָס האָט זיך מיט אַ מאָל געלאָזט יאָגן, די אויגן אירע זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט און דער שווייס האָט זיך פון איר געגאָסן, און אַזוי איז זי אַוועקגעפאַלן אין מיטן געוועט.

— געפּטרט אַזאַ איידעלע שקאַפּע! ער האָט זי ווי אַן אַכזר געממיתט — האָבן זיך געהערט קולות פון עולם.

— זיי מאַכן אַ תל פון זייערע בעסטע ראַסאָווע פערד — האָט איציק דער שומר געזאָגט מיט צער — ווען איך זאָל האָבן אַזאַ שקאַפּע ווי די, וואָס האָלט שוין ביים פּגרן, וואָלט איך שוין געוווסט ווי אַזוי זי צו שאַנעווען. אַ פּרא אדם! — האָט ער פאַרענדיקט מיט כעס.

בנימין דער מוכטאַר און עובדיה דער לערער האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן עולם, צו זען אויב ס'זענען דאָ, אויסער דעם ברודער, דעם „גואל־הדם", נאָך אַנדערע „בלוט־אויסלייזערס" פון זיין משפחה, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ס'איז קיינער נישטאָ.

— אַ שלעכטער סימן — האָט עובדיה אַ דערשראָקענער קוים אויסגערעדט די צוויי ווערטער.

— וואָס פאַר אַ שלעכטער סימן? — האָט אים בנימין געפרעגט.

— דאָס איז אַ סימן, אַז זיי לויערן אונדז ערגעץ ווו אויפן וועג.

דאָס מאָל איז דער קאַלטער מיושבדיקער בנימין, וואָס זעלטן ווער ס'האָט אים געקאָנט דערצאָרנען, אַרויס פון די כלים און האָט זיך אויסגעבייזערט אויף עובדיהן און אים געזאָגט: „עובדיה, עובדיה! ווי אַזוי שעמסטו דיך נישט? וואָס מאַכסטו־אָן אַ בהלה? דו ביסט שוין איין מאָל אַ מאַנספּערשוין! בעסער זאָלסטו צוגיין צו אַבו נאַכסן זען זיינע קונצן, אפשר וועט אים געלינגען אַרויסטרייבן פון דיר דיין שלעכטן געמיט".

אין אמתן ליידט גאָר דער מוכטאַר פון קיבוץ פון אַ שלעכטן געמיט שוין עט־לעכע טעג: פון זיין אַ מוכטאַר שוין צוויי יאָר נאָך אַנאַנד, אַנדערטהאַלבן יאָר אין פריערדיקן קיבוץ און אַן אַכט חדשים שוין דאָ. ווייל מ'האָלט, אַז ער איז אַ מומחה אויף „מוכטעריי", האָט אים דער מרכז געשיקט צום ניי־געגרינדעטן קיבוץ „פּאָליטיק" פירן מיט די שכנים, אַזוי אַז ער איז פאַרנומען טאָג און נאַכט, באַ־זונדערס איצט, אין געבענטשטן סעזאָן פון חתונות.

אויב דו ווילסט שאַפן גוטע שכנישע באַציונגען, מוזסטו טאַנצן אויף אַלע חתונות... און דער ענין פון דעם גאולת־דם, וואָס מ'קען ניט פירן קיין שום פאַר־האַנדלונגען וועגן דער „סולחה", כל־זמן דער ראש השבט מאַכט אַ לעבן אין חוץ לארץ... צו די אַראַבער דאַרף מען האָבן געדולד, אייזערנעם געדולד.

אַ ברודער פון דעם בעל־שמחה, מוסטאַפאַ אַבדול קאַדר, אַ פּיפּיקער פעלאַך, אַ דורכגעטריבענער, וואָס זיינע זייער באַוועגלעכע אויגן רוען נישט קיין מינוט, איז צוגעגאַנגען פּאַוואָליע און בנעימותדיק צו בנימינען. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס כנהוג, מיט באַגריסונגען און ווינטשערייען, ביז מוסטאַפאַ איז דערגאַנגען צום עיקר ענין,

וואָס צוליב דעם איז ער צוגעגאַנגען צו אים, וועגן דעם בלוט־סכסוך צווישן קיבוץ און שבט.

— דער בחור וויל אַ ביסל געלט פון איך — האָט מוסטאַפאַ אַ זאָג געטאָן כלאחר יד.

— וואָס פאַר אַ בחור? — פרעגט בנימין און מאַכט זיך תמעוואַטע, גלייך ווי ער ווייסט ניט וועמען ער מיינט.

— דער בחור? איך מיין דעם ברודער פון דעם הרוג. גיט אים אַ ביסל מעות, וועט ער מאַכן מיט איך אַ „סולחה" אַלס דער נאָענטסטער צום דערהרגעטן, זאָל אים אַללאַ געבן די רו און אים אַריינברענגען אין בעסטן שטיקל גן־עדן! — איך נעם אויף זיך די טרחה אים צוצורעדן צו דעם — און אַ סוף און אַן ענדע זאָל דאָס נעמען!

אַזוי גאָר! איצטער איז שוין דער ענין קלאָר: מען וויל „אַ פּאָר גראָשן", ווי מוסטאַפאַ האָט זיך אויסגעדריקט. און אפשר מער ווי ס'וויל דאָס דער ברודער, וויל ער, דער פאַרמיטלער, דער בעל־טובהניק. יאָ, יאָ, היינטיקע צייטן ווערט שוין אַפילו אַזאַ פאַרהייליקטער געזעץ פון טויזנטער יאָרן, ווי נקמה נעמען פאַר פאַרגאָסן בלוט, פאַרביטן אויף גראָב געלט און אַפילו אויף קליינגעלט. מעות איז געוואָרן העכער און בילכער ווי נקמה נעמען, באַזונדערס אין ראַיאָן פון גרענעץ מיט סוריה און מיט לבנון, וווּ יעדע סחורה ווערט דאָ געשמוגלט פאַר רווח. — פאַר וואָס טאַקע זאָל אַזאַ מוסטאַפאַ נישט מאַכן דעם אַנשטעל, אַז די בלוט־מאַנערס וועלן לאַקערן, כדי זיך נוקם זיין „בלוט פאַר בלוט" און כאַפּן אַ פאַרדינסטל. איצט איז שוין קלאָר, פאַר וואָס דער ברודער פון הרוג איז געקומען אויף דער חתונה אומגעבעטן.

אַ פריילעכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף בנימינס ערנסטן פּנים און ער האָט געזאָגט צו מוסטאַפאַן:

— טאַקע זייער שיין פון דיין זייט, וואָס דו לייגסט דיך אַריין אין שלום מאַכן. וויל איך דיך בעטן, אַז דו זאָלסט זאָגן דעם מאַנער, ער זאָל נישט וואַגן צו פירן אַ בייזע שפּיל. אויב נישט, וועט ער קריגן אַ שלעכטן סוף, וואָרעם ס'איז זייער מעגלעך, אַז ער וועט גאָרניט געניסן פון „אויסלייז־געלט". דער סכסוך איז צווישן אונדז און דעם עמיר, דעם ראש השבט.

מיט אַ געמאַכטן פריילעכן און אַ ביסל חניפהדיקן פּנים האָט זיך אָפּגעטראָגן דער פעלאַך, וועלכער האָט זיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ פאַרמיטלער, מורמלענדיק: „אינשאַללאַ חייר" (ס'וועט שוין אם־ירצה־השם גוט זיין).

די אַטמאָספער אַרום אונדז האָט זיך אַ ביסל געלייטערט. מיר האָבן זיך אומגעקערט צו דער חתונה. די ציגיינערקעס האָבן נאָך אַלץ געטאַנצט, קלינגענדיק מיט זייערע גלעקעלעך און טעצעלעך, און די הויפּט־ציגיינערקע האָט נאָך אַלץ

זיך געטראָגן מיט דער פּאַטשיילע, וואָס איז געווען פול מיט פּאַלעסטינער און סיריש געלט. פון די פּאַפּירלעך האָט אַרויסגעקוקט גאַווהדיק די גילבלעכע פּאַ־לעסטינער לירע. דער יונגער שייך, דער וואָס האָט געשפּענדעט די אַסיגנאַציע, איז געזעסן מיט אַזאַ גדלות, פונקט ווי די גאַנצע חתונה און די גאַנצע גדולה איז נאָר אין זיין זכות... אַבו נאַכס האָט געמאַכט העוויות ווי אַ צעווילדעוועטע מאַלפּע, שפּרינגענדיק אויף איין פוס. אַט האָט ער זיך צעלייגט אויף דער ערד, איין פוס האַלט ער אין דער הייך און מיטן צווייטן טופּעט ער און דריגעט, ברומט אַרויס פּאַרשידענע ברומרייען און קוויטשערייען, וואָס באַדאַרף הייסן: נאָכמאַכן חיות און עופות. דער עולם אַרום איז אַנטציקט פון דעם און עס הערן זיך אויסגעשרייען: „זאָל לעבן אַבו נאַכס! קרייע ווי אַ האָן! ווויע ווי אַ סאָווע! ברום ווי אַ וואָלף! האַווקע ווי אַ הונט!”

— עובדיה, עובדיה! ווו ביסטו ערגעץ? — האָט דער מוכטאַר בנימין גערופן דעם לערער — עובדיה! — האָט געשריען אויף אַ קול איציק דער שומר — ווו ביסטו, עובדיה?

מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אים זוכן צווישן גרויסן עולם. סוף־סוף האָבן מיר אים געפּאַקט שטיין אין אַ זייטיקן ווינקל, אָנגעלענט ביי אַ באָקסער־בוים, פאַרזונקען, פאַרטראַכט. ער איז געווען אַזוי פאַרטראַכט, אַז ער האָט אַפילו נישט געהערט ווען מיר, שוין זייענדיק נאָענט צו אים, האָבן אים גערופן — ביז בנימין איז צו אים צוגעקומען הינטערוויילעכץ און אים געגעבן אַ פריינטלעכן קלאַפּ אין דער פּלייצע.

ווען מיר האָבן זיך שוין אַרויפגעזעצט אויף אונדזערע פערד גרייט צו פאָרן אַהיים, מיד זייענדיק פון די איבערלעבענישן, פון דער חתונה, און זיידאַן און זיין משפּחה האָבן אונדז באַשאָנקען מיט ברכות, דאַנקערייי און ווינטשערייי ווי אַ צידה לדרך, האָט בנימין אויף ס'ניי אָנגעהויבן צו רעדן מיט עובדיהן, זיין סעקרעטאַר פאַר אַראַבישע ענינים, וואָס איז געווען פאַרשעמט פון זיין אויפפירעכץ אויף דער חתונה. בנימין האָט מיט אים גערעדט „שנים מקרא ואחד תרגום”, צוויי גלעט און איין שמייס.

און געענדיקט האָט בנימין דעם שמועס מיט דער רעדע:

„איך וויל דיר נאָך אַ מאָל זאָגן, מיין טייערער — האָט בנימין געלאָסן גערעדט און געפּיפּקעט זיין ליולקע, וואָס האָט זיך שוין פון לאַנג געלאָשן — דו ביסט אַ געבוירענער פון אונדזער מזרח־קאַנט. די לופט, וואָס דו האָסט געאָטעמט, איז די אייגענע, וואָס זיי, די קינדער פון אונדזער פעטער ישמעאל האָבן געאָטעמט; דאָס וואַסער, וואָס דו האָסט געטרונקען, האָבן זיי אויך געטרונקען, זייער לשון קענסטו אַזוי גוט מיט אַלע פּיטשעווקעס. דו שטייסט ניט אָפּ, ווען דו דאַרפסט

באַגריסן אָדער ווינטשעווען — אַ וויכטיקע תורה ביי די בני־ישמעאל, און, להבדל, שימפּן און שעלטן. וואָס בין איך אויסן? איך בין בסך־הכל ניין יאָר אין לאַנד. מיין אַראַביש איז זייער אַ שווערער און צעבראָכענער, בכל אופן פאַרשטייען זיי מיך, כאָטש איך בין זיכער, אַז איך פאַרגרילץ די אַראַבישע אויערן, אַז ביי מיר איז די גאָרגלדיקע חית אַלץ איינס ווי אַ כף, און ביי מיר איז ניטאָ קיין חילוק צווישן טית און תו און אויך קיין אונטערשיד צווישן די עטלעכע דלדן, און כאָטש אַזוי, וויסן זיי גוט, וואָס איך וויל און וואָס איך בין אויסן מיט דעם אָדער יענעם ענין. נאָר איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, אַז איך, דער גרינער כמעט, פאַרשטיי זיי בעסער ווי דו. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן חכמה און פּקחות, פּקחות איז ביי דיר דאָ גאַנץ גענוג. דו, וואָס ביסט מיטביידע פיס צווישן זיי, קענסטו נישט אָפּשאַצן ריכטיק זייערע דיבורים און מעשים. און פאַרגעס גאָר ניט, אַז אַלץ ענדערט זיך און אויך ביי זיי, די בני־ערב. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דו ווערסט פאַררעכנט כמעט ווי אַן אייגענער ביי זיי, דאָך ביסטו שוין עטלעכע יאָר אָפּגעריסן פון זיי. אָט, למשל, היינט, האָסטו געקענט זען באַשיימפּערלעך ווי הייליקע טראַדיציע פון „נפש תחת נפש" איז שוין ניט אַזוי הייליק, ווי זי איז געווען. מיט אַ ביסל געלט ווערט פאַרשוווּנדן די גאַנצע קדושה פון גאולת־דם. דער היינטיקער טאָג וועט דיך אַוודאי אָנלערנען, אַז מען דאַרף זיך באַציען צו פאַרשידענע סטראַשונקעס, ווי צו אַ מאַנעווער, וואָס זיין ציל איז אָפּשרעקן אַ צווייטן, כדי אַרויסקריגן פון אים וואָס מער".

עובדיה האָט געשוויגן, אָבער אין האַרצן האָט ער געטראַכט, אַז ער קען די בני־ערב בעסער פון מוכטאַר בנימין און שומר איציק. וואָס ס'איז היינט פאָרגע־קומען איז ניט מער ווי אַן עפּיזאָד, אפשר גאָר אַ נס מן השמים. נאָר כאָטש ער מיינט אַזוי, איז אים נישט אָנגענעם צו זיין איצט אין אונדזער געזעלשאַפט און דערעיקרשט וויל ער זיין ווייט פון בנימינען, וואָס האָט אים נישט געלאָזט רוען און אים די נשמה גענומען. ווייזט אויס, אַז זיין ביטער האַרץ האָט בנימין אויסגע־לאָזט אויף עובדיהן.

די שקאַפּע, וואָס האָט זיך פאַרעקשנט ווי דער חמור פון בלעם הרשע, ווען מיר זענען געפאָרן צו דער חתונה, איז דאָס מאָל כמעט געלאָפן, ווען זי האָט נאָר דערשמעקט, אַז מ'פאָרט אַהיים צום לאָשיקל אירן, און געהירזשעט פון פרייד. עובדיה האָט אויסגענוצט דער שקאַפּעס ווילן צו זיין וואָס גיכער אין דער סטאַניע און האָט זי צוגעאיילט אַ ביסל, דריקנדיק מיט זיינע פיס איר קיילעכדיקן שיינעם בויך, און אַזוי זיך דערוויטערט מיט אַ פּאָר הונדערט מעטער פון אונדז.

און ווען עובדיה איז נעלם געוואָרן און מיר זאַלבע דריי האָבן געריטן פּאַמעלעך איינער לעבן אַנדערן, האָט בנימין צו אונדז געזאָגט: „הערט, חברה! ס'האָט היינט

זיך געקאָנט טרעפן מיט אונדז גאָר אַנדערש, און טאַקע פונקט ווי עובדיה האָט פאָרויסגעזען מיט זיין כוח הדמיון. נישט איין מאָל קען זיך טרעפן, אַז אַזאַ מין חוש לגבי זאַכן פון דער מזרח־וועלט איז זיכערער און פעסטער ווי אונדזערע קאַלטע און ניכטערע באַהאַנדלונגען און פאָרויסזעונגען. גוט וואָס די שקאַפע האָט אים דערוווייטערט פון אונדז און ער האָט נישט געהערט, וואָס איך האָב איצטער געזאָגט, ווארעם אַזאַ מיינונג איז פאַר עובדיהן גלייך ווי סם־המות״.

איציק דער שומר, אַ שווייגער, וואָס זעלטן הערסטו פון אים אַ וואָרט, האָט זיך אָנגערופן: „ביי די אַראַבער איז פאַראַן אַ שפּריכוואָרט: „דער בעסטער פון די וועגן איז דער מיטלסטער״. דאָס מיינט מען דעם שביל־הזהב, דער ריכטיקער וועג. ס'איז אַוודאי גוט אַ קאַלטער לאָגישער צוגאַנג, צוזאַמען מיט אַ שאַרפן חוש, וואָס איז אַ פועל־יוצא פון אַ ביסל דמיון. אָבער ווו נעמט מען די ביידע זאַכן צוזאַמען״.

אַזוי האָבן מיר גערעדט, און די זון האָט זיך דערווייל אָנגעהויבן צו גענענען צום פאַרנעפּלטן האָריזאָנט. פּלוצלונג האָט בנימין אונדז אַ זאָג געטאָן: „חברה, ס'איז כדאי, אַז מיר זאָלן אָפּלייגן דעם וויכוח אויף שפּעטער און דערווייל זיך צוזאיילן און קומען אַהיים, ווארעם כל זמן מיר האָבן נישט פעסטגעשטעלט וואָס איז ריכטיקער, צי די קאַלטע לאָגיק, אָדער דער ברענענדיקער חוש הדמיון, קען נאָך זיין, אַז ס'זאָל טרעפן אַזעלכעס, ווי עובדיה האָט פאָרויסגעזען״...

איידער מיר האָבן באַשלאָסן צו גאַלאָפּירן האָבן מיר געגעבן רו די פערד אונדזערע, וואָס האָבן געשטשיפּעט דאָס גראָז פון פעלד. פון דער טיפער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אַרום און אַרום, האָבן זיך צו אונדז דערטראָגן פאַרדעמפטע צונג־און האַלד־יאָדעלן פון די פרויען. און אַ ווידערקול פון שמחה און געלעכטער פון גרויסן עולם אויף דער חתונה, וואָס האָט געהאַט אַ קינדערשע נאַיווע הנאה פון די קונצערייען פון קאָמעדיאַנט אַבו נאַכס.

אריה שמרי, עין־שמר

לידער וועגן אותיות

די שפּיל פון זילבן

כ׳בין איינער פון קינדער די אַלע
וואָס שפּילן פאַרחידושט און ווייסן,
אַז איטלעכער טאָג איז אַן אַ ל ף
און אַלינקע נעכט זענען ב י ת ן.

און אַלע, די זילבן די פּילע,
אין צוק פון פאַרכישופטער ווי:ע —
זיי וויקלען בײַזאַם אַ מגילה
מיט סודות פון פרי־ליכט און שקיעה.

ס׳איז אַ שפּיל פון געטלעכער העזה
אויף פאַרמעט פון ערדן און הימלען,
אין דעמערשע כתבן די ראָזע
מיט פולן טאָגס גאָלדענע גימלען.

און זילבן מיט זילבן זיך קניפּן
אין מיר, מײַן פאַרחידושטן זינען,
ביז כ׳פּיל אין רים צווישן ליפּן
ווי לידער זיך וועבן דערינען.

ווי פאָדעם צו פאָדעם — יריעה
אויף נאָדלען פון נונען די לאַנגע,
ווי שטראַלן ביז שין־תיו פאַרצי:ען
מיט גין פון באַגינען־געזאַנגען;

ביז זילבן זיך זיגלען אין ווערטער
מיט קוש פון באַשערט און געטראָפן.
און איך, אין דער שפּיל אײַנגעהערטער —
איך האָרך אַזאַ שאָרך פון אין־סופן.

אין שעמעוודיקן כתב

אין שעמעוודיקן כתב פון די לידער
אַזאַ פּינקלעניש סודותדיק פרעמדע!
ס'איז פון איר, פון דער שירה־נגידה,
אַ דימענט מיט דעם שײַן פון לעגענדע.

אויף די מערק וועט אים קיינער נישט אַרבן,
לאַנג פאַרגעסן, אין אומווערט אַלץ מינדער.
נאָר עס וועלן ביז אייביק גאָטס פאַרבן
אין אַ וועלט אין אַ דוממדיק בלינדער —

שוין נישט קיין מאָל אין אים זיך פאַרטוישן
און דורכשײַנען די לידערשע כתבן
מיט די זאַפטן פון וויגלשע קושן,
ווען עס רופן די הימלען: קום דאַוון!

ביז עס וועט ווען, ווּ כתבן זיך שעמען,
מיט אַ הימנישער שטאָלצקייט זיך הערן,
ווי די שירה־נגידהס צוויי ברעמען
צאַפלען אויף אין באַריר פון די שטערן.

און אַ דומם־וועלט, גולם־געלויפיק,
וועט נאָך זוכן די וויגלשע קושן
אין די ריטמען די שטילסטע פון דופק
מיט אַ תחית המתים פון חושים.

נס פון טאג

און ווידער דו, און תמיד זעלטן —
די וויגל־שעה פונעם ערשטן אות.
אין מינדסטן פינגער פיל איך וועלטן,
וואָס באַפלייצן מיך מיט בלאָ און ראָז.

אַ וועב פון זון און לופט און זאַכן
און פון צווישן זיי — מײַן טראָט אין שטויב.
אַלץ רופט: דערוואַכן, אויפצומאַכן
די זיגל־היילן פון זונג און לויב.

און ווידער ד ו, דאָס העלע פנים
מיט ליכט פאַרטיפט אין קנייטש און קאַרב;
און ווידער — הנני העני
מיט דעם מלך עליונס גאָלד באַפאַרבט.

און כ׳שטיי אין מיט פון פעלד בדממה
בײַ דעם אָנהייב פון אַ מעת־לעת.
סתם מיטוואָך איז זײַן פראָסטער נאָמען,
נאָר ער איז אַלף און אייביק נס.

און ווידער ד ו, דאָס העלע פנים
מיט די שטופּלען זון — דײַן שריפט און זאָג.
דער בראשית ציילט טעג מיליאָנען,
נאָר ווידער אַ נס ביסטו מיר, טאָג.

שוועסטער

יעדער טאָג איז ערשטער, יעדער טאָג איז לעצטער, —
גייט מײַן טאָג געאָרעמט מיט צוויי צווילינג־שוועסטער.

זע איך איינע — אַזאַ טראַציקע ברונעטע,
און די צווייטע — אַ גאָלדלאָקיקע באַגלעטע.

בין איך צו זיי ביידן אַ געליבטער, טרײַער,
פֿאַר איינער — ברונעם און פֿאַר דער צווייטער — פֿײַער.

גיי איך מיט זיי ביידע אָט אַזוי איינאַנדער,
מיט אַ זון און כמאַרע צו אַ וועלט אַן אַנדער.

נישט קיין ערשטע, נישט קיין לעצטע אין איר דויער,
שוועלן, טירן און אַ טויער נאָך אַ טויער.

וועלט פֿון ערשטקייט, וועלט פֿון לעצטקייט — אָן אַ ציפֿער,
לענגער פֿון מײַן טאָג און פֿון מײַן קבר — טיפֿער.

זי איז דנאָיִק, זי איז הימליק, טיפֿער, העכער,
און מײַן ברונעם און מײַן פֿײַער — אין איר בעכער.

א תפילה

נישט מיט שפע בעט איך באַלוינען,
נישט גלאַנצן פון גאָלד וועל איך וועלן,
נאָר איינס נאָר איך בעט דיך, רבונו:
כ׳וויל זײַן דײַן בראשית־געזעלן.

גאָר פרי, ווען פאַרקאַשערסט די אָרבל
און שפּרייטסט אויס אויף פעלדער די פליגל,
זאָל איך מיט דיר גאַרטלען די גאַרבן
אָט דאָ אויף דעם גלײַכן היגל;

מיט לאַסטיקע, זונגיקע שפּאַנען
די גאַרבן אין סטויגן צעשטעלן,
און פילן, אַז דו ביסט פאַראַנען
אין וועלטפעלד בײַ האַנט פון געזעלן.

און ווען ס׳וועט אַ דאָרן מיך שטעכן,
פאַרקלעמען די פליישן און ביינער,
זאָלסטו, זאָל דײַן קול אין מיר עכאָן,
דײַן קול פון בראשית, דו איינער.

און אַ יהי־אור, גאָר אַ נײַסטער,
זאָל אין מײַנע בלוטן דורכהעלן,
פון דיר, אויפן וועלטפעלד, מיין מײַסטער,
אין מיר, אין דײַן יונגן געזעלן.

ביי יינגסטע בלעטלעך

ווען ס׳קניט די שעה פון אָוונט שפּעטלעך,
לאָז איך זיך גיין אַן אײַנגעהערטער
צום ווייגערויש פון יינגסטע בלעטלעך,
וואָס אָטעמען מיט נײַע ווערטער.

צו הערן סוד פון גרויסן גאָרטן
אין גרינעם סכך, אין בלאָען עטער,
אין וואָרצלען, הימלען — דאָ און דאָרטן,
אין גאַנג פון שטערן צווישן בלעטער.

די יינגסטע בלעטלעך קום איך הערן,
אין זייער דראַנג — געזאַנג געפינען.
איך הער אין זיי דאָס וואונדערווערן,
ווי נאָך און ווידער נאָך באַגינען.

איך הער ווי ס׳זינגט דער פויגל־זינגער
מיט פײַנגעשריי אין כאָר פון פוקסן.
אויך איך, מיט יינגסטע בלעטלעך — יינגער,
אין שוידערבלי פון אַלע וווּקסן —

כ׳בלי און שוידער מיט אַלע שטאַמען,
מיט וואָרצלען, הימלען — דאָ און דאָרטן;
מיט פויגל און מיט פוקס צוזאַמען
בײַ יינגסטע בלעטלעך אינעם גאָרטן.

דער גראשן

פון אַלף־בית נאָך — וויפל יאָרן! —
איך היט אַלץ, צו שפּאָרן און שפּאָרן
דעם פון הימל געוואָרפענעם גראָשן.
אין זײַן גלאַנץ, דעם כּישופדיקן וואָרן,
אַזאַ ליכטשײַן נישט קיין מאָל געלאָשן.

איין גראָשן — און אוצרות צעוואַקסן
ביז ערדישע גאָלדענע אַקסן,
און נאָך ווײַטער — ווו לענדער נישט לאַנדן,
ווו גאָט מיט זוניקע פלאַקסן
מיך באַליכטיקט נגידיש פון ראַנדן.

און איך, אין מײַן אביונדיק לאַטן,
ווען אותיות גאָלד פון מײַן טאַטן
שטראַלן אויף פון די פּײַניקע היילן, —
כ׳וועד איינער פון יענע מאַגנאַטן
וואָס אַן איינציקן גראָשן נאָך ציילן...

און אוצרות פון גאָלדן און גינען
אײַל איך אויף ס׳נײַ צו געפינען
אינעם איינציקן גראָשן בײַם ציילן.
כ׳קאָן מיט אים אַ מלכות געווינען,
פאַר אַ וועלט פון אביונים פאַרטיילן!

אהרן מגד

באטראכטונגען איבער צוויי שפּראַכן

א.

מיין שכנה פֿון דערבייאיקן הויז איז אַ פֿרוי, וואָס פֿאַרמאָגט אַ תּאווה פֿון ריידן, — אַ מין תּאווה, ווי זלילה־וסביאה, און מיט דער זעלבער פֿליסיקייט רעדט זי אויף דריי־פֿיר שפּראַכן. אין די פֿרימאָרגן־שעהען, ווען די עוזרות קלאַפּן די טעפּעכער, הער איך איר קול, וואָס טראָגט זיך פֿון איר מרפּסת צו די באַלקאָנען פֿון די שכנות אויף דער אַנדערער זייט גאַס: צו איינער — אויף עבֿרית, צו דער אַנדערער — אויף דייטש, צו דער דריטער — אויף פֿראַנצייזיש, און אָפּט מאָל — אין אַ לאַנגזאַמערן טעמפּ, אָבער מיט דער זעלבער זיכערקייט — אויף ענגליש.

די גרעסטע הנאה אָבער האָב איך, ווען איך הער איר עבֿרית: זי שיסט אויף אַט דער שפּראַך מיט סאַלוועס ווערטער אָן הפסקה, אָן וואַקלונגען, אָן העמונגען. זי גיסט אויס אויף דער גאַס גאַנצע קוואָרטן עבֿרית, זי צעזייט און צעשפּרייט עס אויף אַלע פֿיר זייטן, פּלעווע און ריינע קערנער, שטיינדלעך און פּערל, אַלץ צוזאַמענגעמישט אין איין מיש־מאַש. און פּערל האָט זי אָן אַ שיעור. ווי טובֿיה דער מילכיקער אין זיינער צייט, מאַכט זי אויך פֿעלערן, פֿאַרדרייט און פֿאַרפּלאָנ־טערט, אָבער פּונקט אַזוי ווי ער, פֿאַרגרייזנדיק דעם טייטש, אומבאַוווסטזיניק, לאָזט זי אַרויס פֿון איר מויל נייע מטבעות. אָנשטאָט „הבל הבלים", למשל, זאָגט זי (באַזונדערס ווען זי איז זייער אויפֿגערעגט): „דאָס איז עוול עוולים זאָג איך אייך!" און ענלעכע נייע אויסדרוקן, וואָס זענען ניט אַרויס פֿון קיין שום ווערטערבוך און וועלן ניט אַריינגיין אין קיין שום ווערטערבוך. ווען איך הער איר עבֿרית, וואָס זי רעדט מיט אַזאַ זיכערקייט און פֿליסיקייט, לעבעדיק און פֿלינק, עלאַסטיש און שרייענדיק, פֿול מיט טעמפּעראַמענט פֿון תּשוקה און כּעס, פֿאַרביטערטקייט און סימפּאַטיע, הסכּמה און קעגנערשאַפֿט, און וואָס ניט? — בין איך זי מקנא.

איך? וואָס עבֿרית איז ביי מיר די שפּראַך פֿון מיין ריידן, שרייבן, מחשבֿה און חלום? וואָס איך בין כּמעט געבוירן געוואָרן מיט עבֿרית? יאָ, ביזן עלטער פֿון פֿינף יאָר האָב איך, וואָס אַן אמת, גערעדט פּויליש, אָבער אַ האַלב יאָר שפּעטער, דאָס הייסט אַ האַלב יאָר נאָכן קומען אין לאַנד (מיין פֿאָטער און מוטער זענען ביידע

געווען עברית־לערער נאָך דאָרטן און זיי האָבן שטענדיק גערעדט עבֿרית צווישן זיך), — איז ווי אַ מלאך וואָלט מיר אַ שנעל געטאָן איבערן מויל און מיר געמאַכט מיט איין מאָל פֿאַרגעסן יענע שפּראַך, און אין מיין זכרון איז ניט פֿאַרבליבן קיין שריד־ופּליט פֿון איר! צי בין איך מקנא אָט דער פּרוי, וואָס עבֿרית איז ניט איר מוטער־שפּראַך? וועלכע קען בלויז די קלאַנגען פֿון עבֿרית, אָבער ניט אירע אותיות, און ווען זי שרייט פֿון שלאָף איז דאָס אַוודאי אויף אַן אַנדערער שפּראַך? איך — וואָס אין קאַטאַלאָג פֿון אקו״ם בין רעגיסטרירט אַלס העברעיִשער שרייבער און וואָס עס זענען פֿאַראַן תּמימותדיקע תּלמידים, וועלכע אַנאַליזירן דעם העברעיִשן סינטאַקס פֿון מיינע דערציילונגען אָדער פֿאַרשן זיינע שורשים?

איך בין מודה — און ניט אַן בושה און ניט אָן גרויסער שטוינונג — עבֿרית קייקלט זיך ניט לייכט אויף מיין צונג. איך רייד אויף איר, אָבער זי „רעדט זיך ניט דורך״ מיט מיר, איך שרייב אויף איר, אָבער זי „שרייבט זיך ניט איבער״ מיט מיר. אין אַ געוויסן זינען איז זי פֿאַר מיר ניט גענוג „נאַטירלעך״, ניט גענוג „פּשוט״. אָפֿט מאָל טאַפּ איך נאָך איר אין דער פֿינצטער און אָפֿט מאָל וויל איך זי כאַפּן, ווי מען כאַפּט פֿליענדיקע פֿונקען. אָפֿט מאָל שפּרייז איך איבער איר ווי מיט באָרוועסע פֿיס איבער שאַרפֿע שטיינער, אָדער ווי צווישן שטעכלקעס און דערנער. אָפֿט מאָל איז זי מיר ווי זשוויר צווישן די ציינער, אָדער איך קיי זי שווער, ווי אַ קלעפּיקע און ביטערע פּרוכט. איך „טראַכט״ אויף איר, זי „אינפֿאָר־מירט״ מיר, און דאָס איז דאָך ניט גוט. ניין, ניט קיין פּשוטע באַציִונגען הערשן צווישן מיר און איר. ניט ווי צווישן מאַן און ווייב, ווי אין אַ כּשרער יידישער משפּחה נאָך צוואַנציק־דרייסיק יאָר חתונה, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט דערציִען זייערע קינדער, שטעלן אויף אַ באַלעבאַטישקייט, זענען שותּפֿים צום לעבן, ער איז מפֿרנס און זי קאָכט א.ד.גל. ניין. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר לעבן שוין אַזוי פֿיל יאָרן צוזאַמען, זענען מיר נאָך אַלץ ווי אַ געליבטער מיט אַ געליבטע, דאָס הייסט — ליבע איז פֿאַראַן, אָבער ס׳איז ניטאָ קיין פֿולשטענדיקע זיכערקייט, ניטאָ קיין רו, עס זענען פֿאַראַן איבערלייגונגען, אָפֿט מאָל האָט איינס אַ חשד מכּוח דער טרייקייט פֿון צווייטן און איינער האָט מורא, אַז דער צווייטער זאָל ניט אַנטלויפֿן. בקיצור — אַ שווער לעבן.

איך שטוין אויף זיך אַליין: איך האָב דאָך ניט קיין אַנדערע שפּראַך, טאָ פֿאַר וואָס האָב איך מורא, פֿאַר וואָס בין איך ניט זיכער, פֿאַר וואָס בין איך חושד? צי בין איך אַ קינד אָן אַ היימלאַנד?

און אפֿשר איז דאָס אַ פֿערזענלעכער אָדער פּסיכאָלאָגישער פּראָבלעם? אפֿשר בין איך אַ כּבֿד־פּה און אַ כּבֿד־מחשבֿה? אפֿשר האָב איך העמונגען, וועמענס מקור עס איז בכלל פֿון אַן אַנדערן תּחום?

ניין. איך טרעף זיך אָן אויף דעם אויף יעדן טריט און שריט, אין געשפּרעכן מיט פּריינט, געבוירענע שוין אין לאַנד, וועלכע העלפן זיך אַרויס פון מאָל צו מאָל מיט אַן אויסגעבאָרגטן ענגלישן אויסדרוק (אָפט מאָל פאַרגרייזט) און וועלכע באַמיען זיך צו באַווירצן זייערע רייד — אין מאַנגל פון אייגענעם זאַלץ — מיט אַ יידיש־גוישן וואָרט, געגנבעט פון זיידנס הויז, אָדער מיט אַן אַראַביש וואָרט פון די אַלטע מושבות. פלוצעם הייבן זיי אָן שטאַמלען, זוכן נערוועז אַ פּאַסיקן וואָרט אָדער אויסדרוק צו אַ געוויינלעכן ענין און געפינען ניט אָדער זיי דריקן זיך אויס ניט קלאָר, ניט פּרעציז, זאָגן עפּעס אַנדערש וואָס זיי האָבן געוואָלט זאָגן און באַנוצן זיך מיט אַ רוטין־אויסדרוק, וואָס אַנטשפּרעכט ניט דעם מיין. איך אַנטפּלעק דאָס ביי משכילים, תלמידי־חכמים, אַלטע שרייבער, לערער — יאָ, באַזונדערס ביי לערער! ווען מען איז „שיינע" עברית איז מליציש, פאַרשימלט, געשמאַקלאָז, אַלט, לאַנגווייליק, אָן אַ לעבנס־גייסט. שוין ניט ריידנדיק וועגן עסקנים, מנהיגים, זשור־נאַליסטן, רעדנער, כנסת־חברים (פּערציק און פופציק יאָר אין לאַנד) וואָס די שפּראַך איז זייער אַרבעטס־כלי און ווען מען עברית ס'איז אַ גרויל פאַר די אויערן. זיי איזדיעקעווען זיך איבער איר, פאַרגוואַלדיקן זי, צעברעכן איר אַלע ביינער, זענען זיך נוהג כלפּי איר ברוטאַל, אָן שום יראת־הכבוד און אַפילו אָן שום ביר־גערלעכן דרך־ארץ!

וואָס האָט מיט אונדז פּאַסירט? אין וועמען שטעקט די שולד? אין אונדז? אין איר? אין אָט דעם ניט־איינגעגעבענעם זיווג צווישן אַ פאָלק־אַ־פּראָסטאַק מיט אַ בת־מלכים, אָדער צווישן אַ פאָלק־אַ־זקן מיט אַ בתולה־מיידל ווי שולמית? אָדער פאַרקערט — צווישן אַ פאָלק־אַ־יונגן און געזונטן מיט אַ פאַרוועלקטער שפּראַך, וואָס האָט שוין פאַרלוירן איר יוגנטלעכן חן?

נתן אַלטערמאַן — דער דיכטער, וואָס ברענט מיט ליבע צו עברית, וועלכער האָט זיך פאַרלאָבט צו איר, זי מקדש געווען, האָט זיך באַציגן צו איר ווי אַ ריטער, האָט זי געצערטלט, האָט איר אָנגעטאָן קרוינען אויפן קאָפּ און פּערל־שנורן אויפן האַלדז, איז אַריינגעטאָן אין איר און שפּילט אויף איר ווי אַ ווירטואָז — האָט אַ מאָל געשריבן (אין שיר „השומע עברית") וועגן דער „דאָפּלטקייט פון וועזן און מהות" וואָס אין איר, און צווישן אַנדערן האָט ער דאָרטן געזאָגט:

„לא זרה היא לשוק ונאה היא לספר,
ויאה היא לשיח זקנים ונערים,
אך כמתח סמוי שאין שם לו ותואר,
יהבהב פה־ושם בין גופי הדברים
ובינה, אותו רווח דקיק של אין־תואם"...

יאָ, אָט דער „רוח דקיק של אין־תואם" („קליינינקער אָפּשטאַנד פון דיס־האַרמאָניע") שטייט ווי אַ שייד־וועגטל צווישן אונדז און איר. ער איז דאָס, וואָס שטערט אונדז ביים ריידן און שרייבן אויף איר. ער איז דאָס, וואָס איז גורם אונדז, — אויך די געבוירענע אין לאַנד, פאַר וועמען עברית איז די מוטער־שפּראַך און די איינציקע שפּראַך — אַז מיר זאָלן פילן, אַז זי איז נאָך ניט „נאַטירלעך" פאַר אונדז, אַז „זי רעדט זיך נאָך ניט פון זיך אַליין" און אַז מען דאַרף די פאַרוואָרצלונג פון מער ווי אַ דור, מער ווי צווישן מוטער און זון, אַז מיר זאָלן זיך אַריינוואַקסן אין איר.

„גיט מיר אַ פושקע שוועבעלעך" — האָט אַ מאָל געזאָגט ביאַליק, אַריינגייענ־דיק שנעל אין אַ געוועלב. „אדון ביאַליק — איר זאָלט צו מיר זיך ווענדן אין יידיש" ? — האָט דער קרעמער זיך געוווּנדערט. „איך האָב ניט איצט קיין צייט — האָט אים ביאַליק צוגעזאָגט — איך אייל זיך"... און דער זעלבער קרעמער, אָדער זיין ברודער, אָדער זיין קוזין, וועלכע ריידן היינט אַ שיינעם עברית, אָבער ווען זיי דאַרפן מאַכן אַ חשבון ציילן זיי פאַרשטייט זיך אויף יידיש. ווען איך הער ווי מיין קרעמער מורמלט צו זיך אַליין, מיט אַ בלייפעדער אין האַנט — "אַכטאונצוואַנ־ציק, ניינאונצוואַנציק, דרייסיק, איינאונדרייסיק" — פיל איך אַ ציטער פון הנאה, ווי איך וואָלט געהערט דעם קלאַנג פון אויסגעביטענע מטבעות. ווען איך הער אָבער — „אחד־עשר, שנים־עשר, שבעה־עשר" — זע איך שעפּסן און קעמלען. אָבער ווו בין איך און ווו זענען די שאָף און די רינדער ?

עס פעלן אונדז באַגריפן, אויסדרוקן, דיאַלעקטן. יאָ, דאָס אַלץ איז באַוווּסט: אַן אוראַלטע שפּראַך, וועלכע איז ניט געווען אין טאָג־טעגלעכן געברויך פון מלא־כות, משא־ומתן און מאַרק אין משך פון אַ סך דורות, וועלכע האָט זיך ניט אַנטוויקלט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און טעכניק, מיט די מאַטעריעלע און גייסטיקע דערגרייכונגען פון מענטש א.א.וו.; נייע באַגריפן און אויסדרוקן ווערן איצט געשאַפן יעדן טאָג, צי „מפי עוללים ויונקים", צי ביי דער אַרבעט און גע־שפּרעך, צי אין צייטונג, בוך און אַקאַדעמיע — און פון דעסטוועגן איז זי נאָך אַלץ הינטערשטעליק לגבי די נויטן. דאָס אַלץ איז באַוווּסט.

אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. ניט אָט דער חסרון שמידט אין קייטן די שפּראַך און ניט ער האַלט־אָפּ די גאולה פון פולקאָמען זיווּג צווישן מענטש און זיין שפּראַך. דער באַקאַנטער פראַנצייזישער קריטיקער ראָלאַן באַרט האָט געשריבן:

„די שפּראַך און דער סטיל זענען בלינדע כוחות. דאָס שרייבן איז אַן אַקט פון היסטאָרישער סאָלידאַריטעט. — — — איז די באַציונג צווישן יצירה און געזעל־שאַפט. דאָס לשון ענדערט זיין פאַרעם דורך זיין געזעלשאַפטלעכער באַשטימונג און איז פאַרבונדן מיט די גרויסע איבערברוכן אין דער געשיכטע".

ניט נאָר דאָס שרייבן איז „אַן אַקט פון היסטאָרישער סאָלידאַריטעט". אויך דאָס ריידן. מיט אַנדערע ווערטער: דאָס איז אַן ענין פון אָנגעהעריקייט, פון אידענטיפיקאַציע, ווייל ווען איך זאָג אַ זאַץ אויף אַ געוויסער שפּראַך, באַשטייט ער דאָך פון ווערטער, וואָס זענען שוין געזאָגט געוואָרן, וואָס האָבן געהאַט אַ באַדען, פון וועלכן זיי האָבן אַרויסגעשפּראָצט, וואָס האָבן אָנגעהויפּט באַדייטונג, וואָס פאַרמאָגן אוצרות פון עכאָס און ווידערקלאַנגען, קולות און שטימען, געשטאַלטן, פאַרבן און מעלאָדיעס. מיטן מאָמענט ווי איך האָב דעם זאַץ אַרויסגעזאָגט — געהער איך צו אַ געוויסן קיבוץ, איך בין אַ טייל פון אים און דעקלאַריר מיט דעם „היסטאָרישע סאָלידאַריטעט". ווען איך רייד (אָדער שרייב) אויף עברית — און דאָס איז משמעות די זאַך וואָס דריקט מיך און איז מיר גורם אונטערבאַוווסטזיניקע „שטערונגען", ענלעכע צו די, וואָס זענען גורם דאָס שטאַמלען ביי „פּראָבלעמאַטישע" קינדער — צו וועמען געהער איך? מיט וועמען האַלט איך אָן „היסטאָרישע סאָלידאַריטעט"?

— מיט מיינע אור־עלטערן, פאַרשטייט זיך. פון די צייטן פון כנען, בית־ראשון, בית־שני. מיט די זין פון די שבטים, מיט די שופטים, נביאים, מלכים, תנאים, אמוראים. איך שפּרייז איבער, אַזוי אַרום, דרייסיק דורות פון יידן, מיט זייערע שפּראַכן, מנהגים, מיטן אופן פון זייער דענקען, לעבנס־שטייגער (וואָס דאָס אַלץ איז איינגעגלידערט געוואָרן אין זייערע גערעדטע שפּראַכן) און שפּרינג אַריבער מיט איין שפּרונג עטלעכע הונדערט יאָר אויף צוריק. עס איז פאַראַן אין דעם אַ סך רייץ. אַן אַנטפּלעקונג פון אוצרות גאָלד, אַלטערטימלעכע טעם און רויע פאַרמעטן, אגדות און מיטאָסן, חכמה און משל, די וואָרצלען פון דער שפּראַך אין זייער אויפשפּראָץ, וואָס אין דעם איז פאַראַן אַזוי פיל סוד, מיסטעריע און ניט־דערגרונטעוועטע טיפקייטן. איך אַנטפּלעק פאַרבינדונגען און פאַרקניפּונגען, אַ גאַנצע חכמת־קבלה: די פאַרבינדונג צווישן תוהו און תהום (פּוסטקייט און אָפּגרונט), צווישן איל און אל (מענלעכקייט און גאָט), צווישן עז און עוז (דרייסטקייט און כוח); דעם סוד פון די אונטערשיידן צווישן עולם און העלם (וועלט און פאַרשווינדונג), צווישן חלד און חדול (לעבן פון מענטש און אויפהערן), צווישן יקיצה און קץ (אויפוואַכונג און סוף). יעדעס וואָרט, יעדער אויסדרוק קען געדרשנט ווערן אַזוי און אַזוי און פאַרטיפט ווערן אָן גרענעץ און מאָס. אָבער גלייכצייטיק, קעגן מיין ווילן, און אפשר אויך נישט פאַר מיין טובה, נעם איך אויף זיך, דורך דער פאַרמיטלונג פון די ווערטער, בוי פון זאַץ און סינטאַקס, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר עברית — אַ געוויסן וועלט־באַנעם, אַ טעאָלאָגישן אָדער פילאָסאָפישן, וואָס איז מיר פרעמד, בינדט מיך, און פון וועלכן איך קען זיך ניט באַפרייען: אַ ספּעציעלע וועלט־אַנשויונג, וועלכע דריקט זיך אויס אינעם אויסוואַל פון ווערטער, וואָס שטייט צו מיין רשות און וואָס איז אַ וועלט־אַנשויונג פון קדמונים, אָבער ניט

פון מיר. למשל: דאָס באַנוצן זיך מיט ווערטער ווי „נפש", „לב", „כליות", „יד", „בגד", „קשר" און נאָך און נאָך, און אַלע אידיאָמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיי; אומבאַוווסטזיניק, ניט פילנדיק כמעט, לעב איך צוליב זיי אין אַ געשלאָסענעם און באַגרענעצטן קרייז פון באַגריפן, וואָס אויב איך האָב ניט קיין צווייטע שפּראַך, קען איך ניט אַרויסגיין פון אים. ער באַשטימט דעם אופן פון מיין דענקען און מעגלעך אַז אויך מיין לעבנס־וועג...

אָדער די בילדער, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער ווערטער־קאָמבינאַציע: ווען איך זאָג „אליה וקוץ בה" (פעטער שעפּסן־ווײדל מיט אַן אַריינגעשטאָכענעם דאָרן, ס'הייסט — אַ גוטע זאַך, אָבער מיט אַ פעלער) אָדער, למשל, „לא תחסום שור בדישו" (זאָלסט ניט פאַרבינדן אַן אָקס דאָס מויל, ווען ער דרעשט) — אויס־דרוקן, וועלכע ווערן אָפט באַנוצט אין גערעדטן עברית, ווערן גלייך פאַרבונדן מיט די בילדער פון פרימיטיוו־לאַנדווירטשאַפטלעכן שטייגער פון פאַסטעכער און פויערים — אַ שטייגער, וואָס איז זייער ווייט פון שטייגער אין וועלכן איך לעב. און ווען איך זאָג: „מה עניין שמיטה להר סיני" אָדער „קוצו של יוד" אָדער „יצא בשן ועין" — גיי איך אַריין, קעגן מיין ווילן, אין געדאַנקען־קרייז פון תלמודישער אורטיילונג און אין דער שפּראַכלעכער לאָגיק פון די תנאים און אמוראים, פון וועלכע איך בין אויך זייער ווייט. און אַזאַ איז דער דין אויך ביים טאָג־טעגלעכן באַנוצן זיך מיט געוויסע צייטווערטער, וועמענס מקור ס'איז אין מלאכות, וואָס זענען שוין פון לאַנג פאַרשוווּנדן פון דער וועלט, אָדער אין סינטאַקס־פאָרמען, וועלכע דרינגען אַרויס פון געדאַנקען־גאַנג פון די קדמונים. למשל: ווען עברית וואָלט געווען אין געברויך אָן איבעררייס אין משך פון דורות, וואָלטן מיר זיכער זיך אָפּגעוווינט פון דעם דואַליסטישן בוי פון זאַץ, ווי אין דער מקרא, „שמעו שמיים והאזיני ארץ" אָדער „כרביבים עלי דשא, כשעירים עלי עשב" („פאַרנעמט איר הימלען און זאָל הערן די ערד" אָדער „ווי אַ גוסרעגן אויף גראָז און ווי אַ שפּריי־רעגן אויף קרייטעכץ), וואָס איז באַהאַפטן מיט אונדז ביז היינט צו טאָג. אָדער מיר וואָלטן זיך באַפרייט פון דער דאָפּלטקייט פון אַדיעקטיוו און וואָרט, ווי „הוד והדר" (פּראַכט און מאַיעסטעטיש), „עיף ויגע" (מיד און פאַרמאַטערט), „אין ואפס" (נישטאָ און גאָרנישט), „ששון ושמחה" (גליקזעליקייט און פרייד).

פאַרשטייט זיך, מען קען זאָגן, אַז אַזעלכע פּראָבלעמען עקזיסטירן אין יעדער שפּראַך, וואָס האָט אַלטע שיכטן. נאָך מער — דווקא אָט די אַלטערטימלעכקייט גיט איר די מאָס פון טיפקייט און שאַפט דעם „שפּראַכלעכן מיטאָס", די פּאָעזיע און קבלה אין לשון. דאָס איז ריכטיק. אָבער אין אַנדערע שפּראַכן עקזיסטירט נאָך צו דעם אויך די קאָנטינויטעט; וואָרצלען, צייטווערטער, אַלטע שפּראַך־קאָמביני־רונגען האָבן אין משך פון דורות אָנגעהויבן ווייטערדיקע באַדייטונגען, עס האָבן

זיך אָנגעשלאָסן צו זיי פּסיכאָלאָגיע און פאָלקלאָר פון אַ סך דורות און עס איז פאַרגעקומען אין זיי גלגול־נשמות. אַט די קאָנטינויִטעט האָט עקזיסטירט אין עברית נאָר אַ דאַנק דער ליטעראַטור, וואָס איז כמעט אין גאַנצן געווען אָפּגעריסן פון טאָג־טעגלעכן, וואָכעדיקן לעבן.

איך וועל ברענגען אַ פאַרקערטן ביישפּיל: אַ סך העברעיִשע אויסדרוקן האָבן, ווי באַוווּסט, זיך איינגעוואָרצלט אין יידיש. זיי זענען געגאַנגען מיט איר אין גלות און האָבן זי באַגלייט אויף אַלע אירע וועגן, נישט אין בגדים פון לויים און כהנים, נאָר אין אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע בגדים, מיט אַ שטעקן אין האַנט און אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס. אַט די אויסדרוקן גופא קערן זיך היינט צוריק צו אונדז צום גערעדטן עברית. און אַט האָבן זיי שוין אַן אַנדערן אויסזען, אַן אַנדערן לבוש, אַן אַנדערן טעם. ווי דער שטויב פון אַלע וועגן וואָלט געווען צוגעקלעפּט צו זייערע בגדים. ווען איך זאָג אָדער שרייב: „ברחל בתך הקטנה" — האָב איך ניט פאַר די אויגן דאָס בילד פון יעקב אבינו אָדער לבן הארמי, נאָר פון פּשוטע יידן פון פּוילישן אָדער רוסישן שטעטל, וועלכע דינגען זיך צווישן זיך וועגן עפּעס אַן ענין. אָדער ווען איך זאָג „אכל קורצא" — האָב איך ניט פאַר די אויגן דאָס בילד אין זיין אָריגינעלן באַדייט פון די צייטן פון תלמוד, נאָר פון אַ שפּראַכלעכער טאַט אין די לעצטע דורות. ענלעך צו דעם זענען „מזל־טוב", „שלום־עליכם", „גוי", „עם־הארץ", „משיח" און הונדערטער אַנדערע העברעיִשע און אַראַמישע אויס־דרוקן, וועלכע זענען אַדורך אין גלות גלגול־נשמות און עקזיסטירן פּאַראַלעל אין ביידע שפּראַכן. (אַט די אויסדרוקן זענען פאַרשפּרייט דאָס רוב, ווי באַוווּסט, אין די ווערק פון ממו"ס און שלום עליכם). ווען איך באַנוץ זיך מיט אַט די אויסדרוקן איז דאָס אַזוי אַרום אַ טאַט פון „היסטאָרישער סאָלידאַריטעט" מיט די פריערדיקע דורות, אָבער ווען איך זאָג „לבש עוז" (האָט זיך אָנגענומען מיט מוט), אָדער „עמד בשער" (איז געשטאַנען ביים טויער), אָדער „כמטחוי קשת" (ווי דער דיסטאַנס פון אַ בויגן) — איז קלאָר, אַז איך געפין זיך אין אַט דער שעה ערגעץ ווו אין אַן אָרט פון אַלטן לאַנד, וואָס צווישן פלישתים און מואב, פאַרן חורבן בית.

אָבער חוץ דעם פּראָבלעם פון אידענטיפיקאַציע מיט דער טיפקייט פון צייט, עקזיסטירט נאָך אויך דאָס פּראָבלעם פון אידענטיפיקאַציע מיט דער ברייטקייט פון פאָלק. אויך דאָס איז „סאָלידאַריטעט" — ניט קיין „היסטאָרישע", נאָר אַ „נאַציאָנאַלע". ווען איך רייד עברית — מיט וועמען אידענטיפיציר איך זיך אין דער קעגנוואַרט? צי פיל איך אין יעדן זאַץ, אין יעדן אויסדרוק, אין יעדן שפּריכ־וואָרט די וואַרעמקייט, וואָס איז איינגעזאַפּט אין זיי פונעם הויך פון די מיילער פון די מאַסן, וועלכעריידן אין דער זעלבער שעה, אין זעלבן טאָג? די פאָלקס־

טימלעכקייט, וואָס איז איינגעשפּייכלערט אין זיי, ווייל זיי ווערן אַרויסגערעדט אין זעלבן בוי, אין דער זעלבער פאָרעם, אין זעלבן שאַבלאָן, מיט די זעלבע פּעלערן דורך אַרבעטער און בעלי־מלאכה, פּויערים און מאַטראָסן, קרעמער און באַאַמטע אין גאַנצן לאַנד, אָדער מינדעסטנס דורך די מענטשן פון איין מעמד, פון איין שיכט, פון איין ראַיאָן? צי פיל איך דאָס, ווי דאָס פילט דער ענגלענדער, דער פראַנצויז, דער רוס, אָדער — ייִד, וואָס האָט גערעדט יידיש אין פּוילן אָדער רוסלאַנד?

זיכער ניט. דאָס רוב זאַצן, וואָס איך זאָג אַרויס זענען איינמאַליקע, איך בין דאָס דער יעניקער, וועלכער גיט זיי די פאָרעם, דרך־אגב. איך וואָלט געזאָגט — זיי זענען יתומים, זיי האָבן ניט קיין משפּחה, זיי האָבן ניט קיין הײם. זיי זענען איינזאַם און פילן זיך אַליין ווי אין קלעם. און אַפילו די אַנדערע, וועלכע האָבן דעם ייחוס פון די צייטן פון מקרא אָדער פון די צייטן פון משנה, אָדער אַפילו פון די צייטן פון די משוררים אין שפּאַניע, — זענען אויך אָפּגעריסן פון די גרויסע מאַסן, וואָס אַרום זיי, און פון טומל פון גאַס און מאַרק. זיי גייען אַרום מיט אויפגעהויבענע קעפּ, מיט שטאָלץ, ווי זין פון אַריסטאָקראַטן.

מיר מוזן מודה זיין, אַז טראָץ דעם וואָס די נייע עברית ווערט שוין גערעדט זיבעציק יאָר און טראָץ דעם וואָס זי וואַלגערט זיך שוין אין די גאַסן, ווערט געפּלוידערט אין די קאַפע־הייזער און רעדט אויך אָן צו עבירות — איז זי נאָך אַלץ אַן אַריסטאָקראַטין, איז נאָך אַלץ אַ טאָכטער פון מלכים און פירשטן, איז נאָך אַלץ די גבירהטע און פון איר טראָגט זיך נאָך אַלץ דער ווייַרייך־ריח פון לשון־קודש. און ווען מיר שרייבן אויף איר, מיט אירע כ״ב אותיות, פירן מיר זיך אויף כלפּי איר מיט פייערלעכקייט, צערעמאָניאַל, מיר בייגן זיך און בוקן זיך פאַר איר. צי קען דען זיין אַנדערש? ווי אַזוי האָבן מיר זי באַקומען? מיר האָבן דאָך זי ניט באַקומען ווי אַ טראַדיציע פון די פאָלקסמאַסן, נאָר פון דער גבורה כביכול — משה האָט זי איבערגעגעבן צו די נביאים, די נביאים צו די סופרים, די סופרים צו די תנאים און אמוראים, זיי צו די מורי־הלכה, צו רבנים, משוררים, פילאָסאָפן, און ווידער צו שרייבער און דיכטער. און וואָס זענען די לעצטע זיבעציק יאָר? איין שוואַך רינגעלע אין דער קייט, וואָס איז פון געגאָסן, פון פעסטן גאָלד.

ב.

יידיש האָב איך קיין מאָל ניט גערעדט און קיין מאָל ניט געלערנט. דאָס קנאַפּע וואָס איך קען, האָב איך פון מיין קינדהייט אין דער באָבעס הויז, פון שכנים, קרעמער אָדער... אַראַבישע גאַסן־הענדלער. און טראָץ דעם שיינט מיר, אַז איך פאַרשטיי יידיש אַ סך מער ווי איך קען. איך „פיל״ זי און אירע אייגנשאַפטן, קוק אַריין אין איר האַרצן און אין אירע אויגן, איך פיל צו איר אַ משפּחה־קרובהשאַפט.

איך קען לייענען אַ ליד פון מאַנגערן, ניט פאַרשטיין דאָס רוב ווערטער און פון דעסטוועגן פאַרשטיין דאָס ליד, „פילן" עס אָפּט מאָל אַ סך מער, ווי איך פיל אַ ליד אין עברית, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך איינעם פון מיינע חברים אין מיין עלטער. איך בין אַן עם־הארץ אין יידיש, אָבער „מיין הארץ קלאַפּט פאַר איר" — וואָלט איך געזאָגט אין אַ שיינעם תנ"כישן עברית. אַ סענטימענטאַלע באַציונג? אפשר. און אפשר מער פון דעם: אפשר דער פאַקט, וואָס אַ סך דורות פון מיינע עלטערן און אור־עלטערן האָבן גערעדט אויף אָט דער שפּראַך, — האָט באַשטימט עפּעס אַ „ביאָלאָגישן" פאַקט און האָט אַריינגעבראַכט דעם סם אין מיין בלוט; און אפשר פיל איך אַ „היסטאָרישע סאָלידאַריטעט", ווען איך הער יידיש?

אָפּט מאָל „קיצלט מיר" צו ריידן יידיש. עס שיינט מיר, אַז אַ סך זאַכן, דער עיקר אין תחום פון געפיל, וואָלט מיר געוועזן אַ סך לייכטער אויסצודריקן אין אונדזער שפּראַך, וואָס איך קען כמעט ניט. זי איז ווייכער, וואַרעמער, אינטימער, פּשוטער, וועלטלעכער און עלאַסטישער. עס איז מיר נמאס געוואָרן — זאָג איך צו זיך אַליין — צו ריידן האַרטע און שאַרפע ווערטער, וואָס יעדער איינער פון זיי איז ווי אַ פעלדז פון קיזלשטיין; צו ריידן מיוחסדיקע ווערטער, וואָס יעדער איינער פון זיי קוקט אויף מיר פון דער הויך פון סיני; צו ריידן עקשנותדיקע ווערטער, וואָס לאָזן זיך ניט בייגן, לאָזן זיך ניט פאַרקלענערן און צעגייען ניט אין מויל ווי האָניק. יאָ, עס איז לייכט צו צאָרנען אין עברית, אָבער זיין אין כעס איז לייכטער אויף יידיש. עס איז לייכט נבואה־זאָגן אין עברית, אָבער זיך אַראָפּ־ריידן פון האַרצן איז לייכטער אין יידיש. פילאָסאָפישע שפּריכווערטער — וועגן חכמה און נאַרישקייט, לעבן און טויט, גערעכטיקייט און שלעכטס האָבן מיר זייער אַ סך אין עברית, אָבער שפּריכווערטער וועגן מחותן און דער מחותנתטע, וועגן קצב און שוסטער — זייער ווייניק. און דאָס רוב ריידן מיר דאָך דווקא וועגן זיי און ניט וועגן שבח פון דער חכמה אָדער וועגן טאַדלען דאָס שלעכטס...

אויב עברית איז ווי אַ גבירה, איז יידיש... נייך, ניט ווי קיין דינסט, נאָר ווי אַ גוטע און פלייסיקע הויז־באַלעבאָסטע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט אַלע מלאכות פון פרי ביז שפּעט, רייניקט און שווענקט, קעמט די קינדער און שיקט זיי אין שול, קלאַפּט די קישנס און די שטיחים, קאָכט געשמאַקע עסנס און דערביי זינגט זי זיך נאָך אונטער אַ לידל אָדער ברומט אַ ניגון, פּלוידערט מיט די שכנות און וואַרפט דורך־אַגב פּערל פון פאָלקס־חכמה... און אין אָוונט — זינגט זי דעם קינד אַ וויג־ליד... בקיצור: אַן אשת־חיל; דאָס איז זי, אויף וועלכער עברית האָט געזאָגט, די קלוגע און אַריסטאָקראַטישע עברית: „שקר החן והבל היופי, אשה יראת ה׳ היא תתהלל..."

אָפּט מאָל האָב איך אַלזאָ „חשק" צו ריידן יידיש. עס שיינט מיר, אַז אַלץ

וועט דאַן זיין פשוטער, אָפענער, פאָלקסטימלעכער... און ניט נאָר דאָס אַליין: איך וועל אויך געהערן צו עפּעס אַ ברייט־פאַרצווייגטער יידישער משפּחה, אין וועלכער עס הערשן אינטימע באַציונגען און איז אַרומגעהויכט מיט אַ משפּחהדיקער וואַ־רעמקייט, און אַלע פאַרשטייען איינער דעם אַנדערן און אַלע העלפן איינער דעם אַנדערן. קריגערייען פעלן ניט, פאַרשטייט זיך, אין אַט דער משפּחה, אָבער פון דעסטוועגן איז — בלוט ניט קיין וואַסער. אַרום מיר נעבן טיש וועלן זיין טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע, פעטערס און מומעס, איידעמס און שניר. ניט אַלעמען האָב איך ליב: איינער יאָגט זיך נאָך געלט, דער צווייטער איז אַ כעסן, די איז אַ מאוסקייט און יענע איז אַ מרשעת א.ד.גל. אָבער — וואָס קען זיין טייערער פון געפיל פון אָנגעהעריקייט? יידיש האָט דאָך אין זיך אַזוי פיל אייגנשאַפטן פון יידן אין די לעצטע דורות: הומאָר פון אפכה־מסתברא (קאָפּויערדיקער הומאָר), אַ געוויסע דורכגעטריבנקייט, אַ געוויסע כיטרעקייט פון אַ ווונק מיטן אויג, לעבנס־חכמה און קיום־מלחמה. אַלע קנייטשן און קנייטשלעך פון צער און געלעכטער אויפן יידישן פּנים זענען אויסגעקריצט אין אירע ווערטער, זאַצן און טראַפּ.

איך רייד ניט קיין יידיש, פאַרשטייט זיך, און ווען איך פּרוביר — צעברעך איך מיינע ציינער און בין ניט זוכה צו קיין איינעם פון די אויבנדערמאָנטע תענוגים. אָבער אָפט מאָל קוק איך אויף דער גאַס דורכן פענצטער און שפּיל זיך מיט אַזאַ פאַנטאַסטישן געדאַנק:

וואָס וואָלט געשען, ווען אַט דאָס גאַנצע פאָלק, דאָ אין תל־אביב, דאָ אין ישראל — די קרעמער, די אויטאָבוסן־שאָפערן, די פּאָליציסטן, די זעלנער, די שיינע מיידלעך, וואָס גייען אָפּגעברענטע פון דער פּליאַזשע, די בחורים אין די ענגע הויזן, די קינדער, וואָס שפּילן זיך אין פּילקע, די שילער, באַאַמטע פון פּאָסט און פון באַנק — ווען זיי אַלע וואָלטן גערעדט אין גאַס, אין דער היים, אין ביוראָ, אין פאַבריק, אין מיליטער־לאַגער, ניט עברית — נאָר יידיש?

איך צווייפל ניט: אַלץ וואָלט געווען אַנדערש. דער כאַראַקטער פון אַט דעם פאָלק וואָלט געווען אַן אַנדערער. זיינע באַגריפן, זיין באַנעמונג, די קעגנזייטיקע באַציונגען, זיין באַציונג צום לאַנד, זיינע באַציונגען צו פאַרשיידענע ווערטן, זיין לעבנס־שטייגער. ווייל אויב ס׳איז אמת, אַז אַ פאָלק געשטאַלטיקט זיין שפּראַך, איז אויך אין אַ געוויסער מאָס אמת דער פאַקט, אַז די שפּראַך געשטאַלטיקט דאָס פאָלק.

דער בוי פון זאַץ אין יידיש, די פאָרמען פון אויסדרוק, די שפּראַכלעכע אַסאָ־ציאַציעס, דער טעם פון יעדן וואָרט — דאָס אַלץ איז אַזוי אַנדערש און ווייט פון עברית (אַ גרעסערער מרחק ווי צווישן וועלכע עס איז צוויי אייראָפּעישע שפּראַכן) — אַז אויך דער אופן פון דענקען, פון אויפפירונג, פון ווענדן זיך איינער צום אַנדערן וואָלטן זיך געענדערט.

ווערטער זענען פֿאַרבונדן מיט בילדער און בילדער זענען פֿאַרבונדן מיט באַגריפֿן. ווען מען זאָגט „געלט" איז דאָס לגמרי עפּעס אַנדערש ווי „כּסף". ווייל „כּסף" — איז דאָך מעטאַל, דאָס איז דאָך אַ באַשטימטער בליאַסק און אַ באַשטימ־טער קלאַנג, ווי אויך עפּעס אַזוינס, וואָס איז ווייט און אַ „באַגערעניש". דאַקעגן „געלט" — איז אַ ברייטבאַרע און גאַנגבאַרע זאַך, אַ פֿולשטענדיק וואָכעדיקע זאַך. און „מיידל" איז בכלל ניט ענלעך צו „נערה", ווייל „מיידל" איז ווייכער, ליבלעכער און קלענער ווי „נערה". „הונט" איז ניט ענלעך צו „כּלב", ווייל ער איז אַ גרע־סערער אכזר און רשע ווי „כּלב". „עס טוט וויי" איז ניט ענלעך צו „כּואב", ווייל דאָס איז ווייטיקלעכער ווי „כּואב". און פֿאַרשטייט זיך, אַז „שוויגער" איז ניט „חמות", ווייל ווער ווייסט דאָס בכלל, ווער ס'איז די „חמות" און וועלכע זענען אירע אייגנשאַפֿטן? דאַקעגן „שוויגער", ווייסן אַלע וואָס פֿאַר אַ מין פּרוי דאָס איז. ניט נאָר דאָס אַליין, נאָר אַפֿילו די העברעישע ווערטער אין יידיש זענען לגמרי אַנדערש אין זייער טעם און ריח, אָפֿט מאָל אפֿילו אין זייער באַדייט, — ווי די זעלבע ווערטער אין עברית! „נשמה" אין יידיש איז ניט „נשמה" אין עברית, „אַ מכּה" איז ניט קיין „מכּה", „רביצין" איז ניט „רבנית", „מחותן" איז ניט „מחותן" און „גנבֿ" איז ניט „גנב".

קלאָר איז, אַז דער יידישער „שפּראַך־גייסט" איז לחלוטין אַנדערש ווי דער העברעישער „שפּראַך־גייסט" און מען קען ברענגען פֿאַר דעם אָן אַ שיעור ביישפּילן. איך זאָג נאָר, אַז כּדי צו דערווייזן אויף וויפֿל די שפּראַך איז משפּיע אויף דער אויפֿפֿירונג און באַציונגען, איז גענוג אָנצוווייזן אויפֿן פֿאַקט, וואָס אין עברית איז ניטאָ דער נוסח פֿון פֿאַרקלענערן, ווי „ווערטל", „לעכעלע", „גאַטעניו", וואָס איז גורם צו אַ פֿאַרקלענערונג פֿון דער אינטימקייט אין די באַציונגען צווישן מענטש און מענטש, אָדער בין אדם ומקום. און דער פֿאַקט, וואָס אין עברית איז ניטאָ אַזאַ וואָרט ווי „געוואַלד!", איז גורם צו דעם, אַז די פֿרויען אין לאַנד זאָלן ניט אַרויספּלאַצן מיט אַזאַ געשריי, זעענדיק אַ גנבֿ אָדער אַ זשוק. און בכלל — אין עברית עפּנט מען ווייניקער דאָס האַרץ, מען רעדט זיך ווייניקער אַראָפּ פֿון האַרץ, מען קלאָגט און מען באַקלאָגט זיך ווייניקער. פּשוט, עס זענען ניטאָ קיין ווערטער.

ג.

אָבער עברית — העברעיש און ניט יידיש — איז דער לשון פֿון פֿאָלק אין ישׂראל און אַזוי וועט דאָס זיין אויף אייביק. עס איז פֿאַראַן אין דעם עפּעס זייער ווונדערלעכעס און גלייכצייטיק זייער טראַגישעס. ווונדערלעך — ווייל דאָס איז באמת אַ גרויסער נס, ווען אַן אוראַלטע „טויטע" שפּראַך שטייט אויף פּלוצעם

תחית־המתים און ווערט גערעדט דורך מאַסן, דורך מענטשן פון אַלע שיכטן און פון זיבעציק לענדער. און טראַגיש — ווייל בעת איך רייד עברית עקזיסטירן אין מיין באַוווּסטזיין (אָדער אונטערבאַוווּסטזיין) די ערשטע דורות פון די איינוווינער פון לאַנד, אָבער עס עקזיסטירן ניט אַלע דורות פון די גלות־יידן אין אייראָפּע. אַזוי איז אָבער דער גורל און ס׳האָט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט זיין: אונדזער פאַר־בינדונג מיט דעם אוראַלטן לאַנד, דאָס לאַנד פון די אבות און נביאים, איז געקומען צו אונדז דורך עברית. אונדזער פאַרוואָרצלונג אין אָט דעם שווערן, פעלדזיקן און מדברדיקן באָדן ווערט דורכגעפירט מיט דער פאַרמיטלונג פון עברית; אונדזער שותפות — די שותפות צווישן אַ ייד פון דייטשלאַנד מיט אַ ייד פון תימן, צווישן אַ ייד פון פוילן מיט אַ ייד פון מאַראָקאָ — האָט אַ האַפט נאָר אַ דאַנק עברית. עס איז אונדז שווער מיט איר — מיט אָט דער טונקעלער און פאַרשלייערטער מזרח־פרוי, אָבער עס איז אונדז אויך שווער מיט אָט דעם שווער־כאַראַקטערדיקן לאַנד.

דער משורר יעקב שטיינבערג, וועלכער האָט זיך זעלבסט־געפייניקט מיט עברית ווי אַ נזיר און זיך נוהג געווען מיט איר, ווי אַ כהן־גדול אין יום־כיפור, האָט געקענט די שווערקייטן פון איר יעדן וואָרט. „סתם אַ וואָרט אין עברית — האָט ער געשריבן — טראָגט אויף זיך אַן אוראַלטן חותם. עפּעס פון אוראַלטע צייטן איז געבליבן באַהאַפטן צו איר. ניטאָ קיין וואָרט, וואָס זיין ריח האָט אויסגעוועפּט ביזן סוף. — — — יעדעס וואָרט איז איינזאַם, קינדערלאָז פאַרעקשנט״. און טראָץ דעם האָט ער זי געהאַלטן פאַר אַ „וווּנדערשיינער יפהפיה, וועמענס יוגנטלעכער רייץ און פרישקייט עס איז אָפּגעהיטן געוואָרן ביזן סוף״ און ער האָט גערעדט וועגן איר מיט ליבע, ווי וועגן „אַ רכוש פון אַלטע צייטן, אַן אָפּגעהיטער, וואָס באַשטייט דאָס רוב פון זילבערנע און גאָלדענע שטאַבעס, און זייער ווייניק פון געוויינלעכע מטבעות. וואָס פאַר אַ גרויס פאַרמעגן עס איז אויסבאַהאַלטן פאַר יעדן וואָס קען עברית, אין מאָמענט פון באַגריף און פאַנטאַזיע!״

„אַ גרויס פאַרמעגן״ איז אָפּגעהיט פאַר עברית, אָבער חיים נחמן ביאַליק, דער מענטש, וועלכער האָט צו מיינסטן געווירקט פאַר דער באַנייוּנג פון עברית אַלס גערעדטע לעבעדיקע שפּראַך, דער מענטש, וועלכער האָט מיט אַ געניאַלן גייסט צונויפגעשמאָלצן אַלע אירע שיכטן — פון דער מקרא, משנה, אגדה, מדרש און ספרדישע עלעמענטן — אין איין נאַטירלעכער האַרמאָניע, וואָס זי איז היינט צו טאָג פאַרפליכטנדיק פאַר אונדז — האָט געגעבן גענוי געווּסט, וואָס ס׳איז נייטיק פאַר עברית, כדי זי זאָל ווערן אַ מאָדערנע שפּראַך, וואָס זאָל זיך פאַסן צום באַגריפן־אוצר פון די יעניקע וואָס באַנוצן זיך מיט איר און זי זאָל זיך ניט נאָכשלעפּן נאָך זיי אַ שלאַבעריקע.

אַזוי האָט ער געשריבן וועגן אָט דעם ענין:

„בלויז דער שפּראַך־אוצר אַליין, אַפילו דער גרעסטער, איז נאָך ניט גענוגנד, נאָר נייטיקט זיך אין אַן אומוואַנדלונג, אין שטענדיקער באַוועגונג און אין אַ פּערמאַנענטן אומזאָץ אין לעבן. די באַוועגונג, וואָס געבוירט דעם טרייסטן מלאך פון דער שפּראַך — די רוטין. די רייכסטע פון די שפּראַכן, אויב איר רכוש ווערט ניט אויסגעברייטערט, אויב זי האָט ניט קיין נייע טערמינען־שאַפונג, אויב איר אוצר ווערט ניט איבערגעוואָרפן אַהין און אַהער, ווערט ניט פאַרפולקאָמט און דערגאַנצט יעדע שעה און יעדע רגע אין שריפט און רייד צוזאַמען גענומען — איז איר קיום אַ מיזערער און נישטיקער און זי ווערט אַלץ מער און מער דעגענערירט און אָפּגעשוואַכט. — — — איר פאַרדייונגס־כוח ווערט אָפּגעשוואַכט, איר לעבנס־ליכט גייט אויס און איר „בלוט און מילך" ווערן וויניקער. דורך דעם הייבן אָן מער אַרויסצושטאַרצן די טרוקענע ביינער פון איר פילאָלאָגישן סקעלעט". („חבלי לשון").

היינט, ווען עברית ווערט גערעדט, געשריבן, געלערנט אַ סך מער ווי אין ביאַליקס צייטן, ווען זי האָט שוין רוטין — ווייסן מיר, אַז זי נייטיקט זיך אויך אין אַ צוגאָבלעכן גלגול־נשמות, כדי זי זאָל זיך צוגעווינען צו אונדז און מיר זאָלן זיך צוגעווינען צו איר.

אַ סך געדולד דאַרף מען צו דעם. עס איז לייכטער צו ענדערן דעם פּייזאַזש פון לאַנד, פון דעם תנ"כיש־אַראַבישן פּייזאַזש פון געצעלטן און ליימענע הייזקעס אויף אַ מאָדערנער פּאַנאָראַמע פון שיכונים און פאַבריקן, ווי ענדערן אַן אוראַלטע און פאַרעקשנטע שפּראַך. עס איז לייכטער צו דערציען ליזאַ דאָליטל פון „פּיג־מאַליאָן" צו אַריסטאָקראַטישע מאַניערן, ווי צוגעווינען די בכבודיקע, אַדעליקע טאָכטער, צו טאָן יעדע שוואַרצע אַרבעט אין הויז און אויפן הויף.

דאָס איז שווער, אָבער ניט אוממעגלעך. דאָס איז שוין אַ מאָל געמאַכט געוואָרן, ווען אַ מקראָ׳שע שפּראַך האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ משנאַ׳שע שפּראַך און האָט געענדערט איר זאַץ־בוי און איר גייסט, האָט געשאַפן אַן אַ שיעור נייע אויסדרוקן און זיך צוגעפּאַסט אַליין צו משפּטים, מדרשים, פילאָסאָפישע געשפּרעכן, ווי אויך צום חכמהדיקן און וואולגאַרן הומאָר. דאָס ווערט אויך געמאַכט טאָג־טעגלעך אויף אונדזערע אויגן, ווען, צום גרויסן וווּנדער, מען קען ריידן און שרייבן אויף עברית וועגן טעכניק און וויסנשאַפט, פישפאַנג און ים־וועזן, חלל־פליען און סטראַטעגיע, ביורא־וועזן און באַנק־וועזן. ווען מען קען איבערזעצן אויף איר שאַפונגען פון יעדן לשון, אין ליד, דערציילונג און דראַמע. ווען מען קען — ווי דאָס טוט נחמיה בן־אַברהם — שילדערן אויף איר, מיט אַ זייער בילדערישער שפּראַך און מיט אַ טעמפּ פון 300 ווערטער אַ מינוט, דעם פאַרלויף פון אַ פוטבאָל־מעטש.

אויב אַזוי — צי האָט שוין די גבירה זיך אויסגעלערנט טאָן אַלע הויז־מלאכות?

יאָ, זי טוט שוין כמעט אַלץ (הגם אָפּט מאָל מיט „צוויי לינקע הענט"), פון גוטן ווילן, אָבער זי טוט דאָס נאָך אַלץ אַן אָנגעטועגע אין אירע אַלטע פּראַכט־קליידער, פון וועלכע עס איז איר שווער זיך צו שיידן. און זי האָט נאָך ניט די געוווינהייטן, סטאַבילע שאַבלאָנען פון אויפפירונג און ניט די פלינקייט, וואָס קומט פון געוויינ־הייט. דעריבער זעט זי אויס „ניט נאַטירלעך", „ניט פשוט", ווען מיר קוקן אויף איר אַזוי.

אַפילו אַ געבוירענער אין לאַנד, אַפילו דער וואָס האָט זיך דאָ אויפגעהאָדע־וועט און עברית איז זיין איינציקע שפּראַך, ווי איך, למשל, פילט נאָך דעריבער ניט אין איר קיין „נאַטירלעכקייט", ווי דאָס פילט דער יעניקער, וואָס רעדט יידיש. און ווען מיר האָבן אַפילו אַ העברעישן „זשאַרגאָן" און אויסדרוקן ווי „אַל תתלבש עלי", „תסתלק מפה או שאני מקמט אותך". „הלב שלו עבד על ריק", „חטף מכה יבשה", „אל תהיה נבז", „אכל חרבון" א.ד.גל., זענען מיר נאָך אַלץ געצוווּנגען אויסצובאָרגן הונדערטער ווערטער פון יידיש, ווי „לאָקש", „מאַכער", „שלומפּער", „נודניק", „קאַליקע", „שוויצער", „פלאָנטער", „שוואונג", „שפּריץ" א.ד.גל., וועלכע האָבן ניט קיין עקוויוואַלענט אין עברית. דער איינוווינער פון מושב מסחה, אַן אייניקל פון אַ געבוירענעם אין לאַנד, זאָגט נאָך אַלץ אַזאַ מין זאַץ, וועלכער איז פאַרשריבן אין „ילקוט הכזבים": „הוא עלה לבוידעם לספור את הגעלט, התחלקה לו הרגל, נפל למטה וחטף שטפּון בראש".

ווען אין ירושלים איז געכאַפּט געוואָרן, צום אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט, אַ יידישער גנב און ער איז אַריינגעזעצט געוואָרן דורך די טערקן אין תפיסה, איז דאָס געווען אַ גרויסער יום־טוב פאַר אליעזר בן־יהודה און ער האָט געמאָלדן וועגן דעם מיט גרויסע אותיות בראש פון זיין צייטונג: „גנב עברי ראשון נתפס במולדת" (דער ערשטער יידישער גנב איז געכאַפּט געוואָרן אין היימלאַנד). ענלעך צו דעם האָבן אויך מיר זיך געפרייט מיט די פאַרברעכנס פון עברית, מיט איר חילול־הקודש, מיט איר הפקרות, שטיפעריייען און אָפּווייכונגען פון דער „גוטער דער־ציונג", וואָס זי האָט באַקומען אין איר קינדהייט. אָט די שמחה איז געווען אַ פאַר־שטענדלעכע, אָבער היינט איז שוין ניטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַרן ביסל „חטאים" פון עברית. זי זינדיקט שוין מער ווי ס'איז דערלויבט און ס'איז דערטרעגלעך. וואָס איר פעלט, איז אַן ערנסטע „ווייכער־מאַכונג", כדי זי זאָל ניט זיין אַזוי שטייף, זאָל ניט האָבן קיין ערנסטן און צדקניותדיקן פּנים, נאָר זאָל מער שמייכלען, זאָל זיין מער אָפנהאַרציק. אַז זי זאָל ניט פאַרלירן אירע סגולות פון יענע טעג און גלייכצייטיק זאָל זי שפּרייזן מיט אַ לייכטן טריט אין די היינטיקע טעג.

געדולד. מען דאַרף צו דעם נאָך אַ דור אָדער צוויי. אונדזערע אייניקלעך וועלן

ניט שטאַמלען אין עברית, וועלן ניט זוכן קיין פרעמד־שפּראַכיקע אויסדרוקן, כדי אויסצופילן דעם ליידיקן חלל, און פאָלקס־ווערטלעך פון אַנדערע לשונות, כדי צו באַווירצן זייערע געשפּרעכן מיט הומאָר און לעבעדיקייט. זי וועט זיין פאַר זיי „פּשוט" און „נאַטירלעך" און וועט באַדינען אַלע זייערע נויטן, ווי דאָס איז געווען יידיש פאַר די מאַסן יידן אין גלות. מעגלעך, אַז אַזאַ באַנייטער עברית, ווי אַ ווייטערדיקער גלגול, וועט צוריקקערן דעם פאָלק אויך אייניקע פון די שיינע שטריכן, וואָס זענען אים פאַרלוירן געגאַנגען אין שווערן פּראָצעס פון אַריבערגיין פון שפּראַך צו שפּראַך, און וועט אים צוריקקערן די „היסטאָרישע סאָלידאַריטעט" מיט אַלע יידישע דורות.

בינם העלער

יוגנט

אהין איז נישטאָ קיין צוריקקער,
אַהין איז דער וועג שוין פאַרמאַכט.
און דאָך איז מײַן בלוט אַלץ נאָך שיכור
פון איינער אַ וואַרשעווער נאַכט.

אַ נאַכט פון די פּוילישע מאַיען,
אין בלאָלעכע בעזן צעבליט,
דערמאָנט מיך די רויטע טראַמווײַען,
אַ סטראָף פון בראָניעווסקים אַ ליד.

די גאַס איז אין גאַנצן שוין ליידיק.
איך ווייס נישט, צי שוועב איך, צי כ׳גיי.
אין האַרצן דערפיל איך אַ ווייטיק —
די יוגנט בלויז טוט אַזוי וויי.

דער פרילינג צעלאָזט אַלע פאַרבן,
נאָר פילן פיל איך אים אויף רויט.
פאַר וואָס טראַכט איך איצטער פון שטאַרבן,
ווען ליבע איז שטאַרקער פון טויט?

פאַר וואָס זע איך איצטער זיי ביידן,
די ליבע און טויט, ווי אַ פּאָר?
פאַר וואָס איז מיר שווער זיי צו שיידן? —
מיר ווערט איצט דאָס נײַנצנטע יאָר.

לויפנדיקער קרייז

אָערד, איך דרײפּע זיך אַרום דײַן קײַלעך,
אַזוי ווי אויף אַ לויפנדיקן קרײַז.
מיט שרעק און מיט פאַרכאַפּטן אָטעם אײַל איך —
און בלײַבן אויפן אָרט בלויז איך באַווײַז.

די ימען זענען בייגעוודיק און וועליק,
די בערג — באַדעקט מיט שנייען און מיט אײַז.
איך מי זיך — נישט צו בלײַבן הינטערשטעליק —
און בלײַבן אויפן אָרט בלויז איך באַווײַז.

איך גיי פאָרויס. דאָס ראָד לויפט מיר אַנטקעגן.
איך גיי דעם לאַנגן וועג פון קינד ביז גרײַז.
איך ברעך אַדורך אַזוי פיל ווינט און רעגן —
און בלײַבן אויפן אָרט בלויז איך באַווײַז.

ווי לאַנג וועט סטײַען אויסדויער און כוח
צו האַלטן זיך אין לויפנדיקן קרײַז?
אָ ערד, דיר גראַוויטיר איך, און דיר טרוי איך,
כאָטש בלײַבן אויפן אָרט בלויז איך באַווײַז.

אין יענעם טאָג

ניט גאָר דער גראָקייט וועל איך זיך באַקליידן,
און אַלע ביימער וועלן ווערן ברידער
אין יענעם טאָג, ווען איך וועל זיך צעשיידן
מיט מײַן געליבטער און מיט מײַנע לידער.

די זון אין הימל וועט מיך נישט באַגלייטן,
און קיינער וועט נישט קוקן דורך אַ פענצטער.
מײַן טראָט אין זאַמד וועט קיינעמען נישט ווי טאָן,
ווען איך וועל ווערן אין דער ווײַט דער קלענסטער.

דער שאַרפער רויש פון אָפּגעוועלקטע בלעטער,
אַראָפּגעפאַלענע דורך אַלע יאָרן,
וועט שפּרייטן דאָס געלעגער מיר אויף שפּעטער,
ווי אַ צוקאָפּנס אין אַ שוואַרצן אָרון.

און ווען עס וועט שוין אָטעם מיר פאַרפעלן
און אין דער ווײַטקייט וועל איך ווערן איינער,
וועט דעמאָלט לעבן מיר דער ווינט זיך שטעלן
און נעמען לעקן מײַנע ווײַסע ביינער.

וואס דארף איך?

וואָס דאַרף איך? איך דאַרף נישט קיין סך:
פיר איילן, פיר ווענט, און אַ דאַך.

אַ פענצטער, וואָס פירט צו אַ ווײַט
און קוקט צו דער זוניקער זײַט.

אַ טיר אויף אַ נידריקער שוועל
פאַר מענטשן, וואָס גייען דורך שנעל.

אַ טיש מיט אַ קיילעכיק ברויט —
דער פײַנטלעכסטער גראָם צו דעם טויט.

וואָס דאַרף איך? איך דאַרף שוין נישט מער —
די וועלט וועט שוין קומען אַהער.

די וועלט וועט שוין טרעפן דעם וועג —
אַפילו דורך נעכטיקע טעג.

דער ברייטסטער שאָסיי ווערט דאָך שמאָל,
דער באַרג לאָזט זיך אויס אינעם טאָל,

און צווישן די שטעגן — אַ שטעג —
די וועלט וועט שוין וויסן דעם וועג.

וואָס דאַרף איך? איך האָב דאָך שוין אַלץ:
די ערד איז פון וואַסער און זאַלץ.

דער הימל — פון בלאָ און פון רויט,
און איך — צווישן לעבן און טויט —

דער נאַר מיטן צעפּטער אין האַנט,
אַ האַר איבער פיר איילן לאַנד,

וואָס גלייבט, אַז אין קליינעם געצעלט
ער קעניגט און פירט מיט דער וועלט.

מאיר ווייסגאַל

ווייצמאַן -
דער שעפער פון מדינת ישראל

דאָס לעבן פון נייעם ישראל איז אָן ספק דער פּראַקטישער אויסדרוק פון דער וואונדערלעכער יצירה־פעיקייט פון חיים ווייצמאַן. ער האָט מצליח געווען, אפשר מער ווי יעדער אַנדערער פּאָליטיקער, צו דערפירן צו אַן אָרגאַנישער צונויפשמעלצונג פון אַבסטראַקטן געדאַנק מיט דער פּראַקטישער טעטיקייט, וואָס איז נייטיק פאַרן פיזישן קיום פון מענטש. אָט די צונויפשמעלצונג שפּיגלט זיך אָפּ אין לעבנס־יסוד פון היינטיקן ישראל. מען געפינט זי אין ספּעציפישן כאַראַקטער פון דער ישראלדיקער פּאָליטיק, אין די צאָלרייכע און אומדערמידלעכע געזעלשאַפטלעכע וויכוחים, אין איר אינטעלעקטועלער פּאָזיציע, אין איר פּאָלעמיק, אין איר צוגעבונדנקייט צו טעאָרעטישע פאָרמולעס, אין איר פאַרערונג צו טרייקייט און מסירת־נפש. אין דעם אַלץ איז לייכט צו זען די צוויי עיקרדיקע און באַקאַנטע גרונט־ליניעס: דער גייסטיקער שטורעם פון פאַר־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד און די גרונט־ווערטן פון דער אַנגלאָ־סאַקסישער דעמאָקראַטיע.

און אַזוי ווי דאָס זענען געווען די הויפּט־ריכטונגען, אין וועלכע עס האָט זיך אַנטוויקלט די פּאָליטישע אויפפאַסונג פון חיים ווייצמאַן, אָן שום שמץ פון דיס־האַרמאָניע אָדער העמונגען, וואָס זאָלן אָפּהאַלטן איר וווקס, — אַזוי איז אויך ישראל גופא אַ פולשטענדיקע פאַרשמעלצונג פון אָט די צוויי קאָנצעפּציעס פון געזעל־שאַפטלעכער אָרגאַניזירונג.

זאָלן אָבער מיינע רייד נישט אויסגעטייטשט ווערן פאַלש. עס זענען פאַראַן אַ סך דערשיינונגען אין לאַנד, מיט וועלכע ווייצמאַן וואָלט זיכער נישט משלים געווען און וועלכע וואָלטן אָן ספק אים גורם געווען גרויס צער. ער וואָלט קיין מאָל נישט מסכים געווען מיטן פאַרצוג, וואָס איז באַשטימט פאַר דער פּאַרטייאישער און סעקטאָראַלער השפעה. ער גופא איז געווען דער שליח פון אַ גלאָבאַלער יידישער נאַציאָנאַלקייט, און דער אומווילן צו יעדער טראַפּאַרעט און באַגרענעצטער אָרטאָ־דאָקסיע איז ביי אים געווען אַ פאַרוואָרצלטער גרונטשטריך. אָפּשטויסנדיק איז געווען פאַר אים יעדער אויסדרוק פון פּראָווינציעלקייט און פון זוכן באַקוועמ־לעכקייט.

אָבער דער יסוד און דער עיקר פון זיין פּאָליטישער און מאָראַלישער אמונה איז געווען די אינערלעכע דערקענטעניש, אַז די גייסטיקע סגולות פון אַ מענטש, און צו אונדזער עניין, — פון דער נאַציע, זענען דעצידירנד אין פאַרגלייך מיט יעדער אַנדערער דערשיינונג. אין אַלע זיינע וויכטיקע דעקלאַראַציעס פלעגט ער שטענדיק איבערחזרן אָט דעם איינציקן געדאַנק: „סוף־כל־סוף איז דער מהות פון מענטש וויכטיקער ווי זיינע מעשים, און אַזאַ איז דער דין אויך ביי אַ נאַציע". און איך בין זיכער, אַז דער גרונטשטריך פון מדינת ישראל, אין וועלכן וויצמאַן האָט, באַ־וווסטזיניק און אומבאַוווסטזיניק, אַזאַ גרויסן טייל, איז אים זיכער געווען נישט נאָר צום האַרצן, נאָר אויך זייער טייער.

דער איכות פון מדינת ישראל האָט אַרויסגערופן ביי אים גרויסע דאגות אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן — אין אָט די חדשים, בעת וועלכע ער איז געלעגן צוגעשמידט צום בעט אין הויכן צימער פון זיין הויז אין רחובות, קוקנדיק אויף די בערג פון יהודה, וועלכע ער האָט אַזוי געליבט.

האַרט פאַר זיין פּטירה פלעגט ער ריידן וועגן וויסנשאַפט, וועגן פרייהייט פון פאָרשונג, וועגן דער קדושה פון אַרבעט לשמה, ניט על מנת לקבל פּרס. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין פאַר אים דער שופר, דורך וועלכן ער לאָזט הערן זיין תחינה צום יידישן פאָלק, עס זאָל נישט פאַרלאָזן זיינע נביאישע ווערטן, זיין מאָראַ־לישע הויכקייט.

איצט שיינט מיר, אַז ער האָט קיין מאָל נישט געזאָגט „ישראל" אָדער „ישרא־לים", ווייל תמיד האָט ער גערעדט נאָר וועגן יידישן פאָלק. אויך דאָס איז אַ קען־צייכן פון זיין תורה. אין זיינע אויגן איז דאָס וועלט־יידנטום און מדינת ישראל געווען אַ שלימותדיקע גאַנצקייט. דאָס יידישע פאָלק, און נישט בלויז די בירגער פון ישראל, איז דער יצירה־כוח, וואָס וועט פאַרוואַנדלען די וויזיע אין ווירקלעכקייט.

וויצמאַן האָט שטענדיק געגלייבט אין דער פאַראייניקונג פון די בעסטע מוחות און הערצער אין ישראל און אין גלות פאַרן געמיינזאַמען אָנשטרענג פון גאַנצן יידישן פאָלק צו זעלבסטבאַשטימונג. ער האָט קיין מאָל נישט געגלייבט אין קיום פון אַ טיפן תהום צווישן ישראל און די תפוצות. אין זיינע אויגן זענען ביידע, ישראל און דער גלות צוזאַמען, געווען דאָס פנים פון דער יידישער פערזענלעכקייט. איז דאָך ישראל געשאַפן געוואָרן, כדי אויסצוגלייכן דעם באַלאַנס פון דער יידישער עדה בכלל. און ווען זי איז געשאַפן געוואָרן — איז איר חוב צו געבן דעם יידישן קיבוץ די מעגלעכקייט צו לעבן אין אינערלעכער האַרמאָניע. דער עצם ציוניזם איז אַ סינטעז פון די יצירה־כוחות פון גאַנצן יידישן פאָלק און דער דין איז, אַז אָט די כוחות זאָלן האַנדלען אין אחדות, אויך אין דעם איינעם צענטער, אין וועלכן די יידן זענען שוין די באַלעבאַטים איבערן אייגענעם גורל, ווי אויך אין די פיל צענטערס

מחוץ ישראל, אין וועלכע די יידן זענען נאָך געצווונגען צו זיין אונטערגעוואָרפן פרעמדע השפעות. לויט וויצמאַנס אַנשויונג איז נגזר געוואָרן אויף אָט די פאַר־שיידענע צענטערס אין ישראל און מחוץ אירע גרענעצן צו זיין פאַרבונדן מיטן געפלעכט פון טיפער אידענטיטעט, סיי לויטן געפיל און סיי לויטן שכל.

דעריבער איז זיין הויפט־דאגה געווען, צו קערעווען דאָס גייסטיקע לעבן אין ישראל אין דער געהעריקער ריכטונג. עס איז נישט נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז ביים שאַפן אַ פעסטן יישוב, פון עקאָנאָמישן שטאַנדפונקט, דאַרפן געוויסע ענינים פריווילעגירט ווערן, אָבער אָט די פריווילעגיעס געפינען זיך אויסשליסלעך אויף דער ווירטשאַפטלעכער פלאַך. אַ פעסטע עקאָנאָמיע, וואָס האָט נישט הינטער זיך קיין עדה פון אַ הויכן גייסטיקן ווערט, איז אָבער אין זיינע אויגן געווען בלויז אַ פוסטע פראַזע. אַזאַ עדה קען נאָר האָבן אַ קיום אויפן יסוד פון אונדזער אינטעלעקטועלן כוח.

דאָס קולטורעלע לעבן, אין זיין ברייטסטן באַדייט, איז געווען פאַר אים אַ וויכטיקער פאַרבאַדינג פאַר אַ פרוכטבאַרן אויסדרוק פון די שעפערישע כוחות פון באַנייטן יידנטום. און די יסודות פון קולטור דאַרפן אַ גוטע און געטרייע באַפעס־טיקונג, ווייל נאָר אויף זיי וועט געשמידט ווערן דער בונד צווישן ישראל און די תפוצות, וואָס דאַרף צונויפשמעלצן די טעטיקייט פון ביידע. נאָר דורך דעם וועט מען קענען צואייגענען מדינת ישראל אירע היסטאָרישע חשיבות און איר יצירה־כוח אין דער קעגנוואָרט.

וויצמאַן האָט טיף געגלייבט אין דער מעגלעכקייט — און, דעם אמת געזאָגט, אין דער נויטווענדיקייט פון צוזאַמענאַרבעט צווישן די יידן פון ישראל און די יידן פון די תפוצות. פון דאַנען זיין זאָרג צו גרינדן קולטור־אינסטיטוציעס אין ישראל. זיין פאַראינטערעסירונג מיט זיי איז נישט געווען קיין מאָל בלויז די פאַראינטערע־סירונג פון אַ בן־תורה (ווי מען האָט אָפט געמיינט). דאָס איז נישט געווען קיין מאַניע, קיין שוואַכקייט אָדער פאַנטאַזיע, וואָס האָבן גורם געווען, ער זאָל צושרייבן די לערן־אַנשטאַלטן אַ דערהויבענע ראָל. עס האָט אים געפירט די פעסטע אמונה, אַז נאָר דורך אַ זעלבשטענדיקן יידישן ביישטייער צו דער קולטור פון דער וועלט וועט ישראל קענען עקזיסטירן לענגערע יאָרן און נאָר אויף אָט דעם וועג וועט איר קיום האָבן אַ היסטאָרישן ווערט.

אָט די אמונה קומט בולט צום אויסדרוק אויך אין אַן אַנדערער דוגמה פאַר דער צונויפשמעלצונג, וועלכע איז געווען אַ טייל פון זיין גייסט, — די צונויפשמעלצונג פון יידישע טראַדיציע־ווערטן מיט ברייטן וויסן אין דער מערב־קולטור־וויסנשאַפט, אין ברייטסטן זין פון אָט דעם באַגריף.

וויצמאַן דער רעאַליסט האָט ניט מזלזל געווען דעם פראַקטישן ווערט פון

דער פאַרבינדונג ישראל—גלות. ער האָט געקענט דעם ווערט פון געלט, אָבער ער האָט דאָס געלט קיין מאָל נישט געהאַלטן פאַר גלייכוואַרטיק מיט חכמה. ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג האָט ער געפילט, אַז ישראל מוז זיך צוריקקערן צו די אידעען פון קלאַסישן ציוניזם — די אחדות פון יידישן פאָלק אַלס דער שטאַרקסטער גורם פון גייסטיקער בחינה.

ער האָט קיין מאָל נישט געהאַלטן, אַז צווישן גייסטיקן און פּראַקטישן עקזיס־טירט אַ ווידערשפּרוך. פאַרקערט: ער האָט תמיד געגלייבט, אַז בלויז די מאַטעריעלע שותּפות, אָן אַ גייסטיקן יסוד, איז לויט איר טבע נישט קיין שטאַנדהאַפטיקע זאַך.

דער בעסטער אויסדרוק פאַר זיינע געפילן אין ענין פון יידישן פאָלק, איז אפשר געגעבן געוואָרן דורך אים גופא אין פעברואַר 1949, אין זיין דערעפענונגס־רעדע צו דער ערשטער כנסת אין ירושלים:

„נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך באַטייליקט אין די גרויסע גייסטיקע שלאַכטן פון גאַנצן מענטשלעכן מין, נאָך דעם ווי מיר האָבן אָפּגעגעבן אונדזער לעבן און פאַר־גאָסן אונדזער בלוט פאַר דער באַפרייונג פון אַ סך פעלקער, האָבן מיר דעראָבערט דאָס רעכט, זיך צו מיען און שאַפן אונדזער אייגענע נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט און געבן אונדזער תרומה פאַרן גייסטיקן אוצר פון דער גאַנצער וועלט. לאָמיר זיין פלייסיק ביים פאַרשטאַרקן דעם כוח פון אונדזער יצירה אין וויסנשאַפט און פאָרשונג, וועלכע זענען די יסודות פאַר די דערגרייכונגען פון דער גאַנצער מענטש־הייט. — — — אָבער ביי דער גאַנצער דעצידירנדער חשיבות פון דער וויסנשאַפט — וועלן מיר נישט בלויז דורך איר געהאָלפן ווערן. מיר מוזן בויען אַ נייע בריק צווישן דער וויסנשאַפט און דעם גייסט פון מענטשן. „באין חזון ייפרע עם", און מיר זענען עדות, ווויהין עס פירט דער וויסנשאַפטלעכער פּראָגרעס, וועלכער איז נישט באַהויכט דורך קיין מאָראַלישער וויזיע. ——— מיין גאַנץ לעבן האָב איך זיך געמיט צו פאַרוואַנדלען די וויסנשאַפט און די פאָרשונג אין דעם יסוד פון אונדזער נאַציאָ־נאַלן ווערק. אָבער איך האָב שטענדיק געוווּסט, אַז העכער פון דער וויסנשאַפט שטייען דערהויבענע ווערטן, וואָס נאָר דורך זיי וועלן געהיילט ווערן די פּלאָגן פון דער מענטשהייט — די ווערטן פון צדק און יושר, פון שלום און פאַרברידערונג".

אברהם סוצקעווער

די שערבל־יעגערס

א

די שערבל־יעגערס — אָט איז מײַן קאָמפּאַניע.
אום האַלבער נאַכט מיר הייבן אָן צו שפּאַנען
פון ים־סוף, דער קאָראַלענער אַכסניה,
אין ריטעם פון די אַלטע קאַראַוואַנען.

די שערבל־יעגערס לויערן. אין זייער
קדמונישן זכרון ווערט נתגלה
די מאָרגן־הירשין, ווי עס וואָלט איר שלייער
פאַרגעסן אויסטאָן ערב שלאָף אַ כלה.

און מאַנען מאָנט אין זעלביקן זכרון
אַ שפּליטער פון אַ קריגל, צי אַ כלי,
וווּ טויטע עלטער־זיידעס דרייען קאָרן
ס׳זאָל בלײַבן פאַר אַן אייניקל — במילא.

און דאָרשטיקער צו שטיינדלעך ווי צו קוואַלן,
מיט נאָזלעכער פון הינט אין דינסטער שפּירונג,
זיי ציִען דורך אַ וואַדי און באַפאַלן
די שערבלעך פון זײַן אויסגערויבטער צירונג.

ב

דו פײַערשטיינדל מיט קאָליר פון לאַווע,
דו ביסט געווען אַ מעסער, אַ כלי־זיין.
געשלאַכט, קאָן זײַן, אַ ציגנבאָק פאַר יהוה
בײַ אָפּגעמעקטע צייכנס פון געבײַען.

פאַרוואָר, מײַן מנין פינגער זענען ברידער
צו יעניקע וואָס האָבן דיך געשליפן
און הויערן צעשטויבטע אין דער נידער
צוזאַמען מיט מלכים און קאַליפן.

וואָס מער איז דאָ געבליבן? בלויז אַ סימן,
און עדות נאָך צעשערבלטע אמונות.
באַשערט איז מיר צו זינגען דיר אַ הימען
אין ריטעם פון די וואָגלענדיקע דיונעס.

נאָר איידער ס׳וועט דאָס נאַכטזאַמד מיך פאַרזיפּן
און חלום וועט זיך אָפּטיילן פון טרוימער —
באַשווער איך דיך מיט בלוט פון מײַנע ליפּן:
צעפינקל דײַנע סודות פונעם חומר!

ג

אַ דאָרנגראָז אין ערבה. און דינער
פון דינער נאָדל. אויסגעזויגן-בלוילעך.
אַליין. אין זאַמד. און דאָך מיט ניט-פאַרגינער,
וואָס גינען יאָ — אים ברענגען פאַרן מולך:

אַ גאַנצן טאָג צופוסן און צוקאָפּן —
די זון. די זון. אין צאַנקעדיקן פיצל —
שוין אויסגעגליט זײַן חלום פון אַ טראָפּן.
דער גואל בלאָנדזשעט. ווי זשע ווערט מען ניצל?

ס׳קומט אויס: די זון האָט זיך פאַרלייגט בעיקר
דעם דאָרנגראָז צו ברענען און צו בראָטן.
און וווּנדער: בײַ איר עלנטן צוריקקער —
אַלץ לעבעדיקער, לענגער פאַלט זײַן שאָטן.

אַזוי אויך דו, פּאָעט, אין גרויל צעברענטער,
וואָס צײַט האָט זיך פאַרמאָסטן דיך פאַרלענדן:

צום אייגענעם פאַרגאַנג זי נידערט נענטער,
און לאַנגער שאָטן פאַלט פון דײַנע לענדן.

ד

צוויי שאָלן זע איך הענגען מיר אַנטקעגן:
אויף איינער שטילקייט פונעם ים. אויף צווייטער —
די מידבר־שטילקייט. עמעץ דאַרף זיי וועגן.
און זייער אורגעוויין איז מײַן באַגלייטער.

דאָס צינגל ציט אַהער־אַהין. דערווײַל ניט
באַשטימט נאָך סאַראַ שטילקייט ציט אַרונטער.
אַנטלויף ניט, האַרץ מײַנס. בלײַב אַ רגע. אײַל ניט.
פאַראַן אַ דריטע שטילקייט, הער זיך אונטער:

זי האָט געבוירן ס׳לעבן, איז אומשטערבלעך,
ניטאָ אַ זאַמד וווּ ניט פאַרזייט איר זאָמען.
די שערבל־יעגערס קושן אירע שערבלעך,
מע רופט זי טויט, נאָר אַנדערש איז איר נאָמען.

בײַ נאַכט, ווען שאַרפער זילבערן די שאָלן
מיט ים־און מידבר־שטילקייט בלוי צעגליטע —
דאָס צינגל דרימלט אײַן אָן קלאַנג, אָן קול — און
די דריטע שטילקייט רעדט פון שלאָף. די דריטע.

ה

און איידער ס׳האָט אַ צי געטאָן זײַן אָרעם
אַ שערבל־יעגער אויף צוריק, בײַם ווײַזן —
יאָגט אָן אַ רויטע שוימיקייט פון דרום,
די מידבר־זון ווערט פלוצעם גרויער אײַזן.

געשווינדער ווי אויף אָדלערישע פליגל,
באַנומען פון עקסטאַז, מיט הוילע בריסטן —
די זאַמדפרוי קומט צו טאַנצן אין אַן עיגול,
די זאַמדפרוי וויל די וויסטעניש פאַרוויסטן.

אוּן טאַנצנדיק איר עיגול־טאַנץ פוּן קינאה,
פאַרשלינגט זי, ווי אַ הוּנגעריקער — זעמל,
צוזאַמען מיט די בעזעמביימלעך דינע,
אַ נאַרישן, אַ קיינעמסדיקן קעמל.

די זאַמדפרוי לאַכט. אַראָפּ איז זי פוּן זינען.
אַזוי וועט זי פאַרשלינגען אין איר מאַניע
די שערבל־יעגערס. נאָר ס׳וועט זיי געפינען
אַ מ אָ ל ! —
אַן אוּמדערשראָקענע קאָמפּאַניע.

אילת, יוני 1966

אבראהם קאַרפּינאָוויטש

נאַטקע

דער קאַטער

דאָ ניט לאַנג באַקום איך אַ בריוו פון נאַטקע דעם קאַטער, אַז ער קומט צו פאָרן. אַ גוטע צוויי יאָר האָב איך ניט באַקומען פון אים קיין איינגעטונקטע פעדער. גרויסן האָב איך יאָ געהאַט. מענטשן זיינען געווען אין אַמעריקע, האָבן זיי דערציילט, אַז עס גייט אים זייער גוט. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אויפקויפן אַלטע אייזן, און ער פאַרדינט גרויסע געלטער.

אין אונדזער חברה, אַז מען באַקומט ניט קיין בריוו, דאגהט מען ניט. מען איז זיכער איינער מיטן אַנדערן. איך, למשל, ווייס, אַז ווען כ׳זאָל אַריינקומען אין אַ פּראָסטן מיטוואָך צו נאַטקען, טאַקע דאָרט, אין אַמעריקע, קאָן זיצן ביי אים דער סאַמע פּרעזידענט, הייבט ער זיך אויף און ברענגט אַ פלעשל מיט צובייסן. דאָס זעלבע ביי מיר. כ׳האָב באַקומען זיין בריוו, בין איך אַוועק אין וואַרשטאַט און געזאָגט דעם באַלעבאָס — אַדון רויזמאַן, מאָרגן קאָן איך ניט קומען צו דער אַרבעט, כ׳מוז פאָרן אין לוד אָפּנעמען מיינעם אַ גוטן ברודער. פאַרשטייט זיך, אַז מיין אַלטער האָט געבורטשעט. ס׳איז גראָד געווען אַ סראָטשנע באַשטעלונג. פון דעסט־וועגן, אַז כ׳האָב אים דערציילט ווער און וואָס, האָט ער מיר בלויז געבעטן איך זאָל זיך שטאַרק ניט פאַרטרינקען און קומען אַרויסענדיקן די אַרבעט. כ׳האָב אים צוגע־זאָגט. כאָטש וואָס? עס פעלט דען ווו צו גיין טאָן?.. ס׳וואַלגערן זיך ניט אין ארץ־ישראל קיין ווילנער בלעכער; אָבער דער רויזמאַן איז גראָד ניט קיין שלעכטער ייד. מען האָט פון אים אַ מאָל אַ טובה. איז וואָס גיין יענעם סתם אַריינרוקן אַ טשוואָק אין בויך?..

געקומען אַהיים מיטן דזשיפּ, האָב איך אָנגעזאָגט מיין יידענע, אַז מאָרגן ברענג איך אַ גאַסט פון אַמעריקע. אַמעריקע איז אַמעריקע. זי איז גאָרניט נתפּעל געוואָרן. ס׳איז איר ניט דאָס ערשטע מאָל אויפצונעמען וועמען פון דער חברה. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק טרעפט מען זיך ביי מיר. קומט ווער קיין תל־אביב פון חיפה, צי פון באר־שבע, פאָרט מען אַריין צו חיים דעם בלעכער. און טאַקע — ווו ווערט מען אַריינפאָרן, צום ראש העיר?..

מיין ווייבל איז, דעם אמת געזאָגט, ניט אַזוי גליקלעך דערפון. אָבער וואָס קאָן

זי פאַרשטייען אין אַזעלכע זאַכן? זי איז דען פון ווילנע? זי איז אַ תימנקע, פון די סאַמאַראַדנע תימנער, וואָס ריידן עברית פון גאַרגל אַרויס און שפּילן בעת אַ שמחה אויף אַ ליימענעם טאָפּ, באַצויגן מיט אַ פעלכל. כ׳האָב זיך באַקאַנט מיט איר אין אַ רעסטאָראַנטשיק, ווו כ׳פלעג עסן מיטאָג. זי האָט דאָרט געאַרבעט פאַר אַ דערלאַנגערקע. קיין מיאוסע איז זי ניט. מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן, ווי די שטיינ־קוילן, און אַ שמאָלן, פאַרצעלייענעם נעזל. מילא, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן איר. יאָ הונגעריק, ניט הונגעריק — צען מאָל אַ טאָג בין איך געלאָפן אין קנייפּע. ביי אונדזערן אַ מענטשן, אַז מען פאַרליבט זיך, איז ניטאָ קיין חכמות. זי האָט געזען, אַז ביי מיר איז דאָס ניט קיין כאַכינקע, האָט זי מיך אַוועקגעפירט אין כרם התימנים, הינטערן כרמל־מאַרק, וויזן דער משפּחה. פאַר־שטייט זיך, אַז די מחותנים זיינען געזעסן אויף דער ערד, מיט די פיס אונטער זיך, און גערדרייט פּאַטשערקעס; אָבער מיר האָט עס ניט געאַרט. יעדער לעבט אויף זיין פאַסאָן. זי, פון איר זייט, האָט זיך איינגעאַרבעט. כ׳האָב איר אויסגעלערנט יידיש. זי קאָן אַלע מיט די נעמען און ווו ווער ס׳האָט אין ווילנע געוווינט. אין קיך ביי איר דעזשורעווען צוויי קישקעס ווורשט, חוץ אַ צוגעפּרייעטן צונג. וועגן אַ הערינג איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן. טאָמער קומט ווער אַריין, זאָל מען האָבן וואָס אין מויל צו נעמען.

אַ קיצור, כ׳האָב אָביאַוועט אין שטוב וועגן גאַסט, זיינען די קינדער אַרויס מיט אַ טאַנץ — הדוד נאָטקע באַ... כ׳האָב זיי נאָך אַ מאָל דערציילט וועגן אים, אַז ער איז מיר אַזוי ווי אַ ברודער. קינדער זיינען אויסגעבענקט נאָך משפּחה. ביי מיר זיינען אַלע אומגעקומען, איז זאָל זיי נאָטקע זיין אַ פעטער. אַדרבא, וואָס שאַדט עס?..

אויף מאָרגן האָב איך געטראַכט גיין אָנזאָגן עטלעכע גוטע פריינד, אַז נאָטקע קומט ביינאַכט, דערנאָך האָב איך באַשלאָסן, אַז בעסער זאָל די ערשטע נאַכט אַריבער אָן אַ טומל. אפשר וויל ער גאָר זיין מיט מיר אַליין, אויסטרינקען אין דער שטיל אַ גלעזל, אויג אויף אויג... מ׳האָט זיך דאָך אַזוי פיל יאָרן ניט געזען.

בין איך טאַקע אַליין אַוועקגעפאָרן קיין לוד. דערווייל האָט דער עראָפּלאַן אַ ביסל פאַרשפּעטיקט, בין איך געזעסן און געקוקט, וואָס דאָ טוט זיך. איך זע יידן פליען אַהער, פליען אַהין, ס׳איז אַן אמתער יריד. — איי — טראַכט איך מיר — ווי דער לעבעדיקער דערלעבט, אַט זיץ איך אין לוד און דאַרף זיך גאָרניט סטראַשען פאַר די גוים, טאָמער געפעלט זיי ניט מיין היטל. אין ווילנע אויפן וואָקזאַל איז שוין די לעצטע יאָרן געווען אַ סכנה צוגיין צום בופעט. און אַז איך בין אַרויף אויף ווילנע, האָב איך זיך דערמאָנט אונדזער שניפּישקער הויפל. מ׳איז דאָרט געווען אַ מאַן צען, און איבערגעבליבן בין איך מיט נאָטקען. אַ ביסל האָט די מלחמה אויסגעקאָסעט, אַ ביסל דער וואַלד. איך מיט נאָטקען זיינען געווען אין דער

אַרמיי. ביז בערלין דערגאַנגען. נאָכן קריג האָט נאָטקען אָפּגעפּונען אַ קרוב פון אַמעריקע און אים אָפּגענומען צו זיך. און איך בין אַוועק קיין ארץ־ישראל. כ׳בין אַריינגעפאַלן אַהער אין סאַמע ברען. כ׳האָב נאָך געדאַרפט דאָ אַ ביסל מלחמה האַלטן מיט די אַראַבער. אויך ניט געווען קיין מאַכל. ביי פאַלודזשאַ האָב איך גע־כאַפּט אַ פאַרזשאַווערטן אַסקאַלאַק אין די זעבערעס. כ׳בין נאָך גוט אַרויס.

נאָטקע האָט מיך טאַקע גערופן קיין אַמעריקע. מ׳האָט זיכער געקאָנט צוזאַמען מאַכן אַ ביסל געלט; אָבער ס׳פאַרדריסט מיר ניט. גאָט צו דאַנקען, מען איז ביי זיך. ס׳איז פאַר די קינדער אויך בעסער. און נאָך אַלעם — נאָטקע טרינקט מער בראַנפן פון מיר? די זעלבע הונדערט גראַם... און וויפל דאַרף דאָס בכלל אַ מענטש?..

דערווייל איז געוואָרן אַ לויפעריי צום באַלקאָן, פון וואַנעט מען קאָן זען די עראָפּלאַנען. כ׳האָב געגעבן אַ פרעג, וואָס איז די לויפעניש, זאָגט מען מיר, אַז דאָס איז עס — מען איז אָנגעקומען פון אַמעריקע. בין איך אויך אַרויף אויפן באַלקאָן. איך שטיי און קוק פון אויבן ווי די מענטשן גייען איבערן פעלד, אָבער נאָטקען זע איך ניט צווישן זיי. אָט נעמט מען צו די טרעפּלעך פון עראָפּלאַן, און פאַרטיק, ס׳איז ניטאָ אויף וועמען צו וואַרטן. אַ רגע בין איך געבליבן שטיין, ניט אַהין, ניט אַהער, דערנאָך האָב איך באַשלאָסן ווייטער צו פרעגן. יאָ, זאָגט מען מיר. ס׳איז פאַראַן אַ נייטן סאָל אין דער פּאַסאַזשירן־רשימה. זאָל עס זיין נאָטקע סאָלאָדוכין? איך וואַרף מיט די אויגן איבערן זאַל פון מכס און איך זע, עפּעס אַ קענטלעכער שטייט ביים טיש און דינגט זיך מיטן צאָל־באַאַמטן. כ׳וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס איז נאָטקע. די אויפגעהויבענע פּלייצע און דאָס מאַכאַיען מיט די הענט האָבן אים געמסרט. ס׳איז טאַקע ער געווען; אָבער זיין אָנטועכץ, און בכלל, ווי ער האָט אויסגעזען — אַ געלע העמד איבער די הויזן, אַ צעפּאַסעוועטע מיט כל מיני חיות. אויפן בויך אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט מיט עפּעס אַ לאַנגער טרובע, און אויפן שפּיץ קאָפּ אַ שטרויענער קאַפּעליושטשיק מיט אַ פעדער.

מיר איז געוואָרן אַ ביסל אומעטיק. ווי מען קאָן דאָס ווערן פאַרטופּעיעט אין דער פרעמד. אַזאַ נאָטקע, גאָרנישט קיין נאַרישער בחור, האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך ניט זיין הויט.

דערווייל האָט ער געענדיקט זיינע געשעפטן און זיך געלאָזט צום טיר. איך האָב זיך אים אַ וואַרף געטאָן אַנטקעגן, ווי עס פירט זיך. מ׳האָט זיך דאָך אַזוי פיל יאָרן ניט געזען. קוקט ער גאָר איבער מיין קאָפּ, וווהין דער טרעגער פירט זיינע קלומיקעס, און צו מיר זאָגט ער גאָר — דזשאַסט עי מאָמענט...

נו, דאָ האָב איך שוין ניט אויסגעהאַלטן. מילא, דאָס משוגענע העמד — פאַר־פאַלן, ס׳איז אַמעריקע; אָבער נאָך ניט ריידן דערצו ווי אַ מענטש, און מיט וועמען...

האָב איך אים געמאַכט אין דער מאַמען אַריין. אַזוי, מיטן גאַנצן יחוס, אויפן שיינעם רוסיש. דער גאַנצער זאַל מענטשן האָט געלעקט די פינגער.

ווען נאָטקע האָט דערהערט מיין ברכה, האָט ער זיך געביטן אויפן צורה. דערנאָך האָט ער מיך אַרומגענומען און פאַר אַלעמען אין די אויגן זיך פונאַנדערגע־ווײנט. און נאָטקע קאָן וויינען, טאַקע ווי יענער קאָטער. ער האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, זאָגט ער מיר:

— אוי, חיים, האָסטו מיר אַטכאַיעט. שוין זעכצן יאָר ניט געהערט קיין היימישן וואָרט...

כ׳האָב אים אויסגערעדט: — קומסט אין ארץ־ישראל, צו אייגענע, איז רייד ווערטער, מען זאָל זיי קאָנען קייען...

האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז דער טרעגער האָט געוווּנקען צו אים. מסתמא האָט געפעלט אַ פּאַפּירל אַרויסצוגיין דורכן מכס. אמת, ווי פאַר לוד איז דער ברוך־הבא געווען אַ ביסל צו האַמעטנע, אָבער ס׳מאַכט ניט. ס׳איז גוט געווען. ער האָט דערשפּירט די ביינער.

*

צו מיר איז נאָטקע ניט אַריינגעפאָרן. ער האָט געזאָגט, אַז דער האָטעל איז באַצאָלט פאָרויס, דאַרף מען ניט שענקען. און מיין זהבה האָט צוגעגרייט אַ געלעגער אויפן קאַנאַפּע, ווי פאַר גראַף טישקעוויטש. האָב איך פאַרבויגן דעם האָנאָר און אַוועק מיטן ווייב און די קינדער צו אים אין האָטעל.

און דער האָטעל איז טאַקע ווערט דאָס געלט. שיין, הויך, אויפן דיל טעפּעכער. עס גייט זיך דאָרט ווי אין וואָליקעס. איז מען געזעסן און גערעדט. צו קיין גרויסע זיבן זאַכן האָט מען זיך ניט דעררעדט. ער האָט דערציילט פון אַמעריקע, און איך האָב געוואָלט הערן תחלית. צי האָט ער דאָרט אַ לעבן. ווער קומט אַריין צו אים. צי זעט ער זיך מיט אַן אייגענעם מענטשן. זיצט ער גאָר און דערציילט מיר מעשיות פון פליגן־פּאַפּיר. דערצו נאָך פאָרט ער מיט די אויגן איבער זהבהן, אַז מיר אַליין איז געוואָרן מאָדנע. דערנאָך רופט ער זיך אָפּ צו איר אַזוי:

— איר׳ט ניט געהאַט אַ מאָל קרובים אין ווילנע?..

הער אַן איינפאַל. זהבהס זיידע האָט געהאַט אַ בשׂמים־קראָם ערגעץ אין אַ שטעטל נעבן גרויסן מדבר, און יענע ווייסן אַפילו ניט, ווו ווילנע ליגט, פרעגט ער איר וועגן קרובים דאָרט.

און נאָטקע דאָס זייניקע:

— אָבער איר זייט ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו טייבקען, איסר דעם לאַבוקס אַ מיידל...

האָט אים זהבה נאָכגעגעבן:

— ווילנע, תימן, וואָס איז דער אונטערשייד? אַלע זיינען מיר קרובים. אַניט, ווי וואָלט געוואָרן אַ מדינה?..

איז זי אויך גערעכט.

✶

נאַטקע איז אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע טעג זען ארץ־ישראל. מען האָט זיי, די טוריסטן, אַרומגעשלעפּט אין ירושלים, צפת, קיין אילת. ווו ניט? ער איז געקומען צו פאָרן, האָט ער געהאַט גומענע פיס. כ׳פרעג אים — וואָס האָסטו געזען? ענט־פערט ער — וואָס ניט? אַלץ! די פּלאַטקעס פון ים־סוף, די ירושלימער וועלדער, און ווו דוד המלך האָט געזוכט פון שאולן אַ מאַלינע, און מאָרגן פירט מען זיי...

דאָ האָב איך שוין מער ניט אויסגעהאַלטן און זיך צעשריען:

— און מענטשן האָסטו שוין געזען? דיינע אייגענע פריינד האָסטו געזען? האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

— קומסט צו פאָרן אין אַ לאַנד, ווו ס׳איז דאָ צו עפּענען אפשר פופציק טירן, שלעפּסטו זיך גאָר אַרום קוקן אויף שטיינער...

נאַטקע האָט זיך געפּרוווט פאַרענטפערן:

— אָבער אַזוי איז דאָס פּראָגראַם, באַצאָלט פאַרויס...

און איך שריי ווייטער:

— וואָס פּראָגראַם, ווען פּראָגראַם? דו אַרבעטסט אין אַ צירק?..

אַזוי האָב איך אים אָפּגעצוואָגן און אַוועק, וואָס זאָל איך זיך גיין פאַרנעמען מיט אים, אַז יענער איז געוואָרן אין אַמעריקע אַ ביסל אויסגעוועפּט.

✶

אין אַ פּאָר טעג אַרום קום איך איין מאָל פון דער אַרבעט אַהיים, טרעף איך נאַטקען זיצן ביים טיש און עסן מיין זהבהס אַ חומוס. כ׳האָב זיך צוגעזעצט צו אים, ווי קיין מאָל גאָרניט, און אַזוי האָבן מיר ביידע, אָן איין וואָרט, אויסגעטרונקען אַ האַלבע פלעשל. זהבה מיט די קינדער זיינען אַרויסגעגאַנגען ערגעץ, און מיר זיינען געבליבן זיצן איינער קעגן אַנדערן, ווי צוויי הענער. לסוף האָב איך אים געפרעגט:

— נו, וואָס איז איצטער דיין פּראָגראַם?..

ענטפערט ער:

— שלאָפן ביי דיר אויפן קאַנאַפּע...

האָבן מיר געענדיקט דאָס פלעשל, און ער איז אַוועק זיך אויסציען.

✶

איצט האָב איך אים גענומען ווייזן דאָס לאַנד. כ׳האָב געמאָלדן דעם באַלעבאָס, אַז אַ פּאָר טעג וועל איך ניט קומען צו דער אַרבעט. דערנאָך האָב איך גענומען מיין נאַטעלען און מיר האָבן אָנגעהויבן פאָרן. דעם ערשטן וויזיט האָבן מיר אָפּגע־

שטאָט ביי כאַצע דעם קעלבאַך אין חיפה. כאַצע אַרבעט אין פּאַרט. זיין שרהלע האָט אָנגעשטעלט פון כל־טוב, לינדזן מיט בולבענע קלאָצקעס, אין יעדער קלאָצקע פאַרגראָבן אַ געגנדזענע גריוועגע. דערנאָך האָט זי געגעבן אַ פרידיק מיט אַ פלוימען־צימעס. פון נאָטקען איז געגאַנגען אַ פּאַרע. יאָרן האָבן דאָס זיינע אויגן ניט געזען. פון דאָרטן זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין עכו, צו טעווקען. מיר האָבן אים ניט געפונען אין שטוב. זיין ווייב האָט דערציילט, אַז ער האָט אויף זיך אַ שטיקל משפּט. ס׳איז אַ מעשה מיט געשמוגלטע סחורה. זיצט ער אַ ביסל. וואָרטן לוינט ניט — האָט זיין ווייב געזאָגט — ס׳איז ניט אַ מעשה פון היינט אויף מאָרגן; אָבער אַזוי ווי זי פאָרט קיין רמלה אים ברענגען אַ פּאַדאַיאַנקע, וועט זי שוין אָפּגעבן אויך אַ גרוס.

איך האָב זיך תמיד געבעטן ביי טעווקען, ער זאָל אָפּלאָזן די געשעפטן. ס׳איז ניט דאָס אָרט און ניט די צייט; אָבער גיי רייד מיט אַ בורילע. נאָטקע האָט זיך אויך געקרימט:

— מילא, עס טרעפט, מען איז דאָך מער ניט ווי אַ מענטש... אָבער דאָ, ביי זיך... ס׳איז ניט...

פון עכו זיינען מיר אַוועקגעפאָרן צו זאַמקע די פליגעלע. ער האָט אַ בענזין־סטאַציע נעבן נהריה, און פרעגלט אויך קאָטלעטן פאַר די שאָפערן. זאַמקע האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אונדז — איי און איי, און וואָס הייסט, און נאָך אַ ווײלע. יענער האָט אונדז ניט געוואָלט אָפּלאָזן. ס׳האָט זיך געענדיקט אויף אַ ליטער מיט צובייסן. נאָטקען איז געגאַנגען טרערן פון די אויגן. דער קאָטער האָט זיך אין אים צעזרושעט. איצט ערשט האָט ער דערפילט דעם טעם פון אַ גלעזל מיט גוטע ברידער.

מיר האָבן זיך געוואָלט צוכאַפּן קיין צפת. דאָרט זיצט אַ מאָלער. אונדזערער אַ מענטש. אין וואַלד געווען, דערנאָך אין אַרמיי. ער כאַפּט אַריין אַ ווילנער, ציטערט ער אויף. מען דערמאָנט אים אַ גאַס, אַ הויף, טאַנצט ער פון פרייד; אָבער מיר זיינען ניט געפאָרן. דער דזשיפּ איז געגאַנגען אין דער קרום. דאָס לעצטע גלעזל האָט מיך אַוועקגעהרגעט. נאָטקע האָט געוואָלט פירן, זיינען מיר שיעור ניט אַראָפּ פון שאָסיי. איך ווייס גאָרניט, ווי מיר זיינען דערפאָרן אַהיים.

אויף מאָרגן האָט מען געמאַכט אַ קליינעם טרונק זיך אויסצוטשוכען. דערנאָך גיב איך אַ פרעג מיין גאַסט:

— דו ביסט אַ בעלן צו זען ווי זאַמעלע מיט קיווקען, צוויי טרעגער פון זאַוואַלנע גאַס, גראָבן דעם נגב פון איין ברעג ביזן אַנדערן?..

בקיצור, מ׳האָט זיך אָנגעטאָן און אַוועקגעפאָרן קיין באר־שבע. אויפן וועג האָט נאָטקע געמאַכט בילדער מיט זיין פאָטאָ־אַפּאַראַט. אַלע ווײלע האָט ער גע־

פרעגט, וואָס איז דאָס, און וואָס איז יענץ. דער בנין, יענער בנין, כ׳האָב פון אים קיין רו ניט געהאַט. ער האָט מיר אַזוי לאַנג געהאַקט אין קאָפּ אַריין, ביז כ׳האָב אויף אים אָנגעשריען:

— וואָס פרעגסטו? דו זעסט ניט, אַז מען דרייט דאָ איבער אַ וועלט? און דאָס מאַכן אַלץ יידן, פון אַלע קאַלירן...

אין באר־שבע האָבן מיר געטראָפן ניט נאָר זאַמעלען מיט קיווקען. אויך דער אינזשעניער ברוידאָ איז דאָרט געווען. ער האָט געוווינט אַ מאָל אויף סאַדאָווע. ברוידאָ האָט צעוואָרפן אַ ביסל ווילנער איבערן נגב. פון זיין האַנט אַרבעט זוסקע דעם פאַריקמאַכערס אַ פלימעניק ביים גראָבן נאַפט, און נאָך עטלעכע היימישע יינגלעך אין דער עלעקטראָ־סטאַציע.

מיר האָבן אַלע זייער גוט פאַרבראַכט, כאָטש אָן בראַנפן. צוליב ברוידאָן. נאָטקע האָט אויסגעפרעגט וועגן דער גאַנצער געגנט, און וואָס פאַר אַ ביזנעס מיינט מען דאָ איינצושטעלן. און, בכלל, צי וועט מען אַרויסנעמען אַ מאָל, וואָס מען לייגט דאָ אַריין. ברוידאָ האָט אים אַלץ געגוי דערקלערט. זאַמעלע מיט קיווקען האָבן אונטער־געהאָלפן. נאָטקע האָט זיך ניט געלאָזט אַזוי גיך איבערצייגן. ער האָט געטענהט, אַז ווי פאַר אים, איז דאָ אַ ביסל צו פיל זאַמד. ווייס ער ניט, ווי וועט זיין ווייטער, און צי וואָלט ניט געלוינט דאָס גאַנצע אַריבערטראָגן ערגעץ אַנדערש ווו. זאַמעלע, אַ פאַרליבטער אינעם נגב, האָט זיך זייער צעקאָכט און אַריינגעזאָגט נאָטקען, אַז יענער ווייס ניט ווער ס׳האָט אים צעדריבלט די שקאַרפּעטקע, ווייל אויף וויסן וואָס דאָ טוט זיך, מוז מען זיצן אינעווייניק און ניט אין אַמעריקע. ס׳וואָלט געקומען צו נאָך אַ הייסערן איבעררייד, ווען ניט אינזשעניער ברוידאָ. ער האָט באַרויקט נאָטקען, אַז איידער מען האָט זיך גענומען דאָ בויען און גראָבן האָט מען אַלץ געגוי איבער־גערעכנט. אויסער דעם, האָט ברוידאָ צוגעגעבן, איז דאָס האָבן מיר, און ניט עפּעס אַנדערש. פון דעסטוועגן איז מען זיך צעגאַנגען גאָר פריינדלעך. איך האָב אַלעמען אָנגעזאָגט, אַז קומענדיקע וואָך, דינסטיק, טרעפן זיך אַלע ביי מיר. מ׳וועט זיך געזעגענען מיט נאָטקען.

אויפן וועג צוריק האָט זיך נאָטקע פונאַנדערגעלאָזט — ביי אונדז אין אַמע־ריקע... אָבער כ׳האָב אויף אים געגעבן אַ הוקע, ער זאָל אויפהערן דערציילן פרעמדע נסים, און ס׳איז געוואָרן רויִק.

*

פרייטיק צו נאַכט האָט זיך עפּעס ניט געמאַכט קיין געסט. נאָטקע איז געזעסן זייער פאַרקלערט. כ׳פרעג אים, וואָס ער וויל אויסטראַכטן, ענטפערט ער מיר, אַז ער טראַכט ניט. ס׳איז אים בלויז אַ ביסל אומעטיק אויפן האַרצן. דאָ האָט זיך אַריינגע־מישט מיין זהבה און אים אויסגערעדט:

— שבת איז מען ניט אומעטיק. ווי נאָך, ברוך השם, אַז מען זיצט ביי אַ טיש מיט ידידים, וואָס קאָן זיין פריילעכער ?..

רופט זיך אָן נאָטקע:

— כ׳האָב זיך פאַרבענקט אַהיים...

— וואָס איז דער בענקען נאָך די פיר ווענט ? — פרעגט אים זהבה — מילא, אַז מען לאָזט איבער אַ ווייב, קינדער, איז נאָך צו פאַרשטיין, אָבער אַזוי...

דאָ גיט נאָטקע אַ בורטשע:

— כ׳האָב זיך פאַרבענקט נאָך ווילנע...

ווען מען לייגט מיר אונטער פייער, וואָלט עס מיך ניט אַזוי אונטערגעהויבן. כ׳האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים:

— ווילנע... זיך דערמאָנט... אַ יאַטקענער הונט האָט אַ בודע, אַזוי האָסטו דאָרט אַ היים. אויס ווילנע... געענדיקט...

...אַזוי ווי כ׳האָב דאָס אויסגערעדט, איז מיר דורך אַ שוידער איבערן לייב. אַז מען פאַרגעסט אַ מאָל וועגן אונדזער אומגליק, קלאַפּט נאָך אָן אָדער. מען האָט נאָך פאַר די אויגן אַ באַקאַנטן מויער, אַ נאָענטן פּנים, אָבער איצט, ווען כ׳האָב געשריען אויף נאָטקען, האָט מיר אַליין אַ שטאָך געגעבן אין האַרצן. ס׳איז דאָך טאָקע אויס...

זיינען מירביידע, איך און נאָטקע, געבליבן זיצן פאַרגראָבן אין זיך. מיט אַ מאָל רופט זיך אָפּ זהבה:

— מיין זיידע, זכרונו לברכה, פלעגט אונדז לערנען, אַז עצבות איז עבודה־זרה. אָט, דערמאָנט זיך וועגן ווילנע, וועט אייך ביידן ווערן לייכטער. מיר, תימנער, האָבן אַ ווערטל — זכרונות זיינען ווי פּערל. זייער אָפּשיין וואַרעמט די נשמה. איך אַליין האָב אויך ליב צו הערן וועגן אָט דער שטאָט. חיים האָט מיר אַזוי פיל דערציילט וועגן איר...

ס׳איז אמת געווען. אַ מאָל נאָך, חתונווייז, פלעג איך קאָנען אָפּזיצן מיט איר אָוונטן און דערציילן איר פון דעם פאַרגאַנגענעם. זי האָט זיך תמיד זייער איבער־גענומען מיט דעם. אפשר דערפאַר איז זי מיר נאָענט געוואָרן פון דער ערשטער רגע, כאָטש זי איז פון אַן אַנדער שבט. אויך איצט, ווען דיק אונדז אַרויסציען פון אונדזער דערשלאָגנקייט, האָט זי מיט אַ שמייכל געבעטן:

— חיים, דערצייל וועגן איסערסאָנען דעם משוגענעם, דערצייל ווי ער האָט באַגאָסן זיין גאָרטן אין אַ שלאַקס־רעגן...

און זהבה האָט אָנגעהויבן דערמאָנען גאַסן און מענטשן. נאָטקע איז געוואָרן אַ פאַרביטענער. ער האָט איר געקוקט אין מויל אַריין. איך האָב איר אונטערגעהאָלפן און ס׳איז אַוועק אַ גערייד וועגן אַזעלכע טיפן און פלעצער אין ווילנע, וואָס נאָטקע

האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן זייערע נעמען. איך אַליין האָב זיך אויך געוווּנדערט, ווי ביי זהבהן אין קאָפּ איז דאָס אַלץ געלעגן באַהאַלטן, ווי אין אַ באַשלאָגענעם קופער, און איצט האָט זי געצויגן פון דאָרט פאַרביקע, וואַרעמע פּרטים פון אַ פאַרשניטענער שטאָט.

אין יענעם פרייטיק צו נאַכט האָבן מיר אַ שטיק יוגנט אונדזערע צוריקגערופן צום לעבן, און ביי זהבהן האָבן די שוואַרצע אויגן געברענט מיט אַ בשותפותדיקן פייער, אַזוי ווי זי וואָלט געוועזן אַ מאָל דערביי. כ׳האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, ניט צוצוגיין צו איר, איר צודריקן צו זיך און אַ קוש טאָן אין קאָפּ. אויף אַ רגע האָב איך זיך דערמאָנט מיין ערשטע, בחורישע ליבע, אסתרקען, נאָכקע דעם זער־בעלעס שוועסטער, פון די שענסטע מיידלעך אויף שניפּעשיק. זהבה ווייס וועגן איר. זי ווייס אויך, אַז אסתרקע איז אַוועק אויף פּאָנאַר.

אַזוי האָבן מיר זיך ניט אַרומגעקוקט, ווי די נאַכט איז אַוועק און מיט איר אַ שפּאַר ביסל בראָנפן. אויף מאָרגן אין דער פרי רופט מיך נאָטקע אָפּ אין אַ זייט און גיט מיר אַ שושקע:

— ווייסט, חיים, ווען דו קאָנסט מיר באַזאָרגן אַזאַ פרויענצימער, ווי דיין זהבה. כ׳וואָלט איר גענומען קיין אַמעריקע, ס׳עט איר ניט פעלן פון קיין פויגל־מילך. אפשר האָט זי אַ שוועסטער, אַ קרובה, גיב אַ רייד מיט איר; אַז דיין ווייב האָט זיך געקאָנט אַזוי מגייר זיין אויף ווילנע, איז דאָך, ווי יענער זאָגט...

כ׳האָב עס דערציילט זהבהן, האָט זי געלאַכט:

— זאָג דיין חבר, אַז אַ תימנקע פּאַסט ניט אין דער פרעמד. זאָל ער קומען אַהער, וועט מען אים ריידן דעם בעסטן שידוך אין כרם התימנים.

נאָך הבדלה האָט נאָטקע אויסגעזאָגסן פּאַר מיר זיין האַרץ. ער פאַרדינט טאַקע גרויס. ס׳האָט זיך אים איצט געמאַכט עטלעכע גענייצטע שיפן; אָבער וואָס איז דערפון, אַז ער זיצט ערגעץ אויפן ראָג קאַנאַדע, אין דר׳ערד אויפן דעק, איינער אַליין. חתונה האָבן איז ניט קיין קונץ, אָבער מיט וועמען אויסצורײדן אַ וואָרט וועט ניט זיין. ס׳איז דאָך אַלץ פרעמדע יוֹפעריס.

האָב איך איינגעטענהט מיט אים:

— איז קום צו אונדז, וועסט דאָ אָפּלעבן.

הייבט ער שוין ווידער די פּלייצע און קרימט זיך:

— יאָ, אָבער די געשעפטן. ווי לאָזט מען דאָס אַלץ איבער. און צווייטנס — ס׳איז פּאַרט אַמעריקע.

נו, אַז ער האָט אַזוי גערעדט, האָב איך אים געזאָגט, אַז ער זאָל ווערן געהרגעט און קויפן גלעלע שיף אויף פּסח. וואָס וועל איך גיין אויפעסן דאָס האַרץ אויף אים, אַז יענער וויל אַ וואַרעמען פרעסטל?

✶

ווער איז ניט געקומען זיך געזעגענען מיט נאָטקען? פון אין דער פרי האָבן זיך אָנגעהויבן לאָזן געסט פון אַלע עקן מדינה. אַפילו זאַמעלע מיט קיווקען זיינען פון באר־שבע געקומען. ס׳האָט זיך געטומלט און גערודערט. מ׳האָט ניט געקאָנט דערגיין צו אַ לאַד. זהבה האָט מאָביליזירט אַלע ווייבער, און ס׳איז אַוועק אַ גאַנג. מען האָט געטראָגן צום טיש גאַנצע קעפּ. מיין ווייב האָט אויסגעקאָכט אַ ביסל ווילנער מאַכלים. די רעצעפּטן האָט זי געגומען פון אונדזערע היימישע באַלעבאָס־טעס. זהבה האָט צוגעגרייט אפשר אַ באַלייע מיט קישקע, אויסער טעפּ הינערשע פּופּיקעס, בעקנס פּעטשאַ, אַ טשוגון אייטער, און ספּעציעל פאַרן גאַסט אַ רעטשיס־ניקל. וועגן בראַנפן רעדט מען ניט. נאָטקע איז געזעסן ווי אַ חתן־בחור און געקלאַפּט מיט אַלעמען ס׳גלעזל. מ׳האָט זיך דערציילט מעשיות, זיך דערמאָנט אַלע לעכער, ווו מ׳איז אויסגעווען — דער אין קריג, יענער אין וואַלד. אויך פון די לאַגערן איז געווען אַ רייד. ס׳איז דען פאַראַן אַ ווילנער, וואָס איז אַרויס טרוקן?

דאָ האָט עמעץ דערמאָנט הירשלען, מלך דעם וואַסאָוויקס בחור. נאָטקע איז אויפגעשפּרונגען:

— הירשקע איז אין לאַנד און איר האָט מיר גאָרנישט געזאָגט? מיר האָבן זיך דאָך צוזאַמען אויפגעהאָדעוועט. ווו קען מען אים זען?

אַלע האָבן געפּלאַצט פון געלעכטער. און ס׳איז געווען פון וואָס צו לאַכן. נאָטקע האָט געמיינט, אַז ס׳איז אַמאָליקע יאָרן. צו הירשקען צוקומען, איז ווי צום קיסר. ער זיצט אין משרד הבטחון, אין קריה. יענער איז אַ גרויסער נאַטשאַלניק, אַ פּאַדפּאָלקאָווניק מיט עפּאָלעטן. כאָטש וואָס איז דער וווּנדער? ער איז אַלע מאָל געווען אַ גראַמאָטנער ייִנגל, מיט שפּראַכן. הירשקע איז אַוועק פון ווילנע נאָך אַ מאָל, מיט די ערשטע חלוצים. דאָ הייסט ער שוין צבי און איז אַ סגן־אַלוף. קומט נאָטקע און וויל זיין מיט אים אַ מחותן.

אויסגעטרונקען איז מען געווען און מ׳האָט דאָך פּאָרט געוואָלט באַווייזן דעם גאַסט ווער עלטער איז, האָט מען אַ נעם געטאָן דעם דזשיפּ און זיך צוגעכאַפּט אין קריה. די גאַנצע מעשה האָט אויפגעדרייט אַפּרויקע דער הענדל. ער האָט אַלץ גענומען אויף זיך. האָט מען איבערגעלאָזט אויף אַ ווײַלע די געסט און מיר זענען זאַלבע דריט אַוועקגעפאָרן.

פאַרשטייט זיך, אַז אויבן, צו הירשלען, האָט מען אונדז ניט אַרויפגעלאָזט. האָב איך זיך אַרויסגעשטעלט און געבעטן אָנמעלדן, אַז חיים זיסמאַן, נתן סאַלאַדו־כין און אפרים גאָלדבערג ווילן זיך זען מיטן סגן־אַלוף צבי. איז געקומען אַ תשובה, אַז סגן־אַלוף צבי קען ניט אַזעלכע. דאָ האָט זיך אָפּגעריסן, אַזוי ווי פון אַ קאַטוך, אַפּרויקע, און אַ קריי געגעבן, אַז חיים דער בלעכער, נאָטקע דער קאָטער און

אַפּרויקע דער הענדל, אַלץ שניפּישיקער, שטייען אונטן. ס׳האָט ניט געדויערט קיין מינוט האָט מען אונדז געעפנט אַלע טירן. מען האָט אַפילו די פּעסער ניט געפרעגט.

הירשל האָט זיך זייער געפרייט מיטן באַזוך. ער האָט געהייסן ברענגען קאַווע און מ׳האָט צוזאַמען פאַרבראַכט. נאַטקע האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון הירשלס פאַסטאַווע. איך האָב אים געטאַרקעט פון הינטן: קוק, קוק אויף די עפּאָ־לעטן... אַ גענעראַל... און אונדזערס אַ יינגל...

הירשל האָט פּאַדראָבנע אויסגעפרעגט נאַטקען ווי און וואָס, און בכלל. ער האָט אונדז דערמאָנט אַמאָליקע יאָרן. די טייערע יאָרן, ווען מ׳איז באָרוועסע געלאָפן איבער די פּליטן. און נאַטקע האָט אַרויסגענומען אַ באַז־טיכל, גרויס ווי אַ ליילעך, און שוין, עס רעגנט ווידער ביי אים. מ׳האָט נאָר שאַנדע געהאַט. אַ גליק נאָך, וואָס ס׳איז אַריין אַ סאָלדאַטקע און געגעבן הירשלען אַ ווונק. מיר האָבן פאַר־שטאַנען, אַז מען דאַרף זיך רירן. פּאָרט נאַטשאַלסטווע. הירשל האָט אונדז באַגלייט ביזן סאַמע טיר. אויפן וועג צוריק האָט נאַטקע פונאַנדערגענומען די הענט:

— נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, קינדער, אַז מ׳האָט דאָס דערלעבט, איז דאָך טאָקע, ווי אין חומש שטייט...

דערנאָך האָט ער אַראָפּגעלאָזט אַ לעצטע טרער און געשוויגן ביזן סאַמע שטוב.

✶

אַזוי איז נאַטקע אַוועקגעפאָרן. די לעצטע פּאָר טעג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי הינטער אַ וואַנט. וואָס ס׳האָט אים גענאַיעט, ווייס איך ניט. אפשר האָט ער זיך געהאַט איבערגעטערונקען. ווי ס׳זאָל ניט זיין, איז ער געווען זייער צעקנייטשט. כ׳האָב געפּרוווט כאַפּן מיט אים אַ וואָרט, האָט ער נאָר געבורטשעט. איז ניט, וואָס כ׳האָב געקאָנט, האָב איך געמאַכט. איי, יענער מיינט, אַז די וועלט איז אַ קיכעלע און מען מוז דאָס אויפעסן אין גאַנצן, וואָס בין איך שולדיק? איך האָב פאַרשטאַנען וואָס אים קוועטשט. ביי אונדז איז פּאָרט אַ לעבן. ער האָט דאָך געזען.

קיין לוד האָב איך אים אַליין באַגלייט. אַזוי האָט ער געבעטן.

מיר זיינען געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג. נאָך אַ רגע און מען האָט געהייסן די פּאַסאַזשירן זיך קלייבן אין וועג. נאַטקע האָט פאַרבויגן אַ פּלייצע, מיר אָנגענומען פאַר ביידע הענט, און זיך פונאַנדערגעוויינט. איך אויך.

נאַטקע ווישט אויס די אויגן, קוקט זיך אַרום און רופט זיך אָפּ צו מיר:

— וואָס זאָגסטו, חיים, אַ מדינה. אַ גאַנצער געשעפט...

כ׳האָב אים ניט געענטפערט. גענוג האָב איך אין אים אַריינגערעדט. ער קאָן זיצן דאָ, ווי מיר אַלע.

...אַוועקגעפאָרן נאַטקע.

דב סדן, ירושלים

צווישן ייחוס און קברות

(צו דער ביאָגראַפיע פון אַ ווערטל)

לזכר מיין ברודער אברהם יאיר הכהן,
וואָס האָט ליב געהאַט אַ יידיש וואָרט.

א

ייחוס נאַ בית הקברות אַ וודאָמו צרות — אַזוי גייט דאָס באַקאַנטע ווערטל אין „יודישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטען״ פון איגנאַץ בערנשטיין, וואַרשע, 1908, נומער 1859, ווו ער ווייזט אָן אויף די פּוילישע ווערטער na... w domu (= אויף... אין דער היים). אין דעם געזעמל קומט דער ענין ייחוס בלויז נאָך איין מאָל פיר, און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ קנאַפּע רעפּרעזענטאַציע, און שעפּט ווייט ווייט נישט אויס נישט דאָס אָרט, און נישט די ראָל פון ייחוס אין יידישן פאָלקס־מויל. עס הייסט, נומער 2630: לסכום יחוס — לחיתון ממזר, וואָס ווערט דאָרט דערקלערט: צו נעמען נדבות פאַר קהלישע זאַכן, האַלט מען אים פאַר אַ שיינעם בעל־הבית, אָבער מיט אים זיך משדך זיין, וויל קיינער נישט. דער צד השווה צווישן די צוויי ווערטלעך, איז די רעלאַטיווקייט פון ייחוס, דער צד השונה צווישן זיי איז, וואָס אין לעצטן ווערטל גילט דער ייחוס צוליב דער פולער קעשענע, אָבער ער פאַרהאַקט זיך שוין פאַרן קינדס חופּה; ווייטער אין ערשטן ווערטל גילט נישט דער ייחוס, מחמת דער ליידיקער קעשענע, און ער האַקט ערשט אָן ביי דער אייגענער מצבה, אָדער לויטן פּאָפּולערן אויסטייטש: דער ייחוס איז דאָרט, ווייטלעך, אויפן בית־הקברות, ביי די טויטע זיידעס, בשעת די צרות זענען דאָ, נאָנט, אין שטוב, ביי זייער לעבעדיק אייניקל, אַזוי ווי עס האָט, אַ שטייגער, באַשריבן שמ״ר, אָפּלאַכנדיק פון ייחוס: „דער גאַנצער פעהלער איז דאָ וואָס ער איז ניסט קיין מיוחס, וואָס ער וואַקסט ניט פאָן רבנים, פאָן גאונים. און אַז מיא האָט שאָן אויפן בית עולם אַזיידן אַ רב אונ אַפּעטער אַגאון וואָס קומט אַרויס דאַפאָן? דער יחוס איז דאָך מעהר ניט וויא איין איינבילדונג. איך דאַרף דאָך מיט דעם טויטין זיידין ניכט לעבען״ („דער כשרער יוד״, אויסגאַב וואַרשע, ז׳ 22).

קערן מיר זיך אום צו אונדזערע צוויי ווערטלעך, כדי צו באַמערקן, אַז לויט די שפּראַכלעכע קאָמפּאָנענטן קאָן דאָס גאַנץ לשון־קודשדיקע ווערטל זיין עלטער,

בעת דאָס כמעט פאַרגוויישטע ווערטל מוז זיין ייִנגער. אָבער ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן; ווען מיר זאָלן וויסן אויף זיכער, אַז עס זענען נישטאָ קיין אַנדערע ווער־סיעס, אַזוי אַז דער נוסח ביי בערנשטיין איז באמת דער גרונטיקער, אַזוי ווי אָבער עס זענען יאָ פאַראַנען אַנדערע ווערסיעס, ווו דאָס ערשטע ווערטל איז נישט סלאַוויזירט און דאָס אַנדערע איז נישט ריין לשון קודש, איז דער קאָן און דער מוז גאָרנישט אַזוי זיכער.

וואָס שייך דעם ערשטן ווערטל, האָט דאָך איגנאַץ בערנשטיינס סאַמע ערשטע קליינע געזעמל „יודישע שפריכוואָרטער", אַרויסגעגעבן פון מרדכי ספעקטאָר (1887): יחוס אויף דעם בית הקברות — אין דער היים צרות. און עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו זען, אַז כאָטש דער סלאַוויזירטער נוסח איז דער פאַרשפּרייטער, איז דער ריין־יידישער דער גרונטיקער. וואָס שייך דעם לעצטן ווערטל, פאַרשניידט זיך עס אַפילו, לויטן נוסח, אויף אַ מין פּסק הלכה, אָדער לפּחות אַ מין פּאַראָדיע דאַרויף, האָט אָבער אַ שטיקל קאָנקורענט אין ווערסיעס, וואָס זענען נישט פאַר־שריבן געוואָרן, סיי אַ קירצערע, סיי אַ לענגערע, וואָס באַשטייען פון געמישטע שפּראַך־קאָמפּאָנענטן און זענען אַפילו געגראַמטע, ווי אַ שטייגער: אַ מיוחס — צו קוויטן, אַ ממזר — צו חיתון.

ב

אָבער קערן מיר זיך אום צו בערנשטיינס ווערסיעס, כדי אַ ביסל צו באַטראַכטן זייער קאָנסטרוקציע. קודם־כל וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז ביידע ווערטלעך פאַרמאָגן צו צוויי פּאַראַלעלן, דאָס ערשטע: 1) ייחוס — צרות; 2) בית הקברות — ודאָמו; דאָס אַנדערע: 1) סכום — שידוך, 2) ייחוס — ממזר. אַז מען קוקט זיך גוט איין, אַנטפּלעקן זיך די פּאַראַלעלן ווי קעגנזאַצן. דאָס טרעט בולט אַרויס דווקא אין דער לעצטער פּאַראַלעל: ייחוס — ממזר, ווייל זי שפּאַרט נאָך אָן אין דער גמרא. הייסט עס דאָך ביים אויסרעכענען דעם סדר פון פּריאָריטעט: „ישראל קודם לממזר, שזה מיוחס וזה אינו מיוחס" (הוריות י"ג ע"א), ווו מיוחס מיינט אויבנאויפיק איינעם, וואָס מען ווייסט זיין גענעאַלאָגיע; אָבער עס פּיקט זיך שוין אַרויס דער שפּע־טערדיקער באַטייט, וואָס האָט, כידוע, דורכגעמאַכט אַ היפּש ביסל גלגולים. גענוג אָנצוווייזן אויפן ווידעראַנאַנד אין דער מישנה, מאי משמע אַ ממזר (יבמות ד' י"ג), — צי מיינט עס אַ יעדן לייבלעכן קרוב, וואָס די תורה האָט אויף אים גוזר געווען: לא יבוא, צי אַ יעדן וואָס עס קומט אים מיתת בית דין; צי אַ יעדן וואָס די תורה איז אויף אים גוזר כרת, און אַזוי גילט טאַקע די הלכה; און זייט דעמאָלט האָט דער באַטייט פון ממזר דורכגעמאַכט אַ סעמאַנטישן פאַרבייט און מיינט בדרך כלל איינעם, וואָס איז געבוירן געוואָרן אָן חופּה וקידושין. אָבער האַרט נאָך דער מחלוקה

אין דער מישנה ווערט געבראַכט וועגן אַ מגילת יוחסין אין ירושלים, ווו עס איז געווען פאַרשריבן, אַז דער און דער איז אַ ממזר פון אַן אשת־איש. הייסט עס, אַז אין ייחוס־בריוו האָט מען פאַרשריבן אויך אַ ממזר, כאָטש דאָס גרונטיק נייטראַלע וואָרט מיוחס האָט זיך שוין פיקסירט אין באַטייט פון אַ כשרן, און מיט דער צייט פון אַ בכבודיקן אָפּשטאַם, אַזוי אַז ייחוס און מיוחס זענען געוואָרן, ווי זיי זענען עד־היום, דער טערמין פון אַ געהויבענער, אָדער פון אַ געהויבן געהאַלטענער, גענעאַלאָגיע.

אונדזער ווערטל, וואָס איז שוין אַ ווייטער שטאַפּל אין אַנטוויקל פון טערמין, שפּיגלט, ווי עס ווייזט אויס, אָפּ יענעם מעמד אין דער יידישער גאַס, ווען די אַראָפּ־געקומענע אַריסטאָקראַטיע און די אַרויפגעקומענע פּלוטאָקראַטיע האָבן צווישן זיך געטריבן אַ מין קאַץ־און מויז־שפּיל, און דאָס דאָזיקע שפּיל איז צוגעשפּיצט אין דעם באַזונדערן פאַל, ווו דער גביר איז אַ ממזר, און דער באַצי צו אים איז אַן אַמביוואַלענטער (בדומה צו אַ גוי וואָס ער איז טריף אָבער זיין גראָשן איז כשר); אַזוי, אַז אויף צו נעמען ביי אים געלט, איז ער שוין גענוג מיוחס, אָבער אויף צו געבן אים אַ זון אָדער אַ טאָכטער, איז ער נאָך צו פיל ממזר, און עס העלפט אַפילו נישט דער, איבעריקנס נישט גאַנץ קלאָרער, זאָג פון ר' יהושע בן לוי: כסף מטהר ממזרים (קידושין ע״א ע׳ א), בפרט אַז דאָס פאַלקסמויל האָט נאָך צוגעשטעלט אַן איראָנישן פּריטשינעק: און איז מטמא לייטישע יידן (אָדער: מענטשן).

אָבער אויב איראָניע, איז זי אַ סך שאַרפער אין דער געפעפערטער ווערסיע פון אונדזער ווערטל, וואָס איז אויך נאָך נישט פאַרשריבן געוואָרן: אויף דער קשיא פון אַ גביר, וואָס מוז גראָד נישט זיין קיין ממזר, אָבער ער איז סתם אַ פּראָסטאַק: צו מעות חיטין טויג איך, צו חיטין (= חיתון) אַליין טויג איך נישט, קומט די, ביז אכזריות חוזקדיקע תשובה: אין צווייען איז שטאַרקער, ווי דער פּסוק גייט: בשתים אתחתן.

ג

הייסט עס, אַז דאָס לעצטע פון אונדזערע צוויי ווערטלעך האָט זיך לסוף איינ־געקויפט, וואָס דאָס ערשטע פון זיי האָט שוין תחילת פאַרמאָגט, — אַ גראַם; אלא מאי, דאָ איז עס אַ געוויינטלעכער (קברות — צרות) און דאָרט אַמערשט אויך אַזוי (קוויטן — חיתון) און צו לעצט אַ שפּילערישער (חיטין — חיתון). עס פרעגט זיך אָבער, צי איז טאַקע דאָס ערשטע ווערטל געבוירן געוואָרן אַ געגראַמטס, סיי אין זיין סלאַווישער, סיי אין זיין יידישער פאָרעם. דאַרויף לאָזט זיך ענטפערן, אַז בערנ־שטיינס שפּעטערער נוסח איז פאַרשפּרייט אין גענוג ברייטע קאַנטן, ווי אַ שטייגער אין מיין געבוירנשטאָט, בראָד, און איר ווייטן פאַרנעם. איך נעם אַפילו אָן, אַז בערנשטיין האָט פאַרביטן דעם יידישן נוסח פון זיין ערשטן שותף, מרדכי ספּעקטאָר,

אויפן סלאַווישן נוסח פון זיין לעצטן שותף, בנימין זעגל, וואָס האָט דאָס ווערטל אַזוי געהערט אין זיין געבוירנשטאָט זבאַריזש און אין זיין לערן־שטאָט, בראָד. אמת, ער האָט מסתמא געהערט אַן אוקראַאינישע ווערסיע: ווידאַמאַ, בשעת בערנשטיין האָט אַ פּוילישע: ווידאָמו. נאָך מער, דאָס ווערטל איז אויך אַריין אין העברעיש — זע, אַ שטייגער, צבי הערש געלבערג: „בן מורה צדק, מגזע היחש — בין ונכד מוכיח / מגיד מישרים / לא יאבה תת נדה / אף קשיטה אחת / מוהר ומתן / אך היחש בקברים״ („המתאונן״, לבוב תר״מ, ז. 59), משמע: אַ זון פון אַ דיין, אַן אייניקל פון אַ בעל־דרשן, וויל נישט געבן אַפילו קיין פּרוטה נדן, אָבער דער ייחוס איז אין די קברים. פאַרשטייט זיך, אַז צוליב משכילישער אָפּגעהיטנקייט פון דער תנ״ך־מליצה שרייבט ער סיי יחש, סיי קברים, אָבער דאָס ווערטל, ווי ער האָט געהערט יידיש, אין זיין געבוירנשטאָט קאַמינקע (קאַמיאָנקע סטרומילאָוואַ) אָדער אין זיין וווינשטאָט לעמבערג האָט געהאַט ייחוס און קברות. מיר שטרייכן אונטער: קברות און נישט: בית קברות.* דען אין יענע קאַנטן איז דאָס ווערטל געגאַנגען בעיקר אין סלאַוויזירטן נוסח: ייחוס נאַ קברות, און אַזוי האָט עס טאַקע ר׳ יוסף פּערלס געטרייער תלמיד און יורש, הירש רייטמאַן, און אין ריין יידישן נוסח, ווי ער האָט עס געהערט אין זיין געבוירנשטאָט טאַרנאָפּאָל אָדער אין זיין וווינשטאָט בראָד: „אוי, צונד אַז מען ווייס נישט וואָס אָנצוהייבן, / אוי, צונד שוין קוממט מען דעם עולם צו גלייבען: / דער יחוס אויפן קברות, אין הויז דיא צרות / אין קאַסטן מעות, אויפן האַרץ אַ בלאָז״ („דער קיטטעל״, ווין 1863, ז׳ 16). און נישט בלויז אין טאַרנאָפּאָל און בראָד זענען מסתמא אָנגעגאַנגען ביידע נוסחאות, דער סלאַוויזירטער און דער יידישער, נאָר אויך אין ווייטערע קאַנטן האָט מען שטאָט אויפן בית הקברות געזאָגט: אויפן קברות. און מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט איין אילוסטראַציע — לעאָן פינקעלשטיין, אַ קעלצער, ברענגט אין זיין בוך איבער זיין בן עיר, פישל בימקאָ: „און איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרגעסן די אַלטע ייחוס־איינרעדענישן, וואָרן ייחוס נאַ בית הקברות״. („דאָרט און דאָ״, 1950, ז. 130) און ער ציטירט פון פישל בימקאָ גופא: „קנאַפּע ברואים די רבנישע טעכטער״, „יחוס נאַ בית הקברות״, „אוי, מורה מורנו״ („מויערן״), אָבער אויך: „טאַטע — — געדענק, כ׳וועל שרייען אויף די מאַמע, זי ליגט דאָ נישט ווייט אויפן קברות״. („דעמבעס״).

---

* און אוודאי נישט בית קברים, וואָס איז גאָרנישט שכיח, כאָטש מאיר קוטשינסקי ברענגט אין אַ פאָלקסלידל איבער זישע ברייטבאַרד (צוקונפט, 1947, ז׳ 93): „אויף בערלינער בית הקברים / איז אַ בערגעלע פאַראַנען / דער וואָס גייט פאַרביי דעם אָרעט / מוז זיין טרויער זיך דערמאָנען.״

מעגלעך, אַז דער טעות האָט זיך גענומען פונעם זאָג: גיין אויף קברים; זע, אַ שטייגער, דעם נאָמען פון משה נאַדירס אַרטיקל: „איך גיי מיר אַ ביסל אויף קברים״ (מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס בלוט, געקליבענע שריפטן, באַנד 3, ז. 218).

ד

און קבורות שטאָט בית קברות איז זייער לעגיטים — על כל פנים האָבן מיר עס אין עלטסטן נוסח פון אונדזער ווערטל, ביי ר׳ אלחנן קירכהאן אין זיין „שמחת הנפש״ (1707), וואָס אברהם טענדלאו טראַנסקריבירט עס אין זיין געזעמל „שפּריכ־ווערטער אונד רעדענסאַרטן אאוס דויטש־יידישער פאַרצייט״ (פראַנקפורט דמאין, 1860, נומער 931.Der: Jetzund baawoonoosenu harabbim sagt der aulom Jichus liegt *auf dem kworaus*, דערפון לערנען מיר ערשטנס אָפּ, אַז אונדזער ווערטל איז געווען שכיח אין מערב־יידיש, אַזוי אַז די סלאַוויזירטע ווערסיע איז ממילא אַ שפּעטערע, צווייטנס, אַז דער קירצערער נוסח איז, ווייזט אויס, דער פּרימאַרער, אַזוי אַז דער גראַם איז אַ תוספת, דריטנס, אַז נישט בית קברות, נאָר קבורות איז דער עיקר.

נאָך מער, מאַקס עריק, פאַרגלייכנדיק דאָס פּאָפּולערע טויטן־ליד פון ר׳ יעקב טעפּליץ און זיין וואַריאַציע, מעשה אלחנן קירכהאַן, ברענגט ביידע טעקסטן („די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור וכו׳״, ווילנע, 1924, ז׳ 305־306) און אַזוי אַרום קענען מיר זיך אָפּשטעלן אויפן חילוק צווישן ביידע אויך אין אונדזער ענין. דער ערשטער, ר׳ יעקב, גראַמט: „ווען מאַן דיך / טוט אויף דאָס בית חיים טראָגן / אַלע מתים קומען צו ווינען צו קלאָגן״. דער אַנדערער, ר׳ אלחנן, גראַמט: „וואָס העלפט דיר דיינע וואוילטאָגן / צום לעצטן טוט מאַן דיך אויף דעם קבורות טראָגן״.

ה

און באמת האָט קבורות אין באַטייט פון בית הקברות אַ נאָך היפּשערן ייחוס־עצמו. שוין אָפּגעשמועסט פון פּסוק „והוא לקבורות יובל ועל גדיש ישקוד״ (איוב כ״ד, ל״ב), אָדער פון דער גמרא: „נמצא אתה אומר / ג׳ קבורות הן״ (סנהדרין ע״ז, ע״ב), וועלן מיר פּרוון נאָכגיין אַ פאַרצווייגטערער מסורה. אַזוי ברענגט דער ספר חסידים (אויסגאַב ר׳ ראובן מרגליות), סימן רל״ז: „הרואה גוי בחלום או גויה שכבר מתו ואומר לו לבוא אחריו או אם יהודי בא לאדם אחד אז יש לו לילך על הקברות וישביענו שלא יבוא אחריו״. און אַזוי האָבן מיר עס אין מלכים־בוך (אויגסבורג, 1953, פאַקסימיליע־אויסגאַב ל. פוקס), סטראָפע 1187, ווו עס דערציילט זיך איבער דער אלמנה פון עובדיה הנביא:

„זיא לוף אויף דאש קברת אונ שריא מיט לויטרר שטים / בורכטר גוט בורכטר מיך ור נם״. און דאָ מוז באַמערקט ווערן, אַז דער מחבר האָט פאַר נייטיק געפונען דאָס וואָרט קברת צו פּינטלען, ווי ער טוט עס ביי נישט נאַרמאַטיוו געלייענטע לשון־קודש ווערטער. קברת — די קוף האָט אַ שוואָ, די בית אַ קמץ,

די ריש אַ פּתח, חוץ דעם האָבן די בית און די תו אויבן שטרעכעלעך, אַ סימן פון רפה. הייסט עס, אַז מען האָט עס אַרויסגערעדט בערך ווי: dos kworas. און אויב מאַכן אַ וויטן שפּאַציר אין פּייט אַריין — האָט דאָך שוין ר׳ שמואל אשכנזי אויפֿמערקיק געמאַכט (לשוננו לעם, אלול תש״כ) וועגן זאַג: מה לכהן בבית הקברות, וואָס זיין מקור איז אין מדרש (שמות רבה, ה׳, י״ד): מי ראה כהן בבית הקברות, אָבער ביי ר׳ יוסף ב״ר שמואל טוב־עלם אין זיין קרובה אויף שבת הגדול (ירדת להציל עמך) האָבן מיר: אויל מוכן לקברות / מה לכהן בקברות.

און מיר האָבן דאָך אין דער שמועס־שפּראַך אונדזער קברות אין פֿאַרשיידענע צוזאַמענשטעלן: ערשטנס, דער באַצייכן: אַ קברות־מאַן אָדער: דער קברות־ייד — זע, אַ שטייגער, א.מ. דיק: „איין קברות מאַן ווינט נור מיט דיא ערסטע אבלים אונ דער נאָך הערט ער אויף״. („רויזע פינקעל״, ווילנע, 1874, ז׳ 10), אָדער שמ״ר: „איך האָב אויסגעפיהרט — — אַ סך שידוכים, אונ הלוואי וויטער, זייא זיינען אַלע צופרידען אַסימן האָט איר אַז דעם קברות מאַנס ווייב טראָגט שוין אין אַגוטער שעה״. („אַשפּיצעל פון אַשדכן״, ווילנע, תר״ב, ז׳ 21, אָדער מיכה יוסף בערדיטשעווסקי: „און אינמיטען דער סעודה האָט מען ווידער דערהערט אַ געשריי, און אין אַ שעה אַרום איז שוין דאָ דער קברות־ייד״ (יודישע כתבים, ערשטער טייל, ז. 54). צווייטנס, אַ זאָג פֿונעם סאָרט: ער (אָדער: זי) שמעקט שוין נאָך [אָדער מיט] קברות־גרעזלעך משמע: ער (אָדער: זי) איז שוין אַזוי ווי אַ נפטר, ער (אָדער: זי) איז קרוב למיתה, וכדומה.*

ו

אָבער דאָ פֿאָדערט זיך צו באַמערקן, אַז אין גרויסע קאַנטן ווערט דאָס וואָרט קברות אַרויסגערעדט: kores אָדער kures; אַזוי, אַ שטייגער, האָב איך פֿון קינדוויז אויף געהערט בלויז: kures-grejzlach, der kures-jiid; ofn kures; און אונדזער ווערטל: jiches na kures; ערשט אַ סך שפּעטער האָב איך אויך געהערט דעם געגראַמטן צוגאָב: אַ וודאָמאַ צרות, אָדער אַ קאָפּ אויסגעברייטערט: אַ וודאָמאַ וועליקי (= גרויסע) צרות, און אַפֿילו צעקאַליעטשעט דעם גראַם: אַ צרות וודאָמאַ וועליקי וכדומה. די קשיא, ווי אַזוי קברות איז געוואָרן קאָרעס, קורעס — איז נישט אַזוי שווער צו דערקלערן, עס איז דאָ פֿירגעקומען דאָס זעלבע, וואָס מיר טרעפֿן ביי ווערטער, בעיקר פֿון לאַטייניש אָפּשטאַם, ווי אַ שטייגער quarta,

* און זע א.צ. גרינבערג: „אם יבוא איש קברות ולקחו ואם לא יבוא — / יהא כמונח קופא אפרקדן במימות צוננים / באין איש אתו לראותו ולספדו״ („מסכת המתכונות והדמות״). טייטש: אויב עס וועט קומען אַ קברות־מאַן און וועט אים נעמען, און אויב ער וועט נישט קומען, וועט ער ליגן פֿאַרשטאַרט, נאַזנדיק אין קילע וואַסערן, אָן אַ מענטש לעבן זיך אים צו זען און באַקלאָגן.

וואָס איז דאָ אין יידיש בצורת קוואָרט, סיי אין באַטייט פון אַ פערטל מאָס, סיי אין באַטייט פון אַזאַ כלי, אָבער אין אונדזערע קאַנטן האָט מען עס אַרויסגערעדט: קאָרט, אַזוי אַז מיר האָבן ניט געוווּסט פון אַ חילוק צווישן קוואָרט (אַ פערטל אָדער אַ כלי) און קאָרט (אַ שפּילקאָרט). אין רבים איז געווען אַ חילוק 1) צוויי קאָרט, 2) צוויי קאָרטן און מיר האָבן ביידע אַרויסגערעדט: kuat.* דאַקעגן האָבן מיר אָבער געמאַכט אַ בולטן חילוק צווישן קוואַרטירל און באַטייט פון אַ קליין שטיבל, ווו מען זיצט אויף קוואַרטיר, און צווישן קוואַרטירל אין באַטייט פון אַ מאָס משקה, דאָס ערשטע האָבן מיר אַרויסגערעדט kwartijrl, דאָס אַנדערע k'tijrl. דערפאַר האָבן מיר אָבער אָנגעוווירן אַזאַ שפּילעוודיקן גראַם, ווי עס ברענגט א.מ. דיק: „נאָך אַזעלכע ליגענס מיט וואָס דיא ליידיקע בערעדערייא פּוצט אויס יעדע קלענסטע זאַך הן צום גוטען אונ הן צום בייזען, דאָס עס ווערט אַוואָרט אַקוואָרט, אונ מאכט דיא וועלט פול, מיט איינעם קערענדעל פול" („די שיינע מינקע", ווילנע, תרמ"ז, ז. 15), אָדער מ. ריוועסמאַן: „די פּוסטע שרייבערלאַך — זיי מאַכען פון אַ וואָרט / אַ קוואָרט" („קרילאָווס משלים", פּעטערבורג, 1908, ז. 79). אַ שטיקל נחמה האָבן מיר אפשר געקענט האָבן אין דעם שפּילעוודיקן זאָג: עבירה גוררת עבירה — פון אַ קערטל צו אַ קערטל, וואָס האָט געמיינט, אַז אויב מען הייבט אָן מיט אַ קערטל (אַ פערטל מאָס משקה), פאַרענדיקט מען מיט אַ קערטל (שפּילקאָרטן).

אָדער פאַראַן אַ כוללדיקע דוגמה — aqua vita איז פּויליש געוואָרן okowita און יידיש אָקעוויט. זע, אַ שטייגער, אַן עלטערן באַנוץ — ר' דב בער בירקענטאַל פון באָלעכיוו וועגן וואָיסלאַוויטשער בלבול: „חתכו בשרם בסכינים וחתכו גפרית וגם יין שרף אָקאָוויט ושפכו על הפצעים שעשו והציתו זאת באש בוערת על בשרם"** (אברהם יעקב בראַווער: „גליציה ויהודיה", ירושלים, תשכ"ה, ז' 269). און זע אַ יינגערן באַנוץ — יצחק באַשעוויס איבער איינעם וואָס „האָט ליב געהאַט גוט צו עסן, געהאַט אַ קול נגינה, געקאָנט אויסטרינקען אַ האַלבע קוואָרט אָקעוויט" („אסתר קריינדל די צווייטע", די גאָלדענע קייט, העפט 48).

---

* אזא פאַרמיש האָט אויך דייטשיש, ווי עס ברענגט, אַ שטייגער, אָטאָ לודוויג (אין זיין „די הייטערעטהיי"): Gebt mir lieber ein Kärtchen Bier וואָס מיינט Kart = Quart = אַ האַלבן ליטער.

מעגלעך אַז קוואַרטנער, אַ שענקער־משפּחה, במשך דורות, אין אונדזער שטאָט און אין די דערפער אַרום, געהער אַריין אין בינטל משפּחה־נעמען ביי אונדז אין שטאָט, וואָס האָבן צו טאָן מיט משקה, ווי אַ שטייגער: ברייער און ברענער; בראַנדוויין און עניס, ראַזאַליאַ און ליקווער; אויך פאַרטער טאַקע שענקערס, שוין אָפּגעשמועסט פון קאַרטשמער און קרעטשמער וכדומה.

** און אפשר דאַרף מען דעם צחייטן וחתכו אויסבעסערן, אויף והתכו (= והתיכו), וואָלט עס געמיינט: און זיי האָבן געשניטן זייער פלייש מיט מעסערס און צעלאָזט שוועבל און בראָנפן און געגאָסן אויף די חונדן, וואָס זיי האָבן געמאַכט, און דאָס אָנגעצונדן מיט ברענענדיק פייער אויף זייער לייב.

ז

ווי ווייט קברות האָט זיך אין דער שמועס־שפּראַך פֿאַרוואָרצלט בצורת קאָרעס אָדער קורעס, לאָזט זיך אָפּלערנען דערפֿון, אַז מען האָט אַנגענומען, אַז עס איז גאָר אַן אַנדער לשון־קודש וואָרט: כרת, אַ טערמין פֿאַר אַ מיתה בידי שמים, וואָס איז חל אויף די וואָס די תורה איז אויף זיי גוזר: כרת תִּכָּרת. מיר האָבן עס אין פֿאָלקס־מויל — אַזוי באַשרייבט מוניע פּוקס אַ שטעטלשן טיפּ, וואָס מען פֿלעגט אים יינגלוויז פֿרעגן, ווען עס ער איז, האָט ער מיט אַ שווערער צונג געענטפֿערט: עד־לעפּ־יאָס־טוס, וואָס האָט געמיינט: „איך־לייב־יאָסל־קורעס״, און דער שרייבער פֿרעגט: ווער האָט דאָס אין שטעטל נישט געקאָנט יאָסל כרת „קורעס״. („ספר קאָסעווו״, תל־אביב, תשכ״ד, ז׳ 212). מיר האָבן עס אין דער ליטעראַטור — מאיר שטיקער שרייבט אין זיינס אַ ליד („קום מיט מיר קיין אוישוויץ״): „די קוימענס געניצן אין מידן דרימל / די ווענט, די סטעליעס און די דילן זיינען גרין פֿון שימל / אין דרויסן שפּריצט די זון מיט קאַלטן שאַרלאַך / אויף ביימלעך מיט פֿאַרדאַרטע כרת־באַרלעך״. (טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, 23 מאי 1965). דער דיכטער געדענקט מסתמא פֿון זיין געבוירנשטאָט קברות־באַרלעך, וואָס מען האָט אַרויסגערעדט: קורעס־באַרלעך, אָט די וואָס ג. שאַפּמאַן דערמאָנט זיי אין זיין נאָוועלע „עייפים״, משמע: די מידע (כל כתבי, תש״ך, ערשטער באַנד, ז׳ 154) — צוויי חברים שפּאַצירן דאָרט אויפֿן אַלטן לעמבערגער בית־עלמין, צום סוף פֿרעגן זיי אַן אַלטן ייִדן, צי די ביימער דאָרט טראָגן פּירות, ענטפֿערט ער: עפּל, באַרן, באַמערקט איינער פֿון זיי, אַז זיי דאַרפֿן צו זיין גאָר גוט, ענטפֿערט דער זקן, אַז ניין, קינדוויז האָט ער פֿון זיי געגעסן, עס פֿעלט זיי עפּעס, און ער האָט מיטן קאָפּ אַ מאַך געטאָן אויף ניין און צוגעגעבן: ניין, זיי האָבן נישט קיין טעם.

מעגלעך, אַז מאיר שטיקער האָט באַנוצט דאָס וואָרט טאָפּלטייטיק: קורעס — אַ בית הקברות, כרת — די פֿאַרשניטנקייט, אומקום, אוישוויץ־אַטמאָספֿער. אַנדערש אבא שטאָלצענבערג: „ס׳פֿליען פֿעדערן פֿון אויסגעפּליקטע יאָרן / ס׳קאַפּעט בלוט פֿון אויסגעקראַכטן מולטער, / אַ־וואָגן ביינער אויפֿן כרות איז פֿאַרפֿאָרן״ (לידער, 1941, ז׳ 103), און נאָך בולטער: „די מאַמע אויפֿן כרות ליגט, / דער טאַטע נעבן איר. / די כלה אירע קינדער וויגט, / ווער האָט געשיקט נאָך דיר״ („דאָרט, ז׳ 104) דאָ איז קלאָר דער גאַנג: קברות — קורעס — כרת.*

גאָר פּיקאַנט איז די דוגמה, ווי דער אויסלייג כרת איז אַריין אין אונדזער

* מעגלעך, אַז עס האָט זיך אַריינגעמישט דער זכר פֿון זינגען אַ וכרותל (וכרות עמו הברית) און ר׳ חיים ראובן ראַבינאָוויטש באַמערקט, אַז ער האָט געקאָנט איינעם מיטן משפּחה־נאָמען קאָרעס, וואָס שטאַמט טאַקע פֿון זינגען וכרות (טאָג מאָרגען זשורנאַל, „פֿון אייביקן קוואַל״, 11 דעצ. 1958).

ווערטל — יצחק יואל לינעצקי שרייבט: „פּאַסלושאַי איצקאָ, בעלי בתים אין שול, יחוס אויפן כרת, און צעך בלייבט צעך, פּאָנימאַיעש״ („די וויבאַרעס״, אין בוך: משולחת, ז׳יטאָמיר, תרל״ו, ז׳ 59).

ח

ווי מיר זעען, האָט מען קברות אַרויסגערעדט קורעס אויף אַ היפּשן שטח — אונדזערע דוגמות אַליין נעמען אַרום קאָסעוו (פּוקס), בויבעריק (שטיקער), גלינע — טאַרנע (שטאָלצענבערג), וויניצע (לינעצקי), און בלויז אַ שפּראַך־אַטלאַס וואָלט געקענט מאַרקירן די אויסשפּרייט־גרענעצן. פון דעסטוועגן פרעגט זיך, ווען איז קברות געוואָרן קורעס, און איך דערלויב מיר צו ענטפערן אויפן סמך פון מיין געבוירנשטאָט — דאָ איז קורעס פאַר בית־עולם געווען אַ כלל, כאָטש עס איז געווען אַ חילוק פון אַלטן און נייעם בית־עולם, מען האָט געזאָגט: 1) ער ליגט נאָך אויפן אַלטן קורעס, 2) ער ליגט שוין אויפן נייעם פעלד, אוןביידע האָבן געהאַט אַן ערנצטן קאָנקורענט: דאָס גוטע אָרט. אָבער גלייך אַקעגן דער אַלטער שול, וואָס מען האָט גערופן די נייע שול אין קווער צו דער נייער שול, וואָס מען האָט גערופן די אַלטע שול, איז געווען אַפּגעגרויזעט אַ שטיקל געמויזעכץ, פאַרוואַקסן מיט באָדיאַקעס, ווו לויט אַ מסורה, זאָלן זיין באַגראָבן חתן־כלה, וואָס זענען בשעת דער חופּה דערהרגעט געוואָרן. אַזאַ מסורה פאַרמאָגן, כידוע, אַנדערע שטעט אויך, און זע דעריבער קאַפּיטל: חתן־כלה־קברים, אין אברהם רעכטמאַנס בוך „יידישע עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר״ (בוענאָס איירעס, 1958, ז׳ 169־171), וואָס נעמט אַריין זכרונות וועגן דער עטנאָגראַפישער עקספּעדיציע, אָנגעפירט פון ש. אַנסקי, וואָס האָט אַזאַ חתן־כלה־קבר אין „דיבוק״, און טאַקע אַקעגן דער שול. אָט דאָס חתן־כלה־קבר ביי אונדז אין שטאָט האָט געהייסן: דאָס קליינע קערעסל אָדער: קווערעסל, און איך, אגב, דערמאָן מיך, אַז צווישן די היימישע עטימאָלאָגן אין שטאָט האָט מען געהאַלטן, דאָס אַדאָם מיצקעוויטש, שרייבנדיק אין זיין באַלאַדע („טוהאַי״ Strzeż się potem próżny kweres האָט געמיינט אַזאַ מין קווערעסל, מען האָט רעזאָנירט אַז עס איז אַ פראַנקיסטישע ירושה. איז עס נישט מער ווי אַ טעות, דאָס פּוילישע kweres גייט פון אַלט־לאַטיינישן queror און מיינט קלאָגן, פּונקט ווי skweres גייט פון קאַליע שפּעט־לאַטיינישן qua res, און מיינט אַ מהומה, און מעגלעך אַז דער דיכטער איז מכוון ביידע באַטייטן, אַזוי, אַז די שורה מיינט: היט דיך, שפּעטער זענען פּוסטע קינות אָדער פּוסטע יעלות. אָבער עס איז גאָר קיין טעות נישט, אַז קווערעסל איז אַ דימינוטיוו, וואָס האָט זיך געקאָנט אויספורעמען בלויז פון קוואָרעס־קווורעס (— קברות), מיט אַן איבערקלאַנג, וואָס מיר האָבן צו מאָל אין לשון־קודש ווערטער ווי, אַ שטייגער, קול (= קאָל) — קעלעכן וכדומה.



דוד לאַפּקאָווסקי — אַ ווילנער געסל

משה יונגמאַן

על נהרות

(„על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו", תהילים קל"ז)

1. לאָמיר צודריקן אונדזער פּנים צו די ווענט פון ירושלים.
קיין כותל מערבי ניטאָ,
וועלן היינט אַלע ווענט זיין אונדזער כותל מערבי.

שטיין נאָך שטיין לאָמיר אַרומהאַלדזן.
זאָלן זיי פילן אונדזער האַרץ וואָס קלאַפּט.
קיינער האָט אונדז ניט פאַרשטאַנען,
אפשר וועלן שטיינער אונדז היינט פאַרשטיין.

און אונדזערע פידלען לאָמיר אויפהענגען
איבער אונדזער אָפענער וווּנד.
אַלע גאַסן וויינען אין ירושלים,
און נאָך אַלץ ניט אָפּגעטריקנט אונדזער רעכטע האַנט.

*

2. עמעץ האָט געוואָרפן אַ שטיין,
נאָר ער איז צוריק געקומען —
צו קליין געווען דער שטיין.

עמעץ האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט —
איז עס מיד געוואָרן
אין מיטן וועג.

דאָס האַרץ פון ירושלים
איז געשטאַנען אָפן, ווי אַן איינפאַר־הויז,
אין וועלכן מ׳האָט געקאָנט הערן די שטיוול פון שונא.

און ניט קיין פייער איז אַרויסגעגאַנגען פון האַרץ,
ניט קיין שפּין האָט אויסגעשטאָכן די אויגן.

אין פקיעין

(פאַר צופיה און אליאב נהרין)

1. דורך שמאָלע ווינקלטרעפּ פירט מיך מײַן טראַט
אַראָפּ צו טונקעלער הייל פון שמעון בר־יוחאין.
דאָרט קאָן מען אויסטאָן זיך פון שטויב און שעהען,
זיך אויסשטרעקן, איבערשלאָפן שרעק און שפּאַט.

דאָרט קאָן מען ווידער איינזאַפּן אין זיך דעם סוד,
וואָס קרײַזלט בלאָ אַרויף פון סאַזשעדיקע דנאָען,
אַ קנייטל אָנצינדן אויף שטיין אויף גראָען,
און בײַ זײַן שײַן זיך אײַנהערן ווי יעדער טראָפּ,

וואָס קאַפּעט פון אַ ווײַטער וועלט אַראָפּ אין אויער,
ווערט עיגול טוי וואָס גליט, ווערט זון, ווערט זוהר.
שאָטנס עסן גאָלד פון דײַנע הענט.

און דאָרט ווו הימל צו דער הייל געגענט —
וועלבט זיך אַן אַלטער באָקסערבוים, אַ שומר.
...וועלן אַהין דיר ניט מער נאָכיאָגן די רוימער.

*

2. אין פקיעין וויקל איך צוריק צוויי טויזנט יאָר
און איך בלײַב שטיין בײַם אָנהייב פון די סליאַדן,
וואָס האָבן שפּעטער מיך דערפירט דורך זון און מבול
ביז צו מײַן יידיש וואָרט, ביז מײַנע גראָע האָר.

וואָכיקע סליאַדן. טונקעלער מאַרק און ציגעלע דזבין
אבא בתרי זוזי, געקויפט פאַר גראָשנדלעך אַ פּאָר.
אוראַלטער טאַטע — איך אַליין, אַליין אויף וואָרער וואָר —
אַרײַנגעקומען אויף אַ רגע אין זײַן עולם הבא.

און שמאָלע טרעפּן-געסלעך דרייען מיך צוריק
צום זשאַווערדיקן ברונעם אויפן דנאָ פון פּקיעין.
מײַן מאַמע ווינקט צו מיר דורך קופּער פון אַ שויב,

אַז דאָרט ווו כ׳שטיי און וויקל אויף דעם שטריק,
איז ניט קיין זונפאַרגאַנג — איז אייביקייט, איז קיום.
...און איך געמיינט אַ מאָל, אַז קיום בלויז אין שטויב.

✶

3. צו שמאָלע געסלעך, ווו מען רויכערט טיזיק,* ווו עס שטייט
דער נאָגנדיקער זמר פון אַ בעל-מנגן —
שטעל איך מײַן אויער צו און בין מרגל
די ברוינע פּנימער אַרום, די פרעמדע רייד.

און אפשר בין איך גאָר אַזאַ חוני-המעגל,
וואָס האָט אַרויסגעריסן זיך פון קרײַז און קייט,
און איצטער, אין אַ שעה ווען זון פאַרגייט,
געקומען צו זײַן היים פון פאַרן מבול?

און קיינער קען מיך ניט. פאַרשטומט, פאַרקלערט
דער שקיעהדיקער מאַרק אַרום, די קראָמען.
אַן אַלטער דרוז קוקט מיר אַרײַן אין פּנים,

און ס׳הוידעט זיך אויף אים, ווי שיכור, דער קאָלפּאַק:
ער קען מיך ניט. איך בין אַ פרעמדער רק.
און אויך פון חוני-המעגל האָט ער ניט געהערט.

✶

4. אין פּוסטער שול פון פּקיעין, ווו איך קום
אָנקניפּן אַ פאַרשטויבטן פאָדעם פון מײַן גורל,
זענען דאָ צוויי: אַ פּסולע ספר-תורה
און אַ באַלעמער, אויכעט אַ בעל-מום.

---

* ברען-מאַטעריאַל פון מיסט אין די אַראַבישע און דרוזישע דערפער.

איצט וועל איך זײַן דער דריטער. קוקן פרום
אין חלל אַפּענעם, ווו ס׳האָט געוווינט דער בורא,
הערן די שאָטנס אַרום מיר, וואָס פאַלן כורעים,
און וויסן אַז ס׳איז נאָר דער שאָטן פון

דער אַלטער היטערין מיט בינטל שליסל.
זי פינטלט מיט טראַכאָמע אויגן אונטער שאַל
וועגן אַ נס און וועגן טויזנט ניסים.

און מיט אַ מאָל האָט שקיעהדיקער שטראַל
מיט גאָלד באַגאָסן דעם באַלעמער פון פקיעין:
צו זען, ווי שאָטנס רופן זיך אַליין אויף צו עליה.

*

5. אויף טונקעלע שוועלן קלאַפּט מען בשמים אין די שטויסלען.
די גאָלדענע עטרות אויף די שויבן גייען אוים.
הייבן אָן שטערן פאַלן אינעם שוים,
און לאַנגע שאָטנס קנוילן אין זיך אײַן דעם דרויסן.

איז פקיעין ווײַן אין אונדזער בלוט. פון כוסות,
וואָס קיינער זעט ניט, וואָס מען פילט זיי בלויז,
טרינקט מען זי שטייענדיק און מען ווערט גרויס
און גרייט מיט אַלע שטיינער דאָ אין גאָס זיך גרויסן.

און מ׳ווערט יונג. צוויי טויזנט יאָר און מער
אַראָפּגעוואָרפן פון די פּלייצעס ווי אַ מאַנטל.
אין יעדן שטיין מ׳קאָן זיך ווידער דאָ באַהאַלטן

און וואָרצלען שלאָגן, ווידער ווערן שווער.
ליכט שפּראָצט ארוים שוין פון אַן אָפן טירל.
... — אדון! — שפּרינגט צו אַ קינד — קומט קויפט דאָ „סווועניר״.

צבי אייזנמאַן

דער אנאנס

א הי־געבוירענע, אַן אָנגענעמער אויסזען, פול מיט לעבנסלוסט, אַן איינגעאָרדנטע און גוט סיטואירטע, זוכט צו באַקענען זיך מיט אַ מאַן פון 45 ביז 50 יאָר מיט אַ פּילזייטיקן און פילאָזאָפישן קוק אויפן לעבן און מיט אַ חוש פאַר הומאָר.

זיך ווענדן: פּאָסט־קעסטל 152. חולון. פאַר נומער 1012.

וואָלף האָט ווידער איבערגעלייענט די מודעה אין דער צייטונג און געפּרוווט אַנאַליזירן דעם אַ ביסל מאָדנעם אַנאָנס, אויף וועלכן זיין אויג האָט זיך פאַרהאַלטן בעתן דורכקוקן די ערב־שבתדיקע אָונט־צייטונג. היינט איז שוין געווען מיטוואָך, ס'הייסט דער זעקסטער טאָג פון זינט ער האָט די מודעה באַמערקט און ער האָט נאָך די צייטונג ניט אַרויסגעוואָרפן. זיי האָבן אים געוויילט, אָט די „אַנאָנסלעך". ער האָט זיך צו זיי באַצויגן קריטיש און גלייכצייטיק מבטל געמאַכט. צווישן די שורות פון די מעלדונגען האָבן זיך אַנטפּלעקט מענטשלעכע פאַרלוירנקייט, שוואַכקייט און צו מאָל לעכערלעכקייט. על־פּי רוב האָט וואָלף רעאַגירט אויף דעם מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל. דאָס מאָל, ביים לייענען די מודעה, האָט עס וואָלפן אַ ברי געטאָן, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ פאַראינטערעסירטער צד און ניט קיין זייטיקער צוקוקער. אין דער אמתן איז עס טאַקע אַזוי געווען. וואָלף האָט ניט סתם געלייענט די רובריק פון שידוכים אין דער אָונט־צייטונג, ווי מען לייענט וועגן ספּאָרט, אָדער דאָס שאַך־ווינקל. ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ סך לעבנס־דערפאַרונג און עס איז ניט געלעגן אין זיין כאַראַקטער צו פּטרן צייט אויף נאַרישקייטן. וואָלף איז שוין געווען אין די יאָרן, ווען מען קוקט רעאַל אויפן לעבן, און אויב מען זוכט עפּעס, איז עס ניט סתם „פייגעלעך אין הימל", נאָר תכלית, און תכלית האָט ביי וואָלפן געהייסן — אויפשטעלן צוריק אַ משפּחה.

אַ פאַרשייטע, אַלטע מויד דאַרף זי זיין מיטן „אָנגענעמען אויסזען". ניט קיין גרושה און ניט קיין אלמנה, נאָר טאַקע אַן אַלטע מויד. ער קען שוין גוט די טעכניק פון אַזעלכע צייטונג־מעלדונגען. ער האָט זיי געלייענט און שטודירט אין די צענ־

דליקער. אַ גרושה איז איינגעהאַלטענער, איז פֿאַרזיכטיקער. זי האָט זיך אָפּגעבריט, ווער זי ניט קלאַפּן אויף טרעוואָגע. ווען זי באַשליסט אָנצוקומען צום שידוכים־ווינקל פֿון אַ צייטונג, טוט זי אײַנעם אַנאָנס ניט אויסרעכענען אירע קערפּערלעכע מעלות, ניט אירע אײַנגעבוירענע פֿעיִקייטן און ניט איר מאַטעריעלן צושטאַנד. ס׳רוב באַצייכנט זיך אַזאַ גרושה ווי אַ „באַשיידענע פֿרוי״ וואָס זוכט אַ „שטילן, סאָלידן מאַן״.

אַן אַלמנה, ווידער, אין די מערסטע פֿאַלן, שעמט זיך ניט אויסצוזאָגן, אַז זי איז אַן אַלמנה. טייל מאָל האַלט זי עס נאָך פֿאַר אַ וויכטיקן שטריך, וואָס קאָן איר צו נוץ קומען פֿאַרן מאַטרימאָניאַלן צוועק. און אויב אַזאַ פֿרוי איז נאָך ניט אַריבער די 50, פֿאַרגעסט זי ניט צוצוגעבן אין דער מודעה, אַז זי איז אַ „יונגע אלמנה״. אירס אַן אַנאָנס איז שפּאַרעוודיק מיט ווערטער און טרייבט ניט איבער מיט פֿאָדערונגען צום אַנדערן צד.

עס טרעפֿט אויך, אַז יונגע מיידלעך העלפֿן זיך אַרויס מיט דער רובריק פֿאַר שידוכים. אַן אַנאָנס פֿון אַזאַ יונג מיידל איז גיכער אַ טעלעגראַם: קאַרג, טרוקן און זאַכלעך, אַז עס ווערט אַזש אומהיימלעך. ווען זי קאָן, וואָלט זי אויך פֿון דעם ווינציקן אויסגעמעקט, ווייל עס דוכט זיך איר, אַז יעדעס וואָרט דעמאַסקירט און זי וויל וואָס מער דיסקרעציע, וואָס מער קאָנספּיראַציע. צו אַזאַ יונג נפש קאָן מען דירעקט ניט שרייבן, אַפֿילו ווען זי איז פֿאַרשלייערט אונטער הונדערט פּסעוודאָ־נימען. אין איר מודעה גיט זי אָן דעם אַדרעס פֿון דער צייטונגס־רעדאַקציע און ערשט די רעדאַקציע שרייבט צו איר אויף פּאָסט־רעסטאַנט... דאַקעגן, אַן אַלט מיידל... יאָ, ער איז זיכער, אַז אין דעם פֿאַל, פֿון דער, מיטן „אָנגענעמען אויסזען״, האָט ער צו טאָן מיט אַ פֿאַרזעסענע. זע נאָר וואָס זי פֿאָדערט אַלץ פֿון דעם בידנעם מאַן: אי פֿילאָזאָפֿיע, אי הומאָר...

וועלכן סאָרט פֿילאָזאָפֿיע אינטערעסירט דיך, בתולה מיינע?! זאָגסט דאָך אַליין, אַז ביסט גוט איינגעאָרדנט און פֿאַרמאָגסט אַ קניפּל. זאָגסט עס ניט שטיל, נאָר קלאַפּסט אין טאַצן, אַז אַפֿילו טויבע זאָלן דערהערן. ווייס איך דאָך שוין, אַז דיין פֿילאָזאָפֿיע איז געווען, צו מאַכן געלט. איי די יאָרן זענען ניט געשטאַנען און ביסט געבליבן אַליין, איז עס דיין זאַך. געלט אָבער האָסטו, כאָטש דער חשבון שטימט עפּעס ניט...

ס׳קאָן זיין, אַז מיינסט גאָר עפּעס אַנדערש, ווען דו רעדסט וועגן אַ „פֿילזייטיקן און פֿילאָזאָפֿישן קוק אויפֿן לעבן״. ס׳איז ניט פֿאַר מיינע שטומפּיקע ציין, צו צעקייען אַזאַ פּסוק. נאָר לאָמיר זאָגן, אַז כ׳פֿאַרשטיי יאָ דעם טייטש דערפֿון, איז ווילסטו מיר איינרעדן, אַז עס וועט זיך אָפּזוכן אַ מאַן, וואָס וועט פֿאַרמאָגן דאָס אַלץ וואָס איז פֿאַרשריבן אין דיין „רעצעפּט״? און אויב ער וועט זיין אַ גוטער פֿאַרדינער, האָבן

אַן אײדעלן כאַראַקטער און עס װעט אים פעלן די „פּילזײטיקײט״ און דאָס „פּילאָזאָ־פישע קוקעכץ״, װעט ער זײן פּסול צו װערן דײן לעבנס־באַגלײטער ? ס׳איז שװער זיך מיט דיר צונױפצורעדן.

אָט נעם מיך, צום בײשפּיל. װען כ׳זאָל טראַכטן מיט דײנע קאַטעגאָריעס, קאָן איך דיר זאָגן פּראָסט און פּשוט, אַז מײן פילאָזאָפיע איז געװען אָפּראַטעװען דאָס לעבן. דאָס הױלע, נאַקעטע לעבן מײנס, און פון װײב און קינדער, װען מען האָט יידן פאַרשפּאַרט אין עטלעכע ענגע געסלעך פון דער שטאָט און שפּעטער, װען מען האָט יידן פאַרפּאַקט אין די װאַגאָנעס און געשיקט צום טײװל. אויך מײן חשבון איז געמאַכט געװאָרן אַן דעם באַלעבאָס. אַלע זענען אומגעקומען און דװקא איך בין פאַרבליבן... װילסט עס מסתם ניט הערן. ס׳איז צו אומעטיק פאַר דיר, דו, װי רופט מען דיך דאָרט ? דו פאָסט־קעסטל 152 ! ביסט דאָך אַ הי־געבױרענע, אַ סאַברע הייסט עס. און איך בין אַ פּױלישער ייד, אַ גלות־ייד. און גלות־יידן, ספּעציעל די, װעלכע זענען געקומען פון „דאָרטן״, נאָך דער צװײטער װעלט־מלחמה, דערציילן אַ סך, אַ סך טרױעריקע געשיכטעס, און אױב זײ װיצלען זיך שױן, זענען זײערע אױגן ניט קײן שותפים צו דעם װאָס דאָס מױל רעדט.

ס׳איז מיר דערװידער דײן באַרימען זיך מיטן „לעבנסלוסט״. װעלכעס באַשע־פעניש האָט דאָס ניט קײן לעבנסלוסט ? װעגן דעם ענין האָב איך אױך זײער פיל צו דערציילן. איז װידער דאָס זעלבע, װעסט מיר גלײך פאַרװאַרפן, אַז װעגן װאָס מען זאָל ניט רעדן, קום איך צוריק צום אַלטן. ביסט אפשר גערעכט. מען דאַרף ניט און מען טאָר ניט אַזױ פיל געדענקען. כ׳קאָן זיך אָבער ניט העלפן. אין יענע פינצטערע יאָרן איז דער אמת װעגן לעבן און שטאַרבן געזען געװאָרן װי דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז, און דער אימפּעט צום לעבן — — — נו, גענוג מיט דעם. קאָנסט מיך נאָך אױף אַן אמת חושד זײן, אַז כ׳בין אַ ייד· אַ פילאָזאָף...

זאָגסט „פול מיט לעבנסלוסט״, זאָל זײן אַזױ, כאָטש הרגע מיך, כ׳זאָל פאַרשטײן דעם זין פון דער חכמה. נאָר װוּ שטײט געשריבן, אַז בלױז מיט קלוגשאַפט דער־גרײכט מען דעם ציל ?

איז װוּ האַלטן מיר אין דער װעלט ? יאָ, בײ אַ „חוש פאַר הומאָר״. װײסט, מײן טײערע, טראָץ דעם גאַנצן גערײד, זעץ איך זיך באַלד אַװעק און שרײב דיר אַן אַ קאַרטל אױף צו באַשטימען די צײט פון באַגעגענען זיך. האָב איך אַ חוש פאַר הומאָר, צי ניט ? !

מלכה לאָקער

די הרי יהודה
זאגן עדות...

די זון איז איינגעדעקט
און דער מדבר, וואָס פירט צום באַרג סיני
באַפּרוכפּערט מיין מוח מיט באַגריף און געזעץ,
מיין דמיון מיט ממשות פון עבר און לעגענדע,
דער וואָלקן, וואָס פאַרהילט דעם סוד איבערן דאָרנבוש,
באַטויט מיט רעגן די האַרבע הייכן...

די זון איז איינגעדעקט.
אומצייליקע שיכטן פון בלײַ הענגען איבער דער ערד
אין פּײַכטיק רויער געלאַדנקייט,
טאָג־אײַן, טאָג־אויס, און פרעסן.
איבער בערג, איבער טאָלן.
היישעריקן לײַטזעליקן די ערד מיט זייער תאווה,
מענטשן בלאָנקען ווי פאַרגעסענע,
פאַרגעסן אין אַ חלל.

די וועלט שטייט אונטערן צייכן פון פאַרגעסן...
פאַרגעסן דער טייטש פונעם וואָרט,
פאַרגעסן די תורה מסיני,
פאַרגעסן דער גילגול פון וואָרט און זײַנע שרשים,

די שטערן קומען נענטער,
בלײַען פאַרהענגען זייערע ווײַטע קאָנטורן...

דערוויילע פאַרלעשן פאַמעלעך זיך שפּורן
פון צלם אלהים אין דער מענטשלעכער צורה.

די שטערן אַפילו, וואָס בלאָנקען אין קאָסמאָס,
קענען זיי דערפילן די פּאַרציַיטיקע שליחות,
צו באַהיטן דעם מענטשן אינעם מענטשן?

וואָס נענטער, אַלץ נענטער דערגאַנגען,
אַלץ ענגער דער תחום, אַלץ האַרטער דער אות פונעם קאָסמאָס,
וואָס וואַרט נאָך אויף טייטשונג...

יחיאל האָפער

א פענצטער

(דערציילונג)

זינט זי איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר האָט זי געדינט ביי פרעמדע, געוועזן אויף פאַרשידענע שטעלעס. געשלאָפן איז זי שטענדיק, אויף וואָס פאַר אַ שטעלע דאָס זאָל נישט זיין, אין אַן אַלקערל, וועלכעס מען האָט גערופן „סלוזשבאָווע״, אַן אָרט צו שלאָפן פאַר דינסטן.

אַזאַ אַלקערל איז באַשטאַנען פון דריי ווענט און אַ פענצטער. נאָר אַ שמאָל אייזן בעטל האָט זיך דאָרט געקאָנט פאַמיעשטשען. מער גאָרנישט. די פערטע זייט פון אַלקערל איז געווען אַן אָפענע. טייל מאָל איז זי אַריינגעגאַנגען אין דער קיך, און טייל מאָל אין אַ שמאָל קאָרידאָרל, ווו אין דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט האָבן זיך געפונען טירן, וואָס האָבן געפירט צו דער קיך און צו די באַקוועמ־לעכקייטן.

ווען זי האָט זיך, אַ צוועלף־יאָריק מיידל, דאָס ערשטע מאָל געלייגט שלאָפן אויף אַ פרעמד געלעגער, האָט זי געוויינט. כאָטש ס׳איז דעמאָלט געווען ערשט אָנהייב האַרבסט, באַלד נאָכן זמן, נאָך סוכות, איז איר געווען קאַלט אונטער דער דינער וואַטענער קאָלדרע. ס׳האָבן איר געשטאָכן אין פנים די נישט־געשליסענע פעדערן פון דעם האַרטן קישן אונטערן קאָפּ.

ביי זיך אין דער היים, ביי אירע עלטערן אין קליינעם שטעטל, איז זי געשלאָפן אין דער איינציקער גרויסער שטוב, אין וועלכער זיי האָבן געוווינט פון שטענדיק אָן, זינט זי האָט געדענקט. אין אַ ווינקל פון דער שטוב איז געשטאַנען אַ גרויסע קוך פון ציגל, באַשמירט מיט ליים און באַווייסט מיט קאַלעך. ס׳איז געשטאַנען אַ טיש מיט שטולן, אַ ברוינע שאַנק און דריי בעטן.

אין דער היים איז איר קיין מאָל נישט געווען קאַלט ביינאַכט. אַפילו נישט אום ווינטער, ווען אין דרויסן איז געשטאַנען אַ פראָסט. זי איז געווען די עלטסטע אין שטוב און איז געשלאָפן אין בעט, אַרומגערינגלט, ווי אַ מאַמע, מיט די יינגערע קינדער, מיט שוועסטערלעך און ברידערלעך. זיי האָבן זיך געטוליעט צו איר דאַרן, מיידלשן גוף; ווער ס׳האָט אַוועקגעלייגט זיין קעפל צווישן אירע אָרעמס, ווער ס׳האָט אַרומגענומען מיט די הענטלעך אירע שמאָלע פּלייצעס, ווער ס׳איז געלעגן

אַראָפּגערוקט ביי איר פּלאַטשיקן קינדישן בויך. אַפילו ווען אַ קינד האָט אַ מאָל באַנעצט דאָס בעט, האָט עס זי אויך נישט אויפגעוועקט פון זיסן שלאָף, פול מיט וואַרעמען, קינדישן אָטעם.

ס׳איז ביי זיי שטענדיק געווען אַ זייגקינד, און קיין מאָל איז אין דער שטוב ביינאַכט נישט געווען אין גאַנצן פינצטער. ערגעץ אין אַ ווינקל האָט געברענט אַ קליין נאַפט־לעמפּעלע, אַ קאַגאַנעקל, און אויב ס׳האָט נישט באַלויכטן די שטוב, האָט עס אָבער שיטערער געמאַכט די פינצטערניש.

די שטוב זייערע האָט געהאַט צוויי פענצטערס, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. ווען מען פלעגט עפענען אין דער פרי די לאָדנס, האָט אַריינגעשיינט די זון, טייל מאָל האָט מען געזען גיין אַ רעגן, ווינטער האָט מען געזען ווי ס׳פאַלט אַ שניי, אַ מענטש איז אַדורכגעגאַנגען, אַ מאָל איז אַ פור אַדורכגעפאָרן, קינדער זענען געגאַנגען אין דער שולע, וועלכע האָט זיך געפונען אויף דער גרענעץ פון שטעטל, נישט ווייט פון דעם אָרט, וווּ זיי האָבן געוווינט.

נאָך אַליין אַ קינד, פלעגט זי זיך שוין פאַרנעמען מיט די ייִנגערע, גאָר קליינ־טשיקע קינדער, וואָס זענען ביי זיי געווען. זי פלעגט זיי אַרויפזעצן אויפן פענצטער, פאַרשפּילן מיט אַ קלייניקייט — און אַליין קוקן אין גאַס אַרויס, טאָמער טוט זיך דאָרט עפּעס.

ווען זי האָט אָנגעהויבן גיין אין שולע, פלעגט זי אין דער פרי שטיין ביים פענצטער און אָפּוואַרטן אירע חברטעס פון איר קלאַס. אימיצער פון זיי פלעגט אַ קלאַפּ טאָן אין שויב. די מיידלעך האָבן אויף איר געוואַרט ביז זי איז אַרויסגעקומען, און זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען דאָס קליינע שטיקל וועג ביז צו דער שולע.

*

אויף איר ערשטער שטעלע אין וואַרשע, וווּ זי איז געשלאָפן דאָס ערשטע מאָל אויף אַ פרעמד געלעגער אין אַ קליין אַלקערל, האָט זי אין מיטן דער נאַכט אויפגעוועקט אַ געפיל פון קעלט. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און נאָך איידער זי האָט אויפגעעפנט די אויגן האָט זי דערפילט, אַז זי שלאָפט אַליין. ס׳איז איר געווען אומהיימלעך און דערדריקנדיק פון דער אַליינקייט, צו וועלכער זי איז נישט געווען געוווינט. זי האָט זיך געפילט פאַרלוירן, ווי זי וואָלט געווען איינע אַליין אין דער פרעמדער דירה.

זי האָט געעפנט די אויגן. אַ געדיכטע פינצטערניש האָט אויף איר אַ שפּאַר געטאָן. זי האָט זיך נישט דערטראַכט, אַז אין פינצטערן אַלקערל דרינגט נישט אַריין פון ערגעץ קיין אָפּשיין פון ליכט, נאָר איר האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז זי זעט נישט, אַז זי איז מיט אַ מאָל בלינד געוואָרן.

פון שרעק, אַז דאָס האָט געקאָנט מיט איר געשען, האָט זי גיך פאַרקוועטשט די אויגן און מיט קינדישער פאַרטראַגנקייט צוריק אַריין אין שלאָף.

זי איז געשלאָפן האַרט און טיף. אויפגעוועקט האָט זי זיך ערשט דעמאָלט, ווען די באַלעבאָסטע איז געשטאַנען איבער איר און מיט איר געשאָקלט, ווי מען טוט דאָס מיט אַ קינד, ווען ס׳פאַרקייכט זיך.

זי האָט געעפנט די אויגן אַ צעטומלטע און אַראָפּגעלאָזט די באַרוועסע פיס אויפן דיל. די באַלעבאָסטע איז אַריינגעגאַנגען אין עסצימער און געלאָזט אָפן די טיר פון פּאָדער־צימער, וווּ אין דער זייט האָט זיך געפונען דאָס אַלקערל, די „סלוזשבאָווע״. זי האָט געהערט ווי די באַלעבאָסטע זאָגט צו אימיצן מיט אַ טענה:

— אַ געהערטע זאַך, אַז אַ דינסטמיידל זאָל מען דאַרפן אין דער פרי וועקן פון שלוף!

דאָס וואָרט „דינסטמיידל״ האָט זיך געלייגט אויף איר געמיט מיט אַ טיפן אומעט. אַ גאַנצן טאָג איז זי אַרומגעגאַנגען אַ פאַרוויינטיקטע, אַ צעטומלטע. ביינאַכט, נאָך דעם נאַכטמאָל, ווען זי האָט געוואַשן דאָס געפעס, האָט זי צעבראָכן אַ גלאָז מיט אַ טעצל.

די באַלעבאָסטע האָט אויף איר אָנגעשריגן: — אַז מען טיט עפּעס, דאַרף מען עס טין מיט קאָפּ און נישט הובן אין זין עפּעס אַנדערש! אָבער נאָך אַ מינוט קוקן אויף איר מיט אַ בייזן בליק, האָט די באַלעבאָסטע זיך ווידער אָנגערופן: — מען דאַרף הובן אַ טוטעריש האַרץ, צי שיקן אַזאַ קינד אין דער פרעמד דינען.

טרערן האָבן זיך פאַרדרייט אין דעם מיידלס אויגן. ס׳האָט זיך איר געוואָלט וויינען. אָבער זי האָט זיך באַהערשט און געענטפערט שאַרף, כמעט האַרטנעקיק:

— קיינער האָט מיך נישט געשיקט. מאַן טאַטעשי און מאַן מאַמעשי האָבן מעך נישט געוואָלט אַוועקלאָזן. זיי האָבן געוואָלט כ׳זאָל נאָך גיין אין שקאָלע. אָבער יעך, יעך אַליין האָב געוואָלט פאַרדינען, אַז אינדזערע קידער זאָל גורנישט פעלן.

די באַלעבאָסטע האָט געשוויגן.

מיט דער צייט האָט זיך דאָס מיידל צוגעוווינט אויפצוכאַפּן גאַנץ פרי. אינ־סטינקטיוו פלעגט זי זיך אינעם אַלקערל, אין דער פינצטער, אויפוועקן צו דער מינוט, ווען זי האָט באַדאַרפן אויפשטיין. דער באַלעבאָס האָט זיך שוין אַרומגע־דרייט שטיל אויף די שפּיץ פינגער און זיך אַליין צוגעגרייט פרישטיק. זי פלעגט אַרויסנעמען די קינדער פון די בעטלעך, מאַכן זיי עסן, אָנקאָרמען און זיך מיט זיי שפּילן, זיי זאָלן פאַרהאַלטן זיך רויִק און לאָזן דער מוטער שלאָפן.

אויף דער שטעלע איז זי געבליבן גענוג לאַנג. ס׳איז איר דאָרט נישט געווען שווער. זי האָט זיך באַדאַרפן פאַרנעמען מיט די דריי קליינע קינדער, אויסקערן, אָפּוואַשן דאָס געפעס, מאַכן אַ קליינע וועש, אַ פּזשעפּיערקע.

די באַלעבאַטים האָבן פאַרנומען אין אַ ניי הויז אויף נאָוואָליפּיע אַ באַשיידענע

דירה פון דריי קליינע צימערן מיט אַ קיך. די גרעסערע אַרבעטן אין שטוב האָט געמאַכט די באַלעבאָסטע אַליין און דאָס מיידל האָט איר נאָר צוגעהאָלפן.

דער באַלעבאָס, אַ זייער שטילער מענטש, האָט געהאַט אַ פאַבריקל, געאַרבעט שווער. פלעגט אַוועקגיין פון דער שטוב גאַנץ פרי און אַהיימקומען שפּעט ביינאַכט. מיטאָג פלעגט אים דאָס ווייב אַליין טראָגן אין דער פאַבריק אַריין.

די דירה איז געווען אויפן צווייטן שטאָק. אַלע פענצטער, די פון די שטובן און דאָס פון דער קיך, זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף אַרויס.

דאָס מיידל האָט זייער ליב געהאַט אַרויסצוקוקן דורך די פענצטערס. נישט איין מאָל, בעתן אויסקערן די שטוב, האָט זי די באַלעבאָסטע געכאַפּט שטיין מיט דער קער־באַרשט אין דער האַנט אַ פאַרקוקטע דורכן פענצטער אין דרויסן אַרויס. די באַלעבאָסטע פלעגט איר דעמאָלט גוטמוטיק אַ צי טאָן ביים שוואַרצן צאָפּ. דאָס מיידל האָט יעדעס מאָל אַ צאַפּל געטאָן, ווי מען וואָלט זי אויפגעוועקט פון אַ לייכטן דרעמל.

זי האָט געקענט אַלע פענצטערס פון הויף, אַלע, וועלכע זי האָט נאָר געקאָנט אַרומנעמען מיטן בליק. האָט באַמערקט יעדע ענדערונג, וואָס איז דאָרט פאָרגע־קומען, צי ווען מען האָט געטוישט דאָרט אַ פאָרהאַנג, צי ווען מען האָט אַרויס־געשטעלט אַ נייעם בלומען־טאָפּ.

איר גאַנץ אינערלעך לעבן האָט זיך געוויקלט אַרום די פענצטערס פון די שכנים. אַלע אירע חלומות, בענקשאַפטן האָט זי אויסגעלעבט אין טראַכטענישן וועגן דעם, וואָס קומט פאָר הינטער די פענצטער, פאַרהאָנגענע מיט פאָר־האַנגען.

מען האָט שוין דעמאָלט די נייע הייזער געבויט פּשוט. מען איז שוין געווען אַוועק פון באַראָק, פון די באַפּוצונגען און שטוקאַטעריעס. אינעווייניק זענען די שטובן אויך געווען איינפאַכע: ווייסע ווענט מיט גלאַטע סופיטן. די טירן פלאַטשיקע, מיט אַ מאַטער שויב אין מיטן. די קליאַמקעס — פּשוטע, פון ניקל.

אויף די פענצטערס האָבן שוין נישט געהאָנגען קיין דראַפּירטע פאָרהאַנגען, נאָר אַ שטאָרע מיט אַ לאַמברעקין. די דאָזיקע פאָרהאַנגען האָבן פאַרשטעלט די גאַנצע ברייט פון פענצטער. מיט אַ ספּעציעלן מעכאַניזם פון דינע מעטאַלענע רעדעלעך און שטריקלעך האָט מען זיי געקאָנט פאַרציען פון רעכטס אויף לינקס און פאַרקערט, פון לינקס אויף רעכטס.

די דראַפּירטע פאָרהאַנגען פלעגן זיין פאַרנומען ביי די זייטן. אַ דרייעקיק שטיק פענצטער איז געבליבן נישט פאַרשטעלט און דערלויבט אַ מאָל כאַפּן אַ נייגעריקן בליק, וואָס טוט זיך ביים שכן.

אָבער די שטאָרעס, וועלכע האָבן פאַרנומען די גאַנצע ברייט פונעם פענצטער,

האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין פּיצל אָרט אַ בליק אַריין צו טאָן אין יענעמס אַ שטוב.

איין מאָל האָט זיך די באַלעבאָסטע אויפגעהויבן אין דער פרי, און אַריינקו־מענדיק אין עסצימער האָט זי דערזען, ווי די קליינע קינדער זיצן אויפן פענצטער און דאָס דינסטמיידל שטייט לעבן זיי און קוקט אַרויס אויפן הויף.

אַ דערציטערטע, מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם, איז זי, אַן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, צו צום פענצטער, אַראָפּגענומען די קינדער, אַוועקגעזעצט זיי אויפן דיל און ערשט דעמאָלט, ווען זי איז אַ ביסל געקומען צו זיך, אָנגעשריגן אויפן מיידל:

— נאַר איינער, ווּוס מיינסטו, ס'איז די פּראָווינץ? די ווייסט נישט, אַז דוס איז דער צווייטער שטאָק אין הינטן איז אַ ברוקירטער הויף? כ'וויל עס נישט ברענגען איבערן מאָל, די שעה זאָל נישט באַשעהן, באַהיט אין באַשערמט זאָל מען ווערן, אַ קינד קאָן דאָך מיטן קעפּל אָסזעצן אַ שאָב אין ס'קאָן חלילה זאַן דוס גרעסטע אימגליק!

זייט דעמאָלט פלעגט זיך דאָס מיידל שפּילן מיט די קינדער אויפן דיל, און נאָר פון צייט צו צייט צולויפן צום פענצטער אַ בליק אַרויס טאָן, צי ס'גייט נישט אימיצער אויף די אַנטקעגנאיבערדיקע שטיגן, וואָס טוט זיך אויפן הויף, געקוקט אין די שכנותדיקע פענצטערס.

ס'פלעגט צו איר אָפט קומען קיין וואַרשע דער טאַטע אָדער די מאַמע און מיטברענגען מיט זיך אַ ברודערל, צי אַ שוועסטערל. זי האָט געגנוג אָפט געזען אירע נאָענטע. ווען זי פלעגט זיך שפּילן מיט די באַלעבאַטימס קינדער, האָט זי זיך דעמאָלט אַזוי פאַרגעסן, זי האָט זיך אַזוי אַריינגעטאָן אין שפּיל, אַז איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס שפּילט זי זיך מיט אירע אייגענע ברידערלעך און שוועס־טערלעך.

אויב זי האָט געבענקט אַהיים, איז עס, דער עיקר, געווען צו די צוויי גרויסע פענצטערס, וועלכע זענען געווען ביי זיי אין שטוב, און דורך וועלכע זי האָט געקאָנט קוקן וויפל איר האַרץ האָט געגלוסט. זי האָט געזען דורכטרייבן קי צום פעלד, דורכגיין אַ מענטש, קינדער גיין אין דער שולע, געזען אַ וועלט פאַר די אויגן...

✶

דאָ, אויף דער ערשטער שטעלע, אין דעם פינצטערן אַלקערל, איז זי רייף געוואָרן, באַקומען די צייט.

איין מאָל, אין אַ זומערדיקן פאַרטאָג, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געפיל, אַז עפּעס איז מיט איר געשען. ס'איז נישט געווען קיין שרעק, נאָר זי איז ווי פון עפּעס אַלאַרמירט געוואָרן. גיך איז זי אַראָפּ פון געלעגער, געעפנט שטיל און פאַ־

מעלעך די טיר אין עסצימער אַריין, פון וואַנען ס'איז אַריינגעפאַלן אין דעם אַלקעריל אַ ביסל ליכט — און מיט נייגער באַקוקט דאָס בעט, ווו זי איז געשלאָפן.

ס'איז לעבן איר נישט געווען קיינער, וואָס זאָל זי באַרויִקן, נישט געווען קיינער, וואָס זאָל איר אויפקלערן, פאַר וואָס ס'איז אַזוי געשען. נאָר די אַליינקייט האָט געוועקט איר אינסטינקט, און אין איין רגע איז איר אַלץ קלאָר געוואָרן.

מיט דער געשיקטקייט און פלינקייט פון אַ חיה, וואָס טוט זיך אוווּ:ען אייגע אַליין ביים געבורט, אַזוי גיך און געשיקט האָט זי זיך אוווּ:עט אַרום זיך אין דער שטיל, אַלץ געבראַכט אין אָרדענונג, אַז קיינער זאָל נישט וויסן, וואָס איז אין דער נאַכט מיט איר געשען.

זי האָט צוריק פאַרמאַכט די טיר פון עסצימער, אַריין אין בעט — און געבליבן ליגן מיט אָפענע אויגן, פאַרקוקט אין דער פינצטערקייט. די פינצטערניש האָט דאָס מאָל נישט געדריקט אויף איר געמיט, זי נישט געשראָקן. פאַרקערט, געווען איר ווי אַן אַנטרינונג, זי האָט זיך אין איר איינגעהילט, זיך אָפּגעטיילט פונעם אַרום — און אַ וויסן, אַן אַנטדעקונג פון לעבן האָט זי אָנגעפילט מיט אומרו און נישט קלאָרער פרייד.

דאָס מיידל איז שיין געוואַקסן. געגאַנגען אויף אַ פּאָר הויכע, נאָר נאָך דאַרע, ווי ייִנגלשע, פיס. דער פלאַטשיקער ברוסטקאַסטן האָט זיך פאַמעלעך צעשפּראָצט. זי האָט אָנגעהויבן פילן דעם אָנוווּקס פון לייב. געהאַט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, פאַר־פלאָכטן אין אַ צאָפּ. טיפע, שוואַרצע אויגן מיט לאַנגע ווי:עס, ברעמען הויכע, האַלב־רונדיקע און אַ העל איידל פּנים, וואָס איז געווען אין קאָנטראַסט צו אירע שוואַרצע האָר און אויגן.

אויף דער ערשטער שטעלע איז זי געווען דריי יאָר. דאָרט איז זי פון אַ קינד געוואָרן אַ דערוואַקסענע. בחורים האָבן איר נאָכגעקוקט מיט הייסע, פאַרבענקטע בליקן, ווען זי פלעגט, כאָטש זעלטן, גיין שפּאַצירן.

זי איז זייער נישט גערן אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. דער טאַטע און די מאַמע, דערשטווינטע פון איר שנעלן וווּקס און שיינקייט, האָבן זי געוואָרנט פאַר שלעכטע מענטשן, פאַר שטרויכלונגען, אויף וועלכע יונגע מיידלעך זענען אויסגעשטעלט אין דער גרויסער, זינדיקער שטאָט.

אָמבעסטן האָט זי ליב געהאַט אין די אָוונטן, נאָך דעם ווי זי האָט די קינדער געלייגט שלאָפן, לייענען אַ בוך. לייענען האָט זי זיך צוגעוווינט אין דער שולע, ווו זי איז געגאַנגען עטלעכע יאָר, איידער זי האָט פאַרלאָזט די היים. זי האָט געלייענט נישט נאָר פּויליש, נאָר אויך אויסגעלערנט זיך לייענען ייִדיש, געווען פאַרשריבן אין אַ לייַ־ביבליאָטעק און פון דאָרט גענומען די ביכער.

ווען זי איז אַ מאָל אַרויס אויף אַ שפּאַציר, האָט זי נישט נאָר געקוקט, ווי אירע

חברטעס, אין די וויסטאַוועס, אין די שויפענצטערס מיט קליידער און שמוק־זאַכן, זי פלעגט פאַררייסן דעם קאָפּ און קוקן צו די פענצטערס אויף די שטאָקן, צו די אָן אַ שיעור פענצטערס אין די הויכע הייזער, וואָס זענען געשטאַנען אויף די שיינע, רחבותדיקע גאַסן.

זי האָט געחלומט, געבענקט צו האָבן אַ שטוב מיט אַ פענצטער. אירע געדאַנקען האָבן זי ווייט פאַרטראָגן, און געטראַכט האָט זי זיך, אַז ווען זי וועט נאָך אַ ביסל אונטערוואַקסן, וועט זי חתונה האָבן און האָבן אַן אייגענע שטוב נישט נאָר מיט איין פענצטער, נאָר מיט צוויי פענצטערס, וואָס וועלן אַרויסגיין אויף אַ גרויסער, ברייטער גאַס אַרויס.

✶

פון דער ערשטער שטעלע איז זי אַוועקגעגאַנגען נאָך דעם, ווי זי איז דאָרט אָפּגעווען דריי יאָר. די באַלעבאָסטע האָט עס איר געהאַט פאַראיבל.

— ביי מיר ביזטי געוואָרן אַ מענטש — האָט זי געטענהט — ביי מיר ביזטי פון אַ קינד געוואָרן אַ דערוואַקסענע, האָסט זיך אויסגעלערנט ביי מיר אַרבעטן סקלאַדנע, מיט אַן אָרדנינג. די קינדער האָבן זיך ציגעוווינט צי דיר, גייסטי יעצט אַוועק? ווּס, מען וועט דיר געבן אַ פּור זלאָטעס מער?

אָבער דאָס מיידל האָט געוואָלט גיין אויף אַ בעסערע שטעלע, ווו זי וועט זיך אויך אויסלערנען קאָכן געשמאַקע מאכלים. זי האָט געוואָלט גרייכן העכער אין איר קאַריערע פון אַ דינסטמיידל, אויב זיין אַ דינסט איז איר שוין געווען באַשערט. געוואָלט דינען ביי מענטשן מיט מאַניערן, דאָרט, ווו מען נעמט אויף געסט, אין שטובן מיט שיינע מעבלען און שיין געפעס.

פון דעם געלט, וואָס זי האָט באַקומען אויף דער ערשטער שטעלע, איז איר גאָרנישט געבליבן, קיין זלאָטע נישט. ווען אימיצער פון דער היים פלעגט קומען צו איר, האָט זי שטענדיק גענומען ביי דער באַלעבאָסטע אַ ביסל געלט, און אַריינשטופנדיק דעם טאַטן צי דער מאַמען די פאָר זלאָטעס אין דער האַנט אַריין, שטיל, ווי פאַרשעמט, געזאָגט — פאַר די קינדער.

געגאַנגען איז זי אָנגעטאָן באַשיידן, כמעט אָרעם, אָבער אויספּאַרראָכטן און ציכטיק. אויף זיך האָט זי זייער ווייניק אויסגעגעבן, נאָר דאָס סאַמע נייטיקסטע. דאָך, ווען סוף זמן פלעגט זיך די באַלעבאָסטע מיט איר באַרעכענען, האָט זיך אַלע מאָל אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט פאַר דער צייט אָפּגענומען ביסלעכווייז דאָס געלט, און ס׳קומט איר גאָרנישט אָדער כמעט גאָרנישט.

אַזוי איז אויך געווען, ווען זי האָט זיך באַרעכנט נאָכן זעקסטן זמן, נאָכן אָפּזיין דריי יאָר אויף דער ערשטער שטעלע. זי איז אַוועק פון דאָרט מיט ליידיקע הענט און מיט אַ האַלב־ליידיק קיישל פון זאַכן.

דאָס איז אויך געווען איינע פון די סיבות, צוליב וועלכע זי האָט געוואָלט גיין אויף אַ גרעסערע שטעלע, נעמען אַ בעסערן געהאַלט, זי זאָל קאָנען בלייבן ביי אַ ביסל געלט און אַ טראַכט טאָן וועגן תכלית.

ביי אירע פופצן יאָר, קוים אַריין אין זעכצנטן, האָט זי אויסגעזען אויף זיבעצן־אַכצן. געווען הויך, פאַררונדיקט, מיט רחבותדיקע פּלייצעס, געגאַנגען געשיקט, מיט פעסטע טריט, רויִק און אַנטשלאָסן.

געזוכט האָט זי אַ שטעלע, ווו זי זאָל נישט דאַרפן שלאָפן אין אַ „סלוזשבאָווע", אין אַ פינצטערן אַלקערל, נאָר ווו איר בעט זאָל שטיין אין דער קיך, ווו ס'איז פאַראַן אַ פענצטער, זי האָט לאַנג געזוכט, אָבער אַזאַ שטעלע נישט געפונען. די רייפּערקע האָט זי געפירט אין שיינע הייזער. אַלץ איז איר דאָרט געפעלן געוואָרן — די באַלעבאָסטע, די שטובן, די גאַנצע איינריכטונג פון דעם הויז. אָבער ווען זי האָט געזען דאָס אַלקערל, ווו זי האָט באַדאַרפן שלאָפן, האָט עס איר אָפּגעשטויסן און, נישט זאָגנדיק פאַר וואָס, האָט זי נישט געוואָלט זיך דאָרט אָפּשטעלן.

די מאַדאַמען און די רייפּערקע זענען געווען אויסער זיך פון איר האַלטונג. — צי האָט שוין אימיצער געזען, אַז אַ דינסטמיידל זאָל זיין אַזוי קאַפּריזנע? זאָל נישט וויסן וואָס זי וויל?

איין מאַדאַם האָט זיך אויפגערעגט. — כ'וויל נישט אָסטרוגן די גרימאַסן פין מאַנע אייגענע קינדער, האָט זי געטענהט, וועל יעך זיי גיין אָסטרוגן פין אַ דינסטמיידל? ניין, ניין, דוס איז נישט פאַר מיר!

די רייפּערקע, וועלכע האָט זיך מיט איר פאַרנומען, האָט אָנגעהויבן ווערן אומגעדולדיק. זי האָט זיך אָנגעהויבן בייזערן אויפן מיידל: — ווּס מיינסטי, כ'וועל זעך אַרימשלעפּן מיט דיר איבער גאַנץ וואַרשע? זע נאָר די קאַפּריזנע פּאַניענקע! ווי ווילסטי דינען, באַ כראַביע פּאָטאָצקי? זאָלסט זעך נישט אָנרעדן, אַז די וועסט קריגן עפּעס בעסערס, ווי כ'האָב דעך געפירט. עסט שוין יעצט נעמען ווּס ס'וועט זעך לאָזן!

און די רייפּערקע איז געווען גערעכט. די צייט איז געגאַנגען, דער זמן איז שוין געהאַט פאַרביי, אַלע בעסטע שטעלעס — פאַרנומען. האָט זיך דאָס מיידל, נישט האָבנדיק קיין ברירה, געמוזט באַגנוגענען מיט אַ שטעלע, ווו נישט די מאַדאַם, נישט די שטובן, נישט די מענטשן, זענען איר נישט געפעלן געוואָרן, און ווידער געמוזט שלאָפן אין אַ פינצטערן אַלקערל, אין אַ „סלוזשבאָווע".

*

איין מאָל, ביינאַכט, האָט איר אויפגעוועקט פון שלאָף אַ שטראָם ליכט, וואָס איז געווען געווענדעט גלייך אויף איר פּנים. אַ דערשראָקענע האָט זי זיך האַלב אויפגעזעצט און דערזען שטיין אין דער אָפענער טיר פון באַלויכטענעם עסצימער

דעם יונגן זון פון די באַלעבאַטים, אַ פּאַרקוקטן מיט אַן אויפגעריסענעם, פאַר־חידושטן בליק אין איר פּנים און אָפּגעדעקטע האַלדז און אָרעמס.

דורך די פאַרהאַקטע ציין האָט זי אַרויסגעשיפּעט: — גייט אַוועק אין מאַכט צי די טיר!

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און זיך אַרומגעוויקלט מיט דער קאָלדרע און אין גאַנצן געציטערט פון איבעראַשונג און אויפרעגונג.

זי האָט איצט אָפּט געטוישט די שטעלעס. כמעט יעדן זמן געגאַנגען דינען אויף אַ פריש אָרט. אָבער קיין מאָל איז איר נישט אויסגעפאַלן צו באַקומען אַ שטעלע, ווו איר בעט זאָל שטיין אין אַ קיך, דאָרט ווו ס׳איז פאַראַן אַ פענצטער. אויף אַלע ערטער, וויפל זי האָט זיי נישט געטוישט, איז איר אַלע מאָל אויסגעקומען צו שלאָפן אין אַ פינצטער אַלקערל, אין אַ „סלוזשבאַוווע״.

זי האָט זיך דערפון געפילט דערדריקט און געטראָפן, אָבער פאַר קיינעם זיך נישט באַקלאָגט. דער טאַטע אָדער די מאַמע פלעגן נאָך אַלץ צו איר אָפּט קומען, און זי, ווי אַלע מאָל, האָט זיי אַריינגעלייגט אין האַנט אַ ביסל פון איר שווער פאַרהאָרעוועטן געלט.

נישט איין מאָל האָט איר בייַנאַכט, אין מיטן שלאָף אין פינצטערן אַלקערל, אויפגעוועקט אַ הייסע מענער־האַנט, וועלכע האָט געבלאָנדזשעט איבער די בולטקייטן פון איר לייב. אַ דערשראָקענע, אָבער אַן אַנטשלאָסענע, האָט זי מיט איינגעהאַל־טענעם כעס און כוח געיאָגט פון זיך די פאַרשייטע, ברוטאַלע מענער. זי האָט אָפּגעהיטן איר מיידלשן כבוד און אַ מוטיקע, אַ שטאָלצע געטראָגן איר שיינקייט איבער דער גרויסער שטאָט, פול מיט שטרויכלונגען.

אַזוי זענען אַוועק נאָך עטלעכע יאָר.

*

אין דער ליי־ביבליאָטעק האָט זי זיך באַקענט מיט אַ בחור. ווען זי האָט שוין געהאַט געטוישט דאָס בוך און געוואָלט אַרויסגיין, האָט ער זיך פאַר איר פאַרנייגט און געבעטן אויף פויליש דערלויבן זי עפּעס צו פרעגן.

אין דער ערשטער רגע איז זי געווען איבעראַשט פון דעם, וואָס אַ פרעמדער מענטש פאַרהאַלט זי. אָבער זיין שטימע איז געווען אַן אָנגענעמע און ווייט נישט קיין צודרינגלעכע.

זי האָט אים אָנגעקוקט און מילד געענטפערט — ביטע, פרעגט.

ער האָט איר פאַרגעלייגט, אפשר בעסער אַרויסגיין אין דרויסן, ווייל זיי זענען געשטאַנען ביי דער טיר. די ביבליאָטעק איז געווען אין אַ צימער פון מיטעלער גרייס און פול מיט מענטשן, אַזוי אַז קיין אָרט, ווו צו פאַרטוישן אַ פּאָר ווערטער איז דאָרט נישט געווען.

דער בחור האָט געעפנט די טיר. זי איז אַרויס מיט נישט קיין דעצידירטע טריט, זיך פאַרהאַלטן ביי דער דרויסנדיקער זייט טיר און געקוקט אויף אים מיט אַ ברייטן, פרעגנדיקן בליק.

ער האָט איר דערציילט, אַז ער אָבסערווירט זי שוין אַ לענגערע צייט, געזען אַז אַ מאָל האָט זי גענומען אַ יידיש בוך צום לייענען, אָבער דער עיקר נעמט זי פוילישע. וויל ער זי פרעגן, אויב ס'איז אים דערלויבט, פאַר וואָס טוט זי אַזוי.

נישט געקוקט אויף איר פאַרווונדערונג, וואָס אַ פרעמדער מאַן ווענדעט זיך צו איר מיט אַ פראַגע, וואָס שטעלט זי אין פאַרלעגנהייט, איז איר פון דעסטוועגן געווען ליב, ווען זי האָט געהערט, אַז ער האָט זי אָבסערווירט, זיך מיט איר אינטערעסירט.

זי האָט, נישט טראַכטנדיק, אָנגעהויבן שטעלן טריט, און דער בחור איז איר נאָכגעגאַנגען. אַזוי גייענדיק האָט זי אים תמימותדיק געענטפערט, אַז איר איז פשוט גרינגער צו לייענען פויליש, ווי יידיש, ווייל פויליש האָט זי געלערנט אין דער שולע, אין שטעטל, וווּ אירע עלטערן וווינען, און יידיש האָט זי געלערנט נאָר אין די שבתים, ווען זי האָט מיטגעלייענט מיט דער מוטער דעם טייטש־חומש.

— ס'וואָלט מיר קיין מאָל נישט איינגעפאַלן, אַז זי זענען פון דער פּראָווינץ. כ'בין געווען זיכער, אַז זי זענען אַ וואַרשאַוויאַנקע.

זי האָט נישט געענטפערט, נאָר אַ שמייכל געטאָן.

זיי זענען שוין געהאַט אַרויס פון דער נאַוואָליפּקי, אַריין אין פשעיאַזד און באַלד האָבן זיי זיך געפונען ביי די ערשטע הייזער פון לעשנאָ. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט: — דאָ וווין איך.

ער האָט געוווּסט פון אירע פריערדיקע רייד, אַז זי וווינט דאָ נישט מיט אירע עלטערן. ער האָט גאָרנישט געפרעגט, און זיי האָבן זיך געזעגנט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיי זיך ווידער געטראָפן אין דער לייי־ביבליאָטעק. ער האָט שוין זיין בוך געהאַט געטוישט, אָבער, אַפנים, געוואַרט, אפשר טרעפט ער זי.

ווען ער האָט זי דערזען, איז ער אַ דערפרייטער צוגעגאַנגען און זיך באַגריסט, איר פאָרגעלייגט הילף ביים אויסזוכן אַן אינטערעסאַנט בוך. ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות אין דער נייער פוילישער ליטעראַטור.

זי האָט נישט אויסבאַהאַלטן איר פאַרווונדערונג דערפון. דעמאָלט האָט ער איר דערציילט, אַז ער נעמט אויך יידישע ביכער אין דער „גראָסער ביבליאָטעק" אויף לעשנאָ, נישט ווייט פון דעם הויז וווּ זי וווינט.

איר איז געווען אויפפאַלנד, וואָס אַזאַ יונגער מענטש, און דערצו נישט קיין פאַרמעגלעכער, ווי זי האָט דאָס גרינג געקאָנט באַמערקן לויט זיין זייער באַשיי־

דענער קליידונג, האָט צייט צו לייענען אַזוי פיל ביכער. אָבער אַזוי ווי זי האָט נישט געוואָלט ער זאָל זי פרעגן מיט וואָס זי באַשעפטיקט זיך, האָט זי זיך אויך געהיטן מיט שטעלן אים ענלעכע פראַגעס.

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן טרעפן אָפטער. זיך אָפּגעשמועסט קומען צו דער זעלבער צייט אין ליי־ביבליאָטעק. פון דאָרט פלעגן זיי גיין שפּאַצירן אויף ביע־לאַנסקע, טעאַטער־פּלאַץ און אויף די דערנעבנדיקע גאַסן. ס'איז געווען אָנהייב זומער. האָבן זיי הנאה געהאַט פון דעם גיין צוזאַמען איבער די רחבותדיקע גאַסן, פולע מיט שפּאַצירנדיקע מענטשן. זי איז געגאַנגען לייכט, מיט אַ שיק פון אַ גרויס־שטאָטיש מיידל, ווי אירע פיס וואָלטן קיין מאָל נישט געטאָפּטשעט אין די קליינ־שטעטלדיקע זאַמדן. ער איז געווען אַ שלאַנקער, אַ ספּאָרטיווער. נישט געקוקט אויף זיין באַשיידענער קליידונג האָט ער אויסגעזען עלעגאַנט.

איין מאָל האָט ער זי אַריינגעפירט אין דער „גראָסער־ביבליאָטעק" און זי פאָרגעשטעלט פאַרן ביבליאָטעקאַר, דעם חבר קעניג. דער ביבליאָטעקאַר האָט אויפגעהויבן פון איבער דער קאַרטאָטעקע זיין געבויגענע פּלייצע און דאָס פּנים מיט בינאָקלעס אויף דער נאָז, זיך באַגריסט און געקוקט אויף איר מיט אַ וואַרעמען און איינצייטיק שאַצנדיקן בליק, ווי מען קוקט אויף אַ פרעמדן מענטש, וועלכן מען וועט אפשר דאַרפן אַריינגעמען אין דער משפּחה.

זי האָט זיך געפילט די ערשטע רגע ווי געטראָפן פון דעם דאָזיקן בליק, אָבער באַלד איז איר די גאַנצע אומאַנגענעמלעכקייט דערפון פאַרשוווּנדן, און ס'איז איר נאָר געבליבן די וואַרעמקייט, מיט וועלכער דער ביבליאָטעקאַר האָט געקוקט אויף איר.

זייט דעמאָלט האָבן זיי דערפילט אַ שייכות צו זיך. זיי האָבן זיך דערציילט וועגן זייערע היימען. ער האָט איר דערציילט, אַז זיי וווינען אויפן פּאָוואָנזעק, אַ פּעריפעריע פון וואַרשע, ווו די איינוווינער זענען אַממיינסטן קריסטן. ער האָט אַ מוטער, דער פאָטער איז שוין לאַנג געשטאָרבן, און צוויי יינגערע פאַר זיך ברידער.

זי האָט ערשט דעמאָלט באַמערקט, אַז ער זעט אויס ווי אַ קריסט מיט זיין הויכער פיגור, טונקל־בלאָנדע האָר און בלויע אויגן.

זי האָט אים דערציילט וועגן איר משפּחה, וועגן איר טאַטע־מאַמע, וועגן די דריי ברידערלעך און צוויי שוועסטערלעך, אַלע יינגערע פאַר איר. ביידע האָבן אָבער נישט דערציילט מיט וואָס זיי אַליין באַשעפטיקן זיך.

ער האָט איר אָנגעגעבן גענוי דעם אַדרעס ווו ער וווינט, ווי מען טוט דאָס אין אַן אָפיציעלן אַמט. ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט דאָס געטאָן בכוונה, זי זאָל קענען זיך איבערצייגן, אַז דאָרט וווינט ער טאַקע.

ווען דער פֿאָטער איז געקומען צו איר דאָס נאָנטסטע מאָל, האָט זי זיך פֿאַר אים פֿאַרטרויט, אַז זי גייט מיט אַ בחור, וועלכער געפֿעלט איר זייער. דער פֿאָטער איז דערפֿון געוואָרן איבערגעשראָקן, האָט זי אים געגעבן דעם בחורס אַדרעס, אַז ער זאָל דאָרט צופֿאָרן און ביי די שכנים זיך נאָכפֿרעגן אויף אים.

דער פֿאָטער אירער איז דאָרט טאַקע באַלד צוגעפֿאָרן און געוואָר געוואָרן, אַז דער יונגער־מאַן איז זייער אַ פֿיינער, שוין אַן אויסגעדינטער אין מיליטער. ער וווינט צוזאַמען מיט דער מאַמען, אַן אלמנה, און נאָך צוויי יינגערע ברידער. אַלץ איז געווען ווי דער בחור האָט דעם מיידל דערציילט. אָבער פֿון פֿאַך איז ער אַ פֿודלע־מאַכער און אַ קנאַפּער פֿאַרדינער, גייט אָפֿט אַרום אָן אַרבעט.

איצט האָט זי שוין פֿאַרשטאַנען, פֿון וואַנען ער האָט אַזוי פֿיל צייט צו לייענען ביכער. אָבער ער אַליין האָט גאָרנישט פֿאַרלוירן אין אירע אויגן. אַלץ אין אים איז איר געפֿעלן געוואָרן און זי האָט געפֿילט, אַז זי וואָלט זיך שוין נישט געקאָנט פֿון אים אָפּזאָגן. זי האָט נאָר באַדויערט, וואָס ער האָט אַזאַ אָרעם פֿאַך, וואָס פּאַסט אַזוי נישט צו זיין גאַנצן אויסזען און שטעל. זי האָט געטראַכט מיט אַזאַ נאָנטקייט וועגן אים, ווי זי וואָלט שוין געווען זיכער, אַז ער מיינט זי, טראַכט וועגן איר ערנסט, אַז ער האָט שוין באַשלאָסן זיך צו פֿאַרבינדן מיט איר אויף שטענדיק.

פּלוצעם איז איר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק, אַז ווען ער זאָל וויסן, אַז זי איז אַ דינסטמיידל, וואָלט ער זיך אפֿשר מיט איר נישט אינטערעסירט, נישט געגאַנגען מיט איר און אוודאי נישט געמיינט זי ערנסט. ער גייט מיט איר, ווייל זי געפֿעלט אים, זי איז אַ שיינע און אים איז אָנגענעם מיט איר צו שפּאַצירן און שמועסן.

ס'האָבן איר געמאַטערט די דאָזיקע געדאַנקען, און זי האָט זיי געיאָגט פֿון זיך. אין דער טיפֿעניש פֿון איר האַרץ האָט זי געפֿילט באַשערטקייט — און דאָס האָט איר געהאָלפֿן געפֿינען גלייכגעוויכט, אין וועלכן ס'האָט אָנגעהויבן וואַקסן איר געפֿיל צו אים.

ביי איינער אַ טרעפֿונג האָט ער זי פֿאַרבעטן צו זיי אַהיים. געזאָגט, אַז ער האָט דערציילט זיינע נאָנטע וועגן איר און זיין מוטער וויל זי דורכויס באַקענען.

— זי וועלן זען ווזספּאַראַ מוטער איך האָב. בלויז גיטסקייט און איבערגע־געבנקייט. מען זעט עס איר אָן אויפֿן פּנים.

דעם אָוונט האָבן זיי לאַנג שפּאַצירט. געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ איבער דער גוט באַלויכטענער לעשנאָ גאַס. ביידע זענען געווען אויפֿגעברויזט. ביידע האָבן געשוויגן. געגאַנגען נאָנט נעבן זיך איבער דעם ברייטן טראָטואַר. ס'האָט געשוימט פֿון זיי מיט פֿרישקייט, מיט יוגנט, מיט טרוים און מיט לעבנס־חשק.

ס'איז שוין געווען נאָך עלף אַ זייגער ביינאַכט, ווען זי האָט אָנגעקלונגען אין טויער. די באַלעבאָסטע איז געווען באַאומרויִקט, ווייל דאָס מיידל פֿלעגט קיין מאָל

נישט אַוועקגיין אויף אַזוי לאַנג, קיין מאָל נישט אַהיימגעקומען אַזוי שפּעט. זי איז דעמאָלט אין גאַנצן אַלט געווען ניינצן יאָר.

✶

עטלעכע טעג נאָך דעם לאַנגן שפּאַציר האָט ער זי געבראַכט צו פירן צו זיין מוטער. זיי האָבן געוווינט אויף פּאַרטער אין אַן איינשטאָקיק הויז. אַ יינגל אַ הויכער, אַ דאַרער האָט זיי געעפנט די טיר און אַנטלאָפן, נישט ענטפערנדיק אויפן „גוט־אָוונט".

פאַר דער טיר פון אַ גרויס צימער, באַלויכטן מיט אַ גאַז־לאָמפּ, האָט זיי אָפּגעוואַרט אַ פרוי פון מיטעלן וווקס, אין אַ טיף העל שייטל און מיט אַ ליכטיק פּנים. זי האָט באַלד אָנגענומען דאָס מיידל מיטביידע הענט ביי די אָרעמס און אַריינגעפירט אין שטוב. זי האָט זי אַוועקגעשטעלט אונטער דעם ליכט פון דער גאַז־לאָמפּ און זי באַקוקט, ווי מען באַקוקט אַ חפץ. נישט געקאָנט באַהאַלטן איר באַוווּנדערונג.

— גאָט מאַנער, ווּספּאַראַ בריליאַנטענע אויגן, ווּספּאַראַ איידל פּנים, ווּס־פּאַראַ שאָנקייט! אַ ווּקס קאַניינעהאָרע. קאַ בייז אויג זאָל אין נישט שאַדן — און זי האָט דריי מאָל זייער דין און אין אַ זייט אויסגעשפּיגן.

דאָס מיידל איז געווען פאַרשעמט און צעטומלט פון די ווערטער, וועלכע די פרוי האָט איר געזאָגט אַזוי אָפן אין די אויגן אַריין. זי האָט געשמייכלט פון פאַרזשעניִרטקייט און זיך אָנגערופן:

— ווייס יעך ווּס... מען האָט שוין עפּעס שענערס נישט געזען...

דער בחור האָט זיך געבעטן: — מאַמע שוין אָפּלאָזן, זי שעמט זעך דאָך. זיי האָבן זיך אַלע דריי אַוועקגעזעצט ביים טיש. אַ ביסל ווייטער זענען אויף אַ קאַנאַפּע געזעסן צוויי דאַרע, הויכע יונגען און געפינטלט מיט די אויגן.

די מוטער האָט דערלאַנגט כּיבוד: טיי, קיכלעך, עפּעלעך, צוקערלעך און ניסלעך. זי האָט געפרעגט דעם מיידל וועגן איר היים, וועגן אירע עלטערן, שוועס־טער און ברידער. אָבער זיך נישט געפרעגט מיט וואָס זי פאַרנעמט זיך אין וואַרשע.

ס'איז געוואָרן היימיש, געמיטלעך. די צוויי דאַרע יונגען, ווי דרענגער, האָבן זיך אויך צוגעזעצט צום טיש. געקנאַקט גיך די ניסלעך און גענאַשט די צו־קערלעך.

דאָס מיידל האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דעם צימער. ס'האָט געהאַט צוויי פענצטערס, ווי ביי זיי אין דער היים, נאָר די זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף אַרויס. אין דער שטוב זענען געשטאַנען צוויי בעטן, אַ שאַנק, אַ טיש מיט שטולן און אַ קאַנאַפּע אין אַ זייט. כמעט דאָס זעלבע מעבל וואָס ביי אירע עלטערן.

ווען די מוטער האָט באַמערקט, אַז דאָס מיידל קוקט זיך אַזוי אַרום איבער דער

שטוב, האָט זי זיך צו איר אָנגערופן — קימען זי, וועל איך אין וואַזן וווספּאַראַ שיינע קעך מיר האָבן.

דורך אַ שמאָלן, אָבער גענוג לאַנגן קאָרידאָר זענען זיי אַריין אין דער קיך. זי איז טאַקע געווען אַ גאָר גרויסע, גאָרנישט פּראָפּאָרציאָנעל צו אַזאַ קליינער דירה. ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַ שיין קרעדענסל, אַ קיך־טיש מיט טאַבורעטקעס, אַ ווייסע וואַש־באַנק, געהאָנגען פּולקעס מיט בלוי געפּעס. שיינע פאָרהענגלעך אויף די פענצטער און אויסגענייטע לייוונטענע שפּיצן איבער דעם קאַפלענעם ראַנד פון דער קיך. די איינריכטונג איז דאָ געווען אַ פרישערע און שענערע ווי אין דער גרויסער שטוב, און דאָס מיידל האָט באַוואונדערט ווי אָנגענעם דאָ איז.

ווען זיי זענען צוריקגעגאַנגען אין שטוב אַריין, האָט זי באַמערקט אין קאָרידאָר אַ פראַמוגע אָן אַ טיר. עפּעס האָט איר אַ ציִ געטאָן אַריינצובליקן אַהין. אין דעם קאַרגן ליכט פון האַלב־טונקעלן קאָרידאָר האָט זי באַמערקט, אַז דאָרט איז אַן אַלקער, אין וועלכן ס׳שטייען צוויי שמאָלע בעטלעך. די מוטער האָט זיך אָנגערופן — אין דעם אַלקער שלופן די צוויי יינגלעך.

ביי דעם מיידל איז מיט אַ מאָל אַראָפּגעפאַלן דאָס געמיט. די גאַנצע פריערדיקע אויפגעלייגטקייט איז פון איר אַוועק. זי האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש אַן אויסגעלאָשענע. געענטפערט אויף די ווענדונגען צו איר מיט איינצלנע ווערטער. איר געענדערטע שטימונג איז געווען אַזוי קענטיק, אַז דעם בחורס מוטער האָט זי געפרעגט, צי זי פילט זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען. זי האָט געענטפערט: — ניין, כ׳פיל זעך גיט, — און זיך צעלאַכט מיט אַ געמאַכט געלעכטער.

פון איר פאַרהאַלטן זיך איז אַלע געוואָרן אומהיימלעך. עפּעס אַן אומרויִקייט האָט זיי אַרומגענומען, און ווען דאָס מיידל האָט זיך אָנגערופן, אַז זי וויל גיין אַהיים, האָט זי קיינער נישט פאַרהאַלטן.

דער בחור האָט זי באַגלייט. ווען זיי האָבן פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט ער זי דאָס ערשטע מאָל אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן. ער האָט זיך פאַרוואונדערט, וואָס זי איז געבליבן גלייכגילטיק. ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען, ווי ער האָט נישט פאַרשטאַנען איר געענדערטע האַלטונג ביי זיי אין שטוב, אָבער געפרעגט האָט ער גאָרנישט.

זיי זענען אַדורכגעגאַנגען לעבן דעם פּאָוואָנזקער קריסטלעכן בית־עולם. ס׳איז שוין געווען אָנהייב האַרבסט. די האַלב־אויסגעטריקנטע בלעטער פון די גרויסע קאַשטאַן־ביימער, מיט וועלכע דער צמענטאַזש איז געווען געדיכט באַזעצט, האָבן אין דינעם, אָבער שוין בייסיקן האַרבסט־ווינט אומאויפהערלעך געשורשעט, און דעם מיידל האָט זיך אין דער פינצטערער, אָן־לבנהדיקער נאַכט, אויף דער כמעט נישט באַלויכטענער,ליידיקער גאַס, אויסגעדאַכט, אַז זי הערט ווי די מתים שושקען זיך דורך.

זי האָט אַריינגערוקט איר האַנט אונטער דעם בחורס אָרעם און זיך צוגעדריקט צו אים. אָבער ער האָט געפילט, אַז דאָס איז נישט פון נאָנטקייט, נאָר פון שרעק. זי האָט געציטערט אויפן גאַנצן לייב. דער אָוונט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי צוזאָגנדיק, אַזוי היימיש און פריילעך, האָט גאָר איבערגעלאָזט ביי זייביידע אַ קלעמענדיק געפיל.

זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיקע. ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער דזשיקע גאַס, האָט זי באַפרייט זיין אָרעם.

— אינס מיטער מיז זיין זער אַן איידעלע און אַ גיטע, — האָט זי זיך אָנגערופן.

— מאַן מאַמעשי איז אויך אַ גיטע.

אירע פּאָר ווערטער וועגן זייערע מוטערס האָט זיי ווידער דערנענטערט. ער האָט איר דערציילט, אַז נאָכן פאָטערס טויט איז זיין מוטער געוואָרן אַ וואַר־טאָרין ביי קימפּעטאָרינס. ווייל זי איז זייער אַ גוטע, רייסט מען זיך פשוט איבער איר. טראַגנדיקע פרויען באַשטעלן זי פון חדשים פאָרויס, צו גלייך מיט דער אַקושערקע. די מוטער האָט באַקאַנטע דאָקטוירים, וואָס פּראָטעזשירן זי אין רייכע הייזער.

ער האָט דאָס מיידל אָפּגעפירט צום טויער און זיך אָפּגעשמועסט מיט איר זיך טרעפן אין דער ביבליאָטעק.

נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך צעשיידט איז זי געבליבן מיט אַ געדריקטער שטי־מונג. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיט איר פאַרהאַלטן זיך ביי זיי אין שטוב האָט זי עפּעס קאַליע געמאַכט, אַז זיין מוטער, וואָס איז אין אָנהייב געווען צו איר אַזוי האַרציק און צוגעלאָזן, איז שפּעטער געווען צוריקגעהאַלטן. זי האָט זיך אַליין געפרעגט, וואָס איז געווען די סיבה, וואָס האָט זי אַזוי פּלוצעם צוגעדריקט.

זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז מיט איר געשען, זיך עס גאָרנישט געקאָנט שענקען. געווען זיכער, אַז דער בחור וועט זיך שוין מיט איר מער נישט זען.

די עטלעכע טעג ביז צו דער אָפּגעשטימטער באַגעגעניש איז זי אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטע, אַן אויפגערעגטע. די אַרבעט איז איר געפאַלן פון די הענט. זי האָט נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו איר. די שטוביקע מענטשן האָבן געקוקט אויף איר מיט שטוינונג.

ווען צו דער אָפּגעשמועסטער צייט איז זי געקומען אין דער ביבליאָטעק און דערזען דעם בחור, האָט זי, אַ נישט־באַהערשטע, אויסגעשריגן פון פרייד: — דוד, די ביסט דו!

זי האָט זיך איצט די ערשטע געוואָנדן צו אים אויף „דו", און ער האָט איר געענטפערט וואַרעם און פריילעך: — יאָ, רחל, כ׳בין דו!

זי האָט אַפילו נישט געטוישט דאָס בוך, און נאָר געוואָלט אַרויס מיט אים אין

דרויסן. איר גאַנצע באַדרענגטקייט פון די לעצטע טעג איז פון איר אַוועק, אַוועק פון איין מאָל, אין איין רגע. זי האָט נישט אויפגעהערט רימען זיין מוטער, איר איידלקייט, פיינקייט און האַרציקייט. אַפילו וועגן זיינע ברידער, די דאַרע יונגען, וואָס האָבן די גאַנצע צייט, וואָס זי איז דאָרט געווען, נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר געקנאַקט די ניסלעך און גענאַגט די צוקערלעך, האָט זי געזאָגט, אַז זיי זענען זייער קלוגע. ס'איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן זייער שטוב, די קיך, און זי האָט אַפילו צוגעוואָרפן אַ גוט וואָרט דעם אַלקערל, געזאָגט, אַז אַפילו דאָרט האָט מען געקאָנט זען די הענט פון אַ גוטער באַלעבאָסטע.

ער האָט זי געהאַלטן אונטערן אָרעם און זיי זענען נישט געגאַנגען, נאָר געשוווּמען איבער דער ברייטער גאַס. אַ שפּיציקער האַרבסט־ווינט האָט געשניטן די לופט און געריסן די פּאָלעס פון זייערע מאַנטלען. זיי האָבן אָבער געהאַט אַ פריי־לינגדיקע שטימונג און געלאַכט פון אַלעם וואָס האָט געטראָגן מיט זיך שטערונג און קוועל.

ווען זיי האָבן זיך געזעגנט ביים טויער האָט זי אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען קיינער איז נישט דורכגעגאַנגען, צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו זיינע — און אַנטלאָפן, נישט זאָגנדיק אַפילו קיין „גוטע נאַכט".

ס'האָט זי געוואָרפן פון איין געפיל אין צווייטן, דאָ האָט זי ביי דער אַרבעט געזונגען, דאָ איז איר פּלוצעם באַפאַלן אַ מרה־שחורה, געבליבן שטיין אין מיטן איר באַשעפטיקונג אַ פאַרקוקטע מיט אַ פאַרגליווערטן בליק אין איין פונקט. זי האָט געהאַט אַ געפיל פון גליק, ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכטן, אַז זי איז די גליקלעכסטע אין דער וועלט, און מיט אַ מאָל האָט זי באַהערשט אַ יאוש־שטימונג, ווי זי וואָלט זיך געפונען אין אַ מצב אָן אויסגאַנג. ס'האָט זי פאַרפּאָלגט אַ געדאַנק, אַז מיט איר פאַרהאַלטן זיך מאַכט זי אַלץ קאַליע, אַז זי איז געווען נישט באַהערשט, די ערשטע געזאָגט אים „דו", זיך געוואָרפן אים קושן אויף דער גאַס, פאַרן טויער, וואָס ווען ער זאָל דאָס טאָן, וואָלט זי עס אים געהאַט פאַראיבל. צי האָט זי אים נישט אָפּגעשטויסן דערמיט פון זיך? צי וועט ער נאָך וועלן זיך מיט איר טרעפן? די פראַגעס האָבן איר געעגבערט אין מוח.

זי האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. ס'האָט זיך מיט איר עפּעס אַזעלכעס געטאָן, אַז זי האָט דערויף קיין שליטה נישט געהאַט. פאַר די טעג האָט זי אָנגעטאָן אין שטוב גרויסע שאָדינעס. די באַלעבאָסטע האָט זיך געבייזערט, גע־שריגן, אַז זי וועט איר אַראָפּרעכענען פאַר דעם אַלעם פון זמן־געלט, אַז זי מאַכט איר אַ תל פון דער באַלעבאַטישקייט.

דאָס מיידל האָט געפילט, אַז זי מוז טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זי אַרויספירן פון דעם צושטאַנד. זי איז אַריין צו אַ פריזירער און זיך געהייסן אָפּשניידן די צוויי

געדיכטע, לאַנגע שוואַרצע צעפּ און מאַכן אַ „פּאָלקע״, ווי ס׳איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע.

דער פריזירער האָט געוואָלט ביי איר אָפּקויפן די צעפּ. אָבער זי האָט זיי נישט געוואָלט פאַרקויפן און זיי באַהאַלטן אין דעם האַלב־ליידיקן קיישל פון אירע זאַכן.

ווען דוד האָט זי דערזען אָן די צעפּ, האָט ער פאַרבראָכן די הענט און אויף דער גאַס אויסגעשריגן: — רחל, וווּס האָסטי געטין מיט דיינע צעפּ?! ער איז געווען אויסער זיך. אָבער ווען זיי זענען אַריין אין אַ קינאָ און זי האָט אַראָפּגע־נומען דעם מאַנטל, האָט ער דערזען ווי שיין ס׳צייכנט זיך די ליניע פון איר האַלדז און נאַקן, ווי לייכט זי באַוועגט איצט מיטן רונדן קאָפּ, ווי די האָר, באַפרייטע פון דער שווערקייט פון די צעפּ, כוואַליען זיך ווי קאַרבירטע, האָט ער זיך אָנגערופן מיט צערטלעכקייט: — רחל, ס׳איז דיר שיין אין דער פּאָלקע, זייער שיין.

✶

עטלעכע געציילטע וואָכן נאָך דעם זענען רחלס עלטערן געקומען קיין וואַרשע זיך זען מיט דודס מוטער און אַ שמועס טאָן וועגן תכלית.

אַזוי ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט דאָס מיידל און נישט דער בחור פאַרמאָגן עפּעס, און סיי די עלטערן פונעם מיידל, סיי די מוטער פונעם בחור קאָנען מיט גאָרנישט די קינדער זייערע צוהעלפן, און אַזוי ווי זיי האָבן געוווּסט, אַז די יונגע מענטשן האָבן זיך ליב און ווילן גאָרנישט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר זיך צו פאַרבינדן אויף אייביק, האָט מען זיך זייער גיך דעררעדט. די מוטער פון דודן האָט אָוועקגעשטעלט אויפן טיש לעקעך מיט בראָנפן, זי האָט געשיקט די צוויי דאָרע יונגען רופן עטלעכע קרובים, וואָס האָבן געוווינט אין דער נאָנט, מען האָט אַריינגערופן עטלעכע שכנים און מען האָט געמאַכט אַ „וואָרט״. מען האָט געטרונקען לחיים, געזאָגט זיך מזל־טוב. קיין זמן חתונה האָט מען דערווייל נישט אָפּגעשטעלט, נאָר די מחותנים האָבן זיך געווונטשן, אַז גאָט זאָל זיי צושיקן אַ פּלוצעמדיקע הילף, זיי זאָלן געהאָלפן ווערן און קאָנען בקרוב פירן זייערע קינדער צו דער חופּה מתוך הרחבה.

דער בחור האָט אָבער וואָס גיכער געוואָלט חתונה האָבן. געוואָלט די כּלה זיינע באַפרייען פון דער שטעלע וועגן וועלכער ער האָט שוין געוווּסט, זי זאָל נישט דאַרפן מער דינען ביי יענעם. האָט ער איין מאָל אין אַ אָוונט געמאַכט אַ שמועס מיט זיין מוטער. איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיין כלה קאָן נישט בלייבן ביי דער אַרבעט, ביי וועלכער זי איז איצט באַשעפטיקט. פון זיינע פאַרדינסטן, ווייסט זי דאָך אַליין, קאָן ער אַפילו אויפן באַשיידנסטן אויסהאַלט נישט האָבן. אָבער ער וויל נישט, אַז די חתונה זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויף ווער ווייס ווי לאַנג. האָט ער דע־ריבער צו דער מוטער אַ בקשה, אַז אויף דער ערשטער צייט נאָך דער חתונה

זאָלן די ייִנגלעך אַריבערגיין שלאָפֿן אין זײַן בעט אין דער גרויסער שטוב, און אים מיט רחלען זאָל די מוטער געבן אויף דערווײַל צו וווינען דעם אַלקער, ביז וואַנען רחל וועט קריגן אַ פּאַסיקע אַרבעט און זיי וועלן זיך קאָנען דינגען אַ צימער פֿאַר זיך.

דאָס אַלץ האָט דוד געזאָגט אָן רחלס וויסן. ער איז געווען זיכער, אַז זײַן מוטער וועט דערויף אײַנגיין, האָט ער געוואָלט מאַכן דער כלה זײַנער אַן אָנגענעמע איבער־ראַשונג.

די מוטער איז טאַקע אײַנגעגאַנגען דערויף. וואָס אַן אמת, איז איר נישט געווען צום האַרץ, וואָס דאָס מיידל איז אַזאַ אָרעמע. אָבער זי איז געווען אַ קלוגע און אַן ערלעכע פֿרוי, און רחלס אָרעמקייט האָט נישט פֿאַרשטעלט פֿאַר אירע אויגן די גרויסע מעלות פֿונעם מיידל: אַ זעלטן שיינע, אַ געשיקטע, אַ פּאַסטאַווגע און דערבײַ אַ באַלעזנע און אַ קלוגע. האָט די מוטער זייער גערן נאָכגעגעבן דעם פֿאַרלאַנג פֿון איר עלטסטן זון.

ווען די כלה איז דאָס נאָנטסטע מאָל געקומען צו דער מחותנתטע, ווי נאָר דוד האָט אַראָפּגענומען פֿון איר דעם מאַנטל און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער איר אַ צעשטראַלטער אַ זאָג געטאָן מיט שמחה:

— רחל, כ׳האָב פֿאַר דיר אַ גיטע בשורה. מיר וועלן קענען אין גיכן חתונה האָבן. די מאַמע גיט אונדז דעם אַלקער אויף צי וווינען.

די כלה איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרגליווערטע. נאָך אַ מינוט פֿון אומהיימלעכן שווײַגן איז זי אויסגעבראָכן מיט אַ יאָמערלעך געוויין. זי האָט אַזוי געוויינט, ווי זי וואָלט באַקומען אַ היסטערישן אָנפֿאַל. דודס מוטער, וועלכע האָט געהאַט פּראַק־טיק אין דערטיילן די ערשטע הילף, האָט דערלאַנגט רחלען אַ ביסל וואַסער מיט וואַלעריאַנע־טראָפּנס. ווען איר געוויין האָט נישט אויפֿגעהערט, האָט זי דודס מוטער געקלאַפּט מיט דער האַנט אין די באַקן, געגעבן איר עטלעכע קורצע גערדיכטע קלעפּ.

רחל האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעניכטערט. איבערגעריסן דאָס געוויין און געקוקט אַרום זיך מיט אַ פֿאַרווונדערטן בליק.

— גאָט מאַנער — האָט זי געזאָגט — ווּס איז מיט מיר געשען? כ׳בין געוואָרן אַזוי איבערראַשט, אַז כ׳האָב זיך אין גאַנצן פֿאַרלוירן.

— קינד מאַנס — האָט דודס מוטער גערעדט צו איר מיט איבערגענומענקייט און זאָרג — ס׳האָט זעך ביי דיר עפּעס אַזעלכעס שוין געטראָפֿן?

— גאָט באַהיט. כ׳האָב קיימול אַזעלכעס נישט געהאַט. כ׳דערמאָן זעך נישט, כ׳זאָל אַמול הובן געוויינט. אפשר ווען כ׳בין געווען גור אַ קליין קינד.

זי איז געבליבן זיצן און אָנגעהויבן שמייכלען. איר שמייכל איז געווען אַ פֿאַרוויטיקטער.

— דוד — האָט זי זיך אָנגערופן — כ׳וואָלט זעך זייער געוואָלט אַ ביסל איבערגיין.

דוד האָט איר געהאָלפן אָנטאָן דעם מאַנטל. זי איז צוגעגאַנגען צו זיין מוטער און איר אַ קוש געטאָן אין האַנט.

ווען זיי זענען אַרויס אין דרויסן האָט זי דוד געפרעגט:

— כ׳האָב דיר אונגעזוגט אַזאַ גיטע בשורה אין די האָסט זעך גור אַזוי אויס־טערליש צעוויינט. ווּוס איז געשען מיט דיר? מיר האָבן זעך טויט דערשראָקן.

— דודשי, זאָ מיר טאָזנט מול מוחל. כ׳ווייס נישט ווּוס איז געשען מיט מיר. וויי, וויי איז צי מיר, ווּוס איך האָב אופגעטין. נאָר כ׳וויל דיר עפּעס זוגן. כ׳האָב שטענדיק געטרוימט, אַז ווען כ׳וועל חתונה האָבן, וועל איך וווינען אין אַ שטוב מיט צוויי פענצטערס. יעצט, אַז די האָסט מיר געזוגט, אַז מיר וועלן וווינען אין אַלקער — איז מיר געוואָרן אַזוי שלעכט, שרעקלעך שלעכט. דודשי, כ׳וויל נישט וווינען אין אַלקער! כ׳וויל נישט! כ׳וויל נישט!

זי האָט אים נישט דערציילט דעם גאַנצן אמת, זי האָט אים נישט אויסגעזאָגט, אַז שוין כמעט אַכט יאָר שלאָפט זי כסדר אין פינצטערע אַלקערס, אַז ווי אַ צוועלף־יאָריק קינד איז זי שוין געשלאָפן אויף אַ פרעמד געלעגער, אָן אַ ביסל ליכט פון אַ פענצטער. זי האָט אים נישט דערציילט וויפל מאָל ס׳איז איר אויסגעקומען אין פינצטערן אַלקערל צו דערפילן לעבן זיך דעם הייסן אָטעם און די גיריקע הענט פון צעיושעטע מענער, און וויפל אַנטשלאָסנקייט און כוח זי האָט געמוזט אויסנוצן, בכדי זיי פון זיך אָפּצוויאָגן. ווייל זי האָט דאָס פאַר אים פאַרבאָרגן, האָט ער איר קעגנערשאָפט צו וווינען אין אַלקער אָנגענומען פאַר אַ קאַפּריז פון אַ יונג מיידל און געפרווּוט זי איבעררעדן:

— כ׳ווייס, רחל, אַז ס׳איז שענער און באַקוועמער צו וווינען אין אַ שטוב מיט אַ פענצטער. נאָך בעסער איז צו הובן אַן אייגענע דירה. אָבער, אַז מען האָט נישט קאָ מעגלעכקייט? איז ווּוס? זוג מיר, טייערע, כ׳בעט דיך, ווּוס איז גלאַכער, חתונה צו הובן און וווינען דערווייל אין אַלקער, אָדער זיך אַרומדרייען אַזוי ווי איצט, די ערגעץ אַנדערש, איך ערגעץ אַנדערש, אָפּגעריסן פון זיך, ווּוס איז בעסער?

ווייל זי האָט פאַר אים פאַרבאָרגן אירע גרויסע קוועלן, נישט פאַרטרויט אים דעם סוד פון איר לאַנג־יאָריקער פּיין פון שלאָפן אין פינצטערע אַלקערס, דאָס אַלץ פאַרדרענגט אין זיך, אויסבאַהאַלטן פאַר אים, האָט ער זי נישט פאַרשטאַנען און געגומען ווערן צודרינגלעך און אומגעדולדיק.

איר ווידערשטאַנד איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שוואַכער. געלאָזט זיך איינרעדן, אַז דאָס איז נאָר אויף אַ קורצער צייט, און אַז ווי נאָר ער וועט אָנהייבן בעסער פאַרדינען וועלן זיי זיך אַריינציען אין אַ שיינער שטוב מיט פענצטער, אַז ער וועט

שוין פֿאַר אַלעם זאָרגן ס׳זאָל זיין אַזוי, ווי זי וויל. לסוף האָט זי מיט אַ צעבראָכן געמיט זיך אונטערגעגעבן און מסכים געווען, דערווייל נאָך דער חתונה וווינען אין אַלקער ביי זיין מוטער.

*

מען האָט צו וויסן געגעבן אירע עלטערן זיי זאָלן באַלד קומען קיין וואַרשע אָפּשמועסן דעם זמן חתונה. דוד האָט געפֿאָדערט מען זאָל די חתונה מאַכן אין אַ חודש אַרום. רחלס עלטערן האָבן נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס איז דאָס איילעניש, פֿאַר וואָס דאַרף מען אַזוי יאָגן. רחלס מוטער האָט געקוקט אויף דער טאָכטער מיט אַ פּאָר אויסגעשראָקענע אויגן. זי האָט אויסגענוצט אַ געלעגנהייט, ווען זיי זענען געווען אַליין און זי געפֿרעגט, צי איז מיט איר עפּעס נישט געשען. רחל האָט איר פֿאַרזיכערט, אַז ס׳איז גאָרנישט געשען. פּשוט, דוד וויל וואָס גיכער חתונה האָבן. מן הסתם וויל ער נישט זי זאָל זיין אַ דינסט אויף אַ שטעלע.

רחלס מוטער איז געבליבן אין וואַרשע. פֿון דעם קאַרגן ביסל געלט, וואָס די טאָכטער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט, האָט מען איינגעקויפֿט פֿאַר איר אַ ביסל וועש און בעטגעוואַנט.

די חתונה איז געווען אַ שטילע, אָן כלי־זמרים, אָן סאַרווערס. זי איז פֿאָרגעקומען ביי דעם חתנס אַ קרוב. רחל איז געווען צופֿרידן, וואָס מען מאַכט אַ שטילע חתונה. דער אַלקער, אין וועלכן זי וועט זיך דאַרפֿן נאָך דער חתונה אַריינציען, האָט געדריקט אויף איר געמיט און פֿאַרצערט אַ גרויסן טייל פֿון איר שמחה.

דאָס ווייסע חופּה־קלייד, דער וועלאָן, די ווייסע לעטשלעך און אַפֿילו די לאַנגע, ביז די עלנבויגנס, גלאַסע־הענטשקעס, אַלץ איז געווען געבאָרגט, גענומען אויף נוץ־געלט.

רחל האָט אַפֿילו נישט געוואָלט מען זאָל אַריינשטעלן צוויי בייע בעטן אין אַלקער. זי האָט מיט דעם אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס איז נאָר אויף דערווייל. מען האָט נאָר געטוישט דאָס שטרוי אין די שיעניקעס פֿון די צוויי שמאָלע אייזערנע בעטלעך.

חתן־כלה, ער אין אַ געבאָרגטן סמאָקינג און זי אין חופּה־קליידונג גענומען אויף נוץ־געלט, האָבן געבלענדט, געריסן די אויגן מיט זייער שיינקייט, כאָטש אויף איר צעשמייכלט פּנים איז איצט געלעגן אַ נעפּל פֿון טרויער.

די יונגע מענטשן זענען צוגעפּאַלן צו זיך מיט דער אויסגעבענקטקייט, וואָס נאָר יוגנט קען זי, וואָס נאָר יונגע יאָרן זענען דורכגעזאַפּט מיט איר.

זיי זענען געווען פֿאַרליבט אין זיך, אַנטציקט מיט זיך. איר האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז אַלע קוועלן פֿון איר ביז איצטיקן לעבן זענען פֿון איר אַוועק און ס׳איז געבליבן בלויז פֿרייד.

אָבער, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי, אין דער פינצטערניש פונעם אַלקער, און מיט אַן אויסגעשטרעקטער פון בעט האַנט אָנגערירט די בלינדע, שטומע וואַנט, וועלכע איז געשטאַנען האַרט ביי איר געלעגער, האָט זי אין גאַנצן אויפגעציטערט. ס׳איז איר באַפאַלן אַ קלעמענדיקע ענגשאַפט. זי האָט קיין רגע נישט געקאָנט בלייבן אין בעט און אַרויסגעלאָפן פון אַלקער, ווי מען וואָלט זי געיאָגט פון דאָרט.

דער טרוים, אַז אין דער פרי וועט זי ליגן אין בעט און ביים ליכט, וואָס וועט אַריינשיינען פון פענצטער, וועט זי קוקן, לאַנג קוקן, אויף איר מאַן, וואָס ליגט לעבן איר, קוקן אויף אירע זאַכן, וואָס רינגלען זי אַרום, אַרויסקוקן דורכן פענצטער און זען דעם טאָג, זען אַ שטיק הימל, צי אַפילו בלויז די קיילעכדיקע שטיינער פון אַ הויף, זען עפּעס — דער טרוים איז איר נישט מקוים געוואָרן. ס׳איז איר געבליבן די הייסע באַנטקייט, וואָס האָט געזעטיקט איר לייב, אָבער אירע אויגן זענען געבליבן הונגעריקע, טויט הונגעריקע.

ס׳איז איר געווען ענג די וועלט. זי האָט זיך געקלאַמערט אין מאַן. ווען ער האָט באַקומען אַרבעט אויף עטלעכע טעג, איז זי אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרבלאָנ־דזשעטע. זי האָט געוואָלט ער זאָל נישט גיין אַרבעטן, נאָר גיין מיט איר שפּאַצירן. גיין אין גערטנער, אין פּאַרקן. כאָטש ס׳איז געווען ווינטער און די ביימער זענען געשטאַנען שטייפע און נאַקעטע און אין די גערטנער האָבן געבלאָזן קאַלטע ווינטן, האָט זי נאָר געוואָלט גיין איבער ברייטע שטחים, גיין און גיין, אַרויס פון שטוב, ווייט פון דעם אַלקער.

פונעם ווייַן האָט אָנגעהויבן ווערן עסיק. נישט דער מאַן און נישט די שוויגער האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז מיט איר געשען. רחל איז געוואָרן נערוועז. בייַנאַכט האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז די ווענט גייען אויף איר און ווילן זי דערשטיקן. זי פלעגט זיך אויפרייסן פון שלאָף מיט אַ געשריי. זיי האָבן זיך גע־טוישט מיט די געלעגערס. דער מאַן איז איצט געשלאָפן ביי דער וואַנט און זי ביים איינגאַנג אין דעם אַלקער. אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. זי האָט געהאַט קאָשמאַרע חלומות. ס׳פלעגט זיך איר חלומען, אַז פרעמדע מענער שטרעקן אויס זייערע גיריקע הענט נאָך איר, רייסן זיך צו איר לייב. זי האָט זיך מיט זיי געראַנג־גלט, אָפּגעשטויסן פון זיך מיט אַלע כוחות, און זי פלעגט זיך אויפוועקן אַ טויט־דערשראָקענע און אָן אָטעם.

די שוויגער האָט געזוכט פאַר איר אַרבעט. אָבער זי האָט נאָר געפונען באַ־שעפטיקונג פאַר איר ביי קראַנקע. רחל איז איצט געווען אין אַזאַ מצב, אַז זי האָט ביי קראַנקע נישט געקאָנט אַרבעטן. זי האָט נישט געהאַט מיט זיך וואָס צו טאָן. איר שיינקייט האָט אָנגעהויבן פאַרשאָטנט ווערן פון אַ גרויסן טרויער.

✶

איין מאָל איז רחלס שוויגער געקומען אַהיים אין גאַנצן אַ צעשטראָלטע. זי האָט דערציילט, אַז אירס אַ באַקאַנטער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט וועגן אַ פּאָסטן אין אַן אַמבולאַטאָריע פֿאַר קומענדיקע קראַנקע אויף דער קרולעוסקע גאַס. מען דאַרף דאָרט האָבן אַן אויפֿזעערין, וואָס זאָל אַכטונג געבן, אַז אַלע צימערן זאָלן זיין ערשטקלאַסיק אויפֿגערוימט, אַכטונג געבן אויף די טייערע איינריכטונגען און מכשירים. די אַרבעט איז נישט קיין שווערע, נאָר אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע. די אַמבו־לאַטאָריע צאָלט דערפֿאַר אַ שיינעם געהאַלט און גיט אַ פֿולשטענדיק איינגעאָרדנט צימער צו וווינען, אַפֿילו פֿאַר אַ פּאָר־פֿאָלק. אויך ליכט און באַהייצונג גייט אויף דער רעכענונג פֿון דער אַמבולאַטאָריע. דער דאָקטאָר האָט געוווּסט, אַז דודס מוטער זוכט אַרבעט פֿאַר איר שנור, האָט ער איר וועגן דעם פּאָסטן געזאָגט און דערביי צוגעגעבן, אַז מען דאַרף זיך צואיילן, ווייל בעלנים אויף אַזאַ אַרבעט זענען פֿאַראַן אַ סך. רחל זאָל זיך פֿאַררופֿן אויף אים. זיין רעקאָמענדאַציע וועט איר פֿאַרזיכערן דעם פּאָסטן.

רחל איז מיט אַ מאָל געוואָרן פֿריילעך, ווילד פֿריילעך, געטאַנצט און געשפּרונ־גען, אַרויס אין גאַנצן פֿון זיך. דוד האָט זיך געלאָזט מיטרייסן מיט איר פֿרייד. זיי האָבן געוואָלט ס׳זאָל שוין זיין צו מאָרגנס, און זי זאָל קאָנען צוגיין אין דער אַמבולאַטאָריע זיך פֿאַרשטענדיקן.

זי האָט איבערגעלעבט אַ גליקלעכע נאַכט, אייגנטלעך די ערשטע נאָך־חופּה־נאַכט מיט בלויז פֿרייד, אָן קלעמעניש, אָן אומעט, אָן אַנטוישונג.

צוגיין אין דער אַמבולאַטאָריע האָט זי ערשט באַדאַרפֿן פֿאַרנאַכט־צו, נאָך די אויפֿנעם־שעהען. דעם טאָג האָט רחל אַלץ געטאָן אַליין אין שטוב. נישט געלאָזט דער שוויגער, וואָס האָט גראָד געהאַט אַ פֿרייען טאָג, זיך צו גאָרנישט צורירן. זי האָט אַלץ געטאָן אין אַ גרויסער פֿאַרטראַגנקייט, אָבער געניי און פּינקטלעך.

ווען דער אָוונט איז צוגעפֿאַלן און רחל האָט באַדאַרפֿן צוגיין וועגן דעם פּאָסטן, האָט זי זיך נישט געטרויט צו גיין אַליין. זי האָט מיטגענומען דודן. צוקומענדיק צום הויז, ווו ס׳איז געווען די אַמבולאַטאָריע, האָט רחל פֿאַרריסן דעם קאָפּ און געזען אויפֿן ערשטן שטאָק אַ גאַנצע שורה פֿענצטער מיט מאַטע שויבן. די אונ־טערשטע העלפֿט שויבן זענען געווען באַמאָלן מיט ווייסער אייל־פֿאַרב און אויף דעם מיט שוואַרצע לאַקירטע אותיות: „אַמבולאַטאָריום״.

ס׳האָט זי צעשפּאַרט אַ געפֿיל פֿון שטאָלץ פֿון דער שיינער גאַס, פֿון די פֿענצטערס מיט די שיינע אויפֿשריפֿטן. זיי זענען אַרויף אויפֿן ערשטן שטאָק, געעפֿנט די טיר און דורך אַ קאָרידאָר אַריין אין אַ גרויסן וואַרטע־זאַל, ווו ביי אַ שרייב־טיש איז געזעסן אַ סעקרעטאַרין, אַ יונגע פֿריילין.

זיי האָבן איר געזאָגט וועגן וואָס זיי זענען געקומען. די יונגע מענטשן זענען איר געפעלן געוואָרן פון ערשטן בליק. זי האָט זיי געוויזן די צימערן, פינף אַחוץ דעם וואַרטע־זאַל. נאָך דעם האָט זי זיי געפירט אין צימער, וואָס איז געווען באַשטימט צו וווינען. די סעקרעטאַרין האָט געעפנט די טיר, אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע ליכט און זיי אַריינגעבעטן.

דאָס איז געווען אַ גענוג גרויס צימער. ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַ בעט, אַ קאָמאָדע, אַ טיש מיט עטלעכע שטולן, און אין אַ זייט אַ ווייס בלעכן טישל מיט אַ דאָפּלטער גאַז־מאַשינקע.

דאָס צימער האָט געהאַט אַ גרויס פענצטער, באַמאָלן מיט ווייסער אייל־פאַרב און פאַרהאָנגען מיט אַ פאַרהאַנג. די ווענט זענען געווען, ווי אין אַלע צימערן, ווייס לאַקירט. ס׳האָט געבלאַנקט פון ריינקייט. דער ווייסער קאַכל־אויוון האָט פאַר־שפּרייט אַ ליבע וואַרעמקייט.

רחל האָט גאָרנישט געזען אַחוץ דאָס פענצטער. זי איז געווען ווי בלינד אויף אַלעם אַרום, זי האָט נאָר געזען דאָס איינע אָרט. זי האָט אַפילו נישט גענוי געהערט די גרייס פון געהאַלט, וואָס זי וועט באַקומען; זי האָט כמעט נישט געהערט די אָנווייזונגען, וואָס די סעקרעטאַרין האָט איר געגעבן; נישט געהערט, ווען זיי דאַרפן זיך אַריינציען. זי האָט נאָר דערפילט, ווי דוד ציט זי ביי אַן אַרבל און זאָגט צו איר: — קום.

זיי האָבן זיך געזעגנט און אַרויס. — דוד, דודשי, ווּס זוגסטי דערצי? — האָט זי געשעפּטשעט. ערשט איצט איז זי געוואָר געוואָרן, אַז שבת נאָך מיטאָג דאַרפן זיי קומען נאָך די שליסלען און זונטיק אין דער פרי, אין דעם טאָג, ווען מען נעמט נישט אויף קיין קראַנקע, זיך אַריינציען.

אויפן וועג אַהיים זענען זיי אַריין צו דאַמאַזערן אין וווּרשטן־געשעפט אויף גראַניטשנע. געהייסן זיך דערלאַנגען הייסע קישקעלעך מיט פרישע קייזערקעס. ס׳האָבן געקנאַקט אונטער זייערע ציין די אויסגעבאַקענע קייזערקעס און ס׳האָט זיך זיי געגאָסן איבער די מיילער דער זאַפט פון די קישקעלעך. זיי האָבן פאַרטרונקען מיט גלעזער ווייס ביר.

ס׳זענען ביי זיי אַוועק עטלעכע יום־טובדיקע טעג. דאָס פאָר־פאָלק האָט ערשט איצט געפּראַוועט זייערע שבע־ברכות, וועלכע זענען זיי באַלד נאָך דער חתונה פאַרשטערט געוואָרן צוליב איר געדריקטער שטימונג. ווען ס׳איז געקומען דער שבת און זיי זענען געגאַנגען נאָך די שליסלען, איז רחל געבליבן שטיין ביים טויער פון הויז אויף קרולעווסקע און געבעטן דודן, ער זאָל אַליין אַרויפגיין אין דער אַמבולאַטאָריע נעמען ביי דער סעקרעטאַרין די שליסלען. — דודשי, כ׳האָב מורא אַראָפּצוגיין, כ׳האָב מורא, כ׳זאָל זעך אַליין נישט קאָ נעהאָרע געבן.

זונטיק באַלד אין דער פֿרי האָבן זיי פּאַרפּאַקט דאָס בעטגעוואַנט, דאָס ביסל וועש און מלבושים האָבן זיי שוין פֿריער געהאַט פּאַרפּאַקט — און דוד איז געגאַנגען רופֿן אַ דאָראָזשקע.

רחל האָט זיך דערוויל געזעגנט מיט דער שוויגער. זי איז איר געפֿאַלן אויפֿן האַלדז, געקושט און צוגעדריקט זיך צו איר. זי האָט געבעטן די שוויגער זאָל איר מוחל זיין דאָס עגמת־נפש, וואָס זי האָט געהאַט צוליב איר. צוגעזאָגט, אַז זי וועט שוין פֿון היינט אָן זיין פֿריילעך און דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט איר צוגעשיקט אַזאַ מאַן, און קוקן מיט בטחון אויפֿן מאָרגנדיקן טאָג.

זי האָט אויך אויסגעקושט די דאַרע באַקן פֿון די צוויי לאַנגע יונגען, דודס ברידער.

ס׳איז אַריינגעקומען דוד. זיך געזעגנט מיט דער מאַמען, און אַלע דריי, דוד מיט די ברידער, האָבן אַרויסגעטראָגן דאָס בעטגעוואַנט, דעם קויש און דאָס בייע אויס־לייג־בעטל, וואָס זיי האָבן געקויפֿט, אַוועקצושטעלן ביינאַכט נעבן דעם בעט, וואָס איז געשטאַנען אין דעם צימער, אין וועלכן זיי האָבן זיך איצט אַריינגעצויגן.

מען האָט די אַלע זאַכן פֿאַרלאָדנט אויף דער דאָראָזשקע. דוד האָט געקלאַפּט די ברידער איבער די פּלייצעס. אָנגעזאָגט אַכטונג צו געבן אויף דער מאַמען. זיך אַוועקגעזעצט נעבן רחלען. דער דאָראָזשקאַזש האָט אַ מאַך געטאָן: „וויאָ״, און זיי האָבן גערירט פֿון אָרט.

רחל איז דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געפֿאָרן אין אַ דאָראָזשקע. אַפֿילו צו דער חתונה האָט מען זי אָנגעטאָן ביי אַ שכן פֿון דודס קרובֿ, ביי וועמען די חתונה איז פֿאָרגעקומען. זי האָט נאָר דעמאָלט באַדאָרפֿן אַראָפּגיין פֿון אַ שטאָק שטיגן, בישט מער.

איצט איז זי געפֿאָרן מיט איר מאַן און זייערע זאַכן איבער די וואַרשעווער גאַסן. ס׳איז נאָך געווען זייער פֿרי. אַ ווינטערדיקער פֿרימאָרגן. די זון, אַ נידעריקע, האָט זיך אויסגעשיילט פֿון פֿאַרטאָגיקן נעפּל, ווי פֿון אַ ווייכער שאָל. זי האָט געלויכטן מיט אַ ווייטער, ווייסלעכער ליכט. דער פֿראָסט האָט געשטאָכן די אויערן און געסמאַליעט די באַקן. רחל האָט דאָס אַלץ נישט געפֿילט. איר האָט זיך אויס־געוויזן, אַז אַלץ איז היינט אַנדערש און שיין. אַלע גאַסן, אַפֿילו די אָרעמע פֿאָר־וואָגזקעס האָבן איצט אין אירע אויגן געהאַט חן. זיי זענען געפֿאָרן דורך גאַסן, וועלכע רחל האָט זייער גוט געקענט, נאָר איצט האָט זיך איר אויסגעדאַכטן, אַז זי זעט זיי דאָס ערשטע מאָל. זי האָט גאָרנישט געטראַכט, נאָר טיף געאָטעמט, געשלונגען שטיקער פֿראָסט.

דער וועג האָט איר אויסגעזען זיך צו ציען שעהען לאַנג. די גאַסן זענען אין דעם זונטיקדיקן פֿרימאָרגן געווען ליידיק. נאָר נעבן גזשיבאָווער פּלאַץ האָט מען

געזען איינצלנע עלטערע קריסטן און קריסטינס מיט תּפילה־ביכלעך אין די הענט גיין אין קאָשטשאָל אַריין.

זיי זענען ענדלעך אָנגעקומען אויפֿן אָרט. דוד האָט אַרויפֿגעטראָגן דעם קויש און רחל איז געבליבן אַ ווייל וואַרטן אין דער דראָזשקע. באַלד איז ער צוריק־געקומען. ער האָט גענומען דאָס בעטגעוואַנט און רחל דאָס אויסלייג־בעטל און זענען אַרויף אויף די שטיגן, אין זייער נייער דירה.

דורכן קאָרידאָר און גרויסן וואַרטע־זאַל זענען זיי אַריין צו זיך. די ווייס־לאַקירטע ווענט און די אויף ווייס געמאָלענע שויבן פֿון דעם פֿענצטער האָבן אין דעם גאַנץ פֿריען, פּראָסטיקן מאָרגן אָפּגעשלאָגן מיט העלקייט.

דוד האָט זיך אויך דערפֿילט דערהויבן. אים האָט זיך פֿאַרוואָלט פֿאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס. ער האָט געזוכט אין די קעשענעס און זיי נישט געפֿונען.

— רחל — האָט ער זיך אָנגערופֿן — כ׳האָב פֿאַרגעסן צו נעמען די פּאַפּיראָסן. כ׳לויף אַרופּ אויף אַ רגע צום קיאָסק און קים שוין צוריק.

ווען רחל איז געבליבן אַליין, האָט זי מער נישט אויסגעהאַלטן. כאָטש ס׳איז געווען אין דרויסן אַ שטאַרקער פֿראָסט און אין דער שטוב איז נאָך נישט געווען איינגעהייצט, איז זי צוגעלאָפֿן, אַוועקגערוקט דעם פֿאָרהאַנג און אַ פּראַל־אויף געטאָן דאָס פֿענצטער.

...אין דער נאָז האָבן איר אַ שלאָג געטאָן די ריחות פֿון עטער און יאָד. ס׳האָבן איר אַ בלענד געטאָן פֿאַר די אויגן ווייסע, לאַקירטע ווענט פֿון אַ צימער. זי האָט דערזען שטיין אַ ווייסן כירורגישן טיש און איבער אים איבערגעבויגן אַ גרויס, מאַט אויג פֿון אַ רעפֿלעקטאָר אין אַ קאָפּ מיט אַ ניקלנעם שיידל. אין אַ זייט — אַ דענטיסטישע שטול מיט צוויי ווייסע פּויסטן אויף אונטערצושפּאַרן דעם קאָפּ, און לעבן איר אַ צאָן בויער־מאַשין, ווי אַן אייזערנע בייטש. זי האָט געקוקט אויף די ווייסע טישלעך מיט די בלאַנקענדיקע סטעריליזאַטאָרן, אויף די צוויי ווייסע, באַגלאָזטע שענקלעך, מיט לאַנצעטן, צוואַנגען, זעגלעך, בויערס, זאָנדעס, שערן, פּינצעטן, שפּריצן און גלעזערנע שאַכטלען מיט געלע און רויטע גומענע הענטשקעס, באַשיטע מיט ווייסן פּודער.

זי האָט דאָס אַלץ געזען מיט אַ פֿאַרווירטער בולטקייט און אכזריותדיק קלאָר באַנומען, אַז דאָס פֿענצטער גייט נישט אַרויס אין דרויסן, נאָר אין דעם כירורגיש־דענטיסטישן קאַבינעט.

זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די פֿיס און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר. זי איז אַזוי געבליבן זיצן אַ פֿאַרשטייפֿטע, און דאָס אַלץ וואָס זי האָט מיט אַ רגע פֿריער געזען, איז געפֿאַלן אויף איר און זי צוגעדריקט, ווי דאָס געשעט, ווען אַ הויז פֿאַלט איין בעת אַן ערד־ציטערניש.

רחל פישמאַן

איילבירטן

גרויער סוף־זומערדיקער סאָד מײַנער.
וויפל בלעטער, וויפל איילבירטן,
וויפל גרין־זילבער
דו פאַרמאָגסט!

הייסער טאָג,
הויפנס
שטויב און פרוכט און שווײַגן
נעם איך צו פאַר זיך.
די שכינה
בלײַבט אָבער דײַנע.

כ׳ווער מיד.
מיט צווייפל
מיין פנים פאַרשמירט.
מיט זומער.

סאָד!
לאָז מיך דאָ
אין דער שכינה־נאַכט.
איך דאַרשט צום סוד פון רו
און גלויבן.
כ׳וועל דײַן וואַכן שלאָף ניט שטערן.
סוף־זומערדיקע שטויבן:
דעקט מיך צו —
ווי אַ נס,
ווי אַ טוי,
ווי די שכינה די ביימער.

ברוך קרוא

יידיש –
א מקור פאַר העברעיש

ס׳איז אַ קיימא־לן, אַז יידיש האָט אין זיך 33 פּראָצענט העברעיִשע ווערטער. איך האַלט, אַז ס׳איז אַ מינימום, ווייל כלי־קודש און למדנים באַנוצן אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט. אָבער 33 פּראָצענט איז אויך אַ סך. און מ׳מוז קלערן, פון וואַנען נעמט זיך בכלל דער העברעיִשער יסוד פון יידיש. געוויינלעך מיינט מען, אַז, פּשוט, פון דער העברעיִשער הייליקער ליטעראַטור: פון תנ״ך, גמרא, שולחן־ערוך, פון וואַנען דען? ס׳האָט דאָך קיינער אין גלות נישט גערעדט העברעיִש, נאָר געשריבן, און פון אָט די ספרים זענען אַריינגענומען אַ סך ווערטער אין יידיש.

וואָס טוט גאָט? איז די מעשה נישט אַזוי. ס׳איז פאַראַן אין יידיש אַ שלל פון ווערטער, וואָס זענען נישטאָ נישט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור און ממילא נישט אין די העברעיִשע ווערטערביכער און זענען נאָך זייערע שרשים פּאָרט העב־רעיִש. מען קען אָט די ווערטער איינטיילן אין צוויי גרופּעס: ווערטער וואָס זענען בכלל נישטאָ אין העברעיִש, און ווערטער, וואָס זענען יאָ דאָ אין העברעיִש, אָבער מיט אַן אַנדערן פּשט. אָט נעמט דאָס וואָרט „שלל״ אין אָנהייב פון אָט דעם אָבזאַץ: אין העברעיִש הייסט עס נאָר רויב אָדער שפּייז, און אין יידיש הייסט דאָס אַ סך, אַ מאַסע. און אַ ביישפּיל פון אַ וואָרט, וואָס איז בכלל נישטאָ אין געשריבענעם העברעיִש (חוץ חסידות און השכלה און מאָדערנע ליטעראַטור, וואָס האָט שוין געשעפּט דווקא פון יידיש), האָט איר, למשל: „חוזק״.

וואָס איז דער היוצא לנו מזה?

פאַרטראַכטן מיר זיך אַ ביסל וועגן דעם אָנהייב פון יידיש, ווי אַזוי איז געווען די מעשה. טיטוס האָט פאַרטריבן יידן פון ארץ־ישראל, גאַנצע שיפן מיט געפאַנגענע זענען געקומען קיין רוים. ווי אַזוי האָבן זיי גערעדט? קיין שום ספק נישט: אַ העברעיִש־אַראַמישן דיאַלעקט, ענלעך צו דער שפּראַך פון תלמוד ירושלמי, הונדערט פּראָצענט. אָבער נאָך עטלעכע יאָר אין גלות רומי האָבן זיי אָנגעהויבן אַריינמישן לאַטייניִשע ווערטער, שפּעטער פראַנצייזישע, דייטשע, סלאַווישע און אַזוי ווייטער. דורך פאַרשידענע היסטאָרישע סיבות האָט זיך געשטאַרקט דער דייטשער עלעמענט, און פון העברעיִש איז געוואָרן וויניקער, ביז ס׳זענען געבליבן, לאָמיר זאָגן, מער ווי דרייסיק פּראָצענט.

דאָס הייסט, יידן אין גלות האָבן שטענדיק גערעדט העברעיש, נאָר מיט דער צייט האָט זיך דער העברעישער עלעמענט פאַרקלענערט.

אָבער פאַרקלענערט נאָר קוואַנטיטאַטיוו, אין דער צאָל פון די ווערטער. נישט קוואַליטאַטיוו — אין זייער חשיבות. דאָס בעסטע, דאָס זאַפטיקסטע, דאָס הייליקסטע, דאָס רוחניותדיקע איז געבליבן העברעיש. אָבער לאו דווקא העברעיש פון ספרים. אַ סך ווערטער זענען מיטגעקומען פון ארץ־ישראל פון דער גערעדטער שפּראַך. די העברעישע ליטעראַטור האָט, ווי באַקאַנט, און ווי ס'קען גאָר אַנדערש נישט זיין, נישט מיטגענומען דעם גאַנצן אוצר פון דער העברעישער שפּראַך, אָבער דאָס פאָלק יאָ. מער נאָך, די העברעישע ליטעראַטור, וואָס איז שטענדיק געווען אַ הייליקע, רעליגיעזע (דאָס איינציקע נישט רעליגיעזע בוך איז שיר־השירים, ווערט עס אויך פאַרטייטשט ווי אַ הייליקער משל), ממילא האָט זי נישט געוואָלט און נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אַריינצונעמען אַלע ווערטער. מאָלע וואָס דאָס פאָלק רעדט! אָבער די גערעדטע שפּראַך, וואָס איר המשך איז יידיש (אָדער לאַדינאָ, דאָס איז דער זעלבער פּרינציפּ), האָט מיטגענומען העברעישע ווערטער, וואָס זענען נישטאָ אין דער געשריבענער ליטעראַטור, און אַזוי ווי העברעיש שעפּט מאז ועד היום פון דער געשריבענער, דער הייליקער ליטעראַטור, זענען אַ סך ווערטער געבליבן אין דרויסן.

נישט נאָר ווערטער. אויך טייטשן, באַדייטונגען. דאָס וואָרט איז דאָ אין העברעיש, אָבער דער טייטש איז נאָר אין יידיש. אַ משל — „שלל" (זע אויבן), און נאָך מער נייע באַשעפענישן: ווערטער, געמישטע פון יידיש און העברעיש, למשל: „אומחן" (דער הפך פון חן); אָפט צוויי העברעישע ווערטער אין נישט גראַמאַטישן סדר, אָבער מיט אַן עקסטרע באַדייטונג, וואָס איז נישטאָ אין העברעיש, למשל: „דם שונא"; אַ שלל מיט פעלים, וואָס דער שורש איז העברעיש, אָבער דורך אַ יידיש־דייטשן צוגאָב האָט דאָס וואָרט אַן אַנדער פנים, למשל, „פאַרקנסן", „איינטענהן", „אָפּשמדן".

איך קום דאָס מאָל נאָר צו ברענגען אַ קורצע רשימה פון ריין העברעישע ווערטער, דאָס הייסט, וואָס דער שורש און די פאָרם זענען כשר העברעיש, אָבער זיי זענען נישטאָ נישט אין דער העברעישער ליטעראַטור פון אַלע דורות, און נישט אין די ווערטערביכער. אַוודאי קען מען אַזעלכע זאַכן נישט זאָגן מיט הונדערט פּראָצענט זיכערקייט. מיר האָבן נישט קיין קאָנקאָרדאַנציע פון נאָך דער גמרא, און פון דער גמרא האָבן מיר דערווייל נאָר אַ האַלבע קאָנקאָרדאַנציע. אָבער, ערשטנס, האָב איך יאָרן לאַנג בודק געווען עד כמה שידי מגעת. צווייטנס, האָב איך אין יעדן פאַל, וואָס ס'איז געווען אַ ספק ספיקא, בעסער נישט געבראַכט דאָס וואָרט. בניגוד צו יעדן לעקסיקאָגראַף, וואָס וויל געבן אַ מאַקסימום, גיב איך אין

מיין רשימה נאָר אַ מינימום, ווייל איך מאַך דאָ נישט קיין ווערטערבוך. וואָס איך וויל, איז צו באַווייזן אָדער אָנווייזן, אַז אין יידיש איז פאַראַן אַ סך ווערטער, וואָס זייער שורש איז העברעיש און דאָך זענען זיי נישט גענומען פון ספרים. אָבער איך מוז איבערחזרן: פון ספרים מיין איך — תנ״ך, מיטלאַלטער־ליטעראַטור, ביי אונדז ביז דעם 18טן יאָרהונדערט. ווייל פון סוף 18טן יאָרהונדערט אָן האָבן שוין העברעישע ספרים געשעפּט פון יידיש, דאָס איז עד היום אַזוי, ווען אויך נישט גענוג און נישט דאָרט ווו מען דאַרף.

מיין טעזע איז: יידן האָבן שטענדיק גערעדט העברעיש, נאָר פון 100 פּראָצענט איז געוואָרן ווייניקער. אַ סך איז מיטגענומען פון ארץ־ישראל, אָבער אַ סך איז ביי געשאַפן, טאַקע אין גלות. אַזוי אַז איך האָב דאָך אָפּגעקליבן אַ פּאָר הונדערט ווערטער, וואָס זענען בלי ספק העברעיש, אָבער ווערן געברויכט נאָר אין יידיש אָדער אין העברעישער ליטעראַטור, וואָס איז שוין מושפע פון יידיש רעדן אָדער יידיש שרייבן.

ביי יעדן וואָרט גיב איך די באַדייטונג און דאָס שייכות פון העברעיש, אויב ס'איז דאָ אין דער ליטעראַטור אַזאַ שורש און אויב נישט, אויב ס'איז נאָר אַן אַנדער באַדייטונג אָדער עפּעס גאַנץ נייעס, וכדומה.

איך מוז נאָך אַ מאָל זאָגן, אַז דאָס זעלבע וואָס איך שרייב דאָ וועגן יידיש, איז חל אויך אויף לאַדינאָ פון די ספרדישע יידן. אויך זיי האָבן אַ סך העברעישע ווערטער, וואָס זענען נישטאָ אין דער ליטעראַטור, אָדער האָבן אַן אַנדער באַדייטונג. אָבער איך בין נישט דער בר־הכי פאַר לאַדינאָ.

און איצט דער עיקר. די העברעישע אוצרות פון יידיש האָבן באַרייכערט מיט פאָלקסטימלעכע ווערטער און פראַזעס נישט נאָר די העברעישע ליטעראַטור פון די לעצטע יאָרהונדערטער און די ארץ־ישראלדיקע ליטעראַטור ביז דער מדינה, נאָר אויך די גערעדטע העברעישע שפּראַך. איך האַלט, אַז די אַשכנזישע עליה, וואָס האָט על־פּי רוב גערעדט יידיש, האָט בעל־כרחה משפּיע געווען אויף דער נייער העברעישער שפּראַך. אָט דער חנווני פון מכולת, וואָס האָט גערעדט העברעיש געמישט מיט יידיש האָט, נישט ווויסנדיק, אַריינגעבראַכט אַ סך מחיהדיקע העב־רעישע עלעמענטן, וואָס זענען נישט געווען אין דעם האַלב־משכילישן חובבי־ציונדיקן, גערעדטן העברעיש. און דאָס איז אַ באַרייכערונג, אַ פאַרנאַטירלעכונג, דאָס איז געווען אַ סם שכנגד צו דער קינסטלעכקייט פון דעם ערשטן העברעיש־רעדן, בן־יהודהס סגנון האָט דאָס ניט געוואָלט און ס'איז ניט קולט געווען, אָבער דאָס פאָלק האָט דאָס אָנגענומען און די ליטעראַטור, די בעסטע ליטעראַטור, האָט דאָס אויפגעכאַפּט. זע הזז און עגנון און נאָך פיל אַנדערע, אויך די צייטונגען, דאָס טעאַטער, מ'קאָן דערפון מאַכן אַ גאַנצע דיסערטאַציע.

איך גיי נאָך אַ שריט ווייטער, כאָטש מיט סכנת נפשות. איך טענה, אַז ביי אונדזערע אַנדערע שרייבער, זאָלן לעבן, פעלט אָט דער לעבעדיקער עלעמענט, פּונקט ווי ער האָט געפעלט דער השכלה־ליטעראַטור. פון גאָרדאָן, מענדעלע און ביאַליק, ביז בערקאָוויטש און שטיינמאַן און באַראַש און שנהר, אומגעפער, לעבט דער סגנון, ווייל ער האָט, חוץ אַלעמען, אָט דאָס זאַלץ און שמאַלץ פון דער מאַמעס קיך דווקא אויף העברעיש, אויף לעבעדיק העברעיש גערעדט, אָבער אין לעקסיקאָן נישט פאַרצייכנט. איך בין זיכער, אַז אויך די זייער פיל פּעלים, וואָס זענען פאַר־יידישט און דערביי זייער אַנטוויקלט, האָבן אויך געווירקט אויף אָט דער עפּאָכע אין דער ליטעראַטור: פאַרחושכט, פאַרחידושט, פאַרצרהט, פאַרתכלעוועט — מען קען אָנציילן הונדערטער אַזעלכע ווערטער — זענען פאַרהעברעישט געוואָרן אין אַן אַנדער פאָרעם נאָר ביי די שרייבער, וואָס האָבן געקאָנט יידיש און מושפּע געוואָרן פון עולים, וואָס רעדן יידיש.

איך וויל ענדיקן מיט נאָך אַן אַפּיקורסות. ביי ויכוחים וועגן אַן עליה פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד טענהט מען, אַז די עליה וועט שפּראַכלעך ברענגען שאָדן: אָדער זי וועט רעדן רוסיש און זיין אַ לאַנגע צייט איזאָלירט, אָדער זי וועט רעדן יידיש און דערמיט שטערן די העברעיזירונג. איך האַלט אַז דאָס איז אַ טעות. די וואָס וועלן קומען, וועלן קענען יידיש און מיט זייער יידיש וועלן זיי אַריינברענגען געזונטע העברעישע עלעמענטן אין דער גערעדטער און געשריבענער שפּראַך. ווען דער רוב פון דער עליה וואָלט נישט געווען ביז היינט על־פּי רוב פון יידן וואָס רעדן יידיש און לאַדינאָ, וואָלט די העברעישע שפּראַך זיך נישט אַזוי גיך און אַזוי לעבעדיק אַנטוויקלט. ס׳איז אַן אונטערשייד, אויב מ׳הייבט אָן מיט גאָרנישט אָדער מיט 30 פּראָצענט, און איך טענה, אַז אַ סך יידן האָבן גערעדט מיט מער ווי 30 פּראָצענט העברעיש. 30 פּראָצענט איז נישט קיין דורכשניט, נאָר אַ מינימום.

איך וועל מיר דערלויבן דאָ צו געבן אַ מין גראַמאָפאָן־פּלאַטע פון מיין זכרון. אַ מאָנאָלאָג פון מיין זיידן עליו השלום, אַ רב אין אַ קליין שטעטל. שטעלט אייך פאָר: שבת צו נאָכטס נאָך הבדלה, אין שטוב איז אַ מין קלוב פון תלמידי חכמים, די טיר עפנט זיך און ס׳קומט אַן אורח, וואָס לייענט אַ בלאַט צייטונג, און איז בקי אין פּאָליטיק, אַ ייד פון אַ גרעסערער שטאָט. מיין זיידע איז אים מקבל פּנים מיט אַזאַ מאָנאָלאָג: „שלום עליכם, ידידי, מה חדש? מכּח מלחמה ושלום? די ענגלישע מלכּה כאַפּט מכּות פון די בורן? ווען וועט שוין אונדזערער זוכה זיין דערצו? אָבער אחינו בני־ישראל, ברוך־השם, האָבן דאָרט פּרנסה בכּבוד, הלוואי אויף אונדז. און וואָס הערט זיך ביי אייך אין באַרדיטשעוו, אַ עיר ואם בישראל, כּן ירבּו. מן־הסתּם מחלוקת. אָבער, דער עיקר, דער מסחר איז מצליח. וואָס מכּח חסידים און מתנגדים? עפּעס אַ עניין טאָלנע. נאָך דער פּטירה פון רבּין, עליו־השלום, האָט

מולך געווען אַ בר־מצווה. לית דין ולית דיין, עולם־התוהו. לא יעשה כן בישראל. נו, זעצט אייך און מאַכט אַ ברכה, זאָגט אַ זמרל, דערציילט אַ מעשה פון צדיקים און טאַקע פון עולם־הזה, היינטיקע המצאות, אַ טעלעפאָן, אַ לופט־באַלאָן. עפּעס אַ רענטגען קען אַריינקוקן לפני ולפנים אין גוף און נשמה. פלאי־פלאים. חיה לאה, קענסט אויך הערן, אַ כפרה רופאים, בריאות הנפש איז ממילא בריאות הגוף. אוי, עפּעס שטעכט מיר אין האַרץ, רחמנא לבא בעי״, און אַזוי ווייטער.

און איצט זאָלן אויפמאַרשירן די העברעישע ווערטער, וואָס זענען געבליבן נאָר אין יידיש, און זאָלן זיי עדות זאָגן.

אדיר — אַ גרויסער גביר. אין העברעיש נאָר אין דער באַדייטונג פון שטאַרק, גרויס.

אדרבא ואדרבא — אַזוי פיל, ווי מהיכי תיתי, גאַנץ גוט: „איך בין מיט אים אדרבא ואדרבא״. ווער ס׳קען בלויז העברעיש, וועט דאָס נישט פאַרשטיין.

אחור — במחילה, דער הינטערטייל. פאַראַן העברעישע טערמינען, אָבער דווקא נישט דאָס וואָרט.

אסור — ס׳הייבט זיך גאָרנישט אָן.

אפּותיקי — פיל געלט, אין העברעיש: אַ משכון אויף אַ הויז.

אַפּנים — ס׳זעט אויס.

ארורה — אַ שלעכטע פרוי. אויף העברעיש: אַ פאַרשאָלטענע.

אַרצה — ניין איילן אין דער ערד, אין אַ מיאוסער לאַגע.

אש להבה — שטאַרק אין כעס.

באזני שמעתי — איך האָב אַליין געהערט. אַריבערגענומען אין ניי־העברעיש.

באלף מחילות — איך בעט אייך איבער טויזנט מאָל. דאָס זעלבע ווי „אחור״.

באשר בכן — ווייל. נישט גראַמאַטיש.

בגלופין — אויפגעלייגט. אַן אַראַמיש וואָרט פון „אתקינו סעודתא״ צו שבת, וואָס הייסט: „אויסגעטאַקט״. אָבער דאָס פאָלק האָט נאָר מיטגענומען די שטימונג פון שלש סעודות.

בדיל הדל — שטאַרק פאַראָרעמט. אַ געמיש פון העברעיש און אַראַמיש, פון שורש דלות.

בדעה — איך מיין. אין דעם אויסדרוק „איך בין בדעה״. נישט גראַמאַטיש.

בהן צדקי — אַן אמתער יאָ, ערנוואָרט. פון העברעישן „הן צדק״. אַ לעבעדיקע פאָרם, וואָס איז נישטאָ אין דער אַלטער העברעישער ליטעראַטור.

בהן שלי — אויף מיין וואָרט. פון העברעיש „הן״ — יאָ.

בּורר — דער וואָס איז אויסגעקליבן פון צוויי צדדים. אין העברעיש — „דער אויסקלייבער״.

ב ו ר ר ו ת — אַ משפט פון שופטים, וואָס מ׳האָט זיי אויסגעקליבן פון ביידע צדדים. נאָר אין ניי־העברעיש. מן־הסתם גענומען פון יידיש.

ב ז ה ה ל ש ו ן — אויפן אָרט פון „בלשון הזאת״ (נישט קיין ריכטיק העברעיש).

ב ז י ל ־ ה ז ו ל — זייער וואָלוול. העברעיש־אַראַמיש (על משקל פון בדיל־הדל).

ב ח צ י ־ ח י נ ם — האַלב־אומזיסט. אָנגענומען אין דער נייער שפּראַך.

ב ט ו ח — אויף העברעיש „זיכער״, אויף יידיש: אַ מענטש, וואָס איז ראוי צו געבן אים קרעדיט.

ב ט ל ן — אין דער גמרא: אַ מענטש, וואָס טוט נישט קיין מלאכה, נאָר זיצט און לערנט. אין יידיש — אַ טויגעניכץ, אַ פּוסטעפּאַסניק.

ב כ ן — דערפאַר, צוליב דעם.

ב ל י ת י ר ו ץ — אָן אַן אויסרייד, אָן אַ התנצלות. אין העברעיש איז תירוץ נאָר אַן ענטפער.

ב מ י ל א — אויפן אָרט פון העברעישן „ממילא״, פון זיך אַליין.

ב ע ל ־ ב כ י — אַ וויינענדיקער: „אַ חזן אַ בעל־בכי״. (גאָר אַן אָרט אין סוריא).

ב ע ל ־ ב ר י ת — אַ פּאַטער וואָס מאַכט אַ ברית־מילה פאַר זיין זון.

ב ע ל ־ ג א ו ה — גרויס ביי זיך. העברעיש: ״גאה״, „גאותן״.

ב ע ל ־ ג ו ף — אַ גראָבער נפש, אַ גביר אָן עם־הארץ. אַ נאָמען פון אַ סיפּור ביי ח.נ. ביאַליק.

ב ע ל ־ ה ל ו ו א ה — איינער וואָס לייט אַנדערע געלט. אויף העברעיש „מלווה״.

ב ע ל ־ ט ו ב ה — איינער וואָס טוט אַנדערע מענטשן טובות. אויף העברעיש „מיטיב״.

ב ע ל ־ מ ו ס ף — אַ חזן ספּעציעל פאַר מוסף.

ב ע ל ־ ע ס ק ן — אַ בעלן, אַ ליבהאָבער פון אַ באַשטימטער זאַך.

ב ע ל ־ ק ו ר א — איינער וואָס לייענט אין שול אין דער תורה. נישט גראַמאַטיש העברעיש.

ב ע ל ־ ש מ ח ה — ווער ס׳האָט ביי זיך אַ פאַמיליע־יום־טוב, אַ חתונה, אַ ברית.

ב ע ל ־ ש ח ר י ת — אַ חזן פאַר שחרית.

ב ע ל ־ ת ו ק ע — דער וואָס בלאָזט שופר. העברעיש איז גענוג — תוקע.

ב ע ל ־ ת כ ל י ת — וואָס מאַכט אַלץ מיט אַ תכלית.

ב ע ל ־ ת פ י ל ה — אַ חזן אין שול.

ב ע ל ן — איינער וואָס וויל עפּעס האָבן, אַ ליבהאָבער פון עפּעס. אַ וואָרט, וואָס איז בכלל נישטאָ אין העברעיש. פאַראַן אַ מיינונג, אַז מ׳מוז שרייבן בלען. העברעיש: „קופץ״.

ב ע ל נ ו ת — דער חשק צו עפּעס; אַן איינפאַל.

ב ר ־ מ ז ל — ווער ס׳האָט מזל.

ב ר ו ג ז — בייז, אין כעס, אַן אַנדערער קלאַנג ווי אין העברעיש.

ברוכים הבאים, ברוכים היושבים — אַ באַגריסונג פאַר געסט מצד דעם בעל־הבית און פאַרקערט (דער צווייטער וואַריאַנט).

בריה — אַ זייער פעיקער מענטש, אַ סטאַר. „אַ יידענע אַ בריה". העברעיש: „אַ בעשעפעניש".

בת־מלכה — אַ פרינצעסין. העברעיש נאָר „בת מלך".

גביר — אַ רייכער מאַן. העברעיש: אַ הערשער.

גביר אדיר — אַ גרויסער עושר.

גביר עצום — אַ גאַר גרויסער עושר.

גדולה — אַ שמחה. „אַ גדולה אויף אים".

גם־אתם — אַן ענטפער אויף אַ ברכה, אַ ווינטשעניש.

דבוק — אַ בייזער רוח, אַ צווייטע נשמה. באַקאַנט די דראַמע פון אַנ־סקי „דער דיבוק".

דייקא — ווי אין העברעיש „דווקא". אַן אַראַמישע פאָרמע.

דלפון — אַ גרויסער קבצן. נאָך דעם נאָמען פון איינעם פון די בני־המן אין דער מגילה, ווייל דער אָנהייב פון נאָמען איז „דל" — אַ קבצן.

דרך־אגב — אַ פאַרדאָפּלונג, ווייל „אגב" אַליין הייסט שוין דאָס זעלבע: פאַר איין וועגס.

הוית — אַזוי ווי, ווייל. איז אויך אַריין אין ניי־העברעיש, בפרט אין יוריסטישע דאָקומענטען, אָבער גראַמאַטיש נישט ריכטיק.

הפנים — זע אפנים.

הקדש — אַן אָרט פאַר קראַנקע, אָרעמע־לייט, אַ שמוציק אָרט. ווערט אַזוי גערופן, ווייל הקדש הייסט אין העברעיש אַ מוסד, וואָס איז שייך דעם כלל, דער קהילת הקודש.

הרים וגבעות — אַ סך צוזאָגן. „צוזאָגן הרים וגבעות". העברעיש: נאָר „גרויסע און קליינע בערג".

ואני בתוכם — איך בין אויך געווען דערביי. שלום עליכם באַנוצט דאָס וואָרט.

זאת חנוכה — דער לעצטער טאָג חנוכה; ווייל אין דעם טאָג הייבט זיך אָן מיט די דאָזיקע ווערטער די קריאת התורה.

חברה־קדישה — חברה פון קברנים. נישטאָ אין דער אַלטער העברעישער ליטעראַטור.

חגא — אַ גוישער יום־טוב. אויף העברעיש — טרויער, דער הפך פון חג — יום־טוב.

חוזק — שפּאַס, ליצנות. נישטאָ אין קיין שום העברעיש ווערטערבוך.

חדר — אַ שול. העברעיש — אַ צימער.

חוטא בעגל — געזינדיקט מיט דעם גאָלדענעם קאַלב, בכלל — זינדיקן.

ח י ו נ ה — פרנסה. נישט פאַראַן אין העברעיש פאַר די צייטן פון חסידות און השכלה.

ח כ ם ע ת י ק — אַ זייער קלוגער מענטש. העברעיש הייסט עתיק — זייער אַלט.

ח ל ש ו ת — העברעיש: שוואַכקייט. יידיש — אָנמאַכט.

ח ס י ד — אָנהענגער, תלמיד.

ח פ צ י ו ת — קאַפּריזן.

ח ש כ ו ת — פון חושך, פינצטערניש, אויך אין זין פון צרות. אַ פאָרם וואָס איז נישטאָ אין העברעיש.

ט ו ב ד ט ו ב — דאָס בעסטע פון בעסטן.

ט ו ב ה — אַ נחת רוח, אַ געפעליקייט. איבערגעגאַנגען אויך אין הײַנטיקן העב־רעיש: „עשה לי טובה".

ט ע נ ה ו מ ע נ ה — אַ וויכוח, אַ דיספּוט. אויך אין לשון רבים: טענות ומענות, כאָטש מענה איז לשון זכר.

י ד ־ א ח ת — שותפות, איין האַנט.

י ה י ה א י ך ש י ה י ה, י ה י ה מ ה ש י ה י ה — זאָל זיין ווי עס וויל.

י ו ר ד — אַ גביר, וואָס איז געוואָרן אַ קבצן, אַ געפאַלענער.

י ח ד ו — אין איינעם, בפרט, ווען צוויי געפינען די זעלבע מציאה.

י ח ס ן — פון גרויסן יחוס. העברעיש: „מיוחס".

י ק ר ו ת — אַ טייערונג פון פרייזן. העברעיש: יוקר.

י ק ר ן — ווער ס'נעמט טייערע פרייזן.

י ש — אַ זאַך אָדער אַ מענטש, וואָס האָט חשיבות. „ער איז אַ יש" (מענדעלע).

י ש ו י ש — פאַראַן גענוג, נאָך און נאָך.

י ש ו ע ו ת ו נ ח מ ו ת — גוטע צייטן פאַר יידן.

י ת ו ר — וואָס בלייבט ביי אַ שניידער, כביכול, איבעריק.

כ א ו ר — גאַנץ פרי, ווען עס ווערט ליכטיק. אין רעדן: „קאַיאָר".

כ ד ו מ ה ל מ ש ל — ווי אין העברעיש „למשל" אָן „כדומה".

כ ה י ו ם — היינטיקן טאָג, היינטיקע צייט.

כ י ה ו א ז ה — אַ קליינִיקייט, שרייבט זיך אָפט בטעות (אויך אין היינטיקן העברעיש) „כהוא זה". אָבער אין פסוק האָט עס אַן אַנדער באַדייטונג: „כי הוא זה" (שמות כ"ב ח').

כ י ב ו ד — וואָס מ'איז מכבד געסט (העברעיש: תקרובת).

כ ל ד ב ר א ס ו ר — אַלץ וואָס מ'טאָר נישט.

כ ל ד ב ר ש ו ר ש — מיט אַלע פרטים, גרינטלעך.

כ ל ה ו ן ד ע ל מ א — דאָס גאַנצע געלט פון דער וועלט, איבערהויפּט אין אַ נעגאַטיווער פאָרם: איך וועל עס נישט טאָן פאַר כל הון דעלמא. אויך אין היינטיקן העברעיש.

כלא ידע — ווי ער זאָל כלומרשט נישט וויסן.

כלב שבכלבים — אַ הונט פון הונטלאַנד.

כלחוך השור — גאַנץ פרי, ווען דער אָקס גייט צו דער פּאַשע. גענומען פון חומש (במדבר כ״ב ד׳), אָבער אין אַן אַנדער באַדייטונג.

כלי־זמר (קלעזמער) — שפּילער, מוזיק־שפּילער (אין העברעיש: כלים צום שפּילן).

כלי־קודש — פּערסאָנאַל פון בית־מדרש.

כלי־שלם (אָפט בטעות: כלי שלמה) — אַ מענטש מיט טאַלאַנט.

כסדר — נאָך אַנאַנד, איינס נאָך דעם אַנדערן; שטענדיק.

כתבות — „קאַטאָוועס״: שפּאַס. אַ וואָרט, וואָס מען באַגעגנט זעלטן אין העב־רעיש.

כתה — אַ גרופּע פון תלמידים אין חדר, אין היינטיקן העברעיש אַ קלאַס. אויך אַ סעקטע, ווי אין העברעיש: כת.

לא־יוצלח — אַ טויגעניכץ, אַן אומפּעיקער מענטש.

לא עלינו — נישט פאַר אונדז געזאָגט.

לאחדים — דעטאַל. דער היפּך פון גרויס־פּאַרקויף.

לארכו ולרחבו — אין דער לענג און אין דער ברייט.

לחיים, לחיים טובים ולשלום — אַ באַגריסונג ביים טרינקען וויין.

ליהודים — פריילעך, לוסטיק, גוט פאַר יידן.

ללעג ולקלס — צו שפּאָט און שאַנד.

לעולם תקח — אַז מען גיט, נעם.

לעת־עתה — דערווייל, פּאַרלויפיק. גראַמאַטיש נישט ריכטיק.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו — אַ ברכה צו ראש־השנה.

מאדים — אַ פּעיקער בחור, אַ מזיק. העברעיש — דער נאָמען פון שטערן מאַרס.

מבין — אַ ספּעציאַליסט, אַ זאַכקענער.

מבין כל דיבור — ער פאַרשטייט יעדעס וואָרט. דאָס זאָגט מען וועגן אַ גוי, כדי צו וואָרענען, נישט צו רעדן קיין יידיש.

מגיד — אַ בעל־דרשן.

מגידות — פריידיקערײַ.

מגן־דוד — דער באַקאַנטער יידישער סימבאָל.

מה גם — בפרט.

מה טוב — איז דאָך אַוודאי גוט. פון פּסוק: „מה טוב ומה נעים״ (תהלים קל״ג, מ׳).

מה יפית — חנופה פאַר אַ פּריץ (ווייל די פּוילישע פּריצים פלעגן צווינגען יידן צו זינגען די זמירות „מה יפית״ פון שבת).

מה יקר — ווי טייער איז דער פּרייז?

מה רעש — וואָס איז דער געפילדער? ס׳איז נישט אַזוי שרעקלעך.

מה שייך — וואָס פאַר אַ שייכות? ווי קומט דאָס אַהער?

מה שמכם — ווי הייסט איר, ווי הייסט אַ ייד. ווייזט אויס, אַז דער אויסדרוק שטאַמט פון אַמאָליקע יאָרן, אַז מ׳האָט געטראָפן אַ יידן פון אַן אַנדער לאַנד, וואָס האָט נישט געקענט יידיש (ביי שלום עליכם). דער לשון רבים שטאַמט פון יידיש.

מהיכא תיתי — העברעיש: פון וואַנען קומט דאָס; יידיש, בטעות, — דער הפך: אדרבא, זאָל זיין אַזוי.

מוחל טובות — איך בין אייך מוחל די טובה (נישט גראַמאַטיש). איך וויל נישט אייערע טובות.

מזיק — אַ פאַרשייטער, אַ שאַדנווינקל.

מזל־ברכה — אַ גוטער מזל, אַ גוטע צייט, אַ גוט געשעפט.

מזל־טוב — אַ ווונטש צו אַ שמחה.

מחיה — ס׳איז אַ פאַרגעניגן, אַ חיות.

מחיה נפשות — ס׳דערקוויקט.

מטושטש — נישט אין גאַנצן ביים שכל. איבערגעגאַנגען אין היינטיקן העברעיש.

מטיף — אַ בעל־דרשן פאַר חיבת־ציון און ציוניזם, בניגוד צו די אַלטע מגידים.

מילא — זאָל זיין אַזוי. אַראַמיש (נישט גראַמאַטיש).

מילא בכן — אַפילו מיר וועלן זאָגן אַזוי.

מכולה — אויס, נישטאָ מער; קאַליע, באַנקראָט.

מלא — שיכור.

מלא חן — פול מיט חן.

מלא טעם — געשמאַק.

מלא כעס — זייער בייז.

מלא רציחה — אָנגעצונדן מיט כעס.

מלא שמחה — גאָר פריילעך.

מלוה־מלכה — די סעודה פון מוצאי־שבת.

מלמדות — די פראָפעסיע פון מלמד.

ממון קורח — אַ סך געלט.

מעות־חטין — צדקה פאַר מצות צו פסח.

מעשה שטן — אַן אומגליק געטראָפן.

מצוה לחסר — ס׳איז אַ מצוה צו נעמען צדקה פון אַ קמצן.

מציאה — נישט נאָר אַ געפונענע זאַך, ווי אין העברעיש, נאָר אויך אַ ביליקע זאַך.

מקבל — אַ מענטש וואָס לעבט פון צדקה.

מ ת מ י ד — אַ גוטער ישיבה־בחור, אַ פלייסיקער. נאָמען פון אַ פּאָעמע ביי ח.נ. ביאַליק.

מ ת נ ג ד — אַ קעגנער פון חסידות.

נ א מ ן — אַ מענטש, וואָס מ׳דעפּאָנירט ביי אים געלט; אַ גבאי פון אַ מוסד.

נ ג י ד — אַ מיטעלער גביר.

נ ג י ד ו ת — מיטעלע רייכקייט.

נ ג י ד י ת — אַ מיטלרייכע פרוי; די פרוי פון אַ נגיד.

נ ח ת — הנאה פון קינדער.

נ כ ת ב — אַ צוגעשריבענער. „אַ נכתב פון באַרדיטשעוו״.

נ פ ש א ח ת — די בעסטע גוטע פריינד, איין האַרץ און איין נשמה.

נ צ ח ן — אַן עקשן, וואָס וויל דווקא מנצח זיין.

נ צ ח נ ו ת — אַמביציע, אַ שטאַרקער ווילן דווקא מנצח צו זיין.

נ צ ר ך — נעבעך אַ באַדערפטיקער.

נ ק י ו ת — ריייניקייט, מענטשלעכע באַדערפעניש.

נ ש ר ף — אַן אָפּגעברענטער.

ס ר ח ה — אַ שלעכטער ריח.

ס י מ ן ד ל ו ת — אַ סימן פון אָרעמקייט.

ע ב ר ה — חוץ פון דער באַדייטונג „זינד״ — אַ שאָד. אַרויסגעוואָרפענע מי.

ע ד כ ל ו ת ה נ פ ש — ביז גאָר.

ע ו ש ר — אַ רייכער מאַן, פאַרגרייזט פון העברעיִשן עשיר.

ע י ל ו י — אַ טאַלענטירטער ישיבה־בחור.

ע ל י כ ם ו ע ל ב נ י כ ם — אַן ענטפער אויף „שלום עליכם״; „עליכם שלום״.

ע ל ־ פ י ח ש ב ו ן — לויט דער רעכענונג.

ע ל ־ פ י י ו ש ר — פון גערעכטיקייט וועגן.

ע ל ־ פ י ש כ ל — לויט דעם פאַרשטאַנד. לאָגיש.

ע ם כ ל ה נ ע ר י ם — מיט אַלע יינגלעך, ביים מנהג אויפצורופן שמחת־תורה צו תורה אַלע יינגלעך.

ע מ ך — פשוטער המון, בעלי מלאכה. באַקאַנט פון שלום עליכמס ווערק.

ע נ י ו ו ת — באַשיידנקייט. בן־יהודה אין זיין גרויסן העברעיִשן לעקסיקאָן ברענגט דאָס וואָרט נישט פון אַן אַלטן העברעיִשן מקור, נאָר פון מענדעלעס העברעיִשע שריפטן.

ע ק ש ן — איינגעשפּאַרטער, אַ קפדן. עקשנות — איינגעשפּאַרטקייט. בן־יהודה ברענגט ביידע ווערטער פון ר׳ נחמן בראַצלאַווערס ספרים, וואָס זענען, כידוע, פול מיט אויסדרוקן גענומען פון יידיש.

ע ר ל י ת — אַ גויה, פונעם וואָרט ערל. טיפּיש פאַר אַ ווייבערישן יידיש, פאַר אַזאַ וואָס קען נישט העברעיִש.

פּועל־יוצא — רעזולטאַט. גראַמאַטישער העברעישער באַגריף, אָבער אומגראַ־מאַטיש אַרויסגעבראַכט.

פּלוש — דער קאָרידאָר פֿון שול. „פּלש" הייסט אויף העברעיש דורכגיין.

פּסלנות — פּסולדיקע התנהגות, פֿאַרדאָרבנקייט.

פּריץ — אַ גוישער לאַנדבאַזיצער; אַ צו שטאָלצער מענטש.

צאן קדשים — הייליקע שאָף, אַזוי פֿלעגט מען אויסרופֿן צו די מאַסן יידישע קינדער פֿאַר דער שול אום שמחת־תורה.

צדקות — פֿאַלשע, געמאַכטע פֿרומקייט. בן־יהודה שרייבט אין זיין העברעישן לעקסיקאָן: „אַ העברעיש וואָרט, וואָס איז אַריין (משוקעת) אין יידיש".

צלם — קרייץ. דער קריסטלעכער סימבאָל (העברעיש: צלב).

קבצן — אַ בעטלער. קבצנות — בעטלעריי.ביידע ווערטער ווערן געבראַכט ביי בן־יהודה פֿון „תקנות ועד ארבע ארצות" פֿון 17טן יאָרהונדערט, וואָס זענען שפּראַכלעך זייער מושפּע פֿון יידיש.

קונה הכל — העברעיש: „שאַפֿט אַלץ" (פֿון גאָט), יידיש — אַ מענטש וואָס קויפֿט אַלצדינג.

רחבות — ברייטקייט, באַקוועמלעכקייט.

שברות לב — האַרצווייטיק, צעבראָכנקייט.

שברי כלי — אַ קאַליקע, אַן אינוואַליד.

שדכן — אַ פֿאַרמיטלער פֿאַר שידוכים. אין אַלטן העברעיש איז נאָר דאָ דער פּועל „שדך" און דאָס וואָרט „שידוך".

שונאי ציון — אַנטיסעמיטן.

שומר ומציל — אַ רעטונג; „גאָט זאָל נאָר אַ שומר ומציל זיין".

שכנות — דאָס זיין אַ שכן, וווינען אין דער נאָענט.

שלום זכר — אַ שמחה. דעם שבת פֿאַר דעם ברית.

שלום עליכם — אַזוי ווערט באַגריסט אַ גאַסט פֿון דער פֿרעמד. מיין השערה איז, אַז די פֿאָרם איז פֿון אַראַביש, ווייל אַ ייד פֿון ארץ־ישראל פֿלעגט אַזוי באַגריסן די יידן, וואָס רעדן יידיש (סאַלם עליכום).

שלח־מנות — אומגראַמאַטיש, אויפֿן אָרט פֿון משלוח מנות, פּורים־געשענק.

שלל — אַ מענגע, אַ מאַסע (העברעיש: רויב, שפּייז).

שם דבר — אַ באַרימטע זאַך; אַ מפֿורסם.

שמד — טויף־ריטואַל; דאָס איבערגיין צו אַן אַנדערן גלויבן.

שמחה — חוץ „פֿרייד", ווי אין העברעיש: אַ יום־טוב פֿון אַ פֿאַמיליע אָדער מוסד.

שני למלך — אַ וויצע־קעניג.

שקץ (שגעץ) — אַ גוישער בחור.

שקצה (שיקסע) — אַ גוישע בחורטע.

שררה — העברעיש: הערשאַפט. יידיש: אַ הערשער, אַ פּריץ.

שתדלן — איינער וואָס באַמיט זיך פאַר יידן ביי דער רעגירונג. בן־יהודה ברענגט דאָס וואָרט פון שפּעטע פּנקסים.

שתי וערב — אַ קריסטלעכער צלם. העברעיש: אַ פאָדעם אַהין, אַ פאָדעם אַהער.

תאמר — אפשר ווילסטו זאָגן. שרייבט זיך אין יידיש „טאָמער", אָבער ס'איז אַ כשר העברעיש וואָרט.

תחת — זע אחור.

תחתונים — אונטערשטע וועש.

תירוץ — חוץ ווי אין העברעיש: „ענטפער" — אַן אויסרייד.

תכלית — אַ צוועק.

תכשיט — אַ צירונג, ווי אין העברעיש, אָבער איראָניש: אַן אויסוווּרף.

תל — אַ חורבן.

תליה — עשאַפאָט צום אויפהענגען.

תלין — אַ הענקער.

תמונת אות — די פאָרמע פון אַן אות. אַ מוטער שרייבט צום זון: „איך האָב פון דיר שוין לאַנג קיין תמונת אות נישט געזען".

תנאים — די שמחה פון ווערן חתן־כלה און דער קאָנטראַקט דערצו.

תפיסה — אַ געפענגעניש; אַ גוטער קאָפּ („ער איז תופס, ער האָט אַ גוטע תפיסה").

תקיפות — די מידה פון אַ תקיף, אַ שטאַרקע פּערזאָן.

שמואל בן־חיים — אַ געשטאַלט (אייל)

אהרן אַפּלפעלד

אין קלויסטער

געדאַרפט האָט זי לייענען פּאַמעלעך, זאַץ נאָך זאַץ. זי האָט געפילט, די ווערטער שלאָגן זיך אָן אין שטיין, קערן צו איר צוריק אָפּגעקילטע, רופן זי ביים נאָמען. די פענצטער האָבן געגלאַנצט מיט געלבקייט, געצונדן דעם דיל מיט צאַנקענדיקע פלעמלעך. צו מאָל האָט זי געפילט, די געלאָדענע לופט וויקלט אַרום איר האַלדז, שטיקט די זילבן אין מויל. אָבער טייל מאָל איז דאָס געפלאָסן גיכער. די וואַרעמע ווערטער זיינען אין איר פאַרבליבן מיט סוד.

איין מאָל אין טאָג איז אַריינגעקומען מאַריע. זיי פלעגן שמועסן. רייד — וואָס נישט די מאָנאַשקע האָט זיי געזאָגט. זיי זיינען געקומען פון רוים אַרויס. זי האָט געלערנט פראַנצייזיש און פסוקים פון טעסטאַמענט. עיקרים, וועלכע מען האָט דערווייל איינגעחזרט. מאַריע איז געזעסן, געלייענט, און קיטי האָט געפּרוווט נאָכזאָגן. טייל מאָל — ווי זיי וואָלטן זיך פאַרשטאַנען. אָבער טייל מאָל האָט דאָס מיידל אַרויסגעבראַכט מאָדנע זילבן, קולות, וואָס זיינען אַרויס נישט פון איר.

דערנאָך האָבן זיי שפּאַצירט אינעם גאָרטן. מאַריע האָט גערופן די פייגל ביים נאָמען און קיטי האָט נאָכגעזאָגט. טייל מאָל זיינען דאָס געווען בלומען. דאָ האָט זיך געעפנט אַן אַרויסבליק אין די ווייטקייטן. פון דאַנען האָט מען געקענט פילן די הויכקייטן. טרעפּ האָבן אַהער געפירט. ביז איצט האָט אָבער דאָס מיידל דערפון נישט געוווסט. דאָס זיינען געווען די ערשטע טעג פון איר באַריר מיטן אַרום. בוים, שטיין, אַ פּאַמעלעך פליסנדיקער ראָוו. דאָס אַלץ ווי אַ המשך פון דעם, וואָס זי האָט געזען פון אינעווייניק, פון פענצטער אַרויס. אין דרויסן איז דער באַשאַף בלויז געווען צעשווומענער. דאָ האָט מען געקענט שטעלן גרעסערע טריט, אויסשטרעקן די האַנט, אָנרירן אַ צווייג.

ווען זי האָט צוריקגעקערט פון די שפּאַצירן, האָט דער זאַל איר אויסגעזען שענער. דאָס פלעגט תמיד זיין פאַרנאַכט. דאָס ליכט האָט זיך דאָ קאָנצענטרירט אין געלאָדענע פאַרבן. דאָ איז געווען פול מיט פליענדיקע מלאכימלעך, געמאָלענע אויפשריפטן, וואָס זי האָט נישט פאַרשטאַנען זייער באַדייט. זיי האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן אינעם פלי פון די מלאכימלעך. געשאַפן צוזאַמען אַ פליסנדיקע באַוועגונג. טייל מאָל האָט דאָס קול פון אָרגל באַגלייט דעם טאַנץ.

דערנאָך איז זי צו צוריק צו אירע העפטן. זי האָט געלייענט מיט אַ ניגון די דעקלאַמאַציעס; געפּאָלגט דעם אָנזאָג פון מאַריע, איינצוחזרן די פּסוקים. זי האָט נאָך נישט אויסגעלערנט די אָוונט־תּפילה. פאַרן שלאָפן האָבן ביידע געקניט פאַרן בעט, פאַרזונקען אַ ווײַלע אין שווײַגעניש.

אין צווישן איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז די קלויסטער־מוטער גרייט זיך צו קומען. אַן אַנדער געמיט האָט אָנגעהויבן אָטעמען אינעם הויף. אין די צימערן האָבן זיך געהערט אַ סקריפּען פון אַ געדרוקטער שאַנק, קלאַנגען פון פּוצן און עפּעס ווידערקולות. זיי האָבן געוויזן, אַז אונטער די שווערע מעבל רוט אַ געפּענטעט וועזן; ווען מען פּרוווט עס אַ ריר טאָן, שרייט עס אויף. אומזיסט האָט מאַריע זי געפּרוווט באַרויקן. עפּעס האָט קיטין געקוועלט, ווײַל אויך אין די אָפּגעשיידטע זאַלן איז געווען אַזעלכעס, וואָס האָט מענטשן באַהאַפּטן. און, מעגלעך, דווקא דאָ, האָט מען טייל מאָל געקענט הערן, ווי די שטילקייט רעדט. אין איינעם אַ פרימאָרגן איז די קלויסטער־מוטער אָנגעקומען. מיט שריט, וואָס האָבן קיטין דערמאָנט אַנדערע קולות. וואָס פאַר אַ? דאָס האָט זי נישט געדענקט. דער קלויסטער האָט זי אין גאַנצן באַנומען, פאַרשטויסן דעם זכרון, איז אַרײַנגעדרונגען אין איר מיט זײַן מאַסיווקייט. מיטאָגצייט איז קיטי געבראַכט געוואָרן פאַר איר. געווען איז דאָס אין אַ גרויסן זאַל. ביים אַרײַנגאַנג, וואַרטנדיק אויף אַ ווונק, האָט זי באַוויזן צו באַקוקן די ווענט. זיי זײַנען געווען פון אַן אַנדערן סטיל. מיט דער צייט האָט זי זיך דערוווּסט, אַז דאָ איז אָנגעזאַמלט דאָס פאַרמעג פון קלויסטער: אַנטיקע געמעלן, גאָלדענע קרוינען, זילבערנע לאָמפּן און אַנדערע כּלים, נישט צום באַנוצן אין וואָכעדיקע טעג. די קלויסטער־מוטער איז געזעסן אין אַ שטול. אַ וואָכזאַמקייט איז פון איר געדרונגען. זי האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און די קליינע קיטי האָט זיך דערנענטערט. זי איז שטיין געבליבן פאַר איר.

— דאָס איז דאָס מיידעלע? — האָט זי געפרעגט.

די מאָנאַשקעס האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— האָט זי שוין עפּעס געלערנט?

— דעם טעסטאַמענט און אַ ביסל פראַנצייזיש, — האָט אַרויסגעזאָגט מאַריע.

— פילסטו שוין גאָט אין דײַן האַרץ? — האָט די קלויסטער־מוטער געפרעגט.

די נזירות האָבן אַלע געענטפערט מיטן קאָפּ־שאָקל. קיטי האָט זיי אָנגעקוקט און צוריק אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער מוטער. זי האָט געזאָגט: גאָט.

זיי האָבן געשמועסט פראַנצייזיש. קיטי האָט נישט פאַרשטאַנען. דער פאָטער, די מוטער — דאָס זײַנען געווען די ווינציק איר באַקאַנטע ווערטער. זי האָט זיי געהאַט איינגעחזרט מיט מאַריען. דערנאָך האָט מען קיטין אַרויסגעפירט פון דעם

זאָל. פריער האָט די קלויסטער־מוטער זי געפּרוווט עפּעס פרעגן. זעענדיק איר פאַרלעגנהייט, האָט זי אויפגעהערט.

ווידער זיינען געקומען שטילע טעג. מען האָט נישט גערוקט קיין שענק, און קיין בילד פון דער וואַנט נישט אַראָפּגענומען. עס האָט געהערשט אַ רויִקייט פון טיפע ברונעמער. זי האָט איינגעחזרט די ווערטער און די דעקלאַמאַציעס, און נאָך מיטאָג איז מאַריע אַריינגעקומען. זי האָט מיט איר געלייענט. זי האָט אַלץ פון פריער געהאַט פאַרגעסן. דער זכרון איז איר פאַרזונקען אין אַ טונקעלן געוואַנד. עס איז געווען אין איר עלפטן לעבנס־יאָר. מאַריען האָט דערשטוינט איר ערשטער דאָרשטיקער באַריר מיטן לעבן.

פּאַמעלעך, צוזאַמען מיטן וואַקסן פון איר ווערטער־פאַרמעג, האָט אין איר אָנגעהויבן אויפגיין אַ שטוינונג. איר פּנים האָט אָנגענומען די פאַרם, וועלכע ס׳באַקומט יעדער, וואָס ווינט דאָ יאָרן. אויך די געוויקסן נעמען דאָ אָן די פאַרב. מיט יעדן חודש איז איר צוגעקומען עפּעס, וואָס האָט אָנגעפּילט דאָס האַרץ פון מאַריע מיט פרייד. וואָס מאַריע האָט פאַרהוילן, האָבן די ווענט פאַר איר אַנטפּלעקט. דער חלל פון צימער, דאָס קליינע קרוציפיקסל, אַלץ איז דאָ מאָט געפלאָסן. „ווער זענט איר?״ — „מיר זיינען די מלאכים״. „און ווער ביסטו?״ — האָט זי אַרויפּ־געקוקט. ערשט איצט האָט ער זיך פאַר איר אַנטפּלעקט. דאָס איז געווען אַ מענטשלעך געזיכט. די טראָפּנס בלוט זיינען פון אים גערונען ביז די פיס פון די מלאכימלעך און פון דאָרט האָבן זיי אויבן זיך געצויגן ביז די פענצטער. דאָס איז געווען דער ערשטער באַריר. פונעם פאַרבאָרגענעם טייל פון דעם בילד איז ער געקומען צו איר. נישט אַלט, נישט יונג, נאָר געפּייניקט. צו מאָרגנס איז קיטי פאַרזונקען אין פאַר־טראַכטקייט.

שפּעטער, ביים אָנרירן דעם העפט, האָבן די אויסגעקרימטע אותיות צו איר גערעדט. זי האָט זיי געגלעט. מיט מאַריען האָט זי ווייניקער געשמועסט. מאַריע האָט געפילט, אַז צוזאַמען מיט איר פאַרשריט גליטשט זיך דאָס מיידל אַרויס פון איר רשות. זי האָט באַשלאָסן איר מער צו לערנען די שפּראַך, זי זאָל נאָכפּאָלגן וואָס אין איר קומט פאָר. מאַריע האָט, אמת, געמערקט, אַז די באַגריפן פון פאָטער־מוטער־זון זיינען איר נישט פרעמד, און אַז ווען זי זאָגט זיי אַרויס, צינדט זיך אין אירע אויגן אַ לייטזעליקער ציטער.

טייל מאָל האָט מאַריע זי געטראָפן פאַרטאָן אין שפּיל. זי פלעגט זיך שפּילן מיט די שטיינדלעך פון דער צענומענער מאָזאַיק ביים אַריינגאַנג צום זאַל. אַן אויגנ־בליק האָט זי אויסגעזען ווי אַ קינד, אָבער באַלד ווי זי האָט דאָס פּנים אויפגעהויבן, האָט עפּעס פרעמדס פון איר אַרויסגעקוקט. די מוטער איז מער נישט געקומען. זי האָט איבערגעלאָזט דעם קלויסטער אין זיין אַלטעגלעכקייט. די נזירות האָבן

געטאָן זייערס. אין גאָרטן זיינען זיך צעוואַקסן די קלעטער־פּלאַנצן, די רויזן און דאָס גראָז. יעדער געשורש האָט געוויזן שפּראָצונג. דער שאָטן האָט צוגעאיילט דאָס וואַקסן. די פענצטער האָבן אָנגענומען אַן אַנדער פאַרב. ווען מאַריע האָט געזאָגט: פרילינג איז געקומען, זיינען דאָס געווען פייערלעכע קלאַנגען.

מאַריעס באַמיונגען האָבן נישט געבראַכט קיין דערפאָלג. קיטי האָט, אמת, אויסגעלערנט די פּסוקים, זיי געלייענט מיט פאַרעקשנטער איבערגעגעבנקייט. איר אייגן וואָרט האָט זי נישט געזאָגט. מאַריע האָט זיך געבעטן: זאָג, און קיטי האָט געענטפערט. צווישן זאָג און זאָג איז געשטאַנען אַ שווייגעניש.

דער זומער איז געקומען און מיט אים — אַ ווענדונג. פּלוצעם, געגנוי ווי דער איבערגאַנג פון אויפשפּראַץ צום פונאַנדערבלי, האָט דאָס רעדן זיך דורכגעריסן. דאָס איז געווען אַ רוישנדיקער פאַרפלייץ. ער איז געשטיגן און האָט אָנגענומען אַ לבוש פון ווערטער. זיי האָבן געפלאַטערט ווי געפאַנגענע פייגל, וואָס זוכן אַנטרינונג. ערשט נאָך אַן אָנשטרענגונג זיינען זיי אַרויס פריי, ווי זילבן פון אַ צוויטשעריי, וואָס נאָר דאָס קול און באַטאָנונג האָט זיי געגעבן אַ זין. שווער געווען דאָס אָנצורופן ווערטער. זיי זיינען געקומען, ווי נישט פון איר אַרויס. איז דער פעלער געווען אָנזעעוודיק. שוין פריער האָט, אמת, מאַריע געטראַכט, אַז עס קען זיין, אַ מום נעסטעט אין איר. זי האָט אָבער דאָס נישט אַרויסגעבראַכט. איצט איז דאָס געווען בולט. טייל מאָל האָט זי זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ס׳איז נישט כדאי דעם ענין צו ברענגען פאַר דער קלויסטער־מוטער. דאָס האָט אָבער ביי איר דערוועקט ספיקות. זי האָט געוווסט, אַז די זקנות־נאָנעס זיינען איבערצייגט אין דער פאַרעקשנטקייט פון זינד אָנצוטשעפּען זיך אין מיידלעך. זיי מוסרן זיי אָפּט, מיט דער כוונה צו דערוועקן אין זיי ריינע לעבנס־כוחות. זי האָט דעריבער פאַרבונדן איר גורל מיטן מיידל. זי האָט זיך איינגעקוקט אין איר, ווי אין אייגענעם לעבן, נאָך לאַנגע יאָרן נזירות האָט דאָס לעבן אין זיין יעדן שריט אָנגעהויבן פאַר איר זיך ווייזן ווי אַ קייט פון באַשטימונגען. מאַריעס לעבן איז לאַנגע יאָרן געווען פאַרבאָרגן, פאַלב אונטער פאַלב, ווי די מויערן וואָס רינגלען אַרום דעם קלויסטער.

די וויטערדיקע טעג האָבן נישט געבראַכט קיין ענדערונגען. מאַריע האָט געפילט, אַז אויך אין איר יורט עפּעס אויף. אַ מין רחמנות! זי האָט דורך דעם געוואָלט אַריינבעמען דאָס מיידל. דערפילן זי אין זיך. קיטיס אויגן האָבן צייטנווייז אויסגעזען ווילדיק, אַ מאָגער קערפּערל, דערשראָקענע באַוועגונגען און טרויער. דאָס מיידל האָט גערעדט ווערטער, וואָס זיינען נישט פאַראַן. בלויז פאַרבאָרגענע ליידנשאַפטן ברענגען זיי אַרויס. טייל מאָל האָט זיך אָבער אָפּגעריסן אַ פאַרהוילענער קלאַנג. מאַריען האָט אויסגעזען ווי ביז איצט האָט איר לעבן זיך באַוועגט אויפן אויבערפלאַך. אין קלויסטער האָט עס פאַראַנקערט און זיך צוזאַמענגעשלאָסן. עס

האָט זיך אָבער נישט געענדערט. די יאָרן פון נזירות האָבן נישט געבראַכט די ווענדונג. אירע מחשבות, אויך די אומרויִקסטע פון זיי, האָבן איר אויסגעזען ווי עפּעס וואָס שווימט און האָט זיך נישט צוזאַמענגעגאָסן אין איר. אַזעלכע געפילן האָבן זי באַהערשט פון קינדווייז אָן, און זיי האַלטן אָן פאַרעקשנט ווי אַ לויזע קייט מיט רינגען, וואָס זיינען גוט באַהאַפטן.

איצט, נאָך יאָרן, האָט איר קינדהייט אויף ס׳ניי זיך געשפּרייט פאַר איר: די גאַס, די קרעטשמע. די משפחה מיט זין אין מיליטער און טעכטער — צעשפּריים איבער שטעט. זי, די יינגסטע, קומט אָן אין קלויסטער. דאָס זיינען געווען די פאַקטן, אַ שקעלעט, אויף וועלכן עס האַלט זיך דער בנין, און דאָס איבעריקע — בלויז פאַרנעפּלטע פּרטים. מאַריע האָט דערשפּירט, אַז קיינער קען זיך נישט אָפּרייסן פון זיינע מחשבות, פון דעם ערשטן, וואָס איז פאַר אים אַנטפּלעקט געוואָרן. זי געהערט צו זיך, צו איר משפּחה, צו אירע שוועסטער, וואָס זיינען אַוועק עוסק זיין אין אַ צווייפלהאַפטן פאַך. איז איר קלאָר געוואָרן, אַז זי איז מיט זיי אַלע פאַרבונדן. טייל מאָל האָט זי געטראַכט וועגן איר פאָטער. וועגן זיין פאַרעקשנקייט, וועגן זיין יעדע האַנט־באַוועגונג. טייל מאָל זיינען די געדאַנקען איינגעדרימלט געוואָרן און זי האָט איר אַרבעט געמאַכט פּליייסיק, מיטן פאַרשטייפטן בליק פון יעדן איינעם דאָ. דאָ איינעם זאַל, אין דער נאָענטקייט פון דעם מיידל, זיינען אָבער אירע געדאַנקען איצט אַרויס, ווי זיי וואָלטן באַפרייט געוואָרן פון זייער פאַרשלאָסנקייט.

אַ ווילדער עפּלבוים איז געוואַקסן אין גאָרטן, און קיטי פלעגט אָפט זיצן אונטער אים, ווי אין איינעם פון די גרויסע בילדער, וואָס הענגען אויף דער וואַנט. „שוועסטער מאַריע״ — האָט דאָס מיידל גערופן. מאַריע האָט געפילט ווי דאָס הייליקע קינד אַליין וואָלט צו איר גערעדט. ביסלעכווייז האָט אָבער דער סוד זיך געשטעלט צווישן זיי. ער האָט זיך פאַרשטאַרקט מיטן מערן זיך פון קיטיס פאַר־ווונדערונג. „און מיינע עלטערן?״ — האָט קיטי איין מאָל אַ פרעג געטאָן.

„גאָט איז אונדזער פאָטער״ — אַ לאַנגע צייט האָט מאַריע געהאַלטן דעם זאַץ אין האַרץ און ערשט איצט אים אַרויסגעזאָגט. אויך זי האָט געוואָלט זיין גאָטס קינד, ווי דאָס מיידל. אָן אַ פאַראַנגענהייט. ווען זי האָט אָבער געפּרוווט פאַרטרייבן די געדאַנקען, האָט זייער געוויכט אויף איר געדריקט מיט דער גאַנצער לאַסט.

דאָס מיידל האָט זי געוואָלט אָפּהיטן אין שיין פון תפילה. ברענגען זי אָן אַי־בערגאַנג צו נזירות. זי איינפלאַנצן אין קעניגרייך פון אייביקער שטילקייט. זי האָט אָנגעהויבן האַרבער צו ווערן מיט קיטין. די מלחמה אין דרויסן איז ווידער גע־שטאַנען ביים טויער פונעם קלויסטער. די סאָלדאַטן האָבן אויפגעשטעלט אַ לאַגער. שאָסן האָבן געשראָקן אין דער נאַכט. די שפּאַצירן האָבן אויפגעהערט. קיטי פלעגט בלייבן איינעם זאַל, צווישן די קאַלירטע שויבן. בלויז איין מאָל אין טאָג, בעת דער

פאַרנאַכט־דעמערונג, האָט זי געקענט אַריבערקוקן אויף יענער זייט מויער. געווען זיינען דאָרט האַלב־נאַקעטע סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די באַראַקן. ביסלעכווייז האָט אויך אָט דאָס בילד דערגאַנצט די פאַרבן פון אינעווייניק. אַ באַרויִקנדיקע איינהייטלעכקייט האָט זי באַהערשט. אַ וואַרעמע נאָענטקייט האָט זי דערפילט ביי מאַריען. די קלויסטער־מוטער איז שוין פון לאַנג פאַרגעסן געוואָרן. דער הייליקער מאַטיוס, דער הייליקער ניקאָליי, און איבער אַלעם די הייליקע מוטער, זיינען איר געוואָרן נאָענט, זי האָט צו זיי געקענט זיך װענדן מיט די קלענסטע פאַרלאַנגען.

דערנאָך האָט זי געהאַט אַנדערע געפילן. צו ערשט זיינען דאָס געווען פיזישע — מיט אַ זיסקייט אַזאַ, דערנאָך — אַ פאַרהאַרטונג אין דער ברוסט. זי האָט געפילט, אַז עפּעס קומט אין איר פאַר. ווי גוט איז געווען צו ליגן אונטער דער קאָלדרע, איבערדעקן זיך איבערן קאָפּ און פילן דאָס שטילע ברויזן. זי האָט דאָס געוואָלט מאַריען דערציילן. עפּעס האָט זי אָפּגעהאַלטן. דער זיסער סוד, אין וועלכן זי האָט אַזוי ליב געהאַט זיך איינצוהערן, איז געוואָרן אַ לאַסט. זי איז געזעסן אין גאָרטן צופּוסנס דעם עפּלבוים און צוגעקוקט זיך צו דער רויט־ווערנדיקער פּרוכט. אינעווייניק האָט מען געריימט דאָס הויז ערב דעם נייעם קומען פון דער קלויסטער־מוטער. ווידער האָט זיך געהערט דאָס באַקאַנטע סקריפּען. שענק זיינען איבערגערוקט געוואָרן פון די ערטער, בילדער זיינען אַראָפּגענומען געוואָרן פון די ווענט. אויפן גראָז זיינען געלעגן צוזאַמען אין אַ קופּע אַ קאָפּ פון אַ פיגור, אַ לאָמפּ און אַ צעבראָכן טישל, ווי זיי וואָלטן געוואָלט פאַרשטעלן אַ נייע פאָרם פון הייליקס און וואָכעדיקס. יונגע געזונטע רומערקעס זיינען געבראַכט געוואָרן פון די דערפער. מיט די בעזעמס האָבן זיי אַ רגע אויסגעזען די הערשערס פונעם אָרט. מאַריע מיט דער פון איר עלטערער נאָנע קאַטערינע האָבן אויסגעטאָן די נזירישע קליידער און צוזאַמען מיט די דינערינס איינגעשפּאַנט זיך אין דער אַרבעט. מאַריע פלעגט נישט פיל רעדן וועגן דער קלויסטער־מוטער. די שבחים, וואָס זי האָט וועגן איר אַרויסגעברענגט, האָבן דערוועקט אין האַרץ פון קיטין אַן אומבאַקוועמלעכקייט, אַ געמיש פון ערפורכט און ציטער. דאָס נאָענטע אָנקומען פון דער קלויסטער־מוטער האָט איצט, אין די טעג, אָנגעזאָגט פאַר איר נישט קיין גוטס.

בעת דער מיטאָג־פויזע איז איר אויסגעקומען צו שמועסן מיט איינער פון די דינערינס — אַ האַלב־מענערישע געשטאַלט. איר מאַן האָט תחילת געוואָלט זיין אַ גלח. ער איז אָבער געווען פאַרמישט אין אַ מאָרד — איז ער אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד. דאָרט האָט ער זיך פרייוויליק אָנגעגעבן אין קריג. זי האָט גערעדט אַ פּויעריש לשון, וואָס באַנוצט זיך מיט האַנט־באַוועגונגען. זי האָט זיך נישט באַנוגנט מיט ווידוי. מיט פּויערישער ביטערקייט, וואָס ווייסט אויך אונטערצוקומען

אין אַ נויט־פֿאַל, האָט זי געזוכט פּרטים וועגן דעם מיידל. נישט סתם אַזוי זיך איז זי דאָך געקומען אַהער צו.

קיטי האָט געוווסט צו דערציילן, אַז אין דער מלחמה זיינען אירע עלטערן אומגעקומען. אַזאַ ענטפֿער האָט זיך געלייגט אויפֿן שכל. טייל מאָל האָט זי זיך געזען אַ קינד, וואָס מ׳האָט עס אונטערגעוואָרפֿן ביים קלויסטער, אָבער טייל מאָל ביי די הייליקע בילדער, האָט איר געדאַכט, אַז זי איז גאָטס קינד. נישט איין מאָל האָבן מאַריעס רייד אַרויסגערופֿן ביי איר אַ זיכערקייט, „געשיצט אין זיין שאָטן" — האָט זי איינגעחזרט אין זיך. אמת, דאָס דערמאָנען זיך אין נישט ווייטן עבר, דאָס קומען פֿון דער קלויסטער־מוטער, האָט גאָרנישט געוויזן אויף איר גוטער לאַגע. פֿון דעסטוועגן האָט זי נישט פֿאַרלוירן די זיכערקייט. זי האָט זי געהיטן ווי אַ סוד.

איצט, אין שמועס מיט דער דינסט, אין אַנבליק פֿון דער ווידוי, איז אין איר געשטיגן דאָס געפֿיל פֿון חטא, אָבער אויך אַ זיסקייט. „פֿון וואַנען קומסטו"? — די ענטפֿערס פֿון מאַריע האָבן אויסגעזען ביי איר ווי אַ לעגענדע, וואָס איז ווערט, מ׳זאָל אין איר גלייבן. איצט אָבער איז אין איר אויך געווען אַ גרייטקייט צו אַן אַנדערן אמת. דאָס איז געווען אין אַ מאָמענט פֿון איבערגאַנג, מיט וועלכן נאָר קינדער ווערן צייטנווייז געפּרוווט. מאַריע איז געווען פֿאַרנומען מיטן שייערן דאָס הויז. זי האָט דאָס מיידל געלאָזט מיט אירע געדאַנקען צווישן די אָנגעוואָרפֿענע זאַכן: זי האָט נישט געפֿילט, אַז זי פֿאַרזינקט אַלץ מער אין זיי.

ווי וווּנדערלעך זיינען געווען די באַגעגענישן מיט דער רוימערקע. אַ פֿולער גוף, אַ שפּראַך מיט קללות. ביים קערן האָט קיטי באַמערקט די לייכטזיניקייט פֿון איר יעדער באַוועגונג. די פֿאַרריסנקייט, מיט וועלכער זי גייט אַרום איבערן זאַל, ווו פֿריער האָט געהערשט די שטילקייט. די שמועסן זיינען מערסטנס געווען וועגן איר. פּעפּי איז געווען די פֿרעגערין און ווען קיטי האָט געזאָגט, אַז זי פֿילט טאַקע אַ פֿאַרהאַרטונג אין דער ברוסט, איז יענע אויסגעבראָכן מיט אַן אָפּגעהאַקטן געשריי. פֿון איצט אָן איז דער געשפּרעך אַראָפּ. פּעפּי האָט דערציילט וועגן די דייטשן, וואָס סטאַציאָנירן אינעם דאָרף, וועגן אירע טרעפֿונגען מיט זיי, און נאָך זאַכן, וואָס קיטי האָט נישט פֿאַרשטאַנען זייער באַשייד. זי האָט אָבער געפֿילט, אַ מאָדנע זיסקייט דרינגט אין איר פֿאַמעלעך אַריין און צעשטערט אין איר עפּעס אייגנס, צו מאָרגנס איז אַלץ צוריק געווען ווי פֿריער. די רוימערקעס זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן. און ווען קיטי האָט זיך אויפֿגעוועקט, איז דאָ שוין געשטאַנען די גוט באַקאַנטע מאַסיווע שטילקייט. אין זאַל זיינען געהאָנגען די בילדער. אַ גערוך פֿון נאַפֿט האָט געטריפֿט פֿון די ווינקלען. דאָס איז אָבער מער נישט געווען דער פֿריערדיקער זאַל. עפּעס איז דאָ אַוועקגענומען געוואָרן פֿון אים. אויך איצט האָבן

אירע אויגן געקוקט, אָבער נישט געזען מער ווי דאָס געמאָלענע. מאַריע איז געווען צו פיל מיד און נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער ענדערונג. זי האָט אָבער באַמערקט אַן אַקסל־צוג איבער וועלכן קיטי האָט קיין שליטה נישט.

צו מאָרגנס זיינען אויסגעבראָכן די רייפקייט־סמנים. קיטי איז געווען פול מיט בושה און זי האָט אויסגעמיטן מאַריען. ביינאַכט איז זי אַוועקגעפאַלן אויפן בעט און באַגאָסן זיך מיט טרערן. אין חלום האָט זי ווידער געזען פּעפּין. אין איר צעריסן קלייד האָט זי אויסגעזען ווי אַ באַשעפעניש, אַרויסגעצויגן פון אַ מוטנעם טייך. צו מאָרגנס האָט דער חלום נאָך געלעבט ביז אין די שפּעטע פרימאָרגן־שעהען. זעצנדיק זיך צו אירע העפטן, האָט זי אָנגערופן זיך צו מאַריען: „איך בין אַ גוט קינד״. מאַריע האָט דאָס באַשטעטיקט מיט אַ גלעט איבערן שטערן.

דערנאָך האָט מאַריע פּלוצעם זיך געגרייט צו פאַרלאָזן דעם קלויסטער — אין שליחות פון דער מוטער. ווען זי האָט איינגעפּאַקט אירע זאַכן, האָט זי, שטייענדיק אַ ווייל, געוואָרפן אַ בליק אויף די גלאַנציקע לאָמפּן. זי איז געווען אויסגעמאָגערט. די געזעגענונג איז געווען אַ גיכע, און ווען ס׳האָט זיך דערהערט אַ סקריפּ פונעם טויער, האָט קיטי פּלוצעם געפילט, אַז עפּעס איז ביי איר אַוועקגענומען געוואָרן.

ס׳איז געווען די געדיכטע שטילקייט, ווי געוויינלעך דאָ אין די מיטאָג־שעהען. אַ דרימלענדיקע ציג, אַ פאַמעשאַף וואַסער און ראַמען פון בילדער — צעשפּרייט אונטער דער לאַסט פון דער היץ. די זאַכן זיינען איר געווען באַקאַנט, פון דעסט־וועגן האָט פון זיי געבליצט אַ פרעמדקייט. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אין בנין, זוכנדיק אַ וועג צו די קליינע, פאַרן אויג באַהאַלטענע צימערלעך. אַלע טירן זיינען געווען געשלאָסן. דורך די קראַטעס האָט זי גאַרנישט געקענט זען. נאָך דעם האָט זי געטראָפן קאַטערינען זיצן אויף דער שוועל. אַ דאַרע, אין די יום־טובדיקע מלבושים, האָט יענע אויסגעזען פאַרשטייפט אין אירע געדאַנקען. „קאַטערינע״ — האָט קיטי אויסגערופן. קאַטערינע איז געווען מאַריעס קוזינע. רועדיק צוזאַמען אין שאָטן פון דער אמונה, האָבן זיי זיך נישט דערנענטערט, זיי האָבן געוווּסט — אַנדערש פאַרלאַנגען די דינים פון ליבשאַפט. די שנאה, וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט פון דרויסן, איז פאַרטיפט געוואָרן. די קלויסטער־מוטער האָט זיך דער־וועגן דערוווּסט, זי איז נישט געווען גרייט זיי צו צעשיידן. זי האָט זיי אָנגעוואָרפן דאָס בשותּפותדיקע זיין. אַ רחמנות האָט זיך דערוועקט אין האַרץ פון קיטין. זי האָט זיך צו איר דערנענטערט, זוכנדיק אַ פּאַסיק וואָרט. קאַטערינע האָט זיך אונטערגע־הויבן, פאַרצויגן דאָס קלייד און זיך געזעצט אין עק פון דעם טרעפּל.

— מאַריע איז אַוועקגעפאָרן — האָט קיטי געזאָגט.

חוץ איבערחזרן די עטלעכע ווערטער האָט קאַטערינע גאַרנישט גערעדט.

זי האָט נישט געקענט אויסבאַהאַלטן איר אומהיימלעכקייט אין קיטיס נאָענטקייט דאָ. דערנאָך האָט זי זיך אויפגעשטעלט און איז אַוועק. זי מוז אָפּריכטן תּפילה. אַן אָנדייטונג, אַז אויך קיטי דאַרף פרומער ווערן. קיטי איז געבליבן פאַרזונקען אויפן אָרט.

שלעכט זיינען געווען אירע חלומות אין יענער נאַכט. זי האָט געפילט דעם שווערן גלאָק, וואָס נידערט איבער אירע אַקסלען, און ווען ער האָט געקלונגען אַ זייגער דריי, האָט אין איר גופא געשלאָגן דאָס גלאָקן־האַרץ. זי איז אַראָפּ פון געלעגער און תּפילה־געטאָן, באַמיענדיק זיך צו ברעכן די טויביקייט, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט. ערשט אין דער פרי האָט זי באַמערקט אַ פונק פון פאַרגעבונג אין די אויגן פון דעם, אויבן. אין דער פרי איז פּעפּי געקומען ווי אַ גוטער שליח — מיט איר צעריסן קלייד, לוסטיקע אויגן און צעלאָזנקייט. זי האָט דערציילט, אַז דער פראָנט דערנענטערט זיך. סאָלדאַטן זאַמלען זיך אַרום. מיט יעדן טאָג ווערן זיי מערער. עס האָט אויסגעזען, אַז זי דערוואַרט עפּעס. די באַוועגונגען פון אירע אַרומאַרעמדיקע הענט האָבן דאָס באַוויזן.

— מאַריע וועט נישט צוריקקומען, די וועגן זיינען פאַרצוימט. די סאָלדאַטן וועלן זיך אַריינרייסן אינעם קלויסטער. עס פעלן קוואַרטירן. די קלויסטער־מוטער האָט מורא, דעריבער האָט זי אַוועקגערופן מאַריען. קאַטערינען וועלן זיי נישט רירן. דאָס נאָנע־לעבן און די בייזקייט האָבן זי איינגעדאַרט — אַזוי האָט גערעדט פּעפּי, אַ געמיש פון נייעס מיט גלוסטעניש.

— און איך ? — האָט קיטי געפרעגט.

— זאָג זיי, אַז דו ביסט פון מיינע. איך וועל ביי זיי אַרבעטן אין דער קאַנ־טינע. ווילסט אויך ? מ׳דאַרף פון דאַנען אַוועקנעמען דעם גאָלדענעם לאָמפּ.

— ניין, — האָט קיטי זיך דערשראָקן.

— ניין, — האָט פּעפּי נאָכגעקרומט — ניין, זאָגסטו ? מ׳האָט דיך אונטערגע־וואָרפן אין קלויסטער, ביסט אַ האַריקע יידישקע. איך האָב געזען.

געווען איז דאָ אַן אייזערנער טויער, אַרומגעקרייזט מיט דראָטענע צוימען און קיטי האָט באַמערקט די צוויי אָנגעהאָנגענע שלעסער.

„דו וועסט נישט אַנטרינען", „וועסט נישט אַנטרינען" — דאָס זיינען נישט געווען קיין ווערטער, נאָר קללות אַזעלכע, וואָס האָבן זיך ווי אָפּגעריסן. קיטי איז אַ ווייל געבליבן אויפן אָרט. אונטן, אינעם טאָל, האָבן גערוט די סאָלדאַטן. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם באַרג, נישט איבערלאָזנדיק קיין פריי אָרט. האַלב נאַקעטע אין דער שטראַלנדיקער זון, האָבן זיי אויסגעזען ווי וואַרעמע לייב־זיילן. אויף איינעם אַ פּלאַץ האָבן זיי מאַרשירט אונטער די קלאַנגען פון געזאַנג. ענלעך צו דעם בילד, וואָס הענגט אינעם קאָרידאָר. אַ מאָל האָט איר מאַריע אויפגעקלערט,

שטייענדיק אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, וועגן די קרייצצוגן, לאַנגע יאָרן, ביז זיי האָבן לסוף אויסגעלייזט דאָס הייליקע קבר. אַפילו די פּאַרבן זיינען געווען ענלעך. זי איז נאָך אַלץ געווען צעמישט פון דער באַגעגעניש מיט פּעפּין. קאַטערינעס צימער איז געווען געשלאָסן. אָנקלאַפּן האָט זי נישט געוואַגט. זי איז געשטאַנען אויף די טרעפּ און אָנגערירט דעם ווייסן מאַרמאָר. אין אָוונט, ווען קאַטערינע איז צו איר אַריין און געזאָגט, אַז זי מוז זיין אין קעלער, האָט זי דאָס אויפגענומען רויִק. אין דרויסן איז דער הימל געווען רויט, מער ווי תמיד. אַ שאַרפע פּייטקייט איז זיי אינעווייניק אַנטקעגנגעקומען. אויף די פּאַליצעס זיינען אין שורות געשטאַנען סלאָ־יעס בוראַקעס, אַרומגעבונדן מיט ווייסע טיכלעך האָבן זיי אויסגעזען ווי פּאַרפרוי־רענע באַשעפענישן, אין וועמענס איינגעווייד ס׳ברויזט נאָך אַ לעבן.

„מ׳זוכט מיך, קאַטערינע באַהאַלט מיך” — איצט האָט זי געפילט ווי מ׳וועט זי דאָ אַנטפּלעקן. די טיר וועט זיך עפענען, אַ ליכט וועט אַ שיין טאָן אויף די סלאָיעס און דערנאָך אויף איר. זי האָט זיך דערנענטערט צו זיי. אַ פּליסטער פון יוירונג איז פון זיי אויפגעגאַנגען. מיטן פינגער־באַריר האָט זי זיי באַקענט. עס האָבן זיך אויסגעטיילט ראַמען פון בילדער, צעבראָכענע סקולפּטורן, זעק מיט עפּל. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אָנגערירט אַן עפּל. זי האָט דערשפּירט דעם זאַפט. אַ ביסל שפּעטער איז קאַטערינע אַראָפּגעקומען און געזאָגט, אַז פון איצט אָן מוז זי בלייבן אין קעלער. קיטי האָט געזאָגט, אַז אין די הייליקע שריפטן שטייט, אַז גאָטס קינדער מוזן ליידן. קאַטערינע האָט געענטפערט מיט אַ קול, וואָס האָט אויסגעזען צאָרנדיק, זי זאָל זיך נישט גרויסן. „בין איך אַ האַריקע יידישקע?” — האָט קיטי געפרעגט, דערמאָנענדיק זיך פלוצלונג פּעפּיס רייד. קיין ענטפער איז נישט גע־קומען. קאַטערינע איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר. אירע טריט האָבן נאָך אַ ביסל אָפּגעהילכט. זי האָט זיך אַ גלעט געטאָן די הויט און געזאָגט: „עס וואַקסן מיר טאָקע האָר”. איצט איז איר קלאָר געוואָרן, אַז נאָך פריער האָט איר פּעפּי גערופן האַריקע יידישקע, קנייפנדיק איר אין באַק. אויך קאַטערינע, שטייענדיק פאַר דער קלויסטער־מוטער האָט עפּעס געזאָגט. לאַנגע שעהען איז זי געזעסן ביי די קראַטעס און געוואַרט. די קלויסטער־שטילקייט איז אין גאַנצן פאַרגליווערט גע־וואָרן. זי האָט געפילט, ווי האָר וואַקסן פון איר אַרויס, צעשפּרייטן זיך אַרום איר האַלדז און אָרעמס. „איך בין טאָקע אַ האַריקע” — האָט זי געזאָגט.

— ווער זענט איר, סלאָיעס?

— מיר זיינען בוראַקעס־סלאָיעס — האָט געענטפערט אַ קול — אונדזער פאַרב איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דער פינצטערניש, הערט מען נישט דאָס געזאַנג פון דער יוירונג?

— מ׳הערט — זאָגט קיטי — בין איך אַ האַריקע?

— דו ביסט נישט האָריק, דו ביסט אונדזער שוועסטער.

דערנאָך האָט זי זיך איינגענורעט אין דער קופּע שטרוי און איז אַנטדרימלט געוואָרן. קאַטערינע איז צו איר אַראָפּ און קיטי האָט איר געזאָגט, אַז זי פּילט זיך גוט. קאַטערינע האָט דערציילט, אַז די סאָלדאַטן רינגלען אַרום דעם באַרג, אויך ביי די מויערן רוען זיי. מאַריע וואַנדערט איבער די וועגן און קען נישט אָנקו־מען אַהער. קיטי האָט אָנגערירט דאָס קראָכמאַלעטע קלייד. אַ שורש איז אַדורך איבער איר גוף. קאַטערינע האָט גערעדט וועגן אַנדערע וועלטן און קיטי האָט אויסגעפרעגט פּרטים.

ס׳איז געווען סוף מלחמה. געפעלט האָט בלויז דער שלום־צערעמאָניאַל. אַן אַריינברוך אינעם קלויסטער האָט זיך געבעטן. קאַטערינע האָט געזאָגט, אַז נישט זי האָט אויסבאַהאַלטן די קליינע. די סאָלדאַטן האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. זיי האָבן מער נישט געהאַט די תאווה פון מאָרד. עס האָט זיי גערייצט דאָס שפּיל.

קיטי איז אויסגעוואַקסן אין קעלער. ווען מ׳האָט זי אַרויסגעפירט צום ליכט, אינעם וויסן נאַכטהעמד, האָט זי אויסגעזען נאָך העכער. אַ שלעפּ האָט זיך נאָכ־געשלייכט נאָך איר. מען האָט זי געפירט דורך שמאָלע סטעזשקעס הינטערן פּלויט צו. ס׳איז געווען אַ וווּנדערלעך שוועבן אין ווייטקייטן. קיין מענטשן זיינען דאָ נישט געווען. מלאכים האָבן זי געהאַלטן אונטערן אָרעם. און ווען ס׳האָט אָפּגעהילכט דער שאָס, איז זי אַ וויילע געבליבן שטיין דערשטוינט, ווי פאַר אַן אַנטפּלעקטן וווּנדער.

פון העברעיש : א. שעדלעצקי

אלכסנדר שפיגלבלאַט

אַ שאָד

כ׳האָב ערגעץ געהאַלטן
פאַרבאָרגן פאַר דיר
אַ לויטערע הייליקע רגע,
כדי כ׳זאָל נישט קומען
מיט ליידיקע הענט,
ווען מיר וועלן זיך ענדלעך
באַגעגענען.

און מיר האָבן באַגעגנט זיך,
פּלוצעם אַזוי,
אין טומל פון שטאָטישע גאַסן:
דו ביסט געוועזן
אַ ווילד-פרעמדע פרוי,
אַ שיינע, אַ שלאַנקע,
אַ בלאַסע...

און איך בין געשטאַנען
פאַרחידושט, פאַרגאַפט,
אין האַנט מיט דער הייליקער רגע.
דער אָוונט געוועזן איז
פרעמד ׳זוי ווי דו.

אַ שאָד
וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט...

נתן ביסטריצקי

זוכנדיק דעם זיידן

און אַזוי איז געווען די מעשה.

אַז כ׳האָב געהאַלטן ביים סיום פון דעם בוך „חזון האדם״ און בין געקומען צו דעם עפּילאָג, ווו איך פּרווו באַווייזן, און נישט אויף אַ לאָגישן, נאָר אויף אַן אינטויִטיוון אופן, אַז דער מין־אדם פון דער צוקונפט וועט אויסזען, אין פאַרגלייך מיט דעם איצטיקן מענטש, אַזוי ווי ער זעט אויס אין פאַרגלייך מיט דעם מאַלפּישן אור־מענטש — הקיצור, ווען כ׳בין געקומען אָט צו דעם סוף־פּסוק, האָב איך בפירוש נישט געוווסט, ווי אַזוי דאָס אויסצודריקן, אַז ס׳זאָל בלייבן בעצם, ווי דאָס איז באמת — מיסטיש און פאָרט נישט „מיסטיפיקאַטאָריש״. אַנדערש געזאָגט: נישט קיין סתם אוטאָפּיע, נאָר אַ היפּאָטעזע, וואָס איז דער אייגנטלעכער שליסל צו יעדער וויסנשאַפט, ווי אויך פילאָסאָפיע, ווייל בנוגע צו איר זענען דווקא יאָ שייך באַווייזן.

פלעג איך אָפּזיצן נעכט, מאַטערנדיק זיך מיט אָט דעם געדאַנק; זיצן אָט אַזוי ביים שרייבטיש שעהען לאַנג מיט דער פּען אין אומבאַוועגלעכער האַנט, קוקנדיק מיט אומבאַוועגלעכע אויגן אויף דעם ליכט פון דעם טיש־לאָמפּ, גלייך ווי כ׳האַלט אין איין פרעגן אַן עצה ביי דעם ליכט, ווי איינער וואָס גלייבט אַז אָט־אָט וועט פּאַסירן אַ וווּנדער און דאָס דאָזיקע ליכט וועט אויסשטראַלן פון זיך אַ מין ויהי אור.

און אין איינער אַזאַ נאַכט האָב איך פּלוצלונג דערפילט, דערפילט מיט רמ״ח ושס״ה, אַז עמעצער שטייט נעבן מיר, הינטער מיין רוקן, און איך האָב תיכף געוווסט, אַז דאָס איז ער. דער זיידע. מיין זיידע.

פון וואַנעט האָב איך געוווסט? אפשר צוליב דעם ציטער, וואָס איז אַדורך דורך דעם גאַנצן מאַרך פון מיין חוט־השדרה? אויך דאָס קען דאָך אָפּנאַרן: מען גיט אַזאַ ציטער, ווייל ס׳האַנדלט זיך בעצם וועגן אַן איינבילדונג. און פון וואַנעט איז דאָך געדרונגען, אַז דאָס מאָל איז דאָס נישט געווען אַן איינרעדעניש? באַווייזן? ווען מען זוכט באַווייזן פאַר אַזאַ מין דערלעבעניש — אָט דאָס איז אַ סימן אַז ס׳איז געווען, אייגנטלעך, סתם אַ דמיון. איך אָבער ווייס קלאָר אַז ער, דער זיידע, איז געשטאַנען דעמאָלט נעבן מיר, הינטער מיין רוקן, ווייל ער האָט מיר אונטער־

געזאָגט, בליץ־שנעל, דעם נוסח ווי אַזוי אָפּצושליסן מיין בוך. — ווען ער איז פאַרשווונדן, האָב איך אין דעם זעלבן אויגנבליק געוווסט גענוי דעם נוסח. ער האָט מיר אונטערגעזאָגט דעם נוסח, — וואָס איז דער תמצית פון מיין דענקען וועגן וועלט און מענטש — ווי אַ מין תמצית פון זיין אייגענעם וועזן, אַ וועזן וואָס כ׳האָב נישט געקענט, ווייל כ׳האָב דעם זיידן נישט געקענט כלל. יאָ, משמעות אַזוי.

אין יענער נאַכט האָב איך זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט. —

און שאַפּן הייסט דאָך, אייגנטלעך, זיך דערמאָנען; דאָס הייסט, מיט דעם גאַנצן געזאַמטן זכרון. דאָס וואָרט „שאַפן" קומט דאָך פון דעם באַגריף „שעפּן", משמע פון די טיפסטע טיפעּנישן פון דעם זכרון, דעם אויסבאַהאַלטענעם, ווי אַן אורקוואַל, וואָס איז דער גאַנצער עיקר פון דעם מענטשן.

יאָ, כ׳האָב זיך דערמאָנט.

✶

די באָבע האָט געהייסן חוה.

יעדע באָבע, ווי זי זאָל נישט הייסן, איז אַ ליבע און אַ גוטע. אַ מאַמע, אַפילו די בעסטע, קען אַ מאָל זיין שלעכט, אַ באָבע איז שטענדיק אַ גוטע, אַ ליבע, ווייל זי געהערט צו דער ספערע פון לעגענדע, פון דעם וואָס איז געווען, און שוין דערפאַר אַליין איז דאָס ליב, ווי פּושקין זאָגט: „און וואָס וועט פאַרגיין, דאָס וועט זיין ליב". און אַ באָבע, וואָס הייסט חוה — זי איז באַזונדערס ליב: זי דערמאָנט אונדז אין דער אור־באָבע, אין דער אם־כל־חי. און דאָס קינד אין מיר געדענקט, אַז אין דער באָבע חוה איז טאַקע געווען עפּעס פון דער אור־באָבע.

די באָבע חוה — זי האָט געוועלטיקט סיי אין חדר און סיי אין קלייט. אין חדר — דאָס איז דער הויף, דער גערוימיקער, פאַרפלאַנצטער מיט ביימער און אַ פאַרוואַקסענער אָרום און אַרום מיט ווילדגראָז, אַווו ס׳האָט געוווינט, אין דריי הייזער, די גאַנצע משפחה, די טעכטער פון באָבע חוה און אירע איידעמס, וואָס זיי האָט זי פאַרטיילט די הייזער, פאַרטיילט און דאָך געהערשט סיי איבער די הייזער און סיי איבער די טעכטער מיט די איידעמס. אין קלייט — דאָס הייסט די מאַנופאַקטור־קלייט אויפן מאַרק, וווּ די באָבע חוה, איינע אַליין, האָט זיך גע־צאַנקט מיט די דאָרפישע פּויערים און זיך געהנדלט צו די שטאָטישע גוישע „קנעפּלעך", און געקריגט זיך מיט די יידישע קונים. איינע אַליין.

און דער זיידע? ווו איז געווען דער זיידע?

דער זיידע — ער איז באמת געווען אַ לעגענדע: נישט איינפאַך געווען שייך צו דער ספערע־לעגענדע, ווי דאָס איז איעדע באָבע, נאָר געווען אַליין, עצמדיק־אַליין, אַ לעגענדע. דער זיידע, ר׳ יצחק פלח, איז געווען־און־נישט־געווען, ווייל ער האָט דאָך געהערט צו דער שטאָט, אַ חתונה־געהאַטער מיט אַ טאָכטער פון

דער שטאָט. אַ באַוויַיז — זיַינע בנים און בנות; ער איז נישט געווען, ווייל ער פלעגט די גאַנצע צייט, אין משך פון יאָרן, וואַנדערן במרחקים. ווען איך זענען אין דער שטאָט אַרומגעגאַנגען וווּנדער־מעשהלעך, ממש פון טויזנט און איין נאַכט. (און מיר וועלן באַלד זען, אַז ס'האָט זיך געהאַנדלט באמת אין טויזנט און איין נאַכט פון דעם אַראַבישן עפּאָס).

מען האָט דערציילט וועגן אים, אַז ער איז געווען אַ וווּנדערקינד; אַלס ייִנגל אַן עילוי, אַלס בחור שוין אַ גאון. ער האָט געהאַט סמיכות; געווען „אַפּגעלאָזן", ווי מען זאָגט, סיי אין לבוש און סיי אין גאַנג, אין דעם גאַנצן הולך זיַינעם, ווי אויך אין ענין עסן — קיצור הדבר, אַ „פּאַרנאַכלעסיקטער", רחמנא ליצלן, הגם די באָבע חוה איז געווען אַן אויסגעצירטע, אַ צאַצקע אַ פּרוי.

אַוווּ איז ער געווען, ר' יצחק פּלח, אַ גאַנץ יאָר? אַוווּ האָט ער אַרומגעוואַנדלט יאָרן לאַנג? אין די לענדער פון אַראַבישן מזרח, אין די לענדער פון „טויזנט און איין נאַכט", אָט אין יענע מאַגישע מקומות, וואָס זענען דאָ־און נישט־דאָ, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ לעגענדע. פון וואַנעט האָט מען דאָך געוווּסט אין דער שטאָט, אין אַן אוקראַיִנישער שטעטלדיקער שטאָט, ווו מען איז געווען שוואַך אין געאָגראַפיע, די נעמען פון יענע „טויזנט־און־איין־נאַכט" לענדער? די שטאָטישע לעגענדע האָט דערציילט — און כדי אַ לעגענדע זאָל זיין, לויט איר סאַמע וועזן, אַ סאָרט אמת־פאַר־זיך און נישט סתם אַ מעשהלע, וואָס איז לויט איר וועזן אַן אויסטראַכטעניש, דאַרף זי זיין עקזאַקט, עקזאַקט אויף איר אופן, — אַז ר' יצחק פלח האָט באַקומען אויסצייכענונגען, דאָס מיינט פּראָסט־יידיש — מעדאַלן פון סולטאַנס, דאָס מיינט פון אַראַבישע מלכים, אָט, למשל, פון דעם סולטאַן פון מאַראָקאָ; און דערמאָנט האָט מען דערביי אויך אַ לאַנד, וואָס הייסט אַלזשיר, און אַ לאַנד, וואָס טוט הייסן טוניס, און אַ מאָל אויך פּאַלעסטינע (פאַר וואָס געראַדע פּאַלעסטינע און נישט ארץ־ישראל? אַז מען שמועסט וועגן לענדער פון טויזנט און איין נאַכט!) —

עיקר שכחתי: ר' יצחק פלח פלעגט אַרומפאָרן במרחקים און דרשענען. ווי אַזוי האָבן זיך דערקייקלט צו אַ שטעטלדיקער שטאָט אין אוקראַיִנע אָפּקלאַנגען פון יענע דרשות? אויף אַ מעשהלע פרעגט מען נישט קיין קשיא; אויף אַ לעגענדע פרעגט מען נישט קיין קשיא, ווייל מען דאַרף נישט פאַרענטפערן דאָס, וואָס איז אַן אמת פאַר זיך, ווייל ס'איז אַ גייסטיקעווירקלעכקייט.

און פּלוצלונג, ויהי היום, איז ער דאָ, דער זיידע, ווי מעשה נס! איך זאָג מעשה נס און מיין דאָס באמת; ווייל דאָס קינד אין מיר (און דעמאָלט בין איך אַלט געווען זעקס יאָר, בערך) דערמאָנט זיך: ס'איז געווען גענוי, ווי איינער אַ נישט־דאָיִקער איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל. און ס'איז געוואָרן — אַזוי דערמאָנט זיך דאָס קינד — אַרום און אַרום, אין דעם הויף און אין די דריי הייזער עפּעס אַ

משונה־מאָדנער רעש, אַזאַ שטילער רעש, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין אַלע צנורות פון דעם רמ״ח ושס״ה פון דעם קינד. שאַ־שטיל אַרום און אַרום — און דאָך אַזוי הילכיק! דאָס שושקען זיך, דאָס אַרומגיין אויף שפּיץ פינגער, דאָס פינקלען און ווינקען פון אויגן — אַלעס אַזוי איינגעהאַלטן און דאָך אַזוי „עכאָדיק״, ווי עפּעס אין אַ געדיכטן וואַלד. און דער זיידע, דער נישט־דאָ־קער, וואָס איז פּלוצלונג אַריינגעפאַלן אין דער טאָג־טעגלעכקייט פון אַן אוקראַינישער שטעטלדיקער שטאָט — ווו איז ער געווען? ער, דער זיידע. ער איז נישט געזעסן אין דעם „זאַל״, און אַפילו נישט אין דעם עסצימער, נאָר אין דעם „אַלקערל״, אין דעם קליינעם צימערל, דעם דלת־אמתדיקן, דעם האַלב־טונקעלן, ממש ווי איינער וואָס דאַרף נישט האָבן מער ווי ד׳ על ד׳ און וויל זיך גאָרנישט רירן פון אָט דעם דלת־על־דלת זיינעם. משמעות, אַז דאָס איז טאַקע געווען זיין שטייגער — אַזוי האָט דערפילט דאָס קינד.

און אָט אַ מאָל, אין איינעם אַ פרימאָרגן, האָט דאָס קינד זיך אַריינגעגנבעט צום אַלקערל און געוואָרפן אַן אויג דורך דעם שפּאַלט פון דער טיר, און געכאַפּט אַ קוק, און דערזען צום ערשטן מאָל, בראשיתדיק, דעם זיידן. דער זיידע עסט פרישטיק. האָט איר געזען אַ מאָל, אַז אַ לעגענדע זאָל עסן, ממש ווי יעדער בשר ודם! איז גראָד אָט דער אַקט, דער גשמיותדיקער, פאַרבליבן אויף שטענדיק אין דער פאַנטאַזיע פון דעם קינד, ווי די באַשטעטיקונג פון דעם זיידן אַלס לעגענדע.

עפּעס אַ וואַלד־געשטאַלט. דער גאַנצער קאָפּ — וואַלד, אַ וואַלד האָר, די באָרד וואָס וואַקסט אַרויס כמעט פון אונטער די אויגן, די ברעמען וואָס וואַקסן אַריין אין דער באָרד, די פּיאות וואָס וואַקסן אַרויס פון דער באָרד — און אויף דעם וואַלד האָר אַ מין רויטער באַרג־שפּיץ, אַ יאַרמלקע, וואָלט דאָס קינד געקאָנט מיינען, ווען נישט דאָס שפּיצעלע פון אָט דעם שפּיץ, עפּעס אַ ווידעלע, אַ שוואַרץ ווידעלע, וואָס שטרייכט אונטער נאָך שאַרפער און קלאָרער די רויטקייט פון דעם באַרג־שפּיץ אויף דעם וואַלד האָר. אַ טערקיש היטעלע (אַזוי האָט זיך דאָס קינד דערוווּסט שפּעטער), מען רופט דאָס אַ פעס! און אַלס צוגאָב צו אָט דעם רויטן פלעק אויף דעם קאָפּ האָר, וואָס האָט מיט אַ מאָל אַזוי פאַרכישופט דעם דמיון פון דעם קינד, האָט זיך באַוויזן אין דעם מויל פון דער געשטאַלט נאָך אַ רויטערער פלעק, רויט ווי בלוט, וואָס האַלט אין איין רינען: דער זיידע האָט געגעסן, און ווי געשמאַק געגעסן, אַ פּאָמידאָר! אַ בייזער ווונדער! — (און שפּעטער, אַז דער זיידע איז נעלם געוואָרן אַזוי פּלוצלונג ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט, האָט מען טאַקע גערעדט און געוויצלט זיך וועגן דעם, ווי פון אַ בייזן ווונדער) — אַ מענטש עסט רויע פּאָמידאָרן! ביי אונדז, אין דער אוקראַינע, אַלנפאַלס, ביי יידן, אויף יעדן פאַל, אין יענע יאָרן, פלעגט מען עסן פּאָמידאָרן נאָר איינגעמאַכטע, למשל אין באָרשטש אָדער איינגעזאַלצענע, ווי געזאַלצטע אוגערקעס אָדער עפּל — אָבער

אַ פּאַמידאָר רויערהייט, נו־נו!.. אַט דאָס איז אַלעס וואָס דאָס קינד האָט דערזען און תופס געווען צום ערשטן און לעצטן מאָל פון דעם זיידן, פון זיין געשטאַלט — און דער זיידע איז נעלם געוואָרן!

(וואָלט איינער דעמאָלט געקאָנט פאָרויסזאָגן דעם קינד, אַז מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער, אַלס ייִנגל פון פופצן יאָר אַלט, וועט קומען, אַליין און גאַנץ אויף אייגענער אחריות, קיין ארץ־ישראל, וועט ער אין משך פון אַ געוויסער צייט טראָגן אויף זיין קאָפּ האָר דאָס רויטע היטעלע, דאָס חנעוודיק־באַווידלטע, דעם טערקישן פעס? אָדער וואָלט איינער גאָר געקאָנט נביאות זאָגן, אַז מיט אַ סך יאָרן שפּעטער וועט אָט דער פאַרשוין, אַלס באַשטענדיק פאַרוואַרצלטער אין אַ יידישן לאַנד פון דעם אַראַבישן מזרח, אָנהייבן יעדן פרימאָרגן זיין פרישטיק מיט אַ רויטן פּאַמידאָר, — אַ סאָרט אַקט פון אַ בראשית־ברא, פון אַ נייער געבורט אין אַ שפּאָגל־באַנייטער וועלט. אַן אַטאַוויסטישער זכר? אָדער גאָר אַ סימפּטאָם פון דעם, אַז ער איז עפּעס אַ גלגול, אַ גלגול פון דעם לעגענדאַרן זיידן?) —

דער זיידע איז נעלם געוואָרן. און אין קורצן, און ווידער אַ מאָל אַזוי פּלוצלונג, איז ער נתגלה געוואָרן. איך זאָג נתגלה געוואָרן, דאָס הייסט: זיך אַנטפּלעקט און נישט דערשינען, ווייל דאָס מאָל האָט זיך זיין לעגענדאַרע געשטאַלט אַנטפּלעקט אין פאָרעם פון אַ מגילה. אַ מגילה, ווייל זי איז געווען פון פּאַרמעט, דער פּאַרמעט, אויף וועלכן ס'איז אָנגעקריצט אַ ספר־תורה; אַ מגילה, ווייל ס'איז טאַקע געווען אַ גויל, אַ שמאָלער און אַ לאַנגער; און ווייל די אותיות זענען געווען אָנגעקריצט ממש ווי אין ספר־תורה און אין זעלבן סטיל. די דאָזיקע מגילה איז געקומען (אין דמיון פון קינד אַראָפּגעפאַלן) פון ירושלים די הייליקע שטאָט, די שטאָט, וואָס איז־דאָ־און־נישטאָ, ווי דער זיידע.

און ווידער אַ מאָל האָט דער גאַנצער חצר מיט דעם חלל פון די דריי הייזער אין דער לופט פון דעם גאַנצן הויזגעזינד געהילכעט פון דער מאָדנער שטילקייט, ווען אין איינעם אַן אָוונט האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע משפחה, ווייב־מאַן־קינד, און דאָס מאָל אויך דער רב און דער דיין און אַנדערע כלי־קודש, צו הערן דאָס לייענען פון דער דאָזיקער ירושלימער מגילה, אין וועלכער ס'איז געזאָגט געוואָרן לאמור, אַזוי צו זאָגן: אין דער הייליקער שטאָט צפת איז נסתלק געוואָרן איינער אַ צדיק גדול, אַ גאון מופלג, אַ מאור הגולה, ר' יצחק פלח זצ"ל, וואָס איז נטמן געוואָרן אין דעם הייליקן קרקע פון צפת תבב"א, אַזוי ווי ס'ווערט באַשטעטיקט פון אַלע גדולי התורה פון די פיר הייליקע שטעט פון ארץ הקודש, ווי מען זעט באַשיימפּערלעך אין דעם לאַנגן צעטל פון חתימות, וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ כישוף־וואָרט נאום, אָן אַ שיעור נאום און נאום, וואָס האָבן געשווינדלט פאַר די אויגן פון דעם קינד בשעת מען האָט אויפגעהויבן די מגילה, ווי אַ ספר־תורה, צו צייגן

דאָס אָנגעקריצטע אויף איר לעיני כל הויזגעזינד — געשווינדלט אַזוי, אַז דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט ביינאַכט מיט אַ מוראדיקן געשריי, ווייל ס׳האָט געזען אין חלום אַ פלאַם־פייערדיקן וואָרט נאום, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט, נאָר צעשפּרייט זיך, ווי אַ בלוט־רויטע שריפה, איבער דעם גאַנצן חלל פון דעם אַרום און אַרום.

אַז ר׳ יצחק פלח איז אויך געווען אַ מקובל, אַ מקובל גדול ונורא, דאָס האָט מען זיך דערוווּסט צום ערשטן מאָל פון דער דאָזיקער מגילה. און וואָס איז אַזוינס אַ מקובל — וועגן דעם האָט אויפגעקלערט דער הכל־וויסנדער פעטער, דער פעטער איצי, דער זעלביקער, וואָס האָט געלייענט די מגילה, פאַרטייטשנדיק זי אויף זיין אופן, דער מאָדנער אופן פון פעטער איצי, וואָס מיר וועלן וועגן אים, דאָס הייסט וועגן פעטער איצי, אָט באַלד הערן.

די דאָזיקע צוויי לעגענדאַרע התגלותן פון דעם זיידן, איינע אין פלייש און איינע אין פלאַם־פייערדיקן אות, וואָלט, אפשר, פאַר זיך אַליין, פאַרזונקען אָן שפּור אין דעם אָפּגרונט (להבדל פון אוצר) פון דעם קינדישן זכרון, געדענקט מען דען אַ זיידן? כ׳מיין אָט דעם מין געדענקען, וואָס האָט אַ שייכות מיט שאַפן, שאַפן אַלס דאָס פילזייטיקע אַנטפּלעקן זיך פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט — געדענקט מען דען אַזוי, שאַפנדיק, אַ זיידן, אַז דער געוויינטלעכער בשר־ודם געדענקט נישט זיך אַליין, דאָס הייסט זיין אמתן איך, ווייל ער לעבט אָפּ דאָס גאַנצע לעבן זיינס נאָר מיט אָפּגעהאַקטע פראַגמענטן פון זיין איך־זעלבסט, האַלטנדיק אין איין פאַר־געסן — פאַרגעסן דעם עצם סוד און תכלית פון דעם זיין.

וואָלט דאָס קינד מן־הסתם אויך פאַרגעסן אין דעם זיידן. ווי אין אַ כביכול־דיקער זאַך. אָבער די סיבה, דאָס גאַנצע הויזגעזינד — זי האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַלע צוזאַמען און יעדער איינער אויף זיין אופן, אַז דער זכר פון דעם לעגענדארן זיידן זאָל ווי פאַרפלאַנצט ווערן אין דעם בלוט־זכרון פון דעם קינד. אויף טריט און שריט פלעגט מען דערמאָנען דעם קינד מיט אַ ווונק און נאָך אַ ווונק, אַ מאָל אין אַ וויץ און אַ מאָל אין אַן ערנסט, אַז ער איז געראָטן אין דעם זיידן ר׳ יצחק. און דער שמיד, וואָס האָט, אייגנטלעך, ווי אויסגעשמידט אָט דעם זכר, און דווקא אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן, איז געווען דער פעטער איצי.

✶

צייט האָט ער געהאַט, דער פעטער איצי, ווייל אין קלייט איז געשטאַנען די מומע פעסי, אַ כשרע טאָכטער פון דער מאַטריאַרכאַלער מאַמע־חוה; זי פלעגט שטיין אַ גאַנצן טאָג, אַלע זעקס טעג פון דער פרנסה־וואָך, און פעטער איצי פלעגט אַרומגיין דעם גאַנצן טאָג פון אַלע טעג פון דער חול־המועדיקער וואָך. פאַר וואָס חול־המועדיק? ווייל ביים פעטער איצי איז שטענדיק געווען חול־המועד: ער פלעגט

אַרומגיין די גאַנצע וואָך אין אַ שבתדיקן סורטוקל, אַן אויסגעפּוצטער, און דער אייניציקער להבדיל פון שבת לחול איז ביי אים געווען דאָס שטעקעלע זיינס. דאָס אַזוי אינטעליגענטישע שטעקעלע, מיט וועלכן ער פלעגט דרייען ביים רעדן, ווען ער פלעגט האַלטן אין איין אינפאָרמירן די גאַנצע שטאָט וועגן פּאָליטיק, וועגן דער פּאָליטיק פון דער גרויסער, פון דער גאַנצער וועלט. יאָ, ער האָט געהאַט די כלים דערפאַר: ער האָט געליינט טאָג־טעגלעך (אַז מען שמועסט, ער האָט געהאַט צייט!) צוויי צייטונגען, איינע אַ לשון־קודשדיקע (דאַכט זיך „הצפירה") און איינע אַ רוסישע (די „קיעווסקאיא מיסל", די גרויסע ליבעראַלע צייטונג, וואָס פלעגט דערשיינען אין דער גרויסשטאָט קיעוו). ער האָט געשפּרודלט מיט הויך־פּאָליטיק — (אָדער „אויך־פּאָליטיק", ווי ס'פלעגן זיך וויצלען די בני־יונגוואַרג, די וואָס די שטאָט האָט זיי גערופן „די סאָציאַליסטלעך" און וואָס זענען געווען זיכער, אַז זיי זענען די הכל־וויסנדע, ווייל זיי קענען דעם עיקר — רעוואָלוציע). אָט דער דאָזיקער פעטער איצי האָט געוואָרפן, איין גאָט ווייסט פאַר וואָס, אַן אומחן אויף דעם קינד, און שפּעטער אויף דעם יינגעלע, און האָט זיך ממש „צוגעפּיאַווקעוועט" צו אים, אַריינשמידנדיק אין אים, ווי אויף אַ מין צו־להכעיס, די לעגענדע פון דעם זיידן, נאָר דווקא אויף אַ היפּכא־מסתברעדיקן אופן. ער האָט געהאַמערט ביי יעדער געלעגנהייט: „קוקט נאָר אָן אָט דאָס יינגעלע! אַ קליין פלחל, כ'לעבן! אַ קליין יצחקל פלחל! — גיט נאָר אַ קוק אויף דעם גאַנצן הולך פון דעם דאָזיקן קינד! אַ יצחקל פלחל, אַ יאָ! גלייך ווי ער איז נישט פון עולם־הזה, אַ יאָ? הגם ביים עסן, און ווער שמועסט ביים נאַשן, טאַקע אַ גרויסער עולם־הזהניק, ווי דער זיידע זיינער, ר' יצחק פלח! — זעט נאָר, זעט, ווי אָט דאָס יינגעלע דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט! שטענדיק אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרחלומטער, קריכנדיק אויף די ווענט, אַנשטויסנדיק זיך אין ביימער. כ'וואָלט געזאָגט אַ קליינער מקובל אַזאַ. ווי זיין זיידע, ר' יצחק פלח!" און ער האָט געפּסקנט — און אַ פּסק־דין פון דעם פעטער איצי איז אַ פּסק און אַן עק: „פון אָט דעם יינגל וועט גאָרנישט אַרויסקומען... דאָס יינגל וועט שטענדיק בלייבן אַ פאַרזשאַווערטער טשוואָק, אַזוי וועט ער זיין... ער גייט אַרום און טראַכט נאָר וועגן דעם, פון וואַנען די פיס וואַקסן. ווי זיין זיידע ר' יצחק פלח!"

אַי, פעטער איצי, פעטער איצי! דו ביסט שוין לאַנג אויף יענער וועלט, און דאָרט, אויפן עולם האמת, לערנסטו אפשר די מלאכי־השרת, די וואָס זינגען פון אייביקייט צו אייביקייט זייער איינציקן און דעם זעלבן הלל צו דעם אייבערשטן אויף איין און דער זעלבער שפּראַך, ווי אַזוי מ'קען רעדן מיט אַ מאָל, זאָגנדיק תמיד דאָס זעלביקע, אויף צוויי שפּראַכן — יאָ, פעטער איצי, דו ביסט שוין נישטאָ, אָבער טו נאָר אַ קוק: דו האָסט איבערגעלאָזט נאָך זיך כל מיני פעטער־איציס, וואָס

פון צייט צו צייט, און ביז דעם היינטיקן טאָג, שטויס איך זיך אָן אין זיי, און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז זיי טענהן, אָפּן אָדער פאַרשטעלט, וועגן אָט דעם פאַרשוין, וואָס שרייבט די דאָזיקע שורות, דיין טענה פון אַ מאָל: אָט דער דאָזיקער האַלט נאָר אין איין טראַכטן פון וואָנעט די פיס וואַקסן! קען דען פון אים אַרויסקומען עפּעס אַ תּכלית? און נאָך ספּעציעל אין אַ דור, ווי דער היינטיקער, ווען מ׳הייבט אָן פאַרגעסן בכלל וועגן פיס, ווייל מען באַוועגט זיך אַלץ מער און מער אויף רעדלעך — — —

און דאָך אַ יישר־כוח דיר, פּעטער איצי: דו האָסט אַריינגעפּלאַנצט אין מיין זכרון דעם זכר פון דעם זיידן.

✶

איין מאָל, ווען ס׳איז געקומען אויף מיר די ערשטע נשמה־ציטערניש, ווי יענע ערד־ציטערניש, וואָס אַנדערשט איבער מיט אַ מאָל אַ לאַנדשאַפט — דעמאָלט האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם זיידן, אָבער אויף אַ מאָדנעם אופן. אַנטלויפנדיק, מן־הסתם, פון אַ באַשטימטער געשטאַלט פון מיין איך, און וועלנדיק, ווי עס שיינט, זיך אויסבאַהאַלטן אויף אַזאַ אומוועג פון מיין איך־זעלבסט, האָב איך אַ געוויסע צייט מיר געוויילט, דאָס ערשטע און איינציקע מאָל אין מיין לעבן, אַ ליטעראַרישן פּסעוודאָנים פאַר אייניקע פון מיינע חיבורים און כ׳האָב אויסגעקליבן, גאַנץ ספּאָנ־טאַן, דעם נאָמען יצחק פּלח. אָבער געווען איז דאָס נישט מער ווי אַ סתם־עפּיזאָד, אפשר גאָר אַ מין שפּיל, אָט דאָס קאָקעטישע שפּיל פון אַן אַרטיסט, וואָס איז הבל, גאָרנישט, ס׳באַלאַנגט נישט צום עיקר.

דער עיקר, בשייכות מיט דערמאָנען זיך אין דעם זיידן, איז געקומען אין יענעם דראַמאַטישן ניי־אַלטער פון מיין לעבן, ווען ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט אין מיר, צוליב דער דערמאָנטער נשמה־ציטערניש, דער דראַמאַטורג, וואָס האָט זיך פאַרנומען צו דראַמאַטיזירן — פּראָסט־פּשוט געזאָגט, אין דער ליטעראַרישער פאָרעם פון דראַמען — דעם משיחישן טרוים, גענויער געזאָגט — פון דער געשיכטע פון כנסת־ישראל אָדער, אַנדערש אויסגעדריקט, די משיחישע פיקס־אידעע פון דער ביאָגראַפיע פון דעם מין־ישראל, פון דעם ייִד־מענטש.

די ערשטע משיחישע געשטאַלט, וואָס האָט מיך דעמאָלט פאַרכאַפּט, איז געווען שבתי צבי, דער אַזוי גערופענער „פאַלשער משיח״ (דער „טראַגישער משיח״, לויט מיין אויפפאַסונג). נו, קען מען זיך אַריינלאָזן אין דער שבתי צבי־באַוועגונג, נישט דערמאָנענדיק זיך ביז מאַרך פון ביין אין דער קבלה און איר מיסטיק? קען מען פאַרשטיין דעם גייסט פון קבלה אָן צפת, דאָס וויגעלע פון חן, חכמת נסתר, די קרוינשטאָט (איך זין פון „כתר־מלכות״) פון דעם אר״י און זיינע מקורבים? האָט אין מיר, אין די מעמקים פון מיין איך־זעלבסט אַ שפּרודל געטאָן אַ ווי אַ באַהאַלטענער קוואַל, וואָס גיט מיט אַ מאָל ווי אַ שפּרונג פון די טיפענישן, דער זכרון וועגן דעם

זיידן, דער וואָס איז נסתלק געוואָרן אין צפת און איז נטמן געוואָרן אין איר הייליקן קרקע. (כ׳שטרייך אונטער קרקע, ווייל קרקע אין דער פאַרהייליקטער פאַרפאַסונג מיינט נישט סתם ערד, דער יסוד פון עפּעס, נאָר אַ סאָרט אייביקייט, אַ סוד פון אייביקן לעבן.)

בין איך, צום ערשטן מאָל, געפאָרן קיין צפת, כדי אויסצוזוכן דעם קבר פון דעם זיידן: פון ר׳ יצחק פלח פון יענער ירושלימדיקער מגילה, וואָס האָט אויפ־געפלאַקערט אין פאָרעם פון אַ פלאַם־פייערדיקן וואָרט נאום אין אַ נאַכט־חלום, אפשר גאָר אַ וויזיע, פון דעם קינד. איך האָב געוואָלט, אייגנטלעך, זאָגן, אַז איך בין געגאַנגען קיין צפת (הגם קערפּערלעך בין איך, ווי דער שטייגער איז, געפאָרן), ווייל נשמהדיק בין איך עולה־רגל געווען קיין צפת (טראַכטנדיק דערביי, מן־הסתם, ווי דער פעטער איצי וואָלט זיכער געזאָגט, פון וואַנעט די פיס וואַקסן).

און נאָך איידער כ׳האָב אַרומגעכאַפּט צפת מיט די אויגן, איידער כ׳האָב זיך אַריינגעקוקט און צוגעקוקט מיט די אויגן, האָב איך דעם כלל־צפת, דעם פּייזאַזש, אַריינגעזאַפּט מיט דעם אויג. (משמעות, אַז כ׳בין פון די, וואָס לעבן זיך אויס מיט דעם אויג, דורך דעם אויג; נישט אומזיסט האַלט איך, אַז מענטש איז אויג, ווייל דאָס איז די קאָמוניקאַציע צווישן מענטש און וועלט, און ממילא צווישן מענטש און מענטש, ווי אויך צווישן מענטשלעכן איך און דעם אַלמענטשלעכן איך אין אים; גענוי ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון דעם אויג שפּיגלט אָפּ אַ צווייטן, דעם אַנדערן, דעם „ורעך כמוך״ און דערפאַר טאַקע זאָגט מען „אָפּהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון דעם אויג״ און „ליב האָבן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון דעם אויג״; און באשר־בכן, האַלט איך אויך, אַז די מענטשלעכסטע, די עכט־הומאַניסטישע אייגנשאַפט איז אַן עין־יפה, אַ גוט אויג, גענוי ווי דאָס בייזע דריקט זיך אויס אין עין־הרע, דאָס אויג פון דעם בייזן, מיינט מען דאָך דעם שטן אַליין ימח שמו). און אַריינזאַפּנדיק מיט אַ מאָל כלל־צפת מיט דעם אויג, האָב איך אויפגעפאַסט איר קאָליר, תופס געווען, אַז אָט די שטאָט איז ווי געמאָלט אין אַקוואַרעל, אָט דער קאָליר פון צערטלעכקייט, וואָס מיינט בענקעניש. איז דאָך טאַקע די שטאָט אויסגעוואַקסן פון בענקעניש, בענק־שאַפט צו אַ שכינה, דאָס אייביק־ווייבלעכע פון דעם אַלגעטלעך־קאָסמישן — אַ בענקעניש פון אַ מין לכה דודי לקראת כלה. און שפּעטער, ווען כ׳האָב אָנגעהויבן זיך אַריינקוקן און צוקוקן, האָב איך דערזען אַז די שטאָט איז אַ סאָרט ערב־שבתדיקע, וואַנדערנדיק אַרום אין אַ פראָסט־וואָכעדיקן טאָג, און ספּעציעל פאַר נאַכט, צווישן די בערגלעך, אָט די אַקוואַרעליש־אויסגעצערטלטע און דאָך פערלדיק אויסגעשמידטע, אָט די חלומדיקע, גלייך ווי פון איינעם אַ נסתר שטענדיק גע־טרוימטע בערגלעך, וואָס האַלטן אין איין טאָן ציטערן אין דעם גילד־גאָלדענעם שימער פון אַ נישט־דאַיִקן ליכט, אַן אור גנוז — דעמאָלט האָט זיך מיר געדאַכט,

אַז זיי זענען אין אַ צושטאַנד פון עפּעס וגילו ברעדה, גלייך ווי זיי שפּרינגען אונטער, ווי טאַנצנדיק ביי אַ שטיל־שטומען זינגען פון בואי כלה, בואי כלה.

און אין איינעם אַ פאַרנאַכט, כ׳בין געשטאַנען, פאַרכאַפּנדיק דעם אָטעם מיינעם, צווישן די בין־השמשותדיק דורכגעלויטערטע בערגלעך, אַרומנעמענדיק מיט דעם אויג דעם גאַנצן חלל פון אַרום און אַרום, וואָס איז געווען איין פולקאָמענע אומ־אַרמונג פון ערד און הימל, כ׳וואָלט געזאָגט אַ לאַנדשאַפט, ווו שכינה באַהעפט זיך מיט אדם — האָב איך זיך דערמאָנט אין אַ וווּנדער־מעשהלע. דערמאָנט, ווייל דאָס אויג האָט מיט אַ מאָל דערזען, דערזען עין בעין דאָס בילדל פון הונדערטער יאָרן צוריק, וואָס איז פאַרבליבן, משמעות, ווי אַנגעקריצט אויף שטענדיק, אין דער דאָזיקער לאַנדשאַפט. יענער מאָמענט פון פינף מינוטן פאַר ליכט־בענטשן, פאַר קבלת שבת, ווען דער אר״י, שטייענדיק אָט דאָ מיט זיינע תלמידים און מקורבים, האָט אַ זאָג געטאָן צו זיי: „קינדערלעך, לאָמיר גיין איצט, טאַקע באַלד, קיין ירושלים״. און אַז זיי, ווי דער סתם מענטשלעכער שטייגער איז, דער „מיטלאַלטער־לעכער״, האָבן אַנגעהויבן זיך צו קווענקלען: „סטייטש, רבי, וואָס הייסט באַלד, און קיין ירושלים, רבי, פינף מינוטן פאַר קבלת שבת״. — האָט ער אַ געשריי אויסגעשריען: „וויי, ווי איז אונדז, פאַרזאַמט די גאולה. אין דער רגע־כמימרא איז משיח צדקנו צוגעקומען צו די טויערן פון ירושלים, מוכן ומזומן אַריינצוגיין, וואַרטנדיק נאָר אויף די מאמינים, אַז זיי זאָלן אין דעם אויגנבליק אים מקבל פנים זיין, ווייל דאָס איז די שעת־חסד, און וועגן די פינף מינוטן פון פאַרשפּעטיקן צוליב ספיקות האָבן מיר פאַרזוימט די גאולה״. אָט די פינף מינוט פון אר״י, דעם וויזיאָנער, אָט דאָס דעמאָניש־געניאַלע פון אַזעלכע „פינף מינוטן״, וועלכע דעצידירן אין יעדער אייביקייט פון מענטשן, סיי יחיד סיי כלל, וואָס איך האָב איצט אויפגע־כאַפּט און אויפגעפּאַסט אַזוי פּלאַסטיש־ממשותדיק, ווי מיין אייגענע הויט — דאָס האָט מיר אין גאַנצן אַנטדעקט, און ווידער אַ מאָל אין אַ בילד, הגם געשאַפן דאָס מאָל פון מיין פאַנטאַזיע, דעם אינטימסטן סוד פון צפת, פון איר לאַנדשאַפט, לאַנד־שאַפט געמיינט אין דעם פולקאָמענעם ווערט פון דעם באַגריף, פיזיש ווי גייסטיק: ווייל לאַנדשאַפט, אין תוך, איז דאָך נישט איינפאַך אַ נאַטור־בילד, נאָר לאַנד, וואָס די מענטשלעכע נשמה שאַפט. און אָט איז דאָס, כ׳מיין דאָס בילד, און בפירוש אַ בילד און נישט איינפאַך אַ משל, וואָס איך האָב דערזען.

ביים פאַרענדיקן די אַרבעט פון ששת ימי בראשית, דאָס שאַפן פון דער וועלט, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט דער אייבערשטער קינסטלער פאַראייבעריקט פינף מינוטן פאַר דעם שבת זיינעם, אין אָט די פינף מינוטן איז ער ווי געבליבן אין אַ צושטאַנד פון עפּעס אַ תוהו (דער תוהו, וואָס נאָר אַן עכטער קינסטלער קען אים פאַרשטיין!), דהיינו, צווישן נישט־שאַפן־מער און נישט־אויסרוען־זיך־נאָך, צווישן

דעם ביטערן שוויס פון אַרבעט און דעם זיסן טוי פון אויסרוען זיך אַבסאָלוט, זאָגנדיק זיך, נישט בלויז עקסטאַטיש, נאָר מאַטעמאַטיש־עקזאַקט, כי טוב — — — און דאַן, אין די דאָזיקע פינף מינוטן, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו עפּעס אַ נאָך־טאָן, וואָס איז ספק אַרבעט און ספק שפּיל און אין גאַנצן בחינמדיקע ליבע, און האָט אויסגעצאַצקעט צפת, די פּערלדיקע און אַקוואַרעלישע שטאָט, וואָס וועט זיין, ווי באַשערט דורך אָט די מיסטיש־אויסגעבענקטע פינף מינוטן, דאָס מוטער־וויגעלע פון מיסטישער בענקשאַפט, פון דער קבלה־מיסטיק.

האָב איך אַנטדעקט צפת: זי אויסגעפונען אַלס די לאַנדשאַפט פון דער משיחישער פיקס־אידעע! (און קען מען דען אויפפאַסן אַן אידעע קינסטלעריש אָן אַ לאַנדשאַפט: דאָס איז דאָך דער גאַנצער להבדיל צווישן דער קינסטלערישער און דער וויסנשאַפטלעכער אויפפאַסונג). יאָ, כ׳האָב אויסגעפונען צפת. אָבער כ׳בין דאָך אַהער געקומען, כדי צו אויסגעפינען אַ שפּור פון דעם זיידן, דעם קבר פון דעם זיידן!

איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן, פיבערהאַפט זוכן דעם קבר. געזוכט און געזוכט. תחילה בין איך געגאַנגען אויף דעם אַלטן, גאָר אַלטן בית־עלמין, דער, וואָס וועגן אים דערציילט די לעגענדע, אַז דאָרט זענען אויסבאַהאַלטן ששים ריבוא פון הייליקע נשמות, נשמות פון צדיקים און יודעי־חן; אַ מין שטום־שטילע, שטיינערדיקפאַרגאַפטע שטאָט, וואָס האַלט ווי אין איין וואַרטן יעדע מינוט אויף דעם בלאָזן פון דעם אליהו־שופר, כדי מיט אַ מאָל ווערן לעבעדיק. איך האָב געפונען נאָר שטיינער, אָפּבראָכן פון אוראַלטע מצבות, פון אויפשריפטן, וואָס זייערע פאַרבלאַסטע אותיות זעען אויס ווי שאָטנס פון דעם וואָס איז געווען העט־העט אַ מאָל, בוכשטאַבן ווי אותות פורחות. נישט געפונען אין דער אַפּאָקריפישער שטאָט אַפילו אַ סימן פון אַן אות, וואָס זאָל אָנדייטן אויף בוכשטאַבן, וואָס האָבן אַ מאָל אויסגעמאַכט אַ נאָמען יצחק פלח. ווי פאַרשלונגען געוואָרן, אָט דער דאָזיקער שם, אין עפּעס אַן אָפּגרונט אָדער אַ חלל פון כלל, פון אַ ונאסף אל עמו, און אַן עק. האָב איך נאָכגעזוכט אין אַלטע פאַרצייכענונגען, אין פאַרוויאַנעטע אויסגעגעלטע בלעטלעך פון חברא־קדישא — גאָרנישט, נישט געפונען גאָרנישט, קיין שפּור.

קיין שפּור פון דעם זיידן. נישט געהאַט קיין מזל צו דעם קבר פון זיידן.

*

האָט אַ ליכטיקער מזל מיר געשענקט אין יענע טעג און נעכט, אַלס טוריסט פאַר מיין אַנטוישונג, די מתנה פון טרעפן זיך אין צפת, אין דער שטאָט פון חן, מיט דעם גרעסטן ח״ן פון דער נאַציאָנאַלער ישראל־דיכטונג, מיט חיים נחמן, מיינט מען ביאַליק. איז געוואָרן מיט אַ מאָל אין דער שטענדיק ערב־שבתדיקער שטאָט אין גאַנצן שבת — כ׳וואָלט געזאָגט, עפּעס אַ שבת הגדול — — —

אָ, יענער שבת הגדול מיט ח״ן ביאַליק אין דער שטאָט פון ח״ן! ווען אַרומ־שפּאַצירנדיק אין דער פרי, צי פּאַר נאַכט, צווישן יענע בערגלעך אָדער גאָר אין די זיתים־וועלדלעך, צעזייטע דאָ און דאָרט, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן פּלוצלונג, און דאָס כמעט יעדע פינף מינוט (אָט די פינף מינוטן פון קיין מאָל נישט־פאַרשפּעטיקן פון אַ מענטש אַ שטענדיק שאַפנדיקן!), קלאַפּנדיק יעדעס מאָל מיט זיין שטעקן אין דעם באָדן, גלייך ווי ער וואָלט געטאָן האַקן מיט אַ מטה אין אַ פעלדז אַריין ס׳זאָל אַ שפּרודל טאָן פון דאָרט, פון ערד־טיפענישן, דער קוואַל פון זיינע געדאַנקען. אָט די אָריגינעלסטע, אינטימסטע געדאַנקען פון זיין ספּאָנטאַנער שאַפונג, פון זיין שירה שבעל־פּה. און אין איינעם אַ בין־השמשות, אין יענער שעה, וואָס ער האָט זי אָנגערופן שעת הרחמים, די שכינתדיקע, ווען די גאַנצע לאַנדשאַפט אַרום און אַרום האָט זיך אויף התלהבותדיקן אופן צעפלאַקערט פון יענער אַזוי צערט־לעכער אומאַרמונג פון ערד און הימל, האָט ער זיך צעפלאַקערט, אין אַזאַ מאָס און גראַד, אַז איך האָב דערפילט אַז יענער פלאַם־פייער פון אַ וואָרט נאָום, וואָס דאָס קינד האָט דערזען מיט יאָרן צוריק אין חלום, קען זיך אַנטפּלעקן נישט נאָר אין אַ נאַכט־טרוים, נאָר אויך אויף דער וואָר. ס׳האָט זיך געהאַנדלט ביי דעם שמועס וועגן די „היינטיקע״, אַזוי צו זאָגן, דהיינו, וועגן שרייבער און קינסטלער פון אונדזער צייט, וואָס איעדער איינער פון זיי האַלט זיך אין אין יאָגן נאָך זיין אייגע־נער „אומשטערבלעכקייט״, נישט פילנדיק, אַז וואָס מער זיי לויפן איר נאָך אויף דעם וועג פון אַ קליין־איך, אַלץ מער אַנטלויפט זי פון זיי, ווי אַ שאָטן, אַ שאָטן פון אַ שאָטנדיקער אילוזיע. און ער האָט געטענהט, מכלומרשט צו זיין צוהערער, און, אין תוך, צו זיך אַליין, אַז דער אַזוי גערופענער משורר לאומי, דאָס מיינט, במחילה־מכבודה, טאַקע אים אַליין, אַפילו ער קען גאָרנישט זיין זיכער מיט דער אַזוי גערופענער אומשטערבלעכקייט פון זיינע שירים, ווייל ווער ווייסט, צי מען וועט זיי נאָך לייענען אַ מאָל, און אַפילו מ׳זאָל אָננעמען אַז יאָ, וועט דאָס זיין אַ מין „אַמאָל״, לאָמיר זאָגן גאָר אָפּטימיסטיש, פון מיט פופציק יאָר שפּעטער — אַ נצח פון פופציק יאָר, כאַ־כאַ־כאַ! אָבער ווען עפּעס וועט דאָך פאַרבלייבן פון אַ זכר וועגן ביאַליק אין קומענדיקע צייטן, וועט דאָס זיין גראָד דאָס אַנאָנימע ווערק זיינס, דער „ספר אגדה״, די זאַמלונג פון די אגדות פון מדרש, וואָס ער האָט אויפגעבויט, אַ שאַפונג פון הכלל; — און נאָר דער כלל־איך איז אומשטערבלעך — האָט ער אַ האַק געטאָן מיט זיין מטה אין דעם באָדן אַריין — נאָר דער כלל־איך! און דאָ האָט ער זיך צעשמייכלט אויף זיין קינדיש־קונדעסדיקן שטייגער, דערמאָנענדיק זיך אין רב פּפּא פון דעם תלמוד, אָט דער רב פּפּא, וואָס זיין לעבעדיקער נאָמען איז פאַרבליבן איינגעקריצט אין דעם זכרון פון יידישע חדר־יינגלעך, און ממילא פון דורות יידן. וואָס וואָלט פאַרבליבן פון אָט דעם סתם רב פּפּא, פון אים און פון

אַלע אַנדערע רב־פּפּאס, ווען ער אָדער זיי וואָלטן זיך געהאַלטן, אָט ווי די היינטיקע ביי דעם קליין־איך זייערן און זייער „אומשטערבלעכקייט", מישטיינס געזאָגט! האָט אָבער רב פּפּא פאַרשטאַנען, באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק, צוצובינדן זיין קליין שיפעלע צו דער געוואַלדיקער שיף פון דעם תלמוד, אַ קאָלעקטיווע יצירה, און ווען די דאָזיקע שיף איז אַרויסגעשוווּמען אין דעם ברייט־גרויסן ים פון אייביקייט, פון אַ נצח פון אַ פאָלק, האָט זי מיטגעשלעפּט מיט זיך אויך דאָס קליינע שיפעלע פון אַ רב־פּפא, פון אָט דעם קליינעם יחיד־איך.

אין יענעם אויגנבליק פון עפּעס אַ ווידוי מצד אַ גרויסן גייסט, האָב איך דערפילט... ניין, כ'האָב ווי דערהערט, אַז דורך דעם כשרן מויל פון אָט דעם פאָלקס בן־יחיד, וואָס האָט אין זיין דיכטונג פאַרדיכטעט דעם תמצית פון זיין פאָלק, דאָס קאָלעקטיווע ווען, רעדט צו מיר דער זיידע; רעדט נישט פון אַ קבר, נאָר פון דעם קרקע, דעם לעבנס־באָדן פון אַ פאָלק, וואָס איז אָפּגעשטעמפּלט מיט דעם חותם פון דער משיחישער פיקס־אידעע וועגן וועלט־מענטש־דערלייזונג: — אַזוי האָט גערעדט דער זיידע, אָנווייזנדיק דערביי אַ מין הויפּט־געדאַנק, און אפשר גאָר דעם עיקרדיקן עיקר וועגן דעם קליין־איך, דעם ענג־מענטשלעכן, וואָס איז נאָך אַנטראָפּאָידיש, און דעם גרויס־איך, דעם אַלמענטשלעכן און ממילא אויך דעם גאַנץ־מענטשלעכן, וואָס לעבט אויסבאַהאַלטן אין יעדן בן־אדם אַלס די געוואַלדיקע פּאָטענץ, כ'וואָלט געזאָגט, ווי אַ מין גייסטיקע אַטאָם־ענערגיע, און ממילא דער גרעסטער שאַנס פאַר דער צוקונפטיקער גאולה פון דער מענטשהייט...

אַזוי האָט דעמאָלט, ווי פאַרשטעלט, מיר מרמז געווען דער זיידע.

*

אַן איינרעדעניש? עפּעס אַ פּסיכישער במקום, קאָמפּענסאַציע רופט מען דאָס, צוליב מיין אַנטוישונג, וואָס כ'האָב נישט אויסגעפונען די שפור פון מיין זיידן, זיין קבר?

איז ער דאָך געקומען, דער זיידע, ווי כ'האָב דערציילט אין אָנהייב, אין יענער מיטנאַכט, ווען כ'האָב בחינם געזוכט די אַפּאָטעאָזע, דעם אחרית־דבר, צו מיין בוך „חזון האדם", וואָס איז, אייגנטלעך, אַ פּרווו צו באַגרינדן די משיחישע היפּאָטעזע. געקומען איז דער זיידע, דער וואָס האָט מן־הסתם געזוכט אויף זיין אופן, אויף דעם וועג פון קבלה־מיסטיק, די גרויסע לייזונג פון דער דערלייזונג און האָט מיר אונטערגעזאָגט דעם אחרית־דבר.

ווייל אין יענעם אויגנבליק, וועלכער האָט ווי אַ בליץ געטאָן בשעת כ'האָב דעם זיידן דערפילט נעבן מיר ווי דורך אַן עלעקטרישע ציטערניש, האָט אין מיר תיכף אַ דונער געטאָן, אַלס עפּילאָג צו דעם בוך, אַ נוסח פון אַ דיאַלאָג צווישן דעם „אני" (קליין־איך) און דעם „האני" (גרויס־איך).

יאָ, אַט אַזוי!

פאַר וואָס זשע האָב איך דעמאָלט, ווען כ׳האָב געהאַלטן ביים סיום, נישט געקאָנט פאַרווירקלעכן דעם אינטימען ווונטש מיינעם, דערציילן דאָס אַלץ אַלס אַ סוף פסוק, אָנצינדנדיק אַזוי אַרום אויך אַ נר־תמיד צום אָנדענק פון דעם זיידן, לעילוי נשמתו, ווי מען זאָגט, און פאַר וואָס טו איך דאָס גראָד איצט, און דווקא אויף יידיש?

איצט בין איך גרייט צו דערציילן דיר, מיין ליבער לייענער, דעם סוד, אַז כ׳בין נישט פאַרנאַרט:

ווייל דער זיידע —

אָט דער גרויסער תלמיד־חכם און מקבול; אָט דער פול־און־גאַנץ לשון־קודשדיקער, אָט דער בעל־דרשן, וועלכער האָט געהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן זיינס אין איין דרשענען, וואָס מיינט דאָך שאַפן רעדנדיק —

דער זיידע האָט גערעדט אויף יידיש.

שפרהווערבער

ביים בערגל זאמד

פֿאַרהילט אין דעמערדיקע בלאָען
אין שפּעטער שקיעה־שעה,
דאָ, בײַם בית־עולם־ראַנד —
אַן אויפגעגראָבן בערגל זאַמד
מיט טיפן וואָרעם
פֿון די דנאָען.

כ׳פֿאַל צו צו אים
מיט קאָפּ דעם אָנגעצויגענעם
ביז געפּלאַץ.
זאָל זײַן דאָס זאַמדיק בערגל בלויז —
עלעהײַ אַ שוים
פֿאַר יתומה, לעצטער
פֿון די שוועסטער,
איך קלאָג אין אים אַרײַן
מײַן צער צעצונדענעם
מיט דײַנעם, מאַמע,
וואָס זײַן געיאָמער
טראָגט זיך אין טונקעלן געררויש
פֿון אַלע וועלדער
און עכאָט אָפּ אין מײַנע בלוטן
און מאָנט אַ תיקון...

און ווען
עס פּיקט זיך אויס באַגין
מיט פֿייגל־צוויטשערײַ און פֿליערײַ,

און זון דעם הימל־ראַנד פֿאַרזיגלט,
מײַן פּנים דאָס צעאַקערטע
פֿון טרעריקן גערין —
אַלץ טיפֿער אינעם היגל
דאָס זאַמד פֿאַרזאַפּט די טרערן.

יצחק טורקאָוו־גרודבערג

דער זיבעטער נאָוועמבער

א.

דאָס שיפל האָט זיך לייכט געהוידעט, געשניטן דאָס וואַסער. די כוואַליעס פון כנרת האָבן זיך געלאָזט אין קליינע בערגלעך — איין בערגל האָט געיאָגט דאָס צווייטע, געקראָכן אויפן צווייטן, ווי אַ ריזיקע סטאַדע שעפּסן באַרג־אַראָפּ. פאַרבאַר־געגנע אונטערוואַסער־שטראָמען האָבן געמוזט יאָגן די כוואַליעס, ווייל פון אויבן האָט זיך אַפילו נישט געפילט קיין הויך פון אַ ווינטל. אַ שווערער פּויראַנג פון טרוקענער היץ איז אַראָפּגעהאָנגען איבער דער אָזערע, כמעט פאַרטשעפּעט די רוקנס פון די כוואַליעס.

— אַ שריפה, צום טייוול! — האָט געפרייכט אַ דיקער מאַן. ער האָט כסדר אַראָפּגענומען זיינע זון־ברילן, געווישט דעם שוויס פון שטערן, פון פנים, ביז טיף אין דעם צעפּאַטלטן העמד אַריין.

— דרייסיק גראַד, — האָט מיטן טאָן פון אַ ראַפּאָרט אַרויסגעזאָגט אַ יונגער־מאַן, וועלכער איז געשטאַנען ביים רודער פון מאָטאָר־שיפל.

זיי צוויי זענען געווען די איינציקע אויפן דעק. אונטערן דעק, אין שאָטן, איז געזעסן אַ גרעסערע געזעלשאַפט. די היץ איז דאָרט אויך אַ האָר נישט שוואַכער געווען, בייערט אַ געפיל פון שוץ פאַר דער זון האָט לייכטער געמאַכט זי צו פאַר־טראָגן. פלעשלעך קאַלטע משקאות זענען אויגנבליקלעך אויסגעליידיקט געוואָרן. אויפן פאַרקויפערס פנים איז קענטיק געווען אַ זאָרג, צי ער האָט נישט מיטגענומען צו ווייניק סחורה.

— קומט אַראָפּ אַהער, וועט איר זיך אַ ביסל אָפּקילן, — האָט אַ צעפּלאָשעטע ווייסע טשופּרינע, איבער אַ יונג פאַרברוינט פנים, אַרויפגעשריגן צום דיקן מאַן.

ער האָט זיך געלאָזט אָנרעדן, אַראָפּ איבער די געדרייטע טרעפּלעך. זיין טיכל איז געווען פּיטש־נאַס — כאָטש דריי עס אויס. ער האָט זיך שוין געווישט דעם שטערן מיט דער בלויזער האַנט.

— אין נאָוועמבער אַזאַ היץ! אסור, צי מ׳וועט מיר גלייבן אין טשיקאַגאָ.

— אַ כאַמסין, — האָט צוגעשמייכלט די ווייסע טשופּרינע, — אַ כאַמסין ווייס נישט פון קיין חכמות.

— דער מוח טריקנט ממש... אין נאָוועמבער? אין ערגעץ אין דער וועלט וועט עס נישט טרעפן.

— און ביים עקוואַדאָר? — האָט לצניש אונטערגעוווּנקען אַ יונגער־מאַן, עפּעס אַ זייטיקער. מיט זיין אויסזען און הולך איז ער געווען אַ פרעמדער אין דער געזעל־שאַפט פון באַיאָרטע קור־געסט און טוריסטן.

— צום עקוואַדאָר פאָר איך נישט נעמען קיין וואָרעם־בעדער — האָט געפּרייכט דער טשיקאַגער.

די טרוקעניש האָט איינגעשלייערט. קיינער האָט נישט געענטפערט. דאָס פּרייכן האָט איבערגעשטיגן דאָס רוישן פון מאָטאָר.

נאָך אַ צייט האָט זיך אָן שום סיבה אָנגערופן די ווייסע טשופּרינע:

— דאָ איז לייכטער ווי אויף דער יבשה. אַזאַ שפּאַציר פרישט אָפּ.

דעם טשיקאַגער האָט עס נישט איבערצייגט.

— שוין אויסגעווען אַ וועלט, אין די דרום־שטאַטן, אויף די בערמודן. אַזעלכעס נישט געטראָפן... אין נאָוועמבער?

די ווייסע טשופּרינע האָט אים גוטמוטיק באַרויִקט:

— ס'איז דאָך עפּעס אַזיע...

— סיביר איז אויך אַזיע, — האָט זיך דערהערט אַ קול פון אַ ווינקל. אַפּנים אַ לערער. ס'איז געווען געזאָגט מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט פאַרראָכטן אַ געאָגראַפישן פעלער פון אַ תלמיד.

דאָס בלויזע דערמאָנען סיביר האָט אָפּגעקילט אַ ביסל — אַפילו דעם טשי־קאַגער. ער האָט זיך פלוצלינג צעלאַכט מיט אַ הירזשע:

— האַ, האַ, סיביר!

אַ קוטשמע האָר פון דער ווייסער טשופּרינע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיינע אויגן. ער האָט איבערגעחזרט מיט אַן אויסרוף:

— סיביר?

— יאָ, סיביר, — האָט דער לערער רויִק געענטפערט.

— וואָס ווייסט איר פון סיביר?

— זייער אַ סך. פאַונע, פלאָרע, געשיכטע, נאַטור־אוצרות.

— טויטע זאַכן. וועגן לעבעדיקן סיביר דאַרף מען וויסן.

— אויך וועגן דעם. כ'בין דאָרט געווען אַ שיין שטיקל צייט. פאַרשיקט.

דער טשיקאַגער האָט פאַרראָכטן זיינע זון־גלעזער, זיך גוט איינגעקוקט איבעם לערער און אַ פעסטן קלאַפּ געטאָן אים אין פּלייצע:

— אָ, באָי!

די טשופּרינע איז נישט אָפּגעטראָטן.

— פאַרשיקט? ווען, ווו, ווי אַזוי, פאַר וואָס?

ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט גלייבן: בעת דער מלחמה, נאָכן אַנטלויפן פון היטלערן... געטראַכט האָט ער ביי זיך: „אַהאַ, מן־הסתם געשמוגלט, שפּעקו־לירט. ווי דען אַנדערש? גלאָט אַזוי פאַרשיקט מען נישט קיין סיביר". דער לערער האָט עס אָפּנים אַרויסגעפילט. ער האָט פאַרלוירן די רויִקייט פון זיין טאָן:

— היינט איז גראַד אַ יאָרטאָג. דער זיבעטער נאָוועמבער...

— אמת, דער זיבעטער נאָוועמבער... ווי אַזוי איז עס מיר אַרויס פון קאָפּ? — די טשופּרינע האָט באַשיימפּערלעך געהאַט עגמת־נפש.

— זיבעטער, אַכטער, וואָס איז דער מער? — דער טשיקאַגער האָט עס נישט געקאָנט פאַרשטיין. דער מאָטיוו, אַז דאָס איז דער יאָרטאָג פון די „צען טעג, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט", האָט אים אויסגעזען צו זיין אומפאַרשטענדלעך. ערשטנס, איז ע רשוין דאָן געווען אין אַמעריקע, איז אים אָנגעגאַנגען ווי דער פאַר־אַיאָריקער שניי, צי מען האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם צאַר און ווער וועמען האָט שפּע־טער אַראָפּגעוואָרפן. שטאַמען שטאַמט ער פון אַ שטעטל אין מערב־גאַליציע גאָר, האָט זיין משפחה אויך נישט געהאַט צו טאָן מיט די באָלשעוויקעס. און אַליין — יאָרן לאַנג געהאָרעוועט אין אַ שאַפּ, געזאַמלט אַ סענט צו אַ סענט אויפצובויען זיך אַ היים, אַן אייגענע ביזנעס, העלפן אַראָפּקומען די קרובים.

— מיינט נישט, אַז אין טשיקאַגאָ האָבן זיך געוואַלגערט דאָלערס אין די גאַסן. קיין גענגסטער בין איך נישט געווען, אַלץ דערגרייכט מיט אייגענעם שוויס. נישט קיין צייט געהאַט צו פּוסטע זאַכן, סאָשעליזם, באָלשעוויזם. זאָל זיך ראָקפעלער אַרומרייסן מיט זיי.

מיט די רייד האָט ער פערזענלעך געטראָפן די טשופּרינע. ווען נישט די רע־וואָלוציע — איז ווער ווייס? און בכלל — ער אַליין:

— צו אונדז, אין אוקראַינישן שטעטל, איז דער זיבעטער נאָוועמבער דערגאַנ־גען אַ פּאָר וואָכן שפּעטער. ווייסגוואַרדייער, באַנדעס, פּאַגראָמען. איר זעט די שניטן? — ער האָט ברייט פונאַנדערגעכראַסטעט דאָס העמד און פון דעם אונטער־העמדל האָבן אַרויסגעקוקט טיפע שניטן ביי דער ברוסט, אויף דער פּלייצע, ווי ברוודעס אויף אַ צעאַקערט פעלד. — דאָס איז פון אַ ווייסגוואַרדייאישער שווערד און קאָזאַקישע פּיקעס. מיט בלוט געצאָלט. פאַרשטאַנען?

ער האָט זיך אַלץ מער און מער אָנגעצונדן: די ערשטע פייערונג פון זיבעטן נאָוועמבער, דער ערשטער יאָרטאָג. אַ ים מיט רויטע פענער אין דעם שנייאיקן אַרום פון שטעטלדיקן מאַרק. ער — אויף דער טריבונע. איינער פון די זיגער. אומפאַר־געסלעך! ביז היינט איז דער טאָג פאַר אים הייליק געבליבן.

— ווי האָב איך געקאָנט פאַרגעסן ? אַלץ צוליב דעם נאַרישן אָפּרו, קוראַציע. ווער דאַרף עס בכלל ? און אין קיבוץ איז טאַקע היינט אַ יום־טוב. ביי אונדז איז עס נישט קיין פוסטע זאַך. דער טאָג האָט דאָך געענדערט דעם סדר אויפן ערד־קיילעך ! אָנהייב פון דער וועלט פון מאָרגן. האַ־האַ, דאָס פאַרגעסט זיך נישט.

דער טשיקאַגער האָט אַ הייב־געטאָן די אַקסלען :

— נישט מיינע ביזנעס.

ב.

דער לערער האָט זיך שוין געהאַט באַרויִקט און אָנגעהויבן זאָכלען :

— דעם 7טן נאָוועמבער 1939 בין איך אַריבער די גרענעץ. צוויי וואָכן געלעגן אויפן נייטראַלן פּאַס. קיינעמס לאַנד צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד אויף דער איינגעטיילטער פּוילישער ערד. פון די דייטשן האָט מען געמוזט אַנטלויפן. ס׳האָט זיך שוין געטראָגן פון זיי דער ריח פון פּייניקונגען און מאָרד. פון רוסלאַנד האָט געלאָקט די זון פון פרייהייט. אָבער אַהין האָט מען דערווייל נישט געלאָזט. באַגנעטן האָבן פאַרמאַכט דעם וועג. האָט מען געוואַרט, אין רעגנס, שנייען, אין די וועלדער אונטערן פרייען הימל. געוואַרט.

צו ביסלעך האָט ער זיך אָנגעהויבן צו צעוואַרעמען :

— דעם 7טן נאָוועמבער, לכבוד דעם יום־טוב, האָט מען געעפֿנט די גרענעץ. אויף יענער זייט איז פאָרגעקומען אַ מיטינג : רויטע פאָנען, רעדעס, לידער. פריי־הייטס־לידער און מיליטערישע מאַרשן. איבער אַלץ : אויפמונטערנדיקע קלאַנגען פון אינטערנאַציאָנאַל. דערנאָך „גייט אייך ווו איר ווילט, מען וועט אייך שוין אויפ־נעמען". איז מען געלאָפן. פאָרויס, פאַר זיך. נאָך וואָכן אין פעלד געוואָלט זיך אַ ביסל אַרומוואַשן, אויסגלייכן. כ׳בין אַריין אין דער ערשטער פּויערישער כאַטע. מ׳האָט מיר געלאָזט אַרומוואַשן זיך, אויסרוען, אָנגעקאָרמעט. פאַר גוט געלט, פאַרשטייט זיך. צו מאָרגנס פרי האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אויפן וועג האָט מען מיך אַרעסטירט. אונטער די אויגן פאַרמשפּט. אין אַן אָנגעפּראָפּטן וואַגאָן פאַר בהמות וואָכן לאַנג געפירט. אָנגעקומען אין אַ לאַגער, אין סיביר, ערגעץ אין קראַסנאָיאַרסקער געגנט. צען יאָר קאַטאָרגע. פאַר וואָס ? נאָך היינט קאָן איך זיך דערויף נישט ענטפערן.

דאָס שיפל האָט רויִק געשניטן די פלאַך פון כנרת. דער פאָרט פון עין־גב האָט זיך געזען ווי אויף דער האַנט. די שלאַנקע פּאַלמעס זענען געשטאַנען אומ־באַוועגלעך אויפן ברעג, ווי אַ דעקאָראַציע צו אַן אָריענטאַלישער אָפּערעטע אין עפּעס אַ פּראָווינץ־טעאַטער. דער באַטשופרינעטער האָט כסדר געצופּט זיין טשופּ־רינע. אויף זיין פּנים האָבן זיך מיט אַ מאָל באַוויזן איינגעאַקערט טיפע קאַרבן.

— אומגלייבלעך, אומגלייבלעך, — האָט ער געמורמלט.

דאָ האָט זיך שוין ווידער אַריינגעמישט דער טשיקאַגער, וועלכער האָט אין גאַנצן אויפגעהערט צו פּרייכן:

— וואָס איז דען דאָ נישט צו גלייבן? אויף די באָלשעוויקעס איז אַלץ צו גלייבן... בעסער נעמען אַ קאָפּי זיך דורכצונעצן דעם גאָרגל און זאָל דער מאַן ווייטער דערציילן.

אומבאַמערקט האָט זיך דאָס שיפל צוגעשלאָגן צום ברעג פון עין־גב. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך איינגעשניטן אין דער געדיכטער לופט פון ברעג, געלאָזט זיך צום בופעט פונעם קאַפע־הויז, וואָס האָט זיך מיט זיין מאָדערן־אורבאַניסטישן סילועט אַרויסגעריסן פון דעם אָריענטאַלישן אַרום.

— גיכער, גיכער... און לאָמיר אַוועק אין שאָטן, — האָט געמונטערט דער טשיקאַגער, וואָס האָט עפּעס אין גאַנצן פאַרגעסן וועגן דער היץ.

אויף אַ קליינער פּאָליאַנע, אין שאָטן פון געדיכט־צעצווייגטעביימער, האָט זיך אַוועקגעלייגט די גרופּע: דער לערער, דער קיבוצניק מיט דער ווייסער טשופּרינע, דער טשיקאַגער און איינער אַ בלאַסער עלטערער ייד, וועלכער האָט מיט זיינע דיקע אויגנגלעזער טיף אַריינגעקוקט אין אַלעמען און געשוויגן. ס׳איז אויך געווען מיט זיי אַ נידעריקער מאַן מיט אַ באַזילבערטן קאָפּ, גרויסע גרינע אויגן אין אַ קיילעכדיק פּנים און אַ פאַרשעמט שמייכל, וואָס האָט אַרומגעשוועבט אויף זיינע ליפּן. די ליפּן האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן כסדר גרייט געווען עפּעס צו זאָגן, אָבער ער האָט געשוויגן. צו זיי איז צוגעשטאַנען נאָך איינער — אַזאַ, וואָס אַז מען זעט אים צום ערשטן מאָל, האָט מען דעם איינדרוק, אַז מען האָט אים נאָר־וואָס ערגעץ געזען. כאָטש זיין פּנים האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, די אויגן זענען געווען וואַסערדיקע, שווייגנדיקע, שטומע. פון צייט צו צייט פלעגט ער בלויז אויסגלייכן דעם שיטערן, פאַרבלאָזענעם צודעק פון פליך, לייכט אַ לאַך טאָן אָדער אָפּהוסטן.

דאָס יונגוואַרג האָט זיך דערוויל צעשפּרייט צווישן די ביימער, ביי דער פּליאַזשע. קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַר זכרונות. אין אַ טיפן שאָטן איז לייכטער געווען צו געפינען עפּעס פון קעגנווערטיקן.

דער דערציילער האָט ווייטער דערציילט. ער איז טאַקע געווען אַ לערער. נישט פון געאָגראַפיע, נייערט פון מאַטעמאַטיק. דאָס איז געווען זיין פאַך. געאָגראַפיע איז בלויז געווען אַ האָבי, וואָס דאָס לעבן האָט אים אונטערגערוקט. ער האָט, דרך אגב, דערציילט איניקע פּרטים פון זיין ביאָגראַפיע — געוואָלט דערמיט באַווייזן, אַז אייגנטלעך איז ער געווען פריינדלעך איינגעשטעלט צו דעם סדר פון

7טן נאָוועמבער, כאָטש ער איז קיין מאָל נישט געווען קיין „פּאָליטיקער״.

— אויסגעהאַלטן קראַנקע עלטערן... ווי נאָר דערגרייכט אַ שטיקל פּאָזיציע ווי אַ גימנאַזיע־לערער, איז די מלחמה אויסגעבראָכן...

די ביאָגראַפישע פּרטים האָבן אַפילו שטאַרק נושא חן געווען ביים טשיקאַגער. ער האָט געוואָלט אַלץ וויסן. אָבער דער באַטשופּרינעטער האָט אומגעדולדיק פאַר־לאַנגט פּרטים וועגן דאָרט, וועגן סיביר.

— נישט קיין גרויל־געשיכטעס וועגן די שטראָף־לאַגערן וועל איך אייך דער־ציילן. דאָס איז שוין צו פיל באַשריבן געוואָרן. ס׳האָט באַקומען דעם ביי־טעם פון ביליקער סענסאַציע, פאַרלוירן דעם אייגנטלעכן תמצית: דעם וויי פון גרעסטער דערנידעריקונג, דעם קרעכץ פון טיפסטע מענטשלעכעליידן. כאָטש איר וועט אפשר נישט גלייבן, — האָט דער לערער זיך אַגרעסיוו געוואָנדן דירעקט צום קיבוצניק.

בייזע פונקען האָבן אַ גלי געטאָן אין יענעמס אויגן. ער האָט אָבער אַראָפּ־געשלונגען די באַמערקונג. בלויז אַ שווערער „עך!״ — באַגלייט מיט אַ זיפץ, ווי ביים אָנהייב פון אַ רוסישער „ברכה״ — האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט.

— צוויי זיבעטע נאָוועמבערס בין איך איבערגעקומען אין די לאַגערן. נישט כדאַי וועגן דעם צו דערציילן: אַ צוגאָבלעך מאַכל צום סטאַנדאַרטן לאַגער־עסן און אַ שטיקל געברענטע סאַיע, וואָס מען האָט גערופן דאָרט שאָקאָלאַד.

אַמנעסטיע, לויט אַן אָפּמאַך מיט דער פּוילישער רעגירונג. ביי די ערשטע טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן, ד.ה. ווען די צעגאָסענע וואַסערן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אייז, אַרויסגעשליטנט זיך פון דאָרט, אָנגעקומען קיין מיטלאַזיע, טאַשקענט. אַ הונגעריקער, אין שמאַטעס אַרומגעוויקלט, געוואַלגערט זיך איבער טאַשקענטער גאַסן.

— דאָ איז אַ היץ ? אַ קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך דערצו, ווי ס׳האָט דאָרט געשׂרפעט. טאָקע דעם 7טן נאָוועמבער. איך געדענק אויסגעצייכנט די דאַטע : 7טער נאָוועמבער 1942. פונקט מיט צוואַנציק יאָר צוריק.

אַ נעפּל האָט פאַרצויגן זיין בליק. ער האָט גערעדט איצט פאַר זיך, נישט געקוקט אויף קיינעם : מ׳האָט אים גערופן צום מיליטער. דאָס האָט ער געוואָלט קעמפן מיט די דייטשן. ער האָט שוין געאַנט, אַז זיינע עלטערן זענען אומגעבראַכט, ס׳איז אומגעבראַכט געוואָרן זיין וועלט. ער האָט בלויז איינס געוואָלט : נקמה. דורשטיק געווען נאָך דייטש בלוט... אייניקע טעג האָט מען זיי געהאַלטן אין אַ קאַזאַרמע הינטער דער שטאָט. קיין ברויט איז נישט געווען. אין טאַשקענט „די שטאָט פון ברויט״. איז עס געווען פאַרשטענדלעך : מלחמה ! פאַרדראָסן האָט אָבער די באַציונג : נישט ווי צו זעלנער — צו אַרעסטאַנטן.

„איך וויל אויפן פראָנט" — האָט ער געטענהט צו אַן אָפיציר. „אַוודאי, טייע־רינקער" — האָט אים יענער באַרויִקט מיט דעם לויטערסטן פון אַלע שמייכלען.

דעם 7טן נאָוועמבער האָט מען יעדן אויסגעטיילט אַ שטיקל וורשט, אַ שטיק ברויט, אַ פעקל צוקערלעך און אַרויסגעפירט פון דער קאַזאַרמע. אַ 150 עלטערע אוזבעקן און אייניקע פוילישע יידן. — „וווהין ?" — „אויפן פּאַראַד" — האָט מען זיי געענטפערט. און צוויי שעה געפירט מיט היגטערגאַסן אונטער אַ גליענדיקער זון.

— געווען הייסער ווי היינט דאָ, איך קאָן אייך פאַרזיכערן. ס'איז געווען דער זיבעטער נאָוועמבער ! — האָט ער זיך געוואָנדן גלייך צום טשיקאַגער.

יענער האָט שוין מער נישט געפרייכט, נייערט ווידער אָנגעהויבן צו שוויצן, איבערגענומען פון דער דערציילונג.

— מען האָט אונדז דערפירט צו אַ זייטיקער באַן־ליניע. אַ לאַנגער עשעלאָן איז דאָרט געשטאַנען. פּאַסאַזשיר־וואַגאָנעס, אָבער אָן פענצטער, אויסגעהאַקטע שויבן. צעהאַקטע בענק. מען האָט אונדז געטריבן אין די וואַגאָנעס : „שנעלער, שנעלער !" כ'האָב ווידער געפרעגט דעם זעלבן אָפיציר : „וווהין ?" ער האָט ווידער זיס געשמייכלט : „אויפן פראָנט !" דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ פייף געטאָן. דער אָפיציר איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן. דער צוג האָט גערירט...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. די שטילקייט האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער היץ און געדיכט זיך אויסגעצויגן איבער זיי. זי איז געהאָנגען אַזוי מינוטן, וואָס קאָנען זיך אויסוויזן אַן אייביקייט.

— אַ וואונדער ? מלחמה, סטאַלינגראַד. מען האָט דאָך געמוזט שיקן מענטשן צום פראָנט. — דער אַלטער קיבוצניק האָט נישט דרייסט געפּרוווט איבערשניידן די שטילקייט פון שוויגן.

איצט האָט אין דעם לערער אינערלעך אַ ברויז־געטאָן, זיין שטים איז אָנגע־דראָלן געוואָרן מיט פיין :

— אַ שווינדל, אדוני. נישט צום פראָנט האָט מען אונדז געשיקט. אַ שווינדל. חוזק פון אונדזערע נקמה־געפילן. מען האָט אונדז גענאַרט. פּשוט און מיאוס גענאַרט. אַוועקגעשיקט אויפן צפונדיקן אוראַל. אַרבעטס־שקלאַפן, אין אַן אַנדער מין לאַגערן. נישט געמשפּטע און פאַרמשפּטע. קנעכט. פּשוטע קנעכט.

ג

נישט געקאַמפּערט האָט זיך מער דער באַטשופּרינעטער, נייערט עפּעס גע־מורמלט פאַר זיך. ער איז געזעסן אַ פאַרשעמטער, ווי מען וואָלט אים פערזענלעך באַליידיקט. ער האָט געזוכט אַ וועג אַרויסצוקריגן זיך פון דער קלעם. דער דער־ציילער האָט אין אים געצילט — אַזאַ איינדרוק האָט ער געהאַט, ווי ער וואָלט עס

געווען דער שמייכלענדיקער אָפיציר, אָדער גאָר אַ סימבאָל פון יענעמס פאַר־שוועכטן זיבעטן נאָוועמבער. ער האָט געדרייט זיין טשופּרינע אין אַלע זייטן, אויסקוקנדיק אַ הילף — אפשר פון די בערג, וואָס רייטן איבערן כנרת־ברעג פון דער זייט; אפשר גאָר פון יענער זייט כנרת. אָבער אומגעריכט איז אים צו הילף געקומען דער נידעריקער מיטן באַזילבערטן קאָפּ און גרינע אויגן. דאָס שמייכעלע האָט נישט אויפגעהערט צו בלאָנדזשען אַרום זיינע ליפּן, ווי עס וואָלט וועלן באַרויקן, מילדער מאַכן די געדיכטע אַטמאָספער, אַ גלעט טאָן אַלעמען אַרום. ער האָט שטיל, מיט אַ לייכטן פאַלצעט, אַריינגערעדט אין זיין שמייכל:

— זייט מוחל... אויב איר וועט האָבן געדולד... וועל איך עפּעס דערציילן...

נאָר דאָ האָט זיך דערהערט דער סיגנאַל פונעם שיפל. ווי זעלנער אויף אַ באַפעל, זענען אַלע אויפגעשפּרונגען. יאָרן און מידקייט זענען עפּעס אַראָפּגעשווענקט געוואָרן פון זיי. די ווייסע טשופּרינע האָט זיך יוגנטלעך־טראַציק אויפגעשטעלט. דער טשיקאַגער האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט אונטערגעיאָגט זיינע באַגלייטער צום שיפל און געטרייסט זיי:

— נישקשה, מיר האָבן גענוג צייט אויף דער צוריקרייזע.

און טאַקע גלייך ווי דאָס שיפל האָט גערירט, האָט ער אָנגעהויבן צו מאָנען ביי דעם שמייכלענדיקן:

— דערציילט, דערציילט. אויך זיבעטער נאָוועמבער, ווי ס׳הייסט ביי זיי?

— יאָ. דער טאָג איז אייגנטלעך די געשיכטע פון מיין לעבן.

אַרום זיינע ליפּן האָט נישט אויפגעהערט אַרומצובלאָנדזשען דער שמייכל. די גרויסע גרינע אויגן זיינע האָבן זיך אָבער אָנגעצונדן מיט אַ יונגן גלאַנץ.

פון די אַרומיקע בערג האָט פויל אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ ווינטל. באַלד האָט עס אָנגעהויבן צו רייסן דעם געדיכטן פוירהאַנג פון היץ. דער טשיקאַגער האָט שוין בכלל אויפגעהערט צו פּרייכן און באַהאַלטן זיין אויסגעווייקט טיכל. דער דערציילער האָט מיט אַ געוויסער לוסטיקייט אַרומגענומען מיט זיינע בליקן די צוהערער. זיי, ווידער, האָבן זיך נענטער צונויפגערוקט אַרום אים. מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן, ווי צויטן וואָלטן זיך געדריוולט פון זיין צונג, האָט ער אָנגעהויבן זיין דערציילונג:

— כ׳בין אַ שניידער... שוין פופציק יאָר אַ ייד אַ שניידער... אַרודעווע מיט שער און אייזן... דעם טעם פון תפיסה שוין אויך באַלד פופציק יאָר פאַרזוכט... נאָך דעם צאַרס תפיסה, אין שיעדלעץ... שיעדלעץ, פוילן... הייס בלוט, שטרייקן... אויף סיביר האָט מען מיך נישט באַוויזן צו פאַרשיקן. די מלחמה האָט געשטערט. דערפאַר שוין אַריינגעכאַפּט אַ דייטשע תפיסה פון יענע יאָרן. מאָדלין. אַ תפיסה אַ לאַגער... נאָך נישט אוישוויץ... אַ לאַגער אַ לערניינגל... דאָרט זענען טאַקע צו מיר

דערגאַנגגען די שאָסן פון אַוראַ... דער אָפּהילך פון זיבעטן נאָוועמבער... זייט דאָן בין איך אַ שמעלקע מיט דעם טאָג...

די ווייסע טשופּרינע פון קיבוצניק האָט זיך אַרויסגערוקט צו אים מיט באַוווּנדערונג:

— איר, חבר...

— יאָ, חבר?

— גאָרנישט, גאָרנישט. דערציילט ווייטער.

האָט דער שניידער ווייטער דערציילט שמייכלענדיק. יאָרן אין באַפּרייטן פּוילן — פון איין תּפיסה אַרויס און אין דער צווייטער אַריין.

— מיינע אוניווערסיטעטן, ווי גאָרקי האָט עס אָנגערופן. געוואָרן אַ פירער פון שטרייקן, אויסגעלערנט זיך רעדן צו אַרבעטער, איבערצייגן אַרבעטער.

די ווערטער זיינע האָבן באַקומען אַלץ מער אָנלאָדונג, אַלץ מער היץ:

— כ׳האָב געגלייבט, אַזוי ווי מיין טאַטע, דער סאָקאָלאָווער חסיד. און די אַרבעטער האָבן מיר געגלייבט...

ער האָט נישט געהאַט קיין פּערזענלעך לעבן. זיך פאַרקנסט מיט אַ כלה פון דער „רויטער הילף". נאָכן אַרויסגיין פון תּפיסה — חתונה געהאַט, גלייך נאָך דער חתונה — ווידער אַוועק אין תּפיסה. קיין איין פּראָלעטאַרישן יום־טוב נישט געווען אויף דער פריי... געפייערט זיי אין אַרעסט, תּפיסה, אָדער גאָר אין קאַרצער.

נאָך צען אַזעלכע יאָרן האָט מען אין די פּאַרטיי־שפּיצן איינגעזען, אַז ס׳איז גענוג. האָט מען אים אַוועקגעשיקט קיין מאָסקווע. אָפּצורוען און אויסצובילדן.

— ווילט איר הערן נעמען, וואָס זענען מיט מיר צוזאַמען געזעסן אויף דער שול־באַנק? איר וועט נישט גלייבן. נעמען מיט אַן אָפּהילך אין דער וועלט־פּאָליטיק. נעמען, וואָס האָבן געמאַכט געשיכטע. און איך, אַ יידישער שניידער פון פּוילן...

ווער איז דען בכוח צו באַשרייבן די פייערונגען פון 7טן נאָוועמבער אין מאָסקווע? אַ פּאַרנעם, אַ פּראַכט — ממש ביזאַנטיש. נישט די פייערונגען אויפן רויטן פּלאַץ — דאָס איז בלויז געווען אַ גאַלאַנטעריע פון מאָסן־פּוץ: ענטוזיאַזם. נייערט דאָס, וואָס אין די זאַלן פון קרעמל.

— איין מאָל בין איך דאָרט געווען. אַפילו געטרונקען אַ לחיים מיט סטאַלינען... ער איז גאָרנישט געווען אַזוי הויך, ווי אויף בילדער און דענקמעלער. גאָרנישט העכער פאַר מיר. אָבער דאָס האָט קיינער נישט באַדאַרפט וויסן, נישט באַמערקן. ער האָט געטראָגן הויכע אָפּצאַסן. מען האָט אַפילו נישט געטאָרט וויסן, אַז ער איז געשטופּלט. פאַר וואָס? אַזוי האָט מען באַדאַרפט. אַ העלד, אַ פירער האָט באַדאַרפט זיין כולו מעלות...

נאָכן לערנען האָט מען אים געוואָלט צוריקשיקן קיין פּוילן. האָט ער זיך אָפּגע־בעטן. „כ׳בין מיד. לאָזט מיך בלייבן אַ שניידער, דאָ. אַראָפּברענגען מיין פרוי. איינציקע יאָר רויִק לעבן״. מ׳האָט סוף־כל־סוף נאָכגעגעבן. באַזעצט זיך אין אַ שטעטל, אַן אוקראַיִניש, אַ שניידער אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, אַ מענטש „מיט פאַרדינסטן״.

— דעם 6טן נאָבעמבער 1937, אויף דער צענטראַלער פייערונג אין שטעטל, בין איך געזעסן אין פּרעזידיום. דער נאַטשאַלניק פון ענקאַוועדע האָט זיך געקושט מיט מיר. „איך קוש זיך דורך דיר מיטן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט״. דעם 7טן בין איך נאָך געווען אויף דער טריבונע ביי דער דעפילאַדע. דעם 8טן האָט מען מיך אַרעסטירט. דעם 10טן האָט דער זעלבער נאַטשאַלניק, וואָס האָט זיך געקושט מיט מיר, געהייסן צעקוועטשן מיינע פינגער אין אַ טיר. כ׳האָב נישט געוואָלט אונטערשרייבן, אַז כ׳בין אַ שפּיאָן. ער האָט אייגנהענטיק באַוויליקט מיר אויסצוהאַקן די ציין. מסתמא, כדי אָפּצווישן די פאַרברעכערישע קושן...

איצט האָט ער זיך אין גאַנצן צעשמייכלט אינערלעך: ניין, ער האָט נישט אונ־טערגעשריבן. מילא, האָט ער צעקוועטשט דריי פינגער. אַ כפרה די פּוילישע דע־פּענסיווע — זיי האָבן אַ קרענק געקאָנט מאַכן אַזאַ פיין שטיקל אַרבעט... האָט ער נישט קיין שלעכטע ציין מער — ער וואָלט זיי סיי ווי שפּעטער פאַרלוירן פונעם שקאָרבוט אויפן וויטן צפון. מה רעש?

— איר, חבר לערער, זענט געווען אין קראַסנאָיאַרסק? און ווו די בוכטע נאַגאַי געפינט זיך, ווייסט איר? און די סאָלאָווצער אינדזלען? איך וואָלט אייך געקאָנט לערנען געאָגראַפיע פון דער פּאָליאַר־געגנט. פון פּראַקטיק.

ער האָט עס אַלץ איבערגעלעבט צוליב אַ קלייניקייט: געווען אַ שניידער, אַן אויסלענדישער שניידער. אומעטום זענען געווען נאַטשאַלניקעס, זייערע ווייבער, דער עיקר — געליבטע פון נאַטשאַלניקעס. אַלע האָבן זיך געוואָלט אָנטאָן „יעוראָ־פּעיש״. דערפאַר האָט ער איבערגעלעבט.

איבערגעלעבט נאָך אַ 7טן נאָוועמבער און נאָך איינעם. אָבער דער יום־טוב מיינער איז שוין געווען באַגראָבן אין לעניִן־מאַוזאָליי. אַ בר־מינן. אַ באַלזאַמיר־טער מת.

מיט אַ פּיאָלעט פון דער אונטערגייענדיקער זון איז לייכט פאַרפּרישעט געוואָרן דער באַזילבערטער קאָפּ פון חרמון. אויף די שיפּועים פון טבריה האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושפּראָצן ליכט־ווערעמלעך פון עלעקטרישע לעמפּלעך. געלאַסן האָט זיך דאָס שיפל געגליטשט צום ברעג פון טבריה. מיט התפּעלות האָט זיך דער טשיקאַגער איינגעקלאַמערט אין דעם שניידערס האַנט און געהעשעט:

— אָט, אַ גוט פּעקל! אָ, באָי, אָ, באָי!

פּלוצלינג האָט ער זיך מיט חשד דערוויטערט פון אים און אָנגעהויבן פאָרשן:

— און ווי אַזוי... ווי קומט איר עפּעס אַהער?

— דאָס איז שוין נישט וויכטיק. מיטן 7טן נאָוועמבער האָט עס נישט צו טאָן. און אפשר טאָקע יאָ, ווער ווייס?

אָן חשק האָט ער שוין דערציילט, ווי אַזוי חברים פון פּוילן האָבן אים אַרויס־געשלעפּט נאָך דער מלחמה, געוואָלט פאַרגיטיקן זיינע ליידן. ער אָבער — ביי דער ערשטער מעגלעכקייט איז ער אַוועק פון דאָרט. וואָס ווייטער פון די זכרונות. ער איז אַהערגעקומען נישט כדי צו לעבן: וואָס, מישטיינס געזאָגט, קאָן ער שוין דערוואַרטן פון לעבן? בלויז געקומען באַצאָלן אַ חוב. פּאָר צענדליקער יאָרן אָנזעצן, פּאָר אַ גרויסן באַנקראָט. אַ חוב צו די, וואָס האָבן אים אַ מאָל געגלייבט.

— און אָפּצוזאָגן אַ קדיש. נאָך מיין געפּטרט לעבן. נאָך הונדערטער טויזנטער, וואָס האָבן זייער קבר געפונען אונטערן פאַליאַרן־קרייז, אין לאַגערן, תפיסות, עטאַפּ־פונקטן...

כנרת איז שוין געוואָרן אַ טונקעלער שפּיגל, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעלויכטן די ליכטער פון קיבוצים אויפן מזרח־ברעג און די ליכט־פלעקן פון טבריה. די שטאָט האָט זיך אַמפיטעאַטראַל אַרויפגעהויבן אין אַ ליכט־מאָזאַיק, ביז די שפּיצן פון די בערג. דער וועג פון די אַלט־טבריהר חורבות און דעם אויבערשטן טבריה, מיט די ליניעס פון נייע שיכונים, איז געווען דורכגעשניטן מיט נעאָן־ליכטער פון די האָטעלן אין קרית שמואל. די גאַנצע צאַפּלעניש פון ליכט האָט אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט אַרומגעזוכט עפּעס פאַרלוירנס אין די וואַסערן פון כנרת.

דאָס שיפל האָט לייכט צוגעשלאָגן צום ברעג. דער ריח פון פאַלאַפעל, פון פיש און פלייש, געבראָטענע אויף קוילן, האָט זיך פון די שרייענדיק־באַלויכטענע קאַפעען חוצפּהדיק אַריינגעריסן אין די כוואַליעס פון דער פרישער לופט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַזורע. די געזעגשאַפט פון 7טן נאָוועמבער האָט זיך אָן אַ פאַרוואָס פאַרהאַלטן אויפן ברעג. אָן אויפגעלייגטער האָט דער טשיקאַגער ווידער אַ קלאַפּ געטאָן דעם שניידער איבער דער פּלייצע:

— קומט נעמען מיט מיר אַ קאַפי.

ער האָט אָבער נישט געוואָלט נעמען... אָפּגעדאַנקט, זיך אויסגעדרייט צום כנרת, אָנגעפילט דעם ברוסט־קאַסטן מיט פרישער לופט, לאַנג זיך אַרומגעקוקט:

— שיין איז דאָ, אָ ווי שיין...

— יאָ, שיין, — האָט דער לערער טרוקן באַשטעטיקט.

זיי זענען נאָך אַלץ געשטאַנען ביים ברעג. דעם טשיקאַגער האָט עס אָנגעהויבן

צו מאַכן אומגעדולדיק. האָט ער זיי צוגעוואָרפן אַ שלום, ווי טרינק־געלט, אַ לאָז־געטאָן זיך צו אַ פּילקאָליריקן שירעם פון אַ קאַפּע־הויז. אויף דעם האָט ווי געוואַרט דער מענטש מיט דער זילבערנער טשופּרינע. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם שניידער און דעם לערער, ביידנס הענט פעסט אָנגעהויבן צו דריקן:

— זייט מוחל, חברים, — האָט ער געשטאַמלט.

די שטים האָט זיך אים איינגעבראָכן. ער האָט האַסטיק אַוועקגעשליידערט די ווייסע קוטשמע האָר, וואָס איז אים ווידער געקראָכן אין די אויגן, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און מיט שווערע, זקנישע טריט אַרויסגעגאַנגען פונעם ליכט־קרייז פון די קאַפּעען — באַרג־אַרויף צו דער שטאָט, וואָס האָט געווונקען צו אים מיט אירע טויזנטער ליכטער.

רבקה באַסמאַן

אלטע בריוו

פאַרענדיקט לייענען
אַלט-אַלטע בריוו,
דערבראַכט צו די ברעגן
מײַן מאָכיקע שיף.

דעם טעם פון זשאַווער
צו ליפּן געגענט,
די זיסקײַט פון זאַלץ
אין טרערן דערקענט;

אַטעם פון טריט,
פון בליקן, פון רייד,
אַט ליגט עם בײַ ברעגן
פאַרווייט.

— — — — — — —

זאָל זײַן, אַז מיר אַלע אַנטרינען,
ווי קיינער וואָלט דאָ נים געווען,
איך ווייס, אַז מען וועט אונדז געפינען
אין שפּליטערס פון לאַנג-שוין-געשען.

און מיר וועלן אויפגיין אין שעהען,
באַקליידט און באַוואַקסן מיט גראָז,
און אונדז וועלן שטויבן פאַרטרויען
דעם ווען, וואַהין און פאַרוואָס.

חנא שמערוק, ירושלים

אן אפּגעפונענער פראַגמענט פונעם אלטיידישן עקידה־ליד

דאָס עקידה־ליד אָדער „יידישער שטאַם״, לויט די ערשטע ווערטער פונעם ליד, איז איינס פון די סאַמע פאַרשפּרייטע און אפשר טאַקע דאָס סאַמע פּאָפּולערסטע ליד פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. לויט געוויסע שפּראַך־סימנים האָט מען שוין אָנגעוויזן, אַז דאָס ליד שטאַמט מינדעסטנס פונעם 15טן יאָרהונדערט[1] און מ׳האָט עס נאָך איבערגעדרוקט אין אָנהייב פונעם 18טן יאָרהונדערט. די ביז איצט באַקאַנטע טעקסטן פון דעם ליד שטאַמען אָבער נאָר פון דער צווייטער העלפט פונעם 16טן יאָרהונדערט (אין האַמבורגער כתב־יד נומ׳ 209 פון יאָר 1574 און אין אַן אַנדערן לענגערן נוסח אין פּאַריזער כתב־יד נומ׳ 589 פון יאָר 1579). ס׳זענען אויך אויפגעהיט געוואָרן דריי געדרוקטע אויסגאַבעס פון דעם ליד, צוויי פון אַרום סוף 17טן יאָרהונדערט און איינע געדרוקט אין בערלין אין 1717 (די נומערן 3642־3640 אין מ. שטיינשניידערס באָדלעיאַנאַ־קאַטאַלאָג). פון דער תקופה שטאַמען אויך פּאַראָדיעס אויף דעם עקידה־ליד און אויך די לידער, וואָס מ׳האָט געזונגען בניגון עקידה.[2]

נאָך אין יאָר 1889 האָט מ. שטיינשניידער פאַרעפנטלעכט אַ געגויע באַשרייבונג פון אַ ניט דאַטירטן העברעישן זאַמלבאַנד אין כתב־יד, לויט זיין מיינונג, פון דער ערשטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט, אין וועלכן ס׳געפינען זיך אויך יידיש־טעקסטן און צווישן זיי אַ פראַגמענט פונעם עקידה־ליד.[3] דער דאָזיקער

1. W. Staerk und A. Leitzmann, **Die Jüdisch-Deutschen Bibelübersetzungen**, Frankfurt a.M. 1923, S. 271 דאָרט זענען אויך אָפּגעדרוקט, אין אַ לאַטייַנישער טראַנסקריפּציע, 26 סטראָפעס פונעם האַמבורגער כתב־יד פון עקידה־ליד. ש. בירנבוים, וואָס האָט לעצטנס אָפּגעדרוקט, אויך אין אַ לאַטייַנישער טראַנסקריפּציע, די סטראָפעס 67–76 פון פּאַריזער כתב־יד, שטרייכט אונטער, אַז נאָר לגבי דעם סיום נעמט ער אָן די דאַטע פונעם מאַנוסקריפּט: S.A. Birnbaum, „Specimens of Yiddish from Eight Centuries", **The Field of Yiddish**, Second Collection, Ed. U. Weinreich, The Hague 1965, pp. 7–8.

2. מאַקס עריק, די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פון די עלטסטע צייטן ביז דער השכלה־תקופה, וואַרשע, 1928, זז׳ 124–126 ; ישראל צינבערג, די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, זעקסטער באַנד, ווילנע, 1928, זז׳ 120–123.

3. M. Steinschneider, "Beiträge zur jüdischen Sagen- und Spruchkunde im Mittelalter", **Jahrbücher für jüdische Geschichte und Literatur**, Frankfurt a.M., vol. 9(1889), S. 19, No. 38.

כתב־יד האָט דעמאָלט געהערט צו אַ פּריוואַטן זאַמלער און מ׳האָט אים שוין גע־האַלטן פֿאַר אַ פֿאַרלוירענעם. ס׳ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דער מאַנוסקריפּט איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן און ער געפֿינט זיך איצט אין דער נאַציאָנאַלער און אוני־ווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים.[4] שטיינשניידערס לאַקאָנישע נאָטיץ וועגן דעם עקידה־פֿראַגמענט איז געבליבן אומבאַקאַנט די יידיש־פֿאָרשערס וואָס האָבן וועגן דעם ליד געשריבן. אַזוי ווי דאָס עקידה־ליד איז ביז איצט פּולערהייט ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן און יעדע פּובליקאַציע פֿון דעם ליד וועט מוזן נעמען אין באַטראַכט אויך דעם נוסח פֿון דעם פֿראַגמענט וואָס געפֿינט זיך אין ירושלים, דעם עלטסטן פֿאַרצייכנטן נוסח פֿון דער עקידה, פֿאַרעפֿנטלעכן מיר דאָ דעם פֿראַג־מענט, האָפֿנדיק, אַז מיר וועלן אויך האָבן אַ מעגלעכקייט צו פּובליקירן דאָס גאַנצע ליד, צוזאַמען מיט אַ פֿאַרגלייך צווישן אַלע נוסחאות. דאָס ליד פֿאַרדינט עס בפֿירוש צוליב דער לאַנגער טראַדיציאָנעלער צוגעבונדנקייט צו דער עקידה־טעמע, וואָס קומט בולט צום אויסדרוק אין אירע וואַנדלונגען אין פֿאַרשיידענע זשאַנרען אין דער יידישער ליטעראַטור און פֿאָלקלאָר, ממש ביז די לעצטע דורות.

דערווייל עטלעכע אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן דעם ליד גופֿא און וועגן דעם דערמאָנטן פֿראַגמענט.

די פֿאַרשפּרייטקייט פֿון דעם יידישן עקידה־ליד שטאַמט פֿון אַן אַלטער טראַ־דיציע. אין דער העברעישער רעליגיעזער פּאָעזיע איז דער באַגריף „עקידה״ גע־וואָרן אַ טערמין פֿאַר אַ ספּעציעלער סליחה, וואָס באַהאַנדלט די עקידה־טעמע פֿאַר באַשטימטע געלעגנהייטן, איינגעשטעלטע אין דער יידישער ליטורגיע. אַזעלכע העברעישע עקידות זענען באַקאַנט אין מיטלעלטער פֿון פֿאַרשיידענע קולטור־תחומים, סיי פֿון שפּאַניע (למשל, שלמה אבן־גבירול און משה אבן־עזרא), סיי פֿון צפֿון־אַפֿריקע (יהודה בן שמואל אבן־עבאַס פֿון פֿעז) און סיי פֿון אשכנז (למשל, אפֿרים בר׳ יצחק פֿון רעגענסבורג און מאיר בר׳ יצחק ש״ץ). אַ ריי פֿון די עקידה־סליחות איז אַריין אין קאַנאָניזירטע סליחות־זאַמלונגען און אין מחזור. עקידות זענען פֿאַראַן אין די סליחות פֿאַר ערב ראש־השנה, צום גדליה, פֿאַר יעדן טאָג פֿון די עשרת ימי תשובה און אויך אין די מחזורים פֿאַר ראש־השנה און יום־כּיפּור. כּמעט געשריבן אין פֿאַרשיידענע צייטן, טראַדיציעס און פֿאָרמען, באַאַרבעטן אַלע עקידות אין פּאָעטישן לבוש דעם זעלביקן שטאָף און זענען געבויט אויף מדרשים און אגדות.[5]

---

4. אַ דאַנק דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק פֿאַר דער דערלויבעניש צו פֿאַרעפֿנטלעכן דעם טעקסט און אויך דעם ד״ר מ. נדב פֿאַר דער פֿריינדלעכער אָנווייזונג אויפֿן כּתב־יד. אַ באַזונדערער ישר כּח קומט דעם פּראָפֿ׳ ש. אַבראַמסאָן, וואָס האָט דער ערשטער אידענטיפֿיצירט דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט.

5. **L. Zunz, Die Synagogale Poesie des Mittelalters, Frankfurt a.M.**

אַ ספּעציפֿישן מיין האָט מען אַריינגעלייגט אין דער עקידה־טעמע ביי די אַשכנזישע יידן זינט די קרייצצוגן, זינט די גזירות תתנ״ו. די עקידה איז דעמאָלט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָל און אין אַ לעבעדיקןביישפּיל פֿון דער שטענדיקער גרייטקייט פֿון יידן מקדש שם צו זיין. פֿאַראַן אויך אַ סברה, אַז דער ענין עקידה איז דעמאָלט געוואָרן פֿאָלעמיש פֿאַרשפּיצט קעגן דער קריסטלעכער טעאָלאָגישער פּרעפֿיגוראַציע, וואָס האָט געוואָלט אַריינטייטשן אין יצחקס עקידה דעם יסוד פֿון ישוס קרבן.[6]

ניט אַריינלאָזנדיק זיך דאָ אין פּרטים, איז כדאי אָנצווייזן אויף די עקידה־סליחות און אויף דער אַשכנזישער טראַדיציאָנעלער סימבאָליק פֿון דער עקידה, ווי אויף די דירעקטע מקורות און סיבות פֿאַר דעם אַנטשטיין פֿונעם יידישן עקידה־ליד און פֿאַר זיין פֿאַרשפּרייטקייט במשך פֿון יאָרהונדערטער. מ׳קען אויך דרינגען דערפֿון, אַז דאָס יידישע עקידה־ליד איז מן־הסתם נאָך עלטער ווי ס׳לאָזט זיך באַגרינדן פֿון די דאַטעס פֿון די אויפֿגעהיטע מאַנוסקריפּטן און פֿונעם שפּראַך־אַנאַליז.

פֿאַראַן אויך אַ פֿאָרמעלער סימן, וואָס קניפּט אָן דירעקט צווישן די העברעישע עקידה־פּיוטים, וואָס שטאַמען פֿון אַשכנז, און דעם יידישן עקידה־ליד. אין די יידישע פּאָעטישע באַאַרבעטונגען פֿון תנ״ך־ און מדרשים־שטאָף, אָנהייבנדיק פֿון דעם גניזה־מאַנוסקריפּט פֿון יאָר 1382 און ביז דעם שמואל־בוך, מלכים־בוך און אַנדערע תנ״ך־ביכער פֿון דער טראַדיציע, געפֿינען מיר ניט דעם גראַמען־שליסל פֿון דער עקידה: פֿיר־שורהדיקע סטראָפֿעס מיטן זעלביקן גראַם פֿיר מאָל. דער דאָזיקער גראַמען־שליסל איז בכלל אומבאַקאַנט אין דער דייטשישער פּאָעזיע, וואָס האָט געדינט ווי אַ מוסטער פֿאַר די דערמאָנטע שאַפֿונגען. אָבער דווקא דעם זעלביקן גראַמען־שליסל פֿון דער יידישער עקידה געפֿינען מיר יאָ אין די סליחות און עקידה־סליחות, וואָס שטאַמען דער עיקר פֿון אַשכנזישע פּיטנים פֿון דער תקופֿה, נאָענט צו די גזירות תתנ״ו.

דער פֿראַגמענט פֿון דער יידישער עקידה איז פֿאַרשריבן אויף די זייטן 122ב און 123א פֿונעם דערמאָנטן כתב־יד, איצט מיטן סימן פֿון ביבליאָטעק Heb. 8° 3182. ער הייבט זיך אָן אָן אַ קעפּל און ענדיקט זיך מיט אַ צושריפֿט „ומכאן ואילך חסר״. איז עס אַ באַווייז, אַז דער שרייבער האָט דעם פֿראַגמענט גענומען פֿון אַ פֿריערדיקן כתב־יד, אין וועלכן ס׳האָט שוין געפֿעלט דער המשך. פֿאַראַן דאָ נאָר 18 סטראָפֿעס, דער סאַמע אָנהייב פֿונעם ליד, וואָס האָט אין לענגסטן, אין

1920, 136-139. סדר הסליחות כמנהג פולין ורוב הקהילות בארץ ישראל, מוגה ומבואר בידי דניאל גולדשמידט, ירושלים תשכ״ה, עמ׳ 9 ; די נומערן לט, מט, נח, סו, עד, פג געהערן צו די פֿאַרשפּרייטע עקידה־פּיוטים.

6. שלום שפּיגל, „מאגדות העקידה״, ספר היובל לכבוד אלכסנדר מאַרקס, ניו־יורק, תש״י.

פּאַריזער נוסח, גאַנצע 80 סטראָפעס און 63 ביז 66 סטראָפעס אין די איבעריקע נוסחאות.

די ערשטע עלף סטראָפעס, סיי אין אונדזער פראַגמענט און סיי אין די אַנדערע נוסחאות זענען די זעלביקע, כאָטש ניט אידענטיש שפּראַכלעך און אויך אין פאַר־שיידענע פּרטים. די צוועלפטע סטראָפע, וואָס איז פאַראַן נאָר אין האַמבורגער מאַנו־סקריפּט, פעלט אויך אין אונדזער פראַגמענט (זען הערה צו שורה 45). די אַנדערע סטראָפעס קומען אין פאָלגנדיקן סדר:

כ״י ירושלים	כ״י האַמבורג	כ״י פּאַריז	געדרוקטער נוסח בערלין 1717
12	13	12	12
13	פעלט	13	פעלט
פעלט	14	14	13
14	15	15	14
15	16	16	15
16	18	17	16
17	17	18	פעלט
פעלט	פעלט	19	פעלט
18	19	20	17

דער מאַנוסקריפּט איז בלי ספק אַ פאַרגרייזטער. טייל מאָל קומען אָבער פאָר אין די „גרייזן" ספּעציפישע סימנים פון פאָנעטישער אַנטוויקלונג. אין אייגנטימ־לעכקייט פון דעם פראַגמענט, וואָס איז מיט דער שפּראַך־אַנטוויקלונג פאַרבונדן, איז די בפירושע טענדענץ צו פאַרוואַנדלען דעם גראַמען־שליסל פון דער איינגע־שטעלטער סטראָפע אין צוויי גראַמען־פּאַרלעך (סטראָפעס 3, 4, 16).

די פּונקטואַציע אין מאַנוסקריפּט איז אַ שטרייכעלע סוף שורה און צוויי שטריי־כעלעך סוף סטראָפע. מיר פאַרבייטן זיי דאָ מיט מאָדערנער פּונקטואַציע. מיר דרוקן איבער דעם פראַגמענט גענוי מיט דער אָרטאָגראַפיע פונעם מקור, לאָזנדיק אויך די פאַרגרייזטע ערטער. אין די הערות צום טעקסט ווערן דערקלערט שווערערע אויס־דרוקן און ס'ווערט אָנגעוויזן אויף די עיקרדיקע שינויים אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע נוסחאות. צוליב טעכנישע סיבות איז אויסגעלאָזן געוואָרן דער סימן פון רפה, וואָס קומט אין מאַנוסקריפּט ניט קאָנסעקווענט נאָר איבערן אות פ.

דער טעקסט *

[1]

יודשער שטים ווערדי אורט,
פון אברהם אבינו גיבארדןווארט,
אונ׳ פון שרה דער מוטר צארט,
דיא זיך אלי בייד אין גאטש דינשט ניט העטן גישפארט.

[2]

אונ׳ דא זיא נון צו אירר עלטער קאמן ווארן,
צו הונדרט אונ׳ ניינציג יארן,
דא ווארד צו אין איין זון גיבארן,
מיט נאמן יצחק אויז דער קארן.

[3]

נון ווֹאלט הקב״ה אברהם פר זוכן טאן,
אויב ער ווילגליך אין זיין דינשט וואלט גאן.
ער שפראך: „נעם יצחק דיין איינגיגן זון,
צו איינם קרבן זאלשטו אין טון״.

[4]

צו מארגנש ווֹאר אברהם פריא אויף שטאן,
אין גאטש דינשט ווילגליך צו גאן.
ער זאגט נישט דער ווידר אונ׳ נישט מִין,
נים אליעזר אונ׳ יצחק וישמעאל אלי צווִין.

---

* די הערות צום טעקסט ווערן באַצייכנט מיט די שורות־צאָלן; ס׳ווערן אין זיי גענוצט די פאָלגנדיקע קיצורים: ה. — האַמבורגער כ״י, פ. — פּאַריזער כ״י, ב. — בערלינער דרוק פון 1717.

1. אין פ.: „יודישר שטאם דיא ווערדי ארט״.
2. „גיבארדן״ — אין אַלע אנדערע נוסחאות „גיבורן״.
8. „אויז דער קארן״ — אויסדערוויילט.
9. „פר זוכן״ — אויספּרוּוון.
10. „ווילגליך״ — מיט רצון; אין אַנדערע נוסחאות „וויליגליך״.
11. „איינגיגן״ — איינציקן.
16. אין פ.: „ער נאם זיין קנעכט אליעזר אונ׳ יצחק אונ׳ ישמעאל זיינר זוין צווין״.

[5]

אזו ציגן דיא צווין אויז אירם גיצעלט.
דא זיא נון קאמן וואול אויף דאז פעלד,
יצחק וואול צו זיינם פאטר אברהם מעלט:
„פאטר, וואו האשטו דיין זון גישטעלט?"

[6]

צו יצחק הוב אברהם אן צו יעהן:
„מיין ליבר זון, דאש ווערשטו נאך וואול זעהן.
גאט ית' האָט מיך גיהיישן איין קרבן גינעהן,
זיין הֵיליגר ווילן זאל אל צייט גישעהן".

[7]

יצחק צו זיינם פאטר שפראך:
„איך פר שטֵיא גאר ניט דיא דאזיג זך,
דוא בישט יוא כהן נאך לוי אויך".
אברהם ווידר צו זיינם זון יצחק שפראַך:

[8]

„דאז האב איך וואול אויך גיזייט,
הקב"ה גאב מיר וואול ווידר דען בישייד,
ווען מיר קומן וואו דאז מזבח איז בירייט,
זא וויל ער אונז מכן צו כהנים אלי בייד".

[9]

זיא ביגונטן אלי בייד ווייטר צו גאן,
דא קאם דער שטן אונ' מכט זיך צום אלטן מאן.
ער שפראך צו אברהם: „וואו ווילטו הין גאן?"
דא ענטוורט ער אים: „איך גֵיא תפילה טאָן".

.20 אין אַלע אַנדערע נוסחאות „זין" אָנשטאָט „זון", דער טייטש: וואָס האָסטו אין זינען צו טאָן.
.21 „יעהן" — זאָגן, רעדן.
.23 „גינעהן" — מקריב זיין.
.29 „גיזייט" — געזאָגט.
.33 „זיא ביגונטן" — זיי האָבן אָנגעהויבן.
.35 ס'דאַרף זיין „ווילשטו", דער זעלביקער גרייז אין שורה 57.

[10]

„דאז האב איך מיין טאג גיזעהן ניט,
וועז איינר וויל טאן צו גאט ית׳ איין ביט,
דז ער האלץ, פייער אונ׳ שעכט מעשר נעמט מיט,
דאז איז אין קיינם לנד דער זיט.

[11]

עז טוט מיר אויף אייך גאר צארן,
דז איר אייך לאשט אל מאכן צן איינם טורן.
דער שטן האט דיר נעכטן אן גיבלאזן דיין ארן
צו שעכטן דיין איינִיג קינד גיבארן״.

[12]

„איך קער מיך נישט אן דען טייבלש גיטרעכטן,
דען הקב״ה האט מיך גיהיישן נעכטן,
אונ׳ קען וואול דאש טייבלש גישלעכט.
מיינם גאט ית׳ וויל איך דינן רעכט״.

[13]

דא ער מיט אברהם נישט קונט שפן,
דא גידאכט ער: „איך וויל מיך אן זיין זון מכן,
איך וויל מיך צו זיינם אפן״.
ער שפראַך: „יצחק וואז ווילשטו אזוי גישווינד הין לפן?״

[14]

ער שפראך צו יצחק: „וואו ווילשטו הין גאן?
אדר וואז וויל דיין פאטר מיט דיר טאן?״

.42 „טור״ — נאַר. אַזוי טאַקע אין פּ.

.43 אין פּ.: „...לעכט בול גימאכט דיין אורן״; אין ה.: „גירעט אין דיין אורן״.

.45 אין דער סטראָפע קומט אברהמס ענטפער אויף דעם שטנס רייד. לויטן דרך פונעם דיאַלאָג אינעם ליד, האָט זיך דער מחבר שטענדיק נוהג געווען אָנצוּווייזן, חער ס׳רעדט. ס׳איז קלאָר, אַז אין אונדזער נוסח און אויך אין אַלע אַנדערע נוסחאות, חוץ דעם נוסח פון האַמבורג, פעלט דאָ אַ סטראָפע. אין האַמבורגער כ״י קומט דאָ די פאָלגנדיקע 12טע סטראָפע, וואָס קלערט אויף דעם בלויז: „חילשטו דיך און דען זעלביגן קערן / אונ׳ ווילשט ואלגן דעש טויבלש לערן?״ / „ניין — שפראַך אברהם — שטן, דו חילשט מיך ור בוירן גערן, / דיינעה ארגלשט קאן איך וואל אנפערן.״ די רייד חאָס קומען אין אונדזער 12טער סטראָפע זענען אַזוי אַרום אַ דירעקטער המשך פון דאַנען. זען עריק, דאָרט, ז׳ 125.

.50 אין פּ.: „איך חיל נון גין זיין זון אויבר קלאפן״ — דאָ מיינט עס איבעררעדן.

.51 אין פּ.: „אונ׳ חיל אין וואָל באלד מאכן צו איינם אפן״.

יצחק ענטוורט אים גאר שאן:
„מיין פאטר וויל מיך דיא הֵיליג תורה לערנן לאן״.

[15]

„ווילטו דען תורה לערנן נאך דיינם טוט?
דוא וֵישט ניט וויא עש דיר גאט,
דיין ואטר דיך אין זיין זין צו שעכטן האט,
ווילשטו אנדרש ניט ואלגן מיינם רוט״.

[16]

יצחק ענטוורט דעם שטן גישווינד:
„דיא זך איז מיר צום טייל בקינט,
אונ׳ ווען עז שוין הייט איז מיין ענד,
מיין זֵיל אונ׳ מיין לייב איך צו הקב״ה ווענד״.

[17]

„אזו גֵישטו דען וועג צו שטערבן,
דיין יונגש בלוט ווערט מען ווֹר גיסן אונ׳ וור דערבן.
קער אום אונ׳ זיא ניט מצער דיין מוטר דיא ערבן,
דיא דיך מיט שמערצן האט טון דער ווערבן!״

[18]

דא ער ניט קונט אב רֵידן דען קנאבן,
אין זיינן רֵיד וואלט ער ניט האבן איין גלאבן,
פאטר אונ׳ זון וואלטן זיין לערנן ניט האבן,
דא גינג ער צו זיין מוטר שרה צו טראבן.

---

55. „שאן״ — שיין.
56. „לאן״ — לאָזן.
57. „ווילטו״ — זען הערה צו שורה 35.
60. „ואלגן״ — פאָלגן; „רוט״ — ראָט, עצה.
61. אין אַלע אַנדערע נוסחאות אין סוף פון דער שורה „ביהענד״ — שנעל. דאָס שטימט טאַקע מיטן גראַם פון דער סטראָפע.
62. אין סוף פון דער שורה אין פ. „דר קענט״ און אין ה. און ב. „ער קענט״.
64. אין ה.: „מיין לייב אונ׳ זיל אלי צייט שטיט אין גאטש הענד״.
70. „גלאבן״ — גלייבן.
71. אין פ. און אין ב. „רוט״ אנשטאָט „לערנען״.

שמואל טאָפּ

האַרבסט אין ישראל

(מיין טאָכטער צפּורהן)

חלומט אויסגעצערטע ערד, ווי געטריקנט טייג,
רעגן זאָל איר הייסן גוף באַגערן,
מיט ליבשאַפט — זאָל רעגן באַפרוכפּערן איר לײַב
מיט בענקשאַפט, די ערד וויל אַ מאַמע ווערן.

נאָוועמבער־גרויער אומרו אויף דעם הימל;
האַרבסטיקע ווינטן זיך טראָגן איבער דעכער.
אַ מידע פאַרגייט די זון אין איר אייגענעם קרײַז,
וועט רעגן פלייצן, ווי ווײַן פון דעם בעכער.

שטראָמט אַ רעגן, ווי זינגענדיקע וואַסערפאַלן,
דורשטיקע פעלדער ווערן מיט געזאַנג פאַרפלייצט.
די ערד שוואַנגערט מיט וואַרעמען ברויט.

אינעם יורה־רעגן שפּילט די האָפענונג,
וואָס צאַפּלט שטיל, ווי געזאַנג פון אַ פּלייט.
אויף דער צעפּאַרעטער ערד ציטערט גרינע פרייד.

ישעיהו שפיגל

י. י. טרונק –

דער מענטש און שרייבער (1961-1887)

(צו דער פינפטער יאָרצייט)

„די ליבע צו מענטשן און דאָס רחמנות אויף זייער הילפלאָזן גורל איז דאָס העכסטע געבאָט פונעם עטישן מענטשן.“
(י. י. טרונק, „דער דובנער מגיד“, „די גאָלדענע קייט“, נר׳ 19)

די געשטאַלט יחיאל ישעיה טרונק, סיי ווי אַ שאַפערישע פּערזענלעכקייט אין דער יידיש־ליטעראַטור און סיי ווי אַ פאַרקערפּערער פון דער טראַגיש־פאַרלאָשענער תקופה פון יידיש־פּוילן, דערוועקט אין אונדז איצט פיל זכרונות, געשעענישן און אַסאָציאַציעס. זיי אַלע פירן אונדז צוריק צום רענעסאַנס פון דער יידיש־ליטעראַטור, צו איר פלוצעמדיקער שיינער אויפריכטונג און שווונג בעת די צוואַנציקער יאָרן. ווי אַ סך אַנדערע שאַפערישע אינדיווידואַליטעטן פון יענער תקופה, וואָס האָבן געלייגט זייער פאַרביקן זיגל אויף די בלעטער פון אונדזער ליטעראַטור צווישןביידע וועלט־מלחמות — האָט אויך י. י. טרונק געשאַפן אַרום זיך אַן אייגנטימלעכע אַטמאָספער פון אַ רייך־שאַפערישן מענטשן. ער איז געווען פאַרכישופט מיט די שענסטע אידעישע ירושה־קוואַלן און אַלטע מקורות פון יידיש־לשון. שוין פון זייבע ערשטע שאַפערישע טריט האָט ער געהאַט די אמונה, אַז „שאַפונג איז די שפּראַך פון דעם סוד פון וועלט און געשיכטע“, אַז „שפּראַך איז די בילדהאַפטיקסטע סובלי־מירטקייט פון דעם גאַנצן פּראָצעס פון באַציונגען, וואָס די נאַציע האָט צו דער וועלט“, און אַז „די ליטעראַטור איז נישט מער נייערט ווי דער נאָך מער סובלי־מירטער, נאָך מער באַוווסטזיניקער, נאָך מער געשטאַלטהאַפטיקער המשך פון דער שפּראַך“. די אַ פיל־שטחימדיקייט פון זיין מחשבה איז דער אני־מאמין פון זיין שרייבעריש וואָרט. דאָס זאָגט אונדז, אַז צוזאַמען מיט זיין כמעט רעליגיעזער באַגייסטערונג פאַרן וואָרט, ווי פאַר אַן אייביק־מיסטישן יש — האָט י. י. טרונק איינצייטיק געטראָגן אויך אין זיך זיין אינטימע, וואָרטלאָזע, פאַרשלאָסענע וועלט. די אָ פאַרשלאָסענע וועלט איז געוואָרן צו אַ שלאַכטפעלד, וו ער האָט באַוווסטזיניק און פיל־געשטאַלטיק געפירט זיין אומהיימלעכן, האַרטנעקיקן געראַנגל מיט זיך, מיט אַלע בענקענישן און חלומות פון אַ מאָדערנעם שאַפערישן יידן און פון אַן אומרו:קן, טיף־מעדיטירנדיקן גייסט.

דער גורל האָט מיר צוגעטיילט אַ קורצן צייט־אָפּשניט פון בערך פופצן יאָר — ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — וואָס האָבן מיך דערנענטערט צום שרייבער און מענטש יחיאל ישעיה טרונק, צו זיינע טראַכטענישן און מעשים, צו זיין הויזגעזינד אין וואַרשע, צו זיין עלטערן־היים און אויך צום נאָענטן שרייבער־קרייז אין לאָדזש. איצט, אין פּערספּעקטיוו פון יענע פאַרלאָשענע יאָרן, שטייט ער פאַר מיר אויף ס׳ניי, ווי דעמאָלט, מיט זיין מיטלוווקסיק, פול געשטאַלט. איך הער נאָך איצט זיינע וואַרעמע, קורצע, אָפּגעהאַקטע רייד. כדי זיך אומצוקערן צו יענע צייטן, וואָס זענען פאַר מיר אַליין געווען דער אָנהייב פון פאַרנעפּלטע שרייבערישע האָפענונגען — וועט זיין נייטיק אויפצוהייבן דעם פאָרהאַנג איבער אַלץ, וואָס ליגט שוין איצט פאַרשאָטן „מיט אירע סימבאָלישע היעראָגליפן און ציורים״, ווי י. י. טרונק וואָלט זיך אין דעם פאַל אַליין אויסגעדריקט.

ס׳איז נישט גרינג פונאַנדערצוגלידערן די שאַפערישקייט פון אַזאַ שרייבער ווי י. י. טרונק, זיין זעלישן אָנשטרענג פאַר יצירה, זיין וועלט־באַנעם און וועלט־געפיל, בעת דעם שרייבערס אינערלעכע וועלט ווערט אומאויפהערלעך געצונדן און געלאָשן פון שריפות און געטריבן פון זאַוויערוכעס. ביי אַזאַ שרייבער ווי טרונק (וועמענס יצירה איז, אגב, ביז איצט אין דער ליטעראַטור נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן אין איר גאַנצן היקף) דאָמינירט קיין מאָל נישט דער דרויסנדיקער, קילער, קינ־סטלערישער שטח, נאָר דווקא די אָ טיפע זאַוויערוכעס און שריפות. זיי דערציילן עס פון אַן אומגעזעטיקטער און אייביק דורשטיקער נאַטור, פון אַן אייביק־פאַרליבטן און אייביק־פאַריאושטן, פון זיין ערדישער און הימלישער פאַרגאַפטקייט, וואָס קומען אַרויס ביי אים אויף די ליפּן אין צעבראָכענע שטאַמלענדיקע ווערטער. מיר ווייסן, אַז דער מענטש י. י. טרונק האָט געליטן פון אַ קליינעם מום אין זיין לשון. גראָד דעמאָלט, בעת דאָס האַרץ איז געוואָרן פאַרפלייצט מיט געוויטערס — דעמאָלט איז זיין גערעדט וואָרט אַרויסגעקומען פון אים צעבראָכן און געשפּאָלטן. אָבער דווקא אין זיין שוואַך צעשפּאָלטן וואָרט, אינעם האַלב נישט־פאַרענדיקטן זאַץ, איז געלעגן די סובלימאַציע פון י. י. טרונקס סימבאָליש גרעאַנגל פאַר שרייבערישער שפּראַך־שלימות, פאַר אַ העכערער עטישקייט, און אויך די הילפלאָזיקייט פון גורל און זיין צער פון יידישער און מענטשלעכער געבראָכנקייט.

✶

אין זיינע גאָר אָפטע באַזוכן, וואָס י. י. טרונק האָט געמאַכט אין לאָדזש בעת די צוואַנציקער יאָרן און אויך שפּעטער, האָט ער קיין מאָל נישט אויסגעמיטן די היימען פון צוויי מענטשן: די היים פון יצחק קאַצענעלסאָן און די שטוב פון ישראל ליכטענשטיין. טאַקע אין איינער פון די דאָזיקע שטובן האָב איך דאָס ערשטע מאָל זיך צונויפגעטראָפן מיט יחיאל ישעיה טרונק. דער דאָזיקער צונויפטרעף, וואָס

האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַן אינטימער, שרייבעריש־מענטשלעכער באַ־ציונג און אין אַן אָפטן בריוו־אויסטויש, האָט פאַר מיר דעמאָלט, ווי פאַר אַ שרייבער־אָנפאַנגער, געהאַט אַן אייגנטימלעכן כישוף. דער אַמאָליקער אַריינגייער צו י. ל. פּרץ און אויך זיין תלמיד, י. י. טרונקס פאַרקנופּטקייט מיט דער יידישער ליטעראַטור־ספערע — האָט נישט געקענט בלייבן אָן אַ באַזונדערן רייץ פאַר אַן אָנפאַנגער, וואָרעם טרונק האָט זיך מיטן פּרץ־ליכט געטיילט מיט יעדן אומבאַהאָלפענעם יונגן שרייבער. ווי ס'טרעפט אָפט — איז שוין אינעם ערשטן צונויפטרעף צווישן מענטשן סודותדיק פאַרקנאָטן דער ליים פון גוטער מענטשלעכער באַציונג און וואַרעמער פריינדשאַפט. צו אַזאַ איז געוואָרן די יאָרן־לאַנגע באַציונג צווישן אַן עלטערן שרייבער און אַ פיל יינגערן, אַ באַציונג, וואָס האָט זיך געצויגן שאַטנלאָז ביז צו די לעצטע חדשים פון י. י. טרונקס לעבן.

צווישן י. י. טרונק, וואָס איז תמיד געווען פאַרקנופּט מיט דער יידיש־אידעע, און דעם העברעישן פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן, האָט געהערשט אַ זעלטענע שרייבע־רישע האַרמאָניע. די היימען פון די קאַצענעלסאָנס און די ליכטענשטיינס האָבן די אַ האַרמאָניע יאָרן לאַנג נאָך מערער פאַרפעסטיקט מיט זייער זאָרג פאַרן נאָכוווקס פון יידישער יצירה. פון ביידע היימען האָט געשטראַלט סיי מיט גוטער טראַדיציאָ־נעלער יידישקייט און סיי מיט אַלמענטשלעכער, וואַרעמער הומאַנישקייט. שוין דעמאָלט האָט טרונקס שרייבערישע פּערזענלעכקייט און זיין שאַפערישער הימל פאַר מיר שיין געלויכטן מיט אַ מקורותדיקן ליכט. דאָס איז געווען מן־הסתם דער ליכט־שפּליטער פון יענער גרויסער מנורה, וואָס האָט געהייסן אין דער ליטעראַטור: יצחק לייבוש פּרץ. ס'זענען ערשט געווען אָפּגעפלאָסן צען יאָר נאָך פּרצס טויט. אָבער די צען יאָר האָבן שוין דעמאָלט רחבותדיק פאַרטיפט, אַרויסגעהויבן די אידעען און די הערליק פון אַ ליטעראַטור־רענעסאַנס, וועמענס פאָרעם און אידעישער תוכן זענען געווען פּרצס פּאָעטישע ווערק. און די אַלע, וואָס זענען אַ מאָל דורכגע־גאַנגען די פּרץ־שוועל, האָבן אויך פון איר מיטגעטראָגן, סיי פאַר זייער אייגן לעבן און סיי פאַר זייער שאַפן, פּרצס אומרויִקע שאַפערישע גלאָריע, וואָס לעשט זיך קיין מאָל נישט. איינער פון זיי איז אויך געווען יחיאל ישעיה טרונק.

אין יענע צוואַנציקער יאָרן, בעת י. י. טרונק פלעגט אַראָפּקומען קיין לאָדזש, האָט ער געהאַט תמיד צו מיר די זעלביקע בקשה: איך זאָל אים פירן איבער די געסלעך פון באַלוט. ווי אַ געבוירענעם אין דער יידישער נויט־מדינה באַלוט, איז מיר דאָ געווען נאָענט יעדער שטיין, יעדעס ליקל, יעדעס לאַבירינט־געסל און יעדע שוועל. מיט שרייבערישער פרייד — און נישט אָן יונג־שרייבערישן שטאָלץ — פלעג איך דעמאָלט פירן טרונקן איבער די באַלוטער געסלעך. איך האָב געוווּסט, אַז טרונק געהערט צו די נגידישסטע יידישע שרייבער, אַז ער מאַכט אָפט נסיעות איבער דער

וועלט, אַז ער איז געווען אין ארץ־ישראל (1913—1914), אַז ער האָט דאָרט אַרומ־געבלאָנדזשעט אין דער מקובלים־שטאָט צפת און אַז ער פלעגט זייער גערן זיך לאָזן „איבערן פעלד פון די הייליקע עפּל", ווי ס'ווערט אָנגערופן אויך די קבלה. וואָס אַזוינס אָבער זוכט יחיאל ישעיה טרונק אויף די נאַקעטע נויט־פעלדער פון באַלוט, אין די שמאָלע, צעבראָכענע יידישע וועבער־געסלעך און אין די פאַרשפּינוועבטע, חושכדיקע שטובן?

איך ווייס נישט, וואָס אַזוינס ס'האָט דעמאָלט געזוכט דער שרייבער י. י. טרונק אינעם חשכות און נויט פון די באַלוטער געסלעך. איך ווייס, אַז בעת יענע אומצאָ־ליקע וואַנדערונגען איז מיר פּרצס תלמיד יחיאל ישעיה טרונק געוואָרן גאָר נאָענט — און איינצייטיק אויך סודותדיקער. ער פלעגט מיך אַליין אַריינציען אין די טוכלע באַלוטער פּרוזדורן, ווו ס'האָט תמיד געקייניגט אַ גליטשיקע פינצטערניש און די אייביקע יידישע נויט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי ליידיקע שטיבלעך, לאַנג אַריינגעקוקט אין די נידעריקע פענצטערלעך, פון וואַנען ס'האָבן אַרויסגעקוקט אַ שבת־לייכטער, אַ ליידיקע וועב־שטול אָדער אַ שאָטן פון אַן אַלטן מענטשן. די מענטשן פון באַלוט פלעגן תמיד זיצן אויף די שוועלן און אייביק אויף עפּעס געוואַרט. טרונק, אין זיין נגידישן הילוך, האָט מן־הסתם דעמאָלט אויסגעזען אין די אויגן פון די פאַרחידושטע אָרעמע יידן ווי אַ רייכער גאַסט פון אויסלאַנד. ער פלעגט זיך אָפּט אָפּשטעלן, זיך אויספרעגן, לאַנג זיך איינהערן אין יענעמס ווערטער און זיפצן — און תמיד האָט זיך אַזאַ באַגעגעניש פאַרענדיקט מיט אַ נדבה, וואָס טרונק האָט מיט גרויס דיסקרעטקייט און איידלקייט אַריינגעלייגט אין יענעמס האַנט. איך האָב זיך תמיד געחידושט אויף דער גרויסער צאָל זילבער־מטבעות, וואָס ער פלעגט אַרויסציען פון זיינע טיפע נגידישע ראָק־קעשענעס בעת אַזאַ וואַנ־דערונג. ער פלעגט עס תמיד טאָן מיט עפּעס אַ פאַרשעמטקייט, מיט אָפּגעווענדעטע, פאַרווירטע בליקן, ווי נישט ער וואָלט די נדבה געגעבן, נאָר להיפך — ווי ער וואָלט זי אַליין באַקומען פון די דאָזיקע שאָטנהאַפטיקע, געשלאָגענע באַלוטער מענטשן. ווער ווייס — אפשר איז שוין דעמאָלט אין טרונקס האַרץ געלעגן דער זוימען פון אַלע זיינע שפּעטערדיקע „מענטשלעכע אָרעמשאַפטן", וואָס זייער לאַנדשאַפט האָט זיך געהאַט שוין דעמאָלט צו אים אַנטפּלעקט און זיי האָבן אַלע בלויז געדולדיק געוואַרט אין זיין לעבן אויף זייער התגלות און גורלדיקער דערפילונג.

*

יחיאל ישעיה טרונק באַלאַנגט, דאַכט זיך, צו דער קאַטעגאָריע שאַפערס, וואָס די ליטעראַטור־ראַמען אין אַלע זייערע פאָרמען באַפרידיקן זיי קיין מאָל נישט. זיי זענען צו ענג, די ראַמען, פאַרן אַנאַליטיש־קריטישן און מעדיטאַטיוון גייסט, וואָס זוכט אומאויפהערער נייע שטחים, כדי צוצוקומען אַמנאָענטסטן צום וואַרהאַפטיקסטן

וועלט־בילד, צום שורש פון אַלע מענטשלעכע מעשים און חלומות, צום פולן, פאַר־באַרגענעם זין פון מענטשלעכן לעבן. אין דעם פּרט געהערט אויך י. י. טרונק צו די ווינציקע שרייבער אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָבן זייער מוזע פאַרקנסט צום ריינסטן אינטעלעקט און צו דער דערהויבענער, יידישער מעדיטאַטיווער מחשבה. צום דאָזיקן טיפּ שרייבער קאָן מען, גלייב איך, פאַררעכענען דעם טשעכיש־יידישן פראַנץ קאַפקאַ, פון דער העברעישער ליטעראַטור אַזאַ שפּרודלדיקן גייסט ווי אליעזר שטיינמאַן און פון דער יידיש־ליטעראַטור אפשר אויך לאַמעד שאַפּיראָ. אַלע די דערמאָנטע שרייבער זענען געקנעטן פון אַזאַ ערד, וואָס ווערט קיין מאָל נישט אָפּ־געקילט אין איר קאָסמישער היץ. זי וויברירט נאָך אומרויִק, געשטאַלטלאָז, באַפרייט פון יעטוועדן רעאַלן לבוש און גבול.

י. י. טרונק האָט געפאָדערט פון זיך, ווי פון אַ מענטשן און שרייבער, מערער וויפל דאָס לעבן און די קונסט זענען מסוגל צו געבן. פון דעסטוועגן האָט ער דער מוזע נישט צוריקגעוואָרפן דעם צווייפלהאַפטן גילדענעם סצעפּטער — ווי דאָס האָט געטאָן קאַפקאַ אין זיין צוואה: מען זאָל זיינע כתבים פאַרברענען. טרונק האָט אויך, נאָך אַלע זיינע ביטערע לעבנס־נסיונות, נישט געטאָן אַזוי ווי לאַמעד שאַפּיראָ און איז נישט געוואָרן „די שוויגנדיקע פעדער" (ווי בעל־מחשבות האָט גערופן ל. שאַפּיראָ). י. י. טרונק האָט מזלדיק געפונען מיט זיין שטאַרק־אַנאַליטישער יצירהדיקער פעדער דעם גלייכן וועג צו אַ באַנייטער, אינערלעכער, יידיש־מענטש־לעכער האַרמאָניע, דעם וועג צו יענע ספערן, וואָס זענען גנאַדיק פאַרן מענטש מיט רחמים און אייביקער האָפענונג. בלאָנדזשענדיק, און אַ שווער־געטראָפענער פון גורל — האָט ער דערקענט דאָס ליכט פון לייטזעליקייט און קלוגער פילאָסאָפישער הכנעה. „מען געפינט נישט די וועלט, אויב מען זוכט זי נישט אין זיך אַליין" — וועט ער שפּעטער זיך מתוודה זיין. שטייענדיק פּנים אל פּנים צום לעצטן חורבן, וועט ער וועלן מפרש זיין, אַז „אַלע חורבנות פון דער יידישער געשיכטע זענען געווען די פּראָדוקטן פון אַ טראַגישער דיאַלעקטיק און האָבן זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן ווי די אָנהייבן פון גרעסערע און פאָרנעמפולע תקופות". ווי אַ מענטש און שרייבער, האָט ער פון זיין ראַנגלעניש און אייגענעם חורבן אַרויסאַנטפּלעקט אין זיין שאַפן אַזעלכע וועלטן, ווו ער האָט געקענט אויף ס'ניי אַרומגיין אַ באַ־פרייטער, אָן לאַסטן, אַ שטאַמלענדיקער, געשלאָגענער פּראָמעטעוס, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פונעם שוואַרצן, הויכן פעלדז, כדי צו זינגען אונטער די הימלען דאָס געזאַנג פון זיין אייגענער, באַפרייערישער דערקענטעניש.

אָבער כדי צוצוקומען צו דער אָ דערקענטעניש האָט טרונק געמוזט אַראָפּ־וואַרפן פון זיך אַלע זיינע אָנגעזאַמלטע, גרויסוועלטישע, פאַרשטויבטע טאַרבעס, דעם באַלאַסט פון מענטשלעכע מיראַזשן און אויך אַ סך פון זיין שרייבערישן כלי־זין,

וואָס האָט אים געהאַט געפּירט אין געפּעכט מיט שאַטנס און ווינטמילן. ער האָט איבערגעלאָזט בלויז אויף זיינע אַקסלען דעם נסיונותפולן יידישן גורל, וואָס איז פאַרבונדן נישט מיט אַ יחיד, נייערט מיטן פאָלק אין אַלע זיינע גלגולים. ערשט דעמאָלט, בעת טרונק איז אַוועק פון זיין יחידישן גורל און זיך אונטערגעטונקען אינעם קאָלעקטיוון פאָלקס־גורל, געגומען גיין מיטן קאָלעקטיוון „יידישן מיטאָס" — איז ער צוריקגעקומען צום ברונעם פון זיין אייגענער, באַפרייערישער דערקענטעניש. ער האָט די אַ דערקענטעניש געפונען אין זיך אַליין, וואָרעם „אין די טונקלענישן פון זיך אַליין דערזעט מען ערשט דאָס ליכט".

✶

צווישן זיין פּאָעטישן יידישן אידעאַליזם און דער מעטאַפיזישקייט פון זיין טראַכטן (וואָס איז, אגב, נישט געווען אין גאַנצן פריי פון טריבע יאוש־טענער), צווישן זיין פאַרבענקטן רעיון און וואַכער עמאַציאַנעלקייט נאָך אַ האַרמאָניש, יידיש וועלט־בילד — און זיין טריב־שמייכלענדיקן סקעפּטיציזם — האָבן געקרייזט די אַנטיפּאָדן פון י. י. טרונקס שאַפערישן חלום. מען האָט געקענט גלייבן, אַז די סתירות צווישן די דאָזיקע עמפינדונגען און רעיונות האָבן געדאַרפט שאַפן אינעם שרייבער אַן אינערלעכע צעריסנקייט, אַ תהום, וואָס פירט צו יאוש. אַזוי איז עס אָבער נישט געווען, וואָרעם י. י. טרונק האָט ווי אַ שרייבער געהאַט אין זיך אָנגעזאַמלט אַזעלכע אינטעלעקטועלע און עטישע כוחות, וואָס זענען אים בייגעשטאַנען אין די גורלדיקע צייטן פון זיין לעבן און שאַפן. פאַראַן אין די ווערק פון י. י. טרונק אַן עטישער אומרו, וואָס צווינגט אים צו שטענדיקער וואַכזאַמקייט פאַר דער זיגזאַגישקייט פון יידישן גורל. די אָ עטישקייט אין אים איז נישט בלויז אַ ריין־קינסטלערישע ראַם און באַפּאַרבונג. זי איז דער גרונטיקער, ליכטיקער יסוד פון זיין גאַנצן שאַפערישן באַוווסטזיין. די אינטעלעקטועלע און עטישע כוחות זענען געווען נישט עפּעס אַנדערש, ווי די אוצרות, וואָס די שווער־געפּרווטע יידישע געשיכטע האָט פאַרבאָרגן אינעם שרייבערס האַרץ. ערשט דעמאָלט, בעת י. י. טרונק איז געבליבן שטיין נאַקעט און געשלאָגן, ווי איוב, — ערשט דעמאָלט איז ער געווען מסוגל, אַ דאַנק די אָ פאַרבאָרגענע כוחות, צו דערקענען זיין יידיש־מענטשלעכן מוט, די העראָיק פונעם גראָען לעבן, די איבערצייטלעכקייט פון יידישן וואָרט און די הימלישע הויכקייט, וואָס ער האָט אַריינגעגעבן אין זיין אַפירמאַציע פון לעבן און יצירה. דאָס איז געווען דער שליסל צו זיינע סתירות. ער האָט געמוזט אַוועקגיין פון הימל, כדי אָנצורירן מיט די פיס די ערד. אים האָט פאַרפעלט די ערד אינעם שאַפן, איר טראַגישער אַפּאָטעאָז פון דער גראָער מענטשלעכער טאַט. און האָט ער זי באַרירט — איז ער געוואָרן פון איר געפאַנגען, כדי צו באַקומען פון איר יונגן שווונג און פליגל פאַר זיין נייער שאַפערישער רעאַליטעט.

י. י. טרונק האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אויפגענומען זיין אייגענעם לעבנס־חורבן און אויך די מאַטעריעלע אָרעמקייט, ווי אַ לעצטן ליכטיקן האָפן. דאָס איז געווען אַ שלווהדיקע רעזיגנאַציע, וואָס דערקענט אין די סתירות די פולע שלימות צווישן אויפגאַנג און שקיעה, צווישן לעבן און טויט. „איך בין דאַנקבאַר דער השגחה, וואָס האָט געזען, אַז איך זאָל ווערן אַן אָרעמאַן און מוזן זוכן פרנסה״ — זאָגט ער צו יעקב פּאַט („שמועסן מיט יידישע שרייבער״). שרייבנדיק וועגן מגיד פון דובנא (״די גאָלדענע קייט״, נר. 19) עפנט אונדז איינצייטיק י. י. טרונק אויך אַ טירעלע צו זיין אייגענער, קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט. ער האָט דאָ אָפּגעדעקט זיין שרייבערישע וועלט, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען שטורעמלאָז און געווען גרייט אויפצונעמען די שקיעה. ער שרייבט וועגן דובנער מגיד: „די אָרעמקייטן און נויטן פון יידישן מאַסנמענטש האָט ער אויפגעהויבן צו די ליכטיקע מדרגות פון נשמה־איידלקייטן און צו די גרויסע לעבנס־קלוגשאַפטן פון רעזאָנירנדיקער חכמה... דער דובנער מגיד איז אויף אַ פּאָר יאָר פאַרשוווּנדן אַ נאָמענלאָזער צווישן דער גרויסער נאָמענלאָזער מאַסע פון אָרעמע יידן און האָט אַרומגעוואַנדערט איבער דער יידישער וועלט ווי אַ פּשוטער אָרעמאַן. צוזאַמען מיט נאָך אָרעמע יידן איז ער געגאַנגען פון שטעטל צו שטעטל, קרועה־בלואה, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס. ער האָט גענעכטיקט אין הקדשים, גענומען פּרוטות ביי פאַרמעגלעכע יידן און אין די שבתים צוזאַמען מיט אַנדערע פאַרחושכטע אָרעמע־לייט געגעסן ביי די הינטערשטע טישן פון יידישע באַלעבאַטים...״

דאָס אַלץ וואָס יחיאל ישעיה טרונק האָט דערזען אין דער געשטאַלט און מעשים פונעם דובנער מגיד קאָן מען, אין אַ באַשטימטן זין, אָנקליידן אויף טרונקן אַליין. פאַראַן אין זיינע לעצטע שאַפונגען א מיסטישע נאָסטאַלגיע צו ווערן נאָמענלאָז, פאַרגעסן און טראָגן מיט שטאָלצער נזירות דעם גזר פון זיין חרובער וועלט. ער האָט זיך זעלבסט איבערגעשטאַלטיקט נישט בלויז אין זיין וועלט־בליק, נאָר ס׳איז אויך געקומען צו אים די מעטאַמאָרפאָזע פון זיין יצירה אין דער פאָרעם פון גאָר־נייע פאָלקסטימלעכע מעשיות און אין אַ קרישטאָל־ריינער פילאָסאָפישער עסייאיס־טיק. אין זיי האָט ער געפונען די ראַם, דעם תוכן און די פולע אידעע פאַר זיין געריינקטער, אַלט־יידישער און איינצייטיק אויך אייגענער רעליגיע פון טוגנט. פאַראַן אין דער אָ רעליגיע עפּעס פונעם קאָצקער זאָג: „ס׳איז נישט פאַראַן אַ מער גאַנצע זאַך, ווי אַ צעבראָכן האַרץ״. צי הערן מיר נישט אין די לעצטע שאַפונגען פון טרונקן אויך אַ ווידערקול און אַן איבערררוף מיט יענע פאַרלאָשענע צייטן, בעת דער שרייבער י. י. טרונק איז געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט די באַלוטער אָרעמע־לייט און דערזען איבער זייערע קעפּ — און איבער זיך אַליין — דאָס נאָמענלאָזע ליכט פון יידישן גורל? צי זענען נישט די ווערטער, וואָס ער שרייבט וועגן דובנער

מגיד, אַן עכאָ פון זיין אייגענער צעבראָכענער יידיש־וועלט? אויך וועגן י. י. טרונק קאָן מען זאָגן, אַז „ער האָט מיטגעליטן די נויטן, דחקות און דערנידערונג פון אָרעמע יידן. אין דער דאָזיקער ביטערער יידן־געמיינשאַפט מיט פּראָסטע נאָ־מענלאָזע און אָרעמע פאָלקסמענטשן האָט ער זיך גייסטיק פון דאָס ניי געריניקט. ער האָט זיך פאַרטיפט און זיך דערהויבן אין זיין אוממיטלדיקער ליבשאַפט צו יידן...״

*

דער פיל־זשאַנערדיקער שטח פון טרונקס יצירה: פונעם ערשטן נאָוועלן־בוך „פון דער נאַטור״, איבער די לירישע לידער און פאַרטיפטער ליטעראַטור־עסיי־איסטיק; פון זיינע קריטישע אַרבעטן וועגן שלום עליכם און נאָמבערג, איבער די אויספירלעכע שטודיעס וועגן זייערע הויפּט־העלדן; פון זיינע היסטאָרישע נאָ־וועלן, ביז זיין מאָנומענטאַל ווערק „פוילן״ און, לסוף — זיינע מעשיות פון טראַ־גישער גוזמאות, גראָטעסק און אַלט־יידישן פאָלקלאָר — דאָס אַלץ קאָן אין פלוג אויסזען, אַז טרונק האָט געליטן פון אַ זיגזאַגישער צעשפּאָלטנקייט אין זיין שאַפע־רישן הימל, וואָס האָט אים, ווי אַ שרייבער, נישט געשאָנקען דאָס גאַנצע לעבן די איינהייטלעכע קינסטלערישע שלווה. אָבער אַזוי איז עס בלויז אין פלוג. טרונק, ווי אַ שרייבער, איז אין יעדן פון די זשאַנערן געווען האַרמאָניש־גאַנץ. דווקא די אַנטיפּאָדישע ליניעס פון זיין שאַפן — זיי האָבן עס געבילדעט די פעסטע ראַם פון זיין שרייבערישער פּערזענלעכקייט. ער האָט תמיד געשטרעבט צו געבן אַ מער רחבותדיק און מער האַרמאָניש וועלט־בילד פון דער יידיש־קינסטלערישער מחשבה. אויב זיין יצירה איז געווען געשפּאָלטן אויף אַ סך זשאַנערן — איז אָבער טרונק, ווי אַ שרייבער, קיין מאָל נישט געווען געשפּאָלטן אין זיינע קרעאַטיווע כוחות. ער האָט יעדן זשאַנער דערהויבן צו אַזאַ קלימאַקס, ווי דער דאָזיקער זשאַנער וואָלט געווען דער עיקר־געביט פונעם שרייבערס שאַפן. נישט בלויז וואָס אין זשאַנער האָט דערגאַנצט דעם צווייטן, אויפגעהויבן אים העכער, אָדער מיט אַ שטאָפּל אַראָפּגע־נידערט, נאָר יעדער זשאַנער איז אַ פולער, גאַנצער, שלימותדיקער טרונק. מען קען זאָגן, אַז טרונקס שרייבערישער ריטער־בורג האָט פאַרמאָגט אַ סך זייטיקע פּרוזדורן און פאַרשלאָסענע קעלערן, ווו ער פלעגט זיך טייל מאָל אַראָפּלאָזן און פון דאָרט האָט ער צוריק אויפגעטויכט מיט אַ יונג יצירהדיק פייער, ווי דאָס וואָלט געווען דער איינציקער קוואַל פון זיין שרייבערישער באַגייסטערונג.

י. י. טרונק שבעל־פּה און י. י. טרונק שבכתב האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ מין היימלעכן, פייערלעכן אַלט־פאָלקסטימלעכן ניגון און פאַנטאַסטיש־גראָטעסקן פּאַטאָס, וואָס ער פלעגט תמיד זייער גיך מאַגיש אַריבערטראָגן אויפן הערער אָדער לייענער. זיין פּאַטאָס איז אין יענע פאַרלאָשענע פוילישע יאָרן געווען נישט נאָר אינעווייניק

צעגליט פון אַלע רווישנדיקע אין אים אומרויִקע וויבראַציעס פון אַ זייער סענסועלער נאַטור, נייערט זיין פּאַטאָס האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין אַ מין אינטעלעקטועלן פיבער פון זיין גאַנצן גוף: אין די שטומע האַנט־באַוועגונגען, אין זיין אַ ביסל קרומלעכן גאַנג, אין אופן ווי ער האָט פאַרשנירט זיינע דינע, סענסיבילע ליפּן, אין פלאַטערן פון זיינע שיין־געשניצטע נאָז־פליגל און אינעם גוטן גלאַנץ פון זיינע קלוגע אויגן. דאָס איז געווען זיין ריין־מענטשלעכער כישוף. אַזוי גיך ווי ער פלעגט נאָר אויפהייבן די הענט — פלעגט ער איינצייטיק פאַרשליסן די אויגן. זיינע תנועות זענען דעמאָלט געוואָרן געצוימטע, קילע, געפירטע און געהיטן דורך אַן אינערלעך אויג און מיט אַ רייץ, וואָס איז נאָר געגעבן צו זייער זעליש־רייכע נאַטורן. איך פלעג תמיד האָבן דאָס געפיל, אַז טרונק פירט מיט זיך אַ שטומען, האַרבן וויכוח, וואָס האָט נאָך נישט באַקומען די האַרמאָנישע צורה פון וואָרט און בילד. דעם דאָזיקן שטומען וויכוח מיט זיך, מיט זיין דאַליע, האָט ער געפירט, גלייב איך, זיין גאַנץ לעבן אויף די בלעטער פון זיין שריפטום, ווי אַ שאַרפער אַנאַליטיקער פון דער קינסטלעריש־פילאָסאָפישער מחשבה, מיט זיין מתנה צו קענען דעשיפרירן נסתרים, אידעען, קונסט־פּראָבלעמען, געשטאַלטן און סימבאָלן, וואָס גרענעצן אַפילו מיט איראַציאָ־נעלע קינסטלערישע חלומות.

וואָס אַזוינס האָט אַזוי פריידיק געשטורעמט — און טריב־פאַרפינצטערט טרונקס שאַפערישן הימל?

דאָס איז געווען, דוכט מיר, די אַבסורדאַלקייט פון דער מענטשלעכער עקזיס־טענץ, די עטישע ריסן און תהומען אין דער מענטשלעכער נשמה — און בעיקר דעם יידנס סודוספּולער היסטאָרישער גאַנג אויפן שטח פון דורותדיקע זוכענישן נאָך אַזאַ לעבנס־מאָדעל, וואָס זאָל זיין אַ מיזוג צווישן דער הייליקייט פון דער יידישער מסורה און דער אַלוועלטלעכער הומאַנישקייט. דאָס האָט געפירט זיין שאַפן פון אינדיווידועל־פּריוואַטלעכן רעיון ביזן גראָטעסקן גרימאַס, פונעם לירישן ליד ביז צו די געפּרעסטע, קרישטאָלענע סענטענצן אין זיין עסייאיסטיק וועגן גע־שיכטע און פילאָסאָפיע. ער איז געוואָרן אין דער יידיש־ליטעראַטור דער זשאַן פּאָל סאַרטר, וואָס זוכט צו באַשיידן די עסענץ פונעם יידיש־לעבן אין דער געפּאַנגענער, אייביקער, אַבסורדאַלער עקזיסטענץ. און האָט י. י. טרונק די דאָזיקע עסענץ נישט געטראָפן אויף די וועגן פון דער רעאַליסטישער יידיש־יצירה, איז ער אַוועק אויף די טראַקטן פון קבלה און זוהר. דאָ האָט ער געהאָפט זיך צו באַפרייען פון דער קלעמענדיקער אימה, וואָס שוועבט איבער די יידישע גורלות. ביי זיין גאַנצן סוגעסטיוון קאָנטאַקט מיטן לייענערס דמיון און מחשבה, איז י. י. טרונק, דער מענטש, דאָך פאַרבליבן דער פאַרשלאָסענער און געשלאָגענער איוב. ער האָט קיין מאָל נישט באַוויגן זיין צונג אָדער פעדער צו לעסטערונג, אָבער פונעם צידוק־הדין ווייעט מיט

ביטערער זעלבסט־דערקענטעניש און אומּמאַכט קעגן דעם מעטאַפיזישן סוד, וואָס האַלט געפאַנגען זיין מענטשלעכע און שרייבערישע דאַליע.

✶

פאַראַן אַ דינע, קוים־אַנזעעוודיקע ליניע, וואָס פאַרבינדט די יצירה־אַטמאָספער פון י. י. טרונק מיט דער ספערע, וואָס פאַליעט אַזוי ריטמיש־הייס אין די ווערק פון י. ל. פרץ. ביידע האָבן מיט זייער פען זיך געלאָזט אין גאַנג פון האַלב־מיסטישן און מיטאָס־אַרטיקן, כדי צו שאַפן דעם ייד־טיף פאַרן מאָרגן און כדי צו אַנטפּלעקן די וואָרצלען פון אַ האַרמאָניש, קאָלעקטיוו יידיש וועלט־געפיל. ביידע האָבן זיי געוואַנדערט אין געשיכטלעכע לאַנדשאַפטן: — פרץ אין די פאָלקסטימלעכע געשיכטן, טרונק — אין זיינע גראָטעסקע מעשיות, ווו די עסענץ פונעם לעבעדיקן יידישן מענטש איז נישט געווען די ערד מיט אירע פעסטע גרונטן, נאָר דער אויסגעשפרייטער איבער איר צעשטערנטער הימל, דער אייביקער באַשאַף, די סודות־דיקע הויכקייטן וואָס רופן דעם מענטשן, וועקן אים צו נשמהדיקער גבורה, צו מסירת־נפש און קרבן. פרץ און טרונק — הגם פונאַנדערגעטיילטע דורך תקופות — האָבן דאָך געהאַט, ווי מיר דוכט, אַ בשותפותדיקן אידעישן פּייזאַזש אין זייער שרייבן. בעת י. י. טרונק האָט געזוכט אינעם איראַציאָנעלן, אין ווייט־קאָסמישן, אין אומדערגרייכבאַרן, אין אַ הימל־פּייזאַזש פון „אֶפֶס״ — האָט י. ל. פרץ דעם זעלביקן וועג געמאַכט אין נידעריקערע רעגיאָנען, נענטער צו דער ערד, מיט אַ ראַציאָנאַליזם און וואַרעמען רעאַליזם, ווו ס'האָט געלויכטן דער ערדישער פּייזאַזש פון גוטער האָפענונג. י. י. טרונק האָט גיך זיך אָפּגעווענדט פון זיין ערשטן ערדישן נאַטור־פּייזאַזש און אין גאַנצן זיך איבערגעגעטפערט דעם הימל־פּייזאַזש און דעם גאַלאַקטישן אָן־סופיקן פירמאַמענט. דער שאַפערישער ברענפונקט צווישן י. ל. פרץ און י. י. טרונק איז זיך צונויפגעקומען אויף יענעם אָרט, ווו עס קומט זיך צונויף זייער קינסטלערישע אינטערפּרעטאַציע. זי איז געווען פאַרמירט אין דער אידעע, אינעם אינטעלעקטועלן אויפבראויז, אין זייער שטאָלצער הומאַניסטישער טענדענץ, אין דער מוטיקער מחשבה, וואָס ציט אירע קוואַלן פון אַלטע היסטאָרישע ברונעמס, וועמענס אונטערערדישע זיסע וואַסערן ווערן קיין מאָל נישט פאַרביטערט אָדער פאַרטריקנט.

די טראַגישע דיאַלעקטיק פון די פאַרהעלטענישן צווישן מענטש און גאָט, צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן ליכט און פינצטערניש — ווי זיי באַקומען זייער שאָטנהאַפטן אָפּבילד אין אונדזער באַוווסטזיין — איז ביי טרונק אַ צוזאַמענשטויס צווישן צוויי וויטאַלע כוחות, וואָס נורטעווען אין אים תמיד און זעטיקן־אָן מיט אַ ספּעציפישער פאַרב און קלאָריט זיין מחשבה: דאָס איז דער העלעניסטישער עפּיקורעער־פילאָסאָף — און דער יידיש־עטישער, נזירישער סופר. ביידע גייען

זיי אין אַן אידעישן געפעכט צווישן זיך און ס'איז שווער צו זאָגן, ווו ס'ליגט דער נצחון פון טרונקס פעדער. טייל מאָל איז זי הימל־ווייט פון דער קאָסמאָגאָניע פון יידיש טראַכטן, טייל מאָל שטאַרקט זיך אין אים די יצירהדיקע פּאָטענץ פון מיס־טעריע און קבלה. אָבער אין בײדע פאַלן קומט ער צוריק צום כישוף פון שאַפעריש־קייט, צו דער סיבה־ראשונה, וואָס האָט אים ווי אַ שרייבער אויסגעשיילט פונעם כאַאָס און חושך, און טרונק פאַרגראָבט זי אין זיין יצירה ווי אַ טייערן, שאָטנלאָזן דימענט.

*

אויב אונדזער ליטעראַטור־קריטיק וועט זיך אָפּשטעלן אויפן גאַנצן טרונק, אויף אַלע זיינע שאַפערישע שטאַפּלען און געביטן, וועט מען זיכער נישט קענען פאַרשווייגן דעם פאַקט, אַז אויף אַ באַשטימטן ליטעראַרישן שטח ווי, למשל, אין דער היסטאָרישער נאָוועלע, דאָמינירט מערער דער הייסער אָטעם פונעם פילאָסאָ־פירנדיקן עסייאיסט, איידער דער „ריינער" שרייבער. וואָרעם מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז יחיאל ישעיה טרונק האָט זיין אייגנטימלעכע קונסט־און לעבנס־קאָנצעפּציע זיך דערוואָרבן ווי אַן אומדערמידלעכער שווימער און טויכער אין דער פילאָסאָפיע, עסטעטיק, קבלה און אויך אין פיל „ריינע" וויסנשאַפטן. זיי האָבן עס מן־הסתם גורם געווען ביי אים דעם עסייאיסטיש־פילאָסאָפישן אָטעם און דעם פיל־שטחימדיקן כאַראַקטער פון זיין שאַפן. דאָס איז זיכער נישט לשלילה פאַרן גאַנצן שאַפערישן בנין פון טרונקן. יעדער שרייבער זוכט זיך זעלבסט צו פאַרטייטשן, פון זיך אָוועקצושליידערן אַלע טונקלענישן און שלייערן. יעדער אמתער שאַפער האָט נאָר זיינע אייגענע מכשירים, וואָס בלויז אים דינען זיי, כדי זיך צו אַנטפּלעקן. אויב מען זאָל דעם שרייבערישן וואַרשטאַט פאַרגלייכן צו אַ קוזשניע, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז ס'זענען פאַראַן שאַפערס, וואָס שמידן אויס אין זייער יצירהדיקער קוזשניע דאָס גאַנצע לעבן בלויז, למשל, פאַדקאָוועס. דאָס איז זייער פאַרשלאָסענער עיגול פון יצירה, ווו זיי פאַרשמידן זייער קינסטלערישן איך אין אַלע זיינע מענטש־לעכע התגלותן. פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע בעלי־יצירה, וואָס אַחוץ פאַדקאָוועס שמידן זיי אויס אין זייער קוזשניע אויך אייזערנע רעדער, קאַראַסעריעס פאַר קאַ־רעטן און פויערישע וועגענער. צו די לעצטע האָט געהערט י. י. טרונק. ער האָט זיינע קינסטלערישע קאַראַסעריעס געלאָזט אין גאַנג און מיט זיי אַוועק אין ווייטע פאַרחלומטע נסיעות. פון אַלע מרחקים איז פאַר אַזעלכע בעלי־יצירה אַמנאָענטסטן דער מרחק צום אין־סופיקן, צום האַרמאָנישן עיגול פון קאָסמישן סוד. און אַז זיי קומען, נאָך אַזעלכע נסיעות, צוריק צו דער ערד — זענען זיי דעמאָלט ווי די אַראָפּ־געשליידערטע, צעבראָכענע מעטעאָרן. זיי בענקען תמיד צוריק מיט זייער קאָסמיש פייער צום הימלדיקן סוד. בעת איך לייען טרונקס פילאָסאָפישע נאָוועלן קאָן איך זיך

נישט באַפרייען פון אַ געפּיל, אַז דער דאָזיקער מענטש, וואָס זיין קאָפּ איז געווען תמיד אויפגעהויבן צו די אויבערשטע רעגיאָנען — האָט אויך געהאַט אַ האַרץ, וווּ ס׳האָט געברענט דאָס קאָסמישע פייער פון אַ געפאַלענעם שטערן.

✶

אין זיינע שמועסן מיט עקערמאַן זאָגט געטע, אַז כדי צו געניסן פון נאַטור־שיינקייט אין איר פולער שלימות, דאַרף מען פאַרמאָגן אַן אינערלעכע פרייקייט און האַרמאָניע — און נישט ווערן צעריסן פון דעמאָנען, וואָס באַפאַלן זייער אָפט דעם וואַכן גייסט. בעת אַ קינד קוקט זיך צו צום פלי פון אַ בין איבער אַ בלום — קוקט עס נישט אויך איינצייטיק אויפן הימל, צו די וואָלקנס, ווו ס׳קומט פאָר שוין אַ גאָר אַנדער פייערלעך־שיין נאַטור־שפּיל. פון טרונקס ביאָגראַפיע ווייסן מיר, אַז ער האָט געהאַט (ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה) די פולע פרייקייט (אויב אַ מענטש קאָן בכלל זיין פריי) און מעגלעכקייטן צו געניסן פון נאַטור־כישוף. באַשאַנקען פון די פריעסטע יאָרן מיט אַ זעלטענעם חוש פון הערן און זען, וואָס נאָר יחידי־סגולה ווערן פון די אָ אייגנשאַפטן פאַרכישופטע נשמות — האָט טרונק, דער שרייבער, די אָ סגולות שוין אַנטפּלעקט אין זיינע ערשטע יצירות. מן־הסתם איז עס נישט בלויז בדרך מקרה, וואָס זיין ערשט נאָוועלן־בוך טראָגט דעם נאָמען „פון דער נאַטור״ (1914). דער נאַטור־פּייזאַזש וועט אויך שפּעטער פאַרנעמען ביי אים לאַנגע יאָרן דעם דאָמינירנדיקן אויבנאָן, ביז ער וועט אים אינ־טעגרירן אין אַ פּייזאַזש פון אַ גאָר אַנדערן קינסטלערישן כאַראַקטער. טרונק וועט ווערן דאָס פאַרגאַפטע קינד, וואָס קוקט איינצייטיק אויף פיל שטחים — און נישט בלויז „אויף דער פליענדיקער בין״. אויב טרונק האָט אין זיינע ערשטע ביכער נאָך געהאַט די אינערלעכע פרייקייט, די האַרמאָניע, וועגן וואָס עס רעדט געטע, און זיין קינסטלעריש אויג איז געווען פאַרכאַפּט „מיט דער פליענדיקער בין איבער דער בלום״ — זענען אין די שפּעטערע תקופות שוין געפאַלן אויך אין אים פאַראַ־לעל נאָך אַנדערע פּייזאַזשן. נייע קרעאַטיווע כוחות האָבן זיין בליק געשפּאַלטן. בעת איין אויג איז געווען פאַרכישופט פון דער ערד, האָט דאָס צווייטע געזוכט דעם באַשייד פון יידישן גורל אין אַ וועלט פון איראַציאָנעלע כוחות און חלומות. לאָמיר אויף אַ ווייל לאָזן רעדן טרונקן אַליין, מיט זיינע אייגענע ווערטער. ער שרייבט:

„תחילת האָב איך געפּרוּווט צו געפינען מיין פערזענלעכקייט אין די לאַנדשאַפטן פון דער נאַטור. איך בין געבוירן געוואָרן אויפן דאָרף און האָב מיין קינדהייט פאַר־ברענגט אין די פּייזאַזשן פון פּוילן. פּוילנס נאַטור־בילדער האָבן געהאַט טיפע השפּעות אויף מיין געמיט. עס האָט לאַנג ביי מיר גענומען, ביז פון אָט די פּייזאַזשן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצושיילן מענטשן, מענטשן, וואָס שטייען אין דער לאַנד־

שאַפט מיט זייער פיזיש געשטאַלט און באַגלייך שטייען זיי מחוץ דער לאַנדשאַפט מיט זייער פסיכיש לעבן״.

אַחוץ י. י. טרונק איז בלויז איין איינציקער שרייבער אין דער יידיש־ליטע־ראַטור געווען אַזוי טיף אַריינגעוואַקסן אין סאַמע געדיכטעניש פון פּוילנס פּייזאַזש — דאָס איז שלום אַש. אויך שלום אַש האָט שפּעטער דעם נאַטור־פּייזאַזש אויסגע־טוישט אויף דעם היסטאָרישן, ווי דאָס האָט געטאָן י. י. טרונק. אָבער בעת אַשס מוזע איז תמיד געווען פרעדיספּאָנירט עלעגיש, מיט דער שקיעה פון אַן אויסגייענ־דיקן ראָמאַנטיזם און ער איז נישט געווען מסוגל זיך אויפצוהייבן צו איבערערדישע לאַנדשאַפטן — צום מיטאָס פון יידיש־לעבן אין פילאָסאָפישן זין — האָט טרונק זיין אויג אין גאַנצן אָפּגעריסן פון דער ערד. ער איז געוואָרן אין דער יידישער פּראָזע דער אַממיינסטן פילאָסאָפירנדיקער שרייבער. ער האָט געזען די וועלט, און בעיקר זיין יידישע וועלט — זיגזאַגיש און פאַנטאַסמאַגאָריש, אין דער פּריזמע פון אַ העכערער קינסטלערישער פאַרנונפט. ער האָט געפּרוווט מיט די שפּראַך־סודות צו צערייסן די שלייערן, וואָס פאַרטונקלען די יצירהדיקע מחשבה. ער האָט תמיד געשטרעבט צו באַלויכטן דעם פאַרבאָרגענעם פּאָעטישן קערן, האָפנדיק צוצו־קומען צו „די געהיימנישפולע שפּילן פון אַבסאָלוטן איבערקאָסמאָס״. יידיש ווי אַ שפּראַך איז פאַר טרונקן געווען מערער ווי בלויז אַ מכשיר פאַר זיינע שרייבערישע צילן. אינעם וואָרט האָט ער געזען בלויז סימבאָליק, אַ מין „פעלד מיט די הייליקע עפּל״, ווו ס׳זענען געוואַקסן די שענסטע רויזן־בושן און אויך די גיפטיקסטע דערנער פון אַלע היסטאָרישע פּראָצעסן אין יידישן לעבן. זיין באַציונג צו יידיש, ווי צו דער שפּראַך פון לויטער סימבאָלן, האָט געהאַט אין זיך עפּעס היידנישעס, נאָענט צום מיטאָס. זי איז אָבער געווען דאָס איינציקע געפעס, ווו ער האָט אויפגעקליבן זיין הילפלאָזע טרער. און אויב אין דאָזיקן געפעס האָבן זיך די לעצטע יאָרן באַוויזן פאַר אים טיפע שפּאַלטן — האָט ער מיט אַ נאָך מערער קאָסמיש פייער אַריינגע־בלאָזן אין אים, ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, אַלע פאַרלאָשענע שאָטנס, אַלע אויסגעגאַנגענע חלומות, אַלע שווערע ראַנגלענישן פון זיין פאָלק און אויך פון זיין אייגענער חרוב־געוואָרענער וועלט.

*

אין דער הקדמה צום בוך „משיח־געוויטער״, וואָס איז דערשינען אין יאָר פון זיין טויט, מאַכט פאַר אונדז נענטער י. י. טרונק זיין אינטימסטע באַציונג צו לי־טעראַטור, צו שרייבער און צום שאַפערישן וואַרשטאַט. ער שרייבט צוו. א.: „שריפט־שטעלער מיט די פיס אין דעם ערד־ליים זענען מיר נענטער צום האַרצן. איך רעכן־צו צו זיי אַפילו אַזאַ מלך־מלכי־המלכים פון שריפטשטעלערישער יצירה, ווי שעקס־פּיר. זיי ווייזן זיך אונדז נישט אין רייפן גלאָריע־שיין און אין זיגרייכער דער־

הויבנקייט. מיר זעען זיי ווי מענטשן, וואָס באַרען זיך מיט די בלינדקייטן פון די תהומות אין זייער נשמה און ווילן אַרויפקומען צו די ליכטער פון דער זעונג. אין זייערע דערגרייכונגען — אין דער אומענדלעכקייט — ציטערן די שאָטנס פון דעם אומבאַהאָלפענעם און נישט־דערגרייכטן אין דער ענדלעכקייט... ווערק פון אַזעלכע קינסטלער פילן אונדז אָן מיט די וואַרעמקייטן פון מענטשלעכע אָרעמשאַפטן. זיי זענען אונדזערע ברידער אין לייד און אין פרייד, אין דערגרייכונג און אין דורכפאַל..."

דאָס איז געווען דער לעצטער השתפכות־הנפש פון אַ שרייבער, וואָס האָט פאַרויסגעפילט די נאָענטע שקיעה פון אייגענעם לעבנסוועג. ער האָט דערקענט דעם ערד־ליים פון דער יידיש־שאַפערישער מחשבה דורך אַ סך גילגולים. ער האָט איצט שוין אַריינגעבליקט אין זיך, ווי אין אַ פאַרשטילט וואַסער נאָך אַ שטורעם. ביים סוף פון זיין לעבנסטאָג האָט ער באַוויזן נאָך אויפצוהייבן דעם מיטישן פּרגוד איבער זיין שרייבערישער מי. י. י. טרונק וועט פאַר אונדז פאַרבלייבן אויך דער, וואָס האָט אין אַלע זיינע ווערק זיך „געבאַרעט מיט די בלינדקייטן פון די תהומות" — ביז ער איז געוואָרן גאַנץ מיט זיך, גאַנץ מיט זיין חרובער וועלט, מיט „אַלע אָרעמשאַפטן" און מיט זיין אַלט, קלוג הארץ, וואָס האָט באַלד געדאַרפט אויפהערן צו קלאַפּן.

אָבער דאָס דאָזיקע האַרץ פון י. י. טרונק שלאָגט אויך נאָך איצט אין זיין שרייבערישן עזבון. ס׳וועט אויך נישט אויפהערן צו שלאָגן פאַר די יידיש־דורות, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז מיט אַ נאָסטאַלגיע צו אַלע חרובע יידיש־וועלטן. די זעלביקע ווערטער, וואָס האָבן אים געדינט צו דעפינירן אַזוי פשוט־שיין די יצירה פון „די שריפטשטעלער מיט די פיס אין דעם ערד־ליים", קענען אויך באַגלייטן טרונקס גאַנץ קינסטלעריש שאַפן. וואָרעם — „ווערק פון אַזעלכע קינסטלער פילן אונדז אָן מיט די וואַרעמקייטן פון מענטשלעכע אָרעמשאַפטן. זיי זענען אונדזערע ברידער אין לייד און אין פרייד, אין דערגרייכונג און אין דורכפאַל".

יאָסל בערגנער — דער קונדס

אברהם לעוו

די רייד פון א זקן

...דו גיסט זיך אַ כאַפּ
אין אַ טאָג אין אַ שיינעם —
מיר זענען שוין זקנים.

די זיקנה האָט אירע סימנים:
דער פליך, ווי אַ טיכל צעשפּרייט,
געקנייטשט איז דער פּנים,
און פילסט אים, דעם טויט,
שוין אַלע פרימאָרגן,
ווי ער וואָלט צו ביסלעך געוואָרגן,
דער יונג, דער געמיינער;
געלאַכט דיר אין פּנים,
געוועקט דיך פון שלאָף,
געסודעט: אָט באַלד קומט אַ סוף
צו דיין וועלט צו דער שיינער,
אָט באַלד קומט אַן עק,
וועסט ליגן ניין איילן פאַרדעקט...

באַנעמסט עס מיט שכל,
ווי אַ ייד, ווי אַ פרומער,
עס שפּרייט זיך דיין שמייכל
אַ פיינלעכער, קרומער.

און טרייבסטו דיין פּחד אַוועק
פון דיין בליק,
דו ווילסט אים לעם זיך ניט פאַרהאַלטן,
דאַן קומט זי, די שרעק,
צוריק
אין טויזנט פאַרשטעלטע געשטאַלטן.

רו...

נאַכט.
כ׳בין מיד און גאַר נאָך רו,
פאַר וואָס זשע רעוועט אַזוי אומעטיק די קו
אין שטאַל?
וואָס מעקען אַזוי טרויעריק די לעמער?
די נאַכטיגאַל
האָט זיך צעגאָסן מיט אַ זמר;
דער נאָענטער קוואַל —
אַ שנירעלע, אַ זילבערנער, אַדורכן פליין —
גיט אויך זײַן ניגון צו,
ווי שטיל געוויין:
פליו־פליו, פליו־פליו...

נאַכט.
אין הויכן גראָז, אַ גריל
דאָרט הערט נישט אויף צו זעגן.
עס יאָגט אַ טומל אָן פון זײַטיקן שאָסיי,
ווי ס׳וואָלט געברענט:
העי, פּאָליציי!
אַן אַקצידענט!..

אַ גרויסער לאַסט־אויטאָמאָביל
קומט אָן פון ווײַטע וועגן,
די פינצטערניש געדיכט
צעשנײַדט צוויי פאַסן ליכט,
באַלײַכט אַ בוים, אַ בלאַט,
מײַן דאָרפיש־ווײַסע שטוב;
מיין רו...

איך בין מיט רעש שוין זאַט,
איבערגענוג.

ד״ר חיים גמזו

ראובן -
דער מאָלער פון ארץ־ישראל

„איך מאָל דאָס, וואָס איך האָב ליב: מיין פאָלק, מיין משפחה, מיין לאַנד. מאָלן — באַדייט זינגען שירה און יעדער קינסטלער איז מחויב צו לאָזן הערן זיין אייגענע שטים״.
ראובן

מיט דריי יאָר צוריק האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו פירן אַ שמועס אין פאַריז מיט דריי פראַנצייזישע מאָלערס וועגן דער אויסשטעלונג „פאַריזער שולע — 1963״, וועלכע איז צו יענער צייט פאָרגעקומען אין דער גאַלעריע „שאַרפּאַנטיע״ און אויף וועלכער עס איז אויך געווען אַ ישראלדיקער טייל. יעדער איינער פון די דריי קינסטלער האָט דורכגעפירט פאַר זיינע צוהערערס אַ מין חשבון־הנפש פון זיין קינסטלערישן וועג. דער מאָלער סעגאָנזאַק — וועלכער איז דאַן געווען קרוב צו 80 יאָר — האָט געזאָגט צווישן אַנדערן, אַז זינט ער איז געקומען צום שכל האָט ער אַלס מאָלער נאָר דאַן געפילט באַפרידיקונג, וואָס גרענעצט מיט גליק, ווען זיין פענדזל האָט זיך מתיחד געווען מיט דער נאַטור. די צוויי אַנדערע קינסט־לערס, מעסאַזשיע און לאַפּוזשאַד, ביידע צו 42 יאָר אַלט, האָבן אויך מודה געווען, אַז זיי געפינען זייער פולע באַפרידיקונג נאָר אין כראָמאַטישער אַנאַלאָגיע פון דער ווירקלעכקייט; וואָס אַן אמת, האָט ניט זייער „ווירקלעכקייט״ קיין שום שייכות מיט די באַגריפן פון נאַטוראַליסטישער קאָפּירונג, אָבער ערגעץ ווו אין זייער באַוווּסטזיין עקזיסטירט אַ פעסטער בונד — אויב מען זעט דאָס אַפילו ניט אויבנ־אויפיק — מיט דער נאַטור. בעתן שמועס האָט לאַפּוזשאַד זיך אַרויסגעכאַפּט מיטן פאָלגנדיקן זאַץ: „פאַרשטייט זיך, מיין פערצעפּציע פון דער ווירקלעכקייט און די נאַטור איז ניט אידענטיש מיטן זעלבן וואָס פונעם גרויסן און אַלטן מאָלער, וואָס זיצט קעגנאיבער מיר, הער סעגאָנזאַק, וועלכער געהערט שוין צו דער געשיכטע...״

אין דער זעלבער רגע האָב איך געכאַפּט אַ בליק אויף סעגאָנזאַקן. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך באַליידיקן, וועט זיך אָנצינדן פאַר כעס און שאַרף אָפּ־ענטפערן לאַפּוזשאַדן. אָבער ניין. ער האָט זיך פשוט פונאַנדערגעלאַכט און גע־ענטפערט: „איך נעם אויף מיט צופרידנקייט די דעפינירונג פון מיין יונגן קאָלעגע. איך בין אַפילו שטאָלץ מיט דעם. איך ווייס ניט אויף וויפל ער אַליין האָט זיך

אָפּגעגעבן אַ חשבון פונעם גרויסן קאָמפּלימענט, וואָס ער האָט מיר געמאַכט מיט זיינע רייד, אַוועקרוקנדיק מיך צום שויס פון דער... געשיכטע. ווייל, פאַקטיש, איז דאָך די געשיכטע דער גרויסער קריטיקער, דער שאַרפסטער און פעדאַנ־טישסטער פון אַלע קונסט־מפרשים. זי פילטרירט דורך אַלע ווערטן און זי ווייסט ניט פון קיין שום נאָכגיביקייט אָדער פּראָטעקציע. און אויב די געשיכטע האָט מיר — דורך דער פאַרמיטלונג פון איר יונגן אַמבאַסאַדאָר, הער לאַפּוזשאַד, דער־טיילט ערן־בירגערשאַפט אין איר קעניגרייך, בין איך זייער גליקלעך...״

איך דערצייל אָט דעם עפּיזאָד, ווייל ביי איינעקע פון מיינע קאָלעגן קונסט־קריטיקערס איז פאַראַן אַ נטיה אַוועקצושטעלן דעם מאָלער ראובן אין די תחומען פון דער געשיכטע, אָבער אָט די קאַטעגאָר־זאַציע אַנטשפּרעכט ניט דערווירקלעכ־קייט. ריכטיק: ער איז ביז היינט צו טאָג געבליבן טריי דער פיגוראַטיווער תפיסה און זיך ניט געלאָזט לאָקן דורך אַ געוואַגטן שפּרונג פון פּאָרטרעט, פּייזאַזש אָדער „שטיל־לעבן״ — צו אַבסטראַקטער מאָלעריי. ער איז אָבער אויך ניט געבליבן שטיין אויף איין אָרט. ער האָט ניט אָפּגעווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט פון דער געבענטשטער השפעה פון די יעניקע אוניווערסאַלע היינטצייטיקע קינסטלערס, וועמענס שאַפונגען זענען נאָענט צו זיין גייסט.

און דעריבער קענען מיר ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף די אַנטוויקלונגען, וואָס זענען פאַרגעקומען אין זיין שאַפונגס־וועג, זינט זיין אויסשטעלונג אין „מגדל דוד״ אין יאָר 1923, ביז איצט. עס איז דורכויס ריכטיק, אַז ראובן געהערט אָרגאַניש צו דער יונגער „געשיכטע״ פון דער ישראלדיקער קונסט, וועלכע עקזיסטירט זינט די צוואַנציקער יאָרן ביז צום היינטיקן טאָג. ער געהערט צו איר ווי אַ לע־בעדיקער קינסטלער, וואָס צאָלט יעדן טאָג יצירה־שטייער זיין וואָרשטאָט — ווו עס קומט פאָר דער גרויסער געראַנגל צווישן פאַנטאַזיע און רעאַליזאַציע, אין חבלי־יצירה, און ווו צום סוף דערשיינען אויפן לייוונט: געשטאַלטן, פּייזאַזשן, „שטיל־לעבנס״ און בלומען. זינט דאַן און ביז היינט זענען זיינע בילדער באַהויכט מיט שאַפונגס־פרייד, אָנגעזאַפּט מיט פרישקייט און מיט יענער פאַרערונג פאַר דער נאַטור, וואָס וועגן דער פאַרבינדונג מיט איר האָט אַזוי שיין גערעדט דער באַרימ־טער פראַנצייזישער פּייזאַזשיסט סעגאָנזאַק.

ראובן איז ניט קיין מענטש מיט פאָראורטיילן; ער וועט זיך ניט אָפּהאַלטן פון אָבסערווירן אַן אַבסטראַקט בילד און וועט ניט דעמאָנסטרירן זיין פּרינציפּיעלע קעגנערשאַפט צו אַ שיינער קאָמפּאָזיציע בלויז דערפאַר, וואָס זי שטיצט זיך אויף געאָמעטרישער תפיסה. אָבער דאָס אַלץ וועט ניט ענדערן זיין עסטעטישע אָנשויונג, וועט אים ניט צווינגען אַריבערצוגיין די שוועל פון אַבסטראַקציע. ווייל ראובן איז ניט נאָר אַ קינסטלער, וואָס פאַרנעמט זיך זינט איבער 50 יאָר מיט מאָלעריי,

וועלכער קען די סודות פון אַ סך „טעכניקעס״, וועלכער איז מסוגל זיך צו דער־נעענטערן צו די ווייטסטע מקורות פון אינספּיראַציע; ער איז אויך... אַ חכם, פּשוטו כמשמעו, וועלכער קען גוט די גרענעצן און דעם רעאַליסטישן כאַראַקטער פון זיין קונסט, כדי זיך לאָזן שווימען צו צופעליקע ברעגן, צו אַ וועלט, וואָס איז אים פרעמד. ווייל אין זיין יסוד, אין זיין גאַנצן מהות, איז ער אַ מענטש פון דער ווירקלעכקייט, מיט אַ שימער פון ראָמאַנטיק, מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם צוגאַנג צו שיינקייט, וואָס איז ניט קיין תמצית פון סאָפיסטישע ספּעקולאַציעס. דער חוש־היופי זיינער זייגט פון די וואָרצלען פון זאַפטיקער פאָלקסטימלעכקייט פון רומענישן שטעטל פאַלטיטשעני, ווו ער איז געבוירן געוואָרן דעם 13טן נאָוועמבער 1893, און פּונקט אַזוי ווי שאַגאַל, וועלכער טראָגט מיט זיך אומעטום, ווו ער גייט, וויטעבסק — אַזוי טראָגט אויך ראובן אין זיין האַרצן דעם זכר פון זיין שטעטל. אָבער ער פאַרוואַנדלט ניט דאָס שטעטל אין אַ טעמע פאַר זיינע בילדער און גיט עס ניט קיין סימבאָליש־מאַגישן פאַרבאַרגענעם לשון...

ווייל אויב מיר האָבן געהאַט מיט אַ יובל יאָרן צוריק אַ גרופּע קינסטלערס, וואָס זענען געווען גייסטיק און גשמיותדיק פאַרבונדן מיט לאַנד, איז ראובן געווען איינער פון זיי, איינער פון די אָנגעזעענסטע צווישן זיי. איינער פון די, וועלכע האָבן געהאָלפן אויפשטעלן דעם אינספּעקט, אין וועלכן עס האָבן אַרויסגעשפּראָצט יונגע טאַלאַנטן, פאַרשיידנאַרטיקע אין זייער קינסטלערישן וועג, פאַרשיידנאַרטיקע אויך אין זייער פּערזענלעכן טעמפּעראַמענט, — אָבער וועלכע האָבן צוזאַמען זיך געמיט, כדי אויסצוקריסטאַליזירן די ערשטע ראָם, כדי דערמעגלעכן די ארץ־ישראלדיקע קינסטלערס אַ געמיינזאַמען אויפטריט פאַרן ציבור, וואָס זאָל מיט דער צייט זיך פאַרוואַנדלען פון אַ קהל־נייגעריקע אין אַ קהל־קונסט־ליבהאָבער. ער איז געווען דער ערשטער קינסטלער, וועלכער האָט געבראַכט צו דער גרויסער וועלט די שיינקייט פון פּייזאַזש און די וואַרעמקייט פון ראָמאַנטישן שטייגער אין חלוצישן ארץ־ישראל. ער איז דער ערשטער פון צווישן אונדזערע קינסטלערס, וועלכער האָט רעאַליזירט דעם חלום פון יעדן מאָלער: צו לעבן בלויז אויף זיין קונסט! און דאָס אין אַ תקופה, אין וועלכער דאָס רוב פון זיינע חברים האָבן זיך פאַרנומען מיט מלאכות, וואָס שעפּן אויס דעם כוח און טריקענען אויס דעם זאַפט פון אינספּיראַציע, וועלכע קען קומען צום פולן אויסדרוק נאָר אין אַן אַט־מאָספער פון פרייהייט.

ער איז געווען איינער פון די ערשטע פון צווישן אונדזערע מאָלערס, וועלכע האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו צו זינגען אַ תמימותדיקן און געריירטן מזמור צום קינדערישן תל־אביב, וועלכער האָט דאַן, אין יאָר 1912, געציילט צוויי מנינים קליינע הייזער און אַ טוץ געצעלטן אויף דער סאַמעטענער ווייכקייט פון גינגאָלדענעם זאַמד...

דאָס בילד פון תל־אביב, וואָס ראובן האָט דאַן געמאָלט, איז איינער פון די אויטענטישסטע „פּאָרטרעטן״, איינער פון די ערשטע קינדער־אָפּבילדונגען פון אונדזער שטאָט, דער היינטיקער גרויסער כרך, וואָס איז דאַן געווען אַ באַשיידן און פאַרשעמט פאָרשטאָט פון דער גרויסער שטאָט יפו... אַ נײַנצן־יאָריק יוגנטלעכער איז דאַן געווען ראובן, איינער פון די תלמידים פון פּראָפעסאָר באָריס שאַץ אין „בצלאל״, אָבער אויך איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן באַליבטן לערער און זיין ריכטונג. אַ יאָר שפּעטער, אין 1913, איז ראובן אָפּגעשוווּמען פון יפו — צו „עקאָל דע באָזאַר״ (École des Beaux-Arts), די שול פאַר קונסט אין פּאַריז. אָבער אויך דאָ האָט אים דערוואַרט אַנטוישונג. קיין פריינט האָט ער ניט געהאַט אין דער שטאָט פון ליכטער, און זיינע לערער האָט ער געזען נאָר איין מאָל אין זיבן חדשים. עס איז ניט געווען ווער עס זאָל אים זאָגן צי זיין אַרבעט איז גוט אָדער שלעכט.

מיטן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג האָט זיך ראובן צוריקגעקערט קיין רומעניע. פינף שווערע יאָרן האָט ער דאָרטן פאַרבראַכט. ער פּרובירט זיין כוח אין מסחר און מען שיקט אים קיין איטאַליע אַלס פאָרשטייער פון אַ פאַבריק, אָבער אַנשטאָט צו באַזוכן קליענטן, פאַרברענגט ער גאַנצע טעג אין מוזעומס און קונסט־גאַלעריעס. בעת אַ נסיעה קיין שווייץ אַנטפּלעקט ער די שאַפונגען פון פערדינאַנד האָדלער, וועלכע וועלן אין משך פון יאָרן לייגן זייער חותם אויף זיין יצירה.

נאָכן סוף פון דער מלחמה, מיטן פאַרענדיקן זיין „שטורעם־און־דראַנג״־תקופה, אין וועלכער ער האָט פּרובירט זיין כוח אין מסחר, אָבער האָט אויך ניט אויפגעהערט צו מאָלן, מאַכן סקולפּטורן און שרייבן לידער אין יידיש, — האָט ראובן זיך איבערצייגט, אַז זיין דראַנג צו קונסט איז ניט סתם קיין עקשנות, נאָר אַ באַשטימונג, וואָס קיין שום כוח וועט אים ניט אָפּווענדן פון איר.

ער פאַרפּאַקט זיינע חפצים און פאָרט אַרויס קיין אַמעריקע, פול מיט מורא, אָבער אויך מיט האָפענונגען. דאָס מזל שפּילט אים צו און אַ פּאָר חדשים שפּעטער באַקומט ער די מעגלעכקייט, ביי דער מיטהילף פון באַקאַנטן קונסט־מעצענאַט אַלפרעד שטיגליץ, אויסצושטעלן זיינע בילדער אין דער אַנדערסאָן־גאַלעריע, אין ניו־יאָרק. דאָס איז געווען דער ערשטער שפּרונג צום לעבן פון אַ מאָלער ממש, וועלכער ברעכט זיך דורך אַ וועג צו די קרייזן פון קאָלעקציאָנערן, קונסט־ליבהאָבער און קריטיקער. דער פולער נצחון איז נאָך געווען ווייט פון אים און זיין מאַטעריעלער מצב ניט באַפעסטיקט, אָבער זיינע בילדער האָבן אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט און זיין פּערזענלעכקייט — פאַראינטערעסירונג.

דער ריזיקער כרך מאַכט אים אָבער מיד. עס באַוועלטיקט אים די בענקשאַפט צו דער פשטות און וואַרעמקייט פון ארץ־ישראל. ער קומט צוריק קיין תל־אביב,

ווײַלט דאָ אַ געוויסע צײַט, מאַכט אַ קורצן באַזוך אין בוקאַרעשט, שטעלט דאָרטן אויס זײַנע בילדער, פּאַרקויפט דעם שלל פון זײַן לוסטיקן פּענדזל און קערט זיך אום צוריק אויף שטענדיק אין לאַנד. אין תל־אביב לאָזט ער אַרויס אַן אַלבום פון האַלצשניטן אין שוואַרץ־ווײַס, גיט אים אַ נאָמען „מבקשי האלוהים״ און לאָדט אויס אויף 12 בלעטער דעם באַגאַזש פון עקספּרעסיאָניזם, וועלכער האָט געדריקט אויף אים ווי אַ שווערע לאַסט. דער וואָס קוקט זיך גוט אײַן אין די עלעמענטן, פון וועלכע עס באַשטייט אָט די גראַפישע יצירה, — וואָס ניט נאָר דער שטריך, נאָר אויך דער דרוק איז געמאַכט געוואָרן מיט זײַנע אייגענע הענט — וועט שוין זען דעם צונויפשמעלץ צווישן די טעמעס פון שטעטל און די יסודות פון דער ארץ־ישראלדיקער טעמאַטיק, וואָס ראובן וועט מיט דער צײַט אַנטוויקלען. פון איצט איז שוין פרײַ דער וועג צו די פּרוכטבאַרע השפעות פון די יעניקע גרויסע קונסט־ווערק, וועלכע האָבן געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן רושם אין אייראָפּע און אַמע־ריקע: סעזאַן, רענואַר, וואַן־גאָך און גאָגען זענען געווען זײַנע באַליבטע מאָלערס, וועמענס וועג אין דער קונסט עס האָט באַשעפטיקט זײַן גײַסט און אים דערוועקט צו אַן אַנדערן בליק אויף די ווערטן פון מאָלערײַ.

דער צוריקקער פון ראובן אין לאַנד אויף שטענדיק האָט באַשטימט זײַן קינסט־לערישע קאַריערע. פון איצט איז פאַר אים קלאָר, אַז ארץ־ישראל איז פאַר אים ניט קיין ווײַן־אָרט, נאָר אַ היימלאַנד. און אין זײַן גײַסט, אין סטיל פון זײַנע שאַ־פונגען, וועט ראובן פון איצט זײַן אַן ארץ־ישראלדיקער מאָלער. „דאָ, אין ירושלים און תל־אביב, אין חיפה און טבריה, פיל איך, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אויף ס׳נײַ. — שרײַבט ראובן אין דער צײַטשריפט „מנורה״ אין 1926 — דאָ זענען דאָס לעבן און די נאַטור מײַנע; עס זענען פאַרשוווּנדן די טונקעלע וואָלקנס פון אייראָפּע און עס האָבן זיך אויך פאַרענדיקט מײַנע לײַדן, עס האָט זיך פאַרענדיקט די מלחמה. אַלץ איז באַלויכטן מיטן גלאַנץ פון דער זון, מיט אַ לויטערן ליכט און מיט אַ גליקלעכער שאַפונגס־פרייד. פּונקט ווי דער מידבר איז אויפגעשטאַנען צום לעבן און בליט אונטער דער האַנט פון חלוץ, אַזוי פיל איך אויך אין זיך אַ דערוואַכונג פון מײַנע אײַנגעדרימלטע כוחות״.

דאָס יאָר 1923 וועט פאַרצייכנט ווערן אין זײַן ביאָגראַפיע ווי איינס פון די דעצידירנדיקסטע יאָרן, ווי אַ יאָר פון רײַכער איניציאַטיוו און מעשׂים. ער שטעלט אויס זײַנע בילדער אין דער גימנאַזיע „הרצליה״ אין תל־אביב און אַ קורצע צײַט נאָך דעם אין „מגדל דוד״ אין ירושלים. די שטיצע פון סער ראָנאַלד סטאָרס, דעם דעמאָלטיקן בריטישן מושל אין ירושלים, האָט אים דערמעגלעכט צו פאַרוואַנדלען די טערקישע רײַטער־שטאַלן, וואָס אין „מגדל דוד״, אין אַ צענטער פון קינסטלע־רישע אויסשטעלונגען, פון די יערלעכע „תערוכות הכלליות״, וואָס זענען אָרגאַני־

זירט געוואָרן דורך „אגודת הציירים והפסלים של ארץ־ישראל״, פון וועלכער ראובן איז געווען איינער פון די מיטגרינדער. אין צווישן האָט זיך געעפנט אַ נײַ טעטיקייטס־פעלד פאַר זיין שעפערישן טאַלאַנט: דאָס טעאַטער. ער צייכנט די דעקאָ־ראַציעס פאַר דער פאַרשטעלונג פון בער האָפמאַן „חלום יעקב״, וואָס ווערט אויפ־געפירט דורך מנחם גנעסין אין „הבימה״. צו דער זעלבער צייט בערך פאַרענדיקט ער זיינע האָלצשניטן „מבקשי האלוהים״, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט.

איצט איז געקומען פאַר ראובן איינע פון די פרוכטבאַרסטע תקופות אין זיין לעבן. אין די פופצן יאָר, פון 1923 ביז 1938, האָט זיך אויסקריסטאַליזירט זיין סטיל, האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן די פאַרשיידענע השפעות אויף אים און עס איז באַ־שטימט געוואָרן ענדגילטיק די ספּעציפישע ראובנישע טעמאַטיק. דאָס אַלץ האָט אים פאַרוואַנדלט אין איינעם פון די דעמאָלטיקע אָנגעזעענסטע ארץ־ישראלדיקע מאָלער און ער איז געווען דער ערשטער, כמעט דער איינציקער, וועמענס בילדער עס האָבן זיך אַליין דורכגעשלאָגן אַ וועג צו די וויכטיקסטע מוזעומס, גאַלעריעס און קאָלעקציאָנערן אין אייראָפּע און אַמעריקע. דאָס איז אַ קאָנסעקווענטער און הערלעכער גאַנג צום גרויסן דערפאָלג, וואָס וועט קומען צו אים אין משך פון די יאָרן. אין 1925 שטעלט ער אויס זיינע בילדער אין איינער פון די באַקאַנטסטע גאַלעריעס פון פּאַריז, „גאַלערי בערנהיים״, און איז זוכה צו אַן ענטוזיאַסטישער הקדמה אין זיין קאַטאַלאָג מצד דעם אָנגעזעענעם יידיש־פראַנצייזישן שרייבער עדמאָנד פלעג. אין 1926 האָט די מאַנדאַט־רעגירונג געקויפט זיין גרויס בילד „מיין משפחה״ און שענקט עס אַלס מתנה דעם „מוזיאון תל־אביב״, ווו דאָס בילד געפינט זיך ביזן היינטיקן טאָג, ווי איינער פון די גרונט־שטיינער פאַר דער ישראל־דיקער קונסט־קאָלעקציע. אין זעלבן יאָר פאַרעפנטלעכט אונדזער נאַציאָנאַלער דיכטער ח.נ. ביאַליק אַ לויב־געזאַנג וועגן ראובן אין „הארץ״, אין וועלכן ער זאָגט צווישן אַנדערן: „פאַר מיר איז די זאַך קלאָר, אַז די העברעישע קונסט, פּונקט ווי די העברעישע עפּיק, אויב זי האָט וועלכע עס איז האָפענונג, איז דאָס נאָר אויב איר וואָרצל שטעקט אין דער אגדה פון אונדזער עבר. פון אָט דעם עבר וועט זי אַרויסשפּראָצן, אין אים וועט זי זיך פאַרטיפן כדי צו זוכן יניקה. אָן אים איז איר וואָרצל ווי צעפוילטקייט און איר בליעכץ ווי שטויב. די וועגן פון דער העברעישער אגדה פון עבר — זענען די וועגן פון דער פאַרפולקאָמטער העברעישער קונסט פונעם עתיד. קיין אַנדערער וועג איז ניטאָ. אין גלות האָט אָט דעם וועג דערקענט שאַגאַל. אין ארץ־ישראל — ראובן... ארץ־ישראל — ווי זי ווערט אונדז געגעבן אין די יצירות פון ראובן, אַזוי ווי ער זעט זי, געפינט זיך אין גאַנצן אין זיינע בילדער, מיט אירע בערג און שטעט, גערטנער און טאָלן, זקנים און פרויען,

יידישע, צי אַראַבישע, אייזלען און ציגן, שטיינער און פלאַנצן. און היות דאָס אַלץ קומט על־פּי רוב אין אַ קאָנגלאָמעראַט, אין אומדערוואַרטע פאַרבינדונגען אויף איין קליינעם פּירקאַנטיקן לייוונט — שיינט אונדז אָט די ארץ־ישראל צו זיין ווי אַ מין איינציקער קאָמענטאַר צו דער אַגדה — די אגדה ארץ־ישראל. אַזוי איז אונדז אַנטפּלעקט געוואָרן דאָס לאַנד און איינגעקריצט געוואָרן אין אונדזער בלוט און מוח אין די קינדער־יאָרן, לויט פּירוש רש״י און די מדרשים, לויטן סיפּור־המעשה, וואָס בכתב און בעל־פּה, און אַזוי האָבן מיר זי געטראָגן אַן אָפּגעהיטע אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון אונדזער נפש, ביז מיר זענען געקומען אַהער. אַזאַ ארץ־ישראל ברענגט אונדז אַרויס מיט זיין צויבער אויך אַ צווייטער קינסטלער, אַ שרייבער, וועלכער איז ענלעך פון אָט דער זייט אין אייניקע פּרטים צו ראובן. דאָס איז דער שרייבער ש״י עגנון... אַזוי זעען די זאַכן אַ קינד, די פאָלקס־לעגענדע און דער קינסטלער. און ווער עס וויל זען ארץ־ישראל, זי און אירע אַקצעסאָריען, אין איר העכסטער טהרה — זאָל גיין צו די מאָלערייען פון ראובן״.

אין אָט די רייד דריקט אויס אונדזער גרויסער משורר די געפילן פונעם רוב גייסט־מענטשן אין יענער תקופה לגבי דעם ביישטייער פון ראובן פאַר דער העבּ־רעישער קולטור אויפן געביט פון מאָלעריי אין ארץ־ישראל. און אויך אין חוץ־לארץ, ביים איינאָרדענען זיינע אויסשטעלונגען, פאַרוואַנדלט זיך ראובן אינעם טרע־גער פון דער בשורה וועגן דער קולטורעלער באַנייונג פון יישוב.

ראובן פּרעטענדירט ניט צו זיין דער פּיאָנער פון מאָדערניזם. ער איז געבליבן טריי דער פיגוראַטיווער מאָלעריי און שילדערט לויט זיין דרך דאָס לאַנד. אָבער זינט ער האָט אָנגעהויבן זיין וועג אין לאַנד זענען דאָ פאָרגעקומען אַ סך ענדערונ־גען. די אַלגעמיינע אַטמאָספער אין לאַנד איז אַן אַנדערע ווי די, וואָס איז געווען פריער, און אויך די קונסט אין לאַנד איז שוין ניט די זעלבע, וואָס האָט געהערשט אין זיין יוגנט־צייט. אויך זיין סטיל האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס געענדערט, אָבער אָט די שינויים באַדייטן ניט קיין רעוואָלוציאָנערע ענדערונג. וואָס אַן אמת, איז זיין פּאַלעטע געוואָרן אַ סך פילפאַרביקער, אָבער פּאַקטיש איז ראובן ווייטער דער זעלבער אָפּטימיסטישער קינסטלער וואָס פריער, דער זעלבער פאָרטרעטיסט פון ישראלדיקן פּייזאַזש און שטייגער, מיט וועלכע ער איז אַזוי שטאַרק פאַרבונדן, דער זעלבער מאָלער פון די בלומען און פּירות, דער מאָלער פון דער משפּחהדיקער גליקזעליקייט און רו, ווי ער איז שטענדיק געווען. דאָס גריבלען זיך אין אידעאָ־לאָגיעס איז ניט אין תחום פון זיינע פאַראינטערעסירונגען. דער פאַרנעם פון זיינע טעמעס האָט זיך ניט געענדערט. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פריערדיקע כראָמאַטישע און קאָמפּאָזיציאָנעלע פאָרמען און באַקומען אַן אויסזען, וואָס איז נענטער צו אונדזער היינטצייטיקער פּערצעפּציע. ער האָט פאַרבעסערט זיין טעכ־

ניק און זיך צוגעאייגנט השפעות, וואָס זענען אַ סך נענטער צו זיין איצטיקער קינסטלערישער אויפפאַסונג: דער פרימיטיוויזם פון אַנרי רוסאָ, וואָס האָט באַגלייט זיין פענדזל אין די יוגנט־יאָרן, די גרויסע פראַנטאַלע אויגן, וועלכע ער האָט צו יענער צייט געגעבן זיינע געשטאַלטן און וועלכע פלעגן דערמאָנען די מצרישע פאַיום־פאָרטרעטן, — האָבן אָפּגעטראָטן זייער אָרט פאַר דער לייכטקייט און פריי־לעכקייט פון ראַול דיפי. די באַזילבערטע קרוינען פון די ראובנישע איילבירט־ביימער זענען עטוואָס רויטער געוואָרן אונטער דער השפעה פון דער וואַרעמקייט פון רענואַרס וועלדלעך, און צום סוף איז דערשינען אין ראובנס בילדער די אויסגע־איידלטע און פּאָעטישע פּאַליכראָמיע, וואָס איז נאָענט צום גייסט פון שאַגאַל. אָבער ביי דעם אַלעמען איז ראובן פאַרבליבן טריי צו זיך אַליין. זיין קינסטלערישע פּער־זענלעכקייט האָט זיך ניט געענדערט, ווייל ער האָט געוווסט צו פאַרדייען אַלע השפעות און אָפּצוטיילן אַלע מקורות מיט אַ דיסטאַנץ, וואָס פירט דורך די מחיצה צווישן יצירה־קוואַל פון די קינסטלער, וואָס האָבן אים געוויזן דעם וועג, און דעם מקור פון זיין אינספּיראַציע: ארץ־ישראל. ראובן איז אַ קינסטלער, וואָס איז באַליבט אין לאַנד, וועלכער קען זיינע שלענגלדיקע סטעזשקעס און וועלכער מאָלט וווּנ־דערבאַר, אויף זיין אופן, זיינע פּייזאַזשן, בלומען און פּירות. אָבער ער קען אויך אָפּהיטן די אידענטישקייט פון אַ מילגרוים, למשל, און אים געבן אויפן לייוונט די נאַטירלעכקייט פון אַ לעבעדיקער פּרי, וואָס רופט אַרויס חשק זי צו נעמען אין האַנט און זי איינבייסן. און לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז ראובן איז אַן אויסגעצייכנטער סקיצירער, וואָס מיט אַ פּאָר ספּיראַלע שטריכן, ווי שיכורים פון אַ דערווישן־טאַנץ, קען ער אָנצייכענען די קעמלען פון נגב, די פישער פון עכו, די רייטער פון גליל און זיי געבן אַ לעבעדיקע באַוועגונג און שווונג.

ראובן געהערט ניט צו דער קאַטעגאָריע יידישע קינסטלערס מיט אויפגע־ברויזטע געמיטער, וועמענס שאַפונגען עס זענען אָנגעזאַפּט מיט דער טראַגישקייט, וואָס דרינגט אַרויס פון גרויל פון אונדזער פאָלק און פונעם וועלט־שמערץ. ער האָט, פּשוט, ליב דאָס לעבן און האָט הנאה פון דעם, וואָס ער זעט, און באַמיט זיך צו פאַרפיקסירן זיין אָפּטימיסטישע פּערצעפּציע אויף אַ בלאַט פּאַפּיר אָדער אויפן לייוונט. ער באַמיט זיך, וואָס אַן אמת, ווי ס׳האָט געזאָגט ראַול דיפי „צו שילדערן די שיינקייט, וואָס איז אָפן פאַרן אויג״, אָבער שיינקייט אַנטפּלעקט זיך אין פאַר־שיידענע פאָרמען פאַרן אויג פון יעדן קינסטלער און זי קומט צום אויסדרוק אין דער יצירה נאָר דורך דער אייגנאַרטיקער אָבסערוואַציע, וואָס ווערט אָנגערופן סטיל. דאָס וואָס כאַראַקטעריזירט ראובנען אַלס מענטש, איז זיין פעיקייט צו זיין גליקלעך, פּשוטו כמשמעו, צו געניסן פון זען אַ שיינעם פּייזאַזש, פון דער פאַרביקייט פון בלום, פון אַ שמועס מיט פריינט, ער איז ניט קיין חסיד פון איינזאַמקייט, ער

האָט ליב געזעלשאַפט, און וואָס עס טיילט אויס ראובנען אַלס קינסטלער, איז די ליבע צו די טעמעס פון זיינע בילדער. „איך מאָל — זאָגט ער — דאָס וואָס איך האָב ליב: מיין פאָלק, מיין משפחה, מיין לאַנד. מאָלן באַדייט זינגען שירה, און יעדער קינסטלער דאַרף לאָזן הערן זיין אייגענע שטים".

עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע האָבן באַוואָרענישן כלפּי אַ בילד, וואָס פאַרמעסט זיך ניט מיט דער עסטעטישער און פילאָסאָפישער פּראָבלעמאַטיק פון אונדזער תקופה, אין וועלכער עס זענען פאַראַן אַזוי פיל ספקות און ציטערנישן. אָבער עס זענען אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס פאָדערן פון קינסטלער ער זאָל זיין אַ קינסטלער און איבערלאָזן די פילאָסאָפיע פאַר די דענקערס. אָבער אויב איינע פון אונדזערע הויפּט־פאָדערונגען צו אַ קינסטלער איז דאָס, אַז ער זאָל ניט פאַרלייקענען זיין אינדיווידועלן מהות און זיין ספּעציפישן טעמפּעראַמענט, — זענען דער מענטש און קינסטלער ביי ראובן אייניק צווישן זיך און זיי דערגענצן זיך. ראובן איז ממשיך זיין קינסטלערישע מלאכה אין שאַפונגס־פרייד, וואָס נעגירט די זיקנה, מאַכט זיך ניט וויסן פון וויטיק און זוכט מיט זיין פּענדזל דעם יוגנט־געטראַנק, וואָס אַ סך האָבן אים געזוכט און בלויז איינצלנע האָבן אים געפונען, און וואָס ווערט אָנגערופן: קונסט. „די יעניקע קונסט — ווי ס׳האָט געזאָגט וואָלטער — וועלכע איז כמעט אומבאַקאַנט: צו זיין גליקלעך!"

לייב ראַכמאַן, ירושלים

פרילינג
אין דער קראנקנשטאט

ליזען איז אין יענע טעג שוין געווען פרילינגדיק צעשפילט. דער שווערער צודעק פון שניי איז מיט אַ מאָל פאַרשווונדן פון איבער דער ערד, האָט זיך אַראָפּ־געגאָסן פון איבער דיביימער און דעכער. אַלץ איז פּלוצעם געבליבן ליגן אָפּגעדעקט — פּריש, ציטעריק־אָפּגעוואַשן, ווי אַן אַ הויט.

אין דעם רוב קראַנקע פון לעיזען האָט דער פרילינג איצט זיך גענומען וועקן און אָנפילן מיט אומרו זייערע בעטן. זיי האָבן נישט געקאָנט איינליגן. די זון איז איצט מער ניט געווען געשפּיגלט אין שניי און הייס, נאָר מילד האָט זי אויסגע־וואַרעמט די צימערן, די באַלקאָנען און געצערטלט די נאַקעטע אברים. זי האָט אָנגעזאָגט, אַז אויך דאָ וועט עפּעס קומען. די מענטשן זענען געבליבן באַהאָפטן צו די בעטן, איינגעהאָרכט, ווי גרויסע צעוואַרעמטע פייגל אָן פליגל.

אַרום ש. ינען האָט אין די נעכט איצט שטיל זיך גערודערט. אויף די באַלקאָנען און קאָרידאָרן האָט זיך געהערט אַ געשעפּטשעריי. ערגעץ אין צימערן איז מען נישט געשלאָפן. אַן אומרו האָט שטיל גערוישט, געוועקט די קליניק.

אין די דאָזיקע טעג האָבן אויך די געוועזענע שוויצער זעלנער, אין צימער אונטער אים, זיך גענומען וועקן אַרויס פון דער שלאָף־פאַרזונקנקייט. מען האָט טייל פון זיי פּלוצעם געהערט קריכן איבער די טרעפּ — אַרויף און אַראָפּ צו די לאַנגע קאָרידאָרן מיט טירן. מען האָט זיך דערציילט, אַז נאָך האַלבער נאַכט זעט מען געשטאַלטן, ווי נאַכט־וואַנדלער, זיך דראַפּען פון די גערטנער, אַרויף צו די באַלקאָנען און פענצטער פון די הייזער. זיי פאַרשווינדן אויבן ביים בערגיקן לבנה־שיין. אויף טייל פון די לעיזענער בעטן, אין וועלכע עס ליגן אויסגעצויגן זי׳ס, מיט די פּנימער אַרויף — האָט מען אין די נעכט געטראָפן די געשטאַלטן געשפּרייט מיט נאַקעטקייט. עס איז אינעווייניק געבליבן שטיל. יענע האָבן זיי אין זיך איינ־געזאַמלט. אויך דעם אַלטן אויסגעהונגערטן שווייצער מיט די לאַנגע גרויע וואָנצעס, פון איבער דער וואַנט, לינקס, האָט מען די טעג געטראָפן, ווי ער קערט פאַרטאָג, פאַרבאָרגן, פון ערגעץ צוריק, אַ געזעטיקטער, אין זיין צימער אַריין. ער האָט

זיך אַריינגעגנבעט אין בעט שטיל, ווי אַ באַפרידיקטער הונט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן עק. ער האָט די נאָכהענגענדיקע וואָנצעס פּעט באַלעקט און איז גלייך שנאָרכנדיק איינגעשלאָפן — צום ערשטן מאָל אַ זאַטער.

פּראָפ׳ ראָליער האָט אין די מאָרגנס געוואָרנט, אַז נאָך דעם פּרילינג וועלן די קראַנקע מיט די געבראָכענע רוקנביינער נאָך לאַנגע יאָרן דאַרפן בלייבן צובאַ־האָפטן צו די בעטן. די פּריש־פּאַרהיילטע ביינער קנאַקן־אויף פון שפּאַנונג; זיי צעגייען זיך אין דער שוועבל־היץ פון גופים.

אין די פּאַרנאַכטן זענען די גאַסן איצט פול געווען מיט שפּאַצירער אויף קוליעס, אין וועגעלעך, מיט ליגנדיקע אין דראָזשקעס; מען האָט די קראַנקע געפירט באַזוכן שכנותדיקע און ווייטע קליניקס. ראַדיאָס האָבן אַרויסגעשפּילט פון פענצ־טער. אויף די טעראַסעס פון די קאַפּע־הייזער זענען געווען אָנגעוואָרפן, איינע אויף דער אַנדערער, קופּעס קוליעס. שורותווייז, איינגעשוויגענע, זענען פּאַר זיי געזעסן אויף שטולן — יאַפּאַנער, נאָרוועגן, טשעכן, און — ווי זכרים, מיט אַרויסגעבלעקטע צינגער, געשנאַפּט נאָך די דורכגעפירטע מיידלעך.

אויך דאָס הויך־צעוואָקסענע בלאָנדע מיידל, דער מישלינג, האָט דערשפּירט דעם פּרילינג אין זיך. ער האָט אין איר טרויעריק אויפגעזונגען. זי האָט מקנא געווען די יידישע טעכטער, די אָפּגעזונדערטע אין די בעטן, מיט זייער סוד, וואָס זי קאָן אין אים נישט קומען. אַלץ איז אין זיי איינגעשטילט, ווי אונטער אַן אייז־פאַרגליווערונג; עס ריזלט רויק, נישט צום הערן; און — די אומצאָליקע טעכטער פון די אַנדערע פעלקער אין די בעטן אַרום און אַרום, אין וועמענס קראַנקע קער־פּערס די פרייד פון זייער יונגקייט לויפט אַרום פון די פיס — אין בויך, און אַרויף — אַהין און צוריק, ווי שטראַלן.

אסתר פלעגט אין די טעג קומען צו איר. דער מישלינג האָט איר אַלץ דער־ציילט וועגן די געראַנגלענישן, וואָס שפּילן איצט אין די נעכט זיך אָפּ אין איר קערפּער. צו מאָל ברויזט דעם טאַטנס בלוט, און צו מאָל — דער מאַמעס. זי ווערט צווישן זיי צעגאַנגען, ווי דער הייסער שניי. צו מאָל וויל זי אַלץ אַראָפּוואַרפן פון זיך און לויפן. ווען אָבער אַלץ באַרויִקט זיך, שטילט זיך איין — דערפילט זי, אַז זי איז אַ טייל פון די בערגלעך איינגעלאָשן אין די טאָלן. צו מאָל אין די נעכט הערט זי אויך, ווי איר מאַמע רופט זי, שרייט צו איר אָפּגעהאַקט — אַריבער פון דער ווייט, אַז זי זאָל דערהערן איר קול.

אויך זי האָט געוואָלט מען זאָל אַריינשטעלן צו איר אין צימער נאָך אַ בעט מיט אַ יידישער טאָכטער, זי זאָל זי פאַרהיטן. זי האָט געבעטן אסתרן, זי זאָל זי נעמען מיט זיך. זי וויל אַלץ אָנהייבן פון דאָס ניי — זיך געפינען רו.

אין די ווייטערדיקע טעג, ווען אסתר איז צו איר געקומען, האָט זי ביי איר

בעט געטראָפן זיצן דעם קליינעם יידישן פּראָפעסאָר פון וויך, וואָס איז בלינד געוואָרן פון די רויכן, וואָס זענען אים אַריין אין די אויגן. ער איז דאָ געווען איר שכן פון אונטערשטן שטאָק אין קליניק. דאָר, אָן לייב אויף זיך. נאָר דער קאָפּ איז אים געזעסן איבערן קליינעם גופל — גרויס, פול. דאָס פּנים האָבן אין דער מיט איבערגעשניטן אַ פּאָר ברייטע ברוינע וואָנצעס. איבער זיי האָבן שוואַרצע ברילן אים פאַרשטעלט די בלינדע אויגן. עס האָט זיך געדאַכט, ער זעט דורך זיי, ער דרינגט דורך.

אַנדערש פון אַלע האָט ער דאָ אויסגעזען, דער בלינדער פּראָפעסאָר — מיט זיין קליין גופל, גרויסן קאָפּ און ווייסן שטעקן פאַרויס פאַר זיך. אויך אין די איצטיקע וואַרעמע טעג איז ער געווען אַנגעטאָן אין אַ סך וועסטלען — איינעם איבערן אַנדערן. זינט ער איז אַרויס פון קאַלך־אויוון — איז אים געווען קאַלט, אויך אין די היצן. ער פלעגט ציטערן אויף דער זון. אויך זיין קליינקייט האָבן די דאָקטוירים דאָ אויפגעקלערט דערמיט, וואָס די פייכטקייט פון גוף איז אים אויסגע־באַקן. ווען ער איז געגאַנגען — זענען די הינטערשטע טיילן פון די הויזן אים לויז נאָכגעהאָנגען. נישט אויסגעפילטע, האָבן זיי ליידיק זיך געשאָקלט.

ער האָט דערציילט, אַז ער געדענקט דעם שפּילצייג־סוחר — נאָך פון וויך. ווען זיי זענען ביידע געווען קינדער, האָבן זיי געוווינט אין איין הויף, געלערנט צוזאַמען אין איין קלאַס. יענער איז געווען דער גרעסטער, אָבער דער שעמעוו־דיקסטער פון די יינגלעך. אַ לאַנגער, נאָר מיט אַ קורצן שטערן. אין שול האָט ער, דער הויכער יונג, זיך געפּילט שוואַכער פון אַלע קליינע מיט די גרויסע שטערנס.

דער מישלינג האָט זיך איינגעהערט אין זיינע רייד. ער האָט, זיצנדיק ביי איר בעט, צו איר גערעדט פון הינטער די שוואַרצע ברילן אָפּער. זי האָט געהאָרכט זיינע ווערטער, ווי פון הינטער אַ קורטינע. „איך זע, האָט ער געזאָגט, אַז אין דרויסן ווערט באַלד פינצטער, עס פאַלט שוין צו די נאַכט״. אַז זי האָט עפּעס געבעטן, האָט ער לאַנג געטראַכט און נאָך דעם געענטפערט: „גוט, מיר וועלן זען״. צו מאָל פלעגט ער נאָכן שווייגן פּלוצעם איר אַ זאָג טאָן: „דו זעסט היינט אויס פאַרזאָרגט״. און באַלד: „דו ביסט היינט שיין״.

אויך זי איז געבליבן פאַרקלערט. זיי האָבן ביידע געשוויגן. שפּעטער האָט זי אים דערציילט וועגן די געראַנגלענישן, וואָס ווערן פאַרשטאַרקט אין איר קערפּער. ער האָט זיך איינגעהערט אַ פאַרשטילטער, נאָר די געדיכטע ברוינע וואָנצעס האָבן ביי אים לייכט אַ ציטער געטאָן. שעהען נאָך דעם איז ער געזעסן און זיך צוגעהערט צו דעם רויש אין איר לאַנגן ליגנדיקן גוף. עס לויפט עפּעס אין אים אַרום ווי קוועקזילבער.

ווען ער איז געקומען אַ צווייט מאָל, האָט ער איר אויפגעקלערט, אַז נישט מיר

אַליין, נאָר דאָס גוטע און דאָס שלעכטע אין אונדז זענען אייביק. זיי זענען דער עיקר. מיר זענען נאָר דאָס פעלד, אין וועלכן זיי ראַנגלען זיך אָן אויפהער. זיי בלייבן תמיד און פירן אין אונדז זייער אייגענע מלחמה. זיי באַזיגן זיך קיין מאָל נישט. ווען מיר קומען־אום — פירן זיי איבער זייער קאַמף אין אַנדערע גופים אַריין. זיי גייען איבער פון מענטש אין מענטש; דור אין דור. מיר זענען, אפשר, נישט דאָס פעלד, נאָר די פענדלעך, מיט וועלכע זיי שפּילן אויס זייער מלחמה, ביז מיר שטאַרבן און זיי ווערן מגולגל אין אַנדערע. מיר מיינען נאָר, אַז דאָס ראַנגלען מיר זיך אונדזער אייגענעם געראַנגל.

ער האָט געפרעגט, צי זי פאַרשטייט. דערנאָך האָט ער איר דערציילט וועגן זיינע ביכער, וואָס מען האָט זיי אים פאַרברענט, ווען ער איז בלינד געוואָרן. אַלע זייערע אותיות זענען אים אָבער געבליבן אין קאָפּ. ער פילט, ווי זיי וואַקסן אין אים. אפשר, ווען ער וועט ווידער זעעוודיק ווערן, וועלן זיי זיך אויסשיטן. זיי וועלן זיך אויסשטעלן און ווידער ווערן ספרים. ער וועט בלייבן ליידיק. און אפשר שטייען זיי אויך היינט, זיינע ספרים, אין די שענק און וואַרטן אויף אים; זיי האָבן זיך צוזאַמענגענומען, פון אַש, נאָר פאַר אַנדערע ווילן זיי זיך נישט ווייזן.

זי האָט געהערט און געפילט, ווי אונטער זיינע רייד שרומפּט זי זיך איין, איר קערפּער ווערט קלענער, ציט זיך איין פון אַלע זייטן אין בויך אַריין, וואָס ווערט פלאַטשיק. ער אַנטקעגן, ביים בעט, ווערט פולער און לענגער, ציט זיך אויס. זיין וואָג פילט ביסלעכווייז אָן דאָס גאַנצע צימער, עס איז באַלד פאַר איר קיין אָרט נישטאָ.

*

אין די דאָזיקע אויפגייענדיקע פרילינג־טעג האָט דער יאַפּאַנער אין ש. ינס קליניק געפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו דער פלאַקס־האָריקער שוועדין, וואָס האָט אים אין יענעם ווינטער־פאַרנאַכט נישט צוגעלאָזט צו אירע בריסטן. זי האָט אים פון זיך לייכט אָוועקגענומען די האַנט. אַזוי אַרום ריזלט אין אים ביז היינט די פרייד פון טורעמדיקן אויפשטייג פון איר האַלדז; די ווייכע גלאַטיקייט פון איר נאַקן איז אים געבליבן אין דער האַנט־דלאָניע. ער האַלט זי איין אין זיך. ער האָט געוווסט, אַז ווען זי לאָזט אים צו ווייטער, וואָלטן די שטאַרקערע פריידן פון אירע אברים פאַרגאַסן אין אים אָט די מילדערע פרייד פון דער האַלדז־פולקייט. איצט איז זי גאַנץ פאַרבליבן אין אים. זינט יענעם פאַרנאַכט האָט ער אַנדערש געזען דעם האַלדז, נאַקן און אָרעמס ביי דער יידישער האַלענדערין מיט די געלע אויגן און ביי אַלע פרויען אַרום. זי האָט זיי פאַר אים אַנטפּלעקט ביי זיי אַלע. ער האָט איצט אויף זיי געקוקט אָן אויפהער — אַ פאַרוווּנדערטער, מיט בייגער.

אין די דאָזיקע פרילינג־טעג האָט דאָס עלטערע קינדערלאָזע פּאָרפאָלק דער־

פילט, אַז דער דרויסן איז ברייט און אָפן און זיי זענען גרינג, ווי פעדערן. אַן דעם קינד ווערן זיי נישט צובאַהאַפּטן צו קיין אָרט. עס ציט זיי נישט אַראָפּ. די לופט איז לויז. זיי האָבן זיך געדרייט איבער דעם ליידיקן צימער; דער טאָג איז געוואָרן לאַנג און זיי האָבן צייט. זיי האָבן אַרויסגעקוקט דורך דעם פענצטער אין דעם ליכטיקן פאַרמיטאָג אַריין. גאַסן זענען ליידיק. מען הערט נישט קיין רויש. אין די לאַנגע קאָרידאָרן פון די קליניקס גייען איצט מיט זייער טעגלעכן וויזיט פּראָפעסאָר ראַליער מיט זיינע אַסיסטענטן. אַלע וואַרטן אויף זיי שטיל אין די בעטן. זיי גייען זיי פאַרביי. בלויז די טריט פון פאַסט־טרעגער הערן זיך אויפן ליידיקן טראָטואַר. זיי האָבן געוווסט, פאַר זיי איז נישטאָ קיין בריוו — פון ערגעץ נישט. זיי דאַרפן אויך נישט שרייבן. זייער צימער איז ליידיק. זיי קאָנען אויך אַוועקפאָרן פריי — אַזוי ווי זיי שטייען — אַן אַ וואַליזע אין האַנט. אָבער — וווהין? פאַר מיטאָג קאָן מען אויך נישט גיין אויף אַ באַזוך אין ערגעץ — אויך נישט צו לייבלען. די גאַסן זענען ליידיק. מען קאָן זיך זעצן אויף אַ ליג־שטול אויף דער וועראַנדע.

אין דעם דאָזיקן פרילינג האָט דער שפּילצייג־סוחר איבערגעקלערט פון זיין פרוי און טעכטער אין ווין. ער באַקומט נישט פון זיי קיין בריוו. זיי האָבן אים פאַרגעסן. יאָרן וועט ער נאָך מוזן דאָ זיין. זיי האָבן פון אים זיך אָפּגעווינט. ער האָט דערשפּירט אין זיך די היילונג פון דעם פרילינג. ער טריפט אין די אברים. ער האָט געוווסט, אַלץ איבער די יידן איז ער קראַנק. זייערע ריחות אין טאָל האָבן אים פאַרסמט. אַלץ אַרום איז געווען פאַרמאַכט. ערשט דאָ אויפן באַרג קען ער אָפּאָטעמען. ער האָט אין יענע יאָרן צו פיל געאַרבעט. מיליאָנען פון זיי האָט מען געבראַכט. ווי פון אונטער דער ערד נעמען זיי ווידער אומעטום אַרויסשפּראָצן. אין ערגעץ קאָן מען פאַר זיי זיך נישט באַהאַלטן.

און אין דעם דאָזיקן פרילינג האָט אויך אסתר אַרויסגעפירט לייבלען פון זיין צימער אויף אַ שפּאַציר. ס'איז געווען פאַרנאַכט. ער איז געלעגן אויף אַ טראָג־בעטל אין אַ דראָזשקע. זיי זענעןביידע שווייגנדיקע געפאָרן איבער די שמאָל־ענגלעכע גאַסן צווישן די בערג. פאַר און הינטער זיי — אַנדערע פאַמעלעך פאָרנדיקע דראָזשקעס. זיי האָבן זיך געפילט ווי אויף אַן אַראָפּגעלאָזטער, נידעריקער טעאַטער־בינע. פון אויבן, פון ביידע זייטן, זענען די דריי־פיר־פאַכיקע וועראַנדעס איבער די שטאָקן פול געווען, ווי גאַלעריעס, מיט צושויער אין די בעטן, מיט געניייגטע קעפּ אַרונטער צו דער גאַס. מען האָט פון אויבן אַראָפּ באַגריסט די דורכפאָרער מיט די הענט, מיט פאָכעריי פון טיכלעך. זיי האָבן צוריק אַרויפגעשאָקלט מיט די הענט. אויגן האָבן אין זיי זיך איינגעקוקט. אַלע דאָ האָבן זי געקענט, אסתרן, פון איר פאַרבייאיילן די גאַסן מיט די שוואַרצע זאָקן און ווייכע שיכלעך, ווי אַ קעצל. לייבלס קאָפּ איז געלעגן, אַ באַוואַקסענער, אָנגעלענט אויף איר שויס.

זיי זענען אַרויסגעפאָרן הינטער דער שטאָט, צווישן שמאָלע בערג־אַראָפּ־האַנגען. אונטער זיי האָבן זיך געשפרייט תהומען — צווישן ראָזע און גרין־אָדערדיקע פעלדזן, באַוואַקסן מיט קורצעביימלעך. אויך דאָ איז פרילינג. נישט ער היילט, נאָר ער עפנט נאָך מער די וווּנדן. גאָרנישט וועט מער קיין מאָל זיך אומקערן. די דראָזשקע איז געפאָרן אויף אַ שמאָל וועגל, האַרט איבערן ראַנד. פון איין זייט, איבער זיי, האָט הויך זיך געהויבן אַ פעלדזיקע וואַנט, ביז צו די הימלען אַרויף. עס איז דאָ געווען טונקל. זיי האָבן געטאַפּט מיט די אויגן די פּאָר־הוילענע נאָרעס אין די שפּאַלטן פון די בערג. זיי האָבן געשוויגן. זיי האָבן געוווּסט מיט אַ נאָגנדיקן באַדויערן, אַז עס איז שוין נישט אומצוקערן. אין די בערג דאָ האָבן זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן און איבערוואַרטן די פאַרשווונדענע. דאָ, אין די נאַטור־ווילדקייטן, — וואָס זענען אַזוי ווייט, וואָלט קיין שום אויג זיי נישט דער־גרייכט. זיי וואָלטן אַלע פאַרבליבן. זיי וואָלטן געווען.

לייבל איז געווען אומרויִק וועגן די קראַנקע רעשטלעך, וואָס הערן נישט אויף צו קומען אַהער. יעדער פון זיי איז אַ בוים. אונטערגעטרוקנט דער שטאַם. וועט דער פרילינג אַנטרינקען זייערע וואָרצלען? ווען מען קאָן די אַלע מענטשן כאָטש האַלטן דאָ צוזאַמען, אַרומוואָרעמען. אַזוי — בלייבן זיי אויך אין פרילינג מיט דעם פראָסט פאַרגליווערט אין זיך.

לייבל איז געווען אומרויִק — וועגן מאָרגן פון יעדן באַזונדער. אסתר האָט געבראַכט וואָס אַ מאָל אומעטיקערע בשורות פון זיי. אָט הערט די פרוי נעלקין פון לאָדזש נישט אויף צו גיין צו די דאָקטוירים מיט איר שוואַנגערשאַפט. זי האָט מורא פאַר דעם, וואָס דאַרף פון איר אַרויסקומען. עס איז צו שטיל. זי פילט עס נישט אונטערן האַרץ. זי וויל, זיי זאָלן זי באַפרייען פון דער שווערקייט אין איר בויך. מען האָט געזאָגט, אַז דער פחד איז איר באַפאַלן זינט זי האָט געהערט די לעקציע פון פראָפ׳ ראַליערס אַסיסטענט, ד״ר זשיאַק, אין אונטער־באַרגיקן קינאָ־זאַל וועגן פאָרן זיך פון קראַנקע מיט הויכן פיבער. געזאָגט האָט ד״ר זשיאַק, אַז קינדער ווערן געבוירן מיט דער שטימונג פון זייערע עלטערן אין דער רגע פון זייער באַהעפטונג. יעדע רגע — גיט איבער איר שטימונג. מענטשן טראָגן זיך מיט איר אַרום אַ גאַנץ לעבן. פון אַ טרויעריקער רגע — דרייט אַ גאַנץ לעבן זיך אַ טרויעריקער מענטש; פון אַ לוסטיקער — אַ צעשפּילטער מענטש; פון אַ שלעפעריקער רגע — אַ מידער, וואָס געגעצט אַ גאַנץ לעבן. אַזוי אויך פון גוטע, און פאַרביטערטע רגעס. זיי טראָגן אין זיך אויך די קאָליר און דעם עכאָ פון דער רגע, ווען די עלטערן האָבן זיך דערגאַנצט, זענען געוואָרן פאַרשטומט אין איינס.

ד״ר זשיאַק האָט אין זיין לעקציע געוואָרנט די קראַנקע, וואָס פאָרן זיך איצט, פרילינג, ווי קעץ אָפּן אין די בעטן, אָדער וואָס קריכן אין די נעכט איבער די ריגעס

אַרויף אין פרעמדע צימערן, אַז זייערע קינדער קאָנען אַרויס נאַכט־וואַנדלער, מיט הייסע גופים און צעהיצטע הענט — אויך ווינטער וועלן זיי זיך דרייען נאַקעטע, און נישט קאָנען זיך קילן.

פרוי נעלקין האָט זיך געשראָקן פאַר איר וולד אין זיך, עס זאָל נישט האָבן איינגעצויגן אין זיך אַלע שרעקן פון איר איינגעקילט בלוט. עס קאָן אַרויס אַ שטיק רויטער גליווער.

זי האָט געדענקט דאָס פּנים פון איר מאַן איבער זיך. דעמאָלט, ווען זיי אַליין האָבן אַן אויגנבליק זיך אויסגעלאָזט — און גלייך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נייע לעבן צווישן זיי. נאָענט איבער איר פּנים האָט זי געפילט די הענגענדיקע — האַלב גרויע און האַלב בלאָנדע וואָנצע. אַ רגע האָבן זיך צעעפנט אין איר אַריין דאָס ווייסע און בלויע אויג. די זיקנה האָט דעמאָלט פון אים אַראָפּ זיך געשפּרייט און זיך געגאָסן. אפשר איז זי אויך אַריין אין דעם וולד.

פרוי נעלקין האָט נישט געקאָנט שלאָפן אין די נעכט. זי האָט מורא געקריגן פאַר דער גלאַטיקייט פון איר בויך. זי איז געוואָרן פאַרלוירן, ווען די דאָקטוירים האָבן נישט געוואָלט פון איר אויסשניידן דאָס פרעמדע שטיק. זי האָט געבעטן דערבאַרעמדיקייט. זיי האָבן צוגעלייגט די גרויסע האַריקע אויערן צו איר בויך און געזאָגט, אַז זיי הערן אַ שטיל דינן אָטעמען. מען מוז וואַרטן. זי האָט נישט געוווּסט, ווו זי וועט אַנטלויפן? אירע פיס האָבן זי נישט געטראָגן אַן די קוליעס.

*

לייבל איז צוזאַמען מיט איר געווען אומרויִק פאַר דעם ערשטן קינד, וואָס דאַרף דאָ געבוירן ווערן — צו זיי אַלע, די פאַרבליבענע. ער האָט געטראַכט צו רופן עס „בן־עוני״ — דאָס קינד פון מיין פּיין.

שפּעטער האָט אסתר אים געבערענגט די ידיעה, אַז די בלאָנדע פרוי מיט די גרויע זילבער־אויגן, וואָס איר מאַן איז אין די נעכט אויף די וועגן צו דעם צוגע־זאָגטן לאַנד — האָט געבוירן אַ זיבעטל. זי האָט אין מיטן דער נאַכט באַקומען ווייען אין איר דאַך־צימערל. דער טויבער מוזיקער האָט געהאַלטן אין שפּילן, בעת ער האָט דערהערט איר פאַרקראַמפּט שווייגעניש ביי זיך אויבן. זיינע טענער האָבן צעזעצט די נאַכט־רויִקייט אין לעיזען. מיט ווייכע טריט איז ער אַרויף צו איר. אין מיטן דער נאַכט האָט ער זי אַראָפּגעפירט אין אַן אויטאָ קיין לאָזאַן אין שפּיטאָל. זי האָט ווייטער אַ פאַרקראַמפּטע געשוויגן נעבן אים. זי האָט אין די ווייען געהערט דעם רויש פון די ווייטע געדיכטע וועלדער, ווו איר מאַן שאַרט איצט, אין דער רגע, אַוועק די צווייגן אין דער פינצטערניש. זי איז דאָ אַליין, אַ פרעמדע, אין דעם אויטאָ צום שפּיטאָל. שפּעטער, נאָכן נעמען זי אויף דער בראַך־שטול, איז ער, דער מוזיקער, צוריק אַרויף אויפן באַרג.

עטלעכע טעג האָט ער געוואַרט אויף איר אומקערן זיך אַהיים, מיטן פּעקעלע איבער די הענט. ער האָט פאַר זיך געזען, זי קומט אַריין מיט אַ קישעלע — פאַר־וויקלט אין דעם אַ רויטלעך פּנימל. ווען זי האָט שפּעטער אַנגעקלונגען און ער איז איר אַנטקעגן צו דער טיר מיט אַ שמייכלענדיק פּנים — האָט ער דערזען אירע הענט זענען אַראָפּגעלאָזט, ליידיקע. זי האָט אין שטוב זיך אַריינגעשאַרט אַליין; אַ שטילע האָט זי אין צימער זיך געזעצט אין ווינקל פון דער קאַנאַפּע. זי האָט גאָרנישט גערעדט. אויך ער האָט נישט געפרעגט. אין דער זייט פון צימער איז געשטאַנען ליידיק דאָס נייע בעטל מיט ווייסצייג. ער האָט דאָס געהאַט אַנגעגרייט פאַר איר קומען. ער איז שטיל אַרויס.

לייבל האָט געוווּסט אין יענע טעג, אַז דאָס ניי־געבוירענע ליגט אין ווייסן קינדער־צימער פון שפּיטאָל און ראַנגלט זיך מיט דער לופט. די אַלטע שווייצער דאָקטאָרין האָט געקוקט אויפן רויטלעכן באַשעפעניש'ל מיט דער געשפּאָלטענער ליפּ, וואָס האָט נאָר איין לונגל און קאָן נישט אָטעמען. אויך דאָס מוחל קנייטשט זיך — עס עפנט און שליסט זיך. נאָר בלויז אַ גרויס זכר־אבֿרל האָט ברייט זיך געשפּרייט צווישן זיינע פיסלעך.

די ידיעה האָט שנעל זיך פאַרשפּרייט און אַנגעוואָרפן אַ שטילקייט צווישן די פון טאָל, אויסגעלייגט אין די קליניקעס. מען האָט געפילט, דאָס איז ער, דער נייער אָנהייב.

עס זענען אַריבער טעג און דאָס קליינע האָט נישט נאָכגעגעבן. עס האָט אַלץ זיך געראַנגלט מיטן האַרץ־כאַרכל. יעדן אין דער פרי איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז עס אָטעמט נאָך. אַלע האָבן געשפּירט דעם מאַטער פון דעם באַשעפעניש'ל, וואָס האַלט אָן, און דעם צער פון דער מוטער, וואָס ציט זיך אַזוי לאַנג.

לייבל האָט געהערט און — געציטערט איבער דעם קליינעם, וואָס אַלע זענען שוין איבער אים אַריבער, און ער — אָפּגעזונדערט — וויל נישט אָפּשטיין. זיין האַרץ האָט אים שטיל מיטגעקלאַפּט מיט דעם אומרעגולערן ריטם פון קליינעם דופקל.

איצט איז ער געפאָרן מיט אסתרן אין דער דראָזשקע הינטער דער שטאָט, ווו אַלץ בליט אַזוי פריש־גרין. גאָרנישט ענדערט זיך — נישט זומער, האַרבסט, ווינטער און פרילינג; די צייט גייט רגע נאָך רגע איבער אונדז; מיר הענגען אונטער איר, ווילן זיך אָנהאַלטן; מיר צאַפּלען מיט די פיס אין דער לופט. זי זעצט אונדז אַראָפּ, פאַרוואַרפט אונדז ווייט הינטער זיך. לייבלען האָט געגלוסט אַוועקגע־וואָרפן צו ווערן. אַ רגע האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אויך אסתר שוועבט ערגעץ איינע אַליין, זי וויל אַפּלאָזן. ער האָט געוואָלט זי אָנכאַפּן. זי האָט געעפנט די אויגן. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. באַלד האָבן זיי באַזונדער געקוקט אויף די שפּאַלטן אין די ברוינע גראַניט־פעלדזן אַרום זיך, ווו מען קאָן זיך פאַרשטעקן יעדער איינער אַליין.

*

ס׳איז שוין דורך אַ האַלב יאָר, ווי מען האָט ש. ינען געבראַכט אַהער. ער האָט שוין פאַרגעסן דעם „גולם״, דאָס גיפּסענע בעטל, ער האָט פון אים זיך אַנטווינט, ווי מען אַנטווינט זיך פון אַ מאַמעס שויס. אַ סך מאָל האָט אים געדאַכט, אַז זיין איצטיק לעבן הייבט אָן זיך פון דער מינוט, ווען ער האָט זיך אַרויסגעשיילט פון דעם בעטל, ווי פון אַ בויך אַרויס. אַלץ דאָס פריערדיקע איז געווען בלויז אַ חלום, וואָס ער האָט אים אינעווייניק, אין דאַזיקן גיפּס־בויך, אויסגעחלומט.

איצט האָט דאָס אים ווידער אַריינגענומען אין זיך. ניין, נישט דאָס גיפּס־בעטל איז דאָס, נאָר די רענטגען־מאַשין אין דער לאַבאָראַטאָריע פון ד״ר שמידט, וווהין מען פירט די קראַנקע יעדע זעקס חדשים — פרילינג ווי האַרבסט, דורכצולויכטן די ביינער. ער האָט זיך דערפילט היימיש אין דער פינצטערניש פון דעם זאַל, אַרומגענומען שטייף דעם גוף פון די קאַלטע אייזנס; איינגעפּרעסט אין זיי — אַ ליגנדיקער. ער האָט זיך אומגעקערט צום מקור. מען זעט אים פון דאַנען נישט אַרויס.

ד״ר שמידט האָט אין אים אַריינגעקוקט. אין דער פינצטער געגישטערט אין אים מיט די אויגן. געמישט די אברים; מיט די שאָטן־פינגער זיי איבערגעדרייט, גע־שטעקט אין אים דעם קאָפּ. די פינצטערניש האָט, ווי אַ דורכזיכטיקע זיידענע פאַרב אַלץ אַרומגעהילט. אויסגעפילט פול דעם צימער. באַלד האָט ער אַרויפגעדרייט די עלעקטריע. ש. איז געבליבן ליגן אויפן ליילעך. די פאַרב איז געוואָרן העל, צע־גאַנגען זילבער. ד״ר שמידט מיט דעם ווייסן כאַלאַט און שטאַלענעם אויג איבערן שטערן האָט אין דעם ליכט זיך געזעצט ביים שוואַרצן גלאַנציקן טישל. ער האָט מיט דער סקריפּענדיקער פעדער געשריבן אויף בלאַנקענדיק פּאַפּיר. שפּעטער האָט ער געזאָגט, אַז ש. וועט נאָך דאַרפן בלייבן צובאַהאַפטן צום בעט איבערן זומער, ווייל עפּעס אינעווייניק שטעלט אַ ווידערשטאַנד; וויל זיך נישט היילן. ער איז אַריינ־געוועבט אין דעם ליכט פון לעיזען.

פּראָפ׳ ראַליער האָט איצט דערלויבט אַוועקצונעמען דעם פּאַראַוואַן, וואָס טיילט אים אָפּ אויף דער לאַנגער וועראַנדע פון די אַנדערע. זיין איינער צווישן זיי אַלע. זשאַנין האָט, מיטן בעט אויף פיר רעדלעך, אים געפירט פון צימער אויף דער אָפענער טעראַסע אַרויס, צווישן זיינע שכנים. אַלע האָבן מיט אים זיך דערפרייט. אויך דאָ האָט דער פרילינג אַלץ געהאַט פאַרכאַפּט. לעיזען איז איצט געווען די שטאָט פון נאַקעטע, וואָס רייסן זיך אויף פון די געלעגערס. עמעצער האָט אָנגע־קלאַפּט אין זייערע ווענטלעך. עס האָט זיי אונטערגעהויבן. פון די בעטן אַרויס האָבן די מיידלעך פון די העכערע טעראַסעס אַריבערגעבויגן די קעפּ; אַראָפּגערעדט דורך די באַלקאָן־שטאַכעטן צו די מענער פון די נידעריקע שטאָקן, גערופן צו זיי.

זיי האָבן אַראָפּגעלאָכט מיט ביינדלדיקע שטימעס פון די העלדזער — פון די בייכער אַרויס; אַראָפּגעלאָזט צו זיי בריוולעך, אָנגעהאָנגען אויף לאַנגע קאָלירטע שטריק־לעך, און צוריק אַרויפגעצויגן די ענטפערס. אויך צו ש. ינען האָבן זיי גערופן. ער איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף צו דער זון. אַראָפּגעבויגענע פּנימער פון דער דאַך־טעראַסע האָבן פון אויבן אַראָפּ — אַריינגעשמייכלט אים גלייך אין די אויגן. ער האָט זייערע בליקן געלאָזט אַריינטריפן אין זיך. אויך פון אַ קליניק אַנטקעגן, אין יענער זייט גאַס, האָט אַ מיידל אין אַ קורצער ראָזער פּידזשאַמע, אָנגעלענט אין אַ באַריערע, — דורך דעם זון־פּנים אַדורך — צו אים אַריבערגעשמייכלט.

ש. האָט מיט אַ מאָל פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט ווידער זיך דערמאָנט אַזוי קלאָר די יידישע טעכטערלעך, אַוועקגעגאַנגענע אין תמימות, אין ריינקייט. אַזוי פיל אומשולד איז אָפּגעמעקט געוואָרן. זיי און זייערע טאַטעס האָבן נישט געלעבט קיין געוויינלעך לעבן, נאָר זענען געווען פאַרוועבט אין אַ חלום צווישן די פעלקער.

דוד גלילי־גלאַצער

אין אלט הויז

עס קאָן נישט שלאָפֿן ס'אַלטע הויז,
ביז צום באַגינען רויכיק־רויען.
די געלע אַלטקייט דערשראָקן קוקט אַרויס
מיט איר איינציק אויג אין דאַך צעשויבערט־גרויען.

הויז מיין אַלטס! ווו זיינען דיינע בויער?
ווו ליגט דער שטאָל פון זייערע קלוגע הענט?
וויפל ליבע, וואָס זשאַווערט נישט פון דויער,
פאַרסודעט האָבן דיינע ווענט?

דו שטייסט ביים וועג און דורך דעם יאָרן־מויער
קושסטו אין חלום זייערע דלאָניעס ברוינע —

און ווי אַ טרייע אַם, אויסן ווינט פונעם באַדויער
טרייסטסטו זיך אַליין מיט קינדער פון זכרונות.

צווישן צווייגן

עס מעסטן דײַנע טריט די שעהען שפּעטע,
און פּלוצעם אין לבנה־שײַן דו זעסט:
פֿאַרדעקט מיט גרינער שטילקייט פֿון די בלעטער,
צווישן צווײַגן הוידעט זיך אַ נעסט.

ז׳איז הויך און ווײַט, מע זעט זי קוים, —
נאָר זי האָט אָנגערירט די נישט פֿאַרהיילטע ווונדן:
אַ ווילדער דונער האָט פֿאַרברענט מײַן בוים,
מײַן הייסע נעסט אין פֿלאַמען איז פֿאַרשוווּנדן...

און ביסט מקנא פֿייגל, ווען דו זעסט
ווי צווישן צווײַגן הוידעט זיך אַ נעסט.

מרדכי חלמיש

אונדזער ליטעראַטור
און די צוויי וועלט־מלחמות

(אַ טעזע פאַר אַ וויכוח)

צי שפּיגלט אָפּ אונדזער ליטעראַטור דאָס יידישע לעבן, דעם יידישן גורל? אוודאי.

אויב מיר וועלן אָבער שטעלן די פראַגע אַ ביסל אַנדערש: האָט אונדזער ליטעראַטור משפּיע געווען, ווי אַ וועגווייזער, אויפן יידישן לעבן, אויף דעם יידישן גורל? דאָ וועלן שוין אַוודאי זיין חילוקי־דעות.

קלאָר, עס קאָן זיין אויך אַ מיינונג, אַז דאָס איז, בכלל, נישט די אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור. אָבער, מיינט מען, אַז די ליטעראַטור האָט, צווישן אַנדערן, יאָ אַזאַ מיסיע — דעמאָלט איז דאָך די דערמאָנטע טענה קעגן דער יידישער ליטעראַטור אַ זייער ערנסטע.

איז קודם כל, וואָס הייסט עס וועגווייזערישקייט אין דער ליטעראַטור? וואָס מיינט עס השפּעה פון דער ליטעראַטור?

לאָמיר נעמען עטלעכע קליינע ביישפּילן פון אונדזער ליטעראַרישן אוצר.

ווען דער חומש דערציילט אונדז, למשל, ווי גאָט האָט געשלאָסן אַן אייביקן בונד מיט אברהמען און צוגעזאָגט אים צו פרוכפּערן און מערן און אים געבן דאָס לאַנד כנען פאַר אַן אייביקן אייגנטום — האָט דאָס דאָזיקע פּרימיטיווע מעשהלע געהאַט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויף דער פאָלקס־פאַנטאַזיע.

אָדער אַ צווייטער ביישפּיל: ווען דער בעל־התהילים דערציילט וועגן גורל פון די גולי־בבל, וואָס זיצנדיק אויף די טייכן פון זייער גלות־לאַנד האָבן זיי געוויינט און דערמאָנט אין ציון, אַז זיי האָבן געשוווירן נישט צו פאַרגעסן ירושלים, האָט ער — באַוווסטזיניק, צי נישט באַוווסטזיניק — אויפגעוועקט אַן אייביקע היים־בענקשאַפט ביי אַ הונדערט דורות יידן.

בלויז פון די דאָזיקע צוויי ביישפּילן אַליין קאָנען מיר שוין פאַרשטיין, ווי אַזוי אַזעלכע און ענלעכע ליטעראַרישע שאַפונגען האָבן געפורעמט און געשטאַלטיקט דעם יידישן פאָלקס־גייסט און די נשמה פון יידישן יחיד. אַזוי אַרום האָבן זיי דאָך אָפּגעהיט דעם גייסטיקן קיום פון אונדזער פאָלק עד היום.

עס וועט אפשר עמעצ פרווון טענהן, אַז אַזעלכע דערשיינונגען זענען מעגלעך

געװען נאָר אין יענע צײטן, װען דאָס געשריבענע װאָרט האָט געהאַט אַ מאַגישע װירקונג אויף דער פאַנטאַזיע, אָבער הײנט, אין אונדזערע צײטן, איז שװער צו פאַרלאַנגען פון דער ליטעראַטור, אַז זי זאָל האָבן אַזאַ טיפע השפּעה, װי אין יענע תּקופות — סײ אויפן מענטש װי אַ יחיד, און סײ אויף דער מענטשלעכער געזעל־שאַפט, װי אַ כּלל. אויפן ערשטן בליק קאָן זיך אויסװײזן, אַז די טענה איז אַ גערעכטע.

פון דער אַנדערער זײט, איז נאָך קײן מאָל דאָס געשריבענע װאָרט נישט געװען אַזאַ שטאַרקער כּוח װי אין אונדזערע צײטן. נישט נאָר דאָס, װאָס אַ סך מער מענטשן קאָנען הײנט לײענען און קומען אונטערן אײנפלוס פונעם געשריבענעם װאָרט; נאָר דאָס װאָרט דערגײט איצט אויך מיט אַ סך מער װעגן צום מענטשלעכן אויג און אויער, װי אַ מאָל.

און לאָמיר ברענגען נאָך עטלעכע פאַקטן, פון נאָענטן עבר.

עס זענען באַװוּסט פאַלן, װען די שאַפונג פון אײן שרײבער האָט באַאײנפלוסט זײן גאַנצן דור, אָדער אַפילו גאַנצע דורות. נאָך מער, עס זענען פאַראַן פאַלן, װען אַן אײן אײנציק בוך האָט אויפגערודערט אַ לאַנד, אַ פאָלק, אָדער אַפילו דאָס געװיסן פון דער װעלט.

אין יאָר 1907 איז דערשינען אַרציבאַשעװס ניהיליסטיש בוך „סאַנין" און האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין דער נשמה פון יענעם דור יוגנט (אויך בײ אַ טײל פון דער ייִדישער יוגנט אין רוסלאַנד), װעלכע איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון מחברס ציניש ער „מאָראַל", װאָס האָט געפּרײדיקט „פרײהײט פון אינ־סטינקטן". דאָס צװײטע בוך אַרציבאַשעװס, „בײ דער לעצטער גרענעץ", װאָס איז דערשינען אין יאָר 1912, האָט אַרויסגערופן אַ ריזיקע כװאַליע פון זעלבסטמאָרדן אין די רוסישע שטעט. דאָס בוך האָט געפּרײדיקט „טויט און בלומען, טויט און װײן". אָדער דאָס פּױלישע פאָלק, למשל, װאָס איז דורות לאַנג געװען אונטערדריקט אונטערן יאָך פון פרעמדע מאַכטן. איז דען פאַראַן אַ ספק, אַז די פּױלישע דיכטערס און שרײבערס האָבן מיט זײערע שאַפונגען אָפּגעשפּילט אַן ערשטראַנגיקע ראָל בײם אויפהאַלטן די פאָלקס־שטרעבונגען צו נאַציאָנאַלער באַפרײונג און צו אַ זעלב־שטענדיקן נאַציאָנאַלן קיום ?

*

אָט גײט שוין אָן, נישט פון הײנט, אַן ערנסטער װיכּוח װעגן דער ראָל פון מענדעלען אין אויספורעמען די באַציִונג פון הײנטיקן דור — אין ארץ־ישׂראל און אין די תּפוצות — צו אונדזער נישט־װײטן עבר, צום ייִדישן לעבן און צו דער געשטאַלט פון ייִדישן יחיד אין די מזרח־אײראָפּעישע לענדער פון זײן צײט. די, װעלכע נעגירן מיט גרויס אײפער מענדעלעס סאַרקאַזם, זײן אומברחמנותדיק אויפ־

רייסן די ווונדן, וואָס האָבן באַדעקט דעם גוף פון דער יידישער אָרעמקייט, פאַרגעסן אָבער אַ פשוטן אמת — טאַקע אַ וויטיקלעכן — זיי פאַרגעסן, אַז מענדעלע האָט זיינע פאַרשווינען פון גלופסק און קאַבצאַנסק נישט אויסגעפאַנטאַזירט. ער איז דאָך געווען דער ערשטער רעאַליסט אין דער יידישער (און אויך אין דער העברעישער) ליטע־ראַטור, וואָס האָט מיט זיינע שילדערונגען אויפגעמאַכט די אויגן פון זיין דור, צו דערזען זיך אַליין. די שאַפונגען פון מענדעלע — פונקט אַזוי ווי שפּעטער די שאַפונגען פון שלום עליכם — זענען דאָך געגליכן צו אַ דיאַגנאָז פון אַ גרויסן רופא, וואָס ערשט אַ דאַנק דעם דאָזיקן דיאַגנאָז קאָן קומען דער צווייטער שריט, די היילונג.

מיר רירן זיך דאָ גאָרנישט צו צום תחום פון קינסטלערישער מדרגה, אָדער פון סטיל און ליטעראַרישן זשאַנער. מיר ווילן זיך האַלטן כסדר ביי דער הויפּט־פראַגע פון גייסטיקער השפעה אויפן יחיד און כלל לגבי דער געשטאַלטונג פון פאָלקס־באַוווסטזיין, פון שטאַרקן דעם ווילן אָנצוהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן קיום.

דאַכט זיך, אַז פון דעם שטאַנדפּונקט קאָן דינען ווי אַ גוטער ביישפּיל אונדזער דריטער קלאַסיקער י. ל. פּרץ, וואָס האָט, לכל הדעות, געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף זיין דור. אַחוץ דעם, וואָס ער האָט דערהויבן אין אונדזערע אייגענע אויגן און אין די אויגן פון פרעמדע דעם מזרח־אייראָפּעישן ייד, זיין גייסטיקע און עטישע וועלט, האָט ער אויך געשאַפן אַרום זיך אַ באַוועגונג, וואָס איר עובדה איז געווען, צו שטאַרקן די אמונה פון יידן אין זיך אַליין.

נאָך דעם ווי מיר וועלן אָננעמען, אַז די דריי קלאַסיקער קאָנען דינען ווי אַ באַווייז פון השפעה אויפן יידישן גורל, ערשט דעמאָלט שווימט אויף די פראַגע: און וואָס איז מכוח די שפּעטערדיקע שרייבערס, די וועלכע האָבן געשאַפן צווישןביידע וועלט־מלחמות, אין דער תקופה פון ריזיקן אויפברויז אין דער וועלט און פון דער גרויסער צעטרייסלונג פון אונדזער יידישן קיום?

✶

ביים באַטראַכטן דעם דאָזיקן פּראָבלעם מוז גענומען ווערן אין אַכט די צייט, אין וועלכער עס האָבן געלעבט און געשאַפן די דריי קלאַסיקער, און די צייט פון זייערע נאָכפאָלגערס.

י. ל. פּרץ איז געשטאָרבן אין יאָר 1915, אין דעם ערשטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; שלום עליכם — אין יאָר 1916, און מענדעלע אין יאָר 1917. אַלע אין די ערשטע דריי יאָר פון דער וועלט־קאַטאַסטראָפע. זענען דאָס בלויז צופעליקע דאַטעס, אָדער האָט דער פאַקט אויך אַ טיפערן זין? כדי דער ענין זאָל ווערן נאָך בולטער, וועלן מיר דערמאָנען, אַז בעת זיי האָבן זייער גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט אין איין לאַנד — אין צאַרישן רוסלאַנד — האָט זיי דער טויט געפונען אין דריי

באַזונדערע מדינות: פּרצן אין אָקופּירטן וואַרשע, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער געוואָרן די הויפּטשטאָט פון אומאָפּהענגיקן פּוילן; שלום עליכמען אין ווייטן ניו־יאָרק, און מענדעלען אין אָדעס, וואָס האָט שוין געפיבערט אין די ווייען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָבער נישט בלויז אונדזערע דריי קלאַסיקער האָבן אַדורכגעמאַכט דעם דאָזיקן גורל — מיט זיי צוזאַמען איז דאָך כמעט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק געווען איינגעזעסן אין איין גרויסן צענטער — אין רוסלאַנד, ווו עס האָבן דעמאָלט געלעבט איבער פינף מיליאָן יידן. וואַרשע־אָדעס־ווילנע זענען, אייגנטלעך, געווען איין צענטער, אָן פּאָליטיש־געאָגראַפישע גרענעצן, וואָס זאָלן זיי האָבן פונאַנדערגעטיילט. דער יידיש־רוסישער צענטער האָט נאָך אַלץ אויסגעשטראַלט זיין ליכט, זיין קולטור און ליטעראַטור, זיין שפּראַך און טראַדיציע אויף אַלע פּעריפעריעס. און מיט דעם אַלעם איז אויך געקומען די השפּעה פון דער ליטעראַטור. זי איז נישט אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע גייסטיקע השפּעות, ווי, למשל, פון די פּאָליטיש־אידעאָלאָגישע באַוועגונגען, וועלכע זענען אַלע געבוירן געוואָרן אינעם רוסישן צענטער און האָבן געהאַט זייערע פיליעס אין די נייע קאָלאָניעס, ווו יידן האָבן זיך באַזעצט.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אָבער אויפגעריסן די דאָזיקע גאַנצקייט, האָט איבערגעריסן די קאָנטאַקטן, חרוב געמאַכט די קאָמוניקאַציע־בריקן צווישן די פאַרשידענע יידישע יישובים, און ממילא האָט זיך אָנגעהויבן אַ צעשפּליטערונג און פונאַנדערפאַל אינעם יידישן לעבן. און דאָס איז חל נישט בלויז אויף די אויסערלעכע ראַמען, נאָר אויך אויף דעם אינערלעכן מהות פון דער יידישער געזעלשאַפט, אויף איר סאָציאַלער קאָנסטרוקציע. בעת עס האָבן געלעבט און געווירקט אונדזערע קלאַסיקער און זייער דור שרייבערס, איז דאָס שטעטל געווען דער צענטער פון יידישן לעבן און אינעם שטעטל האָבן געהערשט די דריי עיקרדיקע סוב־צענטערס: די משפחה־היים, דאָס בית־מדרש און די ערשטע שפּראָצונגען פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, פּראָפעסיאָנעלער פאַראייך אָדער קולטור־געזעלשאַפטלעכע קלובן פאַרן ייגערן דור. דאָס איז געווען ווי עפּעס אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט, וואָס צוזאַמען מיט דער געאָגראַפישער צעשפּליטערונג איז זי חרוב געוואָרן.

דער שטורעם פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס יידישע לעבן, האָט צעבראָכן די יידישעווירקלעכקייט און זי פאַרוואַנדלט פון איין גאַנצקייט — אין באַזונדערע טיילן, מיט לויזן קאָנטאַקט צווישן זיך. דער יידישער שרייבער האָט קוים זיך אַן עצה געגעבן מיט זיין דראַנג די דאָזיקע נייע ווירקלעכקייט צו באַשרייבן, אַריינצודרינגען אין דעם שלל נייע דערשיינונגען, פּראָבלעמען און קאָנפליקטן. אין דער פאַרלוירנקייט פון דער נייער סביבה און איר פּראָבלעמאַטיק האָט ער קוים באַוויזן צו ברענגען צום אויסדרוק די שטימונגען און

טענדענצן, און מן־הסתם איז עס געווען נישט פון די לייכטע זאַכן, צו דערזען די פּערספּעקטיוון, די אויסזיכטן פאַר דער צוקונפט און די סכנות, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין דער דאָזיקער צוקונפט פאַרן ווייטערדיקן קיום פון אַן איינהייטלעך יידיש פאָלק.

וואָס אַן אמת, איז צוזאַמען מיטן דאָזיקן נייעם צושטאַנד געקומען אַ געוואַל־דיקער אויפבלי אין דער יידישער ליטעראַטור. נייע כוחות, פרישע טאַלאַנטן, יונגע דיכטער, פּראָזאַיִקער און עסייאיסטן זענען אַריין אין היכל פון דער יידישער ליטע־ראַרישער שאַפונג מיט אַן אימפּעט און ברען און האָבן באַרייכערט אונדזער ליטע־ראַטור און, בעיקר, זי מאָדערניזירט. וואַרשע און ניו־יאָרק זענען פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין דינאַמישע צענטערס פון יידיש־שאַפן און די סאָוויעטישע יידישע שריי־בערס האָבן זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז מאָסקווע־מינסק בלייבן נישט הינטערשטע־ליק. נאָך קיין מאָל איז נישט געווען אַזאַ שפע אין דער יידיש־יצירה, ווי אין די צוויי צענדליק יאָר צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה. אַ נייער טיפּאַזש, נייע לאַנדשאַפטן און לעבנס־שטייגערס זענען געקומען מחנותווייז און באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור. אַמעריקע מיט איר נייעם ריטם און אָטעם האָט אויסגעברייטערט די יידישע וועלט־מאַפּע. אין געוויסע אייראָפּעישע לענדער, וואָס זענען פריער געשטאַנען אין שאָטן, האָבן דערוואַכט נייע אָפּצווייגונגען פון יידישן לעבן און אַריין אין דער ליטעראַטור מיט זייער אייגנאַרט. די יידישע ליטעראַטור האָט דאָ אויסגעפּילט אַ חשובע קולטור־היסטאָרישע פונקציע און אָפּגעשפּיגלט דאָס יידישע לעבן מיט זיין גאַנצער פילפאַרביקייט.

האָט זי אָבער אויך געוויזן אַ וועג? גערופן צו עפּעס? אַרויסגעהויבן אַ געוויסע געזעלשאַפטלעכע אָדער נאַציאָנאַלע אידעע?

✶

אין זיין עסיי „הלכה און אגדה" ברענגט ביאַליק אַ דרוש אין נאָמען פון אחד העם וועגן דער הלכה אין פרקי אבות: „ר' יעקב אומר: המהלך בדרך ושונה ומפסיק ממשנתו ואומר, מה נאה אילן זה, מה נאה ניר זה — מעלה עליו הכתוב, כאילו מתחייב בנפשו", דאָס הייסט, אַז ווער עס גייט אין וועג און לערנט און ער רייסט איבער דאָס לערנען און זאָגט, ווי שיין איז דער בוים, ווי שיין איז דאָס פעלד — זאָגט אויף אים דער פּסוק, אַז ער ברענגט אויף זיך אַליין דעם טויט". די שיינגייסטער, זאָגט ביאַליק אין אחד העמס נאָמען, האָבן אַלע אָנגעגריפן די דאָזיקע משנה, אָבער ווער עס פאַרטיפט זיך אין איר, וועט הערן פון איר אַ האַרץ־ציטער און אַ טיפע באַזאָרגטקייט פאַרן גורל און צוקונפט פון אַ פאָלק, וואָס „גייט אין וועג" און עס האָט נישט זיין אייגנס, מער ווי דאָס בוך, און יעדע צו גרויסע נשמה־צוגעבונדנקייט צו איינעם פון זיינע ווין־לענדער איז עלול עס צו פאַרלענדן.

איז קודם כל האָט ביאַליק אַליין באַוויזן אין זיינע שילדערונגען נישט ווייניק „נשמה־צוגעבונדנקייט" צו דער לאַנדשאַפט פון זיין „ווין־לאַנד" רוסלאַנד, ווייל ווען נישט דאָס, וואָלט ער זיכער נישט געהאַט דעם כוח זי אַזוי פּרעכטיק צו שילדערן, ווי ער האָט זי געשילדערט אין זיין ליד און דערציילונג. אָבער ערנסטער איז אַ טענה, וועלכע מען פלעגט הערן, בעיקר פון אַ טייל פון די העברעישע שרייבערס, אַז משפּיע זיין מיט יידישער ליטעראַטור קאָן מען נאָר דעמאָלט, ווען זי רופט „צוריק אַהיים". און אויב אַזוי, האָט די יידישע ליטעראַטור, אין גרונט גענומען, נישט געקאָנט משפּיע זיין, ווייל זי איז געווען דער אויסדרוק פון נשמה־פאַרבינדונג מיט די גלות־לענדער, מיט דער אידעע פון „נצח הגלות". איז פּונקט אַזוי ווי די אידעע פון אַרגענטינע־קאָלאָניזאַציע, אוגאַנדאַ אָדער ביראָבידזשאַן זענען לכתחילה געווען פאַרמשפּט אויף אַ היסטאָרישן דורכפאַל, פּונקט אַזוי איז אַ ליטעראַטור, וואָס איז איינגעשטעלט אויף פאַראייביקונג פונעם גלות, פאַרמשפּט אויף השפּעהלאָזיקייט.

די טענה איז בכלל נישט באַגרינדעט אויף אַ קריטיש־וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. פּונקט ווי עס איז נישט באַגרינדעט די כמעט אַלגעמיין אָנגענומענע טענה, אַז די ליטעראַטור וועגן ארץ־ישראל און די וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין א"י איז כמעט בלויז אַ העברעישע.

ס'איז ממש צו שטוינען, ווי גרויס עס איז די צאָל פון יידיש־שרייבערס, וואָס האָבן געשאַפן אין ארץ־ישראל, סיי אין ליד און סיי אין פּראָזע. און דאָס איז געמיינט נישט בלויז אין דער לעצטער צייט, נאָר אַפילו אין סאַמע אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. יידישע שרייבערס זענען געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן באַשריבן די ארץ־ישראלדיקע לאַנדשאַפט, זיי האָבן געשילדערט די ליידן און פריידן פון די חלוצים פון דער צווייטער עליה און אַפילו נאָך פריער. שוין אָפּגערעדט וועגן די שפּעטערדיקע צייטן פון דער דריטער און פערטער עליה, און אַזוי ביז היינט. דאָס מאַכט קלאָר פאַר אַלעמען, אַז די טעאָריע וועגן אַ צעטיילונג פון די השפּעה־געביטן צווישן יידיש און עברית, איז ניט אויסגעהאַלטן.

מיר האָבן דאָ געוואָלט בלויז אַוועקשטעלן די פראַגע, צי האָט די יידישע ליטעראַטור משפּיע געווען דאָס יידישע לעבן. מיר גלייבן, אַז די פראַגע איז אַ וויכטיקע און אַז זי איז נאָך נישט גענוג געפאָרשט געוואָרן. עס וואָלט געווען אַ גרויסע זאַך, ווען מען וואָלט געקאָנט מאַכן אַזאַ פאָרשונג אין דער נאָענטסטער צייט, בעת עס לעבט און ווירקט נאָך אַ גרויסער טייל פון די יידישע שרייבערס, פאַר וועלכע דער ענין איז פערזענלעך נאָענט.

מיר האָבן אויך געהאַט אפשר נאָך אַ שטיקל כוונה. אַז די יידישע שרייבערס אַליין זאָלן זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם ענין. אפשר איז עס, אין אַ געוויסער מאָס, נוגע אויך זייער אייגענער שאַפונג ?..

חיה עלבוים־דאָרעמבוס

ווייכער אספאלט

דער אַספאַלט אויף די גאַסן איז ווייך פון דער צעפּראַזשעטער זון. לענג־אויס דעם וועג זעט מען פאַרטיפטע צייכנס פון שיך־אָפּצאַסן.

די לופט איז הייס און פייכט. צווישן די מידע פּנימער פון פאַרבייגייער דערזע איך רחלען. ווי תמיד גייט זי נישט אויפן טראָטואַר, נאָר דערנעבן, אויפן אַספאַלט. אירע אויגן זענען טרויעריקער ווי שטענדיק און פון גאַנצן געשטאַלט אירן טראָגט זיך אָן אומבאַהאָלפנקייט און איינזאַמקייט.

מיר זעצן זיך אויף אַ באַנק אין קורצן שאָטן פון אַ בוים.

„ווען איך טרעט אין ווייכן אַספאַלט — זאָגט זי אוןווישט דעם שווייס פון שטערן — האָב איך אַ געפיל, אַז דאָס איז מיין מאַמעס שויס, מיין מאַמעס אַקסלען...״

איבער רחלס פּנים לויפט אַדורך אַ ציטער נאָך אַ ציטער. פון איר אַמאָליקער שיינקייט איז אַפילו קיין שפּור נישט געבליבן. איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס באַדריקט איר געמיט און אפשר קענען איר מיט עפּעס העלפן, אָבער איך געפין נישט דאָס פּאַסיקע וואָרט.

שווער צו גלייבן, אַז דאָס איז די בלאָנדע, צאַרטע, בלוי־אויגיקע טאָכטער פון דעם באַקאַנטן פאַר־מלחמהדיקן יידישן גביר אין פּוילן. אָט זע איך אים ווי לעבעדיק, דעם הויכן, עלעגאַנט געקליידעטן, מיט דיסקרעט צוגעשווירענער באָרד, פול מיט בטחון, איבערגעגעבענעם מאַן און פאָטער, וואָס רינגלט אַרום מיט ליבשאַפט און וואַרעמקייט די משפּחה, איבערהויפּט די שטענדיק שוואַכע פרוי, וואָס באַוועגט זיך שווער אויף אירע קראַנקע, געשוואָלענע פיס.

רחלס שטילע ווערטער ברענגען מיך צוריק פון מיינע זכרונות־מחשבות, און אַזוי ווי אַלע מאָל, ווען מיר באַגעגענען זיך, קערט זי זיך אויך דאָס מאָל אום צו יענע שרעקנס־טעג, ווען זי איז נאָך געווען צוזאַמען מיט אירע נאָענטסטע און נישט אַזוי אַליין פאַראיינזאַמט ווי אַצינד. זי רעדט רויק, דערציילט וועגן די לעצטע וואָכן פון זייער לעבן אין בונקער, זייער ווילן איבערצולעבן, טראָץ דער פאַרצווייפלטער לאַגע. זי דערמאָנט יעדן באַזונדער: די צוויי ברידער אין עלטער פון ניינצן און זיבעצן יאָר, די שוועסטערס: מרים, די כלה פון אַ רייכן לאָדזשער

בחור, און די דרייצן־יעריקע מיזינקע, טושקע, די אייביק בלאַסע און לייכטע צום וויינען.

ווען זי רעדט וועגן טושקען, פאַרפלאַנטערן זיך אירע דאַרע, לאַנגע פינגער און בלייבן ווי פאַרקראַמפּט אויף אירע קניען. איר פּנים שפּיגלט אָפּ דעם אייביק נישט געשטילטן ווייטיק.

„דער בונקער איז גראָד געווען אַ גוטער און אַ זיכערער — רעדט זי, ווי צו זיך — אָבער ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אונטערצינדן די הייזער, האָט מען זיך געמוזט ראַטעווען מיט אַ וועג דורכן דאַך. מיינע ברידער האָבן באַצייטנס אויסגעשניטן אַן עפענונג אין דאַך. אַזוי האָבן אויך געטאָן אַנדערע באַהאַלטענע יידן אין די שכנותדיקע הייזער. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַנטלויפן איבער הויכ־שטאָקיקע הייזער איז נישט געווען אַזוי פּשוט. קריכנדיק אויף אַלע פיר, ביי גע־וואַלדיקער אָנשטרענגונג, האָט מען געהאַפּט אַריבערצוקומען אויף אַ הויז ווייטער און ווידער ווייטער. אַ לייטערל איז געווען צוגעגרייט, כדי אַרויסצובאַקומען זיך פון בוידעם. מיר האָבן אַפילו איין מאָל ביינאַכט געמאַכט אַ פּראָבע און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיט דער מאַמען וועט עס אונדז אָנקומען שווער.

נאָך דעם ווי מיר האָבן זי קוים אַרויפבאַקומען אויפן דאַך, איז איר באַפאַלן אַ פּחד, אַז זי קאָלערט זיך אַראָפּ. ליגנדיק אויף די בייכער, האָבן מיר זי צוגעהאַלטן, באַמיט זיך זי צו באַרויִקן, אָבער גלייך געמוזט זי צוריק אַראָפּציען.

אונדזער אומרו איז געוואָרן נאָך גרעסער. דער רויך פון ברענענדיקע הייזער אין געטאָ האָט פאַרפינצטערט דעם הימל און פאַרסמט אונדזער האָפענונג.

נאָר אַ פּאָר טעג זענען מיר נאָך געווען אַלע צוזאַמען. די גורלדיקע שעה איז געקומען: אויך אונדזער הויז איז געוואָרן אונטערגעצונדן. אין בהלה האָבן מיר פאַרלאָזט דעם בונקער. די מאַמע איז געווען ווי געליימט און נישט געקאָנט גיין. מיר האָבן זי אונטערגעהאַלטן, געטראָגן. אַזוי פיל טרעפּ, טרעפּ אָן אַ סוף. עמעץ פון אונדז האָט טויב געשריגן: „גיכער, גיכער!" אַ געדיכטער רויך האָט זיך אַריינגעריסן דורך די שייבלעך פון טרעפּן־צימער, אין דרויסן האָט געקנאַלט, געדונערט, גע־טרעשטשעט, דעטאָנאַציעס האָבן צעריסן די לופט, מאַשין־געווער האָט געגראַגערט און איבער אַלעם — שרעקלעכע דייטשע קולות, קולות פון מלאך־המות.

טושקע האָט היסטעריש געוויינט. מיר האָבן געאיילט, ווי אין אַ שווערן חלום, ווען מען לויפט און מ'שטייט אויף איין אָרט. טרעפּ, טרעפּ אָן סוף, פון בונקער ביז צום דאַך, פינף שטאָק טרעפּ! און ווען מיר זענען שוין אַרויף, האָט עמעץ אויס־געשריגן: „דאָס לייטערל!" מיט אַ נאַכט צוריק האָט איינער פון די ברידער אַראָפּגענומען דאָס לייטערל פונעם בוידעם און פאַרגעסן עס איצט מיטצונעמען. דער טאַטע וויל לויפן עס ברענגען, מיר אַמפּערן זיך — „ניין!" איין ברודער כאַפּט

זיך אַרויף אויף די אַקסלען פון צווייטן און שוין איז ער אויבן. טושקען הייבט מען אונטער, „מאַמעניו!" — שרייט זי אין געיאָמער, — הענט פון דאַך כאַפּן זי און אויך זי איז שוין אַרויס. איין רוף נאָכן צווייטן. „מרים, שנעלער!" און באַלד — „רחל"!

„ניין! איצט די מאַמע!" די מאַמע אַמפּערט זיך, וויל נישט. „איך גיי נישט!" — שרייט זי. אויך דער טאַטע רייסט זיך אויף צוריק, וויל נישט גיין. דער רויך פּילט אָן דעם בוידעם, עס שטיקט. דער מאַמעס קול: „רחלע, רחלשי, כאַפּ זיך אַרויף אויף מיר!"

זי זיצט ווי אַ בערגל אונטער דער עפענונג. פון אויבן שרייט מען: „גיכער! עס וועט זיין צו שפּעט!" דער טאַטע האַלט מיך פעסט. איך דערפיל דער מאַמעס ווייכן שויס אונטער מיינע פיס, אירע ווייכע אַקסלען... אַפילו נישט געזאָגט אַ וואָרט, נישט אַ קוש געטאָן איר ווייך פּנים...

אין געשווישטש פון קוילן, אין געטומל, געהאַווקעריי, איז פאַרשלונגען געוואָרן דער אָפּהילך פון מרימס אַראָפּשפּרינגען צוריק צו טאַטע־מאַמע. נישט געוואָלט זיי איבערלאָזן אַליין — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

רחלס אַקסלען ציטערן ווי אין קעלט. זי פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט אירע דאַרע הענט און העשעט.

די לופט איז צעגליט, געדיכט און נאַס. די זון שיט פייערדיקן שטויב. איינצלנע דורכגייער לאָזן איבער אין ווייכן אַספאַלט צייכנס פון זייערע אָבצאַסן, אותיות פון אַן אומפאַרשטענדלעכן אַלפאַבעט, אומפאַרשטענדלעכע שריפט.



ע. רעווען — דאָרפיש

משה גורין

תפילה

גאָט פון די חורבות און געטאָס,
גאָט פון די פאַרלאָשענע שטערן,
פון אויגן, וואָס וויאַנען ווי בלעטער,
פון שטיינער, וואָס וויינען מיט טרערן.

פון שלעסער, וואָס הענגען פאַרראָסטע,
פון שטעגן פאַרשטומטע און שטיגן,
גאָט פון ווערטער די פּראָסטע,
גאָט פון די ליידיקע וויגן.

דערפריי מיך אין שעה פון נסיון,
טרייסט מיך אין ספק פון פרעגן,
באַשטראַל מײַנע טונקעלע שעהען,
פאַרזיי דײַנע שטערן אויף וועגן.

מיכאל ווייכערט

שיילאק

דעם ליכטיקן אָנדענק
פון קדוש ישראל שטערן

סוף יאַנואַר 1929 בין איך צוגעטרעטן אין דער „ווילנער טרופּע" צו די רעפּע־טיציעס פון „שיילאָק". שעקספּירס „דער סוחר פון ווענעדיק" האָט מיך אינטע־רעסירט, נאָך מער: אינטריגירט, זינט כ'האָב זיך באַקענט מיט אים.

לאַנגע יאָרן האָב איך מיר נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער סתירה, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן גלייך אויפן ערשטן בליק. וואָס איז עס? אַ קאָמעדיע צי אַ דראַמע? פאַנטאַזיע ציווירקלעכקייט? דאָס איז נישט בלויז אַ פראַגע פון קאַטעגאָריע, פון אָנקלעפּן דעם אָדער יענעם עטיקעט. דאָס איז דעצידירנדיק פאַרן גרונט־טאָן, וואָס אויף אים דאַרף מען אָפּשטימען די גאַנצע אויפפירונג, פאַר דער הויפּט־אידעע, וועלכע מען טאָר נישט אויף איין רגע אַרויסלאָזן פון אויג, אויב מען וויל געבן אַ פאַרגאַנצטע און קינסטלעריש פולווערטיקע פאַרשטעלונג.

אַ קבלה האָב איך געהאַט פון מיינעם אַן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר, אַז שעקס־פּירן מוז מען לייענען יעדע זיבן יאָר פון דאָס ניי. יעדעס מאָל וועלן זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקן נייע שיינקייטן, עפּעס אומבאַקאַנטע טיפקייטן, וועקן ביי אונדז אַנדערע געדאַנקען, רעגן אַנדערע געפילן. כ'בין מיך מודה, אַז בנוגע דעם „סוחר פון ווענע־דיק" האָב איך נישט אויסגעהאַלטן די שמיטה. ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל האָב איך מיך אומגעקערט צו דעם דאָזיקן ווערק, אַריינגעטראַכט זיך אין אים, געלייענט וועגן פאַרשידענע אינטערפּרעטאַציעס פון גרויסע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט די ראָל פון שיילאָקן. קליגער געוואָרן בין איך נישט.

ווען שעקספּיר האָט געשאַפן די געשטאַלט פון שיילאָקן, איז די טעמע געווען דורכויס אַן אַקטועלע. גאַנץ לאָנדאָן איז געווען אויפגערודערט מיטן פּראָצעס פון דער קעניגינס לייב־דאָקטאָר, ד"ר לאָפּעז, אַ ייד פון שפּאַנישן אָפּשטאַם, וועמען מען האָט באַשולדיקט אין כלומרשט וועלן פאַרסמען די קעניגין עליזאַבעט, אומ־שולדיק פאַרמשפּט צום טויט און אים אויפגעהאָנגען. פאַראינטערעסירטע קרייזן האָבן מורא געהאַט, דער פאַרוועך פאַר יידן צו באַזעצן זיך אין ענגלאַנד, פון וואַנען זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן אין 1290, זאָל נישט אָפּגעשאַפט ווערן, האָבן זיי אויס־גענוצט דעם בלבול אויפן ד"ר לאָפּעז, פונאַנדערצובלאָזן אַן אַנטיסעמיטישע העצע

אין אַ לאַנד, װוּ ייִדן האָבן נישט געלעבט. דאָס טעאַטער אין לאָנדאָן, װאָס האָט דעמאָלט — װי יעדעס טעאַטער שטענדיק און אומעטום — געדינט די באַדערפֿעניש פֿון טאָג, האָט אַרויפֿגעבראַכט אויף דער בינע אַ סדרה בייזע ייִדן. אין טעאַטער האָט באַנייט קריסטאָפֿער מאַרלאָוס „דער ייִד פֿון מאַלטאַ", װאָס האָט געהאַט אַ שטאַרקן דערפֿאָלג, אַ צװייטס האָט געשטעלט אַן אַנדערע פּיעסע „דער ייִד". האָט שעקספּיר, װי אַ געניטער טעאַטער־סוחר, נישט געקאָנט בלײַבן הינטערשטעליק לגבי די קאָנקורענטן און האָט אויך אַרויפֿגעפֿירט אויף דער בינע אַ בייזן ייִד, אַ פּראַצענטניק און אַכזר.

די מעשה מיט דעם אויסטערלישן אָפּמאַך האָט זיך נישט געלייגט אויפֿן שכל. דער בעל־חוב איז מסכּים, אַז דער מלווה זאָל אויסשנײַדן אַ פֿונט לעבעדיק פֿלייש פֿון זײַן גוף, אויב ער װעט נישט באַצאָלן דעם חוב צום טערמין. און דערצו װערט נאָך דער דאָזיקער אָפּמאַך געשלאָסן בײַ אַ נאָטאַר! װאָס פֿאַר אַ נאָטאַר װעט דאָס באַשטעטיקן אַן אָפּמאַך, װעלכער איז שוין לכתּחילה פּסול לכל הדעות און לויט די דינים פֿון יעדער מלוכה, מחמת ער איז כּנגד מדות טובות (קאָנטראַ באָנאָס מאָרעס), װאָס זענען דער יסוד פֿון יעדן געזעץ. אַז אַזוי דערציילט זיך אין די מקורות, פֿון װעלכע שעקספּיר האָט געשעפּט, איז קיין תּירוץ נישט. ער איז נישט געװוען קיין מלופּים־קינד, און אַזוי פּאַרטיפֿן אַן אַנטליענעם סוזשעט װי ער, האָט אַ צװייטער דראַמאַטיקער נישט געקאָנט. האָט ער דען נישט אײַנגעזען די אוממאָ־ראַלישקייט, די אוממעגלעכקייט פֿון אַזאַ אָפּמאַך?

פֿאַראַן מפֿרשים, װאָס האַלטן, אַז אַזאַ אָפּמאַך איז יאָ דערלאָזלעך. והא ראיה? אין דעם עלטסטן רוימישן קאָדעקס — זאָגן זיי — אין די אַזוי גערופֿענע „צװעלף טאָװולען" איז געװוען אַ באַשטימונג, אַז אַ מלווה מעג „צעהאַקן" דעם בעל־חוב. װערט, ערשטנס, די היסטאָרישע עכטקייט פֿון דאָזיקן קאָדעקס, װאָס שטאַמט משמעות פֿון פֿינפֿטן יאָרהונדערט פֿאַר קריסטוסעס געבוירן, שטאַרק אָפּגעפֿרעגט. צװייטנס, איז דער פֿאַרטייטש פֿון לאַטײַנישן װאָרט secare נישט קיין פּינקטלעכער און אויסשליסלעכער: דאָס דאָזיקע װאָרט האָט נאָך אַנדערע טייטשן. דריטנס, קאָנען די רעכטלעכע יסודות, „דאָס רעכט־געפֿיל" נישט געמאָסטן װערן מיט אַ צײַט פֿון 500 יאָר פֿאַר קריסטוסן, נײַערט מיט דעם איטאַליענישן רענעסאַנס — אָרט און צײַט פֿון דער אַקציע אין „סוחר פֿון װענעדיק" — אָדער מיט דעם עליזאַבעטישן ענגלאַנד, פֿאַר װעמענס פּובליקום שעקספּיר האָט געשריבן.

אויף דעם דאָזיקן װעג קאָן מען װייט נישט פֿאַרפֿאָרן. בלײַבט אַ צװייטער. פֿאַרקירעװען און אַריבערטראָגן אַלץ אין מלכות פֿון פֿאַנטאַזיע. דאָס איז אַ דרך. דאָס לאָזט זיך זייער גוט צונויפֿקניפּן מיט דער גאַנצער אַטמאָספֿער פֿון דער קאָמעדיע און בעיקר מיט דעם פֿינפֿטן אַקט, װאָס איז כּולו מוזיק און פּאָעזיע.

נאָר אין קליינינקייט: אַזוי אַרום ווערט געפּטערט דער פּרעכטיקער רעאַליזם פון שיילאָקס געשטאַלט, זיין טיפער מענטשלעכער אויפבאַגער און דער פלאַמיקער אויפברויז פון געפייניקטן קעגן די פייניקער.

געהאָלפן האָט מיר אַ צופאַל. אין די לערן־יאָרן האָט זיך צו מיינע ליבלינג־דיכטער גערעכנט דער ליריקער ראַינער מאַריאַ רילקע. נישט בלויז זיינע לידער, אויך די פּראָזע זיינע איז מיר געווען צום האַרצן. באַזונדערס האָב איך ליב געהאַט די קליינע זאַמלונג פון דערציילונגען „מעשהלעך וועגן זיין ליבן גאָטן״. איינע פון זיי טראָגט דעם טיטל „אַ סצענע פון געטאָ אין ווענעדיק״.

אין איר דערציילט זיך, אַז אין היפּוך צום „ווירקלעכן ווענעדיק, דער שטאָט פון פּאַלאַצן, אַוואַנטורעס, מאַסקעס און בלויע לאַגונען־נעכט, וואָס טראָגן — ווי קיין שום אַנדערע נעכט — דעם טאָן פון היימלעכע ראָמאַנסן, הערן זיך אין געטאָ בלויז אָרעמע גערוישן, די טעג פאַרגייען איינטאָניק, ווי זיי וואָלטן געווען נאָר איין איינציקער טאָג, און די געזאַנגען, וועלכע מען הערט דאָרט, זענען וואַקסנדיקע קרעכצן. — — די יידן זענען שטרענג אויסגעשלאָסן פון יעטוועדן פּאַרקער און דער אַלטער מלכי צדק טרעט קיין מאָל נישט אַריבער דעם גבול פון גרויסן ראַט, הגם ער וואָלט עס געמעגט ריזיקירן, מחמת ער איז אַ רייכער גאָלדשמיד, און אַלע האָבן פאַר אים גרויס דרך־ארץ. אין זיין לאַנגן לעבן האָט ער אויסגעפּועלט נישט איין הנחה לטובת די יידן, וואָס אַלע פילן אים ווי אַ פּאַטער, אָבער אויך יעדעס מאָל האָט ער דערלעבט אַ קלאַפּ. ווי אָפט אַן אומגליק איז געקומען איבער דער מלוכה, האָט מען זיך נוקם געווען אין די יידן. די ווענעציאַנער גופא זענען פון גאָר אַ קרובהשן גייסט, זיי זאָלן דאַרפן, ווי אַנדערע פעלקער, געברויכן די יידן פאַרן האַנדל. זיי האָבן זיי געפּייניקט מיט שטייערן, געראַובט זייער האָב און גוטס, און אַלץ מער באַגרענעצט דעם שטח פון געטאָ, אַזוי אַז די משפחות, וואָס האָבן זיך געפּרוכ־פּערט און געמערט, זענען געווען געצוווּנגען צו בויען די הייזער איינס אויפן דאַך פון צווייטן. און זייער שטאָט, וואָס איז נישט געלעגן אויפן ברעג פון ים, איז אַזוי פּאַמעלעך געוואַקסן אין הימל אַריין, ווי אין אַ צווייטן ים, און אַרום דעם פּלאַץ מיטן ברונעם האָבן זיך פון אַלע זייטן געהויבן הויכע הייזער, ווי די ווענט פון עפּעס אַ ריזן־טורעם״.

און אָט די שילדערונג האָט מיר געגעבן אַ וויזיע פונעם יידישן געטאָ אין ווענעדיק. צום ערשטן מאָל האָב איך געשריבן וועגן דער דאָזיקער קאָנצעפּציע פון דער שיילאָק־געשטאַלט אויפן פאָן פון ווענעדיקער געטאָ אין אַ מאמר, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין 1917טן יאָר אין בערלינער אָרגאַן פון דער „פאַראייניקונג פון קינסטלערישע בינע־אָנפירערס״ — „די סצענע״. אין משך פון צוועלף יאָר האָט זי זיך אין תוך נישט געביטן. בשייכות מיט דער סצענישער רעאַליזירונג אין

דער „װילנער טרופּע״ האָב איך געשריבן אין די „ליטעראַרישע בלעטער״ פֿון 8טן מערץ 1929 צװ״אַנד:

„עס איז קײן ספק נישט, אַז אין „סוחר פֿון װענעדיק״ איז שעקספּיר אױסן געװען בעיקר צו פֿאַרװײלן זײַן טעאַטער־עולם מיט אַ קאָמישער געשטאַלט פֿון אַ ייִדן. אַ בײזער װאָלף, װאָס רײַסט זיך אַרײַן אין אַ סטאַדע פֿרײלעכע שאָף, װאַרפֿט אָן אַ שרעק אױף זײ און װערט צום סוף אָפּגענאַרט און פֿאַרטריבן. דאָס גאַנצע — אַ סצעניש מעשׂהלע, װאָס שפּילט זיך אָפּ אין ערגעץ־לאַנד, אונטערן בלויען הימל פֿון איטאַליע, אין דער צװיבער־שטאָט װענעדיק, און בינדט זיך מיט עפּעס אַ פֿאַרכּישופֿט שלאָס בעלמאָנט, װוּ עס לעבט אין רײַכקײט און װױלטאָג אַ יונגע שײנע האַרין.

און אױף דער דאָזיקער װעלט פֿון גליק און פֿרײד פֿאַלט דער שאָטן פֿון אַ בלוטדורשטיקער חיה אין מענטשלעכער געשטאַלט. און װען דער שאָטן װערט פֿאַרטריבן, צעשפּילט זיך דאָס פֿאַרכּישופֿטע שלאָס מיט כּלערלײ קאָלירן פֿון אַ זומערדיקער לבֿנה־נאַכט. מוזיק צעקלינגט זיך, ליבע־פּאָעזיע צעהילכט זיך און — דאָס מעשׂהלע איז פֿאַרבײ (פֿינפֿטער אַקט בײ שעקספּירן).

געװיס איז דאָס געװען די כּװנה פֿון שעקספּירן. האָט אָבער דער געניוס, װאָס שטעקט אין דיכטער, אָפּגעטאָן אים אַ שפּיצל. די געשטאַלט פֿון ייִדן איז אַריבערגעװאַקסן אַלע איבעריקע. װאָס האָט געדאַרפֿט זײַן דער טפֿל, איז געװאָרן דער עיקר. װאָס האָט בלױז געדאַרפֿט װאַרפֿן אַ שאָטן, האָט מיט זײַן בולטקײט פֿאַרשאָטנט אַלע אַנדערע. „װײל דער װעלט־גײַסט, װאָס לעבט אין דיכטער, איז שטאַרקער װי זײַן פּריװאַטער רצון״ — זאָגט הײנע.

קאָנען זיך די אַקטיאָרן און רעזשיסאָרן נישט געבן קײן עצה מיטן „סוחר פֿון װענעדיק״. דער רובֿ בלײַבט געטרײַ דעם „פּריװאַטן רצון״ פֿון דיכטער. זײ גיבן אַ לוסטיק־שפּילעװדיקע באַסאַניאָ־פּאָרציאַ־קאָמעדיע און שײלאָק איז די קאָמישע פֿיגור, דער פּאַיאַץ, דער בײזער אינטריגאַנט, װאָס כאַפּט אַ מיאוסן סוף. אַנדערע, װידער, האָבן געמאַכט פֿון דער פּיעסע אַ שײלאָק־טראַגעדיע און פֿון שײלאָקן אַ העלד, װאָס שפּרײַזט אַרום מיט קעניגלעכע טריט און מאַיעסטעטישע באַװעגונגען. דאָ און דאָרט מערן זיך די שװעריקײטן און סתּירות אָן אַ שיעור.* אונדז, הײַנטיקע,

---

* גרױסע אַקטיאָרן — נישט בלױז קריסטן, אױך ייִדן — האָבן נישט געקאָנט גובֿר זײַן דעם יצר־הרע צו באַפּוצן שײלאָקן מיט כּלערלײ קאָמישע המצאות, כּדי אױסצונעמען בײַם טעאַטער־עולם. משמעות האָט רודאָלף שילדקרויט — געזען אין דער דאָזיקער ראָל האָב איך אים נישט — נישט געקאַרגט מיט קאָמישע שפּיצלעך. געװען אָבער אַנדערע אַקטיאָרן, װאָס האָבן געזען אין שײלאָקן אַ העכסט דראַמאַטישע געשטאַלט, אַ שטאָלצע און דערהױבענע. אַזױ האָט אים געשפּילט דער גרױסער ענגלישער אַרטיסט סער הענרי ערװינג (1838—1905). אַזױ האָט אים צװ״אַנד געשפּילט אָסקאַר בערעני, אין דער יוגנט אַן אונגאַרישער אַקטיאָר און שפּעטער אַ דײַטשער —

זענעןביידע אויסטייטשן גלייך פרעמד. אונדז איז שיילאָקס פּאַטעטישע העלדישקייט — פּוסטער קלאַנג, בלויזע קאָמישע שפּיל — ביליקער חוזק. מוזן מיר זוכן אַן אייגענעם צוגאַנג. אַ צוגאַנג, וואָס זאָל אויסוואַקסן פון אונדזערע ווייטיקן און איבער־לעבונגען.

מוז קודם כל פאַרווישט ווערן דאָס פּריוואַטע. די איך־און דו־שפּיל, דער פּערזענלעכער סכסוך צווישן שיילאָק און אַנטאָניאָ. — — אונדזער צייט, די צייט פון שווערע מאַסן־קאַמפן און טיפע אויפטרייסלונגען, האָט נישט קיין חוש פאַר דעם שטרייט צווישן אַנטאָניאָ און שיילאָק. מיר קענען דאָס לעבן פון אַן אַנדערער זייט. מיר ווייסן וועגן נאָך אַנדערע צוזאַמענהאַנגען. מיר זענען צוויי וועלטן אין אַ בלוטיקן געראַנגל. פון איין זייט, דאָס גליקלעכע ווענעדיק, פון דער צווייטער — דאָס יידישע געטאָ. און צווישן זיי אַ קאַמף אויף טויט און לעבן. דער אייביקער קאַמף צווישן די וואָס ווערן געדריקט, און די, וואָס דריקן. פעלקער? ראסן? קלאַסן? וואָס מאַכט אויס דער נאָמען?

ווענעדיק — די שטאָט פון פּרעכטיקע פּאַלאַצן, פון רחבות און עשירות — האָט מען געזען אויף דער בינע. איצט וואַקסט אויס פאַר אונדזערע אויגן די צווייטע

אַ בן שמונים וחמש, האָט ער דעם 4טן יאַנואַר 1960 אין אַ בריוו פון האָליוווד צום הבימה־אַרטיסט שמעון פינקעל געשריבן:

„איך האָב געשפּילט שיילאָקן ווי ער וואָלט געווען דער באַראָן הירש אָדער באַראָן ראָט־שילד. כ'האָב אים געשפּילט מיט אַזאַ מאַיעסטעט, ווי איך וואָלט געוואָלט שפּילן יוליוס צעזאַר, אַזוי מאַיעסטעטיש, אַז קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן און נישט מוחל זיין, וואָס דער פּעדעראַסט אַנטאָניאָ האָט געשפּיגן אויף אים און האָט אים גערופן „הונט". מיין שיילאָק איז געווען אַ מאַן מיט געפיל פון כבוד, אַ תלמיד חכם, אַ יודע ספר — —"

אין שעקספּיר־פעסטיוואַל 1960, אין שעקספּירס געבוירן־שטאָט סטראַטפאָרד, האָט די ראָל פון שיילאָקן געשפּילט אַ יונגער אירלענדישער אַקטיאָר פּיטער אַטאָל, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטרעטן אויפן פעסטיוואַל. שוין אין זיין ערשטער סצענע,ביים שליסן דעם אָפּמאַך וועגן פונט פלייש, האָט ער מיט זיין האַלטונג אַרויסגערופן ביים עולם אַן אויסערגעוויינלעכע התלהבות און שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן ביים אָפּענעם פירהאַנג. בעת זיין גרויסער רעדע אין געריכט האָט געהערשט אין טעאַטער אַ טויטע שטילקייט און ווען ער האָט געענדיקט, איז אויס־געבראָכן אַ שטורעם פון באַגייסטערונג.

אין 1936סטן יאָר האָט דער גרויסער רעזשיסער, לעאָפּאָלד יעסנער (אַ קאָנסערוואַטיווער ייד, ווי ער האָט זיך אַליין געהאַט באַצייכנט אין אַן אינטערוויו) — וואָס איז פון 1919—1930 געווען דער דירעקטאָר פון מלוכה־טעאַטער אין בערלין און נאָכן פאַרכאַפּן די מאַכט דורך די נאַציס געמוזט אָפּריכטן גלות — אויפגעפירט דעם „סוחר פון ווענעדיק" אין אונדזער „הבימה". אין זיין קאָנצעפּציע איז שיילאָק געווען אַן אמתער אַריסטאָקראַט אין רענעסאַנס־מלבושים, וואָס נעמט אויף דעם רייכסטן ווענעציאַנער סוחר אַנטאָניאָ ביי זיך אין הויז. אין דער געריכטס־סצענע זיצט דער דאַזשע גאַנץ אונטן, אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום פּובליקום, אויבן, איבער די טרעפּ, וואָס פירן אין צענטער, אויפן פאָן פון הויכע ווענעציאַנער פענצטער, באַהערשט שיילאָק שטאָלץ און מאַיעסטעטיש די גאַנצע בינע. אַראָפּגייענדיק איבער די טרעפּ וואַרפט ער אויף רעכטס און לינקס בליקן פון פאַראַכטונג.

װעלט: דאָס פֿינצטערע געטאָ מיט זײַן ענגשאַפֿט און דערדריקונג (מאָדנע, דער נאָמען „געטאָ" איז אױפֿגעקומען אין װענעדיק!). די הײַזער, װאָס קאָנען זיך נישט צעשפּרײטן אין דער ברײט, שטרעקן זיך איבעראַנאַנד אין דער הײך, גראָבן זיך אין דער טיף. און װאַקסן קרום: די הײַזער, די מענטשן, די געדאַנקען. דאָרט — ליבע און לוסט, דאָ שׂנאה און פּײַן. דאָרט — שטענדיקע מוזיק, דאָ — אײביקע קרעכצן. — —

אין אַזאַ סבֿיבֿה לעבט שײַלאָק. ער האָט פֿײַנט מוזיק, „די קװיטשערײַ פֿון אױס־געקרומטע טרובעס", אים איז פֿרעמד שפּיל און טאַנץ. און אַ שׂנאה אין האַרצן טראָגט ער צו יענע, די פֿרײלעכע, די גליקלעכע. זײ לאַכן אָפּ פֿון אים און זײַנס גלײַכן, זײ שפּײַען אױף זײַן באָרד, טרעטן אים מיט די פֿיס.

נאָר אָט טרעפֿט, אַז זײ מוזן אָנקומען צו אים. זײ דאַרפֿן געלט און װילן עס באָרגן בײַ אים. זאָל ער זײ דאָס געלט באָרגן? זאָל ער זײ אָפּזאָגן? ער װאָלט געקאָנט כאַפּן אַ גוט פּאַרדינסטל, אַ היפּשן פּראָצענט.

אָבער נײן. אים נאָגט די שׂנאה, אים טאָטשעט דער װאָרעם פֿון נקמה. װי, װען ער װאָלט געפּרוּװט דערנידעריקן זײ אײן אײנציק מאָל, װי זײ דערנידעריקן אים טאָג־אײַן טאָג־אױס? װי, װען ער װאָלט אַרײַנגעשריבן אַ קאָמישן באַלײדיקנדיקן פּונקט אין אָפּמאַך און דאַן אַלעמען געװיזן, װי אײנער, דער גרעסטער, דער רײַכ־סטער, דער „קעניגלעכער סוחר" האָט זיך פֿאַרקנסט בײַם ייִדן? געמאַכט. קײן פּראָ־צענט װעט ער נישט נעמען פֿאַר דער סומע, אָבער אַרײַנשרײַבן װעט ער אין װעקסל, אַז אויב דער בעל־חובֿ װעט נישט צאָלן צום טערמין, מעג ער אַרױסשנײַדן אַ פֿונט פֿלײש פֿון אים.

צוליב אַ שפּאַס. װאָרעם, אַז דער רײַכסטער פֿון די רײַכע, װאָס זײַנע האַנדלס־שיפֿן פֿאָרן איבער אַלע ימען, זאָל נישט קאָנען באַצאָלן דעם חובֿ — דאָס קאָן נישט טרעפֿן.

אָבער עס קומט אַנדערש. אױף אַ סעודה צו די איטאַליענער גײט שײַלאָק. װען ער קומט צוריק, איז זײַן טאָכטער אַנטלאָפֿן מיט אַ קריסט און מיט איר זענען פֿאַרשװוּנדן געװאָרן אויך די אוצרות זײַנע, דאָס מזומנע געלט און די טײַערע שטײנער. לאָזט ער זיך לױפֿן זוכן די טאָכטער און די רענדלעך. מענטשן אין די גאַסן לױפֿן אים נאָך און חוזקן פֿון אים. ער װערט צו שאַנד און צו שפּאָט.

פֿאַרגנבֿעט זיך אַ גרױזאַמער געדאַנק אין זײַן שאַרפֿן מוח. עקבֿערט זיך אײַן מיט אײַזערנער עקשנות. אַ געדאַנק — קרום װי די אױסגעקרימטע הײַזער אין געטאָ. אַנטאָניאָ איז באַנקראָט. און בײַ שײַלאָקן אין טאַש איז דאָ דער װעקסל מיט יענער אױסטערלישער התחײַבֿות פֿון אַ פֿונט פֿלײש. אַ װעקסל, אױסגעשטעלט בײַ אַ נאָטאַר לױט אַלע כּללים פֿון געזעץ. זײַן גאַנץ פֿילן און טראַכטן װערט באַהערשט דורך דעם

איינציקער באַגער: נקמה. דער ווייטיק פֿאַרסמט זיין האַרץ, פּרעסט זיין מוח. ווען ער וואָלט נאָך געקאָנט נאָרמאַל טראַכטן, וואָלט ער איינגעזען, ווי אַכזריותדיק זיין באַגער, ווי אוממענטשלעך, ווי אומזיניק אויך פֿון דער יוריסטישער זייט. אָבער ער איז נישט מסוגל צו טראַכטן רויִק.

און ווידער: ווענעדיק איז אַ מלוכה, ווו דאָס געזעץ האָט אַ האַפּט. גלוביק און גליקלעך, שיכור פֿון נקמה, קומט ער צום פּראָצעס. דאָס געריכט שטייט תּחילת כּלומרשט אויף זיין זייט. טראָגט אַרויס אַ שווערן פּסק אויף אַנטאָניאָ. אָבער גלייך קומט אַ באַוואָרעניש: שניידן מעגסטו, אָבער אַזוי, אַז בלוט זאָל נישט רינען. און ווייטער: אַקוראַט אַ פֿונט, נישט מער און נישט ווייניקער. אויב מער אָדער ווייניקער אַ לויט, ווע סטו שטאַרבן! און אפֿשר איז דאָס צו ווייניק, קומט נאָך אַ נייער פּאַראַגראַף: ווען אַ פֿרעמדער האָט בלויז געפּלאַנט אומצוברענגען אַ בירגער, איז ער שוין חייב מיתה. אָבער קריסטן זענען באַרמהאַרציק: זיי שענקען דעם יידן דאָס לעבן. מערניט, זיי נעמען צו ביי אים די מיטלען צום לעבן: זיין פֿאַרמעגן. און גיבן צו נאָך אַ באַדינג: ער זאָל זיך שמדן.

דאָס איז איבער די כּוחות פֿון אַ מענטשן. דאָס האַלט זיין מוח נישט אויס, די כּלי פּלאַצט.

קאָן דען אַנדערש זיין? קאָן דען אונדזער שיילאָק אַהיים גיין און הייסן זיך שיקן די שמד־אַקטן צום אונטערשרייבן — ווי שעקספּיר וויל עס? צי קאָן ער אַרויסשפּרייזן שטאָלץ און מאַיעסטעטיש, ווי דער געניאַלער ענגלישער אַרטיסט ערווינג האָט עס געטאָן? צי קאָן ער — ווי עס האָבן, משמעות, געטאָן אַנדערע קלענערע אַקטיאָרן — אַריינשטעכן זיך אַ מעסער אין ברוסט?

ער האָט געזינדיקט קעגן אַ לעבן פֿון אַ צווייטן. און ער האָט זיין שטראָף באַקומען. ער האָט זיך צו פֿיל פֿאַרלאָזט אויפֿן מוח זיינעם, און דער מוח האָט אים אָפּגענאַרט.

דאַרף מען שיילאָקן באַפּוצן? דאַרף מען אים פֿאַרשענערן? ניין. ער איז אַ פּראָדוקט פֿון די באַדינגונגען, אַ געוויקס פֿון געטאָ. ער איז פּערזענלעכקייט און פּאַרנעם. און דעריבער דער טוּען פֿון געטאָ, פֿון אַלע געטאָס. נישט זיין פּראָצעס פֿירט ער. נישט צוויי מענטשן משפּטן זיך אין געריכט. צוויי לאַגערן שטייען אויף דער בינע: יידן און איטאַליענער. און פֿירן דעם אייביקן קאַמף פֿון אונטערדריקטע און אונטערדריקער — —"

אין דער אינסצעניזאַציע האָב איך באַזייטיקט דעם קורצן פֿינפֿטן אַקט. הגם דאָס איז שוין זינט יאָרן געווען אַ באַשלאָסענע זאַך, האָב איך עס געטאָן מיט אַ שווער האַרץ. נישט לייכט האָב איך געקאָנט פֿועלן ביי זיך צוצונעמען ביי שעקס־פּירן אַזעלכע פּאָעטישע פּערל, ווי דער ליבע־דועט אין אַ לבנה־נאַכט צווישן לאָ־

רענצאַ און דזשעסיקאַ, אָדער לאָרענצאָס הימן אויף מוזיק, וואָס קלינגט אויס אין אַזעלכע ווערטער:

יענער מענטש, וועלכער האָט נישט קיין מוזיק אין זיך,
דער צוזאַמענקלונג פון זיסע טענער קען אויף אים נישט ווירקן,
איז פעיק אויף פאַרראַט, רויבעריי און כיטרעקייט.
די רעגונג פון זײַן זינען איז טעמפּ ווי די נאַכט,
זײַן פרײַנטשאַפט איז אומעטיקער ווי ערעבוס,
אַזעלכן זאָלסטו נישט געטרויען! הער נאָר די מוזיק!

אָבער 1929 האָט זיך דער בלוטיקער גערודער צווישן די אונטערדריקטע און אונטערדריקער נישט געקאָנט אויפלייזן אין מוזיק און פּאָעזיע. דעם דערמאָנטן אַרטיקל אין „ליטעראַרישע בלעטער״ האָב איך פאַרענדיקט מיט אָט די ווערטער: „דער תהום צווישן ביידע וועלטן בלייבט ביז צום סוף פון דער בלוטיקער שפּיל. קיין ליבע־מוזיק קאָן אים נישט פאַרגלעטן, קיין לבנה־נאַכט פאַרווישן. אַ מאָל, אין שעקספּירס צײַטן — יאָ, און נאָך הונדערטער יאָרן שפּעטער אויך. הײַנט — נישט״.

דער דאָזיקער צוגאַנג האָט געפאָדערט דאָס איבערשטעלן דעם סדר פון די סצענעס. אין ערשטן אַקט גיט שעקספּיר אין דער ערשטער סצענע דעם פּאַן פון דער פּיעסע: אַ גאַס אין ווענעדיק, ווו אַנטאָניאָ באַגעגנט זיך מיט זײַנע פרײַנט, חכמעט זיך און ווערטלט זיך מיט זיי און באַסאַניאָ דערציילט אים, אַז ער שדכנט זיך צו דער רײַכער פּאָרציאַ אין שלאָס בעלמאָנט, האָט אָבער נישט קיין געלט, כדי זיך ווערדיק אויסצושטאַפּירן צו דער נסיעה. אַנטאָניאָ, וואָס די שיפן זײַנע שווימען איבער שבעה ימים, האָט נישט קיין מזומנים, איז אָבער גרייט ערב צו זײַן פאַר זײַן פרײַנט, הייסט אים זוכן אַ הלוואה און פאַרענדיקט:

איך וועל אויכעט זוכן און מיר פעלט נישט אײַן צו זאָרגן,
אַז ווען איך בין ערב, זאָל עמעצער נישט וועלן באָרגן.

און שוין אין דער צווייטער סצענע פון דאָזיקן אַקט געפינען מיר זיך אויפן שלאָס בעלמאָנט, ווו פּאָרציאַ דערציילט איר באַדינערין נעריסאַ וועגן דער מאָדנער צוואָה פון איר פאָטער, וועלכער האָט דעם שידוך פון זײַן טאָכטער געמאַכט אָפּהענגיק פון דעם ריכטיקן אויסקלויב צווישן דריי קעסטלעך (דאָס פאַרקניפּן די אַקציע).

אין דער דריטער סצענע פון ערשטן אַקט (אַן עפנטלעכער פּלאַץ אין ווענעדיק)

בעט באַסאַניאָ ביי דעם ייד שײַלאָק אַ הלוואה פון דריי טויזנט דוקאַטן אויף דער צייט פון דריי חדשים און באַלד קומט אָן אַנטאָניאָ און שוין מיט די ערשטע ווערטער באַליידיקט ער שײַלאָקן:

שײַלאָק!
הגם איך ליי נישט קיין מאָל און איך באָרג נישט,
כדי פּראָצענטער נישט צו נעמען און נישט צו געבן.
אָבער כדי צו ראַטעווען מיין פריינט, וועל איך ענדערן מיין מנהג.

תחילת בלייבט שײַלאָק רויק און דערציילט באריכות די מעשה פון חומש, וואָס יעקב אָבינו האָט אויפגעטאָן, כדי צו באַקומען פון לבן הארמי די געשפּרענקלטע שאָף. און ווען אַנטאָניאָ וואַרפט אים צו פּראָוואָצירנדיק: „דער טייוול אַליין שטיצט זיך אויף אַ פּסוק, ווען ער דאַרף אים צו זיין צוועק" — ברויזט אויף שײַלאָק:

סיניאָר אַנטאָניאָ,
אַזוי פיל מאָל, אַזוי פיל מאָל, האָט איר מיך אויף דער בערזע
געזידלט וועגן מיינע געלטער און וועגן די פּראָצענטער מיינע.
איך האָב תמיד עס פאַרטראָגן, געהויבן מיט געדולד די אַקסלען,
ווייל סבלנות האָט געקריגן אונדזער פאָלק בירושה.
גיט אַ קוק: אומגלויביקער האָט ער מיך גערופן
און געשאָלטן האָט איר מיך: כלב מיאוסער,
און איר האָט געשפּיגן אויף מיינע יידישע בגדים
און בלויז דערפאַר, וואָס איך באַנוץ זיך מיט מיין אייגנס.
אַצינד, משמעות, איז מיין הילף פאַר אייך באַדערפטיק.
נו, גוט! איצטער קומט איר און איר זאָגט:
„שײַלאָק, מיר דאַרפן געלט". אַזוי־אַ זאָגט איר,
איר, וואָס אייער שפּייעכץ איז געלעגן אויף מיין באָרד.
איר, וואָס האָט מיך מיט די פיס געטראָטן, ווי אַ פרעמדן הונט,
וואָס איז אַריבער אייער שוועל. געלט פאַרלאַנגט איר?
וואָס זאָל איך אייך ענטפערן? צי דאַרף איך איצטער אייך נישט זאָגן:
„צי דען זשע האָבן כלבים געלט? היתכן, אַז אַ הונט
זאָל קענען לייען דריי טויזנט שטיק דוקאַטן?"
און אפשר זאָל איך גאָר פאַר אייך זיך בוקן, ווי אַ שקלאַף,
דעם אָטעם איינהאַלטן און שטילערהייט אַ שעפּטשע טאָן:

האַר לעבן! יענעם מיטוואָך האָט איר מיר אַ שפּײ געטאָן אין פּנים.
אין דעם און אין דעם טאָג האָט איר מיך געקאָפּעט מיט די פיס.
אַנדערש מאָל האָב איך געהייסן: „פאַרשיווער הונט" —
און איצט פאַר אַלע די חסדים
וועל איך לייען כּך־וכך מזומן געלט.

און ווען שײַלאָק רוקט אַרויס דעם קוריאָזן באַדינג, ער זאָל מעגן אויסשניידן אַ פונט פלייש פון אַנטאָניאָס גוף אין פאַל, ווען ער וועט נישט באַצאָלן צום טערמין דעם חוב, איז אַנטאָניאָ מסכּים. אַזוי האָפערדיק איז ער ביי זיך.

— — קיין שום בייז קאָן דאָ נישט געשען.
אַ חודש פריער פאַר דער צייט וועל איך מיינע שיפן זען.

דערמיט פאַרענדיקט זיך דער ערשטער אַקט. אַן עקספּאָזיציע פאַר דעם ווײַ־טערדיקן פאַרלויף פון דער אַקציע לויט די בעסטע קלאַסישע מוסטערן.

די קומענדיקע צוויי אַקטן וואַרפט שעקספּיר פונאַנדער אויף פאַרשידענע ערטער. די ערשטע, זיבעטע און ניינטע סצענע פון צווייטן און די צווייטע, פערטע און פינפטע אין דריטן קומען פאַר אין שלאָס בעלמאָנט, די איבעריקע זענען צע־וואָרפן אויף פאַרשידענע גאַסן און פּלעצער אין ווענעדיק, אין איינציקע, זייער אַ קורצינקע, צווישן שײַלאָקס טאָכטער דזשעסיקאַ און דעם איטאַליענער לאָרענצאָ, וואָס גנבעט זי אַרויס, קומט פאַר ביי שײַלאָקן אין הויז (צווייטער אַקט, דריטע סצענע) און צוויי אין דעם זעלבן אַקט (פינפטע און זעקסטע) פאַר זיין הויז. פון געטאָ איז ביי שעקספּירן קיין זכר נישט פאַראַן. כּידוע, האָט זיך דער מחבר אין זיין טעאַטער נישט באַנוצט מיט קיין דעקאָראַציעס. משמעות האָט בלויז אַן אויפ־שריפט אויף אַ טאָוול באַצייכנט דאָס אָרט, ווו אַ סצענע קומט פאַר. יש אומרים, אַז אויך דאָס איז געווען איבעריק, מחמת פון די ווערטער, וואָס די געשטאַלטן זאָגן, ווערט קלאָר, ווו די אַקציע שפּילט זיך יעדעס מאָל אָפּ.

אין דער אינסצעניזאַציע האָב איך געמוזט שאַרף פונאַנדערטיילן די צדדים: דער גאַנצער ערשטער אַקט קומט פאַר ביי מיר אין „קריסטלעכן" ווענעדיק, דער גאַנצער צווייטער אין געטאָ, דער דריטער אין גאַנצן אין בעלמאָנט, דער פערטער, ווי ביים מחבר, אין געריכט־זאַל. דעריבער האָב איך זיך אויך נישט געקאָנט באַנוצן מיט שעקספּירס טעכניק פון בייטן די ערטער פון איינצלנע סצענעס אין די אַקטן גופא. יעדע וועלט האָט געמוזט זיין אַ פעסט־געבויטע, אָפּגעשלאָסענע אין זיך.

פאַר דעם אַקט אין געטאָ איז ביי שעקספּירן קיין מאַטעריאַל נישט געווען. האָב

איך אים געמוזט צונויפטראָגן פון אַנדערע מקורות. מיט התמדה האָב איך געשטו־דירט אין דער גרויסער סינאַגאָגע־ביבליאָטעק (שפּעטערדיקער „יודאַיסטישער אינ־סטיטוט”) אויף טלאָמאַצקע ליטעראַטור וועגן איטאַליענישע געטאָס, בעיקר פון ווענעדיק און רוים: די באַציונגען פון דער קריסטלעכער וועלט צום געטאָ, דאָס אינעווייניקסטע לעבן, מנהגים און טראַכטן. דער מאַטעריאַל, וואָס כ׳האָב אָנגעקליבן, וואָלט געקלעקט נישט אויף איין פּיעסע. וואָלט איך — ווי נישט איין מאָדערנער רעזשיסער האָט עס געטאָן — צוגעשריבן אָדער געלאָזט צושרייבן טעקסט, וואָלט דער דאָזיקער אַקט געהאַט אַן אַנדער פּנים. אָבער דאָס האָב איך צוליב פּרינציפּיעלע טעמים קיין מאָל, נישט פריער און נישט שפּעטער, נישט געטאָן. האָב איך קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי אַריינצופירן עטלעכע פּאַנטאָמימישע סצענקעס. די טראַגעדיע פון אַ יונגן ייִד, וועמען מען האָט געצוווּנגען צו שמד. ווען ער אַנ־טלויפט פון קלויסטער צוריק אין געטאָ, קערן זיך אַלע אָפּ פון אים און רודפן אים עד חרמה. אָבער די באַרמהאַרציקע קירך היט אירע שעפעלעך, איר פּאָליציי פירט אים אַרויס ביד חזקה און וואַרפט אַן אַ פּחד אויף די איינוווינער פון געטאָ. אין געטאָ רייסט זיך אַריין אַ קאַרנאַוואַל־מאַסקאַראַדע און טרייבט ביטערן חוזק מיט די ייִדן. די דאָזיקע סצענע האָב איך שוין געקאָנט פאַרבינדן מיט דער אַקציע פון דער פּיעסע, מיט אַרויסגנבענען דזשעסיקאַן דורך לאָרענצאָ און זיין חברותא.

אין הסכם מיט דער הויפּט־אידעע פון דער אינסצעניזאַציע האָט דער פערטער אַקט — דער פּראָצעס אין געריכט — נישט געקענט זיך אָפּשפּילן בלויז צווישן שיילאָקן און אַנטאָניאָ, וועמען זיינע פריינד רינגלען אַרום. ווי יעדער געניאַלער קינסטלער, איז שעקספּיר נישט געווען שטאַרק אָפּגעהיט אין קליינקייטן. אין „סוחר פון ווענעדיק” פירט ער אַריין אין דער צווייטער העלפט פון דער ערשטער סצענע אין דריטן אַקט אַ ייִדן מיטן נאָמען תובל. איינער פון דער איטאַליענישער חברותא, סאַלאָניאָ, באַגריסט אים מיט אַזעלכע ווערטער: „דאָ קומט אַן אַנדערער פון זיין שטאַם; דעם דריטן איז אוממעגלעך אויסצוזוכן, סיידן דער טייוול אַליין זאָל ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ ייִד”. אָבער אין דער צווייטער סצענע פון דעם זעלבן אַקט דערציילט דזשעסיקאַ, וואָס איז געווען אַנטלאָפן מיט איר לאָרענצאָ קיין בעלמאָנט, אַז ווען זי איז נאָך געווען ביי איר פאָטער, האָט זי געהערט, ווי „ער האָט גע־שווירן פאַר זיינע לאַנדסלייט תובל און כוס, אַז ער וויל ליבערשט אַנטאָניאָס פלייש איידער צוואַנציק מאָל אַזוי פיל ווי די סומע”. איז, הייסט עס, שוין פאַראַן אין ווענעדיק אַ דריטער ייִד מיטן נאָמען כוס.

אויב איך האָב מיר שוין מתיר געווען צו לאָזן אָפּשפּילן אַ גאַנצן אַקט — דעם צווייטן — אין געטאָ, האָב איך מיר שוין געקאָנט פאַרגינען אין פערטן צו ברענגען ייִדן אין געריכט אַריין. אין געטאָ זענען געווען געוויס נישט בלויז אַלטע און

קרעכצנדיקע, נאָר אויך יונגע און דרייסטע. דער פּראָצעס פירט זיך אויף דער פּאָ־דערשטער בינע. אין דער טיפעניש, מיטן פּנים צום טעאַטער־עולם, פּאַרפּולן אי־טאַליענער און יידן דעם געריכטזאַל, אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע, אָבער אויף איין פלאַך. זיי רעאַגירן לעבעדיק אויפן פאַרלויף פון פּראָצעס, וואַרפן זיך איבער צווישן זיך מיט בייזע בליקן, שטעכווערטלעך און אויסגעשרייען. זיי שאַפן אַ ברייטן רעזאָנאַנס פאַרן סכסוך צווישן שײַלאָק און אַנטאָניאָ און דערהייבן אים צום געראַנגל צווישן ביידע לאַגערן.

אין יידישן טעאַטער האָט „שײַלאָק" הינטער זיך אַ לאַנגע געשיכטע. שוין אין 1894סטן יאָר איז ער געשפּילט געוואָרן אין ניו־יאָרק אונטערן טיטל — „שײַלאָק דער קויפמאַן פון ווענעדיק" (ביי שעקספּירן איז אַנטאָניאָ דער סוחר פון ווענעדיק און נישט שײַלאָק), אין דער איבערזעצונג און באַאַרבעטונג פון ראובן ווייסמאַן, איינעם פון די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע סופליאָרן אין יידישן טעאַטער. זינט יענער צייט איז די פּיעסע פיל מאָל געשפּילט געוואָרן דורך יידישע אַרטיסטן, בתוכם יעקב פּ. אַדלער, מאָריס מאָסקאָוויטש, רודאָלף שילדקרויט, מאָריס שוואַרץ, זיגמונט פיינמאַן, יעקב זילבערט. יעדער פון זיי האָט פאַר זיינע באַדערפענישן און לויט זיין איינזען באַאַרבעט דעם טעקסט. קלאָר, אַז כ'האָב זיך נישט געקאָנט באַנוצן מיט קיין איינעם פון די דאָזיקע טעקסטן. געהאַנדלט האָבן מיט זיי — אַגב, ווי מיט אַ סך אַנדערע פּיעסעס — די סופליאָרן פון יידישע טרופּעס, וואָס האָבן פון קדמונים געהאַט אַ חזקה אויף לקחנען פּיעסעס פון אַקטיאָרן אָדער איבערשרייבן זיי פון זכרון. אין 1899סטן יאָר איז אַרויס אין דרוק אַן איבערזעצונג פון יוסף באָוושאָווער, וואָס איז עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן פון מאַטריצן — דאָס לעצטע מאָל אין 1911. די דאָזיקע איבערזעצונג האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין פאַרעלטערט. האָב איך געוואָלט האָבן אַ נייע איבערזעצונג. איך האָב זי באַשטעלט ביים דיכטער ישראל שטערן און צונויפגעפּאַרט האָב איך אים מיט דעם פּראָפעסיאָנעלן איבערזעצער מאַרק ראַקאָווסקי. יעדן אַקט האָבן מיר גלייך נאָכן איבערזעצן געלייענט אויפן קול און בודק געווען די סצענישקייט פון דיאַלאָג, פאַרריכטנדיק וואָס מען האָט געדאַרפט.

הגם כ'האָב געהאַט — ווי דערמאָנט — אַ פּאַרטיקע אינסצעניזאַציע פאַר מיין אויפפירונג, אַן דעם פינפטן אַקט און מיט נאָך אַנדערע קיצורים, ווי אויך מיט אַן איבערגעשטעלטן סדר פון די סצענעס, האָב איך געבעטן שטערנען, ער זאָל איבער־זעצן נישט בלויז יענעם טעקסט, וואָס איך האָב געניצט פאַר דער אויפפירונג, נאָר די גאַנצע פּיעסע און אין דעם סדר, ווי שעקספּיר האָט זי אָנגעשריבן. אין שרייב־מאַשין־קאָפּיע — ווי ווייט מיר איז באַוווּסט, די איינציקע — האָט זיך אויפגעהיט ביי מיר. פון איר שטאַמען די אויבן געבראַכטע ציטאַטן.

יהושע מאַניק

ווי אלט איז דער פעלדז

ווי אַלט איז דער פעלדז,
ווי ער שטאַרצט בײַ די ברעגן
פון ימען און טײַכן,
פאַרקוקט אין דער בלויקייט?

ווען כ׳טו מיט מײַן האַמער
אַ זעץ אין זײַן שאַרבן,
צעשפּריצן זיך פונקען —
זכרונות...
סע קומען אים אויף
די קדמונישע יאָרן,
דערמאָנען ווען פלאַם איז
געוועזן זײַן אָטעם;
און ליכט איז זײַן יחוס,
און פײַער זײַן שטאַם איז.

אברהם ליס

די דאָקומענטאַציע
פון דער חורבן־תקופה

(ביכער, וואָס זענען דערשינען אין יאָר 1965)

עס איז אַ הייליקע שליחות, וואָס ס'דערפילן די צענדליקער און צענדליקער לאַנדסמאַנשאַפטן, די פשוטע יידישע פאָלקסמענטשן, אָפּשטאַמיקע פון שטעט און שטעטלעך, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אַזאַ עקשנות, אַרויסצוגעבן יזכור־ספרים אין אָנדענק פון זייער אומגעבראַכטער היים. דער דאָזיקער וווּנדערלעכער ספּאָנטאַנישקייט פון די האַרציקע יידישע מענטשן אין זייער ווילן צו פאַראייביקן אין אַ ספר זייער פאַרשניטענע היים, וואָלטן די, וואָס זענען באַרופן דערצו, באַדאַרפט העלפן, אַז אָט די יזכור־ביכער זאָלן בילדן דעם יסוד פון דער היינטצייטיקער רעגיאָנעלער געשיכטע פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום.

מיר ווילן דאָ איצט פאַרצייכענען אַ צאָל ווערק פון דאָקומענטאַרן כאַראַקטער.

אין דעם לעצטן יאָר זענען דערשינען — באַזונדערס ביי אונדז אין לאַנד — אַ ריי וויכטיקע ביכער — זאַמלונגען פון דאָקומענטן פון דער נאַצי־צייט, באַשרייבונגען פון יידישן גוראַנגל, שילדערונגען פון קאַצעט און געטאָ, דערציילונגען און זכרונות פון אָפּגעראַטעוועטע פון גיהנום. וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע ווערק, וואָס פאַרדינען אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. כאָטש מיר ווייסן אַלע, אַז יעדעס בוך און יעדע באַשרייבונג פון דער תקופה טראָגט אין זיך היסטאָרישע חשיבות...

אַ בוך פון היסטאָרישן ווערט, הגם ניט פון דער נאַצי־צייט, איז די זאַמלונג פאָרש־אַרבעטן „מחקרים לתולדות יהודי לובלין" פון דער אומגעקומענער היסטאָריקערין בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט, אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינד. בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט האָט געהערט צו דעם קרייז יונגע היסטאָריקער אין וואַרשע, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער לינקער „פּועלי־ציון". אין דעם אינפאָרמאַטיוון און נאַראַטיוון אַריינפיר צו דעם בוך דערציילט באַריכות ד"ר רפאל מאַהלער וועגן דעם אויפקום און טעטיקייט פון אָט דעם קרייז, וואָס האָט טאַקע געהייסן — „יונגער היסטאָריקער", און צוזאַמען מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט באַקומען מיר אויך אַ ריי וויכטיקע פּרטים וועגן

דער טעטיקייט פונעם קרייז, וואָס — ווי ד״ר מאַהלער זאָגט — „איז געווען אַן איינציקאַרטיקער ניט נאָר ביי יידן, נאָר אויך ביי אַנדערע פעלקער, ווייל ספּעציפישע גורמים פון צייט און באַדינגונגען האָבן אים געשאַפן און אים געשטויסן צו שאַפן״... פון דעם אַריינפיר דערוויסן מיר זיך אויך וועגן די העכער צוואַנציק אומגעבראַכטע יונגע געלערנטע, מיטגלידער פון דעם קרייז, און פון זייערע וויכטיקע אַרבעטן.

בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט איז געווען אַ טאָכטער פון אַ יחוסדיקער, חסידישער משפחה אין לובלין. און איר האָט טאַקע באַזונדערס פאַראינטערעסירט די יידישע געשיכטע פון אָט דער אַלט־דורותדיקער יידישער שטאָט. אַ סך פון אירע פאָרש־אַרבעטן זענען פאַרלוירן געגאַנגען, מ׳האָט אויך ניט אָפּגעפונען איר גרויסע מאָנאָגראַפיע וועגן דער יידישער לובלין. נחמן בלומענטאַל — אַ נאָענטער פריינד פון דער היסטאָריקערין, וועלכער איז פאַר דער מלחמה געווען אַ לערער אין דער זעלבער מיטלשול, ווו בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט האָט געגעבן לעקציעס פון געשיכטע — דערציילט אין זיין אָפּשאַצונג „בעלאַ, ווי איך האָב זי געקאָנט״ (נ. בלומענטאַל האָט אויך צוגעגרייט דעם בוך צום דרוק) וועגן דעם טאָגבוך, וואָס זי האָט געפירט אין לובלינער געטאָ, פאַרשרייבנדיק יעדן טאָג די געשעענישן און איבערלעבונגען. דעם טאָגבוך האָט בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט איבערגעגעבן אַ קריסטלעכן שכן צו באַהאַלטן. אָבער אַלע באַמיונגען אָפּצוגעפינען דעם טאָגבוך זיינען געבליבן פּרוכטלאָז.

דאָס בוך באַשטייט פון צווי טיילן. דער ערשטער טייל באַקענט אונדז מיט דער געשטאַלט בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט. אינעם צווייטן טייל קומען אַריין היסטאָרישע עסייען און פאָרש־אַרבעטן פון דער היסטאָריקערין, וואָס זענען געווען פאַרעפנטלעכט אין פאַרשידענע צייטשריפטן עטלעכע יאָר פאַרן קריג. דאָס איז בלויז אַ קליינער טייל פון די היסטאָרישע און פאָרש־אַרבעטן, וואָס זי האָט אויפגעשריבן. אָבער אַפילו פון דעם קליינעם טייל, וואָס עס איז געבראַכט אינעם בוך, קענטיקט זיך אַרויס די פלייסיקע פאָרשערין מיט טיפער קענטשאַפט און ערודיציע. און אָט די אַרבעטן וועלן, אָן צווייפל, זיין אַ חשיבותדיקער ביטראַג צו דער היסטאָריאָגראַפיע פון יידישן לעבן אין פוילן. מיר האָבן דערמאָנט, אַז דער געטאָ־טאָגבוך פון דער יונגער היסטאָריקערין איז ניט אָפּגעפונען געוואָרן. ווילן מיר דאָ דערציילן וועגן אַ טאָגבוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט עטלעכע חדשים צוריק (דורך „עם עובד״ און יד ושם). אויף אָט דעם „מגילת יסורין״, דעם „יומן גיטו ורשה״, קען מען אָן גוזמא זאָגן, אַז ס׳איז די מגילה פון גרויל און פיין פון וואַרשעווער געטאָ.

דער מחבר פונעם טאָגבוך, חיים אהרן קאַפּלאַן, האָט במשך פון יאָרן געפירט אַ פּריוואַטע שול. אין די וואַרשעווער ציוניסטישע און תרבות־קרייזן איז ער געווען באַקאַנט ווי אַ פּעדאַגאָג מיט אַן אייגענעם דרך און מיט געטרייע ציוניסטישע טוּאונגען. שוין מיט יאָרן צוריק זענען דערשינען עטלעכע ביכער זיינע, הויפּט־זעכלעך וועגן דערציונג־פּראָבלעמען און עסייען וועגן העברעישע שרייבער און העברעישער ליטעראַטור. דעם טאָגבוך, וועלכן ער רופט אָן: „ידיד נפשי, עמיתי ורעי" (מיין האַרץ־פריינד און חבר) האָט ער אָנגעהויבן פירן נאָך אין יאָר 1936. אַפילו די סאַמע נאָענטסטע פון זיין משפּחה האָבן דערפון ניט געוווּסט. אָבער אַן אַנדער באַדייט באַקומט דער טאָגבוך פון ח. א. קאַפּלאַן פון יענעם טאָג, ווען זיינע פאַרצייכענונגען הייסן שוין ניט מער „מגילת חיי", נאָר „מגילת היסורין".

די פאַרצייכענונגען אינעם טאָגבוך פון ערשטן סעפּטעמבער 1939 הייבן זיך אָן מיט דער שורה: „הבריון הגרמני העיז" (דער דייטשער כוליגאַן האָט געוואַגט). און דער טאָגבוך ענדיקט זיך דעם 4טן אויגוסט 1942 מיט די ווערטער: „אם יבוא קצי — יומני מה יהא עליו!" (אויב עס וועט קומען מיין סוף — וואָס וועט זיין מיט מיין טאָגבוך!").

זיין שרייבן דעם טאָגבוך האָט ער באַטראַכט ווי אַ שליחות — טאָ ווי קען ער עס וועמען איבערגעבן, אָנפאַרטרויען? מיר ווייסן ניט ווייניק פון די גרויליקע געטאָ־יאָרן, אָבער פון ח. א. קאַפּלאַנס „מגילת היסורין" קומען אויף פאַר אונדז מיט געשיכטלעכער גענויקייט ניט נאָר די פיזישע גרויזאַמקייטן, די אַטמאָספער פון יידישער פאַרלוירנקייט, פון פּיין און דערדריקטקייט, טאָג ביי טאָג, נאָר אויך דער אינערלעכער מהות, די גייסטיקע רעאַקציע פון געטאָ־ייד, פונעם יידישן קאָ־לעקטיוו — — —

אָט שרייבט ער אין דער פאַרצייכענונג פון 1טן אויגוסט 1942, עטלעכע טעג פאַר דעם ווי דער טאָגבוך ווערט פאַרענדיקט: „ווען אַפילו אונדזערע כוחות וואָלטן געווען פון שטיין, וואָלטן מיר אויך ניט געקענט אויסהאַלטן ביי די לעבנס־באַדינ־גונגען. די גרויס פונעם אומגליק פאַרשטאַרקט אין אונדז דעם ווילן און כוח צו ראַטעווען דאָס לעבן, אָבער ס'איז ווי די מאָמענטאַנע כוח־שטייגערונג ביי אַ שווער קראַנקן אין רגעס פון סכנה, — באַלד נאָך דעם טרעט אַריין אַ שוידערלעכע שוואַכקייט.

פּראָפ' בערל מאַרק, דירעקטאָר פון היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, ווע־מענס אַרבעט אינעם בוך באַקענט אונדז מיט אַ ריי טאָגביכער פון געטאָ און לאַגער, כאַראַקטעריזירט דאָס אייגנאַרטיקע פון דעם טאָגבוך פון ח. א. קאַפּלאַן, ווי איינעם פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן פון וואַרשעווער געטאָ.

פון דעם „מגילת היסורין" גייט אויף דער גאַנצער טראַגישער פּייזאַזש פון

אויפהאַלטן ביי די בלוטיקע באַדינגונגען דעם צלם מענטש, די האָפענונגען אויף דער פרייער וועלט, וואָס וועט קומען צו הילף, כאָטש די אכזריותדיקעווירקלעכקייט לאָזט שוין אויף גאָרניט מער צו האָפן.

פּראָפ. אברהם יצחק כ״ץ, ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, עפנט דאָס בוך די „מגילת היסורין״ מיט אַ לענגערער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם מחבר און וועגן די פּאַרלויפעניש פון ברענגען דעם כתב־יד צום דרוק (אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דורך װלאַדיסלאַװ וױציק, וואָס האָט געהאָלפן יידן אין די מלחמה־יאָרן).

מיר שטעלן זיך איצט אָפּ אויף אַן אַנדער טאָגבוך, וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע חדשים צוריק, געשריבן פון אַ זעכצן־יאָריקן בחורל, „דאָס יינגל משה״, דער טאָגבוך פון משה פלינקער (אַרויסגעגעבן פון יד ושם, צוזאַמען מיטן י. ל. פּרץ־פּאַרלאַג). איז פאַראַן עפּעס געמיינשאַפטלעכעס אין די אַ טאָגביכער? וואָס איינער איז געשריבן געוואָרן אין געטאָ וואַרשע און דער צווייטער אין אַ באַהעלטעניש אין בריסעל דורך אַ רעליגיעז געשטימטן יינגל? יאָ, ס׳איז פאַראַן.

מיט פיר יאָר צוריק איז דערשינען דאָס בוך „הנער משה״ אין העברעיש, אין דער שפּראַך, אין וועלכער משה פלינקער האָט זיין טאָגבוך געפירט. איצט איז אַרויס דאָס בוך אין יידיש אין דער איבערזעצונג פון יחיאל האָפער.

ווייסן מיר דאָך, ווי נעכטיקע קינדער זענען אין אָנבליק פון די פּחדים און דורכגעגאַנגענע יסורים געוואָרן רייפע, דערוואַקסענע מענטשן, מיט פאַרטיפטע מחשבות וועגן גורל פון מענטש, ייד און וועלט.

אין טאָג פון חודש שבט פאַרשרייבט משה פלינקער „נאָך דעם, ווי צו וועמען די מאַמע האָט אים צוגעשיקט האָט ער שוין ניט געטראָפן״: „פון דער קליינער פרייד, וואָס איך האָב געהאַט, גייענדיק צו אים (צום שמש פון דער שול, וואָס איז שוין מער ניט געווען — א.ל.) איז גאָרנישט פאַרבליבן. קלאָג און טרויער האָבן פאַרפולט דעם אָרט פון פרייד. גייענדיק אַהער, האָב איך געהאַט באַשלאָסן צו גיין זומער שפּאַצירן אינעם וועלדל, וואָס געפינט זיך אין דער נאָענט פון אונדזער שטוב. אָבער ווען איך בין צוריק אַהיימגעקומען, האָב איך מבטל געמאַכט אַלע שפּאַצירן און אַלע זאַכן, וועלכע איך האָב אין זינען געהאַט צו טאָן דעם קומענדיקן זומער. איך האָב שוין פון גאָרנישט געוואָלט קיין הנאה האָבן.

צו בלייבן טרויעריק גאַנצע טעג און איבערבלייבן אַ גאַנצן זומער אין שטוב, דאָס האָב איך געוואָלט. אַפילו דאָס קלענסטע פאַרגעניגן וועל איך ניט אָנטאָן מיין גוף. נאָר צו זוכן מעגלעכקייטן, ווי אַזוי זיך אַליין צו פייניקן — דאָס וועל איך זוכן. מיט מיין גאַנצן גוף און מיט מיין גאַנצער נשמה וויל איך זיין פאַרבונדן מיט מיין פאָלק און מיט זיין ביטערן גורל. אַן אומגליק וועט קומען אויף אים, זאָל עס אויך

קומען אויף מיר. אַ זון צו מיין פאָלק וויל איך זיין. איך ווייס ניט מיט וואָס איך וועל קאָנען פאַרטרייבן אַפילו די קלענסטע פרייד פון מיין האַרץ, אָבער איך וועל שוין געפינען מיטלען דערצו".

„דאָס טאָגבוך — באַמערקט דב סדן אין זיין אַריינפיר־וואָרט — לאָזט זיך אָפּשאַצן פון כמה אַספּעקטן. עס איז דאָך אַן אויסטערליש דאָקומענט פון אַ ייִנגל, וואָס זיין משפחה שטאַמט פון מזרח־אייראָפּע, אָבער ער אַליין איז שוין אויסגע־וואַקסן אין מערב־אייראָפּע, און אין דער איינזאַמקייט פון זיין באַהעלטעניש לעבט ער מיט שאַרפער אינטויִציע, דורך דעם גורל פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן. ווי ווייט די דאָזיקע אינטויִציע גרייכט, לערנען מיר אָפּ פון יענע שטעלן אין זיינע ווערטער, ווי ער אַנטפּלעקט, וואָס עס איז נאָך דעמאָלט געווען פאַרהוילן פון עלטערע פון אים".

אַ סך פון אָט דעם נסיון פון קינדער און יוגנטלעכע אין לאָדזשער געטאָ דער־ציילט אונדז רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק אין איר בוך „אין זיכערע הענט" (פאַרלאַג „חיפה", ביי דער אָפּטיילונג פון ייִדישן שרייבער־און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל). ס'איז אַ בוך דערציילונגען, אָבער מיר נעמען אים אַריין אין דער אָפּהאַנדלונג מחמת זייער דאָקומענטאַרן און כראָניקאַלן ווערט.

„אין זיכערע הענט" איז דער נאָמען פון איינער פון די אַכצן דערציילונגען, וואָס זענען דאָ אינעם בוך. און געוויס ניט על־פּי צופאַל האָט די מחברין מיט דעם נאָמען אָנגערופן דאָס גאַנצע בוך. „אין זיכערע הענט" איז איינע פון די כאַראַק־טעריסטישע דערציילונגען פון די רעטונגס־פּרוון פון ייִדישע משפחות. דער סיפּור המעשה איז אַזאַ: די מאַמע וויל אָפּראַטעווען איר איינציק טעכטערל. שווער איז די צעשיידונג, אָבער ס'איז גובר דער געדאַנק, אַז אפשר, אפשר וועט מירעלע, זייענדיק אויסבאַהאַלטן ביי דער קריסטלעכער פאַמיליע, איבערלעבן און אָפּגע־ראַטעוועט ווערן. דאָס קינד וויל ניט אַוועק פון דער מאַמען. אָבער אויך זי, מירעלע, פילט דאָס לויערנדיקע, פילט נאָך אפשר שאַרפער ווי די דערוואַקסענע... זי גייט אַוועק צו דער גויִשער פאַמיליע וואַרעק. פאַרן אַוועקגיין גיט איבער פרוי זעליגמאַן איר קליין טעכטערל אַ ביכעלע מיט אַדרעסן און זאָגט איר אָן, אַז שפּעטער, ווען אַלץ וועט שוין גוט זיין, זאָל זי צוגיין צו אָט די מענטשן און זאָגן: די מאַמע האָט געבעטן אָפּגעבן דאָס שנירל פּערל, צוריקגעבן די בראָש. דעם ברילאַנטענעם רינג.

באַלד אין די ערשטע טעג האָט די קריסטלעכע באַשיצערין, זוכנדיק אין מירע־לעס קליידער, אָפּגעפונען דאָס ביכעלע מיט די אַדרעסן. איז פאַר וואָס זאָל זי ניט אָפּנעמען דאָס גאָלד און דעם שנירל פּערל — אַ ירושה פון אַ דורותדיק ייִדישער משפחה — פאַר וואָס זאָל זי דאָס ניט אָפּנעמען טאַקע באַלד?

די קריסטין באַגלייט דאָס קינד צו די „אַדרעסן". צו אַלע אַדרעסן. — — —
נאָך דעם פירט זי איר צו ביז צו דעם הויף פון דער געסטאַפּאָ...

אַוודאי וויסן מיר, אַז עס זענען געווען אַנדערע האַנדלונגען פון קריסטלעכע מענטשן; ניט ביי וויניק האָבן יידן געפונען שוץ, אָבער די דערציילונג „אין זיכערע הענט", וואָס האָט אין זיך דאָקומענטאַרע וואָרהאַפטיקייט — טראָגט די באַשולדיקונג קעגן ניט־יידישע שכנים אין דער אָקופּאַציע־צייט.

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק שטאַמט פון לאָדזש. זי איז דורכגעגאַנגען דעם יסורים־וועג פון געטאָ און לאַגער. זי איז ניט נאָר די באַשרייבערין, נאָר אַליין דער עדות. די דערציילונגען זענען דעריבער מער אַן אויסדרוק פון עכטער, אויטענטישער וואָר, און ווי אַזעלכע דאַרפן מיר זיי אויפנעמען.

„און די זון האָט געשיינט" — אַזוי הייסט דאָס בוך פון בערטאָ פערדערבער־זאַלץ, (דערשינען אין פאַרלאַג „המנורה"). דאָס זענען די איבערלעבונגען אָדער, ווי די מחברין רופט עס אַליין — אַ כראָניק. אַ כראָניק פון איינער פון דער שארית־הפליטה. אַן אָפּגעראַטעוועטער פון בערגען־בעלזן.

די מחברין שרייבט: „אין אַ געוויסן זונטיק האָב איך אונטערגעהערט, ווי מיין פאַרזאָרגער זאָגט צו דעם נאַזיון גוטן פויער: — נו, צייט דיך באַפרייען פון דעם עול; איך מיין נישט איר צו טאָן קיין שלעכטס, נאָר מיר ביידע וועלן פאַר איר מאַכן אַ באַהעלטעניש. אין דעם גרויסן וואַלד זענען דאָ ריזיקע גריבער פון וועלף, וועלן מיר אַזאַ גרוב באַדעקן מיט ברעטער און גראָזן און זי דאָרט האַלטן, פון צייט צו צייט צוטראָגן עפּעס עסן: די מלחמה וועט דאָך לאַנג ניט דויערן.

דער אַנדערער פויער האָט זיך אָבער אָנגערופן: — וואָס רעדסטו, די וועלף וועלן דאָך זי באַלד אין דער ערשטער נאַכט אויפעסן. זיין קראַנק ווייב האָט אָנגעהויבן וויינען, אַנידערגעקניט און זיך געצלמט. ענדלעך האָבן זיי שוין אַלע איינגעשטימט און אָפּגעמאַכט צו גיין און אויסזוכן אַזאַ פּלאַץ. איך האָב מיך שוין געזען אין דעם לייבן־גרוב. דאָס לעבן איז במילא ביי מיר גאָרניט ווערט געווען. דאַן האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זונטיק, אויפן וועג צו דער קירכע, וועלן זיי גיין דורך דעם וואַלד־וועג און זען וואָס זיי קאָנען טאָן. איך האָב אָבער געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז אין דער לעצטער מינוט וועל איך לויפן צו דער פּאָליציי און זאָלן זיי מיך דערשיסן"...

אין די קרוב 300 זייטן פונעם בוך זענען קאָנצענטרירט אַלע געשעפענסטן פון די מלחמה־יאָרן: געטאָס, לאַגערן, קרעמאַטאָריעס, פאַרלענדונג. הגם די שרייבערין בערטאָ פערדערבער דערציילט וועגן אירע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, האָבן מיר דאָ סיי די ערטער, סיי די סביבה, וואָס זי האָט געזען, באַאָבאַכטעט און מיט טאַלאַנט פאַרצייכנט.

אַ באַזונדער ווונדערלעך און הערלעך קאַפּיטל אין דעם בוך איז די רעטונג פון יידישע קינדער. די דייטשן האָבן פאַרטיליקט אַ מיליאָן יידישע קינדער. די מחברין איז גליקלעך אויף יעדן געראַטעוועטן קינד, ווי דאָס וואָלט איר אייגן פלייש און בלוט געווען.

בערטאַ פערדערבער־זאַלץ איז באַפרייט געוואָרן אין בערגען־בעלזן.

צום אָנדענק פון געהייליקטע יידישע פאָלקסמענטשן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די מאָנומענטאַלע בילדער־זאַמלונג „אומקום און אויפקום בערגען־בעלזן". און אויב בילדער רעדן, — רעדן דאָ ניט די בילדער, נאָר זיי שרייען אַרויס מיט דעם בלו־טיקסטן וויי־געשריי. דאָס זענען בילדער, וואָס דערציילן אויס אַלע עטאַפּן און שטחים פון אומקום. בילדער פון שמאַכטנדיקע, גוססדיקע, צעשאָסענע מענטשן, וואָס האַלטן אויף דעם צלם מענטש, און מענטשן אין פאַריאושטן גלייכגילט.

אין דעם פאָרוואָרט שרייבט ד"ר יעקב ראָבינזאָן: „די גורלדיקע פראַגע פונעם נביא יחזקאל — „צי וועלן די דאָזיקע ביינער ווען עס איז אויפלעבן" — האָט דאָ באַ־קומען אַ קאַטעגאָרישן פּאָזיטיוון ענטפער: פון אַ הייפל טרוקענע ביינער, כמעט אָן לעבן, איז אויפגעשטאַנען אַ יידישע קהילה, און די הילפלאָזע קרבנות פון דעם שרעק־לעכן טעראָר־רעזשים זענען געוואָרן די טרעגער פון אַ באַנייטן יידישן לעבן אין דער תקופה נאָך דעם חורבן. זיי האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין געראַנגל, צו לייזן אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער אויפלעבונג פון די טרוקענע ביינער, בתוכם דעם קאַמף פאַר דער יידישער מדינה, אין וועלכער אָט דער יידישער קיבוץ, צוזאַמען מיט זיינע חברים פון דער גאַנצער שארית הפליטה, איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן".

רעדאַגירט דאָס בילדער־בוך האָט שמעיה בלאָך, וועלכער האָט, אָן ספק, אַריינ־געלייגט אַ סך מי און איבערגעבנקייט ביים אָפּקלייבן די בילדער, פאָרמולירן די צושריפטן (אָפט מאָל צו פּאַטעטיש), אָבער אַ ביסל מער אָפּגעהיטנקייט און, בעיקר, ווען דאָס בילדער־בוך וואָלט ניט געווען אַזוי רעשיק לוקסוסיעז אין זיין אויסער־לעכקייט, — וואָלט עס, אָן ספק, געטראָגן מער נוסח און געמיט פון שארית הפליטה, פון יידישן חורבן.

צוזאמען מיט דעם בילדער־בוך איז אויך דערשינען אַן אינטערעסאַנטע אויס־גאַבע פון בערגען־בעלזנער יוגנט. אַ זאַמלונג דערציילונגען, לידער, באַטראַכטונגען, אַרטיקלען פון קינדער, געבוירענע אין בערגען־בעלזן נאָך דער באַפרייונג. היינט זענען זיי שוין תלמידים פון העכערע קלאַסן, אַנדערע זענען שוין סטודענטן אין הויכשולן — יוגנטלעכע פון די אַמעריקעס, פון קאַנאַדע און בעיקר פון ישראל.

לייענענדיק אָט דעם „יוגנט־זשורנאַל", געדרוקט אין דריי שפּראַכן, העברעיש,

יידיש און ענגליש, קען מען אַרויסדרינגען, אַז די האַרבע און מאַטערנדיקע פּראָבלעם, ווי צו באַקענען און איינפלאַנצן ביי דער יוגנט די אַספּעקטן פון דער אומקום־דראַמע, קען טאַקע צו מאָל אויך געלייזט ווערן דורך אַט דעם טייל יוגנטלעכע, וואָס זענען אַליין אַזוי אָרגאַניש פאַרבונדן: „מיר, וואָס רופן זיך די קינדער פון בעלזן, האַלטן, אַז מיר זענען אַ טייל פון בעלזן, מיר האָבן אפשר ניט איבערגעלעבט די גרוילן פון חורבן, נאָר מיר קענען און פילן די גרויסע טראַגעדיע. מיר האָבן פּרובירט לערנען פון דעם, כדי מיר זאָלן קענען העלפן אונדזערע עלטערן אין זייערע באַמיונגען, צו מאַכן דער וועלט ניט פאַרגעסן".

מיר וואָלטן איצט נאָך באַדאַרפט זיך אָפּשטעלן אויף די ווערק, וואָס ברייטערן אויס די חורבן־דאָקומענטאַציע, ווי די גרויסע זאַמלונג דאָקומענטן, „המרי והמרד בגיטו ורשה" (איבער 500 זייטן) מיט אַריינפירן, אויפקלערונגען, אינדעקסן און מאַפּעס, צונויפגעשטעלט פון נחמן בלומענטאַל און יוסף קערמיש. דאָס בוך פון מיכאל מולכו און יוסף נחמה „שואת יהדות יוון" (270 זז׳), אַן אויספירלעכע שטודיע וועגן גריכישן יידנטום (וואָס האָט פאַר דער מלחמה געציילט 80 טויזנט נפשות. פון זיי זענען 62 טויזנט פאַרשיקט געוואָרן אין קאַצעטן און טויט־לאַגערן). ס'איז דאָס ערשטע בוך, וואָס שילדערט פאַר אונדז דעם אומקום פון אָט דער זעלטענער עדה. און דאָס בוך פון תיאודור לביא „יהדות רומניה במאבק על הצלתה" — די אַלע ביכער האָט אַרויסגעגעבן „יד ושם".

ניט קוקנדיק אויף די אַלע באַמיונגען, מוזן מיר נאָך מער טאָן, די אומקום־תקופה זאָל קומען צום אויסדרוק אין אונדזער ליטעראַטור, אין אונדזער לעבן. עס טאָר קיין זאַך ניט פאַרגעסן ווערן.

שורות פון לעבן

יעדער לעבט זיך זײַן טאָג:
דער באַרג, דער בוים, דאָס גראָז.
יעדער לעבט זיך זײַן טאָג.

אין גרויס התפעלות לעבן זיי:
עס נעמט די שטערן אויף דער באַרג
צו זיך אויפן קאָפּ.
דער בוים פּלוידערט מיטן ווינט פּוסטע רייד
און דאָס גראָז פּילט אויף זיך די נאָז
פון רינד און שאָף
און פרעגט נישט „צוליב וואָס?"

*

עס האָט געפּלאַצט אַ טאָג פאַר מײַנע אויגן.
געווען — און נישט געוואָרן.
פאַר וואָר, מענטשן, גלייבט מיר אויף נאמנות,
קיין קדיש וועל איך נאָך אים נישט זאָגן
און אַ ווונד אין מײַן האַרץ האָט ער אויך נישט געלאָזן,
פּונקט ווי ער וואָלט גאַרנישט געווען געבאָרן.
און זײַט מיר מוחל, גוטע מענטשן, פאַר דעם וואָס איך וועל זאָגן:
דער מאָרגן, ווי דער הײַנט, ווי דער נעכטן
וועלן גיין דעם גאַנג פון גערעכטן,
פאַרשווינדן אין טרוקענעם טײַך פון דער צײַט
און קיין שפּור וועט נישט בלײַבן פון זיי,
ווי פון מיר, ווי פון דיר, ווי פון אַלע גוטע לײַט.

*

עס אײַלט אַ ווינטל, אײַלט אַדורך.
אונטערוועגס עס טוט אַ שטורך
אַ ביימל, אַזאַ שטילן לאַם,
און לויפט זיך ווייטער, לויפט זיך סתם.

ביז... עס פֿאַלט אַוועק דער העלד,
אַ טויטער ווינט אין מיטן פֿעלד!
און די שטילקייט דעקט אים צו
אין ווײַסע לײַלעכער פֿון רו.

ש. אבני

א חשבון

רומי איז דאָס מאָל אַריינגעקומען אין צריף ווי אַ שאָטן. ער האָט ברוגז געשוויגן און זיך אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע.

דעם טאַטנס בייזע אויגן האָבן אים נישט געאַרט. מיטן אַלטן האָט ער סיי ווי געהאַט אַ חשבון. לגבי דער אומבאַהאָלפענער מאַמען האָט ער אָבער געפילט אַ רחמנות. דער מאַמעס טרויעריקע אויגן פלעגן אים טאַטשען ביי דער נשמה.

צו מאָל כאַפּט ער דאָס פּיצעלע מאַמעלע און וואַרפט זי צו דער סטעליע, ווי מען טוט מיט אַ קליין קינד; ער לאָזט זי נישט אָפּ, ביז זי צעשמייכלט זיך.

רומי איז לאַנג געשטאַנען ביים שפּיגל און געקעמט די שוואַרצע טשופּרינע. נאָך דעם האָט ער פאַרשלונגען דעם נאַכטמאָל, וואָס די מאַמע האָט שווייגנדיק אונטערגעטראָגן, אַ קוק געטאָן בייז אויף הדסהן, זיין זיבעצן־יעריקע שוועסטער, און אַוועק זיך באַגעגענען מיט דער חברה. דאָס מאָל האָט ער די מאַמען נישט געוואָרפן צו דער סטעליע.

אַ פאַרפלאָמט־רויטער הימל האָט זיך געטונקען אין ווייטן ים. פון דאָרט האָט געשפּרייזט די נאַכט.

אין צריף האָט עמעצער אָנגעצונדן דאָס ליכט. יאָסל ווערטמאַן איז נאָך אַלץ געזעסן פאַרטראַכט. דעם זונס דרכים האָבן ביי אים אַרויסגערופן עגמת נפש. וואָס געגנוי ער טוט, האָט ער קיין מאָל נישט געוווּסט, נאָר געפילט האָט ער, אַז דאָס איז עפּעס נישט גלאַט. זיין פּוצן זיך, זיין פאַרפאַלן ווערן אין די נעכט האָבן געוועקט אַן אומרו ביים טאַטן, וואָס האָט געוווּסט כמעט צען יאָר ביי שווערער בוי־אַרבעט.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער ענין מיט דער פאַלשער חתימה איז נאָך נישט אַלץ... דער ערשטער געדאַנק איז געווען, לאָזן דעם זון זיצן, פון דעסטוועגן האָט ער ניט געשטערט דעם ווייב זיך מטפל זיין מיטן ענין.

— „אַ צעריסענע נשמה!" — האָט געזיפצט די מאַמע. קיינער האָט איר נישט געענטפערט. אַפילו די תמיד פריילעכע הדסה האָט געהאַט אַ שווער האַרץ.

צוריק מיט צען יאָר איז יאָסל ווערטמאַן אַוועק פון דער אַלטער היים. „איר

פאַרט אין אייער לאַנד אַריין״ — האָבן געזאָגט גוייִשע שכנים, וועלכע זענען געקו־מען קויפן מציאות פון יאָסלס בעל־הבתישקייט.

סאַריקאַ, זיין פרוי, האָט געשמייכלט. זי איז צופרידן געווען וואָס גויים ווייסן, אַז זי האָט אויך אַ לאַנד.

דעם פופצן־יעריקן רומי האָט געגעסן דער כעס. אין שול האָט ער געליטן בזיונות. פאַר אַלעמען אין די אויגן האָט מען ביי אים אָוועקגענומען דאָס רויטע סקויטן־טיכעלע: „ביסט נישט ווערט צו טראָגן אַ שטיק פון דער רויטער פאָן״ — האָט מען אים געזאָגט.

יאָסל האָט כמעט נישט באַמערקט דעם זונס ראַנגלעניש. פאַר אים איז דאָס פאָרן געווען אַן אַנטרינען פון אַ צעבראָכענער וועלט.

ב

די חברה איז געזעסן אַרום די טישלעך און האָט געטרונקען. אַלע האָבן רומין גאַסטפריינטלעך באַגריסט. חוה, רומקיס אַ געוועזן מיידל, איז געזעסן לעבן חיימלען, איר איצטיקן פריינד. זי האָט פאַרבעטן רומקין זיצן לעבן זיי. חוה האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו דעם שוואַרצן בחור, וועלכער האָט זי צום ערשטן מאָל געשיקט „אַרבעטן״.

רומי האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן „גרויסן״ חיימל, אַ מאָל איז ער מקנא געווען דעם בחור, געוואָלט זיין ווי ער. היינט האָט ער מורא פאַר אים. חיימלס כיטרער שמייכל וואַרפט אַן אויף איינעם אַ שרעק.

כדאי זיך אָפּלאָזן פון אָט די שמאָטעס — זיפצט חיימל, וואַרפנדיק אַ קאַלטן בליק אויף די מיידלעך — גלייב מיר, עס לוינט זיך נישט.

— ס׳איז דאָך דער בעסטער עסק — זאָגט רומי מיט גאַל.

— ווייס איך וואָס — פאַרקרימט זיך חיימל — פאַראַן בעסערע געשעפטן, למשל, דאָס וואָס דו האָסט געפּרוווט. כאַפּט מען נישט, קאָן מען לעבן גאַנצע זעקס חדשים פון אַזאַ טראַנספּאָרט. אַזוי איז קיין לעבן נישט! — רעדט חיימל ווייטער.

— היינט רעדסטו מיר עפּעס ווי אַ בעל־תשובה — וואַרפט רומי אַריין אַ וואָרט.

— דאָס איז אַ לעבן! ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך זאָל האָבן אַ היים, אַ ווייב... אַזאַ מיידל ווי דיין שוועסטער, למשל... נישט אָט דאָס מיסט...— זאָגט חיימל.

רומי איז בלייך געוואָרן. ענדלעך האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס חיימל איז אויסן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן מיט אַ מאָל, אַז ער זעט הדסהס קינדישע געשטאַלט זיך שלענגלען צווישן דעם סיגאַרן־רויך. עס האָט זיך אים געגלוסט כאַפּן די פלאַש פונעם טיש און וואַרפן חיימלען אין פּנים.

ג

רומי האָט באַגלייט זיין שוועסטער דורך די טונקעלע גאַסן. הדסה, אַנגעטאָן אין איר שענסטן קלייד, איז געגאַנגען שטיל און האָט זיך צוגעהערט, וואָס דער ברודער דערציילט וועגן זיינע חברים. רומי האָט זי געוואָלט צוגרייטן צו דער באַגעגעניש:

— ווייסט, די חברה האָט ליב צו טאַנצן, טרינקען אַ גלעזל משקה. פאַראַן צווישן זיי אמתדיקע פאָרלעך. זיי קושן זיך... הדסה הערט עס מיט אינטערעס. דעם ברודערס וועלט האָט תמיד גערייצט איר פאַנטאַזיע.

— דו זאָלסט זיך נישט וווּנדערן — באַרויִקט ער זי און פילט די אומרו אין זיך אַליין.

✶

אַ פּאָר וואָכן, זייט יענעם אָוונט, ווען חיימל האָט געוואָגט די אָנצוהערעניש וועגן דער שוועסטער, האָט ער אויסגעווייכט די חברה, געפּרוּווט זיך לעבן ווי אַלע אַנדערע. געפונען אַרבעט אין אַ גאַראַזש. די מלאכה האָט ער געקענט פונעם מיליטער.

אין אַ טאָג איז אָנגעפאָרן חיימל, געקומען כלומרשט פאַרריכטן דעם מאָטאָציקל.

— דו ביסט עס — מאַכט ער דעם אָנשטעל, ווי גלייך ער האָט זיך נישט געריכט אים צו באַגעגענען. — איך האָב געטראַכט: מען זעט נישט רומין, איז ער אַוודאי אין חוץ לארץ...

רומי האָט געשוויגן. ביים אַוועקגיין האָט חיימל אים אַריינגערוקט אין האַנט אַ צענערל. רומי איז געבליבן ווי געפּלעפט, געוואָלט אים נאָכיאָגן, וואַרפן דאָס געלט אין פּנים. חיימל איז אָבער שוין געווען ווייט.

פילנדיק דאָס צענערל אין האַנט, האָט זיך רומי פאַרבענקט צו דעם הפקר. נאָך חיימלס וויזיט איז דאָס פּשוטע לעבן פון גאַראַזש געוואָרן שווערער, גרויער.

נאָך עטלעכע טעג איז אַריינגעקומען בערל און האָט פאָרגעלייגט אַ בייעם עסק, בשותפות מיט חיימלען.

— איך קאָן נישט זיין קיין שותף — האָט רומי געזאָגט — ווייסט דאָך, אַז מיין ביסל געלט איז פאַרלאָרן געגאַנגען ביים לעצטן מאָל.

— וועגן געלט וועט חיימל זאָרגן.

רומי האָט פאַרשטאַנען, אַז בערלען האָט מען געשיקט. איין אַזאַ געשעפטל און איך בין אַ געמאַכטער מענטש — האָט ער געטראַכט. נאָר איינס, און אַוועק־וואַרפן אַט די טריפּענע ענינים! זיך מאַכן אַ שטיקל וואַרשטאַט, נישט זיין ביי יענעם.

רומי איז אַליין געגאַנגען זוכן חיימלען. יענער האָט אים אויפגענומען ווי אַן אייגענעם ברודער:

— עס האָט מיך געריסןביים האַרץ, זעענדיק צו וואָס דו האָסט דיך אַראָפּגע־לאָזט. ווילסטו, וועל איך זיין אַ שותף, ווילסטו דאָס געשעפט נאָר פאַר זיך, לייַ איך דיר דאָס נייטיקע געלט. האָב נישט קיין פאַראיבל, איך מוז אַצינד לויפן. קום מאָרגן צו חוהן, ס׳איז ביי איר אַ נשף, וועלן מיר ריידן וועגן אַלץ.

— כ׳וועל קומען — האָט רומי געזאָגט.

— נעם אויך מיט דיין שוועסטער, זאָל זי זיך אַ ביסל פאַרווײַלן — האָט ער צוגעגעבן.

רומי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז אַן הדסהן וועט חיימל גאָרנישט טאָן. ער האָט געטראַכט, אַז פון איין מאָל זיך באַגעגענען וועט דאָך נישט אונטערגיין די וועלט. געלינגט מיר דער עסק — האָט ער געטראַכט — פייף איך אים אָן, מעג ער טויזנט מאָל זיין דער „גרויסער" חיימל.

ד

שפּעט, נאָך האַלבער נאַכט. יאָסל ווערטמאַן האָט געוואַרט זיין טאָכטער זאָל אַהיימקומען. דאָס געל וואַקסערן פּנים האָט נאָך געלער אויסגעזען אינעם שייַן פונעם עלעקטרישן לעמפּל. — זיי האָבן מיך גענאַרט. אין קינאָ זיצט מען נישט ביז נאָך דער האַלבער נאַכט. — אַ טעמפּע סכנה מאָלט זיך אויס פאַרן טאַטנס אויגן.

די נאַכט ווערט אַלץ אָנגעלאָדענער. דער רויש פון אַ מאַשין מאַכט אים פּלוצעם אויפציטערן. דורכן פענצטער זעט ער ווי דריי שאָטנס קומען אַרויס פון דער מאַשין. איינער פון די דריי פאַרנייגט זיך פאַר זיין טאָכטער. איר געלעכטערל האָט משונהדיק געקלונגען איבער דער שלאָפנדיקער שכונה. אָט שטייט זי פאַר אים, די טאָכטער זיינע, יום־טובדיק, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. דער טאַטע ציטערט און האָט שטאַרק חשק אויסצושרייען זיין צער.

סוריקאָ האָט זיך אַריינגערוקט צווישן זיי, אַ נעבעכדיקע אין איר ברייטן נאַכטהעמד. אירע אויגן האָבן געבעטן רחמים. רומי איז געשטאַנען פאַרשעמט. זיין שוועסטער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אייגנטלעך וויל דער טאַטע: אַלע מיידלעך גייען אַ מאָל אין שטאָט — טענהט זי — ס׳איז געווען דווקא אָנגענעם.

ה

אויף הדסהס פאַרווײַנטן פּנים האָבן זיך באַוויזן סימנים פון אָפּגעלעבטקייט. חיימל האָט געזאָגט פאַר כעס. איר עקשנות לאַנגווייליקט אים. זי וויל אַלץ נישט גיין „אַרבעטן".

— איך לייקן דען? — טענהט ער — געוויס האָב איך געשווירן, אַז מירן חתונה האָבן. זאָג דו אַליין, קאָן מען חתונה האָבן סתם אַזוי אָן אַ דירה? און וואָס

וועט זיין מכוח פּרנסה? ווילסט חתונה האָבן, גיי „אַרבעטן" אַ שטיקל צייט, ביז מירן צונויפשטעלן אַ ביסל געלט און דערנאָך..."

האַלב נאַקעט, מיט רויטע, געשוואָלענע אויגן, האָט זי געכליפּעט:

— דו טרייבסט מיך ווערן אַ גאַסן־מויד.

— דעם ברודער דיינעם וועל איך ברעכן אַ ביין! — האָט זיך חיימל צעשריגן, גלייך ווי ער האָט סוף־כל־סוף אַנטדעקט דעם אמתן שולדיקן. — אַפילו דיין טאַטע וועל איך נישט זשאַלעווען.

— אַ סוף! — האָט ער געשריגן — ווילסט נישט, איז נישט! גיב צוריק אַלץ, וואָס כ'האָב מיט דיר אויסגעבראַכט און גיי צו אַל די שוואַרצע יאָר! — חיימל האָט נערוועז אַרויסגעשלעפּט פון טאַש אַ קליין ביכעלע און עס גענומען בלעטערן.

— אָט איז דער חשבון! ווילסט נישט? אַ שיינע ריינע כפּרה!

— פון ווו זאָל איך נעמען געלט? — האָט הדסה געכליפּעט.

— פון ווו דו זאָלסט נעמען געלט? אין איין חודש קאָנסטו עס פאַרדינען. אַפילו אין צוויי וואָכן...

— דאָס נישט — האָט זי געשריגן — איך וועל ריידן מיט רומין, אפשר וועט ער דיר באַצאָלן.

— ער וועט באַצאָלן? — האָט ער ווילד געלאַכט — דער לעקיש, וואָס האָט קוים אויף אַ פּאַפּיראָס? אים וועל איך לערנען דרך־ארץ! אַ שאָד דיינע טרערן, זשאַלעווע זיי פאַר זיין לוויה. הדסה איז אויפגעשפּרונגען: — רוצח!..

— אָט אַזוי וועל איך אים צעברעקלען — האָט חיימל געגראַבלט די לופט מיט זיינע שטייף פאַרקרומטע פינגער. דעם מיידלס כעס האָט אים פאַרשאַפט הנאה. סוף־כל־סוף האָט ער געפונען עפּעס, וואָס רירט זי אָן ביים האַרץ. — אָט אַזוי וועל איך אים פּטרן — האָט ער איבערגעחזרט.

ביי הדסהן האָבן געברענט די אויגן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף חיימען און אירע רויטע לאַקירטע נעגל האָבן זיך אַריינגעשטעקט אין זיין פּנים, געגראַבלט די באַקן. חיימל האָט געשריגן פאַר ווייטיק. מיט איין האַנט האָט ער זי אַוועקגע־שליידערט, ווי עפּעס אַ מיאוסקייט. דאַן האָט ער געזוכט דעם שפּיגל, געוואָלט באַטראַכטן די וווּנדן אויף זיין פּנים. אין שפּיגל האָט ער באַמערקט ווי הדסה איז אויפגעשפּרונגען פון דער פּאָדלאָגע, האָט געכאַפּט אַ גלעזערנע וואַזע און גרייט געווען זי אים צו וואַרפן אין קאָפּ.

חיימל איז געוואָרן רויִק און אויסגערעכנט. קאַלטבלוטיק, געלאַסן האָט ער געוואַרט אויף איר אָנגריף. דאָס צעווילדעוועטע מיידל איז באַלד אַריינגעפאַלן אין זיינע צוויי גרויסע לאַפּעס, וועלכע האָבן זיך פאַרקלעמט אַרום איר האַלדז.

— ביי מיר וועסטו ווערן שטיל ווי אַ לעמעלע — האָט ער זי געמוסרט און

געדריקט ביים האַלדז — אַ סוף מיט געצאַצקעטע רייד. מיר הייבן אָן אַ נייע סדרה — האָט ער אַלץ געפּרעסט מיט זיינע גראָבע פינגער און מאָדנע הנאה געהאַט פון זיין ווילדן כוח.

פילנדיק ווי דער צאַפּלדיקער גוף ווערט ווייך ווי אַ שמאַטע, האָט ער מיט אים אַ שליידער געטאָן. עס האָט זיך געהערט אַ שטומער זעץ. דער פאַרקאָרטשע־טער גוף האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע און זי איז געבליבן ליגן אַ בלייכע מיט בלויע צייכנס אויפן האַלדז.

חיימל האָט זיך נישט געקימערט. ער האָט נאָך אַלץ געפּאָרשט אין שפּיגל זיין צעגראָבלט פּנים און געמורמלט:

— וועסט אויפהערן מיט די פוילע שטיק און גיין אַרבעטן. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַזאַ פאַרשפּייז. דער עיקר קומט ערשט. פאַרן ברודערל איז פאַראַן אַן עקס־טרע פאָרציע. נו, גענוג, אויפשטיין! — האָט ער קאָמאַנדירט. נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, איז ער צוגעגאַנגען און געלייגט דאָס אויער אויף דער נאָך וואַרעמער ברוסט. פּלוצלעם האָט ער זיך געכאַפּט, אַז איר האַרץ קלאַפּט נישט. זיין פּנים האָט זיך מוראדיק צעקנייטשט. אַ ווילדער כעס האָט זיך אין אים צעפלאַקערט. פול מיט פאַרדראָס האָט ער געקאָפּעט דעם טויטן קערפּער. ס'איז געווען שוין נאָענט צו טאָג, ווען ער האָט איינגעהילט הדסהן אין אַ זאַק, אים צוגעבונדן צו זיין מאָטאָציקל און זיך געיאָגט צו די ווייסע, פּוסטע זאַמדן.

ער האָט געגראָבן מיט די הוילע זשמעניעס און זיך אַליין געוווּנדערט, ווי קליין זי איז געווען, טאַקע ווי אַ קינד. די גרוב איז געווען דריי מאָל אַזוי גרויס ווי זי.

ווען ער איז צוריקגעפאָרן, האָט שוין געבליט דער הימל. אַ נייער טאָג איז געבוירן געוואָרן.

יעקב פילאָווסקי, רמת־יוסף

אויף פרעמדער ערד

(פראַגמענט)

ווען שיינדעלע האָט נאָר געהערט דאָס וואָרט אַרגענטינע, פלעגט עס מיט זילבער פאַר איר אַ קלונג טאָן.

דאַן האָט זי נאָך ניט געוווּסט, אַז דאָס וואָרט — אַרגענטינע — באַטייט טאַקע זילבער. זי האָט נאָר געוווּסט, אַז דאָס איז דער נאָמען פון אַ ווייטן לאַנד. ווו ריכטיק דאָס לאַנד געפינט זיך האָט זי ניט געוווּסט און אויך ניט ווער עס זיינען די מענטשן וואָס באַוווינען עס. בסך־הכל איז זי געווען אַ קליינשטעטלדיק מיידל, וואָס האָט קוים געענדיקט די פאָלקסשול. איר טאַטע, יאָסל שניט־קרעמער, איז געווען דער, וואָס האָט דאָס דאָזיקע וואָרט, אַרגענטינע, אַריינגעבראַכט צו זיי אין שטוב אַריין. ער האָט אויך געקענט דערציילן בערג מיט גליקן און אַלע פּרטים וועגן דעם דאָזיקן לאַנד.

די נויט און די ליידיקע פּאַליצעס אין קראָם זענען דאָס געווען די בלעטער פון דעם געאָגראַפיע־בוך, פון וואַנען יאָסל שניט־קרעמער און אַנדערע שטעטלשע יידן האָבן געלערנט וועגן פאַרשידענע לענדער און קלימאַטן אויף דער וועלט.

פריער האָבן די זשעטלער יידן נאָר געוווּסט פון אַמעריקע, ווו עס האָבן זיך שוין געפונען מער זשעטלער, ווי אין זשעטל אַליין. אָבער אַז די טויערן פון אַמעריקע זיינען פאַרהאַקט געוואָרן, האָבן זיי גענומען זוכן, ווו אַן אָפענע שפּאַרונע, זיך אַדורכצובאַקומען דורך איר צו דער פריי, צו אַ מקום פון חיונה פאַר זיך און דער משפחה. דאַן האָבן זיי זיך דאָס דערוווּסט פון אַרגענטינע.

✶

יאָסל ווייסבוך איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט בריוו פון אַרגענטינע, פון זיין חבר בערל אַלטשולער. בערל האָט געשריבן אין זיינע בריוו:

„יאָסל, וואָס זיצסטו דאָרטן, אין דעם זשעטל? וואָס וועסטו דאָרט אויס־זיצן? — דאָ איז אַ לאַנד פון שפע און פון ברכה. די מענטשן גוטע און צוגעלאָזטע. ברויט און פלייש וואַלגערט זיך אין די גאַסן. וואָס מען וואַרפט דאָ אַרויס אין איין גאַס, וואָלט געקלעקט פאַר גאַנץ זשעטל זיך צו שפּייזן. מיר גייט דאָ ברוך־השם גוט. איך האָב אַ שיינעם געשעפט און האָב פאַרלייגט אַ פאַבריקל. אין געשעפט

פאַרקויף איך טאַקע מיין אייגענע אויסאַרבעטונג. עס פעלן מיר אויס הענט. איך וועל דיך צונעמען פאַר אַ שותף. עס וועט קלעקן פאַרביידן. צוזאַמען וועלן מיר נאָך מערער פאַרדינען. איך גלייב אין דיין גוטן מזל. פאַרקויף דיינע בעבעכעס און קום אַהער, עס וועט דיר ניט פאַרדריסן״.

פון יעדן בערלס בריוו איז יאָסל אָנגעצונדן געוואָרן זיך אַוועקצולאָזן קיין אַר־געטינע. די פאַנטאַזיע האָט אים געמאָלן אַ ליכטיקע וועלט פון גליק, רייכקייט פאַר זיך מיטן ווייב און קינדער.

נאָר אַ שווער לייעניש האָט יאָסל געהאַט מיט זיין לאהן. זי האָט ניט געוואָלט הערן פון דעם אַרגענטינע.

— וואָס וועל איך דאָרט טאָן אין דער פרעמד, אָן אַ שפּראַך, אָן אַ לייב און לעבן ?

לאה איז געווען פאַרוואָרצלט אין דער שטעטלשער ערד. דאָרט האָט זי די וועלט דערזען, דאָרט זיינען געבוירן געוואָרן אירע טאַטע־מאַמע, אירע זיידעס און באָבעס.

זי ווייס, אַז אויסערן שטעטל איז אויך דאָ אַ וועלט. אָבער יענע וועלט געהערט צו די וואָס זיינען דאָרט געבוירן געוואָרן, — ניט צו איר. זי איז געבוירן געוואָרן אין זשעטל און זי געהערט צו זשעטל און זשעטל געהערט צו איר. קומען ערגעץ אַנדערש ווו לעבן, איז ווי זיך אַריינרייסן אין אַ פרעמדן גבול אַריין.

יאָסל איז ניט צוגעגאַנגען צו לאהן מיט כוח, מיטן האַרבן וואָרט, נאָר מיט געדולד, פּאַוואָלינקע. יעדן טאָג האָט ער מיט איר געקנעלט אַ שטיקל אַרגענטינע — אַזוי זיך, כלאחר יד, אומבאַמערקטערהייט.

— הערסטו, לאהלע, — פלעגט ער איר זאָגן, קומענדיק פון קראָם, ביי דער וועטשערע, — זאָל דאָס אימיצער אַריינשמעקן אין קלייט אַריין, זאָל זיין כאָטש זיך צו דינגען, ניט קויפן. און אין אַ ווילע אַרום :

— זעסט, לאהלע, איך האָב גאָר פאַרגעסן. פון זינען איז מיר אַרויס. איך האָב דאָך ערשט באַקומען אַ בריוו פון בערלען. נאַ, לייען. ער שרייבט, אַז די קינדער זיינע לערנען אין דער פרי אין אַ מלוכה־שול און בייטאָג אין אַ יידישער. דאָרטן איז פאַראַן אַ יידישע שול, ווו עס לערנען אפשר צוויי טויזנט קינדער. מען קומט זיי נעמען פון דער היים און מען פירט זיי אָפּ צוריק אין אויטאָבוסן, אויף וועלכע עס שטייט, אויף יידיש, דער נאָמען פון דער שול — שלום עליכם. אויפן אויטאָבוס איז אויך אָנגעמאָלן דאָס בילד פון שלום עליכמען. זעסט, אַז מען וויל זיין אַ ייד, קען מען דאָס אומעטום, אפילו אין עק וועלט.

שיינדל האָט זיך צוגעהערט צו די שמועסן פון טאַטע־מאַמע, צו דעם טאַטנס באַוווּנדערן אַרגענטינע און האָט געקוואָלן פון פרייד. בלויז דאָס פאָרן, דאָס זען

נייע לענדער, נייע מקומות און דערקענען די וועלט, האָט איר גליקלעך געמאַכט. ביז היינט האָט זי די שיינע און גרויסע וועלט נאָר פון די ביכער געקענט.

דער עיקר האָט זי געוואָלט פּטור ווערן פון שטעטל. אַלע טאָג די זעלבע פּנימער. אַלע טאָג די זעלבע גאַסן, די זעלבע הייזער. די יוגנט איז זיך צעלאָפן, ווו ווער עס האָט נאָר געקענט, און איבערגעלאָזט דאָס שטעטל אַ ליידיקע. וואָס וועט זיין דער סוף דערפון?

✶

ניט יאָסלס רייד האָבן געווירקט אויף לאהן, נאָר זיינער אַ שטומער ווונק אין דער טאָכטערס זייט.

לאה האָט זיך אַ קער געטאָן צו שיינדלען. זי האָט דערזען פאַר זיך איר טאָכ־טער, אַן אַרויסגעוואַקסענע פון אירע קליידער; די מלבושים זיינען אויף איר געלעגן אָנגעצויגן און האָבן בולט געמאַכט איר פרוי:שקייט. דאָס פּנים האָט זיך אויף ראָז געזאַפּטיקט און די אויגן האָבן באַלויכטן די שטוב.

זי האָט איר אָנגעקוקט אַ דערשראָקענע, און געשטויסן פון יאָסלס ווונק, האָט זי צום ערשטן מאָל צו איר אַ זאָג געטאָן, ווי אַ גלייכע צו אַ גלייכע:

נו, וואָס זאָגסטו, טאָכטער? ווילסטו פאָרן קיין אַרגענטינע?

— צי איך וויל? איך וואָלט געלאָפן פליענדיק!

און ניט ווילנדיק האָט זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט:

— וואָס וועל איך דאָ אויסזיצן!

אָט דער „וואָס וועל איך דאָ אויסזיצן" האָט אָנגעוואָרפן אויף לאהן אַ פּחד — אַ גרעסערן ווי פאַר דער פרעמד — אַז איר טאָכטער זאָל דאָ אין דעם העק, חס ושלום, ניט אַריינפאַלן אין דחקות און אין אָרעמקייט און דאַרפן אָפּפינצטערן אַ גאַנץ לעבן. און זי האָט אַ זאָג געטאָן צו יאָסלען:

— נו, יאָסל, לאָמיר פאָרן קיין אַרגענטינע.

✶

יאָסל האָט באַטראָטן די אַרגענטינער ערד מיטן רעכטן פוס.

דאָס מזל־ברכה איז אים געלאָפן אַנטקעגן. בערל האָט געהאַלטן וואָרט, מקיים געווען אַלץ, וואָס ער האָט צוגעזאָגט אין די בריוו, און אים צוגענומען פאַר אַ גלייכן שותף. די געשעפטן זיינען אַוועק גרויס. זיי האָבן געעפנט אָפּטיילונגען אין די געגנטן פון שטאָט, און פון דעם פאַבריקל, וואָס בערל האָט געהאָט פאַרלייגט, איז אויסגעוואַקסן אַ פאַבריק. אַ שטוב האָט יאָסל זיך איינגעאָרדנט, וואָס האָט די אויגן געריסן.

בלויז לאה איז אַרומגעגאַנגען אַן אומצופרידענע. קיין זאַך איז איר ניט איינ־געגאַנגען. פון קיין זאַך האָט זי קיין הנאה ניט. עס איז עפּעס ניט דאָס.

אין זשעטל איז דער הימל געווען שענער, די גראָזן שמעקנדיקער, די פירונג אַן אַנדערע. דאָרט איז געווען אַ לעבן.

אַלץ איז איר דאָ פרעמד, אין דעם בוענאָס־איירעס. אַפילו דעם מאַן האָט איר דאָ אימיצער פאַרביטן. די יינגלעך ריידן צו איר אויף אַ פרעמדער שפּראַך, און די טאָכטער, שיינדעלע, צוליב וועמען זי האָט זיך געלאָזט איינריידן צו קומען אין אַרגענטינע, — פון איר האָט זי אויך ניט קיין נחת. זי האָט זיך פאַרדרייט מיט עפּעס אַ שלימזל, אַ מענטש אָן אַ פאַך, שרייבט גאָר לידער...

אין זשעטל וואָלט זי פון אַזעלכע צרות ניט געוווּסט.

פאלעסיער וועגן

ביַי פאָלעסיער וועגן — בעריאָזקעס דרימלען פרומע.
אויף פאָלעסיער וועגן שלאָפט דער קאַלטער טויט...
ווער עס שיידט זיך אָפּ שוין — וועט צוריק נישט קומען —
ס׳בענטשן אים די וועגן: גיי געזונטערהייט...

נעכט, מאָנאַכן שוואַרצע, קניען אויף די וועגן.
טעג, ווי בלינדע בעטלער, שטאַרבן שטילערהייט.
געלעגערס פאַר די סומנע, אָסיענדיקע רעגנס,
פאַר דער מרה־שחורה, פאַר דער גרויער פרייד...

קיינעם נישט צו רייצן, קיינעם צו געפעלן,
קיינעם צו פאַרפירן אויף דער קראַנקער ערד,
איז זיי גוט און פריילעך, פריילעך מיט דעם עלנט,
ווען דער ווינט צעוויינט זיך אין די האַלבע נעכט...

שטעטעלעך — בית־עלמינס, דערפעלעך, ווי טרומנעס,
וועגן — גרויע אָרעמס, אַרום זיי געשפּרייט.
וועגן — קאָרידאָרן צום האַרץ פון מלכות — אומעט,
ווי גלויבן — בלעטלעכווייַז — דער אָסיען־ווינט פאַרוויט...

וואָלקנס — גרויע פליגל — אין דער הייך פאַרצויגן,
הענגען שטום פאַרגליווערט, ווי אַ שווערע שטראָף...
ליגט די שטאָט באַגראָבן, מיט די בלויע אויגן,
מיט די יונגע הערצער — אין דעם וויסטן שלאָף — — —

רבקה רוס

ווייסער בעז

בײַ שלמהן אין הויף וואַקסט בעז. די צאַרטע צווייגעלעך וויקלען זיך אַרום פּלויט, קלעטערן אַריבער אויף דער אַנדער זייט און פֿאַרוואַרפֿן צו דער גאַס די באַבלעטערטע גרינע שטענגעלעך. אינעם פֿרי־פֿרילינג ווערט פּלוצעם, איבער נאַכט, באַשאָטן דער קוסט מיט ווייסן צוויט. ער פֿאַרשפּרייט אַ זיסן, פֿאַרשיכורנדיקן ריח. בײַטאָג שפּילן זיך אונטער דעם בליענדיקן בעז קינדער, און אין אָוונט שפּאַצירן דאָ פֿאַרליבטע פּאָרלעך. פֿאַרבײַגייער שטעלן זיך אָפּ, אָטעמען אײַן דעם ריח און וווּנדערן זיך: — ווייסער בעז? פּוילישער בעז? ווי קומט ער אַהער, קיין ישׂראל?

פֿאַרנאַכט ליגט שלמה אין לענשטול און רוט זיך אָפּ פֿון דער אַרבעט. דער ליאַרעם פֿון די קינדער אויף דער גאַס דרינגט צו אים אַרײַן. דער שמעקנדיקער בעז פֿאַרוויגט אים אין חלומות: — דעם טאַטנס שטוב. ביים פּאַרקן וואַקסט ווייסער בעז. אויף דער אַנדערער זייט פּאַרקן שפּילט אַדעלע דעם שכנס אויף דער פּיאַנע. ס'איז פֿרילינג, דער בעז בליט.

...אַדעלע, אַדעלע... דעם ערשטן קוש געגנאַשט פֿון אירע נאַסלעכע ליפּן, ווי דער אָקאָרשט אויפֿגעבליטער ווייסער בעז...

אים דאַכט זיך, אַז ער שפּאַנט ווייטער מיט דער סטעזשקע... מען דאַרף נאָר לערנען און לערנען. אויסהאַלטן עקזאַמענס. די מאַמע קומט אַרויס צו אים. זי שטעלט עס אַוועק פֿאַר אים אויפֿן טישל טיי מיט געזאַלצענע ראָגעלעך און זאָגט:

— שוין גענוג געלערנט! גיי, דערכאַפּ דיר דאָס האַרץ.

קיין בעקער אין דער וועלט וועט נישט נאָכמאַכן דער מאַמעס באַטעמטע היימישע ראָגעלעך. די מאַמע טראָגט אַ בינטל שליסלען אײַנגעשטעקט אין פֿאַרטעך, אין דער האַנט אַ שמאַטע. זי גייט איבער די שטיבער און האַלט אין איין ווישן די שטויבן, זי רוט קיין מאָל נישט. ווען די רוסן האָבן אָפּגעטראָטן, האָט זי אים געהייסן גיין מיט די רוסן.

— קום אויך מיט, מאַמע.

— ניין, אַ ייִדענע איז ווי אַ קאַץ. מעגן זיך בײַטן די באַלעבאַטים, זי בלײַבט אין שטוב. פֿאַר די דײַטשן איז נישטאָ וואָס צו אַנטלויפֿן. אינעם ערשטן וועלט־קריג

זענען זיי אויך געקומען. מען האָט מיט זיי געהאַנדלט און מען איז מיט זיי אויס־געקומען.

מאַמע, ווי אַזוי איז געווען דיין לעצטער גאַנג? זיכער ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב מיט רייזלען, מיט אירע קינדער, דיינע אייניקלעך... האָסט פאַר־שלאָסן די טיר. אויפן וועג האָסטו אָפּגעלענט די פּאַטשיילע פונעם מויל און גע־פרעגט דער טאָכטער: — איך האָב פאַרשלאָסן די טיר, ווי מיינסטו?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט: — יאָ, מאַמע...

*

צען יאָר האָט ער אַרומגעוואַנדערט איבער רוסלאַנד. דערנאָך האָט ער באַ־שלאָסן צו קומען קיין ישראל. אָבער פריער האָט ער געמוזט נאָך אַ מאָל זען, צום לעצטן מאָל, זיין טאַטנס שטוב. אָט גייט ער שוין אַרויף דאָס געסל, ער בלייבט שטיין ביים בוים און האַלט זיך אָן ביים פּאַרקן. ווייטער טראָגן אים מער נישט די פיס... אויך אינעם פאָדערשטן טייל הויז וווינען מענטשן... ער פאַרבייסט די ליפּן און שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אינעם בוים. אונטער די פאַרמאַכטע אויגן שטופּן זיך די טרערן.

...פרילינג אויף דער וועלט. דער ווייסער בעז בליט. אַלץ איז נאָר אַ בייזער חלום. אָט גיט ער אַ פּייף און אַדעלע אין ווייסן קליידל וועט צושפּרינגען צום פּאַרקן... די טיר וועט זיך באַלד עפענען, די מאַמע וועט אַרויסקומען, אַ פּאַטש געבן אין די הענט, מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס אַנטקעגנגיין:

— זון מיינער, נחתל מיינס!

ער מאַכט אויף די אויגן. דער גאָרטן איז פאַרלאָזן, די סטעזשקע פאַרוואַקסן, די קוסטעס בעז זענען פאַרשיט מיט הויפנס שוטער און מיסט. נאָר אין דער זייט שטעקט אַרויס אַ סענקעוואַטע שטיק וואָרצל, באַדעקט מיט אַ ברוינער קאָרע, דערפון שפּראָצן אַרויס צווייגלעך און אויף די צווייגלעך ווייסער בעז.

אַ פרעמדער בייזער הונט האָט זיך צעבילט נעבן זיין טאַטנס שטוב. ס'איז אַרויסגעקומען דער באַלעבאָס מיט אַ פּייקע אין מויל. זיינע פאַרזשמורעטע אייגעלעך האָבן געגרימט צו דעם פרעמדן: אַ ייד, מסתמא, הא? וואָס דען? ער האָט אַ סיקע געטאָן מיט די ציין:

— אַ טי שטאָ טו?!

שלמה ווייסט אַ סוד. ער געדענקט, אַז איין מאָל האָט אים די מאַמע אָנגענומען ביי דער האַנט און צוגעפירט צו דער הרובע. זי האָט זיך אָנגעבויגן און אַרויסגע־נומען אַ קאַכליע פון אונטערן אויוון: — דו זעסט, מיין זון? — זי האָט אַרויסגע־נומען אַ שקעטעלע פול מיט אוצרות, איר ירושה־צירונג: די גאָלדענע קייט, וואָס דער טאַטע האָט איר געקויפט צו דער חתונה, פינגערלעך, פּערל, דער באָבעס שטערנטיכל.

— זאָלסט וויסן זייַן, מייַן זון, אַז אָט אָ דאָ ליגט עס — זי האָט צוריקגעלייגט דאָס שקעטעלע, פֿאַררוקט די קאַכליע אויפֿן אָרט און אָפּגעציילט — איינס, צוויי, דריי, די פֿערטע קאַכליע נעמט זיך אַרויס. דאָס איז דאָס אָרט.

שלמה ווייס עס, אָבער נישט נאָכן גאָלד איז ער געקומען. זאָל עס דאָרט פֿוילן, ווער דאַרף עס ? האָט ער בלויז געזאָגט צום באַלעבאָס :

— אַ שיינער בעז בליט ביי אייַך. צי וועט איר מיר דערלויבן דערפֿון אַ קליינעם צווייַגל ?

דער פּויער האָט אַרויסגענומען די פּיקע פֿונעם מויל, אַ שפּיי געטאָן און געענטפֿערט :

— נעם... — ער האָט מיט דער דלאָניע זיך אָפּגעווישט דאָס מויל און מיט שווערע טריט אַוועקגעשפּאַנט אין הויז אַריין.

שלמה האָט זיך אָנגעבויגן. פֿאָרזיכטיק האָט ער אַרויסגעריסן אַ יונגן שפּראָץ מיט די וואָרצלען, געמאַכט אַ קלומפּן ערד אַרום זיי. זאָלן זיי דערווייל זייגן ביי דער ערד, ביז זיי וועלן קומען אין אַ נייַער היים. אין אַ בלעכענער פּושקע האָט ער געפֿירט דעם צאַרטן בעז איבער לענדער און ימען, ביז ער האָט אים געבראַכט קיין ישראל און אים אייַנגעפֿלאַנצט נעבן זייַן הויז.

דער בעז האָט זיך פֿאַרוואָרצלט. ער בליט.

דוד זאַקאַליק

„לאַפּ־לאַפּ"

ווי נאָר עס שאַריעט אויף טאָג, וועקט דער באַלעבאָס פֿונעם טיי־הויז, פֿון דער „טשאַיִנאַיאַ", די וואָס שלאָפֿן אויפֿן שמוציקן דיל. ער שרייט נישט, ער שטויסט בלויז מיט אַ שטעקן. ווען דער שלאָפֿער וואַכט אויף — ווינקט דער באַלעבאָס צו אים, ער זאָל אויפֿשטיין און זיך אָפּטראָגן.

היינט האָט ער זיך צוגעאײַלט מיטן אויפֿוועקן און אַרויסיאָגן די לייט, כּדי די מיליץ־קאָנטראָל זאָל נישט טרעפֿן אַזאַ גרויסע צאָל היימלאָזע אויף נאַכטלעגער. ווי נאָר עטלעכע זענען אויפֿגעשטאַנען, האָט ער גלייך אויפֿגערוימט דעם פּלאַץ פֿון די אָנגעוואָרפֿענע שמאַטעס, מען זאָל ניט דערקאָנען, אַז מענטשן זענען געווען אין דער „טשאַיִנאַיאַ" איבער נאַכט.

פֿון אַ לויטערער בלאָקייט איז אויפֿגעקומען אַ צעפֿלאָשעטע זון. ס'האָט זיך אָפּגעדעקט די שטויביקע גראָקייט פֿון מעטשעט־קופּאָלן, וואָס סטאַרטשען אַרויס פֿון צווישן די שפּיציקע הייזער־דעכער, ווי אָנגעבלאָזענע פּענכערס.

די מעטשעטן זענען גוטע סימנים צו אָריענטירן זיך אין די געדרייטע וועגן און שמאָלע געסלעך פֿון דער בוכאַרער אַלטשטאָט. אויך די טויערן, וואָס טיילן אָפּ די פֿיר פֿערטלען פֿון דער אַלטשטאָט זענען גוטע וועגווייזערס.

אָלעק דער פּליט אײַלט זיך צום וואָקאָפּונקט נאָך ברויט. מ'ווייסט נישט, וויפֿל צײַט מ'וועט דאָרט שטיין, אָבער אין יענעם מעמד האָט צײַט קיין שום באַדײַטונג נישט. די אײַלעניש איז בלויז צו פֿאַרכאַפּן אַ נאָענטן אָרט אין דער ריי צום ברויט־קרעמל.

שוין אין דער פֿרי זענען אין בוכאַרע פֿול די גאַסן. אוזבעקן אין קאַפּטאַנעס רייטן אויף אייזלען; אַנדערע, וואָס זייערע בהמות זענען באַלאָדן מיט זעק, קוישן, טשלאָפּען הינטער זיי. די אוזבעקן ציען צום מאַרק. אַלץ אַלטע לייט. דאָס יונגוואַרג איז שוין לאַנג אויף דער אַרבעט. אוזבעטשקעס מיט זייג־קינדער אויף די הענט — אויך זיי גייען צו דער אַרבעט. ס'איז מלחמה. ס'פֿעלן אַרבעטער.

די שוסטערס האָבן אויסגעשטעלט זייערע וואַרשטאַטלעך אין בײדע זײַטן פֿון שמאָלן געסל — צום מאַרק, צום „טאָלטשאָק". די לאַטוטניקעס זענען פֿאַרוואָרפֿן

מיט אַרבעט — קיין נייע שיך קריגט מען נישט צו קויפן. אָט ווינטערט שוין, איז כאָטש די צעריסענע שיך פאַרלאַטען.

באַלד אין די פרימאָרגן־שעהען שטעלט זיך דער מאַרק מיט אַלץ וואָס דאָס האַרץ גלוסט, אויך מיט אַלטע מלבושים, שמאַטעס — „באַראַכלאַ". פּליטים דרייען זיך נעבן דעם עסנוואַרג. אָנגעפּאָרענע אוזבעקן און אוזבעטשקעס האָבן אויסגע־שטעלט דייזשעס קעז, קרוגן מיט סמעטענע, קרענצלעך ציבעלעס, בינטלען רעטעך, זעקלעך מאַכאָרקע און קוישן מיט „שאַל־ראַם" און „לאַפּ־לאַפּ" — געבריטע צוקער־בוראַקעס.

— „לאַפּ־לאַפּ!", „לאַפּ־לאַפּ!" — רופן די אוזבעקן מיט הייזעריקע שטימען.

*

אַלעק שטייט און קוקט זיך איין אין דעם „לאַפּ־לאַפּ". דער זיסער ריח פאַרגייט אונטערן האַרץ.

דער „לאַפּ־לאַפּ"־סוחר האָט אויסבראַקירט אַ בוריק און אים פאַרשטעקט הינ־טערן בענקל, אויף וועלכן ער זיצט. דעם בוריק וועט קיינער נישט קויפן. האָט ער אים אָפּגעלייקט פאַר זיין אייזל. ס'איז בלויז אַ שאַר צו טאָן מיטן שפּיץ שוך און מ'קאָן האָבן דעם בוריק.

דערווייל האָט דער אוזבעק אויסגעבראַקירט נאָך אַ „לאַפּ־לאַפּ". ס'ליגן שוין צוויי בוריקעס הפקר. אָבער צוקומען צו זיי קאָן מען נישט. דער אוזבעק האָט זיי נאָך טיפער פאַררוקט אונטערן בענקל.

אַלעק דער פּליט שטייט עטלעכע רגעס אַנטקעגנאיבער דעם בערגל „לאַפּ־לאַפּ". ער ציט אַריין אין זיך זייער טערפּקן ריח. ס'פאַרשווינדלט אים דער קאָפּ. ער ווייס, דער אוזבעק וועט אָן געלט אַפילו אַ בראַקירטן בוריק ניט געבן. די איינגעבוירענע האָבן פיינט די אָנגעפּאָרענע, די פּליטים. זיי געטרויען ניט יענעמס פיר, יענעמס לשון. זיי שרעקט אַלץ וואָס איז פרעמד, אַלץ וואָס האָט ניט צו טאָן מיט טעפּ, מיט קעמלען...

אַלעק גיט זיך אַ וואַקל. ער זוכט אַ ווינקל, ווו זיך אָוועקצוזעצן און זיך באַ־פרייען פון דער הונגער־היץ, וואָס האָט זיך איינגעביסן אין זיין רוקן.

לאַנג זיצט ער אויף אַ נאַקעטן בערגל ביים ברעג מאַרק. אַ טעמפּע גלייכ־גילטיקייט פאַרהילט זיין מוח. בלויז איין בלאַנקע מחשבה, ווי אַ חלף, שניידט זיך אַ וועג צו זיין באַוווסטזיין. מען מוז גיין פאַרכאַפּן אַ ריי צו דעם ברויט, מען מוז גיין... אַלעק שטעלט זיך לאַנגזאַם אויף און מיט ציטערדיקע קניען לאָזט ער זיך גיין צום עוואַקאָפּונקט. איינס ווייס ער — פאַלט ער דאָ אַנידער, איז עס אויף אייביק. און דאַן וועט מען אים אַראָפּשאַרן פונעם מאַרק, ווי אַ געפּגרטן שרץ.

ער פאַרשטשעמעט די ציין און שאַרט מיט די צעריסענע שיך דעם וועג צום ברויט־קרעמל. ער מוז דאָרט דערגיין. דורך דעם ברויט־קרעמל פירט דער וועג צוריק אַהיים, צו טאַטע־מאַמע, צו דער שטוב מיטן גאַנעק אין וויטן פוילישן שטעטל. די מלחמה וועט זיך דאָך ווען עס איז ענדיקן. מען דאַרף איבערהאַלטן, איבערהאַלטן.

...וועט ער ?

לייב אָליצקי

אין שאטן

פון פרץ מארקיש

מײַן האַרץ די תּפֿילה מורמלט ציטעריק נאָך הײַנט;
דײַן לערע גליט אין מיר ווי אַ צוואה...
פֿון ערגעצן פֿון טיפֿע סודיק צו מיר שײַנט
דער אָרעאָל פֿון דײַנע האָר די גראָע,

לויט דײַן צוואה כ׳רייס זיך, הייב זיך אויף און... פֿאַל
אין קעלער, ווו מע האָט דײַן לײַב דערנידערט;
איך מי זיך אויפֿכאַפּן דײַן בליקס לעצט-לעצטן שטראַל,
מיט גאָר דײַן שוואַכסטן גסיסה-זיפֿץ פֿאַרברידערט — — —

דער לעצטער שטראַל ציט אָן זיך אויף אַ פֿידלזון,
וואָס בלענדט אין נישט-דערבליקטע תּכלת-ווײַטן
און צאַפּלט זיך מעלאָדיש, ווי אַ רויטער סטרון,
וואָס וועבט צוזאַמען אומגעדאַכטע צײַטן.

די פֿידלזון שפּילט אויס אַ ניגון צאַרט און דין,
מיט גאָר דײַן לעצטן זיפֿץ אַדורכגעציטערט;
דער וועלטאַל לייגט זײַן אויער צו, זײַן האַרץ און זין
און וואַרט, ביז אומצוברעכנגען זיך, דערשיטערט — — —

אָ, ווער זשע זידלט עם דעם וועלטאַל? — פּחדן! ער
האָט אויסגעהאַלטן, כאָטש געוווסט, אַז דאָס זײַן סוף איז,
און בלויז זײַן מוטיק וואָרט געווען איז זײַן געווער:
„אַ דיכטער טאָר נישט וויסן גאָר, וואָס שרעק איז״.

דעם שאָטן פון דייַן גבורה, לערער, שענק מיר מילד,
צו מוטיקן מיך שטייַגן צו די טיפן,
ווו יענער ניגון, פון דער פידלזון געשפּילט,
זאָל אויפצאַפּלען מייַן האַרץ און עס פאַרבליפן, — — —

וועט אפשר אויך דייַן לעצטער גסיסה־זיפץ אַרייַן
צו מיר אין בלוט און קרייַזן דורך די גלידער,
און אויפגיין מיט אַ וווּנדערלעך־צעשפּילטער שייַן
פון מייַנע צייַטיק־ווערנדיקע לידער.

גבעתיים, יום העצמאות, תשכ״ו (1966)

יצחק בראַט

פאַרברענט מיין היים

(דערציילונג)

אונטערן דרוק פון די סאָוויעטישע כוחות האָבן די דייטשן זיך צוריקגעצויגן פון וואַלינער געגנט. מיר, פאַרטיזאַנער, זענען אַרויס פון די וועלדער און באַהערשט די אַרומיקע דערפער.

די קריסטלעכע חברים מיינע האָבן געטאַנצט פאַר פרייד: זיי האָבן דערלעבט די באַפרייונג. אָבער איך — דער איינציקער ייד צווישן זיי — האָב זיך געפילט אַזוי, ווי כ׳וואָלט נאָר־וואָס געקומען אויף דער וועלט. עפעס האָט זי מיר אויסגעזען, די וועלט, אין גאַנצן אַן אַנדערע, אַ פרעמדע. געדאַכט האָט זיך מיר, אַז יעדער פאַרבייגייער שטעכט מיך אַדורך מיט זיינע שנאה־בליקן און ער חידושט זיך: „זע נאָר, אַ ייד! ווי אַזוי איז ער לעבן געבליבן?״

מיר האָט זיך געגלוסט צוריקקערן אין וואַלד. דאָרט איז מיר היימישער געווען! די ביימער האָבן געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ נאָענטן פריינד, די געדיכטע קוסטעס האָבן מיך איינגעהילט מיט מוטערלעכער וואַרעמקייט, געשיצט פון מענטשן־חיות.

יאָ, אַלע האָבן געטאַנצט פאַר פרייד, אָבער מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שפּאַן איבער אַ ריזיקן בית־עולם.

איך מוז אַנטלויפן פון דאַנען — האָב איך באַשלאָסן — אָבער איידער איך וועל אַוועק, מוז איך באַזוכן מיין דאָרף פּאָלאָפּ, וווּ איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן, וווּ איך האָב איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט קינדער, אַ גרויס פאַרמעגן. איך ווייס, די פרוי מיטן קינד זענען שוין דאָרט לאַנג נישטאָ. אָבער די שטוב איז גאַנץ. אויך דער שייער, דער סאָד — אַלץ איז געבליבן ביי האָוורילאָ פּאַנאַסיוק. ער האָט עס באַקומען אַלס מתנה פון די דייטשן, דערפאַר וואָס ער האָט געשלעפּט יידן צו דער שחיטה.

ניין, ער וועט מיך נישט ירשענען, דער דאָזיקער האָוורילאָ — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין — איך לעב נאָך. און ווער ווייסט אויף ווי לאַנג. מוז איך מיך דעריבער צואיילן. איך וועל מאַכן אַ באַזוך ביי האָווריל.אָן. זאָל ער זען דעם בייזן ווונדער: אַ ייד איז לעבן געבליבן, דער באַלעבאָס פון זיין צוגעראַבעוועטן פאַרמעגן.

איך האָב זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון פּאָלאָפּ. איך האָב געהאַט דאָס

געפּיל, אַז איך גיי אין אַ פרעמדן דאָרף אַריין. אָט אַזוי, ווי איך בין עס געוווינט געווען אין די לעצטע יאָרן — אַ גאַנג צום אומבאַוווּסטן... איין אונטערשייד איז יאָ געווען: איך האָב זיך נישט אויסבאַהאַלטן אַזוי ווי דעמאָלט, נאָר דרייסט געשפּאַנט איבערן זאַמדיקן וועג. פון דעסטוועגן, ווען איך בין צוגעקומען נאָענט צום דאָרף, און די ערשטע הייזלעך האָבן זיך באַוויזן, האָב איך פאַרקערעוועט אין אַ זייט און זיך געלאָזט איבער די גערטנער. איך האָב נישט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל מיך דאָ באַגעגענען און דערקענען. בעסער וועט זיין — האָב איך געטראַכט — אַז האַווּרילאָ וועט זיין דער ערשטער גוי, וואָס וועט מיך דערזען אַ לעבעדיקן, ביי מיר אין שטוב...

איך בין צוגעקומען צו מיין הויז — עס שטייט מיט טיר־און־פענצטער, ווי גאָרנישט וואָלט זיך דאָ געענדערט. אַפילו די פּרוכטביימער קוקן מיך אָן מיט די זעלבע אויגן... בוקן זיך, דאַכט זיך, צו מיר און שעפּטשען־אויס מיט זייערע בלעטעלעך אַ ברוך־הבא פאַר מיינעטוועגן... אויך דער שייער איז גאַנץ. נאָר אין איין אָרט איז דער דאַך אָפּגעפליקט און די הוילקייט קוקט אַרויס פון דאָרט מיט נאַכטיקער שוואַרצקייט.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און דאָס אַלץ באַטראַכט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די טויטע זאַכן פרייען זיך מיט מיין קומען, אַז זיי טוליען זיך צו מיר, ווי קינדער... עס איז דען אַ וווּנדער? — איך האָב דאָך מיט מיינע אייגענע הענט די ביימער פאַרפלאַנצט, די בנינים אויפגעשטעלט — דאָס אַלץ געשאַפן. און מסתמא האָט זיי דאָך די גאַנצע צייט געפעלט אַ פאָטערלעכע האַנט... און אָט בין איך ווידער דאָ, איך, בערל זייפמאַן, דער באַלעבאָס, וועמען מען האָט פון דאַנען פאַרטריבן, ווי אַ הונט. איך בין איצט דאָ מיט אייך — זאָג איך אין דער שטיל — אָבער זייט וויסן, אַז איך בין נישט צוריקגעקומען... איך וויל נאָר, צום לעצטן מאָל, מיט אייך זיך געזעגענען... איך וויל אייך דערציילן, אַז אייער באַלעבאָסטע, שרהלע, איז נישטאָ מער... אויך דאָס קליינע מיידעלע, שיינדעלע, וואָס פלעגט אַרומלויפן דאָ אין הויף צוזאַמען מיט די קעלבלעך, איז שוין אויך נישטאָ מער... און איך אַליין, דער באַלעבאָס אייערער, בערקאָ, בין שוין אויך פאַקטיש אַן אַנדערער... יענער בערקאָ, וואָס האָט זיך מיט אייך פאַרנומען מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט, איז שוין לאַנג געשטאָרבן... שלעכטע מענטשן האָבן אַלץ אין אים אָפּגעטויט.

כאָטש עס איז נאָך געווען פריער פאַרנאַכט, איז אין דאָרף געווען שטיל, ווי אַלץ וואָלט שוין געהאַט געשלאָפן. אַפנים די נייע צייט האָט ביי די אוקראַינער צוגערויבט די פרייד. פריער, ביי די דייטשן, זענען זיי געווען האָפערדיק. זיך געלאָזט ווילגיין אויפן חשבון פון די יידן, רייך געוואָרן. איצט האָבן זיי מורא דאָס אַלץ צו פאַרלירן.

כ'האָב געגעבן אַ שפּאַן אַריין אין פּאָדערהייזל און גלייך פון דאָרט — אין גרויסן צימער. אין שטוב איז געווען טונקל. אַ קליין נאַפט־לעמפּל האָט זיך געריי־כערט אויפן פּריפּעטשיק, און גרויסע שאָטנס האָבן פראַנק־און־פריי זיך צעלייגט איבער די ווענט...

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי דער שוועל און געוואָרפן אַ בליק איבערן צימער. אַלץ איז דאָ געווען אויפן זעלבן פּלאַץ, אַזוי ווי ביי מיין לעצטן באַזוך. איך האָב אָבער באַמערקט, אַז עס זענען צוגעקומען נאָך מעבל־שטיק — אַ גרויסער טיש און אַ געשניצטע, באַגלאָזטע שאַפע, עטלעכע געבעטע שטולן. דאָס האָט האַורילאָ אַוודאי אָנגעשלעפּט פון די יידישע הייזער אין שטאָט, נאָך דעם ווי מען האָט די יידן פון דאָרט אַרויסגעפירט.

אין צימער האָט זיך געפילט אַ ריח פון זויערקרויט און אָנגעברענטע ציבע־לעס — עס האָט געשמעקט מיט פּראָסטער, דאָרפישער גוישקייט... איך האָב אָנגעקוקט דאָס געשניצטע מעבל און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די שאַפע מיט די געבעטע שטולן בעטן זיך ביי מיר: בערל, נעם אונדז פון דאַנען אַרויס... מיר פילן זיך דאָ געפאַנגען, נאָך דעם ווי מען האָט אונדזער באַלעבאָס דערהרגעט און אונדז פאַרשלעפּט אַהער.

איך האָב אַ שפּרייז געטאָן פאָרויס. שטיל. קיינער רופט זיך נישט אָפּ. וואָס קען דאָ זיין? וווהין איז פאַרשווונדן האַורילאָ מיט זיין קאָסאָקער פּאַראָסקען און די גאַנצע כאָפּטע זיינע?

איך בין אַזוי געשטאַנען אַ היפּשע פּאָר מינוט, ביז פון הויף־אַרויס האָבן זיך דערהערט שווערע טריט.

איך האָב זיך גלייך צוריקגעצויגן אין אַ ווינקל. צו וואָס איך האָב עס געטאָן — האָב איך אַליין אין יענעם מאָמענט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון. קען זיין, אַז דאָס איז געקומען פון געוווינטשאַפט אין די שווערע פּאַרטיזאַנער־יאָרן, ווען מען האָט געדאַרפט בליץ־שנעל איבעררעאַשן דעם שונא.

די שווערע טריט האָבן זיך דערנענטערט. און אָט האָב איך שוין דערהערט דאָס קלאַפּן פון די אייזערנע פּאָדקאָוועס אינעם טיק פון דעם פּאָדערהייזל. זעט אויס, אַז דער, וואָס קומט איצט אָן, טראָגט שווערע, זעלנערישע שטיוול.

די טיר אין גרויסן צימער אַריין האָט זיך באַלד ברייט צעפּראַלט און האָט פאַרדעקט דאָס גאַנצע ווינקל, וווּ איך בין געשטאַנען. איך האָב געהערט ווי דער וואָס איז אַריינגעקומען האָט אַ הוסט געטאָן און גענומען אַראָפּציען פון די פיס די שטיוול. פריער האָט ער מיט רעש אַ וואָרף געטאָן אין אַ זייט איין שטיוול, דערנאָך דעם צווייטן. איך האָב פאָרזיכטיק געגעבן אַ קוק אַרויס פונעם ווינקל און דערזען, אַז דאָס איז דער נייער באַלעבאָס, האַורילאָ פּאַנאַסיוק.

כאָטש עס איז געוועזן טונקל אין צימער, האָב איך דאָך באַמערקט זיין אויס־געפּאַשעטן פּרצוף. ער איז פאַר דער צייט נאָך דיקער געוואָרן. זעט אויס, עס האָט אים דאָ נישט געפעלט צום פרעסן. און וואַלגערן זיך, אַזוי ווי איך, אין וואַלד, האָט ער אויך נישט געדאַרפט. ער האָט גוט געלעבט, די יידן וועלכע ער האָט געהאָלפן אומברענגען האָבן אים איבערגעלאָזט אַ פיינע ירושה...

האַווריליאַ האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך די סוויטקע און געבליבן זיצן אין אַ ווייסער אויסגענייטער העמד. ער איז אַזוי עטלעכע מינוט געזעסן און אונטערגע־ברומט אונטער דער נאָז עפּעס אַן אוקראַיִנישן ניגון. דערנאָך איז ער פויל אויפ־געשטאַנען, צוגעגאַנגען צום אויוון, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ טעפּל — אַפּנים מיט באָרשטש — און אָנגעהויבן צו כלעפּטשען. איך האָב פונעם ווינקל זיך איינ־געקוקט אין זיין אונטערגעהאַקטער טשופּרינע. די האָר זיינע האָבן מיר דערמאָנט אַ פּרוי... וואָס ווייטער איך האָב אויף אים געקוקט, אַלץ מער האָט זיין געשטאַלט זיך אָנגעהויבן צו פאַרווישן צווישן שאָטנס. אַ צווייט בילד איז פּלוצלונג אויסגע־וואַקסן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז שרהלען זע איך דאָרט ביים טיש... יאָ, יאָ. אָט איז זי דאָך, איר אונטערגעהאַקטע טשופּרינע... שרהלע מאַכט מיט די הענט ווילדע העוויות און דרייט זיך פאַר מיינע אויגן... דאָס סטאַרעט זי זיך אַפּנים אַראָפּ־צונעמען די פּעטליע פונעם האַלדז, וואָס סעריאָזשקע האָט איר פאַרלייגט... יאָ, איך זע טאַקע די תליה... אָט שטייט זי דאָרט פאַר מיינע אויגן... און סעריאָזשקע האַלט זיך פאַר די זייטן פון געלעכטער...

— טייוול! — האָב איך אויסגערעוועט און אַ שפּרונג געטאָן פאָרויס.

דאָס טעפּל איז אַרויסגעפאַלן פון האַווריליאָס הענט און די שערבלעך זענען זיך צעפלויגן אין אַלע זייטן.

האַווריליאַ האָט פון שרעק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און גענומען אין דער גיך זיך צלמען. עס האָט אים געוואָרפן ווי אין קדחת. ער האָט מורא געהאַט אויפ־צוהייבן דעם קאָפּ. איך בין צוגעשפּרונגען צו אים און מיר האָט זיך אין דעם מאָמענט געדאַכט, אַז דאָס איז גאָר סעריאָזשקע, וואָס האָט פאַרלייגט אַ פּעטליע אויפן האַלדז פון מיין שרהלען. ער, סעריאָזשקע, שטייט עס אַזוי פון דער ווייטנס און כיכיקעט. איך האָב אים אַ ריס געטאָן פאַר דער טשופּרינע אַרויף, אָט אַזוי ווי איך פלעג אַ מאָל זיך נוהג זיין אַרויסרייסן אַ קאָרטש קאַרטאָפליעס, און אַ געשריי געטאָן:

— שטיי אויף, נבלה. אין דיין מאַמען אַריין! הער אויף זיך צו וואַרפן, איך האָב נאָך דערוויל דיר גאָרנישט געטאָן. שטעל זיך אויף די פיס און דערצייל, ווי איז דיר דאָ געגאַנגען... געדענקסט. איך האָב דיר אַ מאָל געזאָגט, אַז איך וועל דיך וווען עס איז באַזוכן, און אָט בין איך געקומען.

האַווירילאַ האָט געקוקט אויף מיר מיט אויפגעריסענע אויגן און נישט פאַר־שטאַנען, ווי אַזוי אַ יענוועלטיקער קען עס אַזוי רעדן... ער איז דאָך געווען זיכער, אַז איך בין שוין לאַנג טויט, און דאָ, פּלוצלונג, שטיי איך גאָר אַ לעבעדיקער, אָט אַזוי ווי אַ מאָל, מיט געדיכטע וואָנצעס און מיט אַ ברייט פּנים, — און איך רעד...

ער האָט אַן עפן געטאָן דאָס מויל און עס האָט זיך דערהערט אַ ברומען — באַ... באַ... אַזוי ווי פון אַ שטומען — און באַלד האָט ער זיך ווידער געכאַפּט צום צלמען. זעט אויס, ער האָט געוואָלט זאָגן „באָזשע", אָבער דאָס מויל האָט אים נישט געדינט...

איך האָב אים אָפּגעלאָזט, צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און אויפגעפּראַלט די טירן. זי איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט כל־טוב — מלבושים און בעטציג. אַפילו אַ טכוי־רענער פוטער איז דאָרט געהאָנגען און די שפּיצן פון ברייטן קאָלנער האָבן אַרויס־געקוקט אין דרויסן... — אַלץ יידיש האָב־און־גוטס — האָב איך געטראַכט. עס האָט מיר אַ שניט געטאָן ביים האַרצן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער אַ געוויין, וואָס קומט פון דער שאַפע אַרויס: „מען האָט אונדז געשאָכטן, מ'האָט אונדז דער־שטיקט... בערל, נעם נקמה פון האַווירילאַן!"

— זאָג, ווו האָסטו עס גענומען? — האָב איך צו אים אַ געשריי געטאָן — עפן דאָס מויל, רוצח! דערציייל, וויפל יידן האָסטו אויסגעשאָכטן? נאָך ווייניק איז דיר געווען מיין האָב־און־גוטס, האָסטו נאָך אָנגעשלעפּט פון אַנדערע יידן? אַ פּריץ האָסטו געוואָלט ווערן? פאַרזאָרגן דיינע קינדער מיט יידיש פאַרמעגן האָט זיך דיר געגלוסט? האָסט געמיינט, אַז בערל איז שוין לאַנג צעפוילט געוואָרן? האַ? רעד!

און ווי פון זיך אַליין, האָט מיין האַנט זיך אַ ציי געטאָן צום רעוואָלווער.

ווען האַווירילאַ האָט דערזען פאַר זיינע אויגן דעם רעוואָלווער, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט ביים האַרצן, ווי ער וואָלט עס געוואָלט פאַרשטעלן פאַר די קוילן...

ווי נאָר איך האָב אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און אַרויפגעלייגט דעם פינגער אויפן צינגל, האָב איך שוין געוווסט, אַז האַווירילאַ וועט באַלד ליגן אַ טויטער. אין דער פּאַרטיזאַנקע האָב איך זיך תמיד אַזוי נוהג געווען: כל־זמן דאָס געווער איז געהאָנגען אויפן אַקסל, אָדער געלעגן אין קעשענע — האָב איך זיך נאָך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך עס יאָ באַנוצן, צי נישט, אָבער קוים האָב איך עס גענומען אין האַנט אַריין, האָט שוין געפייערט... איך האָב נאָר מורא געהאַט, אַז עס וועלן אָנקומען די זעקס קינדער זיינע און די קאַסאָקע פאַראַסקע. זיי וועלן אויפ־הייבן אַ געיאָמער, עס וועט ווערן אַ צוזאַמענגעלויף.

איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו האַנדלען שנעל. וואָס וועל איך אים דען פרעגן און וואָס וועט האַווירילאַ מיר זאָגן? ווייס איך דען נישט, וואָס ער האָט געטאָן מיט

יידן? דאָס אָנגערויבטע האָב־און־גוטס איז דאָך דער בעסטער עדות. טאָ צו וואָס זאָל איך זיך נאָך צערעמאָניען מיט אים? דערוויל הערשט נאָך אַ סומאַטאָכע, די מאַכט איז נאָך נישט איינגעשטעלט, קען מען נקמה נעמען. מאָרגן וועט שוין זיין צו שפּעט.

איך האָב זיך דערנענטערט צו אים און אַ דריק געטאָן אויפֿן צינגל. האַווריליאָ האָט זיך יעדעס מאָל איינגעקאָרטשעט פֿון דאָס ניי, ביי יעדער געטראָפֿענער קויל. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער פּאַדלאָגע, דאָס מויל ברייט אויפֿגעריסן צו אַ פֿאַרשפּעטיקטן געשריי. איצט האָב איך זיך גענומען אַלץ חרוב צו מאַכן. כ׳האָב געוווּסט, אַז כאָטש האַווריליאָ וועט פֿון מיין גוטס שוין נישט נהנה זיין, וועט דאָס אַלץ אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון זיין ווייב מיט אירע ממזרים אָדער אין די הענט פֿון אַנדערע מערדער, וואָס זענען נישט בעסער געווען פֿון האַווריליאָן. זאָל אַלץ אַוועק מיטן רויך — האָט אין מיר אויפֿגעברויזט אַ גיפֿטיקע פֿרייד פֿון פֿאַרניכטונג. נעבן אויוון איז געשטאַנען אַ פֿלאַש מיט נאַפֿט. איך האָב זי גענומען אין די הענט און אַ גאָס געטאָן אויפֿן בעטציייג און אויף די מלבושים אין שאַפֿע. דערנאָך האָב איך געכאַפּט דאָס לעמפּל און צוגעלייגט צום נאַפֿט. אַ פֿלאַם האָט אַרומגעכאַפּט די שאַפֿע. כ׳האָב צעגאָסן דעם נאַפֿט איבער דער גאַנצער שטוב. רויטע פֿייער־צונגען האָבן אַרויסגעזעצט פֿון אַלע ווינקלען. איך בין אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב אין שייער. די בהמות האָבן אויסגעדרייט צו מיר די מאָרדעס. איך האָב אַפֿילו קיין צייט נישט געהאַט צוצוגיין צו זיי, נאָך אַזאַ לאַנגער צעשיידונג. שנעל האָב איך אויסגעגאָסן דאָס לעצטע ביסל נאַפֿט אויף דער הורבע שטרוי, אונטערגעצונדן און פֿאַרקלאַפּט הינטער זיך דאָס טויער.

צום לעצטן מאָל האָב איך נאָך געכאַפּט אַ קוק אויף מיין הויז, אויפֿן שייער און אויף דעם סאַד, וואָס זענען מיר אַזוי ליב און טייער געווען, און כ׳האָב זיך ביטער צעוויינט. האָב איך ווען עס איז געטראַכט, אַז מיין יידישער גורל וועט מיר אַ מאָל אַריינגעבן פֿייער אין האַנט אונטערצוצינדן מיין אייגענע האַרעוואַניע, מיין היים?

ווען איך בין שוין געווען ווייט פֿון דאָרף, האָב איך זיך אויסגעדרייט און דערזען, ווי די פֿלאַמען רייסן זיך אַרויף און באַלייכטן אַ שטיק הימל.

צוזאַמען מיט מיין אייגנס האָב איך אַלע בריקן פֿאַרברענט הינטער זיך. איצט איז געבליבן פֿאַר מיר איין וועג — פֿאָרויס, ווייט, ווייט פֿון דאַנען.

נחום שרון

די קולטור־טעטיקייט פון דער הסתדרות

(אינפאָרמאַטיווער איבערבליק)

דער אויפקום פון מדינת ישראל האָט געשאַפן נייע גרויסע מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער יידישער קולטור־שאַפונג. פאַר די 18 יאָר יידישע מדינה זענען געוואַלטיק געשטיגן סיי די קולטור־פּראָדוקציע און סיי די קולטור־קאָנסומציע.

אין אָט דער אויפבליונג פון דער יידישער קולטור־שאַפונג האָט די הסתדרות העובדים אַ גאָר גרויסן חלק, ווייל די קולטור־אַרבעט איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל אין דעם פּראָגראַם פון דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, ממש פון איר אַנטשטייונג, און האָט זיך באַזונדערס אַנטוויקלט מיטן אויפקום פון דער מדינה.

די עיקרדיקע געביטן פון דער הסתדרותישער קולטור־טעטיקייט זענען: אויפקלערונג, בילדונג, קונסט, דערציונג, פאַרלאַג־וועזן. דער געבוי פון דעם „מרכז לתרבות ולחינוך״, וואָס איז באַרופן אָנצופירן מיט דער קולטור־אַרבעט פון דער הסתדרות, איז צוגעפּאַסט דעפּאַרטאַמענטאַל צו די דערמאָנטע הויפּט־אויפגאַבן.

דער אויפקלערונג ווערט געשענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט. דער נייער עולה, נאָך איידער ער באַוויזט צו שטעלן זיינע ערשטע טריט אין לאַנד, האָט ער שוין אַן אַ שיעור שאלות בנוגע דערשיינונגען, וואָס זענען פאַר אים ניי. די אויפקלערונג דערפילט אין דעם פּרט די ראָל פון אַ וועגווייזער, וואָס העלפט דעם עולה זיך פונאַנדערקלייבן אין די לאַבירינטן פון אומבאַקאַנטע געזעצן, מנהגים און באַציונגען. בעת די אויפקלערונג־לעקציעס באַקומט דער עולה די ערשטע אַנונג וועגן דער עקאָנאָמיש־פּאָליטישער לאַגע פון לאַנד, וועגן דער ישראלדיקער געזעלשאַפט און וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען. דאָ ווערט געשאַפן דער ערשטער גייסטיקער קאָנטאַקט צווישן נייעם הסתדרות־חבר מיט דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט.

די מאַפּע פון דער אויפקלערונג־אַרבעט נעמט אַרום סיי דאָס אַרבעטס־אָרט, און סיי דאָס וווין־אָרט. די הסתדרות „באַדעקט״ דאָס גאַנצע לאַנד מיט אַ נעץ פון פאָרלעזונגען, שמועסן, סעמינאַרן, וועלכע גיבן דעם צוהערער דאָס ערשטע באַגריף און דרינגענדן ענטפער אויף וועזנטלעכע פראַגן בנוגע דעם כלל און דעם יחיד.

די אויפקלערונג־אַרבעט ווערט געפירט אין אַלע שפּראַכן אויף וועלכע עס רעדן די עולים. פאַרשטענדלעך, אַז אויך אין יידיש.

במשך פון די לעצטע 15 יאָר זענען דורך דער הסתדרות אויפגעבויט געוואָרן איבער 200 אַרבעטער־קלובן. זייער ציל איז — שאַפן פאַרן אַרבעטער באַדינגונגען קולטורעל צו פאַרברענגען זיין פרייע צייט, נאָך דעם ווי ער קערט זיך אום פון דער פאַבריק, וואַרשטאַט, ביורא. די הסתדרות־קלובן זענען אָפט די איינציקע קולטור־צענטערס אין די פאַרשטעט און וויטערע שטעטלעך. זייער אַנטוויקלונגס־טענדענץ איז, צו ווערן קאָמיוניטי־צענטערס און צו גרופּירן אַרום זיך אַלע געזעל־שאַפטלעך אַקטיווע חברים אינעם ראַיאָן.

אין רשות פון דער הסתדרות און אירע אָפּטיילונגען געפינען זיך בערך 800 ביבליאָטעקן. כמעט אַ דריטל פון דעם — אין די קיבוצים. דאָס זענען טאָקע די רייכסטע ביכער־זאַמלונגען אין צאָל און אין איכות. ביי די גרעסערע ביבליאָטעקן, אין ירושלים, תל־אביב, חיפה, רמת־גן א״א זענען פאַראַן לייען־זאַלן.

אַ דאָפּלטע קולטור־אויפגאַבע האָט דער קונסט־דעפּאַרטאַמענט: באַפרידיקן די באַדערפענישן פון הסתדרות־חבר אויפן געביט פון קונסט דורך דערמעגלעכן אים צו געניסן פון גוטע פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן אאַז״וו. און — פון דער אַנדערער זייט — צו קולטיווירן זעלבסט־טעטיקייט און קונסט־שעפערישקייט.

אין די מועצות הפועלים (אָרטיקע הסתדרות־אָפּטיילונגען), און בפרט אין די קיבוצים, זענען טעטיק הונדערטער דראַמאַטישע קרייזן, טאַנץ־אַנסאַמבלען, אָרקעס־טערס, פאָלקסכאָרן, אָוונטקורסן פאַר מאָלעריי און סקולפּטור.

יעדעס יאָר קומען פאָר פעסטיוואַלן פון די דראַמאַטישע קרייזן. בעתן לעצטן פעסטיוואַל, זומער 1966, האָבן אייניקע קיבוצישע אַנסאַמבלען אויפגעפירט — אין שייכות מיטן שלום עליכם־יאָר — די שאַפונגען פון גרויסן יידישן פאָלקס־שרייבער, צווו״א. „טוביה דער מילכיקער״ און „שווער צו זיין אַ ייד״.

ביי דער הסתדרות זענען טעטיק צוויי גרויסע ביכער־פאַרלאַגן: „עם־עובד״ און „תרבות וחינוך״. דער ערשטער צייכנט זיך אויס מיט פּאָפּולאַריזירן קלאַסישע און אויך נייע ליטעראַטור־ווערק. אַ ריי יונגע ישראל־שרייבער האָבן דעביוטירט מיט זייערע שאַפונגען אין „עם עובד״. דער פאַרלאַג האָט אין די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט איבערזעצונגען פון אַ ריי יידישע פּראָזאַיקער, ווי חיים גראַדע, יונה ראָזענפעלד, באַשעוויס.

דער פאַרלאַג „תרבות וחינוך״ פאַרנעמט זיך בעיקר מיט אַרויסגעבן שאַפונגען אויף אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע און הסתדרותישע טעמעס, מיט פאַרעפנטלעכן שריפטן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, גיט אַרויס פּעדאַגאָגישע ווערק און לערן־ביכער.

אַ באַזונדערער דעפּאַרטאַמענט, וואָס פירט אָן מיט די ענינים פון פאָלקסביל־דונג, פאַרנעמט זיך, קודם כל, מיט ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם צווישן די נייע עולים, בפרט צווישן די געקומענע פון די אַראַבישע לענדער. לויט אָפיציעלע קוועלן באַטרעפט זייער צאָל ביז 200 טויזנט נפשות. מיט דער הילף פון לערער־וואָלאָנטערן און ביי דער פולער מיטאַרבעט פון דערציונג־מיניסטעריום און פון די שטאָטראַטן ווערט געפירט אַן אַקציע אויסצוראָטן דעם אַנאַלפאַבעטיזם. גלייכצייטיק זענען דורך דער הסתדרות אויפגעשטעלט געוואָרן אָוונטשולן, ווו הסתדרות־חברים קאָנען באַקומען יסודותדיקע, מיטעלע און אַפילו העכערע בילדונג (פאַר לערער).

פאַר די איינוווינער פון דער פּראָווינץ און פון די דערפער, וואָס האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו באַזוכן סטאַציאָנאַרע לערן־אַנשטאַלטן, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אינסטיטוט פאַר בילדונג דורך קאָרעספּאָנדענץ. במשך פון די לעצטע צען יאָר האָבן אין דאָזיקן אינסטיטוט געלערנט כמעט 20 טויזנט שילער, פון אַלע עקן לאַנד.

די הסתדרות פאַרמאָגט אַן אייגענע נעץ פון פאַכשולן, אין וועלכע די שילער באַקומען אויך אַלגעמיינע מיטעלע בילדונג. אויפן דאָזיקן געביט קאָאָרדינירט די הסתדרות איר טעטיקייט סיי מיט דער רעגירונג און סיי מיט דער יידישער פאַר־דינסטפּולער אָרגאַניזאַציע פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע — „אָרט".

זייט דעם פאַרמלוכהשן די פאָלקסשולן פון דער הסתדרות אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן, האָט די הסתדרות באַגרענעצט איר טעטיקייט אויפן געביט פון אויסשולן לערער אין ספּעציעלע אָוונט־הויכשולן. זי האַלט אָבער אויס אַן אייגענעם לערער־סעמינאַר פאַר רעליגיעזע לערער, וועלכע אידענטיפיצירן זיך נישט אידעיִש מיט די רעליגיעזע פּאַרטייען.

אויספירן די אויפגאַבן פון דער הסתדרות אויפן געביט פון קולטור און דער־ציִונג איז טייל מאָל ביז גאָר קאָמפּליצירט. די אַקטועלע און דרינגענדיקע נויט־ווענדיקייטן שטייען אָפט אין סתירה צו די פּלענער אויף אַ ווייטערער מעטע. די נאַטירלעכע טענדענץ אויסצוברייטערן וואָס מער די קולטור־אַרבעט טרעפט זיך, נישט זעלטן, אָן אין דעם פּראָבלעם — מה קודם למה? מיט וואָס זיך שוין איצט פאַרנעמען און וואָס אָפּלייגן אויף שפּעטער. אין רעזולטאַט, מוז מען אָפט מוותר זיין אויף אַ טייל ווייטגייענדיקע צילן און זיך קאָנצענטרירן אויף אַנדערע, אפשר ווייניקער פּרוכטבאַרע, אָבער וויכטיקע און נויטווענדיקע אין דעם לויפיקן צייט־אָפּשניט.

צום שלוס, אייניקע ווערטער וועגן אָרט פון יידיש אין דער קולטור־טעטיקייט פון דער הסתדרות.

די עליה פון הונדערטער טויזנטער אייראָפּעישע יידן, מיט דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, האָט געבראַכט אַ פּאָזיטיווע ענדערונג אין דער באַציונג צו יידיש און יידישער ליטעראַטור אין לאַנד. אין די לעצטע יאָרן ווייזן אַרויס די פירער פון דער הסתדרות אַ וואַרעמען אינטערעס פאַר דעם יידישן קולטור־אוצר. אַ בולטע באַשטעטיקונג פון די דאָזיקע ענדערונגען איז די הסתדרותישע ליטעראַרישע פּערטליאַר־שריפט אין יידיש — „די גאָלדענע קייט". דאָס איז, אַגב, דער איין און איינציקער ליטעראַרישער זשורנאַל, וואָס די הסתדרות גיט אַרויס.

אמת, אויך איצט ווערן אין יידיש געפירט גאַנץ ווייניק טעטיקייטן (אויסער די לעקציעס פאַר נייע עולים). מען מוז אָבער דערביי געדענקען, אַז די שפּראַך, וואָס איז געמיינזאַם פאַר אַלע אַרבעטער אין דער פאַבריק אָדער אין ווין־ראַיאָן, איז — עברית. איז דאָס טאַקע די סיבה, הלמאי מען פירט די אַלגעמיינע קולטור־טעטיקייטן בעיקר אין העברעיִש.

אַ ריי מועצות פּועלים, ווי תל־אביב, חיפה, חולון, נס־ציונה, חדרה און אַנדערע, האָבן איינגעשלאָסן אין זייערע פּראָגראַמען ליטעראַרישע אָוונטן אין דער יידישער שפּראַך. די צאָל אונטערנעמונגען אין יידיש פאַרגרעסערט זיך סיסטעמאַטיש פון יאָר צו יאָר און די צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער הסתדרות באַציען זיך פּאָזיטיוו צו דער דאָזיקער דערשיינונג.

אין די לעצטע פּאַר יאָר האָט די הסתדרות איינגעלאַדן, צו באַזוכן דאָס לאַנד און צו באַקענען זיך מיט דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, אַ ריי פּראָמינענטע יידישע דיכטער, שרייבער און קולטור־עסקנים, צווישן זיי: ה. גראַדע, י. גלאַטשטיין, גלאַנץ־לייעלעס, שלמה ביקל, בעריש וויינשטיין, ב.צ. גאָלדבערג. זייערע באַגעגענישן מיט דעם יידיש־רעדנדיקן ציבור אין ישראל, זייערע אויפטריטן בעת די עפנטלעכע אונטערנעמונגען פון דער הסתדרות זענען געווען אַ גרויסע גייסטיקע איבערלעבעניש פאַר דער יידיש־געזעלשאַפט אין ישראל און האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם קאָנטאַקט צווישן די יידישע קולטור־טוער אין חוץ לארץ און דער הסתדרות.

געוויס איז אויפן געביט פון צוזאַמענאַרבעט צווישן דער הסתדרות און דער יידישער קולטור־וועלט נאָך פאַראַן אַ סך אויפצוטאָן. די איצטיקע גוטע באַציונגען צווישן יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל און דעם מרכז לתרבות פון דער הסתדרות גיבן אַ גרונט צו גלייבן אין דערפאָלג אויף דעם געביט.

יצחק פאַנער

הינטער שטעכיקע דראטן

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

עס ווערט איצט 20 יאָר זינט די ערשטע מעפּילים האָבן באַטרעטן די לאַגערן, וואָס די ענגלענדער האָבן פאַר זיי אויפגעשטעלט אין ציפּערן. לאַנג איז דאָס קליינע הייפל מעפּילים נישט געבליבן אַליין. דער נייער ידישער „יישוב" איז גיך געוואַקסן. עס זענען באַלד צוגעקומען מעפּילים פון די פאַרשידענע „מולטער־שיפלעך", ווי „מולדת", „טעאָדאָר הערצל", „גאולה", „שבתי לוזאנסקי", „עצמאות", „קוממיות", און פיל אַנדערע.

דעם 1טן יאַנואַר 1948 האָבן אונטער דער „פייערלעכער" באַגלייטונג פון ענגלישע קריגשיפן געלאַנדעט אין האַפן פון פאַמאַגוסטאַ די „צווי פּאַנעס": „פּאַן יאָרק" און „פּאַן קרעשטשענט" — די גרעסטע עליה אין דער געשיכטע פון העפּלה. די דאָזיקע שיפן האָבן געבראַכט קיין ציפּערן העכער פופצן טויזנט רומענישע יידן און דערמיט מער ווי פאַרטאָפּלט די צאָל „איינוווינער" צווישן די דראָט־פּאַרצוימונגען.

אין די דעצעמבער־טעג פונעם יאָר 1947 איז אין יידישע שטעט און שטעטלעך פון רומעניע געווען ששון ושמחה. טויזנטער יידן, גאַנצע משפּחות, האָבן געפּאַקט וואַליזעס און רוקזעק (יעדער האָט געמעגט מיטנעמען מיט זיך 12 קילאָ), געקויפט, פאַרקויפט, געטוישט פאַרשידענע חפציםץ געפאָרן אין נאָענטע און ווייטע שטעטלעך זיך געזעגענען מיט קרובים, געפיבערט און זיך געגרייט צו דער ווייטער אויסגעבענקטער נסיעה. און געטראַכט האָבן יידן אין יענע טעג, אַז נישט אַנדערש, ווי ס'איז משיחס צייטן: אויס רדיפות, אויס רשעות, אויס שנאה, — אויס גלות! אַלע גוישע אַמטלעכע טירן האָבן זיך פלוצעם פאַר יידן ברייט געעפנט, גרייט צו דערפילן אַלע זייערע ווונטשן, גרייט זיי צו דינען מיט דאָקומענטן, צייגענישן, פּאַספּאָרטן. און די גרענעץ־פונקציאָנאַרן און באַאַמטע זענען גאַרנישט געווען צו דערקענען, אמתע מלאכים! געקוקט דורך די פינגער, צו מאָל נישט געהייסן עפענען די וואַליזעס מיט די רוקזעק!

און אָנקומענדיק מיט די באַנען צום בולגאַרישן פּאָרט בורגאַס, און דערזעענדיק אין ים די צוויי פאַראַנקערטע שיפן, אויף וועלכע עס האָבן פראַנק און פריי געפלאַ־

טערט בלוי־ווייסע פאָנען, — זענען יידישע אויגן געוואָרן נאַס, און אַ סך האָבן אַפילו געמאַכט אַ שהחיינו...

אָבער שוין דעם דריטן טאָג פאָרן מיט דער שיף האָבן די גליקלעכע ארץ־ישראל־פאָרער דערזען ווי אין אַ געוויסער דיסטאַנץ האָבן אָנגעהויבן נאָכשווימען נאָך די יידישע שיפן צוויי גרויסע פרעמדע שיפן. באַלד האָבן זיך באַוויזן נאָך צוויי שיפן — איינע פון דער רעכטער און די צווייטע פון דער לינקער זייט. און פון די פיר זענען באַלד געוואָרן זעקס שיפן...

אונדזער קאַפּיטאַן (אַ 23־יעריקער בחור) האָט אונדז דורך אַ רם־קול געלאָזט וויסן, אַז מיר זענען אַרומגערינגלט פון ענגלישע קריגשיפן, און אַז שטעלן אַ ווי־דערשטאַנד האָט נישט קיין שום צוועק.

דעמאָלט האָבן די ארץ־ישראל פאָרער איינגעזען, אַז מיט עטלעכע טעג פריער האָבן זיי געהאַט אַ טעות, אַז משיח איז נאָך ווייט...

*

אַ גאַנצן טאָג האָבן געדויערט די דעזינפעקציע־אַרבעטן און די רעוויזיעס. אומצייליקע ענגלישע זעלנער און אָפיצירן זענען דערביי געווען באַשעפטיקט. מ׳האָט נישט נאָר גרינטלעך געזוכט אין דעם באַגאַזש, נאָר מ׳האָט אויך געדאַרפט איבערדרייען די קעשענעס. מ׳האָט נישט געטאָרט מיטנעמען אין לאַגער אַריין קיין שום שטיקל באַשריבן פּאַפּירל, קיין נאָטיץ־ביכל, קיין בוך. דער ענגלישער סער־זשאַנט, וואָס האָט מיך קאָנטראָלירט, האָט ביי מיר געפונען אַ בוך: די אַנטאָלאָגיע פון יידישער דיכטונג, וואָס א. פרענקל און איך האָבן מיט אַ יאָר צוריק צונויפ־געשטעלט און אַרויסגעגעבן אין יאַס. איך האָב געציטערט, אַז דער זעלנער זאָל מיר דאָס בוך נישט אַוועקנעמען.

— ס׳איז אַ תנ״ך... אַ הייליק ספר... האָב איך אין מיין געבראָכענעם ענגליש געשטאָמלט, רעכענענדיק אויף דער ענגלישער צוגעבונדנקייט און ליבשאַפט צום ספר הספרים.

דער ענגלישער זעלנער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן בוך, דאַן אויף מיר, און מיט אַ שקצישן שמייכל גענומען לייענען, באַטאָנענדיק יעדן טראַף באַזונדער: „ביי־ע יי־די־שע דיכ־טונג״...

אין דער רגע איז צוגעקומען אַן אָפיציר, און זעענדיק ווי דער זעלנער האַלט אין האַנט אַ בוך און קוקט אין אים אַריין, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— What is it ?

— It is a bible — האָט דער סערזשאַנט געענטפערט און מיר צוריקגעגעבן די אַנטאָלאָגיע...

שפּעטער, לעבנדיק שוין אין לאַגער, האָב איך מיך נישט איין מאָל געפרעגט:

וועגן וואָס האָט מען געדאַרפט ביי די אָנקומענדיקע מעפּילים דורכפירן רעוויזיעס, וואָס ביי די געפּערלעכסטע פאַרברעכערס קאָנען זיי נישט שטרענגער געמאַכט ווערן, אין דער צייט, ווען אין די לאַגערן האָבן זיך געפונען ביבליאָטעקן מיט כלערליי ביכער, און ס'זענען אַריינגעקומען אין די לאַגערן פון דער גאָרער וועלט צייטונגען און צייטשריפטן פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען, אַפילו ענגליש־פיינטלעכע און קאָמוניסטיש־פריינטלעכע. און בכלל — ווער האָט זיך דען אין די לאַגערן גערעכנט מיט די ענגלענדער פון יענער זייט דראָטן?

✶

דאָס לאַגער פון ציפּערן מיט זיינע פּערמאַנענטע 32—35 טויזנט „איינוווינער" איז געווען אַ... סוווערענע מדינה, מיט אַן אייגענער רעגירונג, אייגענע געזעצן; האָט געהאַט אַן אייגענע פּאָליציי, אייגענע ריכטער און אייגענע תפיסות...

די „מזכירות משותפת" איז געווען די פריי געוויילטע רעגירונג, אין וועלכער עס זענען געווען פאַרטרעטן אָן אויסנאַם אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך געפונען אין די לאַגערן (און געווען זענען נישט ווייניקער פּאַרטייען ווי היינט אין ישראל). דער דזשאָינט — דאָס פינאַנס־מיניסטעריום — האָט פינאַנסירט אַלע בודזשעטן, דער ועד־התרבות — דאָס קולטור־מיניסטעריום — האָט אָנגעפירט מיט אַלע קולטור־ענינים, ווי שולן, סעמינאַרן, פּרעסע, טעאַטער אדג"ל. דער ועד־הדתי — דאָס רעליגיע־מיניסטעריום — האָט דערליידיקט אַלע רעליגיעזע ענינים.

די יידישע פּאָליציי האָט געהיט די אָרדענונג אין „לאַנד" און באַוואַכט די גרענעצן פון דער „יידישער טעריטאָריע". ווי איז געווען צו דעם ענגלישן זעלנער, וואָס איז אַ באַוואָפנטער אַריינגעקומען אין די לאַגערן! אַזאַ איינער איז תיכף אַנט־וואָפנט געוואָרן און איז אַזוי לאַנג געהאַלטן געוואָרן אין תפיסה, ביז די ענגלישע מאַכט פון יענער זייט דראָטן האָט זיך פאַר דער „יידישער רעגירונג" אַנטשולדיקט און געבעטן צו באַפרייען דעם זעלנער...

אין דער „יידישער רעפּובליק" צווישן די דראָט־פּאַרצוימונגען איז אויך טעטיק געווען אַ „ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע". דער דאָזיקער נאָמען איז געווען אַ פּסעוודאָנים. דער אמתער נאָמען איז געווען: „הגנה". די דאָזיקע „ספּאָרטלער" האָבן געהאַט אין זייער רשות קוילן־וואַרפערס, ביקסן, אויפרייס־מאַטעריאַל און אַנדערע „ספּאָרט־כלים". די קאָמאַנדירן זענען אַריינגעקומען אין לאַגער ווי ארץ־ישראל שליחים, נאָר ווי אַזוי זיי האָבן אַריינגעבראַכט די אַלע זאַכן אין לאַגער אַריין, האָט נאָר איין גאָט געוווּסט. די „ספּאָרט־איבונגען" פלעגן פּאָרקומען אין די נעכט. אַזוי אַרום זענען טויזנטער קאַמף־פעיִקע מענער אויסגעשולט געוואָרן צו פּאַרטיקע זעלנער. איז ציפּערן בעת דעם באַפרייונג־קריג געווען דאָס הינטערלאַנד, וואָס האָט צוגע־

שטעלט דעם קעמפנדיקן יידישן יישוב פרישע רעזערוון. ווי אַזוי? כמעט פאַר די אויגן פון די ענגלענדער זענען אַנטשטאַנען אין די לאַגערן געהיימע אונטערערדישע קאַנאַלן, וואָס האָבן אַרויסגעפירט פון לאַגער ביז צו אַ נישט־באַוואַכטן ים־ברעג. דאָרט האָבן שוין אויף די אָנקומענדיקע געוואַרט שיפלעך, וואָס האָבן זיי געבראַכט צו זייערע קעמפנדיקע ברידער. די וואָס האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף זייער תור ביי די טונעלן, האָבן זיך אין טונקעלע נעכט געלאָזט שווימען אויפן ים, כדי אָנצוקומען צו אַ ברעג און דאָרט וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט ווייטער צו קומען. מען פלעגט אויך אויף אַן אַנדערן אופן אַנטליפן פון לאַגער: פון צייט צו צייט האָבן די ענגלענדער דערלויבט עולה צו זיין עלטערע פרויען, קינדער און מענער, וואָס זענען נישט קיין „סכנה פאַרן וועלט־שלום": אַלטע און קראַנקע. האָבן זיך אַ סך יוגנטלעכע פאַרשטעלט פאַר פרויען אָדער פאַר אַלטע און קראַנקע מענער. אָדער עס פלעגט אָפט געלינגען זיך אַרויסצושמוגלען פאַרפּאַקט אין אַ גרויסן קאַסטן אָדער אין אַ בונט וועש פון אָפּפאַרנדיקע. די דאָזיקע יוגנטלעכע האָבן אין אונדזער באַפרייונג־קריג געקעמפט ווי די לייבן, און נישט איינער פון זיי האָט מיט זיין יונגן לעבן באַצאָלט פאַר אונדזער פרייהייט און זעלבשטענדיקייט.

*

ווי נאָר עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין די לאַגערן די ערשטע לייוונט־געצעלטן, האָט באַלד אָנגעהויבן שפּרודלען אַ ספּעציפישער קפריסינער לאַגער־הומאָר; האָט זיך צעבליט אַ ספּעציפישער פאָלקלאָר, — האָט זיך רייך פונאַנדער־געבליט דער שעפערישער יידישער גייסט.

ביי דעם באַגרענעצטן פּלאַץ קענען מיר זיך נישט ברייטער אָפּשטעלן אויף דער שפע פון פאָלקס־שאַפונגען אין די לאַגערן פון ציפערן. וועלן מיר זיך מוזן באַגנוגענען בלויז מיט עטלעכע מוסטערן:

„מולדת" איז געווען דער נאָמען פון איינעם פון די א"ג מולטער־שיפלעך, וואָס די ענגלענדער האָבן געבראַכט אין די לאַגערן. אָבער דאָ איז אָט דער נאָמען געוואָרן אַ זידל־וואָרט. אַז מען האָט עמעצן אַ זאָג געטאָן: „מולדת", האָט מען פון אים געקענט אַריינכאַפּן פעטש. ווייל „מולדת" האָט געהייסן דאָס זעלבע ווי: אידיאָט, חסר־דעהניק, עובר־בטלניק, אָדער פשוט: משוגענער. פאַר וואָס גראָד דער נאָמען פון אָט דעם מעפּילים־שיפל האָט זוכה געווען צו אַזאַ „כבוד", איז נישט באַוווּסט. מעגלעך, אַז די מעפּילים פון אָט דעם שיפל האָבן מער פון די אַנדערע געליטן, שטעלנדיק די ענגלענדער אַ ווידערשטאַנד, און קומענדיק אין לאַגער אַריין האָבן זיי אויסגעזען ווי צעדולטע. מעגלעך.

אויף דעם וואָרט „מעפּיל" האָט מען אין די לאַגערן פון קפריסין געשאַפן אַזאַ פּרוש: דאָס וואָס „מעפּיל" שטאַמט פונעם וואָרט „מפיל". דער שכל דערפון איז

אַזאַ: די שיפן, וואָס האָבן געדאַרפט אויסטראָגן **ביז חיפה, האָבן** מפּיל געווען **אין ציפּערן...**

אין די לאַגערן האָט עס געווימלט פון הינט. (געווען שוין „סאַבּרעס״ אין צווייטן דור). מ׳קאָן זאָגן, אַז יעדער דריטער־פערטער מעפּיל האָט זיך געכאָוועט אין זיין לייוונט־פּאַלאַטקע אַ הינטל. זענען די פּאָפּולערסטע נעמען פון די הינט געווען: „בעווין״ און „מופטי״. אויך אויף מאַנכע געצעלטן האָט מען געקענט געפינען די אויפשריפט „ווילאַ בעווין״.

אויף דער גרויסער שפע פון פּאַרטייען אין די לאַגערן רעאַגירט דער קפריסינער הומאָר אויף פאַרשידענע אופנים. מיר ברענגען דאָ בלויז איין מוסטער:

ביים אָנקומען פון פרישע מעפּילים פלעגן די פּאַרטייען אַרויסשיקן פאַרטרע־טערס, כדי איינצואָרדענען די אָנקומענדיקע לויט די פּאַרטייען צו וועלכע זיי געהערן. ווענדט זיך אַ פּאַרטיי־דעלעגאַט צו אַן אָנקומענדיקן מעפּיל:

— פון וועלכער תנועה?

— פון השומר הצעיר — ענטפערט דער מעפּיל.

דערפרייט זיך דער שליח: — דאַן קומט מיט מיר.

דער ייד מיטן ווייב און קינדער, באַלאָדן מיט פּעקלעך און בינטלעך לאָזט זיך נאָכגיין נאָכן שליח. אין דרויסן מערטשעט אַ דראָבנער האַרבסט־רעגן. די זאַמדן זענען נאַסע און טיפע. נאָך אַ שטיקל צייט פרעגט דער ייד:

— נאָך ווייט?

— יאָ — ענטפערט דער פירער — נאָך היפּש ווייט.

— און וואָס פאַר אַ פּאַרטיי איז דאָ? — פרעגט דער ייד, אָנווייזנדיק אויף אַ ריי לייוונטענע פּאַלאַטקעס.

— דאָס איז בית״ר.

— ווייסטו וואָס, שרה? — ווענדט זיך דער ייד צום ווייב — וואָס וועלן מיר זיך שלעפּן אַזוי ווייט. לאָמיר שוין בלייבן דאָ.

*

דער וויכטיקסטער קולטור־פאַקטאָר אין די לאַגערן איז געווען דער סעמינאַר אויפן נאָמען „פּנחס רוטענבערג״. אַחוץ העברעיִשע שולן, איז די הויפּט־קולטור־אַרבעט פון סעמינאַר געטאָן געוואָרן אין יידיש: די רעגלמעסיקע רעפעראַטן, ליטע־ראַרישע צירקלען, טעאַטער, דאָס איבערגעבן דורכן רם־קול די טעגלעכע ראַדיאָ־מעלדונגען — דאָס אַלץ אויף יידיש. העברעיִש איז בלויז געווען דער וואָכן־זשורנאַל „על הסף״ (שטענצל). לייטער פון סעמינאַר און רעדאַקטאָר פון זשורנאַל איז געווען דער יונגער שליח דב נוימאַן (דער הייַנטיקער דירעקטאָר פון עטנאָגראַפישן סע־מינאַר אין חיפה און לעקטאָר פון פאָלקלאָר אויף דער העברעיִשער אוניווערסיטעט

— ד״ר דב נוי). דב און זיין יינגערער ברודער, דער מעפיל מאיר (דער שפּעטער־דיקער קאָמפּאָזיטאָר פון דעם אַזוי פּאָפּולערן ליד „הֵעי דרומה״ און אַנדערע ישראל־שלאַגערס), האָבן אויך געזאַמלט לידער, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין די קפּריסינער לאַגערן (מיינסטנס אויף יידיש) און אַרויסגעגעבן אין העברעישער איבערזעצונג דעם „שירון קפריסין״. אַ סך פון די „שירון״־לידער (מיט געשאַפענע מעלאָדיעס פון מאיר נוי, ד״ר סאַבו און אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרס) זענען געזונגען געוואָרן אין אַלע לאַגערן און אויף עפנטלעכע געזאַנג־אָוונטן (זמרה בציבור).

באַזונדערס פּאָפּולער זענען אין די לאַגערן געווען די לידער „שיר קפריסין״, „שיר מעפילים״ און „על ילד האלף״. דאָס לעצטע ליד איז שוין געשריבן געוואָרן אין עברית פון דעם סעמינאַריסט משה סקאַדזשו. די מוזיק איז פון מאיר נוימאַן. עס איז איינס פון די לעצטע לידער, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין לאַגער, געשריבן, ווי מיר זעען, שוין אונטערן איינדרוק פון דער זיגרייכער יידישער אַרמיי. אין יידישער איבערזעצונג לייענט זיך דאָס ליד אַזוי:

היינט ביי אונדז אַ גרויסער יום־טוב,
ס׳וויגט דאָס לאַגער זיך אַצינד,
ס׳איז געבוירן אין קפריסין
ס׳טויזנטסטע מעפילים־קינד.

טויזנט און איין לאַגער־קינד,
זעלנער פאַרן פאָטערלאַנד,
טויזנט און איין לעגיאָן
קעגן פערציק מיליאָן...
טויזנט און איין לאַגער־קינד.

אַזאַ בחור איז אַ יחסן,
טראַכט ביי זיך אַזאַ מין יאַט:
וועל איך זיין אַ בריגאַדירער
צי אַ פּשוטער סאָלדאַט?
טויזנט און איין...

די זון פאַרגייט אין רויטע פלאַמען,
פאַרבט מיט גאָלד די לייוונט־ווענט,
צוגעגרייט צו יעדן „אָנגריף״

איז דאָס קליינע רעגימענט...
טויזנט און איין...

אַ געשריי פון טויזנט קעמפער,
סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט,
ס׳מוז דער שטאַרקסטער שונא ווייכן
און אַנטלויפן פון דער שלאַכט...
טויזנט און איין...

די לאַגערן אין ציפּערן זענען געווען געטיילט אין צוויי באַזונדערע לאַגערן — אין „זומער־לאַגער" און „ווינטער־לאַגער". דיביידע לאַגערן, וועלכע האָבן זיך געפונען איינער פון צווייטן אויף אַ מרחק פון קוים אַ האַלבע שעה אויטאָ־וועג, זענען געווען שטרענג אָפּגעשלאָסן איינער פאַרן אַנדערן. בלויז ארץ־ישראל שליחים, דזשאָינט־באַאַמטע און ספּעציעלע לאַגער־פאַרטרעטער האָבן געמעגט גיין פון איין לאַגער אין צווייטן. מיין יונגער פריינד און לאַנדסמאַן, דער דיכטער יעקב פרידמאַן, (וועלכער איז מיט זיין פרוי קעניאַ געקומען צוזאַמען מיט מיר מיט די „פּאַנעס") איז געשיקט געוואָרן אין „ווינטער־לאַגער". דאָרט האָבן אויך געוווינט די שפּעטערדיקע „יונג־ישראלער", די דערציילער אברהם קאַרפּינאָוויטש און צבי אייזנמאַן, בעת דער יונגער דיכטער אברהם רינצלער (אויך ער איז געקומען צוזאַמען מיט זיין מוטער מיט איינע פון „די פּאַנעס") און דער שרייבער פון די זכרונות האָבן געוווינט אין „זומער־לאַגער".

אין איינעם אַ טאָג האָט מיר דב מודיע געווען, אַז דער סעמינאַר צוזאַמען מיטן דזשאָינט־דירעקטאָר ד״ר משה לויב האָבן באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ ליטעראַרישן קאָנקורס מיט דריי פּרייזן. אין דער זשורי זענען באַשטימט געוואָרן: יעקב פרידמאַן, (ער האָט זיך נישט באַטייליקט אין קאָנקורס), דב, ד״ר לויב און איך. דער רעזולטאַט פון קאָנקורס איז געווען: אברהם קאַרפּינאָוויטש (וועלכער האָט זיך באַטייליקט מיט אַ דערציילונג) האָט באַקומען דעם ערשטן פּרייז, צבי אייזנמאַן (אַ ליד) דעם צווייטן, און אברהם רינצלער (מיט אַ ליד) — דעם דריטן פּרייז.

✶

די מעפּילים פון די „פּאַנעס" („פּאַן יאָרק" און „פּאַן קרעשטשענט") האָבן אין „זומער־לאַגער" שוין אָנגעטראָפן אַ פאַרטיקן טעאַטער־בנין. געבויט האָבן דעם „בנין" די סאַמע ערשטע מעפּילים. מ׳האָט צונויפגעשלעפּט בלעכן, לייוונטן, ברעטלעך און ליידיקע קעסטלעך, וואָס האָבן זיך נאָך דעמאָלט אַרומגעוואַלגערט פּריי

אין די לאַגערן, און צונויפגעקלאַפּט די געבײַדע. בלויז די בינע האָט געהאַט אַ סופיט און אַ דאַך פון לייוונט. דער „זאַל" אָבער האָט בלויז געהאַט נידעריקע ווענט־לעך, צונויפגעקלאַפּט פון אַלטע פאַרזשאַווערטע בלעכן. דערפאַר אָבער האָט דער „סופיט" פאַרגעשטעלט אַן אָריגינעלן „פרעסקאָ": דעם ציפערנעם טונקל־בלויען נאַכט־הימל און זיינע לויכטנדיקע שטערן... קיין בענק האָט דאָס טעאַטער נישט געהאַט. יעדער טעאַטער־באַזוכער האָט זיך מיטגעבראַכט פון דער „היים" אַ בענקל אָדער אַ באַנק (אויב די גאַנצע משפחה איז געגאַנגען אין טעאַטער). דער „זאַל" און די בינע זענען געוואָרן באַלויכטן מיט אַ"ג „לוקס"־לאָמפּן.

דאָס פעלן פון אַ סופיט איז אין די זומער־חדשים נישט געווען קיין חסרון, נאָר, אדרבה, אַ מעלה: אונטערן פרייען הימל האָבן זיך די מעפּילים אָפּגעקילט נאָך די ברענענדיקע היצן פון טאָג. אָבער אין די ווינטער־חדשים איז נישט גוט געווען. די קעלטן האָבן ווייניקער געשטערט. צוליב קעלט האָט זיך נאָך קיין מעפּיל נישט אָפּגעזאָגט צו גיין אין טעאַטער. ערגער זענען געווען די רעגנס, וואָס האָבן געקענט איבעררײַסן אין מיטן שפּילן. ס'האָט געקענט טרעפן ביי אַ שטאַרקן רעגן, אַז דאָס פובליקום זאָל כאַפּן די בענקלעך און אַהיים אַנטלויפן, איבערלאָזנדיק די שפּילער אויף דער בינע אויף גאָטס באַראָט...

דאָס אייגנטלעכע טעאַטער אַנטשטייט ערשט נאָך דער ריזיקער עליה. מיט די „פּאַנעס" זענען געקומען אַ סך פעיקע אַמאַטאָרן, און אונטער דער לייטונג פון דעם ענערגישן מ. י. שניידער איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַן אַנסאַמבל, מיט אַן אָרקעסטער, אַ בינע־מאָלער, אַ ליטעראַרישן לייטער (דער שרייבער פון די זכרונות), אַפילו אַן אייגענעם קאָמפּאָזיטאָר (ד"ר סאַבאָ) האָט דאָס טעאַטער געהאַט. אין יענעם אַנסאַמבל האָבן זיך געפונען די יונגע מרים שמוקער־קאַץ (די היינט באַקאַנטע זייער טאַלענטירטע „הבימה"־אַרטיסטין מרים זוהר), רות פישמאַן (די היינט באַ־קאַנטע פאָלקס־זינגערין רות מימון) אויך מיין יונגער לאַנדסמאַן, דער דיכטער אברהם רינצלער, האָט געהערט צום טעאַטער־אַנסאַמבל. אין אָט דעם טעאַטער און ביי די אויבן דערמאָנטע באַדינגונגען האָט מען אויפגעפירט פּיעסן און איינאַקטערס פון שלום עליכם, פּרץ, טשעכאָוו, גאָגאָל, אינסצעניזירטע פאָלקסלידער און רעוויעס. אַזוי איז מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט געוואָרן יעקב פרידמאַנס רעווי „אונדזער שטייגער".

אונדזער טעאַטער ווערט אַ שם דבר אין די „הויכע פענצטער", ד.ה. ביים גרויסן שטאַב ארץ־ישראל־שליחים, דזשאָינט־באַאַמטע און פּאַראַנטוואָרטלעכע טוער פון יענער זייט דראָטן. דאָס טעאַטער ווערט באַלד דערהויבן צום ראַנג פון אַ „מלוכה־טעאַטער"; עס ווערט סובווענציאָנירט פון „שטאַט" (דזשאָינט בלע"ז). יעדער פון טעאַטער־קאָלעקטיוו באַקומט אַן איינהייטלעכן וואָכן־לוין פון 4 שילינג. און

ערשט איצט באַקומט דאָס טעאַטער אַ דאַך (פון לייוונט, פאַרשטייט זיך) און דאַרף מער נישט מורא האָבן פאַר די ווינטער־רעגנס.

אָבער עס שטעלן זיך איין אַנדערע שוועריקייטן און „שטערונגען״: יעדעס מאָל רייסט אונדז ארץ־ישראל אַוועק אַן אַנדערן וויכטיקן כוח... פאַרט אַוועק אַ מענלעכער כוח איז נאָך אַ האַלבע צרה. אָבער אַז עס פאַרט אַוועק אַן אַקטריסע, איז ביטער. פרויען זענען דאָך אין די לאַגערן מיט גאָלד גליַיך. קומט נישט אַנדערש אויס, ווי זיך אומקערן צו די צייטן פון גאָלדפאַדען: מענער זאָלן שפּילן פרויען־ראָלן... עס געלינגט אונדז נאָך צו פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל יידיש טעאַטער אין קפריסין מיט גאָגאָלס „חתונה״, און דאַן — —

קומט די בשורה:

די לאַגערן אין ציפּערן ווערן ליקווידירט.

דער קליינער אַנסאַמבל קומט זיך נאָך צונויף, פון געוווינקייט וועגן, יעדן טאָג אין דער באַשטימטער צייט אין טעאַטער צו די „רעפּעטיציעס״. מיר דרייען זיך אַרום אויף דער פּוסטער בינע, די בינע, וואָס האָט אין דער געפאַנגענשאַפט געגעבן אַזוי פיל פרייד און אינהאַלט. מיר באַטראַכטן דעם רעקוויזיט, די קוליסן, די „לוקס״־לאַמפּן, דעם אָפּגעפּאַרבטן לייוונטענעם פאָרהאַנג, — אַלץ מיט אַזוי פיל מי דער־וואָרבן, צו אַלעם מיט אַזוי פיל ליבשאַפט צוגעבונדן. ס׳גיט עפּעס אַ ציפּ ביים האַרצן. איך וואָלט געשוווירן, אַז יעדן פון אונדז באַהערשט דאָס זעלבע געפיל: — ס׳טוט באַנג...

✶

אַז איך טראַכט היינט וועגן די לאַגערן אין קפריסין, קאָן איך נישט גלייבן, אַז דאָס איז ערשט געווען מיט 18 יאָר צוריק. מיר דאַכט זיך, אַז קפריסין איז איינע פון די וווּנדער־מעשהלעך, וואָס הייבן זיך אָן מיט „אַמאָל איז געווען״.

ווּ זענען היינט יענע יידן? ווּ איז יענע יוגנט? ווּ זענען די פייערן, וואָס האָבן ערשט נישט לאַנג אַזוי העל געפלאַקערט. אַזוי היילנדיק געוואַרעמט, גע־שטאַרקט?

בלויז אַש, בלויז רייכערנדיקע האָלאָוועשקעס איז פון דעם אַלעם צוריקגעבליבן.

א. שרפי

דער בלינדער חכם סעדיה

א

כן יטאַגצייט אין דער שכונת מחנה־ישראל. פון אַ זייטיק געסל רייסן זיך אַרויס קולות און ווערן פאַרפאַלן אין די ווייטעניש. זיי קומען פון אַן אַלטן צריף, לעבן וועלכן אַלע גייען פאַרביי מיט יראת־הכבוד. דאָרט וווינט דער בלינדער חכם סעדיה. ער זיצט אויף אַן אַלטן, אָפּגענוצטן טעפּעך, די פיס אונטער זיך און הערט נישט אויף צו זאָגן תפילות און פיוטים פאַר דער הייליקער נשמה, וואָס היינט פאַלט אויס אירע שלושים.

פון צייט צו צייט הייבט ער אויף דעם קאָפּ, גלאָצט אויס אַ פּאָר ווייסלעכצער אין חלל פון צריף, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט, און מורמלט ווייטער זיינע תפילות.

פלוצלונג ווערט ער אין גאַנצן שטיל. אַ ברייט שמייכעלע צעגיסט זיך אויף זיין איינגעשרומפּטן פנים און פאַלט אַריין אין די געציילטע פאָר גראָע האָר פון זיין בערדל. ווי אין חלום פילט ער, אַז אַ ווייכע האַנט גלעט זיין פנים און אַ צערטלעך פרויען־קול שעפּטשעט אים אין אויער אַריין:

— חכם סעדיה! האָסט דאָך גאָרנישט געהאַט היינט אין דיין מויל. דו וועסט דאָך נאָך חלילה פאַרחלשט ווערן.

חכם סעדיה ווייסט, אַז דאָס וואָס ער האָט נאָר וואָס געפילט, איז אויסגעטראַכט. זיין בת־שבע וועט שוין מער נישט קומען צו אים. גאָט האָט זי צוגענומען, נאָך אַזוי יונג געווען!.. אַזוי אומגעריכט איז דאָס געשען, ירחם השם! זי האָט אים אפילו קיין מאָל נישט דערציילט, אַז זי איז קראַנק, און מיט אַ מאָל נישטאָ בת־שבע. עס דאַכט אים, אַז דאָס געוויין פון די קרובים און שכנים, וואָס האָבן דעמאָלט אָנגעפילט דעם צריף, טראָגט זיך נאָך אַלץ אַרום אין חלל!.. פון גרויס צער האָט ער געקלאַפּט מיט זיין סענקעוואַטן שטעקן אין דיל, און דאָס קלאַפּן זיינס האָט זיך אויסגעמישט מיט זייער געוויין. דערנאָך, געדענקט ער, האָבן אים צוויי מענטשן אָנגענומען פאַר די אָרעמס און ער האָט זיך געלאָזט פירן איבער די גאַסן. אַ גראָב קול: „צדקה תציל ממוות" האָט אַ ווילע אַ ציטער געטאָן און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן אָפּהילך פון אַ סך מענטשלעכע טריט. די לוויה האָט זיך געצויגן גאַס־איין

גאַס־אויס. מיט אַ מאָל איז דער אָפּהילך פון טריט פאַרשטומט געוואָרן. אַלץ איז שטיין געבליבן לעבן די טרעפּלעך, וואָס פירן אַרויף צום בית־הכנסת.

— חכם סעדיה! חכם סעדיה — האָט מען געררופן אין דער געפּרעסטער שטיל־קייט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס רופט מען אים, ער זאָל זאָגן עטלעכע קלאָג־ווערטער נאָך זיין הייליקער אשה. אָבער ווי נאָר ער האָט געעפנט זיין אַנציינערדיק מויל עפּעס צו זאָגן, האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ דער ווייטיק, און די ווערטער האָבן אים גענומען שטיקן, געקנוילט זיך אין האַלדז און מער ווי „ה׳ נתן וה׳ לקח״ האָט ער נישט געקענט אַרויסברענגען. ער איז געשטאַנען און געגלאָצט מיט די הוילע ווייסלעכצער אין דער גאַס אַריין. דערנאָך האָט די לוויה ווייטער גערירט און זיך פאַרנומען אויף אַ ברייט פעלד, וווּ עס איז געווען אָנגעשאָטן אַ סך ווייכע ערד. מיט יעדער טריט, וואָס ער האָט געטאָן, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער ווערט פאַרזונקען. ווען די ערשטע לאָפּאַטעס ערד האָבן אָנגעהויבן פאַלן אין גרוב אַריין האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס פאַלן אַזוי די לאָפּעטעס ערד אויף אים אַליין, ווי מען וואָלט אים דאָ פאַרשאָטן. ער האָט דערפילט, אַז ער איז געבליבן אַליין, כאָטש ער איז געשטאַנען אָנגעלענט אויף די אַקסלען פון צוויי גוטע מענטשן.

צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם האָט ער געמורמלט אין אוהל דעם „צדוק הדין״.

ער, חכם סעדיה, האָט נישט קיין תרעומות אויף גאָט־ברוך־הוא, וואָס האָט אים צום ערשטן געשטראָפט מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרמאַכט בת־שבעס טראַכט און דאַן זי צוגענומען אין גאַנצן. ניין, ער איז זיך נישט מתרעם, חס וחלילה! ווער איז ער, ער זאָל זיך קעגנשטעלן גאָטס הנהגה? ווער ווייסט גאָטס רצון? אפשר וויל ער לייטערן זיין נשמה אין פּיין און אין ליידן, אָדער גאָר אים אויספּרוּוון?.. ניין, ער וועט חלילה נישט לעסטערן זיין נאָמען. כאָטש ער אַליין גיט מענטשן עצות און טרייסט זיי מיט גוטע ווערטער, איז ער בסך־הכל אַ בלינד ווערעמל, וואָס רופט זיך: חכם סעדיה, דער תימנער.

ב

זינט עס איז געשען דער אומגליק מיטן בלינדן חכם סעדיה קומט שכן חאַמאַמי אַלע פרימאָרגן און פירט אים אין גאַס אַרויס. פירנדיק אים אַזוי פאַר דער האַנט, דערציילט ער אים אַלץ, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין דער שכונה. לויט דעם ווי אַזוי חכם סעדיה שאָקלט מיטן קאָפּ, ווייסט די גאַס, וואָס פאַר אַ נייעס חאַמאַם האָט אים דערציילט. שאָקלט חכם סעדיה מיטן קאָפּ אויף „יאָ״, וויסן אַלע, אַז ער האָט אים דערציילט גוטס. חכם סעדיהס צעקנייטשטער פּנים ווערט דעמאָלט איין שמייכל, אַזש די טריט זיינע טענצלען אונטער פון פאַרגעניגן. שאָקלט אָבער חכם סעדיה מיטן קאָפּ אויף „ניין״, איז דאָס אַ סימן, אַז נישט קיין גוטס האָט ער אים אָנגעזאָגט.

דעמאָלט ווערט חכם סעדיהס פּנים נאָך מער איינגעשרומפּן. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך ביי חאַמאַמין געבעטן: „הער שוין אויף! זאָל שוין זיין גענוג!" ביז זיי קומען צו דער הרצל־גאַס, דאָרט זעצט אים חאַמאַמי אַוועק אין שאָטן פון צעוואַקסענעם עוקאַליפּטוס־בוים, ווו עס ווימלט מיט דורכגייער. חכם סעדיה שפּרייט אויס אַ זעקל קמיעלעך און ספרימלעך. זיינע ליפּן באַוועגן זיך שטיל. ער הייבט אויף אַלע מאָל אַ האַנט, ווי ער וואָלט זיך מיט עמעצן אויסגעטענהט. די דורכגייער ווייסן שוין, אַז סעדיה בעט נישט קיין נדבות. שטעלט זיך ווער פון זיי אָפּ לעבן אים, שענקט ער אים אַ קמיעלע און זאָגט:

אדון, נעם דאָס און הענג עס אָן אויף דיין קינדס העלדזל, וועט גאָט ברוך הוא זיך מרחם זיין, דיין קינד וועט נישט וויסן פון קיין קרענק און אַנדערע אָנשיקענישן.

אָדער חכם סעדיה הייבט אָן זוכן מיט זיינע שפּיציקע, אויסגעדאַרטע פינגער אין זעקל, נעמט אַרויס פון דאָרט אַ באַשריבן שטיקל פּאַרמעט און זאָגט:

אדון, ווילסטו, אַז די אשה דיינע זאָל נישט אָפּקערן די ליבשאַפט פון דיר? נעם אָט דאָס שטיקל פּאַרמעט, לייג עס אַוועק אונטער דיין שוועל און ער, ירחם השם, וועט זיך דערבאַרעמען און אומקערן צוריק די ליבשאַפט צו דיר.

דער דורכגייער שמייכלט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע און שטעקט אים אין האַנט אַריין אַ מטבע. סעדיה שרייט אים נאָך: „ברוך תהיה!" און זיינע ברכות באַגלייטן אים ביזן סוף פון דער צווייטער גאַס.

אַזוי זיצט דער בלינדער סעדיה אַ גאַנצן טאָג אויף איין אָרט און ברומט זיינע תפילות, ביז אַ פאַרנאַכטיש ווינטעלע הייבט אָן שפּילן אין דעם עוקאַליפּטוס־בוים. אין דעם ווינטעלע און אין די איילנדיקע טריט פון די דורכגייער דערפילט ער, אַז עס הייבט זיך אָן שפּרייטן די נאַכט. גלאָצט ער אויס אַ פּאָר בלינדע וויסלעכצער אין דעם פאַרנאַכטיקן אַרום און דערפילט אין זיך אַן אומרו, דעם אומרו פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן פויגל, וואָס זוכט זיין נעסט און קען עס נישט געפינען. אין דעם מאָמענט קומט אָן חאַמאַמי, נעמט אים ביי דער האַנט און פירט אים צוריק אין זיין צריף.

די זון איז שוין געשטאַנען גאָר הויך אין איר קלעטער אויפן הימל־געוועלב, ווען חאַמאַמי האָט זיך באַוויזן אין טיר פון חכם סעדיהס צריף. ער האָט אַראָפּגע־שלונגען דעם „שלום" און באַלד זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד אַנטקעגן חכם סעדיהן אַ שווייגנדיקער. חכם סעדיה האָט דערפילט, אַז ס'איז שפּעט אין דעם ברי פון דער זון, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורכן פענצטער. אין צריף האָט זיך געפילט אַזאַ היץ, ווי אין אַ באַקאויוון.

— ברוך הבא, שכן חאַמאַמי! וואָס פאַר אַ גוטע נייעס האָסטו געבראַכט? — האָט אים איבערגעריסן דאָס שווייגן חכם סעדיה.

— נישט גוט, היילקער חכם — האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפץ — שדים טאַנצן אַרום אין די נעכט, ירחם השם. דער חכם סעדיה הערט? אַ פּיצעלע עופהלע האָט די משטרה געפונען היינט אונטערגעוואָרפן אין מיין לאַסטאויטאָ. אַלץ זיי, די שיכענאַזים, די ממזרים, ימח שמם! פאַראומרייניקן דאָס לאַנד. אָט די גאָט־לעסטערער — האָט ער זיך צעשריגן אויף קולי־קולות און געהאַלטן אין איין צופּן פאַר כעס זיין שוואַרץ געדיכט בערדל. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פונקען. ער האָט געוואָרט צו הערן, וואָס וועט זאָגן צו דעם דער בלינדער חכם סעדיה?

דער חכם גלאָצט אויס די וויסלעכצער פון זיינע בלינדע אויגן, ווי זיין שטייגער, ווען ער איז שטאַרק צערודערט, גיט אַ הייב זיין שטעקן אין דער לופט, ווי ער וואָלט געגאַנגען אין אַ וואָרענונג־שליחות, און זאָגט:

— אסור! מען טאָר אַזוי נישט ריידן, שכן חאַמאַמי! דו זינדיקסט מיט דיינע רייד! כולם יהודים!

אָט, דאַכט זיך, וועט חאַמאַמי זיך אַ הייב טאָן פון אָרט און זיך וואַרפן אויף דעם בלינדן חכם סעדיה. אָבער ער טוט דאָס נישט. ער ווייסט, אַז חכם סעדיה האָט אַרויסגעראַטעוועט זיין כלה, די שיינע שולמית, פון דער שיכענאַזישער בעץ, אין וועלכער זי איז געווען געפאַנגען. ווי אַ פּריצה האָט זי זיך שוין אָנגעהויבן אויפפירן, ווי זיי, די פאַרשייטע, האָט זי זיך אָנגעהויבן קליידן און גיין מיט אָפענע, אָפּגעדעקטע שטיקער לייב איבער די גאַסן. ביסלעכוויז האָט איר האַרץ זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון אים. זי האָט געוואָלט ווערן אויס כלה, צוריקשיקן די תנאים, נאָר ער, חכם סעדיה, מיט זיינע שפּרוכן און תפילות, מיט די קמיעלעך, וואָס ער האָט געהייסן אונטערלייגן אונטער אירע פאַרשייטע טריט, ער האָט געהאָלפן. גאָט ברוך הוא האָט צוריקגעקערט איר גלוסטיק האַרץ צו אים און זי איז געוואָרן זיין ווייב. זיצט ער דערפאַר אַ שווייגנדיקער, האַמעוועט אין זיך דעם צאָרן און הערט זיך צו צו חכם סעדיהס רייד.

— הערסט, חאַמאַמי? נישט קיין שיכענאַזים, נישט קיין ספרדים, אַלע זענען יידן, כולם יהודים! עס איז נאָר דאָ זינד... אָט זאָל אים חאַמאַמי זאָגן, צו וואָס, אַ שטייגער, האָט הקדוש ברוך הוא באַשאַפן זינד און ליידן? אַלע זענען מיר בלינדע, שכן חאמאמי, אויף גאָטס דרכים. אָט, למשל, ער אַליין, חכם סעדיה — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים אויסגעקראַכענעם, שיטערן בערדל — גאָט האָט אים גע־שטראָפט, צוגענומען ביי אים די ליכטיקע שיין פון די אויגן, ווען ער איז געקומען פון תימן אין לאַנד אַריין. זיי פאַרשטאָפּט מיט שטיקער נאַכט. איז דאָס נאָך ווייניק, האָט ער דווקא ביי אים, דעם געשטראָפטן, אַוועקגענומען אַזאַ לויטערע נשמה, די אשה זיינע, און געלאָזט אים אין זיין בלינדקייט, עלנט, אַליין, ער זאָל באַלעסטיקן

מענטשן: אָט טאַקע אים, חאַמאַמין אַליין אָדער אַ שכנה, וואָס זאָל זיך דערבאַרעמען און צוגרייטן פאַר זיינעטוועגן די פּיאה מיט די עטלעכע זיתים — זיין אָרעמען מאָלצייט.

חכם סעדיה איז שטיל געבליבן אַ ווײַלע. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעשטעלט די ווייסלעכצער פון זיינע בלינדע אויגן אין איין פּונקט און אַזוי געבליבן זיצן אַ פּאַרטראַכטער. קוקנדיק אויף אים האָט זיך געדאַכט, אַז חכם סעדיה געפינט זיך נישט דאָ, אין צריף, נאָר ערגעץ ווייט, אין אַן אַנדער וועלט. ער האָט אַפילו נישט געפילט דעם שווייס, וואָס איז אַראָפּגערונען אין די פאַלדן פון זיין צעקנייטשט פּנים.

— אַ מענטש דאַרף מקבל זיין באהבה דאָס שלעכטע, פּונקט ווי ער איז מקבל מיט שמחה דאָס גוטע! אַלץ קומט מן השמים. מסתמא איז געווען גאָטס רצון, ער זאָל צונעמען בת־שבעס ליכטיקע נשמה און איך זאָל בלייבן אַליין. דו — טו תפילה צום באַשעפער, ער זאָל דיר שענקען אַ טראָפּעלע רחמנות פון זיין אוצר, דו זאָלסט ליב האָבן אַלע יידן, אַפילו אַ שיכענאַזער. ווייל גאָט האָט באַשאַפן אַלע אין זיין געשטאַלט.

חאַמאַמי זיצט ווי אַ פאַרשולדיקטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און הערט זיך צו צו די רייד פון בלינדן חכם סעדיה. ער ווייסט, אַז די ווערטער קומען פון אַ הייליק מויל, אָבער ער קען נישט מוחל זיין, וואָס דווקא אויף זיין לאַסט־אויטאָ האָט מען געפונען דאָס אונטערגעוואָרפענע קינד. ער קען נישט פאַרגעסן דעם בזיון. מען האָט אים געשלעפּט אין דער פּאָליציי, געפאָרשט אים און אין מיטן פאָרשן האָט אים דער פּאָליציי־קאָמיסאַר געלאַכט אין פּנים אַריין מיט עפּעס אַ מאָדנע געלעכטערל, ער האָט אים געהייסן קומען נאָך אַ מאָל און מיטברענגען די פרוי זיינע, שולמית. חאַמאַמי האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט מיט אַזאַ רוגזה, ווי ער וואָלט זיך געגאַנגען וואַרפן אויף אַ שונא. פון צריף האָבן זיך געהערט קללות אויף די קעפּ פון די ממזרים, די גאָטס־זינדיקע שיכענאַזים. מיט פאַרלאָפענע אויגן, פול מיט רציחה, איז ער דאַן אַוועק אין גאַס.

דעם טאָג איז דער בלינדער חכם סעדיה שוין נישט געזעסן אין שאָטן פון עוקאַליפּטוס־בוים און נישט געטיילט קמיעלעך די דורכגייער. געשטאַנען איז דער בוים אַ פאַריתומטער אין דער גרויסער חמימה, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער שכונה.

ב. פעדער

„יהי שלום
על המקום הזה..."

מיר זענען אין מושב עלמא, אין די בערג פון גליל.

משה שאולס פּלייצע איז אַ ביסל איינגעבויגן אונטער זיינע עטלעכע און אַכציק יאָר — „עד מאה ועשרים", ווי ער איילט זיך אַליין צוצוגעבן, ווען מ'פרעגט אים וועגן זיין עלטער. ער איז דער איינציקער, וואָס זיצט אין דער פרימאָרגן־שעה אויפן פּלאַץ אין צענטער דאָרף. ער זוכט דאָ מסתם דעם שאָטן פון די איינציקע געדיכט־צעצווייגטעביימער אין עלמא.

„פון תל־אביב..." — זאָגט ער אַרויס מיט ערפורכט, ווי מיר זאָלן אים האָבן געזאָגט, אַז מיר קומען פון הינטער די הרי־חושך.

ער, משה שאול, איז נאָך קיין מאָל אין תל־אביב נישט געווען, ווי ער איז קיין מאָל נישט געווען אין קאָנסטאַנטין, צי אין ראַבאַט, אין זיין מאַראָקאַנישן געבוירנלאַנד. מען האָט אים פון שיף גלייך, מיט אַן אַכט־ביין יאָר צוריק, געבראַכט אַהער און ער איז פון דאַנען נאָך נישט אַרויס. ער האָט דאָ זיין גאַנצע משפּחה, קינדער, אייניקלעך, און דער עיקר — די „כּאַמולע", זיין שבט. פון דאַנען זעט ער דאָס „גאַנצע ארץ הקדושה"... דערצו האָפט ער נאָך — „אם־ירצה־השם", פאַר־שטייט זיך — דורך דער „מערה", צו דערגיין קיין ירושלים, „גלייך צום כותל המערבי"... און ער באַווייזט ווי זיינע אַלטע פיס קאָנען אים נאָך טראָגן, ציענדיק אונדז נאָך זיך:

„קומט !.. קומט שנעלער..."

דער אַלטער לאָזט זיך נישט אַרומקוקן איבערן דאָרף. „נישטאָ וואָס צו זען" — זאָגט ער. טאָקע נישטאָ. די נידעריקע מושב־הייזקעס, לויטן אַלטן סטאַנדאַרט, זענען אָפּגעהאַקט, די פאַרב איז לאַנג שוין אַראָפּ. זעלטן נאָר אַ צעאַקערט גערטל ביים צוגאַנג צו אַ הויז. קיין ביימער נישט. משה שאול ציט אונדז צום קליינעם אָפּגעבליאַקעוועטן דאָרפישן בית־כנסת.

ער שטופּט אונדז פאָרויס אַריין אין שול. בלויז צוויי זקנים אין טליתים זענען מתפלל אין אַ ווינקל. משה שאול איז אויף אַ מינוט פאַרשוווּנדן. ער וואַקסט אויס הינטער אונדז מיט אַ קליינעם לייטער אין די הענט. ער שטעלט אים אַוועק פאַרן

ארון־קודש. מיר קוקן, ווי ער גייט שנעל אַרויף איבער די טרעפּלעך פונעם לייטער. דער אַלטער גלעט אַ לאַנגן, מאַסיוון שטיין, וואָס איז איינגעמויערט אויבן, איבערן ארון־קודש. ער קושט דערנאָך די פינגער, וואָס האָבן באַרירט דעם שטיין, בייגט זיך דאַן צו און קושט לאַנג דעם שטיין גופא... ווען ער נידערט צוריק אַראָפּ, זענען זיינע אַלטע אויגן צעשיינט:

„גייט אַרויף... אַ הייליקער שטיין... פון בית־המקדש... לייענט איבער דאָרט אונטן, איר קענט דאָך...“

מיר שטייגן פּאַמעלעך אַרויף אויפן לייטער. ס'איז שווער דאָרט עפּעס איבער־צולייענען, אָבער דאָך „דערטאַפּט“ מען איינציקווייז די אויסגעקריצטע קוואַדראַטנע אותיות, וואָס שטעלן צוזאַמען: „יהי שלום על המקום הזה ועל כל מקומות עמו ישראל“. מיר פּרוּוון נישט, פאַרשטייט זיך, אַרויספירן דעם אַלטן שאול פון זיין טעות. דער שטיין איז דאָך טאַקע הייליק, כאָטש ער שטאַמט נישט פון בית־המקדש. דאָס איז אַ ביישטידל פון אַ בית־כנסת אין עלמא גופא, פון 2טן—3טן יאָרהונדערט, אונדזער צייט־רעכענונג. ר' בנימין פון טאָדעלאַ האָט נאָך אין דער דאָזיקער שול דאָ מתפּלל געווען אין 12טן יאָרהונדערט. ר' בנימין שרייבט אין זיינע כתבים, אַז די יידן פון עלמא האָבן אים אין זייער דאָרף געוויזן די קברים פון רבי שמעון בן גמליאל, רבי אלעזר בן עזריה, רבי יהודה בן תימא און נאָך אַנדערע תנאים און אמוראים. אין 1522 האָט אַ צווייטער יידישער רייזנדער, ר' משה באַסולה, דאָ געטראָפן „אַ קהל פון אַן אַנדערהאַלבן מנינים בעלי־בתים און אַ בית־כנסת...“ ער האָט נאָך מתפּלל געווען אויף די הייליקע יידישע קברים. איצט אָבער ווייסט נישט פון זיי דער אַלטער משה שאול, ווי עס ווייסט נישט קיינער מער, ווו די קברים געפינען זיך. אַ פּאָר הונדערט יאָר האָבן דאָ געוווינט און געוועלטיקט די אַראַבער — און אַלע יידישע איבערבלייבענישן זענען מיט דער צייט פאַרווישט געוואָרן. אונדזער באַגלייטער לאָזט זיך אונדז אַפילו נישט אַרומקוקן, זוכן שפּורן אין דאָרף:

„בואו... קומט געשווינד!...“ — און זיינע אַלטע פיס ווייזן, ווי זיי קאָנען נאָך גיין אַ גאַנג.

ער פירט אונדז אַרויס פון דאָרף. מיר ווייסן וואָס ער וויל אונדז ווייזן.

צו דער „הייל פון עלמא“ איז אַ מהלך פון אַ צוויי קילאָמעטער. אויפן וועג איז דער אַלטער משה שאול באַרעדעוודיק.

ווי עס לעבט זיך אין ישראל?

„ברוך השם... בסדר...“ — אים האַלט שוין אויס די „לשכה“, סאָציאַלע הילף. זיינע קינדער אַרבעטן ביים אָפּראַמען די שטיינער און באַוואַלדן דעם גליל; אָבער אַנדערע האָבן שוין אייגענע פּרוכט־גערטנער, דערעיקרשט פייגנביימער...

זינט דער מושב איז געגרינדעט געוואָרן האָבן זיך שוין דאָ עטלעכע מאָל געביטן די מתיישבים. די איראָפּעיִשע זענען גלייך אַוועק; אפילו די גרי־צדק פון סאַן־ניקאָנדראָ, וועלכע האָבן זיך דאָ געהאַט באַזעצט. די אינדישע יידן איז דאָ געווען צו קאַלט אין דער הויכער באַרג־לופט. די צפון־אַפריקאַנער זענען דאָ פאַרבליבן. משה שאול איז נישט דער איינציקער אין דאָרף, וועלכער איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אין תל־אביב, צי ירושלים.

פון ווייטן ווייזט אונדז שוין דער אַלטער אָן אויף אַ בערגל, באַוואַקסן מיט געדיכטע טונקל־גרינע קוסטעס:

„זה שם..." — דאָרט איז עס שוין...

באַלד זענען מיר צווישן די דערנער, וואָס שלענגלען זיך אַרויס פון דער הייל־טיפעניש. אַ גרויסער גרוב, פון אַ צוויי צענדליק מעטער די טיף — דאָס איז דאָס „פאָדערהויז", געדיכט באַוואַקסן מיט ווילדע געדרייטע קאַרליק־ביימער. רעכטס און לינקס שוואַרצן זיך אומהיימלעכע עפענונגען פון היילן. „זה לא חשוב..." — ווייזט דער אַלטער אויף לינקס אַ „קליינע" הייל. אויף רעכטס איז די באַרימטע „מערה" — „מערת עלמא". גלייך ביים אַריינגאַנג — גלאַנצנדיק פון זייטיק זיך דורכגעריסענע זונשטראַלן — אַ סטאַלאַגמיט אין דער פאָרם פון אַ רויב־חיה, אַ לייב, צי אַ טיגער, ממש ווי אויסגעהאַקט אין שטיין. פון דאַנען דער נאָמען: „די לייבן־הייל". ווייטער, ווו עס קומט נאָר צו ליכט — צעבראָכענע, דינע סטאַלאַגמיטן און סטאַלאַקטיטן. שטיקער, ווי צעבראָכן גלאָז, זענען אָנגעוואָרפן אין די דורכגענג — אַזוי מאַכט דער מענטש קאַליע באַשאַף פון בורא... אָבער עס טריפט ווייטער פון פעלדזיקן סופיט — מיר פילן די טראָפּנס — עס זעצט זיך ווייטער אָפּ, און די נאַטור וועט צוריק גאַנץ מאַכן אירע ווערק, טראָפּנווייז, אין משך פון טויזנטער, צי גאָר מיליאָנען יאָרן — זי האָט דאָך צייט די נאַטור...

נישט אונדזער משה שאול האָט אויסגעטראַכט וועגן אונטערערדישן וועג, וואָס פירט דורך אָט דער הייל קיין ירושלים. אשתורי הפרחי, דער דאָזיקער מערקוויר־דיקער פאָרשער און באַשרייבער פון ארץ־ישראל (1280—1355), כאָטש ער רופט אָן די הייל, אין זיין ספר „כפתור ופרח", „מערת הבבלים", האָט שוין דאָ אויך געזוכט „דעם וועג קיין ירושלים". ער איז אָבער נישט דערגאַנגען אין איר ווייטער ווי „צוויי תחום שבת". „די פינצטערניש און די סכנות" האָבן אים ווייטער נישט געלאָזט גיין. ער דערציילט, אַז אין די חשמונאים־צייטן און בעתן גרויסן אויפשטאַנד קעגן רוים האָבן זיך אין דער הייל אויפגעהאַלטן יידישע פרייהייט־קעמפער. אָבער שפּעטער האָבן דאָ אויך אַראַבישע כנופיהס געהאַט זייער באַהעלטעניש. ווער ווייסט, וואָס די געהיימנישפולע, פינצטערע און נאַסע אונטערערדישע וועגן באַהאַלטן אין זיך, וואָס פאַר אַ סודות זיי היטן... דערווייל וואַרטן זיי נאָך אויף זייערע מאָ־

דערנע פאַרשער.

דער אַלטער משה שאול קלערט נישט וועגן דעם אַלעם און נעמט זיך נישט איבער. ער איז זיכער, אַז ער וועט נאָך דורך דאַנען עולה־רגל זיין קיין ירושלים, אויף יום־טוב, „ווי די תורה האָט געבאָטן"; נישט היינט, איז אין אַ יאָר אַרום, צי שפּעטער — ער האָט צייט... ער דאַרף נאָר, זאָגט ער, עטלעכע געוואַגטע מיט יונגע בלוטן, אָן מורא, זיי זאָלן אים באַגלייטן אין געפערלעכן וועג, און „מ'וועט שוין אָנקומען"... ער גלייבט און האָט צייט — זאָל נאָר מקויים ווערן די אַלטע תפילה פון זיין הייליקן בית־כנסת־שטיין:

„יהי שלום על המקום הזה ועל כל מקומות עמו ישראל".

לייבל קופּערשמיד

אַ לידל אויף דער גיך

דיכטער! וואַרף אַראָפּ די שיך!
און שרײַב אַ לידל אויף דער גיך.
כ׳האָב אַ פעדער דיר געבראַכט,
פאַרקוילט, איינע פון אַ סך,
איין העלפט פינצטער ווי דער גרויל,
די צווייטע — ווײַס ווי שניי,
ווינד איז מיר און ווײ.

פעדערן געפעדעמטע מיט ליד,
זיי האָבן פליגל־קנאָכנס אָפּגעברים.
מיט אומרו דעם אָדלערס בענקשאַפטן באַדעקט,
צו ליכט־מרחקים אויפגעוועקט.
צעהאָנגענע איבער רוימען פרײַ,
ווינד איז מיר און ווײ.

אַ בליץ פאַרחלפּט האָט די נאַכט
און דעם אָדלער אומגעבראַכט.
פליען פעדערן פאַרברענט,
פון אַלע שאַנדן אָפּגעשענדט.
אַז די פליגל פליען נישט,
איז דאָס לעבן ווערט — אַ שפּײַ,
ווינד איז מיר און ווײ.

— — — — — — — —

א. מ. כוכב

דער וועג
צו דער וועלט

אויפן הימל האָבן זיך געיאָגט שוואַרצע שטיקער וואָלקן, באַהאַפטן זיך און ווידער צעריסן, פאַרשטעלט די אלול־זון, וואָס האָט זיך געריסן צו טריקענען דאָס אויסגעווייקטע שטעטל.

פאַר מרים דער שוחטקעס הילצערן הייזל האָט זיך געשטעלט אַ פולע פור בערדיקע יידן מיט טוכענע היטלען אויף די קעפּ. דאָס זענען זיי געפאָרן אויפן רבינס ר׳ בונעמס יאָרצייט קיין פּשיסכע. דער באַלעגאָלע, אַ ברייט־ביינערדיקער יונג מיט אַ רויט, פול פּנים איז געזעסן אויף דער קעלניע, געגענעצט און, קנאַלנדיק די בייטש, געשריגן אין חלל אַריין:

— נו, ווו איז ער דאָרט, דער יתום?

פונעם הייזל איז אַרויס אַן עלף־יעריק ייִנגל, אין אַ נייעם צייגן־כאַלאַטעלע מיט נייע שטיוועלעך און אַ טוכן היטעלע אויפן קאָפּ. מיטן פּעקל וועש אונטערן אָרעם איז ער געבליבן שטיין נעבן דער פור אַ פאַרשעמטער, געגרויטלט זיך און נישט געוווסט ווי אַזוי אַרויפצוקריכן. צוויי יידן פון דער פור האָבן אים דערלאַנגט די הענט. זיי האָבן אים נישט געקענט אַרויפציען. דער באַלעגאָלע, אַ בייזער, איז אַראָפּ פון דער קעלניע און אַריינגעזעצט דעם יתום צווישן די יידן. ווייבער האָבן מיט די עקן פאַרטעכער די אויגן געווישט, קינדער האָבן אויף אים געגאַפט מיט אָפענע מיילעכלעך, מקנא געווען וואָס ער פאָרט...

מרים די שוחטקע, יחיאלס מומע, אַ יידענע אין די פערציקער, מיט אַ שוואַרצער קופּקע אויפן קאָפּ, איז אַרויס פונעם הייזל אַ צעקאָכטע, און אַרויפ־דערלאַנגענדיק אַ פאַפּירענעם בייטל מיט עסנוואַרג, האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר די יידן:

— כ׳ווייס נישט נאָך וואָס ער פאָרט. איין גאָט אין הימל ווייס, אַז איך טרייב אים נישט אַרויס. דער זיידע, זאָגט ער, קומט אים כסדר צו חלום און וואָרנט אים, ער זאָל צוריק אַהיים פאָרן קיין שידלאָווצע. איך האַלט אים אָפּ. ער שפּאַרט זיך אָבער איין — און טוט אים עפּעס.

— שאַט נישט, שאַט נישט — האָט זיך אַ ייד אויף דער פור אָנגענומען פאַר

דער שוואַרצער קאַלטענעוואַטער באָרד — כ׳קאָן גוט זיין משפחה דאָרט. זיי זענען ערלעכע יידן! פאַראַן צווישן זיי אַפילו גבירים, סטייטש...

— ס׳איז דאָך אָבער אַ יתום, אַ יתום — האָט זיך מרים געווישט די אויגן — מיין שוועסטערס קינד, כ׳ווייס...

זי האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער באַלעגאָלע איז פון ערגעץ אָנגע־לאָפן אַ צעיאַכמעטער, אַרויפגעשפּרונגען אויף דער קעלניע, און אַ שמיץ טוענדיק מיט דער בייטש די צוויי ווייסע פערד איז ער גלייך אָפּגעפאָרן.

אַרום מיטאָגצייט איז די פור אָנגעקומען קיין פשיסכע. דער הימל איז געבליבן הענגען אַ לויטערער, אַן אַרומגעוואַשענער. די זון האָט אויסגעטריקנט דעם נאַסן ברוק. אין מאַרק האָבן זיך פלוצלונג די קאָשטשאָל־גלאָקן צעקלונגען, און גויעס אין חגא־קליידער האָבן זיך פון דאָרט אַרויסגעשיט.

יידן און יידענעס מיט תהילימלעך אין די הענט האָבן פאַרשפּעטיקטע זיך געאײַלט צום אויסגעקרימטן געסל, וואָס פירט צום בית־עולם. פאַרן טויער האָט אַ יידענע, אַן אָפּגעצערטע, מיט אַ בלאַס פּנים, אַרומגערינגלט מיט פינף אָפּגעריסענע און פאַרשוואַרצטע קינדער, און מיט אַ קינד אויף דער האַנט, געשריען מיט אַ הויך־וויינענדיק קול:

— האָט רחמנות, יידן, מיין מאַן איז אויפן פּראָגנט און איך מיט מיינע קינדער גייען אויס פון הונגער!

יידן האָבן געטיילט נדבות.

אינעווייניק, אויף אַ ליידיק שטיק פעלד, זיינען געזעסן ביי טישלעך עטלעכע יידן און געשריבן „קוויטלעך". אַרום די אוהלס פון רבין ר׳ בונים און פונעם ייד הקדוש, וואָס שטייען איינס נעבן צווייטן, האָבן זיך מחנות געשטופּט. איבערן גאַנצן בית־עולם האָבן זיך געטראָגן געשרייען און יאָמערייען.

יחיאל האָט זיך געדרייט אויפן בית־עולם און געלייענט איבער די מצבות. ערשט שפּעטער, ווען דער בית־עולם איז שטילער געוואָרן, האָט ער געקאָנט צוקו־מען צו די אוהלים. ער האָט געזען ווי דער פרומער אייזיק, דער ראש פון זיין זיידנס שטעטל, שטייט אָנגעלענט אויפן טירל פון רבינס ר׳ בונימס אוהל מיט אַ תהילימל אין דער האַנט און פון די רויטלעכע אויגן רינען אים טרערן, קייקלען זיך פון די פולע באַקן אין שיטערן בלאָנדן בערדל אַריין. אינעם אוהל, אַרום דעם אַרומגעצוימטן הילצערנעם קאַסטן, שטייען יידן מיט תהילימלעך אין די הענט און וויינען. די ברענענדיקע ליכט אויפן קאַסטן צעשמעלצן זיך פון דער היץ, טריפן אַראָפּ אויפן קבר, וואָס איז באַלייגט מיט שמות און קוויטלעך.

עפּעס אַ רב אין אַן אַטלעסענער קאַפּאָטע מיט אַ ספּאָדעק און מיט אַ האַלב שוואַרצער, האַלב גראָער געדיכטער באָרד, מיט צעפּאַטלטע פּאות ביז צום אַקסל,

האָט צונויפגעבאַלעט די האַריקע פויסטן אין חלל, ווי ער וואָלט עמעצן געשראָקן, און מיט גרויס געוויין איבערגעשריגן אַלעמען.

אויך אין „יידס" אוהל איז פול מיט מענטשן. איצט זענען דאָ לויטער ווייבער. זיי גיסן אויס זייער ביטער האַרץ פאַר אַ גאַנץ יאָר...

אין אָוונט פאָרט שוין יחיאל מיט דער שידלאָווצער פור. די יידן אויף דער פור זעען אים אויס ווי יענע, מיט וועלכע ער איז געקומען צו פאָרן אין דער פרי. ער זיצט פונקט אַזוי צוזאַמענגעפרעסט צווישן זיי, ווי אויף יענער פור; ער דערקענט נישט קיינעם פון די יידן און זיי דערקענען נישט אים. ווייזט אויס, זיי האָבן געמיינט, אַז אויך ער איז געקומען אויף דער יאָרצייט און פאָרט צוריק אַהיים.

די נאַכט איז געווען אַ לבנהדיקע, אַ וואַרעמע. די יידן זענען שוין מיד געוואָרן צו דערציילן רבישע מעשיות און ס'איז שטיל געוואָרן. ס'האָט זיך בלויז געהערט דאָס פוילע קלאַפּן פון די פערדישע פּאַדקאָווס און דאָס טשמאָקען פונעם באַלע־גאָלע: „וויאָ! ווישטאָ!"

נעבן אַ בריקל, ווו ס'האָט געפלאָסן אַ וואַסערל, האָט זיך די פור געשטעלט. יידן זענען אַראָפּ דאַוונען מעריב. זיי האָבן אויסגעגלייכט די רוקנס, זיך מכין געווען, די הענט אין וואַסערל געוואַשן, און איינער האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צו דער רונדיקער לבנה און אויסגעשריגן מיט אַ דין קול: „והוא רחום יכפר עוון..."

יידן האָבן זיך אַרומגעבונדן מיט גאַרטלען און געמאַכט שאָטנס אויף די לייַ־דיקע פעלדער. ערגעץ פון אַ נאָענט דאָרף האָט זיך געזען אַ פייער בלישטשען און ס'האָט זיך געהערט אַ געבילערייַ פון אַ הונט.

יחיאלן איז באַפאַלן אַ שלאָף. זיין קאָפּ איז געפאַלן אויף אַ יידס פּלייצע. ער האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער, ווען די פור האָט מיט רעש אָנגע־הויבן פאָרן באַרג־אַראָפּ. אין אַ שמאָל געסל זענען די יידן אַראָפּ פון דער פור און מיט אַ „גוטע נאַכט" און „זכותו יגן עלינו" זענען זיי פאַרשוווּנדן אין די געסלעך.

יחיאל איז אַראָפּ פון דער פור און געבליבן שטיין מיטן פּעקל וועש אונטערן אָרעם. דער באַלעגאָלע האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, נישט געפרעגט אים, צי ער האָט ווו צו גיין נעכטיקן, איילנדיק אויף דער פור אַרויף, און ראַשיק אָפּגע־פאָרן. אַ ווײַלע האָט זיך געהערט דאָס פאָרן פון דער פור, דאָס האַווקען פון הינט, אָבער באַלד איז שטיל געוואָרן. דאָס גאַנצע שטעטל איז געלעגן אין אַ טיפן שלאָף.

יחיאל האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען דאָס געסל, ווו ער איז איצט געבליבן שטיין. אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג איז ער אַריין אין דער הויפּט־גאַס. ערשט דאָרט האָט ער געזען, ווו ער געפינט זיך. ער האָט געקלערט, ווו צו גיין נעכטיקן. ער האָט דאָ אַ סך קרובים. ער האָט באַשלאָסן גיין צו דער מומע טויבע, וואָס זי וווינט

אין אברהם פאַנטלס הויז, און איבערן שטוב האָט געוווינט זיין מוטער און איז דאָרט געשטאָרבן.

צוקומענדיק צו דער מומע טויבעס געסל איז ער געבליבן שטיין און זיך אומגעקוקט. כאָטש דאָס גאַנצע געסל איז געווען באַשיינט פון דער לבנה, איז יחיאלן באַפאַלן אַ פּחד. ער האָט זיך דערמאָנט ווי מיט איבער דריי יאָר צוריק איז זיין מוטער געשטאָרבן; ער געדענקט, ווי אויף דעם אָרט, וווּ ער שטייט איצט, איז די לעצטה שעה פאַר דער לוויה געקומען צו פאָרן זיין עלטסטער ברודער, יצחק, וואָס איז געווען אַנגעשטעלט אין אַ גרויסער שטאָט — און אַוועקגעפאַלן אין חלשות. ס׳האָט לאַנג געדויערט, ביז מ׳האָט יצחקן דערמונטערט. דאָס גאַנצע שטעטל איז פול געווען מיט מענטשן און ווייבערישן געיאָמער. יצחק איז בעת דער לוויה נאָכ־געגאַנגען מיט אַ פאַרוויינט פנים און זיך אָנגעהאַלטן אָן דער מיטה, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ הילצערנעם דעק.

יחיאל געדענקט ווי זיין מוטער, שוין אַ קראַנקע, איינגעהילט אין אַ פאַטשיילע, מיט אַ קופקע אויפן קאָפּ, פלעגט גאַנצע טעג ליגן אָנגעלענט אויפן אָפענעם פענצ־טער און מיט אויסגעלאָשענע בליקן קוקן אין דער ווייט. ער געדענקט גוט די מוטער זיינע. זי איז געווען אין גאַנצן ענלעך צו זיין מומע מרים, נאָר אַ טונקל פנים האָט זי געהאַט.

ווען ער איז צוגעקומען צו דער מומע טויבעס פאַרמאַכטן לאָדן האָט ער גע־ציטערט פון שרעק. ער האָט מורא געהאַט אַרויפצוקוקן צום פענצטער, וווּ ער האָט אַ מאָל געוווינט. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זיין מאַמע ליגט איצט אָנגעלענט אויפן פענצטער און שמייכלט צו אים אַראָפּ מיט פאַרטרערטע אויגן.

— מומע! מומע! — האָט ער אַ ציטערדיקער אָנגעקלאַפּט אין לאָדן.

קיינער האָט נישט געענטפערט. דאָס האַרץ האָט ביי אים אַזוי שטאַרק גע־קלאַפּט, אַז ס׳האָט אים אַזש גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. נאָר באַלד איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק: וואָס האָט ער זיך צו שרעקן? קאָן דען אַ מאַמע, מעג אַפילו זיין אַ טויטע מאַמע, שלעכטס טאָן איר קינד?

— מומע! מומע! — האָט ער נאָך אַ מאָל געקלאַפּט אין לאָדן, פילנדיק, אַז ס׳איז אים הייס געוואָרן און אַ שווייס האָט אים אַרויסגעזעצט אויפן פנים.

— ווער איז? — הערט ער אַ פאַרשלאָפן קול.

— איך... יחיאל...

— ווער?

— איך... יחיאל... פון גאָווארטשאָוו.

און באַלד דערזעט ער דורך די שפּאַרעס פונעם לאָדן ליכט פון אַן אָנגעצונדן באַפטלעמפל און הערט דאָס וואַלגערהאָלץ אַרויספאַלן פון דער טיר.

און כאַטש ער האָט זיך געהאַט אַ ביסל באַרויקט, איז ער דעם פינצטערן קאָרי־דאָר אין טויבעס שטוב דורכגעגאַנגען מיט ציטערדיקע קני.

פון איין בעט האָבן זיך אַרויסגעבויגן דריי פּרויען־קעפּ. טויבע, אַן עלטערע יידענע מיט אַן איינגעשרומפּט פּנים, אַרומגעבונדן דעם קאָפּ מיט אַ ווייס טיכל, האָט געזאָגט:

— מאַך ליכטיקער דאָס ליכט, יחיאל.

אַרויפגעדרייט דאָס קנייטל, האָט זיך יחיאל צוגעזעצט אויף אַ שטול. ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט. די דריי פרויען־קעפּ האָבן זיך נאָך נידעריקער אַרויסגעבויגן און באַטראַכט יחיאלן.

— נו, יאָ, איז דאָך טאַקע, דאָס הייסט עס... — פאַרמרוזשעט טויבע די אויגן.

— נו, יאָ, אָט איז ער... — זעצט זיך אויף רוליע, טויבעס אַ דערוואַקסן מיידל מיט אַ צעפּאַטלטן קאָפּ האָר, אויפן בעט.

— פאַר וואָס ביסטו געקומען, מיין קינד? — קוקט זיך טויבע אין אים איין און זעט נישט זיין פּנים.

— דער זיידע איז דאָך געשטאָרבן — ענטפערט יחיאל פאַרשעמט.

— געשטאָרבן?! — האָט זיך חנהלע, רוליעס עלטערע שוועסטער, אַ ריס געטאָן, אַזש דאָס בעט האָט אַ שטאַרקן קרעכץ געטאָן — איז וואָס אַז דער זיידע איז געשטאָרבן? פעלט דיר דאָרט אויס קרובים פון דיין מאַמעס צד?

— הער, מאַמע, — קראַצט זיך רוליע דעם צעפּאַטלטן קאָפּ האָר — מאָרגן זאָלסטו אים גלייך צוריקשיקן פון וואַנען ער איז געקומען. זאָל זיך מרים די שוחטקע פאַרדרייען איר קאָפּ!

— אָ־וואָ! — האָט חנהלע זיך געהיצט, זיצנדיק אויפן בעט — ער האָט דאָרט מומעס און פעטערס, קומט ער דאָ צו פאָרן. צו וועמען? צו די טויטע טאַטע־מאַמע? געדענקסט, מאַמע, וואָס שמעיהטע די געוואָרטשאָוווערן האָט דיר מיט אַ צייט צוריק דערציילט, וואָס פאַר אַ שפּע מיט פּרנסה מרים די שוחטקע האָט? נו, קאָן זי נישט האַלטן ביי זיך דעם יתום? וואָס פאַר אַ חוצפּה פון גבירים!

— מ׳טאָר אַזוי נישט רעדן אויף מענטשן — ענטפערט די מוטער — מען קאָן קיין מאָל נישט וויסן, וואָס ביי אַ צווייטן טוט זיך.

— כאַ־כאַ־כאַ!.. — צעלאַכן זיך ביידע מיידן פון בעט אַרויס — אוודאי! מ׳קאָן גאָרנישט וויסן, וואָס ביים צווייטן טוט זיך!

— מ׳ווייסט שוין יאָ! — גיט חנהלע צו — הלוואַי וואָלטן מיר עס געהאַט, וואָלטן מיר אַפילו צוויי יתומים געהאַלטן.

יחיאלן איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. הערנדיק אַזעלכע רייד, און ס׳האָט

אים באַנג געטאָן, וואָס ער איז געקומען צו פאָרן און זיך נישט צוגעהערט צו זיין מומע מרימס רייד.

— נו, זאָל שוין זיין גענוג, — בעט זיך טויבע ביי אירע טעכטער — דאָס יינגל איז אַוודאי מיד. זאָל ער זיך לייגן שלאָפן. נאָך גוט וואָס דער טאַטע איז נישט געקומען צו פאָרן, ווו וואָלט מען אים דאַן געלייגט?

און אויסדרייענדיק זיך מיטן פנים צו יחיאלן, וואָס איז געזעסן ביים טיש מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, האָט זי צוגעגעבן:

— נו, לייג דיך, מיין קינד. זאָרג זיך נישט. גיי לייג דיך נעבן נאָטען.

אַז יחיאל האָט געהערט דאָס וואָרט „נעבן נאָטען", האָט ער אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף און איז צוגעגאַנגען צום בעט, ווו נאָטע איז געלעגן מיטן פנים צו דער וואַנט. יחיאל האָט זיך איינגעבויגן, צו זען זיין קליינעם ברודער. דריי יאָר איז נאָטע אַלט געווען, ווען יחיאל איז אַוועק צום זיידן. איצט האָט יחיאל שטאַרק חשק געהאַט צו זען זיין זעקס־יעריק ברודערל. וועט ער אים דערקענען? אָבער יחיאל וויל אים נישט וועקן. ער זאָגט קריאת־שמע, לעשט אויס דאָס נאַפּטלעמפּל, לייגט זיך נעבן ברודער און שלאָפט באַלד איין.

אברהם באַראַבאַן

אויף א רושטאוואניע

א לייכט רעגנדל, אַן ערב־האַרבסטיק, האָט באַשאָטן די גאַס מיט פּינטעלעך פּייכטקייט. אויף אַ רושטאָוואַניע האָט זיך אין דער זעלבער צייט יידל באַלקעס געזעצט עסן מיטאָג. ס׳איז איצט הפסקה אויפן בנין. אויף אַ גרויסן טאָפּלטן ציגל, אויף אַ צייטונג, ליגן צעלייגט לעבן אים: אַ בלוט־רויטער טאָמאַט, אַ גרינע ציבל, אַ האַלב ווייס ברויט, אַ געראַוויכערט הערינגל, אַ סלאָיקל זויערע מילך. ער עסט נאָך נישט. ער קוקט זיך איין אין רעגנדל אַ נישט צופרידענער. נישט אויף אַזאַ רעגן וואַרט ער. ער וואַרט אויף אַן אמתן, פלייצנדיקן, צעבערדיקן רעגן! אַ, דעמאָלט וואָלט מען איבערגעריסן די אַרבעט און כאָטש זיך אָפּגערוט אַ צוויי־דריי טעג, נאָכן אָפּהאָרעווען אַ גאַנצן הייסן זומער!

צו יידל באַלקעס האָט זיך צוגעזעצט אַ צווייטער אַרבעטער — נסים ששון. אויפן בנין רופט מען אים — כורדי. יידלען איז געוואָרן נאָך אומעטיקער, שווערער אויפן האַרץ, כאָטש יענער האָט אים געווונטשן: „לתיאבון, יהודה!‟ איצט — האָט זיך יידל געטראַכט — וועט ער נאָך מוזן, צו די צרות, רעדן עברית. ביי יידלען הייסט דאָס — נישט רעדן עברית, נאָר „אַרבעטן עברית‟. דאָס לשון קומט אים אָן שווער און אַז דער־אָ נסים ששון רעדט צו אים, איז דער גאַנצער שמועס איין שטיק באַשולדיקונג קעגן די „שכנזים‟. יידלען קומט עפּעס אויס, ווי ס׳וואָלט זיך צו אים צוגעטשעפּעט אַ גוי, אַ שונא ישראל, רחמנא ליצלן. אפשר צום הונדערטסטן מאָל דערציילט ער אים אָט די געשיכטע:

— מיין טאָכטער, מזל, די מיט די פּעך־שוואַרצע האָר און מיט די טיפע ווי אַ ברונעם אויגן, — דו, יידל, קענסט דאָך זי — די וואָס ברענגט מיר אַ מאָל די אָנגעפּילטע פּעפּערלעך, וואָס זי גרייט מיר צו; אַ קערפּער האָט זי, כ׳לעבן, ווי אַ יונגע סאַרנע, און געלערנט איז זי — האַ, האַ! געענדיקט דעם לערער־סעמינאַר אין ירושלים, זי רעדט ענגליש ווי דו, דיין ווז־ווז, חי אלוהים! אפילו דו, יידל, וואָלסט געשעפּט נחת פון איר. וואָס זשע טוט גאָט, שיקט ער צו אַ צרה — דעם קבלנס, פעלדמאַנס זון נמרוד, און פאַרליבט זיך, כלומרשט, אין מזלען. ער זיצט ביי איר גאַנצע אָוונטן, שושקעט זיך מיט איר און גלעט זי, און אַז איך דריי זיך אַ

ווײַלע אַוועק פֿון זיי — קושט ער זי און האַלדזט זי. צו מיר רעדט ער דווקא מיט דרך־ארץ, דער נמרוד, ווי מײַנס אַ זון. אַט־אָט און איך זע זיך שוין ווי אַ מחותן מיט דעם פֿעלדמאַן! איך טראַכט אַפֿילו: אפֿשר וועל איך מיט דער הילף פֿון מײַן מחותן אַוועקוואַרפֿן די שווערע אַרבעט אויפֿן בנין און עפֿענען זיך אַ קראָם פֿון גרינס, ווי כדורי און נאַדזשי, די פֿון דער נײַער גאַס נעבן דער מעברה, דו קענסט דאָך זיי — די וואָס האָבן געאַרבעט אויף פֿעלדמאַנס בנין אין שיכון ד׳. דאַרפֿסט וויסן, יידל, אַז בײַ אונדז אין חלב, אין סוריא, בין איך געווען אַ סוחר, אַ גביר. אַז ס׳איז געקומען אין שטאָט צו אונדז אייערס אַ שכנזישער שליח פֿון קרן־קימת — איז ער געשלאָפֿן און געגעסן בײַ מיר. איך האָב געגעבן טויזנטער פֿונטן אויף ארץ־ישראל. אפֿילו די אַראַבער האָבן בײַ מיר געמוזט וואַרפֿן געלט אין דער בלויער פּושקע, אַניט האָט ער בײַ מיר נישט געקענט קויפֿן, חי אלוהים! איך בין נישט אַ ליאַדע ווער. די פֿראַנצויזן, אַז זיי זענען געווען אין סוריא די באַלעבאַטים — איז אַן מיר האָבן זיי זיך נישט גערירט. — זעסטו דאָך, יידל, באַשיימפּערלעך, אַז איך בין נישט קיין ליאַדע ממזר, מיט מיר וואָלט זיך קיינער נישט פֿאַרשעמט. אַ מחותן גלײַך אויף גלײַך — מיט אַ טאָכטער, מיר שוין אַזאַ יאָר. אָבער דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. אין איינעם אַן אָוונט — דער קבלן פֿעלדמאַן איז דאָ. ער איז צוגע־פֿאָרן צו אונדזער הויז אין שיכון אבו־לבן, ווו אַלע אונדזערע סוריער און מאַראָ־קאַנער וווינען. זײַן אויטאָ האָט עפּעס געהאַט אַ פּנים, ווי דער ראש הממשלה וואָלט מיר געקומען דאַנקען פֿאַר די עלף קינדער, וואָס איך האָב געברענגט אויף דער וועלט. די קינדער פֿון דער גאַס זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿן אויף ווונדער. אַזאַ אויטאָ האָבן זיי נאָך נישט געזען. פֿעלדמאַן שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פֿון אויטאָ־פֿענצטערל און פֿרעגט זיי ווו עס וווינט דאָ דער נסים ששון, דער וואָס אַרבעט אויף בנין. איך הער געווי זײַן פֿראַגע. וואָס האָט זיך דעמאָלט געטאָן בײַ מיר אין האַרץ! — פֿרעג גאָרנישט, יידל, כ׳האָב געוואָלט אַרומכאַפּן גאָט און אים קושן — אַ ירקות־געשעפֿט וועל איך האָבן, אַלע וועלן מיך מקנא זײַן.

פֿעלדמאַן איז דווקא אַרײַן צו מיר אין שטוב ווי אַ דזשענטלמען: אָנגעקלאַפּט אײדל אין דער טיר, און געפֿרעגט האָט ער, דער ממזר, ימח שמו, יכולים להכנס? — מ׳קען, — אַז צעפּלאַצט זאָל ער ווערן, — אַרײַנגיין, הייסט עס.

— למה לא, פֿאַר וואָס דען נישט, האָבן מיר אַלע אין איין קאָר געענטפֿערט, ביטע, זאָל דער אדון אַרײַנגיין! ער איז אַרײַן, אַלעמען דערלאַנגט די האַנט, גע־ווּיצלט זיך, געטיילט צוקערלעך די קינדער, געלויבט דעם שוואַרצן קאַפֿע, וואָס מײַן סעידה האָט אים דערלאַנגט; גערעדט האָט ער פֿון וועטער, פֿון דער שיינער דירה מײַנער (אַזאַ יאָר אויף אים!); גערעדט אפֿילו מיט אַ ביסל אַ רחמנות־טאָן וועגן מײַן שווערער אַרבעט אויפֿן בנין. אַט־אָט, מיין איך — ער הייבט אָן רעדן וועגן אַ

תכלית פאַר מיר, אַ ירקות־קראָם. דערוויל איז ער מיר מכבד איינעם נאָכן צווייטן מיט גוטע סיגאַרעטן. אָבער עס איז שוין כמעט אַ האַלבע שעה אַוועק און גאָרנישט.

— וועגן וואָס זשע איז ער געקומען — סתם אַזוי זיך, אַלס גאַסט? ניין, איך גלייב נישט. ער האָט בעסערע עסקים. אפשר איז ער געקומען אָפּשמועסן אַ זמן־חתונה? טאָ פאַר וואָס זשע רעדט ער גאָרנישט דערפון? פאַר וואָס זשע פרעגט ער זיך נישט ווו מזל איז?

איך בין געוואָרן אומרויִק. כ׳האָב שוין אָנגעהויבן פילן, אַז קיין גוטס איז ער מיר נישט געקומען אָנזאָגן. דער קאָפּ איז מיר געוואָרן שווער. זאָל ער שוין גיין, דער שכנזי, האָב איך געטראַכט. קוים כ׳האָב זיך דערוואַרט ער זאָל אויפהערן סתם ריידן און אויפהייבן זיך פון בענקל! ברוך השם, ער איז שוין גרייט אַוועק־צוגיין און זאָגט שוין אַלע שלום, דריקנדיק יעדן פון די קינדער די האַנט. איך קוק זיך איבער מיט מיין ווייב, מיט סעידהן. ווען איך פיר אים שוין אַרויס צום אויטאָ, שושקעט ער מיר עפּעס אין אויער, דער פעלדמאַן, ימח שמו: — אדון נסים, איך וויל מיט אייך רעדן ביחידות וועגן אַ וויכטיקן ענין. איך באַצאָל אייך פאַרן מאָרגנ־דיקן טאָג אַרבעט און קומט צו מיר אין ביוראָ, וועלן מיר רעדן. תוך כדי כך, נעמט ער צוואַנציק פונט און שטופּט מיר אין האַנט, און איידער וואָס ווען — ער איז שוין אין אויטאָ און פאָרט אַוועק.

— יידל, ווי גאָט איז מיר ליב — אַ גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן און נאָר געטראַכט וועגן דעם שכנזי, דעם פעלדמאַן: וואָס וויל ער מיר דאָס זאָגן? און פאַר וואָס האָט ער מיר דאָס נישט געזאָגט אויפן אָרט ביי מיר אין שטוב? העיקר, כ׳האָב מיך קוים דערוואַרט ס׳זאָל טאָגן, אָפּכאַפּן עפּעס וואַרעמס און לויפן צו פעלדמאַנען.

פעלדמאַן האָט מיך דווקא אויפגענומען מיט אַ ברייטן „שלום עליכם“, געבעטן זיצן, געהייסן דערלאַנגען שוואַרצע קאַווע מיט קיכלעך, געפרעגט מיך וועגן מיין אַרבעט און אַנדערע גאָרנישט מיט נישטן. פּלוצלונג — ער רעדט צו דער זאַך. אַ חלום, כ׳לעבן. ער וויל מיר, זאָגט ער, עצהנען אויפצועפענען אַ שטיקל קלייטל, עפּעס, זאָלן מיר זאָגן, אַ מכולת, אַ שפּייז־קראָם אָדער, זאָלן מיר זאָגן, פון ירקות — ער איז גרייט מיר העלפן מיט וואָס ער וועט נאָר קענען. איז דאָך זייער גוט, זאָגסטו, יידל. יאָ, ס׳וואָלט טאַקע געווען זייער גוט, ווען עס וואָלט נישט געווען זייער שלעכט: פעלדמאַן איז גרייט דאָס אַלץ טאָן, נאָר מיט איין קליינעם באַדינג — גאָט זאָל אים באַצאָלן דערפאַר... טרעף זשע, יידל, וואָס איז דער תנאי, וועלכן אייערער אַ שכנזי קען צוטראַכטן. טרעף, יידל, אדרבה. — ער וויל... אַז... אַז מזל, מיין טייערע טאָכטער מזל, זאָל אויפהערן פאַרדרייען דעם קאָפּ זיין נמרודן... הער: נישט נמרוד, דער וואָס האָט זיך אָנגעהויבן טשעפּען, געהאַלדזט און געקושט, נאָר...

נאָר — וויסט איז מיין וועלט, נאָר מזל זאָל אויפהערן פאַרדרייען נמרודן דעם קאָפּ...

מיינע אויערן האָב איך נישט געגלייבט, יידל, הערנדיק די ווערטער פון דיין שכנזי. כ׳זע שוין, אַז סע איז ביטער. עס שווינדלט מיר דער קאָפּ, כ׳בין צעשרויפּט. ווען כ׳וואָלט דעמאָלט געהאַט אַ מעסער, וואָלט איך אים געהרגעט. און ער, פעלדמאַן, רעדט זיך געלאַסן וועגן געלט. ער וועט מיר דערפאַר געבן אַ טויזנטער, אַפילו, ווען נייטיק, צוויי. דערצו איז ער נאָך גרייט צו געבן אַ קליין קלייטל אין בייעם בנין, וואָס ער ענדיקט אין צענטער גאַס. כ׳דאַרף נישט זיין צעשרויפּט, זאָגט ער. די וועלט גייט נישט אונטער. ער איז דווקא, זאָגט ער, פאַר קיבוץ גלויות. אדרבה — לאָמיר ווערן איין פאָלק. נישט מ׳זאָל פרעגן, ווער עס איז אַ כורדי, ווער אַ פּוילישער, ווער אַ מאַראָקאַנער, ווער אַ יעקי! צוליב דעם זענען מיר דאָך דאָ אַלע צונויפגע־פאָרן פון אַלע עקן וועלט, ווי דער נביא האָט דאָס געזאָגט: וקבצנו יחד בשובך לציון ברחמים! מיר האָבן דאָך טאַקע — ס׳זאָל אונדז דאָס טאַקע נישט פאַרשטערט ווערן — דערלעבט צו אַ גרויסן, געוואַלטיקן זכות — אָבער, זאָגט דער שכנזי, דער פעלדמאַן — פונקט זיי ביידע — מיין נמרוד מיט דיין טאָכטער מזל, פּאַסן זיך נישט. איך האָב פּראַקטיק, זאָגט ער, אין די ענינים. יעדער טאַטע קען זיינע קינדער. נמרוד, זאָגט ער, איז אַ געוואַלטיקער עקשן און כעסן. ס׳איז נישט קיין שום סימן, אַז איצט קושט ער זי און זאָגט איר צו גאָלדענע גליקן. ער איז אַ פּוילאַק, וויל נישט טאָן אַ פינגער אין קאַלטן וואַסער. שפּילט אין קאָרטן און קריכט... כ׳ווייס ווו... קיין יפו... איך קען מיין צאַצקע. ער קאָן נאָך מזלען טאָן אַן עוולה — און ער, פעלדמאַן, וויל נישט, זאָגט ער, האָבן צו טאָן מיט מענטשן. ער איז אַ רודף שלום.

— האַ, יידל. גאָלדענע רייד פון אַ שכנזישן טאַטע! נאָר נסים ששון קען אייך, וויז־וויזניקעס! איך שטייט נישט אָן אונדזער געזעלשאַפט. אייך שטייט נישט אָן וואָס מיר קינדלען אַזוי פיל און אונדזערע קינדער רייסן זיך פאַר די קעפּ ביים פאַרטיילן זיי פּענעצלעך ברויט! אונדזער שפּראַך גרילצט אייך אין די אויערן, וויז־וויז איז שענער...

הקיצור, איך פרעג לסוף פעלדמאַנען, נאָך דעם כ׳האָב זיך אַ ביסל באַרויִקט, וואָס זאָגט דערצו נמרוד? אויף פעלדמאַנס פּנים האָט זיך צעלייגט אַ ברייט שמיי־כעלע.

— נמרוד, פרעגט איר, נסים, וואָס ער זאָגט? וואָס האָט ער דען צו זאָגן. ער פאָרט די אַנדערע וואָך אַוועק לערנען קיין אַמעריקע. דאָ, אין ישראל, ווו ער ווייסט, אַז דער טאַטע וועט אים אַרויסשלעפּן פון אַלע זיינע אַוואַנטורעס, איז ער צו פיל צעבאַלעוועט.

איך בין געבליבן, הערסטו, יידל, זיצן אַ פֿאַרשטיינערטער, הערנדיק פעלד־מאַנס רייד. ביז איצט האָב איך אייך נישט געקענט, בחיי נישט געקענט, די שכנים, די שווינדלער. הערסטו, ער האָט דאָך געריידט צו מזלען אַזעלכע גאָלדענע רייד, איר געקושט די שפּיץ פינגער, געגלעט די האָר, איר געקוקט פאַרליבט אין די אויגן. איך האָב אויף אים געקוקט ווי אויף אַן אייגענעם. ער זאָל דאָס מיך אָפּנאַרן; אויף דעם, כ׳לעבן, האָב איך זיך נישט גערעכנט. איך גלייב נאָך ביז איצט נישט, אַז ער האָט מיין מזלען נאָר געוואָלט אויסנוצן. זאָג איך פעלדמאַנען: — אדון קבלן, איך וויל רעדן מיט נמרודן. אויף פעלדמאַנס געזיכט טרעט פריש אַרויס אַ שעלמיש שמייכעלע: — הייסט עס, נסים, איר ווילט צו אים פאָרן קיין לאָנדאָן? דאָרט איז ער איצט ביי מיין ברודער שוין עטלעכע טעג. פון דאָרט פליט ער קיין אַמעריקע.

ערשט איצט, יידל, האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז שוין מערער פון אַ וואָך, ווי מזל זיצט אין שטוב אַ ביסל אַ פאַרכמורעטע און נמרוד באַווייזט זיך נישט. אַז כ׳האָב זי געפרעגט, „וווּ איז ער, דער נמרוד דיינער, דער חתן״, האָט זי אויסגעמיטן מיר צו ענטפערן און מיר דאַכט זיך אַפילו, אַז אַ טרער האָט זיך גע־שלענגלט אויף איר באַק, דאַכט זיך... אַז כ׳האָב זי נאָך אַ מאָל געפרעגט, דאָס מאָל שוין שטאַרקער, האָט זי עפּעס נישט קלאָר מיר אָפּגעענטפערט, אַז ער, דער נמרוד, זאָל האָבן כלומרשט געפאָרן אין אַ קיבוץ אויף אַ קורס, אין וועלכן קיין מיידלעך באַטייליקן זיך נישט. — אָ, יידל, איר, שכנים, קענט די פוילע שטיק.

וואָס זשע איז געוואָרן ווייטער, פרעגסטו, יידל? מיין ווייב, סעידה, האָט ברוך השם אַ קאָפּ. פון שידוך, זאָגט זי, וועט סיי ווי סיי גאָרנישט זיין. זאָל, זאָגט זי, נמרוד מיט זיין טאַטן שפּייען מיט בלוט — נאָר געלט פאָדער פון פעלדמאַנען טאָפּלט. נישט קראַנק, זאָגט זי, איז ער צו באַצאָלן. ביי אונדז אין סוריא, זאָגט זי, וואָלטן שוין ביידע געקילט די ערד פאַר אַזאַ בושה, וואָס זיי ברענגען אויף אונדז.

כ׳בין אַוועק צו פעלדמאַנען. אין געדאַנק בין איך גרייט געווען אים צו שעכטן, טאָמער וועט ער נישט מסכים זיין. נאָר כ׳האָב גאָרנישט געדאַרפן אויסנוצן מיין כעס — פעלדמאַן האָט מיט אַ שמייכעלע מסכים געווען צו אַלץ וואָס איך האָב געפאָדערט. אויסגעצאָלט אַלץ מיט מזומנים. אדרבה — האָט ער געזאָגט — איך וויל אייך נישט אָפּנאַרן אָדער אויסנוצן, חס־ושלום. איך וויל, אַז מיר זאָלן זיך, זאָגט ער, צעגיין אין גוטער אַרט — בלייבן גוטע פריינט. איך קען, זאָגט ער, מיין נמרודן: אַ שטאַרקער כעסן איז ער; גאָט זאָל אויסהיטן, אַז די יוכע וועקט זיך אין אים אויף — דעמאָלט, וואָס מיר ליבע, ווער מיר ווייב. דעריבער, אדון נסים, בעסער צעגייען מיר זיך איצט ווי גוטע ברידער, שפּעטער — גאָט זאָל אויסהיטן — וואָלט געווען פיל ערגער. — טרינקט אויס, אדון, אדון נסים, די קאַפּע, עסט אַ קיכעלע, איר זייט דאָך איצט אַ שטיקל גביר...

כ׳זאָג דיר, יידל, ימח שמם, איר שכנזים. כ׳האָב געטאַפּט מיינע קעשענעס און געטראַכט: געדעכט דער ממזר, דער פעלדמאַן — כ׳בין טאַקע אַ שטיקל גביר. לאָמיר טאַקע אַריין אין רחמים בוטבולס שענק און אַריינלאָזן אין האַלדז אַריין אַ ביסל אַראַק. זאָל עס נעמען דער רוח !..

מענטשן פרעגן זיך, יידל, פון וואַנען נסים ששון האָט געהאַט געלט צו קויפן אַ נייע דירה, — טאַקע אין סאַמע צענטער פון רמת־גן. גיי דערצייל זיי דעם אמת !

*

יידל קוקט אויפן האַנט־זייגערל אומגעדולדיק. נאָך אַ מינוט — צוויי, און דער גאַנג וועט זיך צעקלינגען, געענדיקט די הפסקה אויפן בנין. צוריק צו דער אַרבעט. פרעגט ער דעריבער נסימען — ווי ער פירט זיך יעדעס מאָל, ווען ער דערציילט אים די מעשה : — און וואָס, נסים, איז געוואָרן מיט מזלען ?

— צוויי וואָכן שפּעטער, יידל, איז זי שוין געגאַנגען מיט איר ערשטער ליבע, מיט דעם מאַראָקאַנער יינגל פון דער פּאָסט. אַ גוטער בחור, נאָר אויך אַ ביסל אַ כעסן. ער האָט ליב אַ טרונק. אַ מאָל מאַכט ער אַ קליינע אַוואַנטורע. אַנומלטן, ווען ער איז געווען שיכור, האָט ער זיך אַפילו געוואָרפן אויף מיר מיט די פויסטן. זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז, מיט וואָס איך האָב זיך דאָס ביי אים פאַרדינט. איצט זענען מיר שוין נאָכן איבערבעטן, נאָך דער סולחה. פאָרט אַן אונדזעריקער. אַ גאָל־דענע נשמה. אַלנפאַלס, זאָלן זיי מיר לעבן, די דריי אייניקלעך, טייערע קינדערלעך. סבא, סבא, פּישטשען זיי. טרערן רינען מיר פון די אויגן פון נחת. אָך, יידל, ווען דו ביסט נישט קיין שכנזי, פון פעלדמאַנס באַנדע, וואָלט איך דיך פאַרבעטן אויף דער שמחה, ווען מזל וועט, אם־ירצה־השם, אויפגעבונדן ווערן מיטן פערטן קינד. זי איז שוין סוף ניינטן חודש. אַלנפאַלס, וועל איך ברענגען אַ פלעשל אויף דער אַרבעט, וועסטו כאַפּן אַ זופּ. ביסט דאָך פאָרט אַן אייגענער, אַ בוי־אַרבעטער, נישט ווי אַנדערע אייערע שכנזים !

*

...יידל איז שוין אַ ביסל מיד פון אויסהערן נסימס געשיכטע מיט מזלען. ער איז בייז אויף נסימען, הלמאַי ער שטערט אים ביים עסן. אָבער פאָרט אַ שווער פּראָבלעם, טראַכט ער, דער קיבוץ־גלויות. עס דאַרף נעמען צייט „דער קעסל זאָל זיך אויסקאָכן״. ער טראַכט וועגן זיינע אייגענע קינדער : דעם צוואַנציק־יאָריקן שלמהקע, וואָס דינט אין דער אַרמיי, און די זעכצן־יאָריקע חביבה, וואָס איז איצט אַריבער אין זיבעטן קלאַס גימנאַזיע. פון וואַנען וועט ער נעמען געלט, אויב ס׳וועט אים דאָס זעלבע טרעפן, חס־ושלום, מיט זיי, ווי מיט פעלדמאַנס נמרוד ? אוי, גאָטעניו, פּרווו מיך נישט אויס. פּוסט זענען מיינע קעשענעס...

...דער גאַנג האָט זיך צעקלונגען. יידל און נסים זענען זיך צעגאַנגען יעדער אין זיין ווינקל צו דער אַרבעט. יידל מישט שוין ווידער מיט דער קעלניע דעם קאַסטן טינק, כדי צוגלייכן באַלד ווידער דעם אָנגעוואָרפענעם אויף דער וואַנט טינק מיט דער לאַנגער לאַטע, און טראַכט: — עך, גאָט, באַרמהאַרציקער, שיק עפּעס אַ רעגן, אַ שטורמישן, וועל איך זיך כאָטש אָפּרוען אַ טאָג־צוויי, ווי עס געהער צו זיין.

נתן מאַרק

די רביצן דערציילט...

פון מיין שוועסטער האָט איר דאָך אַוודאי געמוזט הערן. זי איז געווען אַ יפהפיה, און שטענדיק האָט זי געזונגען. וואָסער ניט איז אַרבעט זי האָט געטאָן, האָט זי אַלץ געזונגען.

האָט זיך אין איר פאַרליבט אַ יונגער־מאַן, טאַקע פון דעם דאָרף. און זייער אַ רייכער. דהיינו אַ רייכער? דער פאָטער האָט געהאַט אַ הויז, צוויי קי, אַ פערד, פעלד — אַ ביז גאָר לייטישע באַלעבאַטישקייט. און דער בחור איז געווען אַ בן־יחיד. מיין שוועסטער האָט אים ניט געוואָלט בשום אופן, ווייל ער איז געווען, לא עלינו, שטאַרק קורצזיכטיק. הערט זשע, זי האָט טאַקע נישט געוואָלט, אָבער די משפחה האָט זיך אַריינגעלייגט אינעם עסק: הא! וואָס! ס׳איז דיר אַ קעקע?! אַזאַ עשירות! אַן אמתדיקער שמאַלץ־גרוב! וואָס זאָלעך איך מאריך זיין, סע האָט ניט געהאָלפן דער שוועסטערס וויינען, ס׳האָט ניט גענוצט מיין בעטן דעם טאַטן, ער זאָל נאָך אָפּוואַרטן, אפשר וועט זי שפּעטער אַליין מסכים זיין; עס איז געווען אומזיסט.

אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה. זי האָט אויפגעהערט צו זינגען און ער האָט כמעט אויפגעהערט צו זען. נאָר מיר האָמער דאָך אַ גוטן גאָט, מיט איין האַנט שלאָגט ער און מיט דער אַנדערער היילט ער — האָט ער זיי געבענטשט מיט קינדערלעך, איינס שענער פונעם צווייטן, אמתדיקע טעקעלעך.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז מיין שוואָגער, לא עלינו, געשטאָרבן. מיין שוועסטער איז נעבעך געבליבן אַן אַלמנה מיט עטלעכע קינדערלעך. איינס פון זיי האָבעך גענומען צו מיר. הערט זשע ווייטער: מילא, ווי אַזוי איך כאָווע דאָס קינד, ס׳זאָל ניט אויסגערעדט זיין, ווייסט איין גאָט. וואָס מיינט איר? פונעם קנעלן קען מען אויפהאָדעווען אַ קינד? אַ קליידעלע מאַכן? אַ שיכעלע? און וואָס אַ מיידעלע דאַרף אַלץ האָבן. נאָר איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב צוויי טעכטער, זאָלן געזונט און שטאַרק זיין, אין אַמעריקע, העלפן זיי מיר אַרויס.

הערט זשע ווייטער: דעם נאָך פּורים באַקום איך אַן אַוויז אויף אַ פּאַקעט. האָב איך זיך שטאַרק געפרייט: די קינדער האָבן מיר געשיקט קליידער, אי מיר, אי דער יתומה, נעבעך. און איר ווייסט דאָך, ווי איך דאַרף עס האָבן. בפרט סע גייט

צו פסח. איך האָב ניט וואָס אָנצוטאָן, צו מאַכן איז ניטאָ מיט וואָס. נאָר דער עיקר האָבעך זיך געפרייט, וואָס דאָס קינד וועט האָבן וואָס אָנצוטאָן אויף יום־טוב. האָבעך שוין געזאָגט: דער אייבערשטער שיקט די רפואה פאַר דער מכה.

דאַרף מען דאָך גיין דאָס פּאַקעט אַרויסנעמען, איז ניטאָ קיין צייט, סע גייט דאָך צו פסח! מילא, אַ גאַנץ יאָר, כ׳קום אַהיים מיד, ניטאָ קיין כוח צו דעכען, וועלעך זיך גיין נעמען אָרדענונג מאַכן? דאָס קינד, זאָל לעבן, קערט אויס, שטעלט צוזאַ־מען — איז גוט אַזוי אויך. אָבער איין מאָל אין יאָר וויניקסטנס מוז מען דאָך ריין מאַכן ווי סע דאַרף צו זיין. ס׳איז דאָך פּסח! וואָס זאָלעך אייך מאַריך זיין, יעדן טאָג האָבעך זיך אָנגעטאָן, גרייט צו גיין נאָכן פּאַקעט. און אַז איך בין צוגעקומען ביז צו דער שוועל, האָבעך אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו שעפּן תענוג פון דער זויבער־קייט, ווי אַזוי סע שפּיגלט אין יעדן ווינקל — האָבעך תמיד דערזען: דאָ אַ ביסל שפּינוועבך, דאָרט אַ ביסל שטויב, אַ מאָל איז דער קאַסטן ניט געשטאַנען גלייך, אַן אַנדערש מאָל איז דאָס לאָמפּנגלעזל געווען פאַררייכערט, און ס׳איז דאָך פאַר פּסח! האָבעך מיך צוריקגעקערט, אויסגעטאָן, דאָ אָפּגעווישט, דאָרט גלייכגעשטעלט, און ביז איך בין פאַרטיק געוואָרן, האָבעך שוין געמוזט גיין צו דער פּרנסה.

הערט זשע, ס׳איז אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג און נאָך אַ טאָג — ס׳איז ערב פּסח.

ערב פּסח לערנט מען ניט. האָבעך פאַרברענט דעם חמץ, זיך אָנגעטאָן און גע־גאַנגען נאָכן פּאַקעט.

איך קום אויף דער פּאָסט, זיצט דאָרטביים פענצטערל אַ לאַנגער דראַגאָנער, מיט אַ נעזל ווי אַ קנעבעלע, און אַ קאָפּ — ווי אַ שטיק גלאַנצנדיק בלעך, און צוביידע זייטן שטאַרצן אַ פּאָר בערשטלעך מיט פלאַקסענע האָר, ווי די שערשטש ביי אַ חזיר.

— טשע וורעי?!* — גיט ער אַ גלאָץ אויף מיר מיט זיינע אָפּגעקראָכענע אויגן, אָט אַזוי ווי מיין ווייס קלייד, וואָס איך האָב עס נאָך פון מיידלווייז.

איך וויַיז אים דעם אַוויז.

כ׳האָב געמיינט, אַז די ניכפּה טרעפט אים דאָרט, אַזוי האָט עס מיט אים אַ מאָרדעווע געטאָן. און דאָ פאַרשטיי איך ניט גוט זיין לשון. רבש״ע, ס׳זאָל אים דאָס אָנגיין, וואָס ער האָט מיר געווונטשן. נאָר דעם אמת זאָגנדיק, האָט ער ניט מער ווי רעכט געהאַט. אין האַרץ האָבעך אים געדאַנקט פאַרן חסד, וואָס ער האָט דאָס פּאַקעט ניט צוריקגעשיקט. וויי איז מיר! ווען ער טוט עס, וואָלט איך עס ניט געווען אויסגעהאַלטן חלילה. נאָר, הלוואי, טאַטע זיסער, וואָלט ער עס יאָ געווען געטאָן. איך כאַפּ ווידער איינס אין אַנדערן אַריין. הערט זשע:

---

* וואָס וילסטו?

האָט דאָס נפש אָנגעהויבן צו וואָרטשען און צו נישטערן, ביז ער האָט קוים־קוים דאָס פּאַקעט געפונען.

אַהיים בינעך שוין ניט געגאַנגען, כ׳בין געפלויגן. עפּעס אַ קלייניקייט — קליידער פאַר מיר און פאַרן קינד. און אין די קליידער וועלן דאָך אַוודאי זיין בריוו און, ווי געשיקט זיך, ווי וועט ניט זיין איינגענייט אין דער פאַדשעווקע עטלעכע דאָלער, און דאַן די פּאַזעס פון די קינדער, פון די אייניקלעך.

איך קום אַהיים, וואַרף פון זיך אַראָפּ גיך די שאַל און פּרוון אויפצורייסן דאָס שטריקל מיט די הענט (כ׳וועל דאָך ניט נעמען אַ פּסחדיק מעסער אויפצושניידן אַ חמצדיק שטריקל), גייט עס ניט, האָבעך עס אויפגעשניטן מיטן העקל.

וואָס, מיינט איר, איז געווען אין דעם פּאַקעט? מיין אָרעמע שוועסטער נעבעך, פון דעם פינצטערן זאַמאָק, וווּ זי וווינט, האָט זיך אָנגעקלעגעקנומען דעם ביסן פונעם מויל און מיר געשיקט אַ פּאַקעט — פּורים־געבעקס, ליבער פריינט. און דאָ איז ערב פּסח, דאָס טאָר מען אין שטוב ניט האַלטן, אַפילו אַ גוי ניט אַוועקשענקען — און דאָ פאַלן ברעקלעך אויפן טיש, אין מיטן שטוב. — כ׳זאָג אייך, דער מענטש איז שטאַרקער פון אייזן — — —

סוף־כל־סוף האָבעך מיר צוזאַמענגענומען דאָס ביסל כוח, געכאַפּט דאָס פּעקל און אַוועקגעטראָגן, כ׳זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד — כ׳בין אַזוי געגאַנגען ביז הינטער דער שטאָט און עס אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַריין.

נו, ווי געפעלן אייך עפּעס מיינע קליידער אויף פּסח? — — —

א. מ. פוקס

דער היטער

(דערציילונג)

I

דער גראָ געכמאַרעטער ווינטער־הימל הויערט מיט שווערן געניִדער, ווי אַן אייזערנער לאַסטדעק איבער דעם בלייכן געטונקל פון דער שניי־פאַרשיטער וועלט. די פאַרהוילענע פעלד־ווייטענישן הייבן אָן קנוילן מיט געלע נעפּלוואָלקנס, ווי עפּעס אַ געררייכערניש פון אַ יענערוועלטיקער שׂריפה־בראַנד.

די נעפּלוואָלקנס שלייכן, אָנגעדראָלן מיט נאַכט־שאָטן. דער רויער ליכטגע־שפּראָץ אויף טאָגבאַגין איז פאַרגלייזט מיט גראָ־בלאָען אייזגעפריר אויפן נאַקעט־געשוואַרצטן געצווייג פון די ליידיקע פעלדביימער. אויף די נעפּלדיק געשלייערטע הייכע ביימער ווערן דערוואַכט די וואָראָנע־פייגל. זיי עפענען אַ ברוגז אויג מיט אַ פאַרקרומטן שנאָבל און הייבן אויף אַ הייזעריק קראַקעניש־געשריי. זיי פלאַטערן מיט שווערן פליגל־גערויש און שאַרן אַראָפּ מיט זייערע שאַרפע פוסנעגל דעם גראָען שנייגעפריר פון די ביימער־צווייגן, ווי געטונקלט זילבערשטויב. אַלע מיט אַ מאָל טוען די וואָראָנע־פייגל אַ שווערן פלי. געהייבט דערהויבן, ווערן זיי פאַר־שוועבט ווי אַ שוואַרצער וואָלקן אין די גראָענע פעלד־ווייטענישן. דער קאַלט צערייכערטער פראָסט־געגעפל הייבט אויף אַ גרינלעך געבלאַסטן ליכט־פליגל און סע ווערט קוים אַנטפּלעקט דאָס געלע פּנים פון דער שנייפאַרשיטער ווינטער־וועלט. דאָס מידע טאָגליכט שלייכט מיט געהייכטער העלקייט. עס לויטערט לאַנגזאַם, ווי מיט בלאַסן לבנה־ליכט פאַרהילט, ביז וואַנען עס ווערט אַנטפּלעקט אַ שטוב, ווי מיט נאַכט־שאָטן פאַרדעמערט, אין מיטן פון דעם ווייסן שנייפעלד. דאָס אָרט איז געניִדערט אין ווייטעניש מיט אַ שיפּן אָפּשיט, ווי אַ וואַנט פון אַ פאַרהוילענעם גרוב. עס איז צעריסן, צעגריבערט און געבערגלט מיט ערד־הויפנס. אַ שלאַכט־פעלד פון אַ מלחמה איז דאָס אָרט געווען. לאַנגע, שמאָלע שיסגריבער ציען מיט פאַרקרימעניש, ווי שוואַרצע שלענג איבער דעם ווייס־פאַרשנייטן פעלדאָרט. גרויסע אויפגעריסענע ערדגריבער שווייגן מיט שוואַרצן אָפן מויללאָך צום גראָ געכמאַרעטן הימלדעק. אָנגעוואָרפענע בינטן שטעכיקע דראָטן טונקלען, געראָסטלט מיט זשאַווער־געשטויב, פאַרשפּיצטע דרענגער, צעבויגענע אייזנס, צעבראָכענע וואָגנרעדער, שטעקן אַרויס פון דעם שנייפעלד מיט פאַרהאַקטן אייזגעפריר. פערד־פּגרים ליגן

צעלייגט ווי אַ שוואַרצער בראַנד אויף דעם ווייסן שניידעק, מיט לאַנג־געשטרעקטע דאַרע פיר פיס און פאַרוואָרפענעם האַלדזקאָפּ, ווי אַ צעקרומטער בוימוואָרצל. די פערד־אויגן, אויסגעפּיקטע שאַרפע שפּיץ־שנאָבלען פון די הונגעריקע וואָראָנע־פייגל טוען פינצטערן מיט בלינדע לעכער. די פערד־פּגרים זענען האַלב איינגעפרוירן אין דער שנייערד. נייערט זייערע אָפּגעדראָשענע בייכער זענען געהייכט אַרויסגעהויבן, ווי מעוברת מיט טויט. דער לאַנגער האָר־ווייַדל איז צעריסן מיט חרפּה און די גרויסע ווייס אַנטבלויזטע ציין זענען ווי העק, קרום פאַרביסן, מיט גריילעכן טויט־געלעכטער. שטיקער בלוטיק אָנגעפרוירענע שמאַטעס מיט מעשענע קנעפּ פון דער מונדיר־קליידונג פון געהרגעטע זעלנער, ליגן פאַרוואַלגערט: אַ צעלעכערט זעלנערהיטל, אַ צעריסענער שטיוול, אַן אייזערנער העלמטאָפּ, שטיקער צעבראָכן געווער. מענער־לייבער פון יונגע פויערישע זעלנער, לאַנגע ווי דראָנגען, ליגן אָנגעוואָרפן איבער דעם מלחמה־פעלד. די הייסע זומערזון האָט געבלייכט זייערע שאַרבנס, די ווינטן האָבן איינגעטריקנט דאָס געביין און דער וואַסער־געפלייץ פון די האַרבסטרעגנס האָט זיי האַלב איינגעבראָכן אין דער ווייכער פעלדערד. דער הימלבליץ פון צעדונערטע שטורעם־געוויטערס האָט זיי געשמיסן אין טויטן פּנים, ווי מיט פייער־בייטשן. זיי ליגן פּראָסטיק־פאַרשטייפט, האַלב איינגעפרוירן אין דער ערד, מיט זייערע צעריסענע, בלוטיק פאַרטריקנטע זעלנער־מונדירן. זיי ליגן איינגעבויגן אויף אַ זייט, אויסגעשטרעקט אויפן רוקן, מיט ווייט־געשפּרייטע גרויסע פויערים־הענט און לאַנגע באַשטיוולטע פיס, דאָס ביינערן געל פאַרשפּיצטע שאַרבן־פּנים דאָ דערהויבן צום הימל, דאָ אַראָפּ אין דער ערד. זיי ליגן דאָ פאַרטאַיעט, ווי אויף זייער היימישן שלאָף־געלעגער, מיד פאַרזונקען אין דער טויבער נאָכטרו פון די פאַרהאָרעוועטע טעג. נייערט אָן אָטעם ליגן זיי דאָ אַצינדער, פאַרשניטן פון לעבן פון זייערע יונגע טעג, ווי די תבואה־סנאָפּעס פון זייער פעלדשניט. זיי ליגן פאַרגליווערט אין טויטשלאָף פון דער אייביקער נאַכט יונגערהייט, פּלוצעם, אין מיטן פון געלאָף, אַוועקגעפאַלן אויף דעם שלאַכטפעלד, דאָס לייב צעלעכערט, דאָס געביין צעהאַקט, די גדערעם צעריסן פון שפּיז־שטעך, פון שווערד־האַק און צעפייערטע אייזן־שפּענער.

די געהרגעטע ליגן אָנגעוואָרפן פון אויבן אויף דעם פרידפעלד אָן אַ קבר. די ביינערנע אויגנלעכער פון זייערע קאָפּשאַרבנס שוואַרצן מיט ערדשטויב און די שטאַרקע, ווייסע שאַרבנציין זענען פאַרביסן ווי מיט שטומען גרימצאָרן. אַ קלאָר־ווייס שנייהיטל איז שיף אָנגעטאָן אויף אַ האַלבן קאָפּשאַרבן, ווי אַ ווייס שאָפּנפעל־היטל אום ווינטער, אויפן קאָפּ פון אַ פויער, שיף איבער אַ האַלבן אויער. דער לעצטער פּיין־אָטעם פון די פאַרשניטענע הויערט ווי אַ פאַרהוילענע לאַסט אין דעם בלייכן שטומשווייגן פון דעם פאַרטראָגענעם מלחמה־געליאַרעם.

II

אין מיטן פון דעם פרידפעלד, געהילט מיט דעם פראָסטיק גרין פאַרגליווערטן נעפּלגעבלייך, טונקלט אַן איינזאַמער פעלדבוים.

דער לאַנגער סאָסנעבוים איז אין מיטן פון זיין קיילעכיקן שטאַמקלאָץ אויף אַ העלפט איינגעבראָכן מיט שאַרף פאַרשפּיצטע האָלצשפּענער, ווי געבראָכן געביין, דער אויבערשטער העלפט בוים גרייכט מיט זיינע לאַנגע דאַרע צווייגן־הענט אַ שטיק ווייט איבער דעם גראָ פאַרשנייטן פרידפעלד מיט די אָנגעוואָרפענע טויטע זעלנער־לייבער. עס זעט אויס, ווי דער סאָסנע־פעלדבוים האָט זיך ווי פון טיפן טרויער אַזוי געניִדערט אָנגעבויגן צו דער ערד, אַז ער איז אין מיטן פון זיין שטאַם־קלאָץ געבראָכן.

דער איבערגעבראָכענער בוימשטאַם שטייט מיט זיינע צעקנאָדערטע וואָרצל־קנוילן אַנטבלויזט, אַרויסגעהויבן ביי דעם ערדבערג פון אַן אויפגעריסענעם גרוב.

אָנגעלענט מיט זיין רוקן ביי דעם אונטערשטן האַלבן בוימשטאַם, שטייט אַ טויטער מענטש. זיינע פיס זענען אַ העלפט איינגעפרוירן אין דער ערד. זיין שוואַרץ אָנגעטועכץ איז צעריסן, צעפליקט, אַז ס׳זעט זיך אַרויס זיין נאַקעט געביין. נאָר דער שאַרבן איז נישט נאַקעט. נייערט דאָס פּנים איז איינגעטריקנט מיט גרינער הויטדאַרעניש. איין האַנט, די רעכטע, איז לאַנג אַרויסגעשטעקט פון דעם צעריסענעם אַרבלהאַלטער אויף דער ביינערנער ברוסט, מיט זיינע דינע לאַנגע פינגער־קנעכל צעשפּרייט, ווי עפּעס ביים אָפּגעבן אַ שבועה. אין זיין צווייטער שקעלעט־האַנט האַלט ער פאַרקלעמט מיט די ביינערנע פינגער אַ לאַנגן סענקאַטן שטעקן, מיט אַ האַלב־פאַרבויגענעם הענטלקאָפּ, אַ שטייגער, ווי אַ שטעקן אין דער האַנט פון אַ היטער.

זיינע אַנטבלויזטע ציין אונטער די צעעפנטע הויט־לעפצן זענען צעקרומט פאַרביסן, ווי מיט שטומען גרימצאָרן. די דריבנע ביינדלעך פון דעם שוואַרצן נאָזלאָך זענען פאַרשטאָכן מיט שנאה־צאָרן. דאָס שוואַרצע טיפעניש פון די קיילעכע אויגנלעכער פון דעם שאַרבן־מענטש, איז פאַרוועבט מיט אַ גרין געשפּינסט פון אַ פאַרקלערט בליקעניש, באַגלייך ער טוט אַזוי היטן דאָס פרידפעלד מיט די אָנגע־וואָרפענע טויטע מענטשנלייבער.

זייטיק פליסט אונטער דעם בלאָ געפרוירענעם אייזדעק אַ געשלענגלט פעלד־טייכל, און, דערווייטערט אונטער דעם גראָ געכמאַרעטן הימלגעניִדער, טוט דעמערן אין דעם בלייכן נעפּלגערייכער אַ צעשאָסן וועלדל. די אָפּגעשיילטע, צעריסענע ביימער שטייען ווי נאַקעט געביין, אָנגעבויגן, אָן קעפּ, מיט אונטערגעהאַקטע הענט־שטימפּן, מיט געשפּאָלטענעם שטאַמקלאָץ, מיט הילצערן געלעכערטן וואָרצלשיידל. נאָנט איז פאַרדרעמלט אַן אָפּגעברענט דאָרף, מיט האַלבע ווייס־געקאַלכטע שטוב־

ווענט. דער לאַנגער געל געליימענער חרבה־קוימען איז נאַקעט געשטרעקט, ווי אַ שחיטה־האַלדז פון עפּעס אַ יענערוועלטיקן פויגל. און דער פאַרקוילטער שריפה־באַלקן איז שיף פאַרשפּיצט, ווי אַ לאַנגער שוואַרצער וואָרנפינגער צו דעם גראָ געכמאַרעטן הימלדעק. ס'ווייזט אויס, אַז דאָס פיינלעך פאַרקלערטע בליקעניש מיט די שוואַרצע אויגנלעכער פון דעם היטער־שאַרבן, מיט זיין לאַנגן שטעקן, דאָרט, אויף דעם פרידפעלד, איז ווי דערהויבן און באַהעפט אין די גענעפּלטע ווייטענישן פון דעם גענידערטן הימלבערג, באַגלייך דער גראָער טאָג ברויכט אָנהייבן מיט עפּעס אַ נאַכטיק צערודערניש פון דעם פאַרגליווערטן וועלטשווייגן.

אַ שניי־געדיכטעניש נעמט שיטן מיט גרויסע פלאָקנס, ווי טויט־ווייס צעוויגטע זומערפלאַטערלעך, און הערט באַלד אויף, אַז דער פאַרקנוילטער נעפּל פאַרצערט מיטן קלאָרן געבלענד פון דעם פרישן שנייפאַרשיט.

אין ווייטענישן זענען די פעלדער אוןביימער העל באַשיינט, ווי מיט ווייסן לבנה־זילבער, און דאָס שטילע פרידפעלד איז באַדעקט מיט אַ ריינעם ווייסן שניי־ליילעך. די שוואַרצע פעלדערד האָט דאָרשטיק געטרונקען דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון אירע יונגע זין. זי פאַרדייעט דאָס געביין פון די פאַרשניטענע לעבנס מיט פולער זעט. זי איז גוט באַדעקט און וויל איינגעוואָרעמט מיט די ווייכע שנייהויפנס, ווי מיט די ווייסע פויערישע ווינטער־פעלצן פון שאָפענע וואָלפעל, אַז דאָס וואָרצל־געיערעניש אין דער פעטער ערדטראַכט ברייעט מיטן לעבעדיקן אָטעם פון גע־פּרוכפער מיט גרינס און געוועקס און געווערעם און שרצים, איינגעוואָרעמט אין זייערע ערדנעסטן. אין פעלד און וואַלד ליגן די חיות, גרויס און קליין, פאַרקנוילט אין זייער וואַרעמער פעל, אויסגעמאָגערט און פאַרטייעט, דעם שנויץ באַדעקט מיטן ווידל, דעם הייסן בלוטגעאָטעם שפּאָרעוודיק פאַרקלעמט און די אויגן האַלב פאַר־מאַכט, געשאָטנט מיטן בלייכן ווינטער־געדרעמל.

אין די וואַלד־געדיכטענישן זיצן די פייגל אויף די געפרוירענע צווייגן, מיט זייערע קעפּלעך איינגעוואָרעמט אונטער די פליגל־פעדערן, פאַרזונקען אין דעם ווייסן וועלטשווייגן.

III

אַ רויטער פלאַם־אָפּשיין פאַרבט דעם מזרח־דרום הימל. די זון האָט אַדורכ־געשפּיזט דעם אייזערן פאַרוואָלקנטן הימלדעק און מיט שטראַליק רויט־צעפלאַמטן פּראָסטפייער באַזעצט אין הימלגעהייד און זי האָט באַשפּרענקלט דעם ווייס־געבלויטן שנייגעבלענד פון דעם קלאָר־געלויכטערטן ווינטערטאָג, מיט דימענטן אייז־פליטערלעך, ווי מיט געפרוירענע טוי־טראָפּנס.

אין דעם זוניק־ווייסן צעפלעמלטן טאָג־געשטראַל איז צעשימערט דער גרין גערויטלטער געוועב פון די נאַכטיק געצונדענע הימלשטערן.

IV

אין דעם בלויען געבלענד פון דעם פּראַסטיק־ווייסן ווינטערטאָג, צעפּלאַטערט אַ געשפּינסט מיט געשפּרענקלטן פאַרבנגליִעניש, ווי פון אַ פאַרהוילענעם זוניקן זומערטאָג. אַ צעוויגטער גלאַנץ־געשפּינסט מיט געוועקסן פון פעלדגרינס, ביימער־בליונג, גראָזן און בלעטער און קרייטעכצער. אַ זוניק העל־צעשימערטער גלאַנץ פון ווייסע, רויטע, געלע, פיילעך־רויזע קוסטעס, דער פייערברען פון דער רויטער מאַנבלום און דאָס טיפע הימלבלוי פון דער איידל געדיכטער קאָרנבלום, דאָס גילדן־געלע בלום־געבלי פון דעם שטעכיק גרין־צעצווייגטן פעלדדאָרן, שימערט מיט דעם געבלייכטן פריהאַרבסט־גאָלד פון געוויאַנעטע גראָזן, געצייטיקטע פרוכטן, די געהייכטע גאָרטן־זונבלום, פעלדזאַנגען־שניט און דעם גילדן געוויאַנעטן פאַל פון די ביימער־בלעטער, מיט דעם צעווייגטן זילבערגלאַנץ פון די שפּינגעוועבן. די געל געררויטלטע שפּילפּייגל זינגען אין דעם קילן צווייגשאָטן פון די געצייטיקטע פרוכטביימער. דער שוואַרצער וואָראָנע־פויגל שטייט שטום פאַרקלעמט אויפן העכסטן דינעם צווייגריטל פון דעם האַרבסטיק־גאָלדן צעבלעטערטן דעמבעבוים. די לאַנגע געבלעטערטע צווייגן פון די הויכע ווערבע־ביימער, ביי די ברעגעס פון די פעלדשטראָמען זענען פאַרטרויערט אַראָפּגעלאָזט, ווי גרינע באַפּלאָכטענע צעפּ, געשפּיגלט אין זילבער פון דעם וואַסערקלאָרעניש, און דער בלאַס גערויטלטער זון־געגנעפּל וויאַנעט דעם מילדן האַרבסט־טאָג מיט דעם געזשום פון דער גילדענער בין, מיט דעם צירלעך שטום צעוויגטן פליגל־געפּלאַטער פון די רויט און ווייס און געל באַגלאַנצטע בלומען־שמעטערלעך. די קופּערנע פעלדפליג פליט מיט דינעם געצימבל. דער גרינער גראָז־שפּרינגער ציפּלט אַ דינע היי־סטרונע, און דער שוואַרצער גריל זיצט אין דער פאַרבאָרגעניש אין זיין וואָרצלנעסט און ער שפּילט זיין לאַנג און שאַרף פאַרצויגן געזענגל מיט דעם היימלעכן לידל פון זיין דינעם פּיסל־געפידל. די געגנידערטע האַרבסטזון לעשט אין צעפלאַמטן מערב־הימל, ווי אַ גילדן צעצונדענער פייערקאַפּ. זי פאַרגייט אין בלאַסן געדעמער פון די בלאָע אָוונט־שאָטנס און ס'גייט אויף דער אָוונטשטערן מיט זיין גרין־גילדענעם שטראַל־געבליץ אין דעם נאַכטיק געטונקלטן מערב־הימל.

V

אַז די קאַלטע ווינטערזון קומט אָן אין דעם בלאָ געטיפטן דרום־הימל פון דעם פּראַסטיקן קלאָרן מיטאָג, איז זי באַצירט מיט אַ גילדן צעפלעמלטן פייער־קריינדל. און עס טוען פאַלן די זילבערנע סנאָפּעס זונגעשטראַל, מיט אַ שיפן ליכט־געשאָטן, אַז דאָס ווייס פאַרשנייטע פרידפעלד, מיט די געשוואַרצט אָנגעוואָרפענע לייבער פון די טויטע מענטשן, ווערט צעוויגט מיט אַ געפלאַטערניש פון אומרו, ווי מיט

עפּעס אַ לעבעדיקן געווימל פון די פאַרהוילענע באַשעפענישן.

דאָס איינגעפרוירענע שאַרבן־געביין פון דעם טויטן־היטער, מיט דעם לאַנגן סענקאָטן שטעקן אין זיין קנאָכיקער האַנט, שטייט אַצינדערט אָנגעלענט ביי דעם האַלבן בוימשטאַם, האַלב ווייס, האַלב שוואַרץ, שיף פאַרהאַקט מיט דעם שאַרפן שניט פון זונליכט און שאָטן. זיין ביינערן שאַרבן־פּנים מיט דעם צעגריבלטן נאָזלאָך איז פאַרצערט מיט גרינעם פיין־קלעמעניש און דאָס בלינדע בליקעניש פון זיינע שוואַרצע אויגנלעכער, איינס זייטיק פאַרשפּיצט מיט זונליכט, איינס קיילעך פול געגנידערט מיט פינצטערניש, איז פאַרשטערט מיט שווערן ביטערניש און די קרומע שאַרבנציין זענען פאַרביסן מיט גרימצאָרן.

אַ שוואַרצער וואָראָנע־פויגל שטייט אים אויפן שאַרבנקאָפּ און טוט אים אַלע מאָל אַ פּיק מיטן שאַרפן שפּיצשנאָבל אין קנעכענעם שטערן. געלע פּעטע ערד־ווערעם, ווי שלענג, ווי געשפּאָלטענע צונג, קריכן אויף זיין געביין און בייסן מיט גיפטציין. שוואַרצע מערעשקעס, מיט אַ רויטן האָרן אויפן קאָפּ, פרעסן אים די אויגנביינער. רויטע ערדקנייפּער, גרינע גיפטשפּינען און בלאָע פליגנקעפּער ראַיען אין זיין פּנים־שאַרבן, גראָע פעלדמייז מיט גרינע גלי־אויגן לויפן מיט שטע־כיקע נעגלפיס, זיי גריזשען זיין געביין מיט שאַרפע ציינשפּיץ, און די מייז שמייסן זיין שאַרבן מיט דער בייזער לוסט פון זייערע לאַנגע דינע בייטש־שווענצלעך, דאָס גראָע שפּיץ־שנויצל פאַרקרומט מיט געשפּעט.

VI

אויף דעם העל־גרינעם אייזדעק פון דעם שמאָל געשלענגלטן וואַסערשטראָם, זייטיק פון דעם פרידפעלד, בליצט אַצינדערט דאָס זילבעריקע זונגעשטראַל מיט פיילעך־רויזן ליכטגעבלענד. דאָס בלאָע וואַסער־געפּליס אונטער דעם אייזדעק־געפריר איז צעוויגט מיט דעם שטומען גערודערניש פון צעשפּילטן פיש־געשווים. אין דער בלאָער וואַסער־קלאָרקייט שווימען לאַנגזאַם, מיט צירלעך צעוויגטן שוואַנק־גדלות, שמאָלע פיש, רויט און שוואַרץ געפּינטלט, מיט קיילעך־גילדענע אויגן און צעפּעכערטע בלומען־פליסן. דער לאַנגער גראָער רויבהעכט שניידט דאָס וואַסער־קלאָרעניש מיט זיין איידל געשמאָלטן שפּיצקאָפּ. דער שליימיק גרינער שלייען־פיש אָן שופּן שלינגט און שפּייט מיט גרינע וואַסער־ווערעם. די קליינע זילבערנע פלאַ־טיצע־פישלעך טויכן און פּליוסקען דאָס וואַסער מיט צעפּיצלטן גלאַנץ פון דעם זון־געשפּיגל אונטער דעם קלאָרן אייזדעק, ווי שטומער פלי־געשפּיל פון זילבער־פייגל אָן פליגל.

גאָר לאַנגזאַם, שוין זייטיק מער פאַרזוימט, נידערט דער רויט געבלייכטער זונ־קאָפּ צום מערב־הימל, מיט דעם פאַרלענגערטן טאָגשאָטן טיפער געשוואַרצט פאַר־

שניטן אויף דעם ווייס־פּאַרשנייעטן, צעגרובערטן פרידפעלד, אַז ס׳ווייזט אויס ווי עפּעס וואַנדלט אין פאַרבאַרגעניש פון דעם טויטן אָרט מיט לעבעדיקן געלאָף. מיט גיכן געטענצל קומט צו לויפן דאָס קליינע שוואַרץ־געשטרייפטע ווינזלטיר און סע שניפערט מיטן הייסן אָטעם־רויכל פון זיין שפּיץ שנויצל. די שמאָלע ווייסע לאַסיצע נישטערט מיט רויבלוסט. דאָס רויטע מאָרדער־חיהלע טוט אַ פלאַם מיט זיין דין רינגבאַגלאַנצטן פעלפעלצל און ס׳דרייט מיט גענאַר זיין גאָלדן דערהויבן ציר־שווענצל. דער שוואַרץ־ווייס געפּינטלטער פעלדלוקס איילט צעוויגט מיט זיינע לאַנגע פוספאַן אין שניי, ער שמעקט אָן פאַרציקעניש. זיין רויטע צונג הענגט אַרויס פון זיין שמאָלן שנויץ, ווי ביי אַ הונט, און ער שיט מיט שוואַרצע ביבקעס ווי אַ קאַזע.

לאַנגזאַם, מיט הייסן פּיין־קלעמעניש פון בלוטדאָרשט, גייט ביי דעם פריד־פעלד־ברעג אַ הורטל גראָ אויסגעמאָגערטע וועלף, איינער נאָענט אונטערן אַנדערן, מיט בייז אַראָפּגעלאָזטן ווידל. די וועלף שפּרייזן מיט צעקייכטן הונגער־אָטעם, פאַרכאַפּט מיט פראָסטגעפּריר, ווי ווייסע רויכקנוילן פון קרום צעעפנטע שנויצן, מיט שאַרף געשפּיצטע ציין. די וועלף בלייבן שטיין און הייבן אויף מיט זייטיק פאַרקרומטן קאָפּ אַ געוואָיעניש, מיט צעקייכטן געהייל. זיי צינדן די אָוונטלעך גראָ־געטונקלטע פעלד־ווייטעניש מיט גרין צעפלעמלטן פייער פון בלוטדאָרשט און פאַרצוק.

VII

דער בלוי־געבלייכטער אָוונט־געדעמער איז ביי דעם רויט־געגעפלטן הימל־ברעג צעפלאַקערט מיט אַ וואָלקן־באַרג, אַז די געגידערטע זון איז ווי אַ פייערקאָפּ פאַרהאַקט אין שמאָלן וואָלקן־געשפּאַלט פון דעם אָוונטלעך געשטאַרקטן פראָסט, גלייך די זון קאָן נישט אונטערגיין און דער טאָג קאָן נישט אויסגיין.

דער אָוונטשטערן דעמערט ווי אַ בלינד אויג אין דעם גראָ־געטונקלטן מערב־הימל, געגעפלט מיט אַשגעפּריר, אַז דער רויטער זונקאָפּ איז געגריבלט מיט שאָטן ווי אַ שאַרבן. בייערט דאָס געביין פון דעם היטער שטייט פאַרהויערט אויף דעם געטונקלטן פרידפעלד, אָנגעלענט ביי זיין געבראָכענעם בוימשטאָם מיט זיין לאַנגן האַנטשטעקן. זיין פאַרשאָטנט שאַרבנגעביין איז געהילט אין רויטן פייערבראַנד פון דעם געלאָשענעם זונאָפּשיין און דאָס פאַרקלעמטע בליקעניש אין זיינע שוואַרצע אויגנלעכער איז פאַרשעפּט מיט בלוט.

מיט שווערן פליג־געשוועב פאַלט אַראָפּ דער צעוויגטער וואָלקן־נאַכטפויגל און לאַגערט מיט שטומען באַהעפט אויף דעם פרידפעלד. די נאַכטפייגל האָבן גרויסע שוואַרצע פליגל, קליינע מייזקעפּ, מיט שפּיץ־שנויף־שנאָבלען, אַ ווייס־באַפעדערטן האַלדז און אַ נאַקעט קיילעכן געלן פעטבויך. די קורצע פיס האָבן שאַרפע פאַר־

בויגענע נעגלהעק, אויף די צעקנאָדערטע פינגערקנעכל אין דעם זייטיק שמאָל־פאַרשניטענעם אויגפינטל גליווערט אַ רויטע פייערקנויל.

די נאַכטפייגל באַדעקן דעם פרידפעלד מיט פינצטערניש. פון צפון טוט אַ זעץ אַ נאַכטיק־פאַרקנוילטער פראָסטווינט מיט גרימיק־צעצערעטן געהויל. די שטורעם־ווינטן האַקן, רייסן און בייסן מיט אייזערנע אייזציין די געפינצטערטע וויסטעניש מיט צעשמעטערטע שנייבערג, פאַרטראָגן און צעשיטן מיט אַ טויב־פאַרצאָרנטן ווינטערגעבריל, מיט אַ גריילעך בייז באַשריגענעם געליאַרם.

נייערט אין די טיפענישן פון דעם נאַכטיקן ווינט־געשטורעם איז פאַרקלעמט עפּעס אַ פּיינלעך פאַרנאָגטער ניגון־געברומעניש, גלייך עס איז דאָס צער־געיאָמער פון דעם נאַכטיק־פאַרהוילענעם זונליכט אין דעם בלאָ צעשטראַלטן טאָגהימל.

ריקודה פאַטאַש ז״ל

צוויי און דרייסיק יאָר האָט זי געוווינט אין ירושלים, און זעלטן ווער עס האָט געוווּסט, אַז זי איז די דיכטערין, די באַזינגערין פון דער שטאָט; פון איר בין־השמשות און פון אירע נעכט; אַז זי איז די פרוי, די דאַמע, וואָס פירט אַ פלירט מיט די היגע געסלעך, מיט די טורעמלעך און מויערן, מיט די ווייסלעך־גרויע שטיינער פון ירושלים, מיט דער נביאישער לאַנדשאַפט און פעלדזן אין די קייטן־בערג פון די הרי יהודה; מיט די דין־צעציטערטע ברושים און נאָדלביימער, און מיט דעם ליכט פון ירושלימער הימל און שטערן; אַז זי זינגט צו זיי טאָג־טעגלעך אויס אירע לידער־תפילות.

עטלעכע צענדליק יאָר האָט זי געוווינט אין ירושלים, און זעלטן ווער דאָ האָט געוווּסט, אַז אָט די אויסערלעך עקסטראַוואַגאַנטע פרוי איז אַ פּריסטערין אין היכל פון פּאָעזיע; אַז זי העמערט אויס, ווי פון דינעם פילגרין־זילבער, שורות שיינקייט, שפּיל און ריטם, וועגן דעם אַלעם, וואָס וואַלגערט זיך דאָ צופוסנס פון אַלע אין דער דאָזיקער אייניציקאַרטיקער שטאָט.

זעלטן ביי וועמען זענען קאָנטראַסטן געווען אַזוי האַרמאָניש, ווי ביי ריקודהן; פרויען־קאָקעטעריע און נשמה־תמימות; קינסטלערישע ראַפינירטקייט און טיף־מענטשלעכע פשטות — פון מקור אַרויס; עלעגאַנץ און — עכטקייט אָן אַ שאָטן; אַ געניטשאַפט אין אַלטיידישן טייטש־חומש, אין דער צאינה־וראינה, אין אַלע דורותדיקע ווערטן, און דערביי אַ מאָדערנע דיכטערין — אין פאָרעם און אינהאַלט; אַ קענערין פון דער קלאַסישער און הייגטצייטיקער קונסט; פאַרוואָרצלט אין טראַדיציע, אין תורה און חכמה, און — גלייכצייטיק אַ בן־בית, וואָס שפּאַצירט אַרום „אין זיידענע שטעק־שיך״ אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור.

✶

ריקודה פּאַטאַש האָט אַרויסגעגעבן דריי לידער־זאַמלונגען אין יידיש. איר ערשט ביכל „ווינט אויף קלאַווישן״ איז נאָך דערשינען אין פּוילן, אין לאָדזש, אין יאָר 1934, פאַר איר עולה־זיין קיין ארץ־ישראל, די אַנדערע צוויי לידער־ביכלעך אירע זענען „פון קדרון־טאָל״, אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אין יאָר 1952, און „מולד

איבער תמנע״, דערשינען אין ירושלימער תרשיש־פאַרלאַג אין תש״ד. דאָ, אין ירושלים, איז זי אַלע יאָרן, ביז איר פּטירה, געווען די לייטערין פון דער קונסט־ביבליאָטעק אין „בצלאל״־מוזעום. איר פאַרשטאָרבענער ברודער, מרדכי נאַרקיס ז״ל, איז געווען דער דירעקטאָר פון „בצלאל״.

און פּונקט אַזוי ווי זי האָט געלעבט צווישן אונדז — אַן עסטעטיש שיין לעבן אין באַשיידנקייט — אַזוי איז זי אויך אַוועקגעגאַנגען פון אונדז, ווי אַן עסטעט — כמעט פּלוצעם, אומגעריכט, שטיל, ווי בנשיקה. זי איז ווי פאַרכאַפּט געוואָרן און נישטאָ מער — ביים גאַנצן באַוווסטזיין, אין מיטן פון דער שיינקייט, וועלכע זי האָט אַזוי געפּלעגט, און אַזוי וועט זי שוין פאַרבלייבן אין זכרון פון אונדז אַלע, אירע פאַרערער און פריינט.

דאָס איז געווען אין די ספירה־טעג, ריקודה איז אַוועק — אַזוי שטיל און באַשיידן, ווי זי האָט געלעבט, נאָר בלויז די ירושלימער ערד האָט געוווּסט, אַז דאָס זאַמלט זי אין זיך איין איר דיכטערין, איר באַזינגערין. די בערג אַרום האָבן זיך איינגעהערט צו איר קבורה. די ירושלימער תפילה פון ריקודהן איז אויף אייביק פאַרשטומט געוואָרן.

*

ווייסע כריזאַנטעמעס

עין־כרם ליגט אין אַ וויג פון געשטעפּטע גראָז־דעקן.
אַ ווינטערטאָג זינגט באַכם אַ קאַנטאַטע.
פון ווײַטן טראָגט עמעצער ווײַסע כריזאַנטעמעס.

אַ בינטל ווײַסע כריזאַנטעמעס,
זיי זענען געגאַרטלט
מיט לאַנגע, קרישטאָלענע רעגן־בויגנס.

דער מענטש איז לענגער ווי גרעקאָס רײַטער,
לענגער ווי דער טרויער פון זיבן שפּיטאָל־טירן,
עס פלאַטערט אין זײַנע פינגער אַ בריוו,
אַ בוים, אַ גרינער מלאך, מיט אַ ריזיק־רונדיקן שאָטן,
שושקעט אין אויערן אַרײַן דעם ווינט פון שרעק,
און דער ווינט פאַלט אין טאָל אַרײַן.

איבערמאָרגן וועלן די ווײַסע כריזאַנטעמעס
זיין טרויעריקער
פון די זיבן פאַרמאַכטע שפּיטאָל־טירן.

יאר 1965

דורך אַ דינימשקן זיפּל האָט געזויפּט
דער יונגער רעגן אין ירושלים,
ער האָט געוויינט.

ווער ווייס, פאַר וואָס די הימלען
זענען געווען אַזוי מיט גרויע, לאַנגע בערד.

בלויז אַ פויגל האָט אַ קוויטש געטאָן,
אַ קליינער פויגל,
ער איז אַרויסגעפאַלן פון זיין נעסט,
גענוי ווי צאָלן: 1965.

עמעץ האָט געזאָגט: „אַ נאָס יאָר גייט",
דערנאָך האָט אַ קרומער בוים פאַרלוירן אַ געלן בלאַט.
דאָס איז די ביימער־שריפט,
זי האָט בלויע אָדערן,
גענוי ווי מיין האַנט, ווען זי איז מיד.

אין שטורעם

ליוליע איַין מיַין הויז אינעם שטורעם,
האַלט די הענט אַנטקעגן דעם אוממעכטיקן קאָפּ,
ער זאָל זיך נישט צוזאַמענברעכן פון פּחד.

אַ באָרוועסער לויפט אַ שטערן,
ווען ער קאָן נישט איַינשטילן דעם וויינענדיקן הימל.
ליוליע איַין דעם הימל אין שטורעם,
האַלט די הענט אַקעגן דעם אוממעכטיקן קאָפּ פון הימל.

אין האַלבער נאַכט שטעלט זיך קלאָגן דער ווינט פאַר מיַין פענצטער,
ער איז אַזוי טרויעריק, ווי איך בין געווען,
ווען מיין מאַמע איז אויסגעגאַנגען.

ליוליע איַין דעם ווינט אין שטורעם,
האַלט די הענט אַקעגן זיַין אוממעכטיק געוויין,
נעם זיַין קלאָגליד פון פּחד
און ברענג עס צו מיַין דערשראָקן בעט.

מזל אלול

אַן אשכול מיט טרויבן
וויגט זיך אין שאָטן,
איך בין אין דעם אשכול
אין גאַנצן געראָטן.

זאַפטיק און גרין
איז מײַן טרויער געבליבן,
אַ שאָטן מײַן ברעם,
אַ וואָלקנדל האָט זיך
אויף מײַן הימל פֿאַרקליבן.

און צו מיר קומט דער אלול
אין שטיוול פֿון גאָלד,
זיין פּנים — בראָנדז,
ווי שמשון הגבור,
און ער האָט מיך האָלט,
איך גיי ווידער אַ יאָר אַריבער.

צוויי בלוילעכע קוואַלן
דערציילן מיין סוד
פֿאַר פֿייגל און שוואַנען.
איך ווין אין די בערג
און חלום אין זיי,
כ׳בין אויך אין זיי פֿאַראַנען.

מײַן מזל גייט שלאָפֿן,
מײַן מזל וואַכט אויף,
איך טו עס אין מיר פֿאַרשפּינען.
און אפשר וועט יוער דערהערן מײַן קול
אין אַ בלויען שטערן,
וואָס גייט אויף אין באַגינען.

[פֿון איר פּאָעטישער ירושה]